STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00635

POYLN BRENT

R. Ben-Shem

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Samuel W. Askinas & Mae Herman Askinas
in memory of
Frances Cooper Askinas and Dr. Joseph L. Herman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראובן בן־שם

פוילן ברענט...

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

149

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

ראובן בן־שם

פוילן ברענט...

*

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1960 — תש״ך

אינהאַלט:

	זייט
קאַפּיטל איינס: אָן קאָפּ — — — — — — — — — —	7
קאַפּיטל צוויי: אָן פּלאַן — — — — — — — — — — —	35
קאַפּיטל דריי: אָן פּירערס — — — — — — — — —	83
קאַפּיטל פיר: אָן אַ מאָרגן — — — — — — — — — —	147
קאַפּיטל פינף: אָן האַרץ — — — — — — — — — —	247

קאַפּיטל איינס

אַ קאָפּ

פּלום... פּלום... פּלום...

און ווידער פּלום... פּלום... פּלום...

אומרויִקע, צערודערטע האָבן די גאָלדענע פישעלעך געטאַנצט אין אַק־וואַריום אויפן פענצטער אין סאַלאָן פון מיין וווינונג.

די טונקלקייט פון דער סוף־זומער־נאַכט האָט פּאַמעלעך גענומען אָפּטרעטן פאַרן פרישן טאָג וואָס האָט זיך דורכגעריסן. אַ גרויער פרי־מאָרגן האָט פאַרזיכטיק געטאַפּט מיט זיינע ליכט־פינגער די איינגעטו־ליעטע וועלט אין אומרויִקן שלאָף. די ערשטע שטראַלן האָבן זיך, ציטער־דיקע און אומזיכערע, באַוויזן אויף דער ברייטער, גרויסער, שיינער לעש־נע־גאַס אין וואַרשע.

וואַקלענדיק זיך פון פּלוצים־איבערגעריסענעם שלאָף בין איך אַראָפּ פון בעט און צו צום פענצטער.

פּלום... פּלום... פּלום...

בום! בום! בום!... פּלום, פּלום, פּלום!

די פישלעך, די גאָלדענע טאַנצן אַ מאָדנעם, משונהדיקן טאַנץ, גאָר־נישט ווי זייער שטייגער איז. אַרויף און אַראָפּ. אַראָפּ און אַרויף.

בום! בום! שטאַרקע, ווייט־נאָענטע, אומדעפינירבאַרע, אומהיימלע־כע דעטאָנאַציעס, דונערן, וואָס קאַטשען זיך און קייקלען זיך הויך אין דער לופטן און פאַרטעמפּן אויער און מוח, זעצן אָן אויפהער.

כ׳האָב אַוועקגערוקט דעם פאָרהאַנג פון פענצטער. דער הויף, דאָס הויז, די גאַס, אַלץ איז מאָדנע פאַרפלאָנטערט, ווי מע שטעקט אַריין אַ גראָבן שטעקן אין אַ געזעמל מוראַשקעס. מע גייט נישט, מע שטייט נישט, מע איילט זיך, די פּאָר געציילטע מענטשן, וואָס זענען אַרויס אויף דער גאַס, ווייסן נישט וואָס צו טון. זיי לויפן, יאָגן, אַנטלויפן, קוקן אויפן הימל, באַהאַלטן זיך.

בום!... בום!... עס דונערט, עס זעצט מיט משונהדיק גראָבע און געמיין־ווילדע קולות. באָמבעס, קאַנאָנען, האַרמאַטן, אוויאָנען?

פלום... פלום... און די פישעלעך אין אַקוואַריום טאַנצן, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסשפּרינגען און אַנטלויפן.

און איידער דער שכל האָט איבערגענומען די שליטה איבער מיר, איידער נאָך איך האָב תופס געווען, וואָס עס געשעט אַרום, האָב איך אין מיין אונטערבאַוווסטזיין דערפילט: דאָס גרויסע אומגליק איז אָנגעקער־מען אין אַ ווייסטער שעה. דאָס אומגליק איז שוין דאָ.

אין מיין הויז איז אַריינגעקומען מיטן לינקן פוס די קראָ־שוואַרצע, פאַרסמטע פעסט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה:

1 סעפטעמבער 1939.

באַזאַכט, פאַרטראַכט און פאַרטשאַדעט גלייכצייטיק פון דעם נאָך־נישט באַנומענעם אָבער שוין פאַראַנענעם ווולקאַן־געשריי פון די טיפע־נישן פון מיין עקזיסטענץ — בין איך געשטאַנען לעבן בעט פון מיין פרוי, אַריין אין שלאָפצימער פון מיין איינציקן קינד און אָנגעשפּאַרט אָן דעם פאַרענטש פון איר בעטל האָב איך אַריינגעשפּיזט מיינע אויגן אין איר מלאכדיקן, שלאָפנדיקן פנימל, כדי אַרויסצוקריגן פון דאָרט דעם מיין פון די פאַרהוילענע סודות פון איר גורל אינעם אָנגעקומענעם אומגליק.

איך האָב זיי אויפגעוועקט און בין אַליין אַרויס אין גאַס, כאַפּן אַ געטרויע ידיעה, באַקומען די אויטענטישע אינפאָרמאַציע.

און די גאַס — פול מיט גויים און ייִדן ביינאַנד — וויגט זיך ווי אַ זאַנגענפעלד איידער דער שניטער שפּאַלט זיי איבער מיט זיין קאָסע און האַקט קעפּ און שטאַנגען.

— מע באָמבאַרדירט, דייטשן באָמבאַרדירן! — האָבן מבינות־געזאָגט ייִדישע מלחמה־ספּעציאַליסטן, סוחרים פון גרינוואַרג און שיך־געשעפטן.

— פּאַנאָוויע — האָט זיך אַריינגעמישט אַ גוי מיט גרויסע וואָנצעס און ברייטע אַקסלען — דאָס זענען מאַנעווערס פון אונדזער לופט־פלאָט. איך האָב די געטרויעסטע ידיעה...

— מע זעט — האָט באַלד אונטערגעכאַפּט אַ ייִדל מיט אַ שפּיציק בערדל און קיילעכדיקע ברילן, קענטיק אַ ליטוואַק — מע זעט דאָך באַ־שיינפערלעך, אַז דאָס זענען אונדזערע. והא ראיה, 3 סמנים: ערשטנס, וואָלטן אונדזערע זיי נישט אַריינגעלאָזט, צווייטנס, האָבן די דייטשן נישט

אזא וואַזשנעם אייראָפּלאַנען־פּלאַט, דריטנס, וואָלט דאָך אונדזער ראַדיאָ געווען באַלד געמאָלדן „אַלאַרעם איבער וואַרשע, ער דערנענטערט זיך, ער קומט!‟, פערטנס...

— בום! בום! — האָט געגעבן אַ דונער אַזוי נאָענט פון אונדז, אַז מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו איינגעבויגן, ווי זיך ווען באַהאַלטן פאַר זיך אַליין.

און פון די פענצטער האָט געגומען אַרויסהילכן:

— „אַלאַרם, אַלאַרם, אַלאַרם איבער וואַרשע... ער דערנענטערט זיך... ער קומט... ער קומט!‟ — די וואַרשעווער ראַדיאָ־סטאַציע האָט געמאָלדן אַז ער קומט אָן — באַלד נאָך דעם ווי דער אייראָפּלאַן איז שוין צוריקגעפלויגן פונעם באָמבאַרדירן.

מיר זענען אַריין אין די שטובן מער פאַרוווּנדערט ווי איבערגעשראָקן.

— מאַנעוורעס, צי באָמבאַרדירונג! מאַנעוורעס, קלאָר אַז מאַנעווורעס. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט מען דאָך נישט באָמבאַרדירן אַ לאַנד איידער מע דערקלערט אים מלחמה און צווייטנס קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין מע זאָל באָמבאַרדירן ציווילע, רויִקע באַפעלקערונג.

מיין נייניאָריק טעכטערל יאָסימאַ איז געשטאַנען ביים פענצטער, געקוקט אויף דעם מאָדנעם טאַנץ פון די פישעלעך, געזען דעם נאַרישן קינדערשן געיעג פון די מענטשן אין גאַס, געשאָקלט מיטן קעפּעלע און געפרעגט:

— דאָס מיינט מען אונדז? וואַרשע איז אין אַ סכנה?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה איז זי צוגעלאָפן צום פאַרטעפּיאַן אויסשפּילן שאָפּענס פּאָלאָנעז.

איך האָב אַ קוק געטון אויפן קינד און דערזען אַ שוואַרצן, שרעקלעכן שאָטן איבער די טונקל־בלאָנדע הערעלעך פון מיין מיידעלע. כ'האָב אַוועקגערוקט די גאַרדינען, וואָס האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון:

— קינד, דאָס מיינט מען אונדז. דיך אויך.

— און די מאַמע?

— אויך.

איך האָב פאַטערלעך אַ גלעט געטון מיין קינד איבער איר רונדיק־געלאָקט, ליכטיק בלאָנד קעפעלע און בין אַרויס צוריק אין גאַס.

איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן.

— מאַנעוורעס? דאָס הייסט מאַנעווערעס? שוין אַ פּאָר מאָל האָט מען געהערט שטאַרקע באַמבאַרדירונגען, אמת ווייטע אָבער גאָר מעכטי־קע. אַלע מאָל האָט דער ראַדיאָ אַביסל פאַרשפּעטיקט, נאָר גאַנץ ערנסט און מיט שרעק אויסגעשריגן זיין וואָרענונג־רוף: — אַלאַרם, אַלאַרם! איך דערקלער אַלאַרם פאַר דער שטאָט וואַרשע!... און שפּעטער צוגעגעבן: — ער קומט אָן! ער דערנענטערט זיך! ער קומט אָן! אַכטונג, אַכטונג, ער קומט! נישט בלויז אַ מענטש מיט אַ באַגרענעצטן שכל, נאָר אַפילו אַ טויבער האָט געקאָנט הערן און פילן די זאָרג אינעם קול פונעם ראַדיאָ־ספּיקער, די שרעק וואָס האָט פאַרפולט די לופט און די סכנה פון די אַנ־פליִענדיקע אַוויאָנען, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך פאַרניכטונג און טויט.

איך האָב געוואָלט לויפן פרעגן, אויסטענהן זיך, דיסקוטירן, זיך דער־וויסן וואָס מיינען אַנדערע, וואָס קלערן מענטשן.

אָבער די גאַס איז עפּעס נישט קלאָר. אַ נישט־קלאָרקייט און אַ נישט־זיכערקייט, וואָס באַצייכנט תמיד עפּעס אויסטערלישס, עפּעס נישט קיין געוויינלעכס.

די געשעפטן עפנט מען און מע פאַרמאַכט. מע ווייסט נישט ווי זיך צו פירן. טראַמווייען גייען און הערן אויף, דראָשקעס לויפן און אַנט־לויפן.

ניין און ניין. אַזוי רעאַגירן נישט קיין גאַסן, אַזוי רעאַגירן נישט קיין מענטשן, אַזוי רעאַגירט נישט קיין שטאָט אויף מאַנעוורעס.

ניין! דאָס מויל זאָגט ליגן דעם האַרצן. דאָס האַרץ פון וואַרשע פילט שוין דעם אמת:

עס איז אַ מלחמה. ס'איז אויסגעבראָכן די שרעקלעכע וועלט־מלחמה, פאַר וועלכער מ'האָט אַזוי מורא געהאַט און צו וועלכער מ'האָט זיך נישט געוואָלט גרייטן. אַז מע וועט זיך נישט גרייטן, האָט מען געגלייבט, וועט זי נישט קומען.

און מיר זענען נישט צוגעגרייט, אָבער די מלחמה איז שוין דאָ.

זי איז דאָ! — האָבן אין מיר מיט פּחד און בייזן פאַרגעפיל געשריגן אַלע אברים.

און מיר זענען נישט גרייט. קיינער איז נישט צוגעגרייט. פאַר אַלע איז עס געקומען אומגעריכט, פאַר אַלע, פאַר ייִדן, פּאָלאַקן, אַרבעטער, קאַפּיטאַליסטן, פּראָסטער עולם און אינטעליגענטן.

איך אַליין האָב געוואָלט אויסענדיקן אַ ריי אַרבעטן, אַרויסגעבן מיין לעקסיקאָן און אַנדערע שריפטן און דערנאָך פאָרן קיין ארץ, כאָטש אַ גאַנצע ריי סמנים האָבן געוויזן, אַז דאָס אומגליק קומט, האָבן מיר זיך אַלע געוויגט אין האָפענונג, אַז עס וועט נאָך דויערן...

נאָך אַ שטיק צייט, נאָך אַ פּאָר יאָר!

מיר זענען געווען בלינד. מ׳האָט דאָך דאָס געקאָנט אַזוי לייכט זען. אָנטאָפּן מיט די פינגער פון פאַרשטאַנד, אַז די שרעקלעכע שווערד פון ברוינעם שונא האָט זיך אויפגעהויבן איבער אונדזער האַלדז, איבער פוילנס קאָפּ.

ווי אַזוי האָבן מיר דאָס נישט געזען? ווו זענען געווען אונדזערע חושים בשעת גערינגס באַזוכן און יאַגד־שפּאַצירן, בשעת בעקס געשפּרעכן און דייטשישע דראָונגען און אָנטייטונגען.

און איך? האָב איך דען נישט געפילט זינט חדשים, אַז עפּעס געשעט דאָ מיט אונדזער פוילן, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, אַז אַלץ גייט קאַפּויער היינט אין פוילן, אין דעם פוילן, וואָס איז ווילנדיק־נישט־ווילנדיק געווען די וויג פון אונדזערע דורות, פון צענדליקער ייִדישע דו־רות, ליכטיקע און שאָטנדיקע, פון העלע און שוואַרצע יאָר און טעג; פון דורות דערהויבענע און דורות דערשלאָגענע, אין דעם פוילן־לאַנד, וואָס איז אויך געווען די וויג פון היידאַמאַקעס און פּאָגראָמען, פון בערד־רייסן אין אָנגעווייטיקטן ייִדישן לעבן. אָבער אויך דאָס לאַנד פון גרויסע, ליכ־טיקע, ייִדישע קעפּ; וואַרעמען, ראָמאַנטישן, זאַפטיקן, געפילפולן און דער־הייבנדיקן לעבנס־שטייגער; פון חסידישער, קבלהשער, משכילישער, מתנ־גדישער, אַסימילאַטאָרישער, ייִדיש־נאַציאָנאַלער און לומדישער וועלט. מיט אַט דער וועלט האָט עס אַ טרייסל געטון, אַ שאָקל געגעבן. די גאַנ־צע סטאַבילקייט און פעסטקייט, די איינגעזעסנקייט און בטחון־דערוועקנ־דיקע פּוילישע ערד האָט אַ טאַנץ געטון. פוילן — פילט מען שוין — האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און די פּאָלאַקן — זייער וועג.

איך האָב עס געזען באַשיינפּערלעך, ווי אַן איינגעפונדעוועטער אויף דער פּוילישער ערד, אויף פוילנס ברויט־און קולטור־אויפגעהאָדעוועטער

ייִד, האָב איך עס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דערפילט ערב דער מלחמה. מ׳האָט מאָביליזירט מענטשן, גערופן אין מיליטער עפּעס אויף אַ נישט־קלאָרן אופן. אויסגעפּרוּווטע און געשולטע סאָלדאַטן האָט מען געלאָזן. גערעדט האָט מען וועגן אַן אַנטי־אַוויאַנען־פאַרטיידיקונג און נישט באַוויזן צו פאַרטיילן אַפילו די ערשטע אינסטרוקציע־ביכלעך. ביז צום לעצטן טאָג האָט מען פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט וואָס אַן אמת זיין אַ מלחמה, נאָר נישט אַזוי גיך.

אָבער דער עיקר האָב איך באַמערקט פוילנס פאַרלוירנקייט, אומבאַהאָלפנקייט און אַ ביטערן אַנזאָג כמעט אויף אַן אונטערגאַנג, ווען איך האָב געוואָלט אָפּנעמען מיין באַגאַזש, וואָס איך האָב געשיקט פון קוראָרט קריניץ.

ווי יעדער אַנשטענדיקער און באַלעבאַטישער ייִדישער סוחר, אינדוסטריעלער און אינטעליגענט האָב איך פאַרבראַכט מיין פעריען־צייט, צוזאַמען מיט דער משפחה, פרוי און קינד, און אַ ריי באַפריינטע פאַמיליעס אין קריניצע. געוווינט, ווי עס האָט געפּאַסט, אינעם פּאַנסיאָן פון באַרימטן פוילישן וועלט־זינגער יאַן קיעפּורא. די וועלט אַרום האָט שוין געלעבט אין אַ קדחת, אין פיבער, אין אַנגסטן און זאָרג אַנטקעגן אַ פאַרנעפּלטן מאָרגן. און אַ חורבן־אַנזאָגנדיק יאָר האָט שוין פאַרטריבן דעם שלאָף פון מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט. אָבער די ייִדישע זומערפאָרער, די דאַטשע־געסט, פונקט ווי די פּוילישע, האָבן ממשיך געווען זייער לעבן.

דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן פון ייִדן־מאָרדן אין דייטשלאַנד, פון ייִדן־פּייניקונג אין עסטרייך, פון צו־שאַנד־ און שפּאָט־געמאַכטע ייִדישע קהילות און ייִדיש לעבן, די דאַטשע־געסט אין אַלע בעדער און קורערטער אין די קאַרפּאַטן־בערג פון פוילן האָבן געקנייטשט די שטערנס, פאַרביסן די ציינער, געחשבונט, געמוטשט, געשיקט דעפּעשעס, גערעדט טעלעפאָניש, געגעבן אינסטרוקציעס, אָבער פון אָרט האָט מען זיך נישט גערירט. און דאָ קומט מיר אָן אַ דעפּעשע, אַז דעם ברודער פון מיין פרוי, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אין דער דירה, האָט מען מאָביליזירט; אַז איין דינסט איז אַוועקגעפאָרן און די דירה אין וואַרשע איז געבליבן כמעט הפקר. אַ מענטש פילט־מיט שטאַרק דעם ווייטיק און צער פון אַ צווייטן. אָבער נאָר ווען סע טרעפט אים דירעקט, פאַרבינדט ער זיין מיטגעפיל מיט מעשים.

מיר זענען באַלד אַהיימגעפאָרן, און גוטע פריינט האָבן שפּעטער איבערגעשיקט אונדזער געפּעק קיין וואַרשע מיט דער באַן. ווען מיר זע־נען געקומען צו דער באַן אָפּנעמען דאָס געפּעק, אַן אַנדערטהאַלבן וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, האָבן מיר, שטאָט אונדזער געפּעק, דער־זען אונדזער שאָדן און פוילנס חורבן. די באַאַמטע, וואָס האָבן נאָך גע־אַרבעט, האָבן געזוכט, געלאַרעמט, געטעלעפאָנירט, טעלעפּאָניש, געשריגן איי־נער אויפן צווייטן, געלאָפן צו יעדן אָנקומענדיקן צוג, אָפּגעוואַרט, סאָר־טירט, און די פּעקלעך זענען נישטאָ. האָט מען אָנגעהויבן לויפן פון איין באַן־סטאַציע צו דער צווייטער, קיין באַן־סטאַציעס פעלן נישט אין וואַר־שע, און דאָ האָט מען געזען דעם ערשטן סימן פונעם נייעם פוילישן מלבוש: דער מענטש האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך אַראָפּצוואַרפן פון זיך דאָס דינע מלבוש פון דער ציוויליזאַציע, געשטריקט מיט קולטור־זיידע־נע פעדעם, און אַן אָפּשיין פון דער חיהשער נאַקעטקייט האָט זיך אָנגע־הויבן אַרויסווייזן. טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געזוכט זייערע באַ־גאַזשן, האָבן — נאָך אַ פּאָר טעג וואַרטן און בעטן — אָנגעהויבן אַליין סאָרטירן, זוכן און „געפינען" זייער געפּעק. מען האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן, אַוועקטראָגן און אַוועקלויפן. און באַלד איז געוואָרן די צאָל זוכער גאָר גרויס. געזוכט און געלאָפן זענען שוין די, וואָס האָבן קיינמאָל קיין גע־פּעק נישט געשיקט און נישט געהאַט. די גאַנצע „בעסערע" שמאַלץ־גע־זעלשאַפט פון די באַרימטע אַנאַפּאָלער־באַראַקן, פונעם פיינעם „אַריסטאָ־קראַטישן" וואָליע־פּערטל, פונעם מלינות־פולן טשערניאַקאָוו האָט זיך אַ לאָז געטון צו די באַנען און באַן־סטאַציעס זוכן „זייערע" באַגאַזשן... זיי האָבן דווקא יאָ געפינען.

מיר און טויזנטער אַנדערע אימפּאָרטירער און סוחרים, וואָס האָבן איבערגעגעבן אין צוטרוי אונדזער באַגאַזש דער פּוילישער באַן, האָבן עס קיינמאָל נישט באַקומען. צוערשט האָבן נאָך די באַן־אָנגעשטעלטע גע־פּרוווט אינטערוועניר, שרייען, רופן פּאָליציי, אָבער די בלישטשענדיקע אויגן און מעסערס פון די וואָליער און טשערניאַקאָווער העלדן האָבן זיי באַלד אַוועקגעזעצט. פּוילן איז אַקעגנגעגאַנגען איר צייטווייליקן פּאָלי־טישן אונטערגאַנג, נאָך איידער דער שונא האָט אַוועקגעשטעלט זיין רוצחישן חיהשן שטיוול אויף איר האַלדז און אָנגעהויבן וואַרגן און שטיקן.

פאַר מיר איז געווען קלאָר, די מלחמה איז אויסגעבראָכן!

מיט אָט די אָבסערוואַציעס מיינע האָב איך זיך געטיילט מיט די נאָענטסטע פריינד, מיטן פּראָפעסאָר באַלאַבאַן, זיין שוואָגער ד״ר אַלטער. דעם זשורנאַליסט יצחק־יעקב פּראָפּוס, דעם זון פון נאָווידוואָרער רב ניי־שטאָדט און אַנדערע, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אויף אַ באַ־ראַטונג.

— דאָס דאַרף דינען ווי אַ מעמענטאָ, אַ וואָרענונג־צייכן. אַלע סי־מנים פון אַ קאַטאַקליזם, פון אַ היסטאָרישן קאַטאַקליזם האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט. די איינציקע מסקנא איז אַנטלויפן — האָט מעדיטירט אַדוואָ־קאַט מינץ, איינער פון די אַנוועזנדיקע.

אָבער דאָ האָבן די וואָגיקע, שווער־געוויכטיקע דענקערס, היסטאָרי־קער און געלערנטע גענומען אַ וואָרט:

— אמת, אַז פּוילן איז אַריין אין דער מלחמה מיטן לינקן פוס. אמת איז, אַז מיר יידן וועלן ווי געוויינלעך ליידן צו מייסטן. די צרות און פּיין וועלן אונדז נישט אויסמיידן. איין זאַך איז אָבער זיכער, די מלחמה וועט דויערן קורץ, זייער קורץ, ממש אַ בליצקריג, אַזוי ווי היטלער האָט דאָס צוגעזאָגט. די היינטיקע מאָדערנע כלי־זין און לופט־משחיתים מאַכן אַלץ בקיצור.

איך האָב דערפילט פלוצלינג אַ טיפע באַדערפעניש צו בלייבן, מיט־צומאַכן און מיטצולעבן די מלחמה. ס׳האָט מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס וועט מיך מאַכן רייכער, טיפער, פאַרשענערן און לייטערן מיין ווייטערן לעבנסוועג.

— אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט קיין פליט, קיין אַנטלאָפענער, קיין גײאָגטער, — האָב איך מעדיטירט צוזאַמען מיט די אַנדערע, — אַ פליט הייסט אַרויסגעריסן צו ווערן מיט די וואָרצלען פון דער ערד. שטעקט אַ בוים אין זיין ערד, וועלן אים שטורעם־ווינטן נישט בייקומען, אָבער אַרויסגעריסן — ווערט ער ערגער פון אַ שמאַטע. יעדעס ווינטל רייסט פון אים שטיקער, יעדער הונט שאַרפט זיך זיינע ציינער ביי אים און שטויסט און ברעכט, יעדער חזיר קראַצט זיך לעבן זיינע אַמאָל שיין־געוועזענע צווייגן און ברעכט און לאָמעט און רייסט און צופּט, ביז עס ווערט פון אים גאָרנישט.

— נאָר נישט אַנטלויפן, נאָר נישט קיין פליט — האָבן אַלע טיף־און הויך־קלערנדיקע געלערנטע און חכמים מיט אַ שווערן זיפץ באַשלאָסן.

אין דרויסן האָט עס נישט אויפגעהערט צו דונערן, צו באָמבאַרדירן, צו זעצן, צו שפּייען מיט פּחד און אַנגסטן.

ווי קורץ איז דעם מענטשנס שכל, ווי קליין איז זיין באַנעם. קיינער האָט נישט געזען מיט די קורצזיכטיקע אויגן פון פאַרשטאַנד דעם תהום וואָס האָט זיך געעפנט פאַר אונדזערע פיס. איין שריט, איין ריר און מיר פאַלן אין אָפּגרונט מיט צעריסענע, צעשפּאָלטענע אברים, מיט אויסגע־לאָשענע אויגן, מיט דערוואָרגענע משפּחות און פאַרברענטע, פאַרקוילטע לעבנס.

איך בין צוריקגעלאָפן אַהיים.

— וואָס איז געשען? — האָב איך גענומען ווישן די אויגן און נישט געגלייבט צי זיי זעען ריכטיק — איר דאָ?

צוויי פּוילישע אַרבעטער זענען געלעגן אויפן דיל און מיט ספּעציע־לע „וויורעס" — אַ שוואָם פון דינעם דראָט — געריבן די פּאָדלאָגעס מיט אַלע כוחות, זיי זאָלן זיין ריין, בלאַנקענדיק ריין און הינטער זיי זענען געשטאַנען די צוויי דינסטמיידלעך. די רוימערין און די קעכין, צו־ריקגעקומענע פון זייער היים, האָבן אַוועקגענומען די אָנגעזאַמלטע הובלינקעס, געגרייט פאַרשידענע שמירעכצער אויף צו מאַכן דעם אמתן גלאַנץ, דעם אמתן לוסטער אויף דער פּאָדלאָגע, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. אַזוי ווי מע מאַכט עס יעדעס יאָר, נאָך דעם ווי די משפּחה קומט צוריק פון איר זומער־קוראָרט.

נאָך וואונדערלעכער איז געווען, וואָס מיין פרוי פנינה איז געשטאַ־נען אָנגעטון אין בגדי־שררה פון אַ הויז־ווירטין, און געגעבן אינסטרוק־ציעס און אָנווייזונגען, ווי געניי די אַרבעט אויסצופירן. און לויפנדיק קינ־דיש־רוישיק און ווייבעריש־וויכטיק האָט מיין קליין מיידעלע יאָסימאַ דערלאַנגט בעזעמער, שמאַטקעלעך, פּושקעלעך... געלאַכט, געריצט זיך, געאַמפּערט זיך. אין מיטן צוגעלאָפן צום פּאַרטעפּיאַן אויסשפּילן אַ פּאָ־לאָנעז, אַ מאַזורקע.

איך האָב זיך פּשוט באַהאַלטן אין מיין קאַבינעט, לעבן מיינע ריזי־קע ספרים־שאַפעס, אינעם שאָטן פון מיינע פּראַכטפולע איילבילדער, מע־שענע און בראָנדזענע סטאַטועטקעס און שניצערייען.

— עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. עמעצער פון אונדז קלערט נישט מיטן שכל־הישר. מיר דאגהן און אַמפּערן זיך וועגן אַנטלויפן, אי־

בערקומען דעם בליק, אַריינצופאַלן אין אַ מין ווינטערדיקן בערנשלאָף ביז דאָס אומגליק וועט אַריבער און דאָ, זיי דאָ, אַרבעטן ווי קיינמאָל גאָר־נישט, ווי די וועלט וואָלט זיך געגאַנגען איר טאָג־טעגלעכן גאַנג און נישט אָפּדעשטעלט זיך אין איר אָטעמען און דעכען.

פּלוצלינג האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ נאָענט אין גאַס אַ שרעק־לעכער דונער־שאָס, אַז די ווענט און די מוחות האָבן אויפגעציטערט.

— יעזוס־מאַריאַ! — האָבן זיך דערהערט געשרייען פון אַלע פיר פּוילישע מיילער. כ׳האָב אַ קוק געטון דורך דער האַלב־אָפענער טיר און דערזען, ווי אַלע צלמען זיך אין שרעק... און באַלד ווידער האָבן זיי זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט.

— אונדזערע שיסן — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די אַרבעטער — זיכער, אַז מיר, די פּאָלאַקן, שיסן. מיין ברודער, יאַנעק, אַ גרויסער מיליטערישער ראַנג־באַזיצער, אַ קאַפּראַל, קאָן זיך גוט אויס אויף אַלע מינים שיסעכצער. ער האָט מיר אַליין היינט אין דער פרי געזאָגט: סטע־פאַן, האָב נישט קיין מורא, גיי צו דיין אַרבעט, מיר דאַרפן דאָ עפּעס דערליידיקן, און גאָר בקיצור. אָן זאָרג.

און ביי יעדן באַמבע־קנאַל האָט סטעפאַן צוזאַמען מיט די איבעריקע זיך שנעל איבערגעצלמט און געשעפּטשעט די תפילה צו דער הייליקער מאַמע און צו איר זון, זיי „זאָלן אים אָפּהיטן היינט פּונקט ווי אין דער מינוט פון טויט, אָמן”.

זיכער איז טאַקע, אַז די פּאָלאַקן מאַכן מאַנעווערעס און זיי וועלן מיטן דייטש פּטור ווערן אין איין מינוט, ווי דער קאַפּראַל יאַנעק האָט גע־זאָגט, אָבער פאַרזיכערן זיך ביי דער הייליקער מאַמע מוז מען באַזונדער.

דער חשבון האָט זיך אָבער שנעל אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש צוליב פּשוטע עקאָנאָמישע טעמים. ווען פנינה האָט אַראָפּגעשיקט איינקויפן אַ פּאָר עסזאַכן, וואָס האָבן איר געפעלט, צוצוגרייטן אַ מיטיק פאַרן הויז־געזונט און אויך מכבד זיין די אַרבעטער, אַזוי ווי עס פירט זיך אין באַ־לעבאַטישע, נאָבעלע יידישע שטובן, זענען ביידע דינסטמיידלעך צוריק־געקומען כמעט מיט ליידיקע הענט. ווען נישט די שיינע קעכין וואַנדע, וואָס האָט באַוויזן, אַז פרויען־שיינקייט איז אַמאָל שטאַרקער ווי באָמ־בע־שיסעריי און געפּועלט, אַז דער עסנוואַרג־קרעמער זאָל עפענען דאָס געשעפט און איר פאַרקויפן אַ פּאָר זאַכן, וואָלט מיין שטוב שוין אין

ערשטן מלחמה־טאָג געבליבן אָן עסן, אָן אַ לייטישן מיטיק. אויך אַזוי איז דער מיטיק אָפּגעריכט געוואָרן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ פּאָר שעה.

אַרויסלויפנדיק אין גאַס האָט מען נאָך אַלץ געהערט צוויי זאַכן: באָמבעס און מיינונגען. מ׳האָט נאָך נישט געוווּסט דעם געוויכט פון די באָמבעס און זייער חורבן־אַנזאָג. מ׳האָט נאָך אַלץ דיסקוטירט און גע־טענהט אַז דאָס זענען מאַנעוורעס. די פּוילישע אַוויאַציע מאַכט מאַנעוו־רעס. אַפילו די אָנזאָגעכצער פון פּוילישן ראַדיאָ, נישט קיין גאָר פּינקט־לעכע און תמיד נאָך דער באָמבאַרדירונג, און אויך די האַלב־שטומע, קוים־הערעוודיקע ידיעות עפּעס פון טויטע און פאַרוווּנדעטע, האָבן נישט געענדערט די מיינונג. „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגיגעלאַ״, פּוילן גייט נישט אונטער, האָט געעקבערט אין די מוחות. דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון פּאָלאַקן און פּוילישע ייִדן האָט נישט צוגעלאָזט צום געדאַנק דעם קלער, אַז פּוילן איז אַזאַ גאָרנישט, אַזאַ נול, אַזאַ פאַרפוילטע, קאַליעדיקע, וואַ־רעמדיקע מאַכט, אַז אין ערשטן מלחמה־טאָג קאָן שוין דער שונא דער־גרייכן די הויפּטשטאָט און וואַרפן באָמבעס אויף וואַרשע כמעט אומגע־שטערט.

„מאַנעוורעס, מאַנעוורעס... די פּוילישע אַרמיי מאַכט מאַנעוורעס״.

און ביי יעדן שאָס, ביי יעדער באָמבע האָט מען זיך געגעבן אַ קור־טשע, איז מען אַריינגעלאָפן אין די טויערן, גויים האָבן זיך געצלמט, ייִדן זענען אָפּגעקומען מיט „שמע ישראל״ אָדער מיט סתם זיין צעטומלט. דערלויבן אָבער דעם פאַרשטאַנד צו אַרבעטן גאָרמאַל און זען די זאַכן רעאַל, זען די מלחמה, די וועלט־מלחמה, ווי זי האָט זיך צעשפּילט מיט פייער און חורבן פונקט אויף פּוילנס ערד, — האָט מען נישט געקאָנט נישט געוואָלט, כאָטש מ׳האָט עס אַזוי געדאַרפט.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, די נאַכט פון ערשטן סעפּטעמבער, האָבן פּלוצלינג אַלע בלינדע דערזען, ווי דער חורבן שפּרייזט אַריין מיט פלאַ־מענדיקע צינגער, מיט בייזן קנאַקן, מיט פייערדיקע נעגל, מיט טורעם־הויכע גלי־פונקען, מיט שוואַרצע, געדיכטע שרעק־וואָלקנס, מיט אומהיימ־לעכער, אומזיכערער, שוואַרצער קראַענדיקער שטיקנדיקער לופט, מיטן גרויסן, גרויסן פחד.

די נאַכט איז פינצטער, שרעקלעך פינצטער. קיין שום ליכטעלע זעט

מען נישט אין גאַס. מענטשן לויפן אַרום ווילד מיט איין געשריי אין זייע־רע מיילער:

— פאַרלעשן!... פאַרלעשן ס׳ליכט!

און טאָמער זעט זיך אַרויס דורך אַ שפּאַרונע פון אַ פענצטער אָן אָפּ־שיין פון ליכט, אַ קליינער, פאַרבאָרגענער, בלאַסער ליכט־שטראַל, ווערט אַ געוואַלט:

— ליכט! ליכט!...

דער פאַרברעכער וואָס האָט נישט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז די פענצטער זענען נישט גענוג פאַרדעקט מיט שוואַרצע דעקן, קאָצן, אָדער פּאַפּיר, מוז באַלד פאַרלעשן דאָס גאַנצע ליכט אין זיין דירה.

דעם ערשטן סעפּטעמבער איז וואַרשע געווען איינגעהילט אין אַ שווערער, טונקעלער, קלעפּיקער פינצטערניש. אַלע הייזער זענען אויס ווי אויסגעשטאָרבן. טויט־שוואַרצער קאָליר באַהערשט אַלע אירע גאַסן.

אָבער נישט אַלע. פון צוויי, דריי זייטן זעט מען העל־רויטע און טונקל־רויטע אָפּשיינען, וואָס שפּרינגען און קריכן אין הימל אַריין.

— לונע! לונע! — שרייט מען. רויט־טונקעלער אָפּגלאַנץ פון גרוי־סע פייערן הייבט זיך אויף פון צוויי עקן פון דער שטאָט, קריכט אין הימל אַריין און אין האַרץ אַריין מיט פּחד, מורא און זאָרג. די אייביקע מורא פאַר פייער, וואָס איז געבליבן ביים מענטשן פון אוראַלטע, אַטאַ־וויסטישע צייטן, ווען וועלדער פלעגן ברענען און דער אורמענטש איז פאַרברענט געוואָרן מיט זיי און אין זיי. אָט די פייער־שרעק האָט איצט אָנגעפילט די הערצער מיט אַ שווערער אַנגסט. אַ געפיל פון אַ חיה אין דער פאַסטקע, וואָס קאָן נישט אַנטלויפן, וואָס קאָן נישט אַרויס. אַ גע־פיל פון אַנגסט־שטיקעניש האָט אָנגעהויבן באַוועלטיקן אַלעמען.

— ניין, דאָס זענען נישט קיין מאַנעווורעס — האָבן איצט געשעפּ־טשעט אַ סך, גאָר אַ סך.

געפירט פון אַ נאַטירלעכן אינסטינקט, וואָס צווינגט יעדעס לעבע־דיקע ווען צו שיצן זיינע נאָענטסטע אין צייט פון אַ סכנה, זענען אַלע, וואָס האָבן משפּחות, אַוועק צו זיך אַהיים.

מיין פרוי און קינד האָבן שוין מיט שרעק געוואַרט אויף מיין קומען. צוויי הויז־איינוווינער — פרייוויליקע שומרים, וואָס האָבן אַכטונג גע־געבן, אַז קיין שום ליכט זאָל נישט אַרויסשפּאַרן פון די שפּאַרונעס —

האָבן שוין אַ פּאָר מאָל געשריגן צו אונדז אין דער דירה אַריין: — „ליכט! ליכט!" און שוין אַפילו געדראָט מיט קלעפּ און ביינער־ברעכן. מיר אַלע האָבן גענומען זוכן אַלע שוואַרצע זאַכן אין דער שטוב. דאָס ביסל טונ־קעלע פּאַפּיר, וואָס מ'האָט געקויפט פריִער האָט קוים געקלעקט אויף איין פענצטער. אַלע דעקן, מאַנטלען, קליידער, אַלץ וואָס איז געווען שוואַרץ האָט מען אַרויסגעשלעפּט, קוואַליפיצירט און אָנגעהויבן מעסטן און אויפ־הענגען. פון אַלע שטובן האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן פון האַמערס, אַ רוקן פון לייטערס, בענקלעך; אַלע זענען געווען פאַרנומען ביי כל־המינים סטאַ־לאַרסקע און דעקאָראַטיווע אַרבעטן. מ'האָט פאַרהאָנגען אַלע פענצטער און עפענונגען. עס האָבן געפּעלט טשוועקעס, האַטשיקעס, דראָטן. האָט מען געשלעפּט, פאַרצויגן, פאַריכט און פאַרטשעפּעט און נאָך האַלבער נאַכט זענען שוין געווען אין צענטער פון וואַרשע אַלע הייזער קויל־שוואַרץ, איינגעהילט אין פולשטענדיקער פינצטערניש.

פון אונטער די שוואַרצע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויגן, זוכנ־דיקע, איבערגעשראָקענע, אומזיכערע.

עס האָבן זיך געשטעלט די שרעקלעכע נעכט פונעם נייעם מלחמה־פירונג־סיסטעם, ווו דער הימל איז נאָך געפערלעכער פון דער ערד און די משחיתים פון אויבן זענען טויזנט מאָל משונהדיקער ווי די פון אונטן. די משחיתים, צעשטערערס און מלחמה־כלים, וואָס בושעווען אויבן, לויפן דירעקט איבערן קאָפּ און נאָך איידער זיי טוען שאָדן דעם גוף, צעשטערן זיי שוין דעם מוח, די מחשבה, די געדאַנקען. זיי שאַפן אומרו, פאַרלוירנ־קייט, פונקט ווי מע זעט מיט ברענענדיקע אויגן אַ שוואַרצן וואַלד־תהום, אין וועלכן עס זענען באַהאַלטן און לאָקערן פון די נאָרעס אַרויס שרעק־לעכע חיות.

די צוויי לונעס, די צוויי גרויסע רויט־פייערדיקע אָפּגלאַנצן אין ביי־דע עקן וואַרשע, האָבן אָנגעהויבן ברענען, ברענען די פאַנטאַזיע, דעם מוח, דעם קאָפּ. דער מוח האָט אָנגעהויבן פאַמעלעך, גאָר פאַמעלעך שלעכט צו פונקציאָנירן.

אַראָפּגייענדיק שפּעט ביינאַכט האָב איך ביים פאַרמאַכטן טויער גע־טראָפן שטיין דעם הויכן קאַרשענצווייג, וואָס האָט געוווינט אויפן פערטן שטאָק אין פראָנט. ער האָט געהאַט אַ פרוי, אַ טאָכטער און אַן אַלטע מאַ־מע אויבן ביי זיך אין דער דירה.

דאָס טויער איז געווען פאַרמאַכט, דער גויישער הויזוועכטער איז נאָך געווען אויף זיין פּאָזיציע. דער סטרוזש האָט נאָך אָפּגעהיט די אָר־דענונג פון הויז און זיינע פליכטן.

— פאַרוואָס זענט איר נישט אין שטוב אויבן, צוזאַמען מיט דער משפחה? איר שטייט דאָ די גאַנצע צייט? — האָב איך געפרעגט דעם שכן מיינעם.

— איך בין דער מבשר, דער אָנזאָגער. טאָמער געשעט אַן אומגליק וועל איך עס דערזען דער ערשטער און באַצייטנס וואָרענען מיינע טייער־סטע, מיינע נאָענטע, איינציקע... איך האָב געלייענט, אַז דער שטאַרקער, שרעקלעכער גאָרילע — ער שלאָפט קיינמאָל נישט אויפן בוים צוזאַמען מיט זיין ווייב, די זי־גאָרילע און זייערע גאָרילע־קינדערלעך. בשעת זיי לייגן זיך שלאָפן, קריכט ער אַראָפּ, זעצט זיך צופוסנס פון זעלבן בוים, וואַרט און שפּירט, צי עס דערנענטערט זיך נישט דער שוואַרצער לעמ־פּערט, די איינציקע חיה, פאַר וועלכער דער גאָרילע האָט באמת מורא און מיט וועלכער ער פירט די שרעקלעכסטע צעשטערונג־מלחמות.

גאָר באַגינען דעם צווייטן טאָג מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דער באָמבע־קאָנצערט. מ׳האָט שוין נישט געקלערט, אַז דאָס זענען מאַנעוו־רעס. יאַנעק און זיין חבר זענען שוין נישט געקומען צו דער אַרבעט, די גאַס האָט זיך גלייך דערפילט דערשלאָגן; דאָס לעבן איז געוואָרן גאָר פאַרפּלאָנטערט.

די דייטשע באָמבאַרדירונגען האָבן עפּעס ווי מאָדנע איבערגעקערט די געדאַנקען, דאָס קלערן, דאָס פּלאַנעווען. יעדע באָמבע, אָדער גרופּע באָמבעס, האָט געמאַכט אַ קריץ אין מוח, אַ שפּעלטעלע, און יעדע ווייטערדיקע באָמבאַרדירונג האָט דעם קריץ ווי פאַרגרעסערט, פאַרטיפט און אָנגעהויבן וויי־צו־טון פונקט ווי מע שניידט אַריין מיט אַ מעסער אין אַן אָפענער ווונד, אין אַ צעקראַצטן גוף.

וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טון? איך האָב געפילט אַז מע מוז עפּעס טון. און טון נישט ביחידות, נישט אויף אייגענער האַנט, נאָר צוזאַמען מיט אַלע. כ׳האָב זיך באַמיט צו טרעפן מיט מיינע חברים פון ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט: אַדוו. גוטקאָווסקי, אַדוו. לאַבענצקי, רעדאַקטאָר לייזעראָוויטש, האַלב־דאָקטאָר ליפּמאַן, מגר. בראָווערמאַן און

די אַנדערע, די באָמבעס, דאָס לויפעניש, דער אומרו האָבן אָבער גע־שטערט עפּעס וואָס אונטערצונעמען.

איך האָב געכאַפּט אַ שמועס מיט אַנדערע מיטגלידער פון אַנדערע ציוניסטישע צענטראַל־קאָמיטעטן. אַלץ איז אַזוי גליטשיק, אַזוי נישט־סטאַביל, אָן געדאַנק און אָן אַנהאַלט־פּונקט.

דאָ האָב איך דערפילט, צו מיין גרויסן באַדויערן, אַז דער ציוניזם איז נישט קיין רעליגיע, ציוניזם אין גלות איז נישט קיין גאַנצע וועלט־אַנשויונג. ער קאָן נישט געבן און גיט נישט קיין תשובה אויף אַלע פראַ־געס פון לעבן. ער האָט נישט וואָס צו זאָגן אין מאָמענטן פון ספּעציפי־שער וואַגיקייט, פון נישט־נאָרמאַלע געשעענישן. אין אויסטערלישע מאָ־מענטן שווייגט דער ציוניזם. ער קאָן דיר פאַרוואַרפן, פאַרוואָס דו ביסט נישט אַוועק קיין ארץ־ישראל, אָבער ער קאָן דיר נישט געבן קיין עצה, וואָס צו טון איצט. עס פעלט אים די אויסגעוואָרעמטע דורות־לאַנגע קייט־באַציונג, וואָס בינדט און פורעמט און בויט אין אַלע צייטן, ביי אַלע גע־לעגנהייטן.

דורכגייענדיק דורכן הויז פון הרב זיעמבאַ אויף קאַרמעליצקע, בין איך אַרויף צו אים.

אַן אַלטע פריינטשאַפט האָט מיך פאַרבונדן מיטן גרויסן למדן, חריף און גאון הרב מנחם זיעמבאַ, וועלכן איך האָב איצט געטראָפן לערנען ביי אַ גמרא.

„נדרים“ איז דאָס געווען, מיטן ר״ן, פאַרשטייט זיך.

און איך, — וואָס האָב חוצן פילאָזאָפיע־דאָקטאָר געטראָגן אויף מיי־נע פּלייצעס אויך דעם טיטול פון אַ רב, אַ טעאָלאָג און אַ קרייז־ראַבי־נער, — בין ווי אַריינגעשפּרונגען אין אַן אַנדערער וועלט.

— „מעשה ידי טובעים ביד ואתם אומרים שירה“, גאָט זאָגט: מיין וועלט טרינקט זיך און איר ייִדן זאָגט שירה.

— ס'איז נישטאָ קיין גלייכן — האָט מיר געענטפערט דער רב. — ווען י ע נ ע טרינקען זיך טאָרן מיר קיין שירה נישט זאָגן. אָבער איצט, איצט טרינקען מ י ר זיך אַליין און דאָ איז אַ מצווה צוזאָגן שירה, פּונקט ווי די שירה פון קדיש באַגלייט אַ טויטן.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון אים, זענען מיר אין קאָפּ געבליבן

הענגען, פונקט ווי אויף אַ תליה, די דורות־לאַנגע לעבנספולע חכמות און עצות:

„האי מאן דמבעית איהו לא ידע אבל מזליה ידע". ווער עס ציטערט אויף און ווייסט נאָך נישט פאַרוואָס, ווייסט דאָס שוין זיין שטערן אין הימל, זיין מזל, זיין האַרץ. עפּעס האָב איך געפילט, אַז די שרעק איז אַ סך גרעסער, ווי דאָס וואָס די אויגן זעען און די אויערן הערן. נאָך נישט דאָס באַמבאַרדירן און אַפילו נישט דאָס פייער זענען די איינציקע שרעק־געשפּענסטערס, פאַר וועלכע דאָס האַרץ ציטערט. עס וועלן נאָך קומען שרעקלעכערע צייטן און געשעענישן און אויפזידן דאָס בלוט, אויפשרויפן די שרייפּעלעך פון האַרץ מיט אַ פיינלעכן שרעקלעכן ווייטיק... „האי מאן דמבעית האי מאן דמבעית"...

די צווייטע מורא, דער צווייטער אָנזאָג: „עבדא בהפקרא ניחא ליה", אַן עבד האָט ליב הפקרות, אַ קנעכט פילט זיך גוט אין הפקרות. אַלע פּאָגראָמען האָבן זייער יסוד, זייער יניקה אינעם פּסיכאָלאָגישן געזעץ פון הפקרות.

הפקר, הפקר... די וועלט איז געוואָרן, הייבט אָן צו ווערן הפקר. ביי הרב זיעמבאַ האָט זיך דאָס באַצויגן צו מענטשן, צו דער צייט. די מענטשן אין אַזאַ הפקר־צייט ווערן אַליין הפקר. איך האָב עס אויסגעברייטערט. די וועלט איז הפקר. עמעצער וואָס האָט געהאַלטן די לייצן פון דער וועלט האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט און די צעבריקעוועטע פערד־כוחות פון הפקר יאָגן מיטן וואָגן פון מענטשלעכן לעבן וווהין זיי ווילן — צע־ווילדעוועט, צעשטורעמט — ביז זיי וועלן דעם וואָגן מיט זיינע זיצערס, מיט זיינע פּאַסאַזשירן, צעשמעטערן, צעזעצן, צעברעכן און צעמאָלן אויף פּיצפּיצלעך, צוזאַמען מיט אַלץ און אַלעמען.

כאָטש מ'איז שוין זיכער, אַז ס'איז מלחמה און מע ווייסט אַז די דייטשן באָמבאַרדירן פּוילן, האָט מען נאָך אַלץ זיך באַצויגן צו דער באָמ־באַרדירונג ווי צו עפּעס ווייטס און פרעמדס. איך האָב גענומען מיין מיי־דעלע און געגאַנגען זוכן מיינע פּוילישע פריינד. מיינע מיליטערישע באַ־קאַנטע, מיט וועלכע עס האָט מיך פאַרבונדן אַ געמיינזאַמע אַרבעט פאַר פּוילנס אַרמיי און פאַר פּוילנס פאַרטיידיקונג. איך בין מערערע יאָרן גע־שטאַנען אין שׂ״יץ פון דער יידישער יוגנט־אָפּטיילונג ביים פּוילישן אַ.

פ. ל.[1] פאַרטיידיקונג קעגן לופט־אַטאַקעס, און אין יאָר 1938 האָב איך איבערגעגעבן אין אַ פייערלעכער צערעמאָניע דעם גענעראַל בערבעצקי און זיינע מיטהעלפער אַן אייראָפּלאַן פאַר דער פוילישער אַרמיי אין נאָמען פון דער יידישער יוגנט. אַ ספּעציעלער שטאָלץ און אַן אינערלעכע סאַטיספאַקציע האָט אויסגעפילט מיין האַרץ, ווען איך האָב געזען ווי פונעם אייראָפּלאַן האָט אַראָפּגעבלישטשעט אַ קליין מעשן שילדעלע מיט דער אויפשריפט אין פויליש און העברעיש: „שי לצבא הפולני מאת הנוער העברי", אַ מתנה פאַר דער פוילישער אַרמיי פון דער יידישער יוגנט. אַזאַ פאַרבינדונג פון ציוניסטישן באַוווסטזיין מיט צוגעבונדנקייט צו פוילן, אויסגעדריקט אין אַ פאָרעם פון אַ פאַרטיידיקונג־אינסטרומענט פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג, האָב איך געהאַלטן פאַרן לויטערסטן און וואָרהאַפטיקסטן באַווייז פון נשמה־האַרמאָניע, ערלעכער אידעאָלאָגיע, פון ערלעך־זיין מיט זיך אַליין ווי אַ ייד־ציוניסט און פוילישער ייד, וואָס איז אויסגעוואַקסן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער פוילישער ערד אין פוילישע זאַפטן.

דעם גענעראַל בערבעצקי האָב איך איצט געזוכט. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז איינער פון די דריי העכסטע גענעראַלן אין פוילן. מ'האָט אים גערופן „וואָפן־גענעראַל", אַ טיטול וועלכן עס האָט געהאַלטן בלויז דער העכסטער גענעראַל אין פוילן, דער פעלדמאַרשאַל שמיגלי, גענעראַל שיקאָרסקי און ער, בערבעצקי. געוווּסט האָב איך אויך, אַז בערבעצקי באַזיצט נישט די לייטזעליקייט אין די אויגן פון מאַרשאַל און ער איז דעריבער נישט באַשטימט געוואָרן אין גענעראַל־שטאַב, נאָר נאָמינירט געוואָרן ווי דער העכסטער קאָמענדאַנט פון דער פוילישער ציווילער פאַרטיידיקונג.

די טעלעפאָנען האָבן נאָך געאַרבעט. האָב איך נאָך אין דער פרי אויסגעפינען, אַז דער גענעראַל וועט זיין מיט זיינע אַדיוטאַנטן שפּעט נאַכמיטיק אין די צענטראַל־ביוראָען פון אָ. פּ. ל.

אומגעדולדיק און אומרויק האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט מיטן קינד איבער די וואַרשעווער גאַסן, אין דער פוילישער געגנט, נאָענט צום גרויסן

[1] ראשי־תיבות פון: „אָבראָנאַ פּזשעטשיוו לאָטניטשאַ"

אפּערע־טעאַטער, נישט ווייט פון די צענטראַל־ביוראָען פון דער פּאַרטיי־דיקונג.

אַ פּלוצימדיקע באַמבאַרדירונג האָט אָפּגעשטעלט די באַוועגונג אין שטאָט. מיר זענען אַריינגעלאָפן אין אַ קאַפע־הויז, איינס פון די וואָס האָבן נאָך פונקציאָנירט טיילווייז אין אַ פּאָר ערטער פון שטאָט.

דאָס באַמבאַרדירן האָט אויפגעהערט. איך בין אַרויס אין דרויסן געווויר ווערן צי מע קאָן שוין גיין. נאָך יעדן באַמבאַרדירן פלעגט זיך אַנהייבן אַ באַוועגונג אויף ס׳ניי, מיט אַ געשרייערײַ, אַ לויפעניש און יאָגעניש.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין קאַפע־הויז, האָב איך געטראָפן מיין יאַסימאַן בלייך און ציטערנדיק:

— וואָס האָסטו זיך איבערגעשראָקן? וואָס האָסטו מורא געהאַט, קינד איינציקס?

אַ הייסער פּאַטער־קוש האָט געגלעט דאָס פּנימל פון קינד, אָבער איר ציטערן האָט נישט אויפגעהערט.

— קינד מיינס, וואָס האָסטו אַזוי מורא געהאַט? דער טאַטע וועט אַוועק און וועט דיך איבערלאָזן? נאַרעלע! זיי רויק! זיין גאַנץ לעבן נישט! קיינמאָל...

דאָס ציטערן איז גאָר פּאַמעלעך אָפּגעטרעטן, און נישט אינגאַנצן. „האי מאן דמבעית"... האָט זיך געריסן אין מיין קאָפּ אַריין. וואָס פּילט זי! וואָסער סוף פּילט זי?

***

מיר זענען אַרויף צום גענעראַל. אויפגענומען האָט אונדז דער אַדיוטאַנט, קאַפּיטאַן ווײַדע. דער גענעראַל האָט זיך עפּעס דענערווירט, זיין הייזעריק־געוואָרן שווער קול האָט זיך געטראָגן פון צווייטן צימער.

— אַצינד מיטן קינד? — האָט אַ ביסל איראָניש און אַ ביסל מיט קנאה געפרעגט דער אַדיוטאַנט — איך וואָלט מיין קינד איצט נישט געפירט אויף דער גאַס. און אפשר האָט זי נישט ביי וועמען צו זיין, אָדער איר געטרויט זי נישט אָן אייער פרוי, דער מאַמען אירער.

שפּיציקע צינגער האָבן אַרויסגעשטעקט פון אַלע ווערטער פון געמאַכטער פריינטשאַפט און נישט געמאַכטער איראָניע פונעם אַדיוטאַנט. איך האָב שוין פון לאַנג זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז בערבעצקי איז

א ייִדן־פריינט. ער האָט אפשר ייִדן נישט ליב, אָבער אויך נישט פיינט. ער איז זיי מקנא, זייער ענערגיע, זייער שכל, אַביליטעט, זייער דינאַמיזם און לעבנס־כוח, זייער וויטאַליטעט. ער איז גרייט געווען זיך צו לערנען ביי זיי און איינשפּאַנען זייערע פעיִקייטן אין רייטוואָגן פון פוילנס מדינה:

— מיר זענען דאָך איינס, געבונדן צוזאַמען, צוויי פערד וואָס שלעפּן דעם זעלבן וואָגן — פלעגט דער גענעראַל טענהן.

קאַפּיטאַן ווײַדע האָט געהאַט אַפשיי פאַר אַלע ייִדן, באַוואונדערט זייער טאַלאַנט, נאָר פון פוילישע ייִדן האָט ער ווייניק וואָס געהאַלטן; — זיי זענען אַנדערע — איז געווען זיין מיין.

בערבעצקי האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אמתער, אַלטער פריינד:

— דאָקטאָר, איר זענט איצט דאָ? — מיט פרייד, זאָרג און אומרו זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן די ווערטער.

דער הויכער גענעראַל האָט אויפגעהויבן יאָסימאַן ביז צו זיך און איר געגעבן אַ הייסן פּאַטערלעכן קוש אין קעפּל.

דער געשפּרעך צווישן אַ ייִדישן אינטעלעקטואַל און דעם פוילישן גענעראַל איז געווען אָנגעלאָדן מיט זאָרג, פאַרוואורף, אויפריכטיקייט און אויסזיכטלאָזיקייט.

אין מיטן שמועס איז געוואָרן אַ שטאַרקע באָמבאַרדירונג. אַלע אַרום זענען אַנטלאָפן, אַ טייל איז אַראָפּ אין די קעלערן פון הויז, אין אַ גע־מאַכטן שוצקעלער. דער גענעראַל, איך און יאָסימאַ זענען געבליבן. איינ־מאָל האָט אויסגעוויזן, אַז די באָמבעס פאַלן נאָענט און דערנענטערן זיך צום הויז. דער גענעראַל איז געבליבן זיצן און איך האָב זיך עפּעס ווי גע־שעמט צו באַהאַלטן, כאָטש געציטערט פאַרן לעבן פון קינד און זי פעס־טער געדריקט צו זיך.

דער גענעראַל האָט נישט קריטיקירט, נאָר אין זיך ווי געשטיקט אַ ווייטיק פון אַ צעבראָכן לעבן, פון אַ צעבראָכענעם אידעאַל. פוילן, זיין פוילן, גייט אונטער פאַר זיינע אויגן. צענדליקער דורות האָבן געחלומט וועגן דעם נייעם פוילן. טייכן פריש, רייך, יונג, ערלעך בלוט, פויליש בלוט, פון יונגע, איבערגעגעבענע פּאַטריאָטן האָבן רויט געמאַכט די גע־ליבטע פוילישע טייכן, די ווייסל, וואַרטע, בוג, ניעמען און דניעסטער, די העלדן איינגעהילטע אין לעגענדעס, די פוילישע ריטער און שליאַכטע, וואָס האָבן געוואָרט באַוואָפנט אין די קאַרפּאַטן־בערג און בעסקידן, אין

אוראַלטער, לעגענדאַרער הייל פון וואַוועל, — האָבן אַריינגעגעבן ניי לעבן דעם שווער־געפּרוּווטן פּוילישן פאָלק און איצט פילט ער שוין, ווי פאַר זיינע אויגן גייט עס אויס, ווי אַ צאַנקענדיק ליכטל, ווי אַ גוסס, ווי אַ קראַנקער, וואָס איז געפאַלן אין מיטן גאַס און הינט, בייזע הינט רייסן פון אים שטיקער לעבעדיקערהייט.

דער גענעראַל האָט זיך אויפגעהויבן, נישט געקאָנט מער איינזיצן און געדרייט זיך ווי אין אַ פאַסטקע אַהין און צוריק:

— איך גלייב נישט אין פאַראַט — האָב איך געפּרוּווט טרייסטן דעם גענעראַל און זיך, כאָטש פאַרשטאַנען האָבן מיר אַלע, אַז נאָר פאַראַט האָט געקאָנט ברענגען דערצו, אַז פּוילן זאָל אַזוי אויסזען שוין אין די ערשטע מלחמה־טעג. די פּוילישע אַרמיי — די אַרמיי פון די העטמאַנען, מיט דער טראַדיציע פון הוזאַרן, קאָסיניערן (שניידן קעפּ מיט אַ קאָסע), פעכטער און העלדן — וועט האַלטן, אויסהאַלטן.

— גענוג, גענוג! — האָט זיך צעשעפּטשעט אין ווייטיק דער גענע־ראַל — אונדזער אַרמיי... פּוילן פאַרדאַנקט איר שם אין דער וועלט צום טייל קאָפּערניקן, שאָפּען, דער פרוי סקלאַדאָווסקאַ און בעיקר, היסטאָ־ריש גענומען, איר אַרמיי, אירע סאָלדאַטן... ראַטעוועז דעם דייטשן קייסער ביי ווין האָט געראַטעוועט אונדזער סאָביעסקי, נאַפּאָלעאָנען האָט געהאָלפן אונדזער דאָמבראָווסקי און די לעגיאָנען, אויפגעהאַלטן די טאָ־טערן און די טערקן זיי זאָלן נישט פאַרפלייצן אייראָפּע האָבן מיר, מיר, פּאָלאַקן, אונדזער אַרמיי. אונדז האָט מען גערופן „די מויער פון קריסטנ־טום״. ביי אונדזער מויער האָבן זיך צעשלאָגן אַלע שונאים פון קולטור און ציוויליזאַציע... די מויער איז געבראָכן, געבראָכן... זינט דער זיידע[1] איז אַוועק... גענוג...

— עס וועט נאָך געשען אַ נס — טרייסט איך זיך און אים.

— איר און מיר גלויבן אין נסים. דער נס פון וואַנדאַ[2], דער נס ביי דער ווייסל[3] אָבער אַז ס'זאָלן געשען נסים מוז דער דור זיין ראוי. און מיר... קוק... — מיר זענען צוגעגאַנגען צום פענצטער.

עס איז ווידער געוואָרן אַן אַלאַרעם. מ'האָט געהערט פון ווייטן באָמ־

---

1 געמיינט יוזעף פּילסודסקי — שעפער פון די לעגיאָנערן אין 1915.

2 פּרעהיסטאָריש.

3 דאָס פאַרטרייבן די באָלשעוויקעס אין 1920 פון וואַרשע.

באַרדירן און מענטשן, איבערגעשראָקענע פון די פּלוצלינג פאַרשטאַרקטע באָמבאַרדירונגען איצט נאָכמיטאָג, האָבן גענומען לויפן ווי ווילדע, אי־בערקערנדיק איינער דעם צווייטן, שטויסנדיק און יאָגנדיק. ביים טויער פון גרויסן טעאַטער האָבן זיך געשטופּט מענטשן, ווי היסטעריש־באַנו־מענע. איינער האָט געוואָלט אַוועקשטופּן דעם צווייטן און אַריין פריער. אַ פּאָר פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס זענען אַנגעלאָפן און געזוכט אַ שוץ, האָבן מיט קולאַקעס און אַפילו מיט קאָלבעס געקלאַפּט איבער פּלייצעס און קעפּ, כדי זיך פריער אַריינצובאַקומען.

— ניין, דאָס איז נישט אונדזער פּרצוף. מיין אַרמיי האָט נישט אַזאַ פּרצוף, ניין — האָט דער גענעראַל פאַרביסן די ציין.

ביים געזעגענען זיך האָב איך נאָך אַ טענה, אַז ענגלאַנד און פראַנק־רייך וועלן נישט דערלאָזן, אַז היטלער זאָל פאַרנעמען און צעשטערן פּוילן.

— אַלביאָן איז קאַלט און איזאָלאַציאָניסטיש־עגאָיִסטיש. פראַנקרייך, אונדזער פריינד, וואָס העלפט אונדז תמיד, האָט נאָך קיינמאָל אונדז נישט געהאָלפן אַזוי אַז מיר זאָלן ווערן געהאָלפן — האָט מיט ציין־פּרעסן פאַרענדיקט דער גענעראַל.

אַ קוש געבנדיק יאָסימאַן האָט דער גענעראַל פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— דו האָסט זיכער נישט קיין גוטן סכראָן (שוצקעלער) ביי אייך... מע דאַרף לויפן אַהין, ווו עס איז פאַראַן אַ זיכערער סכראָן.

— דאָס הייסט פאַרלאָזן... פאַרלאָזן פּוילן? — האָב איך פאַרחידושט געפרעגט.

— איך זיכער נישט — האָט דער גענעראַל האַסטיק פאַרענדיקט און זיך צוריקגעצויגן.

***

מוצאי שבת. ביי די טויטע חסידים אויף נאַוואָליפּקי האָט מען גאָר געשמאַק אָפּגעדאַוונט מעריב און איצט, נאָך אַן אָרעמער מלווה־מלכה, אַפילו זיך נישט געאײַלט אַהיימצוגיין. אָבער די שטומע קרעכצן און אי־בערגעשראָקענע בליקן און דאָס צוהערן זיך צו יעדן שאָרך האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ לאַווע, וואָס זאַמלט זיך גאָר טיף אין די אינגעווייַדן פון דער ייִדישער נשמה. די גבאים האָבן מיט שטאָלץ געוויזן, אַז זיי האָבן באַצייטנס איינגעקויפט אַ סך שוואַרץ פּאַפּיר צו פאַרשטעלן די פענצטער, ס׳זאָל קאָנען ברענען כאָטש איין לעמפּל צום דאַווענען און אַ נר תמיד. אַ

פאַר יאָרצייטליכטלעך האָבן געברענט אַרומגעשטעלט מיט אַ גאַנצן בנין פון גמרות און גרויסע שולחן־ערוכס, מע זאָל נישט אַרויסזען קיין שיין.

פאַרלאָזנדיק דעם גענעראַל אַן אומרו:קער בין איך געלאָפן אין חסי־דים־שטיבל. איך בין געווען אַן אָפטער גאַסט ביי די אומאַנער חסידים. בין איך אויך איצט מיט יאַסימאַן געלאָפן צו זיי און געפרעגט אַן עצה.

— מע מוז עפּעס טון. עפּעס מוז געשען. מע קאָן נישט שווייגן און וואַרטן.

די אייביקע יידישע טרייסט האָט אַרויסגערעדט פון די יידישע מיי־לער.

— דיה לצרה בשעתה, מע טאָר נישט כאַפּן פאַר דער צייט און זיך צו איילן...

אַנדערע האָבן געמיינט, אַז דער אייבערשטער פירט זיך זיין וועלט און ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון; — ער וועט אונדז נישט פאַר־לאָזן, ווי ער האָט נישט פאַרלאָזט ביז היינט.

— אָבער דאָ האָט דער שטן ימח־שמו איבערגענומען די שליטה. היטלער איז דאָך זיכער זיין שליח — האָב איך איינגעווענדט.

— די סטרא־אחרא מוז באַקומען אירס. זי וועט זיך אָנפרעסן און אויפהערן. מיר דאַרפן דעם רבונו־של־עולם נישט געבן קיין עצות. ער וועט זיך שוין זיין שטעטל אַליין באַשטיין.

— עקבתא דמשיחא, משיחס צייטן — האָט געשעפּטשעט דער אַל־טער שמחה־בונעם — מע זעט באַשיינפּערלעך... בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגא [1].

— גערעכט, גערעכט, ר' שמחה־בונעם. און טאַקע דאָס „מדחציף כולי האי שמע מיניה ממזר הוא" [2] איז טאַקע אויף דעם ימח־שמוניק, אויף היטלערן, געזאָגט געוואָרן.

— גוג ומגוג. יאָ, גוג ומגוג. דאָ זעט מען, עס הייבט זיך אָן.

און עס איז אַוועק אַ שמועס, אַ שטיבל־שמועס וועגן פּאָליטיק, וועגן פּוילן, וועגן דעם וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך שווייגן און האָבן נישט דערקלערט היטלערן קיין מלחמה, וועגן דער פּוילישער אַרמיי, וועגן אירע

---

[1] אין משיחס צייטן וועט די חוצפה וואַקסן און גרויס ווערן.

[2] אַז ער איז אַזאַ מחוצף איז אַ סימן אַז ער איז אַ ממזר.

גבורות, וועגן דייטשער טעכניק. מ׳האָט געגעבן עצות, מ׳האָט געמאַכט פּלענער, אָנגעצייכנט פּשוט גענעראַל־שטאַב־מאַפּעס פון דער דייטשער אינוואַזיע און פוילישע סטראַטעגיע, טאַקטיק און מעטאָדן.

— פוילן וועט זיך אַן עצה געבן, אָבער וואָס וועט זיין מיט אונדז — האָט געפּרוּווט פּראָטעסטירן אַ קליין יידעלע מיט אַ רויט בערדעלע. די מלחמה האָט אים זיינע פּלענער צעשטערט, צעוואָרפן דעם בנין פון זיינע אַלע חלומות, פון זיין הויפּט־חלום. אָט איז ער געוועזן נאָענט דורכ־צופירן דעם שידוך פון זיין דערוואַקסענער בוגרת, דער בת־יחידה זיינער. יאָרן געוואַרט, מיט תיקון און תפילות אויסגעבעטן דעם חתן, דעם זיווג און איצט איז ער אַוועק. פּאָליציי האָט אים געזוכט. אַ פּנים מ׳האָט אים געמסרט און מע רופט אים צו די סאָלדאַטן אָדער צו אַנדערע שוואַרצע יאָר און ער, דער חתן, איז נעלם געוואָרן. ער האָט זיין מלחמה שוין פאַר־שפּילט. די בוגרת וועט בלייבן, חלילה, אַן אַ באַדעקנס.. יידן, וואָס וועט זיין מיט אונדז?

— נישט קיין יחיד, חלילה, רבי מלך... ס׳איז דאָ נאָך גאַנץ פוילן.

— פוילן, הוילן... וואָס גייט מיר אָן פוילן... מיר יידן?

— פוילן איז אַריין מיטן לינקן פוס אין דער מלחמה. מיר יידן זע־נען אַריין אין איר אַן פיס בכלל — האָט געפּסקנט דער שטיבל־פילאָזאָף, אַ יונגערמאַן, וואָס פלעגט קומען אין שטיבל אַריין צוליב טראַדיציע און געוווינהייט.

די קליינע יאַסימאַ האָט זיך די גאַנצע צייט געשפּילט מיט צוויי יינגעלעך, וואָס די עלטערן האָבן מיטגענומען אין שטיבל אַריין, כאָטש די מאַמעס האָבן מיט אַלע כוחות פּראָטעסטירט און מורא געהאַט. די קינדער זאָלן גיין אין גאַס.

איך האָב איבערגעלאָזט די מתפּללים אין מיטן וויכוח, איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צו באַשליסן, ווי אַזוי די מלחמה דאַרף זיך פירן, וועל־כע וועגן די פוילישע אַרמיי דאַרף גיין און בכלל וועגן דער פירונג פון דער מדינה. איך האָב אָנגענומען יאַסימאַן ביי דער האַנט, פאַרזיכטיק גע־עפנט און פאַרמאַכט די טיר, עס זאָל קיין שיין זיך נישט אַרויסזען אין גאַס און אַריין אין דער פינצטערער נאַכט.

די גאַס איז פאַרגאָסן מיט נאַכטיקן חושך, מיט גיהנום־שרעק. דו פילסט, אַז מענטשן גייען לעבן דיר, אַרום דיר, פאַר דיר און הינטער דיר,

דו הערסט זיי, פילסט זייער אָטעם, האָרכסט זייער שעפּטשען און האַרץ־קלאַפּן, און דו זעסט זיי נישט... מער ווי אַ שרעק — אַ פּאַניק הייבט אָן דיך אויסצופילן, צו באַהערשן. דו קאָנסט רעכט נישט איינהאַלטן דאָס קלאַפּן פונעם האַרץ, וואָס דו דערפילסט פּלוצלינג. די שלייפן הייבן אָן צו זעצן, דו האָסט נישט קיין מוט צוצוהאַלטן זיי, זיי זאָלן אַזוי נישט שפּרינגען, נישט טאַנצן דיר אין קאָפּ. דו שטויסט זיך אָן אין עמעצן, דו שפּרינגסט אָפּ, דו וואַרטסט אָפּ אַ רגע, ווי ווען יענער, דער נישט־גע־זעענער, רעאַגירן; ער וואַרט, פּונקט אַזוי דערשראָקן ווי דו און מיר צע־גייען זיך ביידע אין טויטשרעק. זעעוודיק־בלינד, איז אפשר שרעקלעכער ווי בלינדקייט אַליין. דו האָסט אַפילו נישט די שטיצע פונעם אינסטינקט, נישט דאָס פיין־געפיל, וואָס ס׳באַזיצט דער בלינדער, דו ביסט בלינד, פאַרלירסט דעם פיזישן און גייסטיקן גלייכגעוויכט, דו האָסט מורא אויס־צושטרעקן די האַנט און טאַפּן אין דער פינצטער. דער שרעקלעכער פּאַ־לאַץ פון ווייטיק און טויט, דער פּאַוויאַק, פוילנס גרעסטע תפיסה, דער מאַגאַזין און רעזערוואַר פון פאַרברעכער און קאַליקעס, וואָס געפינט זיך גאָר נאָענט, וואַרפט נאָך אָן מער מרה־שחורה און אומהיימלעכקייט אויף די דורכגייער.

ביים אַריינדרייען זיך אין קאַרמעליצקע האָט עס פּלוצלינג געגעבן אַ זעץ אין די אויגן מיט אַ גאָלד־העלן אָפּבלאַסק און פחד־פולן אָפּשיין. די גרויסע לונע, די לונע פון אַ וואַרשעווער פאַרשטאָט וואָס האָט געברענט.

אָנגעטשעפּעט זיך אָן הימל, ווי אַ בייזע חיה, האָט די לונע געוואָרפן ווייטע, העלע וואָלקנס אין דער הויך, גאָר אין דער הויך. דאָ אויף דער גאָס האָבן אויך קורסירט עטלעכע טראַמווייען באַלויכטן פון פאַרטונקל־טע לעמפּלעך און געוואָרפן נאָך אָן אָפּשיין.

— עס ברענט. וואָס ברענט? עס ברענט פון דער זייט פון מאָקאָ־טאָוו, — האָבן געטענהט מענטשן, שטייענדיק אין גאָס. דאָ ביים אָפּשיין פון דער לונע און פון פאַרנדיקע טראַמווייען און דראָשקעס האָט מען געזען מענטשן ביי די טויערן, קוקנדיק און אַרויסשטאַרטשענדיק זייערע קעפּ, זוכנדיק די ליניע, די ריכטונג פון פייער. קיין פּנימער האָט מען נישט דערקענט. בלויז געשטאַלטן האָבן זיך ווי אַרויסגעשיילט פון דער פינצטערניש באַלויכטן מיט דער הויכער ווייטער לונע.

— נישט פון מאָקאָטאָוו... פון אַ פאַרקערטער ריכטונג, עפּעס ווי גראָכאָוו, זעט עס אויס.

— ווי קומט עס? די דייטשן קומען דאָך פון מערב־זייט — האָבן זיך אין דער פינצטערניש געאַמפּערט סטראַטעגן, טאָפּאָגראַפן און אַס־טראָנאָמען.

אָנקומענדיק אַהיים, נאָכדעם ווי איך האָב אַריינגעכאַפּט דעם פאַר־דינטן פּסק פון מיין פרוי, וואָס איז שוין אַרומגעלאָפן אין פאַרצווייפלונג און טעלעפאָנירט אַפילו צו דער פּאָליציי וועגן דעם גורל פון מאַן און קינד, בין איך געדופן געוואָרן צו אַ וויכטיקער הויז־באַראַטונג.

פונקט ווי איך בין אַרומגעלאָפן די צוויי טעג, ווי אַ באָל, וואָס מע גיט אַ שליידער מיטן פוס און ער פליט אין דער לופטן און קאָן זיך נישט איינהאַלטן ביז ער פאַלט אַראָפּ, — אַזוי זענען אויך אַנדערע אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן און געגישטערט, געפרעגט, געהערט, פאַרגלייכט, געצי־טערט, ביי יעדער באָמבאַרדירונג מיט טויט־שרעק זיך געלאָפן באַהאַלטן, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט און אַ מינוט שפּעטער ווייטער געלאָפן.

דער עיקר זענען געלאָפן די יידן. דאָ האָט מען געקאָנט באַשיינפּער־לעך זען, ווי דינאַמיש, אומרויק, באַוועגלעך און נישט־סטאַביל ס׳זענען די יידישע איינוווינער פון וואַרשע. די פרויען זענען געזעסן ביי די טע־לעפאָנען און זיך געהאַלטן אין איין איבערגעבן ידיעות און עצות. זיי האָבן געפרעגט ביי די פריינדינס און באַקאַנטע מיינונגען און פּראָגנאָזן. די מענער ווידער זענען אַרומגעלאָפן — לעבעדיקע טעלעפאָנען.

און דאָ, אין הויז אויף דער לעשנע, דעם צווייטן מלחמה־אויפדער־נאַכט, איז אַלץ אַרום געווען פאַרמאַכט און פינצטער. אַלע האָבן באַוויזן צו קויפן דאָס שוואַרצע פּאַפּיר אויף צו פאַרדעקן אַלע פענצטער און שפּאַ־רעס, ספּעציעלע סוחרים האָבן אַרומגעטראָגן טונקל־פּאַפּיר. ס׳האָבן זיך אַפילו געשאַפן ספּעציעלע וואַרשטאַטן און באַלמעלאָכעס וואָס האָבן אַרומ־געשיקט אין די הייזער פאַרקויפן דאָס שוואַרצע פאַרטונקלונג־פּאַפּיר. אין טויער, ווו ס׳איז געהאָנגען אַ פאַרטונקלטער לאָמפּ, ביים אַריינגאַנג צו די הויפּט־דירות, איז פאָרגעקומען די באַראַטונג. ווען איך בין צוגעקומען האָט מען מיר געמאָלדן, אַז איך דאַרף איבערנעמען די אָנפירונג פון אָ. פּ. ל., די ציווילע אַנטי־אַוויאָנען־פאַרטיידיקונג פון דעם הויז.

איך האָב געפּרוּווט פּראָטעסטירן מיט אַ פּשוטער באַגרינדונג, אַז נישט איך ווייס מיט וואָס דאָס שמעקט, נישט איך בין באַרופן דערצו. אָבער צוויי מענטשן, פוןביידע זייטן, האָבן מיך נישט געלאָזט זיך אַרויס־דרייען פון דעם אַמט: ד״ר אַלטער און די פרוי יעלעניעווסקי.

ד״ר אַלטער, דירעקטאָר פון וואַרשעווער תחכמוני, וואָס איז געווען מיין עקזאַמינאַטאָר ביי מיין מאַטורע־עקזאַמען, האָט געהאַלטן, אַז קיי־נער איז נישט באַרופן און נישט פעיִק אַנצופירן מיט דער פאַרטיידיקונג פון דעם הויז ווי איך. מיט קנאות איבערגעגעבנקייט פון אַ לערער צו אַ געראָטענעם תלמיד, האָט ער רעפּערירט זיין מיינונג און דערמיט געפּרוּווט ווירקן אויף מיר און אויף אַלע אַרומיקע הויז־שכנים און מיטגלידער פון אָ. פּ. ל. וואָס זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט.

איך האָב קוים געזען מיין פריינד, דעם דירעקטאָר. איך האָב אָבער געפילט זיינע אויגן, עכטע ייִדישע, פריינטלעכע, ליבע, איבערגעגעבענע, וואָס ווינטשן גוטס און זענען שטענדיק גרייט אויך צו טון עפּעס פאַר דיר.

איך האָב געוווסט אַז ד״ר אַלטער וועט מיך נישט פאַרפירן. ער מיינט עס באַשטימט נאָר פאַר מיין און זייער אַלעמענס טובה.

געֶרעדט האָט דערנאָך די פרוי יעלעניעווסקי, די הויז־אייגנטימערין. זי איז געווען אַ יונגע, שיינע קראַנקן־פלעגערין. האָט זיך אין איר פאַר־ליבט אַ רייכער פּוטער־סוחר, חתונה־געהאַט מיט איר און אין נדן געקויפט אַ פּאָר הייזער אין וואַרשע. זי, ווי די הויז־באַזיצערין און פרוי פון איינ־פלוס, איז נאָמינירט געוואָרן, מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, ווי די פירערין פונעם אָ.פּ.ל. זי האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצן קאָמיטעט און... ביז היינט איז מען נאָך נישט צוגעטרעטן צו דער אַרבעט, ווייל זי האָט נאָך ביז היינט קיין שום אינסטרוקציעס נישט באַקומען.

— דאָקטאָר — האָט זי געטענהט — איר מוזט איבערנעמען די ליי־טונג, ווי מיין וויצע־פּרעזעס. און דאָס וואָס איר ווייסט נישט וואָס צו טון, איז דאָס קיין שום אַרגומענט נישט. קיינער ווייסט נישט וואָס צו טון. איינס ווייסן מיר, אונדזערע הייזער זענען אין סכנה. די הייזער קאָ־נען ברענען, ווייל מע וואַרפט ברענבאָמבעס; אונדזערע קינדער קאָנען חלילה געניזוקט ווערן. דער שונא איז שטאַרק, און מיר, פּוילישע בירגער, דאַרפן וויסן, אַז הייליק איז די לאָזונג פון אונדזער פירער און מאַרשאַל;

„שטאַרק, פאַראייניקט און פעסט" און קיין שום שונא וועט אונדז נישט בייקומען.

די פוילישע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, די אמתע פאָלאַקן, האָבן געשוויגן. זיי האָבן געפילט, אַז די ייִדן מיינען דאָס ערנסט מיט זייער פאַטריאָטיזם און צוגעבונדנקייט צו דער פוילישער ערד, האָבן זיי געמוזט פאָטאַקעווען און מיטברומען.

אַזוי אַרום בין איך געוואָרן דער פּרעזעס, וויצע־פּרעזעס און אָנפּי־רער פונעם פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט פון אַ הויז אויף לעשנע־גאַס אין וואַרשע.

קאַפּיטל צוויי

אַ פּלאַן

אַ האַלבע נאַכט האָב איך פאַרבראַכט אויף איבערלייענען די זייער וויכטיקע בראַשורן וואָס די פּוילישע רעגירונג און דאָס מיליטער האָבן צוגעגרייט פאַר די קאָמיטעטן פון ציווילער פאַרטיידיקונג. פון גאַנץ פרי אָן בין איך צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

אין דריטן טאָג פון דער מלחמה, דעם 3טן סעפּטעמבער ביי מיטיק, האָט דער ראַדיאָ מודיע געווען, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן אָפּי־ציעל דערקלערט דייטשלאַנד מלחמה. די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, און דער מלוכה־פּרעזידענט בתוכם, האָבן געשיקט אָנערקענונג־ווערטער פאַר די גרויסע אַליאירטע און דערמונטערונג־ווערטער פאַר דער באַפעלקערונג.

און געניטיקט האָט מען זיך זייער שטאַרק אין דער דערמונטערונג.

אַזוי ווי צו באַווייזן דער וועלט, דער פּוילישער מדינה, דער הויפּט־שטאָט וואַרשע, דער פּוילישער אַרמיי, די יידן און די קריסטן צוזאַמען, אַז ער, דער דייטש, לאַכט פון זיי, פון אַלע אינאיינעם, האָט עס באַלד גענומען באָמבאַרדירן, אַז ס'איז אַלעמען באַפאַלן אַ שרעק. פריִער, בשעת דער מעלדונג פון ראַדיאָ, אַז די אַליאירטע טרעטן אַריין אין קריג, האָבן מענטשן געפּאַטשט בראַוואָ, זיך געוואָרפן קושן איינער דעם אַנדערן, זיך געהאַלדזט, אַפילו געקושט די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אַלע זענען געווען זי־כער, אַז איצט איז פּוילן געראַטעוועט; איצט וועט דאָס שוין לאַנג נישט דויערן, היטלער וועט מוזן אָפּציִען זיין מיליטער און זיינע באָמבאַרדי־רערס, ווי מ'האָט גענומען רופן די באָמבעס־וואַרפנדיקע אייראָפּלאַנען, און וואַרשע וועט אַביסל אָפּאָטעמען. און דאָ פלוצלינג האָבן זיך באַוויזן אַ סך מער אייראָפּלאַנען און געוואָרפן מער באָמבעס, געמאַכט מער שריפות און גרויסע היזקות. ס'איז אַפילו אַ פּאָר מאָל געוואָרן אַ בהלה ביי אונדז אין די הייזער. מ'איז געקומען צו לויפן צו די פּוילישע שכנים פון הויז מיט אַ געוויין און געיאָמער, אַז די באָמבעס האָבן געהרגעט אַ גאַנץ היפּ־

שע צאָל מענטשן, פרויען און קינדער, בעיקר אויף די פאָרשטעט, דאָרט ווו עס וווינט די אָרעמערע פוילישע באַפעלקערונג. איינמאָל, צוויי מאָל, האָבן זיך דעם טאָג די איירעפּלאַנען דערנענטערט ביז אין צענטער שטאָט אַריין. מ׳האָט זיי שוין געפילט ממש אויפן קאָפּ און די צעמישונג איז שרעקלעך געוואַקסן. אפשר נאָך מער ווי פריער. פאַר די פּאָר מינוט פרייד האָט וואַרשע געגומען באַצאָלן מיט טויט־שרעק. דער שרעקלעכער גע־רויש פון די איירעפּלאַנען, בשעתן פליען, נאָך איידער זיי וואַרפן די באָמ־בעס אָדער אַפילו פון די אויסשפיר־איירעפּלאַנען און דאָס זשומען אין די שלייפן, אין קאָפּ, האָט כמעט נישט אויפגעהערט. איינער איז אַוועק, זע־נען צען אַנדערע געקומען.

דער ראַדיאָ האָט איצט נאָך פאַרגרעסערט דעם פּחד שרייענדיק און מעלדנדיק אַלע מאָל וועגן נייע אַלאַרמען.

באַהאַלטן זיך, אין אַ סכראָן, אַ שוצקעלער, באַהאַלטן דעם גוף און נאָך מער באַהאַלטן דעם מוח, ער זאָל נישט אַזוי הודען, נישט צעזעצט ווערן און אַרויסשפּרינגען פון שאַרבן אַרויס.

צוזאַמען מיטן קאָמיטעט זענען מיר געלאָפן און אַרומגעלאָפן איבערן גאַנצן הויז, איבער אַלע דריי הייף, אַלע צענדליק קעלערן און געזוכט אַן אָרט ווו צו מאַכן דעם שוצקעלער.

אמת, אַז אַ וואָך פאַר דער מלחמה האָט מען אַרויסגעטריבן כמעט אַלע מענער, זיי זאָלן בויען לאַנגע פּאָסעס צו צוואַנציק מעטער די לענג, איין מעטער די ברייט און איין מעטער די טיף, אין די ווייטע פאָרשטעט פון וואַרשע. איצט האָט מען געקאָנט זען, ווי נאַריש, אומבאַהאָלפן און אפשר פאַרעטעריש די גאַנצע אַרבעט איז געווען. צי קאָן מען בשעתן באָמבאַרדירן לויפן צענדליקער קילאָמעטער ווייט, כדי זיך צו באַהאַלטן דאָרט אין אַ „סכראָן”? און וואָס פאַרא שוץ, מישטיינס געזאָגט, קאָן שוין געבן אַן אָפענע, פלאַכע, פּאָסע? אַ געניטע האַנט האָט, ווייזט אויס, גע־פירט פוילן צום אָפּגרונט, נאָך איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

באַלד איז געקומען די צווייטע אַרבעט פון דער געניטער האַנט פון טייוול.

זוכנדיק און פאָרשנדיק האָבן מיר אויסגעפינען אַ פאַסיקן, טיפן קע־לער, אונטערן הויפּט־בלאָק פון אונדזער פירשטאָקיקן הויז, און צונויפגע־שלעפּט אַלע גראָב־מכשירים, כדי דעם קעלער צו פאַרטיפן, פאַרגרעסערן, ער זאָל זיין צוגעפּאַסט אַריינצונעמען אַלע איינוווינער פון הויז. מיר האָבן

אויסגעבאָרגט ביי אַ צווייט הויז אַ שלאָסער, וואָס זאָל באַוואָרענען די אייזערנע טיר און געשטעלט זיך צו דער אַרבעט. אויך האָבן מיר געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל זיין אַ צווייטע נויט־טיר, טאָמער פאַלט איין דאָס הויז אָדער די באָמבע פאַרשיט דעם איינגאַנג, אָדער אַן אַנדערע צרה מאַכט אוממעגלעך דאָס באַנוצן זיך מיט דער אויסגאַנג־טיר, — זאָל מען כאַטש האָבן אַ רעזערוו־טיר. מ׳האָט צונויפגעשטעלט בענק, לאָמפּן, טישן, בעט־לעך און אַנדערע קעלער־מעבל אויף איבערצוהאַלטן אַ באָמבאַרדירונג.

אָבער דאָ איז אָנגעקומען די יעלעניעווסקי און מיט איר אַ ריי אַנ־דערע איינוווינער פון הויז און אויך פון אַנדערע הייזער און האָבן איבער־געגעבן בסוד־סודות, אַז ס׳איז נישט נייטיק צו בויען קיין שוצקעלערס קעגן באָמבעס, ווייל דער עיקר וועט זיך היטלער באַניצן מיט גאַז, אויס־צושטיקן די גאַנצע באַפעלקערונג.

זיי וויסן דאָס פונעם ערשטן קוואַל, פון די מיליטערישע קרייזן אַליין.

מע טאָר דעריבער נישט בויען קיין שוצקעלערס אונטערן הויכן בלאָק און נישט מאַכן אים טיף און נישט מיט צוויי אויסגענג. פאַרקערט, מע דאַרף אים מאַכן אין דריטן הויף, כמעט אויף דער פרייער לופט, ווייל די גאַז־פּאַכמענער האָבן דערקלערט, אַז אויב עס פּאַרכאַפּט עמעצן גאַז אין אַ שוצקעלער, איז ער אַ זיכערער בר־מינן, דאַקעגן אויף דער לופט שאַדט אים כמעט נישט אָדער גאָר אַ קלייניקייט.

מ׳האָט אויפגעהערט בויען דעם שוצקעלער אינעם הויז אויף לעשנע, אין אַלע הייזער אויף לעשנע און אפשר אין אַלע הייזער פון אַלע גאַסן.

דאָס איז געווען די גרעסטע דיווערסיע וואָס דער דייטשער איבער־פאַלער האָט געקאָנט מאַכן. אויב עס זענען געפאַלן אין וואַרשע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קרבנות בשעת דער באָמבאַרדירונג אין סעפּ־טעמבער 1939, איז עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען אָט דעם פעסט־ און אומגליק־ברענגענדיקן סוד פון וואַרפן גאַזן. דער סוד, די טייוו־לאָנישע חכמה האָט געהאָלפן באַזיגן צוערשט די ציוויל־באַפעלקערונג און שפּעטער די נערוון פון דער מדינה און צום סוף דאָס מיליטער.

עפּעס האָבן אַלע געפילט, אַז עס איז נישט אין אָרדענונג, אַז אַ גרויסער שאָטן פון אַ שטן לייגט זיך אויפן לעבעדיקן גוף פון דער מדינה און אירע איינוווינער און פאַרשטעלט דעם אמת, פאַרפינצטערט די עק־זיסטענץ. אָבער דעם טייוולס מאַשין האָט געאַרבעט גוט און נישט דער־

לאָזט קיין פלאַץ פאַר קריטיק. די שטים פון די, וואָס האָבן געוואָרנט, איז אַנטשוויגן געוואָרן אינעם כאָר פון היסטעריע און פּחד פון די פּרויען־מאַמעס, וואָס זענען געלאָפן ביי יעדן ראַדיאָ־אָנזאָג פון אַלאַרעם אַרויף אויף די שטאָקן אַראָפּשלעפּן די קינדער, וואַכנדיקע צי שלאָפנדיקע און אַרומגעטוליעט אונטער זיך, ווי אַ קוואָקע, געזעסן מיט זיי צוזאַמען, געציטערט, געוויינט, געקושט און געשעפּטשעט תפילות.

אין אונדזער שטוב האָט מיין פרוי, צוזאַמען מיט די צוויי קריסטלעכע מיידלעך און יאָסימאַן דורכגעפירט די שטילע אָבער קאָנסעקווענטע רעוואָלוציע. אַ גאַנצן טאָג האָט מען איינגעקויפט, געליען, אויסגעטוישט, אויסגעזוכט אַ ים מיט שמאַטעס, גאַנצע בלעכן בוימל מיט פאַרשידענע שמירעכצער, וואַטע, אייזנס, שטעקנס, טשוועקעס, דרענגלעך און אָנגעגרייט דעם ריכטיקן שוץ קעגן גאַז. מ׳האָט אויסגעקליבן אַ צימער, אין אונדזער גרויסער וווינונג פון די פינף צימערן מיט פאָרצימערן, אַ צימער וואָס האָט געהאַט נאָר איין טיר און איין פענצטער, דער גאַז זאָל נישט האָבן דורך וואָנען אַריינצודרינגען. אַלע שפּאַרונעס פון דער שוועל ביז צום אייבערשטן טיר־פענצטערל האָט מען פאַרקלאַפּט מיט שמאַטעס, דערנאָך פאַרשטופּט מיט וואַטע, איינגעטונקענע אין ספּעציעלע בוימלען און שמירעכצער, אַפילו דעם לאָך פון שליסל האָט מען נישט פאַרגעסן גוט צו באַוואָרענען. אַלע שפּאַרונעס, שפּאַלטן, מילבן־לעכעלעך האָט מען פאַרשטעקט מיט קלעצלעך, שפּענדלעך, שמאַטעס און וואַטע אינעווייניק. און אין דער באַוואָרעניש האָט מען אַריינגעטראָגן אַ גאַנצן מאַגאַזין פון קאָנסערוון און אַנדערע „אייזערנע" שפּייז־פּראָדוקטן, אַ פּרימוס מיט אַ נאַפטמאַשין און מ׳האָט געוואַרט אויפן... גאַז־אַטאַק.

מ׳האָט אַפילו נישט פאַרגעסן כלים פאַר מענטשלעכן באַדאַרף ווי אויך ליטעראַטור און אַנדערע ציוויליזאַציע־דערגרייכונגען. אַהיימקומענדיק האָב איך קוים געהאַט פּלאַץ זיך דורכצושטופּן, ווייל לויט די גענויע פאַרשריפטן דאַרף מען די טיר עפענען וואָס ווינציקער, כדי מע זאָל שפּאָרן קלעפּעכץ און נישט דאַרפן פאַרריכטן מיט שמירעכץ די טיר נאָך יעדן עפענען. פנינה האָט מיר דערקלערט, אַז זי מיט יאָסימאַן האָבן באַשלאָסן דאָ צו זיצן און איבערוואַרטן די מלחמה. די צוויי קריסטלעכע מיידלעך האָבן פאַטאַקעוועט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ צו די ווערטער פון זייער אינטעליגענטער און וויטזיכטיקער באַלעבאָסטע.

איך בין אַרויס פון מיין אייגענער שטוב ווי אַ פּאַרטשאַדעטער, גלייך ווי אַ גאַז־באָמבע וואָלט מיך שוין געהאַט געטראָפן. באַלד אָבער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז מיין פרוי איז נישט די איינציקע קאָנסטרוקטאָרין פון דעם איינפאַל. די פרוי יעלעניעווסקי און די פרוי פון ד״ר אַלטער און אַלע די רייכערע, די וואָס האָבן גרעסערע דירות און קאָנען אויסגעפינען אַזאַ ספּעציעלן צימער — האָבן שוין געמאַכט אָדער גרייטן זיך צו מאַכן אַזעלכע אַנטי־גאַז־פעסטונגען.

בלויז די אָרעמע איינוווינער פון הויז, מייסטנס די פּאָלאַקן, וואָס ווּינען אין איין צימער אָדער אין צוויי קליינע צימערלעך, שטייען איצט אין פּינצטערן הויף און קוקן אַרויף צו די הויכע פענצטער פון די גרויסע דירות מיט קנאה און שנאה. זיי וועלן נישט קאָנען אָפּראַטעווען זייערע קינדער פון אַ גאַז־טויט. עטלעכע פון די אָרעמע פרויען האָבן פאַרגעשלאָגן אַרויפצוגיין צו די רייכערע אין זייערע אַנטי־גאַז־צימערן און זיך דאָרטן אָוועקזעצן מיט די קינדער.

איך און אַנדערע מיטגלידער פון אַ.פּ.ל.־קאָמיטעט האָבן געפּרוווּט געבן צו פאַרשטיין, אַז דער גאַנצער ענין שטימט נישט; אַז דער עיקר זענען שוצקעלערן קעגן באָמבעס, געפּרוווּט אָנווייזן אויף די לונעס אַרום וואַרשע, וואָס ברענען און ווייזן, אַז ברענבאָמבעס און צינדבאָמבעס און צעשטער־באָמבעס זענען דער כלי־זין, מיט וועלכן דער שונא באַנוצט זיך. אונדזערע ווערטער האָבן אָבער געהאַט אַ שוואַכן, גאָר שוואַכן אָפּקלאַנג.

ביינאַכט האָט מען געבראַכט צופירן אַ לייכט־פאַרוווּנדעטן, דעם זון פונעם טויער־וועכטער פון שכנותדיקן הויז, אַ געזונטער, שטאַטישער מיטל־אינטעליגענטער, פּאַטריאָטיש־געשטימטער 21־יאָריקער סאָלדאַט, אַן אונטעראָפיציר, וואָס איז לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן לעבן מלאַווע און איז אַוועק, צוזאַמען מיט נאָך אַ פריינד, צום פאָטער קיין וואַרשע.

די ערשטע, אפשר אויטענטישע ידיעות פון ערשטן, גרויסן געראַנגל צווישן דער דייטשער אַרמיי און פּוילישן מיליטער.

די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער. אומעטום פּאַראַט, געמיינער, מיאוסער פּאַראַט. און פון דער אַנדערער זייט אמתע, ערלעכע, העלדישע, באַרימטע פּוילישע גבורה און מוט.

שוין אין ערשטן מלחמה־טאָג זענען די דייטשן מיט לייכטקייט אַריבער די גרענעץ און געשפּאַנט אייליק פאָרויס. דייטשע אייראָפּלאַנען האָבן

באַשאָסן מיט גענויער פּינקטלעכקייט יעדע מיליטערישע פּאָזיציע. אַזוי ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אונטן, לעבן די דאָזיקע פּאָזיציעס און די פּוילישע אייראָפּלאַנען זענען אינגאַנצן נישט געווען אויפן פּלאַץ אָדער זענען געווען אומפעיִק צו דער אַקציע. אַ פּאָר טעג פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט דער הויפּט־טעכנישער קאָמענדאַנט פון פּוילישן לופטפלאָט, דער פּולקאָווניק ראַיסקי, געהייסן פּוצן און צוגרייטן די אייראָפּלאַנען. כדי זיי גוט צו פּוצן, האָט מען זיי דערווייל צענומען, פונאַנדערגעטיילט און צעלייגט. און כמעט קיין איין פּוילישער אייראָפּלאַן האָט זיך נישט באַוויזן אַקעגן צו שטעלן דער שרעקלעכער דייטשער לופט־אַרמיי מיט אירע עסקאַדרעס ווען זיי האָבן גענומען באָמבאַרדירן. אַלע זענען געווען צענומען, אָנגעגרייט צום פּוצן. דאָס ווילדע געוויש פון די דייטשע אייראָפּלאַנען און די שרעקלעכע אומבאַהאָלפנקייט פונעם פּוילישן סאָלדאַט, וואָס האָט דערפילט, אַז ער איז אַליין, אַז מ׳האָט אים פאַרלאָזט און פאַראַטן, האָט געבראַכט דערצו, אַז די אַרמיי האָט אָנגעהויבן אין פּאַניק צו אַנטלויפן. דערצו איז נאָך צוגעקומען די מכה פון די טאַנקען, וואָס זענען נישט געווען גרייט צום קאַמף און האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דרוק פון די שטאָלענע וואַלצן פון די דייטשע שערמאַנס.

נאָך אַ טאָג לויפן און אַנטלויפן, האָבן זיך אַ פּאָר רעגימענטן צוזאַמענגענומען און לעבן פּלאָצק און אַרום פּלאָנסק געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אויף אייביק וועט בלייבן אַ מוסטער די העלדנמוטיקייט פון די דאָזיקע פּוילישע סאָלדאַטן. זעענדיק, אַז מיט כלי־משחיתים וועלן זיי זיך נישט קאָנען אַקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן שונא מיט זיין טעכנישן איבערגעוויכט, זענען זיי געלאָפן אַקעגן די דייטשע טאַנקען מיט ביקסן און באַגנעטן. די געשרייען „הוראַ! נאַ באַגנעטי“, האָבן פאַרהילכט די פעלדער. די דייטשן זענען אַנטלאָפן אין בהלה. די פּוילישע סאָלדאַטן האָבן דערגרייכט טויזנטער פון זיי און אין שרעקלעכן באַגנעטן־געפעכט זיי אַוועקגעלייגט טויט. די פעלדער פון די דאָזיקע געגנטן זענען פול געווען מיט דייטש און פּויליש בלוט. די דייטשן האָבן אָבער געבראַכט פאַרשטאַרקונג אין טאַנקן און האַרמאַטן, וואָס האָבן, צוזאַמען מיט די פייערשפּייענדיקע און מוח־רייסנדיקע באָמבאַרדיר־אייראָפּלאַנען, געזייעט טויט און אומקום. די פּוילישע אַרמיי נעמט זיך גיך צעפאַלן, זי ווערט געליימט. דער יונגער סערזשאַנט האָט באַלד צוגעגעבן, אַז נאָר די צפון־מערבדיקע

מיליטער־טיילן. די רעשט אַרמיי, בעיקר די וואַרשעווער און אַנדערע גאַר־ניזאָנען, ווו דער מאַרשאַל פון פוילן אַליין האָט איבער זיי די אויפזיכט, וועט געבן די אמתדיקע לעקציע דעם פאַרשאַלטענעם שוואַב, דעם פינצ־טערן פּרוסאַק, דעם אייביקן שונא פון פוילן. ער אַליין איז געקומען צו־לויפן צום טאַטן, איבערליגן אַביסל, אויסהיילן דעם פוס און צוזאַמען מיטן וואַרשעווער גאַרניזאָן נעמען לערנען בלק מיט די שוואַרצע שונאים וואָס גייען פון צפון־מערב קיין וואַרשע.

ער האָט אויך איבערגעגעבן, ווי באַרבאַריש דער דייטשער רוצח באַ־גייט זיך מיט דער ציוויל־באַפעלקערונג. באַגינען, אַרום 5, 6 אין דער פרי, אין ערשטן מלחמה־טאָג, דעם ערשטן סעפּטעמבער, האָבן זיך באַוויזן אַי־בער אַלע באַנען אין מערב און צפון פון פוילן אײראָפּלאַנען הויך אין דער לופטן. די פוילישע פּאַסאַזשירן פון די פוילישע באַנען אויף פוילנס ערד זענען געווען זיכער, אַז דאָס זענען פוילישע אַוויאָנען. אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ פון די פענצטער, געעפנט טירן און הילכיק באַגריסט די פוילישע אַוויאָנען. אַ סך האָבן גענומען וואַרפן קאַ־פּעלושן און היטלעך אין דער הויך. פרויען האָבן איבערגעשיקט לופט־קושן צו די מוטיקע יונגלעך „אונדזערע״. גאַר פּלוצלינג האָבן זיך די איי־ראָפּלאַנען בליצשנעל געגעבן אַ לאָז אַראָפּ און איידער וואָס ווען, איידער עמעץ האָט זיך געקאָנט אָריענטירן, האָבן זיי גענומען האָגלען מיט באָמ־בעס און שיסן מיט מאַשין־געווער. מע ווייסט נישט וויפיל ציווילע פּאַ־לאַקן עס זענען דאַן געהרגעט געוואָרן. זיכער איז, אַז זייער צאָל איז אַ ריזיק־גרויסע. הונדערטער באַנען, טויזנטער וואַגאָנען און צענדליקער טויזנטער פּאַסאַזשירן, אומבאַוואָפנטע, רויִקע, האָבן באַגריסט האַרציק און ערלעך די מערדערלעכע פּרצופים פון רוצחישע פּילאָטן. און טויזנטער פרויען און קינדער זענען געפאַלן און פאַרווונדיקט געוואָרן, בשעת זיי האָבן איבערגעשיקט קושן און ברכות אָט די דייטשע יונקערס, הענקערס און מערדערס.

פון זיין פריינד, וואָס איז געקומען מיט אים, האָט מען געהערט, אַז אַ טייל פון דער פוילישער אַרמיי האָט דאָך באַוויזן אַריינצודרינגען קיין דייטשלאַנד און אַז די פוילישע מאַנשאַפט אויף די קריגשיפן אין דאַנציק קעמפט ווי אַ לייב און פאַריאָגט די דייטשע אינוואַזאָרן.

אויך האָט ער איבערגעגעבן, אַז אַ טייל פון דער פוילישער צעשלאָ־

גענער אַרמיי איז אַנטלאָפן אין די וועלדער אַריין און פון דאָרט וועט זי איבערפאַלן אויף די דייטשן, וואָס וועלן פרוון גיין פאָרויס אויף וואַרשע און נאָך ווייטער צום הארץ פון פוילן.

גלייכצייטיק איז באַפאַלן דער פּחד פון דיווערסאַנטן אויף די שטאָטישע איינוווינער פון וואַרשע. די דייטשן וואַרפן אַראָפּ מיט פאַל־שירעמס גוט אויסגעלערנטע סאָלדאַטן, וואָס פאַלן אַן הינטערווילעכץ אויף דער פוילישער אַרמיי, צעשטערן בריקן, שעדיקן טאַנקן, מאַכן קאַליע אייראָפּלאַנען און אַזוי אַרום מאַכן זיי דאָס פוילישע מיליטער אומפעיִק צום קאַמף. די דאָזיקע דעסאַנטן האָבן אויך אַן אויפגאַבע צו פאַרסמען אַלע ברונעמער אין פוילן, כדי דאָס מיליטער און די באַפעלקערונג זאָל אויפפּלאַצן און אויסגיין אין יסורים.

ווען דער פוילישער ראַדיאָ האָט מאַנטיק אינדערפרי, דעם פערטן סעפּטעמבער, געמאָלדן אַן אַלאַרעם און אָנגעהויבן אָנגעבן ציפערן מיט אינסטרוקציעס, האָבן אַ סך געפילט, אַז זיי זענען שוין ביים סוף פון זייערע כוחות איבערצוהאַלטן די שווערע און מערדערלעכע קלעפּ פונעם שונא.

עס האָט נישט געהאָלפן די דערקלערונג, אַז דאָס גיט ער אָן, דער ראַדיאָ, אינסטרוקציעס פאַר די זעניט־האַרמאַטן, פאַר די פוילישע האַרמאַטלעך, וואָס שיסן אַרויף צו די דייטשע אייראָפּלאַנען, און אַז מע דאַרף זיך וועגן דעם נישט שרעקן. פאַרקערט, מ׳האָט נאָך מער גענומען ציטערן.

גאַז, דיווערסיע, דעסאַנטן, באָמבעס, פייער, האַרמאַטן! אין משך פון דריי טעג דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען צו שווער פאַר אַ נאָרמאַלן מענטשלעכן קאָפּ. און איצט נאָך ברונעמער־פאַרסמונגען גאַז־שטיקענישן...

דערווייל ווערט דאָס באָמבאַרדירן וואָס אַמאָל אָפטער און העפטיקער. מבינים דערקענען שוין אַ צינד־באָמבע, אַן אויפרייס־באָמבע, אַ טויט־באָמבע. אַ סך ווייסן, ווען די זעניטן שיסן, ווען דייטשע אויסשפּיר־אייראָפּלאַנען פליִען און ווען זיי ווייזן אָן די באָמבאַרדירערס דעם וועג. אַנדערע דערקענען אַפילו דאָס מאַשין־געוויער פון פוילישע יעגער־אַוויאָנען. כאָטש די מורא פייניקט דעם מוח, רייסן זיך אַ סך אַרויס קוקן אין הימל אַריין, כדי צו טרעפן דעם מין און קאַטעגאָריע פון די שיס־משחיתים.

די ראַדיאָ־ידיעה וועגן ענגלאַנדס און פראַנקרייכס אָנזאָג אויף הילף האָט זיך נאָך געטראָגן אין בלוט, פונקט ווי אַדרענאַלין וואָס ווערט אַריינגעשפּריצט אין די אָדערן צו שאַפן ענערגיע, און ביי דער גאַנצער שרעק,

ביים גאַנצן פחד האָבן אַלע ווייטער געגלייבט, אַז אַלץ, דער גאַנצער קאָש־מאַר, וועט באַלד פאַרשווינדן. ווי נאָר די ענגלישע אייראָפּלאַנען און די פראַנצויזישע אַרמיי וועלן געבן אַ מאַרשיר אַרויס, וועט זיך דער דייטש תיכף אָפּטראָגן פון וואַרשע, די פּוילישע אַרמיי וועט פרייער אָפּאָטעמען און געבן אַ יאָג דער פאַרקלענערטער דייטשער קריג־מאַשין. מ'האָט פשוט געוואַרט אויפן דאָזיקן מאָמענט.

דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק צום ענגלישן גענעראַל־קאָנסולאַט אויף דער אַלעע־רוזש. איך בין לאַנגע יאָרן געווען דער געשוואָרענער איבערזע־צער און בעל־יועץ פון ארץ־ישראל־ענינים ביים ענגלישן קאָנסולאַט. הונ־דערטער א״י־בחורים זענען דורך מיין הילף געפאָרן מיט פּוילישע חלוצות קיין ארץ. איך בין גוט באַפריינט געווען מיט די מיטגלידער פון גע־נעראַל־קאָנסולאַט און ס'איז כדאי זיך מיט זיי צו באַראָטן.

נישט אַזוי לייכט איז מיר אָנגעקומען דאָס גיין אַהינצו. צוערשט האָב איך געוואָלט גיין מיט יאָסימאַן, איך האָב זי אָבער באַלד געמוזט איבערלאָזן און גיין אַליין.

וואַרשעס מלחמה־פּרצוף איז געווען גאָר נישט קיין שיינער. עס האָבן נאָך פונקציאָנירט דער טראַמוויי, די באַנען, דראָשקעס, געשעפטן זענען נאָך געווען אין אַ סך ערטער אָפן. עס זענען אָבער שוין געלעגן הויכע בערג מיסט, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט נישט צוגענומען. די היץ, וואָס האָט געהערשט איצט אין סעפּטעמבער, וואָס איז געוויינלעך אַ האַרבסט־חודש, האָט געשאַפן אַ פאַרשוויצטע, פאַרשטויביקטע פּאַנאָראַמע. דורך די פינצטערע נעכט אין לויפּעגישן און אַנטלויפּענישן זענען געשעדיקט געוואָרן די טראָטואַרן, פּאַרקן און סקווערן. דער באַרימטער, שיינער פּוי־לישער האַרבסט איז פאַרשווונדן אין דעם יאָר. ס'האָט אים פאַרטרעטן אַ שפּעט־זומערדיקער, פאַרשוויצטער, צעיאָכמערטער, אָנגעשטרענגטער הימל און אַ ציטערנדיק־אומרויִקע ערד.

די גאַסן, אַפילו אין צענטער, זענען געווען נערוועז. מענטשן זענען נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, אָדער געקראָכן, געדרוקט זיך נאָענט צו די הייזער, צו די טויערן, טאָמער וועט מען דאַרפן אַריינלויפן בשעת אַ באָמ־באַרדירונג.

אויסער דעם צענטער האָט מען שוין געטראָפן שפּורן פון מלחמה־רויִק. מענטשן אַנטלאָפענע פון די ברענענדיקע פאַרשטעט, פון אַ צעשטערט

הויז נישט ווייט פון די בריקן. דראשקעס זענען געלאָפן. אויטאָמאָבילן האָבן זיך זעלטן באַוויזן. ס'האָט שוין געפעלט בענזין און נאַפט. עס זענען שוין געווען די ערשטע שפורן פון מאַנגל און הונגער. אַ סך שפּייז־פּראָ־דוקטן האָבן געגומען פעלן, סוחרים האָבן פאַרשטעקט זייערע מאַגאַזינען סחורות און אַרויסגעגעבן נאָר פאַר זייערע „בעסערע" און רייכערע קלי־ענטן צו אַ גאָר הויכן פּרייז. אַרויסגעגעבן עס נישט פאַרנט־אַרום נאָר דורך די הינטער־טירן. פאַר אַ סך בעקערייען האָט מען שוין געזען שטיין לאַנגע רייען. מ'האָט זיך שוין דאָרט געשלאָגן און געאַמפּערט ווענן אַן אָרט און באַלד זיך צעלאָפן, ווי נאָר מ'האָט דערהערט אַ שאָס אָדער דעם גערויש פון אַן אַנפלי.

אויף דער אַלעע־רוזש, איינע פון די אַריסטאָקראַטישסטע וואַרשע־ווער גאַסן, אין ביוראָ פון גענעראַל־קאָנסולאַט זענען געווען כמעט אַלע.

פראַנק סאַוועריי, דער גענעראַל־קאָנסול, דער טרוקענער, הויכער, אינ־טעליגענטער ענגלענדער, האָט מיך אויפגענומען מיט דער אייביק־רויקער, פלעגמאַטיש־סטאָישער ענגלישער קאַלטבלוטיקייט, באַפאַרבן מיט אַ קוים אָנזעעוודיקער, כאָטש עקזיסטירנדיקער פריינטשאַפט.

די פענצטער פונעם הויז זענען געווען אַלע גוט פאַרדעקט און פאַר־טונקלט. די ביוראָ־טישן כמעט אַלע קאָנצענטרירט אין צוויי־דריי צימערן, די איבעריקע צימערן — ליידיק.

זעענדיק דאָס בילד האָב איך זיך צעשמייכלט. נאָך צוריק מיט אַ פאָר טעג, פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, זענען אַלע ביוראָ־טישן געווען צו־געררוקט צו די ווענט, אַביסל דערווייטערט פון די פענצטער, אויף אַ בפּי־רושער פאַראָרדענונג פונעם אַמבאַסאַדאָר. געשטאַנען זענען זיי אַזוי צו־ליב דער בית״ר־דעמאָנסטראַציע. ווען דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר איז געוווּיר געוואָרן, אַז ביתרים גרייטן זיך מאַכן אַ מאַניפעסטאַציע קעגן ענג־לאַנד פאַר איר שלעכטן אויפפירן זיך אין ארץ־ישראל, האָט ער פאַרשטאַ־נען, אַז מע וועט דערביי וועלן אויסזעצן שויבן און וואַרפן שטיינער אויך. האָט דעמאָלט סאַוועריי באַשטעלט אַן אינזשיניער אַ באַליסט, אַ ספּעציאַ־ליסט אין וואַרפן, וועלכער קען געניי די וואַרף־געזעצן און לויט דעם אינ־זשיניערס אינסטרוקציעס האָט מען אָוועקגערוקט די טישן אין די ביוראָען אויף אַזאַ מין אופן, אַז די שטיינער, וואָס וועלן קומען פון דער גאַס און דערגרייכן דעם צווייטן שטאָק, זאָלן נישט אָנטון די ביוראָ־טישן און די

מענטשן קיין שום שאָדן, ווען זיי וועלן אַריינפאַלן דורך די שויבן אינעווייניק. וכך הווה. איצט האָט מען די ביוראָ־טישן אַוועקגעשטעלט גאָר אַנדערש.

קאַזימיר פּראַוס, דער ערשטער סעקרעטאַר, האָט מיר מיט אַן ענגליש־פּוילישן פּסיידאָ־פּריינטלעכן, אמת־אַנטיסעמיטישן שמייכעלע דערקלערט, אַז דייטשן זענען נישט קיין ביתרים. אין הילכות שיסן און באָמבעס־וואַרפן זענען זיי גאָר בקי, און מע דאַרף אָננעמען ספּעציעלע פאָרזיכטיקייט־מיטלען.

איך האָב אויך דאָ געפרעגט אַן עצה. עפּעס האָט דאָס האַרץ מיר געזאָגט, אַז מע טאָר נישט וואַרטן, ביז די עצה וועט אַליין וועלן קומען. די עצה איז אַ זקנה, שווער זי זאָל אָנקומען אין דער ריכטיקער צייט.

איך האָב אָבער באַלד דערפילט, אַז אונטערן קילבלעך־העפלעכן ענגלישן ספּלין מיט זיין שטומשווייגנדיקן איזאָלאַציאָניזם באַהאַלט זיך אַן אומזיכערקייט, אַן אומקלאָרקייט, וואָס איז גאָר נישט ווייט פון דעם וואָס ייִדן רופן מורא.

פּראַוס און דער טעכנישער סעקרעטאַר וולאַדיסלאַוו האָבן אויך מיט האַלבע ווערטער באַשטעטיקט, אַז כאָטש ענגלאַנד איז אַריין אין קריג, געוואָרן פּוילנס אַלייִרטער, וועט זיך די אַמבאַסאַדע לאַנג נישט האַלטן. אין געהיים האָבן זיי מיר איבערגעגעבן, אַז אין די העכערע שטאָקן, אין די פּריוואַטע דעפּאַרטאַמענטן פון די אַמבאַסאַדע־באַאַמטע, פּאַקט מען זיך שוין גאַנץ געשמאַק.

איך האָב זיך אויף אַ ווייל אָנגעכאַפּט אין דעם און געמאָלדן דעם גענעראַל־קאָנסול, אַז איך פּיל זיך ווי אַ באַאַמטער פונעם קאָנסולאַר־אָפּטייל פון דער אַמבאַסאַדע און וויל טיילן דעם גורל פון אַלע פונקציאָנאַרן.

אַ בליק, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ געמיש פון אַ שפּין, אַ שלאַנג, אַ באַזילישעק און אַ יעזויִט איז געווען זיין תשובה. איך בין אַוועק. איך האָב איצט געוווסט, אַז דאָ בין איך אַ פרעמדער. דאָ בין איך דער ייִד, דער קוים־טאָלערירטער, דער ציוניסט־רעוויזיאָניסט. ענגלאַנדס צוטרוי קער נישט צו מיר. ענגלאַנדס הילף אוודאי און אוודאי נישט.

ווי געשטויסן פון אַן אומרו, ווי אַ פייל אַרויסגעשליידערט פון פיילנביגן, וואָס קאָן זיך נישט איינהאַלטן אין איר פלי, אַזוי בין איך געלאָפן ווייטער.

איך מוז דערגיין, איך מוז קומען צום אָרט פונעם אויסוועג, פון דער איינציקער עצה; וואָס טוט מען. ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך, ווי אַזוי קומט מען אַריבער אָט די קורצע בליץ־מלחמה.

איך בין אַריינגעפאַלן אין רעדאַקציע פון „היינט" אויף כלאָדנע־גאַס.

איך בין שטיין געבליבן מיט אָפענע אויגן פון דערשטוינונג און באַוווּנדערונג. די מאַשינען, אמת נישט אַלע, האָבן געקלאַפּט. זעצערס זענען געלאָפן מיט וואַרעמע מאַטריצן, מיט שווערן האַנטזאַק פון צווייטן הויף, פון דער דרוקעריי אין ערשטן הויף אַריין, צו דער רעדאַקציע, געשלעפּט לאַנגע בויגנס קאָרעקטורן.

— אַ ווונדערלעך פאָלק מיט אַ ווונדערלעכן כוח... — בין איך געבליבן שטיין ווי באַצויבערט.

די וועלט האָט זיך אַ שטאַרקן וואַקל געטון, פונקט ווי מע וואָלט איר אונטערגעהאַקט איין פוס און זי האַלט זיך נאָך נאָר אויפן צווייטן, איינציקן; פוילן ברענט ווי אַ ליכט, וואַרשע ציטערט און פלאַטערט ווי אין אַ פיבער, אין קדחת, אין אַ ווילדער חולאַת; מענטשן לויפן אַרום, ווי מע וואָלט ביי זיי פאַרשטאָפּט די לונגען און זיי קאָנען קיין אָטעם נישט כאַפּן און בתוכם ייִדן — פילן אַוודאי וואָס מיט זיי וועט זיין. דאָס האַרץ, דאָס ייִדישע האַרץ איז אָנגעפילט מיט מורא פאַר די מטורפדיקע, נישט־נאָרמאַלע מעשים פון היטלערן און זיינע יועצים: דאָס ייִדישע האַרץ, וואָס איז תמיד צו קליין אויפצונעמען אַלע צרות, איז היינט אַזוי איבערפולט, אַז ס'וועט זיך באַלד אויסגיסן און אויסרינען צוזאַמען מיטן לעבנס־בלוט... און דאָ, אינעם צעשאָקלטן, צעטרייסלטן וואַרשע — גרייט מען זיך אַרויסצוגעבן אַ נומער, אַ צייטונג, אַ פרישן נומער „היינט".

און פינקלשטיין, ד"ר גאָטליב, איינהאָרן און צווישן זיי אויך ד"ר שיפּער און אַנדערע, אַמפּערן זיך גאָר, גאָר געשמאַק וועגן אַן אויסלייג, אַן אויסטייטש, אַ דעפיניציע פון די קריג־דערקלערונגען און מלחמה־געזעצן. שיפּער באַווייזט מיט היסטאָרישע ראיות, אַז די רעכט פון אַן אָקופּאַנט זענען אַ סך באַגרענעצטער ווי די רעכט פון דער נאָרמאַלער רעגירונג. ער פרעגט אָפּ גאָטליבס באַהויפּטונג, אַז דייטשלאַנד שאַנעוועט נישט קיין אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. ד"ר גאָטליב ברענגט אַרגומענטן הלמאַי ביסמאַרק האָט געזאָגט, אַז מאַכט הייסט רעכט, דער קייזער האָט

געזאָגט, אַז אַן אָפּמאַך ווערט אונטערגעשריבן מיט דער שווערד, בעלגיע איז אין 1914־1915 געוואָרן פאַרנומען אָן אַ קריג־דערקלערונג...

אין דער רעדאַקציע האָט מען באַשלאָסן, אַז דייטשלאַנד האָט יאָ דערקלערט מלחמה פּוילן און אַז פּוילן, בעיקר איר אויסערן־מיניסטער, בעק, האָט געוווסט, אַז דאָס פאַרכאַפּן זאַאָלזיע ביי די טשעכן שמעקט מיט פּולווער. און גערינגס יאַגדוויזיט האָט פאַרלאַנגט פון פּוילן וואַסאַל־פּליכט און אַז דאַנציק איז קיינמאָל נישט געווען ריין־פּויליש...

אָבער די עצה, די עצה איז אויך ביי זיי נישט געווען. דעם וואָרעם, וואָס טאָטשעט דאָס יידישע האַרץ, האָט מען צוגעדעקט מיט תכריכים פון רייד, פון פּילאָזאָפּירן, מיט פּשטלעך.

פאַרלאָזנדיק די רעדאַקציע האָט ד״ר יצחק שיפּער אַ טיפן קרעכץ געטון:

— איך האָב מורא, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון עפּעס זייער שלעכטס, אפשר גאָר פון סוף...

— פון וועלכן סוף? — האָב איך אויפגעכאַפּט.

— פון אַ סוף.

— איז וואָס טוט מען? — האָב איך אונטערגעכאַפּט, דאַרשטיק צו דערהערן אַ וואָרט פון גרויסן היסטאָריקער, אפשר האָט ער דעם שליסל צו דער גרויסער עצה.

— זעכציק טויזנט, כמעט זעכציק טויזנט רשימות האָב איך ביי מיר אין דער היים, אין אַקאַדעמישן הויז. זעכציק טויזנט רשימות, נאָטיצן, דאַטעס, נעמען, ביאָגראַפיעס, באַמערקונגען, אַרכיוו־אויפשריפטן, דערקלע־רונגען, דעקרעטן, צייטונג־אויסשניטן, אויטאָגראַמעס, צייכענונגען, פאָ־טאָגראַפיעס, גלאָסן, ראַנד־באַמערקונגען, אויסצוגן פון שאלות־ותשובות, קיצורים פון רעדעס, דערקלערונגען, אַרטיקלען. זעכציק טויזנט, זעכציק טויזנט — דער פּראָדוקט פון מיין גאַנצן לעבן... רשימות פון פּוילן, פּוי־לישע יידן און זייער געשיכטע. געזאַמלט טאָג און נאַכט, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, געזעסן אין אַרכיוון, געמישט בלעטער און ביכער, גע־שריבן, די האַנט זיך אָפּגעשריבן, איבערגעשריבן, קאָפּירט, נאָטירט, אויף פאַרשידענע אופנים אַרויסבאַקומען דערקלערונגען, אָפּשאַצונגען, מיינונ־גען — אַלץ פאַר פּוילן, פאַר פּוילישע יידן. עס וועט זיין, עס וועט זיין... עס האָט געזאָלט זיין דאָס גרעסטע געשיכטע־ווערק, וואָס מ׳האָט ביז

היינט געשריבן אין דער וועלט. כ׳מיין אין דער יידישער וועלט. ניין, אין דער וועלט וועגן יידן...

איך האָב געהערט די ווערטער, וואָס זענען געקומען פון טיפסטן ברו־נעם פון מענטשלעכער עקזיסטענץ, פון די הויכקייטן פון זעלישער איב־טעליגענץ און בין אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב שוין נישט געפרעגט וועגן קיין עצה.

צוויי מאָל האָבן באַמבאַרדירונגען איבערגעשלאָגן אונדזער שפּאַציר.ביידע האָבן מיר אַ ציטער געטון און ביידע זענען מיר נישט אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט אונדז מיט אַ צעווילדעוועט קול און געביילטער פויסט אַריינגעטריבן אין אַ הויף אַריין.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. ס׳וועט ערשט קומען... גאַז, גאַז... היינט וועט מען אָנהייבן וואַרפן גאַז־באָמבעס — האָבן געזאָגט אַלע, וואָס די מורא און דאָס ציטערן האָט ביי זיי נישט צוגענומען דאָס לשון.

די צוויי יונגע געזונטע פּוילישע דינסטמיידלעך, וואָס האָבן דערפילט הונגער און נאָך דער צעבראָכענער נאַכט פון שלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע אינעם איינציקן גאַז־זיכערן פעסטונג־צימער, האָבן קוים באַוויזן צו איבערצייגן מיין פרוי, זי זאָל עפענען די טיר און זיי אַריינלאָזן אין קיך אַריין עפּעס אָפּקאָכן. זיי האָבן איר געמוזט צוזאָגן, אַז ווי נאָר מע וועט הערן אַ שאָרך אָדער אַ גאַז־ידיעה, וועלן זיי אַריינשפּרינגען אין דער פעסטונג אַריין און אַלץ אין קיך פאַרלעשן.

אַהיימקומענדיק האָב איך אויך געגעסן פונעם מיטיק, פונעם כמעט שוין אָרעמען מיטיק, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט און איך בין באַלד געלאָפן צו מיין פונקציע פון קאָמענדאַנט פון דער הויז־פאַרטיידיקונג.

פּלוצלינג איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה... אַלץ איז געלאָפן זען דאָס בייזע ווונדער. אויף נאָוואָליפּיע־גאַס, אין צענטער שטאָט, זענען אַראָפּגע־פאַלן צוויי דייטשע פאַראַשוטיסטן... „פאַל־שירעם־יעגער״, אַזוי האָט מען זיי אָנגערופן אויף דייטש — קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי, ווי אַזוי דאָס איז געשען.

אַ סך האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן געזען אַן אייראָפּלאַן אַראָפּני־דערן זייער נידעריק, און פּלוצלינג זענען פון אים אַרויסגעשפּרונגען אָט די צוויי מלאכי־חבלה.

אַלע האָבן געשריגן, געלאַרעמט און איבערגעחזרט די ווערסיע, ביז

זייטיקע צוגעקומענע האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן און דערקלערן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי אַן אייראָפּלאַן איז געפלויגן זייער הויך, גאָר הויך, ווייט צום קערצעלאַק־צו, פון דער זייט פון אָקענטשע, פונעם לופטפלי־פלאַץ. צוויי קליינע, דראָבנינקע פינטעלעך זענען אַראָפּגעפאַלן און דער ווינט האָט זיי פאַרטראָגן ביז אַהערצו.

פּאָליציי און מיליטער, וואָס האָבן זיך פלוצלינג געיאַוועט אין אַ גרוי־סער צאָל, האָבן געשלאָגן, געשטופּט, געשטויסן, נישט צוגעלאָזט צו די צוויי דייטשן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין לעצטן הויף פון אַ גרויסן הויז.

אויך איך האָב זיך געשטופּט. איך האָב געוויזן מיינע לעגיטימאַציעס, זשורנאַליסטישע, פּראָפעסיאָנעלע, נאָר אָן קיין שום השפּעה. איך האָב אַרויסגעשלעפּט דעם פּאַפּירל, וואָס די יעלעניעווסקי האָט מיר געגעבן, איך זאָל גיין באַשטעלן גאַז־מאַסקעס, דאָס פּאַפּירל פון אַן אָ.פּ.ל.־קאָמענ־דאַנט און איך האָב זיך באַלד געפינען אינעווייניק.

די צוויי דייטשן האָבן מיט צונויפגעפּרעסטע ציין געשוויגן פאַרביסן און קיין שאַרך נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל.

די פּאָליציאַנטן, די פּאָלאַקן און אַלע אַרומיקע האָבן זיי געוויזן מיט אַ קלאָרער מינע, אַז מע וועט זיי אויפהענגען. איין פּאָלאַק האָט געבראַכט אַ שטריק כדי זיי דאָס צו דעמאָנסטרירן באַשיינפּערלעך. זיי האָבן רויִק געשוויגן.

אין זייערע חוצפּהדיקע אויגן, אין זייערע האַרטע פּנימער איז גע־לעגן דער אָנזאָג פונעם חורבן. חורבן פאַר פוילן און יידן. מ׳האָט געקאָנט לייענען אין די יונגע, האַרטע פּנימער, אַז זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, מיטן פולן באַוווסטזיין, און זיי האָבן נישט קיין חרטה דערויף. דאָס האַרץ האָט ווילנדיק־נישט־ווילנדיק געציטערט, זעענדיק אַזעלכע סאָל־דאַטן.

ווען מ׳האָט באַלד דערהערט אַ באָמבאַרדירער פליען און דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן: — „אַלאַרעם! אַלאַרעם!“ — און צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיי גענומען, כדי אַראָפּצופירן אין שוצקעלער, האָבן זיך די צוויי יונגע דייטשן שטילשווייגנדיק געווערט און דערביי ציניש, מיט שפּאָט, גע־לאַכט. אַ גרויסע סאַטיספאַקציע האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע יונגע פּנימער.

אין די גאַסן פון וואַרשע האָט מען איצט פּלאַקאַטירט און דער ראַ־
דיאָ האָט עס געמאָלדן, אַז פון מאָרגן אָן וועלן די באַנען נישט שטיין מער
צו דער דיספּאָזיציע פון דער ציוויל־באַפעלקערונג. בלויז מיליטער וועט
זיך קאָנען באַנוצן מיט דער באַן.

די גאַנצע שטאָט, אַלע ייִדן און פּאָלאַקן, האָבן באַלד געוווּסט, אַז
אַלע מיניסטאָרן, גענעראַלן און הויכע רעגירונג־באַאַמטע פּאַקן זיך טאָג
און נאַכט און מ׳אַנטלויפט פון פּוילן. מ׳האָט שוין איבערגעגעבן,
ווי אַזוי די גענעראַלסקע פרויען און טעכטער פּאַקן זיך אַריין אין די מי־
ליטערישע וואַגאָנען און אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אַנדערע לויפן אין אוי־
טאָס, אויטאָבוסן.

צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אָ.פּ.ל.־קאָמענדאַנטן און מלחמה־ספּעציאַ־
ליסטן זענען מיר געלאָפן... פאַרזאָרגן גאַז־מאַסקעס. פון ערגעצוווּ איז אָנ־
געקומען פּלוצלינג אַן אינסטרוקציע, אַז דער עיקר־העיקרים, דער הויפּט־
פּראָבלעם איז צו באַזאָרגן אַלע איינוווינערס מיט גאַז־מאַסקעס. יעדער
קאָמענדאַנט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין הויז.

אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון דער פרוי יעלעניעווסקי,
פון מיר און דעם סעקרעטאַר, דעם איינציקן פּאָלאַק אין דער לייטונג פון
אָ.פּ.ל., איז געלאָפן צום צענטראַלן װערקשטאַט פון גאַז־מאַסקעס, וואָס
איז גאַנצע צוויי טעג פאַר דער מלחמה איינגעריכטעט געוואָרן צו דעם
צוועק, נישט וויַיט פון דער לעשנע־גאַס. די אָנפירערין פונעם װערקשטאַט,
די פרוי פּולקאָווניקאָוואַ, האָט אונדז דערקלערט, אַז די ריכטיקע גאַז־
מאַסקעס, די זיכערע, זענען שוין נישט בנימצא. זיי זענען פאַרשווּנדן איי־
דער מ׳האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרקויפן. אַפילו אין די פּריוואַטע געשעפטן,
וואָס פלעגן פאַר דער מלחמה פאַרקויפן די מאַסקעס צו הויכע פּרייזן, זענען
אַלע פאַרשוווּנדן. אין לעצטן פאַל קאָן מען נאָך באַשטעלן ערזאַץ־גאַז־
מאַסקעס, ד״ה, קיין מאַסקעס זענען דאָס נישט, מע קאָן זיי אויפן פּנים
נישט אָנטון, זיי האָבן אויך נישט די כעמישע באַשטאַנד־טיילן, וואָס אַב־
סאָרבירן דעם גאַז און דערמעגלעכן צו אָטעמען אַ פּאָר מינוט ביז דער גאַז
גייט אַריבער. זיי רופן זיך אָבער מאַסקעס, ווייל אַזאַ נאָמען פּאַסט פאַר
דער פאַרטיידיקונג קעגן גאַז.

באַשטעלט קנאַפּע הונדערט מאַסקעס, אַ געוויסע צאָל פאַר גרויסע
און אַ צאָל פאַר קלענערע, איז די דעלעגאַציע צוריק אַרויס אין גאַס און

דאָ האָט פלוצלינג געגעבן אַ באָמבע אַ זעץ מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַלע הייזער אַרום האָבן געגעבן אַ ציטער מיט אַ געקלינגעריי פון די פענצטער און די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן לייגן צו דער ערד. אַזאַ שרעק האָט מען ביז איצט נאָך נישט געפילט. אַלע זענען אַנטלאָפן אין די טויערן אַריין, אין קעלערס, אין די ווייטע הויפן.

לאַנג נאָך דעם, ווי דער ווידערקול פונעם שאָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, האָט דאָס האַרץ געציטערט און די לופט האָט זיך באַוויגן מאָדנע אומרויק.

באַלד האָט מען געוווּסט, אַז די בריקן אויף דער ווייסל, די גרויסע קערבעדזש־בריק און די לאַנגע, הויכע פּאָניאַטאָווסקי־בריק זענען געפלויגן אין דער לופטן. שפּעטער האָט מען איבערגעגעבן, אַז די בריקן שטייען, נאָר די דייטשן האָבן דאָרט געוואָרפן צוויי־טאָניקע באָמבעס, וואָס זענען גלייך ווי אַן ערדציטערניש.

געציטערט האָבן איצט די ערד, די גאַסן און אַלע משפחות. דער דייטש האַקט אָפּ די בריקן, מע זאָל נישט קענען אַרויס פון וואַרשע, די פּוילישע רעגירונג נעמט צו די באַנען און די קאָמוניקאַציע פון דער שטאָט, הייסט עס, אַז מע וויל מפקיר זיין וואַרשע מיט איר מיליאָן איינוווינער, מיט אירע אייביקע אוצרות, מיטן בעלוועדער, מיטן היסטאָרישן שלאָס, מיט דער אייביקער ווייסל, מיטן גאַנצן גלאַנץ פון אַ הויפּטשטאָט, מיט די פּאַלאַצלעך און מוזייען, קלויסטערס און שולן, רייכקייט און פּראַכט. דערצו נאָך אַ מיליאָן מענטשן, פּאָלאַקן, וואָס דער ריטם פון זייער בלוט, פון זייער האַרץ קלאַפּט פאַר פּוילן, פאַר איר פרייהייט און צוקונפט.

באַלד ווידער אַ ראַדיאָ־מעלדונג:

— „איך דערקלער אַלאַרעם פאַר דער שטאָט וואַרשע!“ אין אַ מינוט אַרום, כאָטש מ'האָט נישט געהערט קיין שום דעטאָנאַציעס, נאָך אַמאָל:

— „איך דערקלער אַלאַרעם פאַר דער שטאָט וואַרשע!“

די נאַכט האָט צוגעדעקט די וואַרשעווער גאַסן. גאַס און לעבן, מענטש און הויז. די לונעס האָבן אָנגעהויבן פון דער ווייטנס צו לייכטן, ברענען. שטיל, שאַרף, שפּיציק, מוראדיק. היינט איז די לונאַ געקומען נענטער, גאָר נאָענט.

— „אָקענטשע, אָקענטשע ברענט!“ דער גרעסטער און כמעט איינציקער גרויסער מיליטערישער און ציווילער פלי־פּלאַץ אין האַרץ פון פּוילן,

ביי וואַרשע, איז געשטאַנענען אין העלישן פייער. באַלד איז דער הימל גע־וואָרן העלער, באַלד אַביסל טונקעלער. אָט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שיין גייט קיין מזרח און אָט קיין מערב. באַלד איז זי אויסגעקומען הע־כער, און שוין, נידעריקער. אַ זייל פון פייער. אָקענטשע ברענט!

איך האָב צעשטעלט די וואַך־פּאָסטנס ביי אַלע אַריינגענג און טויערן פונעם הויז, געגעבן אינסטרוקציעס און געבליבן זיצן, אין דער פינצטער־ניש פונעם הויז, ביי די טרעפּ, ווו דער אינספּעקטאָר, די פרוי יעלעניעווס־קי, די נאָמינירטע פון אויבן הויפּט־קאָמענדאַנטין, האָט מיך באַגלייט. מיט יעדן ווערטער האָט מען שטיל און שעפּטשענדיק איינגעהזרט די גע־זעצן פון דער שמירה, אָנגעוויזן יעדן איינעם ווען ער האָט צו וועקן נאָך דעם ווי ער וועט ענדיקן זיין צוויי־שעהדיקן דינסט. מ׳האָט אויך אָנגע־וויזן, ווו ס׳געפינט זיך דער אַלאַרעם־גלאָק, אין פאַל פון אַ באָמבאַרדירונג אָדער גאַז־באָמבעס. דער גלאָק, דאָס הייסט, אַ שטיק אייזן לעבן אַן אַלטן בלעכענעם פאַס, אין צווייטן הויף, איז געווען באַזונדער געהיט דורכן אָנפירער פון דער וואַך.

די פינצטערקייט פון דער נאַכט איז געוואָרן נאָך טיפער צוליב אַ מיאוסער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין שטאָט. די דעסאַנטן, וואָס זענען געפאַלן אויף נאָוואָליפּיע, און אַנדערע שונאים, שפּיאָנען און פאַ־רעטער, וואָס מ׳האָט שוין געשפּירט אין דער לופטן, האָבן פּלוצלינג גע־שאַפן אַ געפיל פון חשד פון איינעם צום צווייטן. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו קוקן אין די פּנימער אַריין, אונטערהערן, איבערפרעגן, נאָכזאָגן, קוקן מיט פאַרדאַכט און אומרו. די נעגאַטיווע אייגנשאַפט פון דער מענטשלע־כער נאַטור צו פאַרדעכטיקן און נישט־געטרויען, וואָס איז פאַרשווונדן די ערשטע דריי טעג פון דער מלחמה, האָט זיך איצט, אין פערטן מלחמה־טאָג געיאַוועט. ס׳איז נאָך נישט געווען קיין חשד פון יידן צו פאָלאַקן, ווייל די פאָלאַקן אַליין האָבן געזען ווי פוילישע גענעראַלן און מיניסטאָרן אַנטלויפן און יידן נישט; ווי יידן שטייען צוזאַמען מיט זיי און ווייטיקן צוקוקנדיק ווי עס רינט אָפּ דאָס בלוט פון פוילן. אָבער דער חשד איז גע־האַנגען אין דער לופטן... דווקא איצט, אין דער פינצטערניש, האָט ער אַרויסגעקוקט פון אַלע אויגן, געדעדט אַן ווערטער, פון יעדן שאָרך און נישט דערזאָגט וואָרט.

וואָס שפּעטער ס׳איז געוואָרן די נאַכט, איז די נערוון־אָנשטרענגונג

געוואָרן שאַרפער, ערגער. צוזאַמען מיט דער יעלעניעווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ באַטעריע־לעמפּעלע באַדעקט מיט אַ טונקל־בלויען פּאַפּיר, מע זאָל נישט אַרויסזען די שיין, האָבן מיר זיך געדרייט שעהענווייז, ביי יע־דער קאָנטראָל. ווען מיר זענען צוגעקומען נענטער צו אַ וואַכפּאָסטן, איז די שטים פון שומר געוואָרן טיפער, אַנגעלאָדענער, שווערער — גרייט צו אַנטלויפן אָדער זיך פאַרטיידיקן. דער צוטרוי פון די ערשטע טעג איז אַוועק. אַלע גוטע, באַרוּיקנדיקע רייד האָבן נישט געקאָנט ווירקן צו שאַפן רו, גלויבן און צוטרוי.

— „גאַז! גאַז! גאַז!” — איז געוואָרן אַ געוואַלט נאָך האַלבער נאַכט. אין אַלע פענצטער, אין אַלע הערצער, אין אַלע שטובן האָט געגעבן אַ זעץ דער פּחד, די טויטשרעק, מיט איינמאָל. ס׳האָט זיך פלוצלינג דערשפּירט אין דער לופטן אַ מין טשאַד, עפּעס ווי אַ רויך און ווי אַ שווערער לאַקריץ־ריח.

נישט האָבנדיק קיין גאַז־מאַסקעס בין איך און די יעלעניעווסקי אַוועק — יעדער צו זיך אין שטוב, כדי צו זיין לעבן זיינע נאָענטסטע, איבער־לעבן דעם ערשטן גאַז־אַטאַק און זיינע שרעקלעכע קאָנסעקווענצן צוזאַמען.

פּנינה און די צוויי דינסטן זענען שוין געלעגן באַהאַלטן אין דער גאַז־פעסטונג, זיי האָבן קאָנטראָלירט אַלע שפּאַרעס און געפּרווט שאַפן קינסטלעכע לופט אַרום דעם שלאָפנדיקן קעפּעלע פון דער קליינער יאַסימאַ.

מען האָט מיך קוים אַריינגעלאָזט אין צימער אַריין און מיט שרעק דערוואַרט מיין גזירה־פּסק. פּנינה האָט דערציילט אַז פון די בראָשורן, וואָס זי לייענט וועגן גאַז, איז זי געוווּיר געוואָרן, אַז נישט תמיד ווערט מען דערשטיקט פון גאַז־באָמבעס, מייסטנס באַקומט מען שרעקלעכע ווונדן, ענלעך צו די פון לעפּרע־צרעת, ס׳פוילן אָפּ שטיקער גוף, אָדער ס׳לייגט זיך אויף די לונגען, אויפן האַרץ, מוח און אַנדערע טיילן קערפּער.

די צוויי שיקסלעך האָבן ביטער געוויינט און באַשלאָסן צו לויפן אַהיים. אויב פאַרברענט ווערן אָדער בלייבן קאַליקעס, איז כאָטש נאָענט פון די זייעריקע. איינע פון זיי, וואַנדאַ, וואָס האָט קיין נאָענטע משפּחה נישט געהאַט און איז ערשט צוריקגעקומען פון דאָרף, האָט באַשלאָסן צו פאַרשרייבן זיך אין מיליטער אַריין און די צווייטע קלערט אַוועקצוגיין אין אַ קלויסטער אַריין. אין ביידע ערטער קאָן מען זיך אויסהיטן פון אַ גאַז־באָמבע און פון אירע שרעקלעכע ווייטיקן און נאָכווייען.

זיצנדיק אַ צייט אין דושנעם צימער, ווו ס'איז געווען אַזוי שווער צו אָטעמען, האָב איך באַשלאָסן אַרויסצולויפן. פּנינה האָט פאַרהאַקט די טיר און מיך נישט אַרויסגעלאָזט. די צוויי שיקסלעך האָבן געשריגן, געלאַ־רעמט און מיך געשראָקן, אַז יאַסימאַ וועט חלילה דערשטיקט ווערן. איך האָב דערווידערט, געפּרוּווט איבערצייגן, אַרגומענטירן און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, בין איך כמעט מיט כוח אַרויס פון צימער.

אויפן פינצטערן הויף זענען שוין געווען פאַרזאַמלט נאָך אַ פּאָר מענטשן, בעיקר פון פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט. איצט האָט מען שוין גע־פילט מיט דער גאַנצער זיכערקייט: דער רויך האָט געזעצט, פייער־פונקען האָבן זיך באַוויזן צוזאַמען מיט די רויכקנוילן. אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן דער טעם פון זויערן טייג און געקנאָטן ברויט.

די בעקעריי, וואָס האָט זיך געפינען אַ צוויי הייזער ווייטער, האָט באַשלאָסן ביינאַכט צו באַקן ברויט. עס האָט זיך געלוינט.

אַזוי איז אַדורך דער ערשטער „גאַז־אַטאַק" אין די הייזער אויף לעש־נע־גאַס, צווישן סאָלנע און זשעלאַזנע.

אין פינפטן מלחמה־טאָג, דינסטיק, דעם 5טן סעפּטעמבער, האָט אָנ־געהויבן די באָמבאַרדירונג צו ווערן עפּעס גאָר אַנדערש. צווישן איין באָמ־באַרדירונג און דער צווייטער איז אַריבערגעגאַנגען זייער ווייניק צייט. קוים האָט דער ראַדיאָ אויפגעהערט צו מעלדן זיינע אויסטערלישע סימנים און ציפערן נאָך אַן אַלאַרעם האָט ער באַלד געמוזט אויף ס'ניי מעלדן וועגן אַ פרישן אַלאַרעם, ווידער אָנגעבנדיק די געהיימע שיפערס, וואָס האָבן באַדאַרפט דינען פאַרן מיליטער, בעיקר פאַר די פּוילישע אַנטי־אַוויאַן־האַרמאַטן צו שיסן און צו וויסן ווי אַזוי צו טרעפן.

דער פּחד האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן. ווי נאָר מ'האָט דערהערט דעם גערויש פון אייראָפּלאַן, דעם אָנזאָג פון ראַדיאָ אָדער דעם ווידערקול פון אַראָפּגעוואָרפענער באָמבע — האָבן מענטשן אָנגעהויבן ווילד צו לויפן, צו אַנטרינען וווּ ס'האָט זיך נאָר געלאָזט.

דער כוח פון די דעטאָנאַציעס איז אויך געוואָרן שטאַרקער. די דייטשן האָבן אפשר אָנגעהויבן וואַרפן באָמבעס פון גרעסערן קאַליבער. איצט זענען די באָמבעס אויך געוואָרן נענטער. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַלן אין צענטער ממש. מ'האָט שוין געהערט פון אַ באָמבע, וואָס איז געפאַלן אויף

סמאַטשע לעבן נאַוואַליפּיע, אויף דלוגע, אויף מיאַדאָווע און אויף אַנדערע גאַסן.

דערהערנדיק די נייעס בין איך אַוועק אויף דלוגע־גאַס. דאָרט, אין הענדלערס דרוקעריי, איז געלעגן דער צווייטער באַנד פון מיין לעקסיקאָן, וועלכן איך האָב מיט אַזוי פיל מי און קרבנות אַרויסגעגעבן.

צוקומענדיק נענטער האָב איך דערזען, ווי זיכער און אומגעשטערט דער בנין פון דער דרוקעריי האָט געברענט, אינגאַנצן איינגעהילט אין פלאַמען. קיינער האָט נישט געלאָשן, קיינער האָט נישט געשטערט. דער דערבייאיקער פּאַלאַץ פון אַן אַלטן פוילישן אַריסטאָקראַט, גראַף ביע־ניעווסקי, איז געווען פאַרמאַכט און טויט. אפנים, אַז אַלע זיינע איינ־וווינער זענען פון לאַנג אַוועק אָדער נאָך נישט געקומען פון דער זומער־וווינונג.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער. אפשר וועל איך עפּעס קאָנען ראַטע־ווען. אומזיסט די טרחה. מיט אַ שעלמישן, טייוולאַנישן געלעכטער און צישעריי האָבן ווילד אַרומגעטאַנצט די פלאַמען. די פייערן האָבן געזעצט אין דער הויך. פונקען פייער, טונקעלע און העלע, האָבן אַנגעשפּאַרט גאָר הויך. די שטיינערדיקע, אַלטע ווענט זענען געוואָרן דורכזיכטיק און העל, ווי פענצטער, באַלויכטן פון אַ העלן זונענשיין. די שווערע דרוקעריי־מאַ־שינען זענען געווען איינגעהילט אין אַ וואָלקן רויך. ס'האָט זיך געטראָגן אַ געפייפעריי פונעם פייער, אַ געסווישטש פון די קאַלטע, רויִקע פלאַ־מען. יעדן טריט מיינעם האָט געדראָט אַ סכנה.

— תמות נפשי עם פלשתים. — האָב איך צוערשט געשעפּטשעט צו זיך. עס גייט אונטער מיין האָרעוואַניע, מיין ווערק, די אַרבעט פון מיינע יאָרן... זאָל מיט מיר געשען וואָס עס וויל.

איך האָב זיך געוואָרפן פון אַלע זייטן, געזוכט אַ פרייען צוטריט. ס'איז אָבער נישט געווען מעגלעך צוצוקומען.

— עטלעכע צענדליק טויזנט רשימות — האָב איך געשעפּטשעט מיט אַ פאַרשטיקט קול צו די אַרומיקע פייערפלאַמען.

אַ באָמבאַרדירונג און דערנאָך אַן איראָניש לאַכן פון אַן אַלטן פייער־לעשער — האָבן אָפגעלאָשן מיין אימפּעט.

איך האָב געפילט ווי עמעץ האָט מיט אַ שאַרף מעסער אָפּגעשניטן איינעם פון די שטאַרקע, וויכטיקע פעדעם, וואָס האָבן מיך פאַרבונדן מיט

פוילן, מיט איר ערד, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, ווו מיינע אבות ליגן, ווו מיין יוגנט האָט זיך געוועבט, ווו מיינע חלומות האָבן געהאַט אַ נעסט און מיין יוגנט־הימל האָט געהאַט אַ גאָט.

איך בין אַנטלאָפן מיט האַסטיקע טריט צו מיין אַלטן פריינד דאָק־טאָראָוויטש.

— מע מוז זוכן בשותפות אַן עצה. מיר מוזן געפינען אַ וועג ווי איבערצוהאַלטן די מלחמה. זי וועט זיין קורץ אָבער שרעקלעך. מיר מוזן זי איבערלעבן — האָב איך אַנטוויקלט מיין עצות־טעאָריע.

פרוי דאָקטאָראָוויטש, וואָס איז אויך אַרויסגעקומען פון איר אַנטי־גאַז־צימער, האָט מיר געוויזן איר שפייז־מאַגאַזין, וועלכן זי האָט זיך פאַר־זאָרגט און וועלכן די אַרבעטער פון זייערע פּערמעס האָבן זיי צונויפגע־טראָגן: — אויב עסן איז דאָ און אַ גוט צימער קעגן גאַז האָט מען אויך געמאַכט, וועט שוין דאָס איבעריקע אַליין קומען — האָט געזאָגט די אַלטע פרוי.

— היטלער באַטייט מער ווי הונגער און פעסט, — האָב איך נביאות געזאָגט, — היטלער באַטייט טויט. טויט. און ספּעציעל פאַר ייִדן, פאַר ייִדן אין פוילן!

פרוי דאָקטאָראָוויטש האָט נאָך געפּרוווט איינרעדן די אילוזיע, אַז מע ווייסט נישט, אַז זיי זענען ייִדן, וווינען אין אַ קריסטלעכער געגנט, האָבן זייער גוטע קריסטלעכע שכנים, האָבן אויסזיכטן, האָבן זייער פאַר־מעגן, זייערע גיטער.

נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג האָט מען באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן בלויז אַ קורצע צייט, צו זען ווי די געשעענישן וועלן זיך אַנטוויקלען. אויב עס וועט ווערן שלעכט, וועלן זיי אַלע — דאָס הייסטביידע משפחות, דאָק־טאָראָוויטשס און מיינע — אַריבערפאָרן קיין זשעלאַנקע. זשעלאַנקע, דאָס דאָרף, דער גוט, וואָס האָט געדינט ווי אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע פאַר דער ייִדישער בית״ר־יוגנט, וואָס האָט אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּי־טאַן ירמיהו האַלפּערן, דורכגעמאַכט איר פאַרבאַרייטונג צום קאַמף מיט ענגלאַנד.אין דעם דאָרף, ווו זיי האָבן זייער זומער־וווינונג, אינעם גרויסן זאַל, וואָס האָט געדינט אויף פאַרטראָגן און לעקציעס, איז דאָ אַ גרויסער, געמויערטער קעלער. דאָרט קאָן מען איבערהאַלטן אַלע באָמבאַרדירונגען און אַפילו גאַז־באָמבעס. דאָרט אַהין וועט מען מיטנעמען, אָנגרייטן שפּייז

און אַפילו לעקטורע אויף אַ דריי חדשים, ס'זאָל געגוגענען פאַר דער מלחמה און נאָך אַפילו אַ קורצער צייט נאָך איר, ביז עס וועט זיך באַרויקן און דער מצב וועט זיך סטאַביליזירן.

אַ רויקער, געפעסטיקטער בין איך צוריקגעגאַנגען אהיים. כ'האָב ענדלעך געפינען די עצה.

אין מוח האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פאַרשידענע ספקות, איך האָב זיי געטריבן פון זיך, ווי מע טרייבט מיט אַ גראָבן שטעקן אַ הונט, אַ בייזן.

און די ספקות זענען געקומען און געשריגן אין מיר:

— דאָרטן וועסטו זיין זיכער? און די פּאָלאַקן דאָרטן וועלן זיך נישט בונטעווען? ווילסט ראַטעווען בלויז אייך צוויי, צוויי משפחות? און די יעלעניעווסקיס, ד"ר אַלטער, די אַנדערע? און די משפחות דיינע פון דער היים? די מאַמע, די ברידער? און דיין פרויס משפחות?

אין די שלייפן האָט געהאַקט ווי מיט האַמערס, ווי אונטערגעצונדן מיט אַ ברענענדיקן קין האָט דאָס בלוט געזעצט אין די אָדערן. איך בין געלאָפן, געלאָפן איבערגעבן מיין פרוי דעם פּלאַן.

פוילן האָט זיך אַ טרייסל געטון. נישטאָ מער קיין מאַכט, קיין צענטראַלע, קיין אָנהאַלט. אַלע שרויפן פון דער מדינה־מאַשין האָבן זיך צעשרויפט. און אויך די נערוון האָבן זיך ביי אַלעמען פונאַנדערגעשרויפט. עס איז פאַרשוווּנדן דער צוטרוי — צו דער מדינה, צום מענטש, אפשר אויך צו זיך אַליין. יעדער איינער איז אַליין. אַלע זענען אַליין. אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַן אמת. יעדער איז אַליין און מוז אַליין זוכן אַ וועג זיך צו ראַטעווען. ראַטעווען זיך און זיין נאָענטסטע משפּחה. געפּלאַצט האָבן די אייזערנע רייפן, וואָס האָבן געהאַלטן אַרומגענומען דעם פאַס פון דער עקזיסטענץ, פון פוילנס עקזיסטענץ, פון דער עקזיסטענץ פון די מענטשן, פון דער געזעלשאַפט. דער געזעלשאַפטלעכער קיום איז געשטאָרבן, דער יחיד הענגט אין דער לופטן פון דער סכנה און דאַרף זיך ראַטעווען. און דאַן קום איך צו דער מסקנא, אַז אפשר עקזיסטירט נאָך דער געזעלשאַפטלעכער קיום ביי די פּאָלאַקן און אפשר אויך ביי זיי נישט.

און ביז איך בין צוגעקומען אַהיים האָב איך אויף ס'ניי פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאַרקערט, ביי די ייִדן עקזיסטירט נאָך די רייף, וואָס נעמט אַרום און בינדט צוזאַמען די געזעלשאַפט אַפילו אין דער צייט פון אַ סכנה.

אריינלויפנדיק אין טויער פון אונדזער הויז, האָב איך דערזען אַ מאָדנע בילד: אַלע לויפן, טראָגן וואַסער, שרייען, קוקן, לויפן צו און לויפן אַוועק.

— עס ברענט!... ברען־באָמבעס, דריי, ליגן נאָך אויפן צווייטן דאַך!

— האָט מען צו מיר געשריגן.

דער דאַך אין צווייטן הויף, אויפן נידעריקסטן טייל פון בנין, האָט אָנגעהויבן צו ברענען. פּאָלאַקן און ייִדן שטייען און געבן זיך קעגנזייטיק עצות.

— ווער לויפט מיט מיר? — האָב איך געגעבן אַ געשריי.

— דער קאָמענדאַנט! דער קאָמענדאַנט! — האָבן זיך אָנגערופן די קאָמיטעט־מיטגלידער.

— אַ לייטער! אַ לייטער ברענגט! — האָב איך באַפוילן.

— אָן אַ לייטער — האָט געשריגן די פרוי יעלעניעווסקי און אָנגעוויזן, ווי אַרום מע קאָן צוקומען צום דאַך, פון אינעווייניק.

און דווקא דריי ייִדישע בכבודיקע באַלעבאַטים זענען אַרויף די ערשטע אויפן דעכל, פּאָלאַקן האָבן דערלאַנגט וואַסער, דאָס פייערל, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן און איז נישט אויסגעוואַקסן הויך, האָט זיך שנעל איינגעלאָשן. שווערער איז געווען מיטן אַראָפּנעמען די צוויי אַנדערע צינדבאָמבעס, וואָס זענען געלעגן גאַנץ ביים צווייטן עק פון דעכל — נישט־אויפגעריסן. אַלע אונדזערע בראָשור־ידיעות האָבן געקלעקט אויף אָפּצולעשן דאָס פייער און נישט מער, ערשט די הילף פונעם קרייז־קאָמענדאַנט פון אָ.פּ.ל., צוזאַמען מיט אַ פּאָר מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן באַוויזן דעם וווּנדער. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי יונגע פּאָלאַקן און ייִדן האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער אָן צווייטן, ביז מ'האָט דערגרייכט דעם עק פון קרומען, גליטשיקן דאַך. אַראָפּגענומען די באָמבע און איבערגעגעבן דעם קרייז־קאָמענדאַנט.

וועגן דאָקטאָראָוויטשס פּלאַן האָב איך מיין פרוי נישט דערציילט.

***

אַזוי האָט דער שונא אַריינגעדרונגען אין צענטער פון וואַרשע. און דאָס איז ערשט דער פינפטער טאָג פון דער מלחמה.

באַלד האָט אַן אַנדערע שרעק אַרומגענומען קינד און קייט. אַט האָט מען איבערגעגעבן, אַז די דייטשע איירּאָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ נישט נאָר אויפרייס־ און צינד־באָמבעס, נאָר אַנדערע טייוולאַנישע צעשטערונג־עלע־מענטן.

אויב ביז איצט האָט מען געמיינט, אַז מ׳האָט טאַקע צו טון מיט אַ געפערלעכן, רוצחישן אָבער כאָטש נאָרמאַלן שונא, איז פּלוצלינג געקומען די ידיעה פון אויער צו אויער, פון מויל צו מויל, אַז קינדער הייבן אויף אַ שפּילצייג, לאַלקעס, גאָלדענע פעדערס, אַ שאַכטעלע באָנבאָנעס, און ווי זיי נעמען עס אין האַנט אַריין, ווערן זיי צעריסן. קליינע קינדערשע גופימלעך ווערן צעשפּרונגען און צעשפּאָלטן אויף שטיקלעך.

דעם הויזוועכטערס ווייב איז געקומען צולויפן אין איין טויט־שרעק. איר חברטע פון וואָליע האָט אויפגעהויבן אויף דער גאַס אַ שיין פלעשעלע מיט פּאַרפום און איידער זי האָט באַוויזן אויפצועפענען דעם קאָרעק און געבן דעם ערשטע שמעק, האָט עס מיט איר געגעבן אַ וואָרף העכער די הייזער און זי איז געפאַלן צו דער ערד מיט אַ כמעט אָפּגעריסענער האַנט און שטאַרק צעקאַליעטשעטע פּנים.

שכנטעס און שכנים האָבן אָנגעהויבן דערציילן, אַז מע געפינט אויפן גאַס שעכטלעך פּאַפּיראָסן, גראָבע קובאַ־ציגאַרן, ציין־פּאַסטע, שמירעכ־צער, פּודער־פּושקעלעך און ענלעכע רעקוויזיטן, וואָס דינען בכלל דעם מענטשלעכן פאַרגעניגן און אין זיי באַהאַלט דער נישט־נאָרמאַלער שונא, דער נישט־נאָרמאַלער רוצח — טויט, חורבן, קרענק, צעריסט שטיקער פלייש, בלוט און אָדערן.

צענדליקער און אפשר הונדערטער מענטשן, הונגעריקע נאָך אַ פּאַ־פּיראָסל, אַ ציגאַר, אָדער פרויען גיריקע נאָך אַ שיין שעכטעלע פּודער אָדער פלעשעלע לאַקיר, האָבן שוין באַצאָלט מיטן לעבן אָדער נאָך ערגער, געבליבן מיט צעשפּאָלטענע אברים, אויפגעריסענע לונגען און אָפּגעריסע־נע הענט און פיס.

די שרעק האָט זיך איצטער אַריינגעגנבעט אין די הערצער דורך אַלע טיר־און־טויער פון דער מענטשלעכער נשמה, דורך די אויגן, אויערן, האַרץ, מוח, געפיל, זכרון.

וואָס איז שוין הײַנט און וואָס באַטייט געזעץ, אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן, מלחמה־געזעצן? אין די ערשטע דריי־פיר טעג האָט מען נאָך

געוואַלט פּראָטעסטירן פאַר דער וועלט, אַז ס׳איז געשען אַ נישט־דערלאָז־באַרע פאַרלעצונג און פאַרגוואַלטיקונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. די דייטשע אַוויאַנען האָבן באָמבאַרדירט די ציוויל־באַפעלקערונג! אַ סך האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף מודיע זיין דער דייטשער הויפּט־קוואַרטיר, די „גרויסע" ווייסן אוודאי נישט פון דעם, וואָס די קליינע פּרייסישע יונ־קערלעך און רוצחימלעך טוען. אָבער איצט, זעט מען דאָך בחוש, אַז דאָס איז אַ סיסטעם, אַ פּלאַנירטער און געפּלאַנטער מאָרד־סיסטעם! און דווקא לגבי דער ציווילער באַפעלקערונג.

פּנינה איז כמעט נישט אַרויס פון גאַז־צימער. זי האָט געהאַט מזל. אין דעם צימער איז געווען אַ טעלעפאָנישער קאָנטאַקט. זי האָט גערעדט אַן אויפהער מיט אַלע חברטעס און באַקאַנטע. געזוכט און געגעבן עצות. איצט, דערהערנדיק די שרעקלעכע ידיעות וועגן די קינדער־טויטן, איז זי ווי ווילד צו מיר צוגעשטאַנען און פאַרלאַנגט, מע זאָל ווי צום גיכסטן אַוועק פון דאַנען. מע זאָל פּטור ווערן פון דער מורא פאַרן גאַז, פאַר די צינד־באָמבעס, פאַר די שרעקלעכע דעטאָנאַציעס, פאַרן הונגער, וואָס האָט זיך גענומען באַווייזן אין שטאָט, פאַר די שוואַרצע נעכט, פאַר די שרעק־לעכע לונעס און פייערן. איין אויסוועג איז געבליבן אַז דאָס אַלץ זאָל פאַרשווינדן: אַוועק, אַוועק!

— אָבער וווהין? — האָב איך אַן אומרויִקער געפרעגט. צום ערשטן מאָל איז מיר אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן, וועגן פאַרלאָזן וואַרשע. וואַרשע! נישט פוילן! אַנטלויפן פון פוילן — נישט!

— אין אַ דאָרף. דאָרט איז רויִקער. דאָרט קומט נישט דער רוצח, דער אַנאָרמאַלער קינדער־מערדער. דאָרט קאָן מען אויפן קינד בעסער אַכ־טונג געבן — האָט געשריגן פּנינה.

איך האָב איר איצטער איבערגעגעבן וועגן דאָקטאָראָוויטשס פּלאַן.

אַ שרעקלעכע באָמבאַרדירונג, וואָס איז געווען אַ סך שרעקלעכער ווי אַלע פריערדיקע און אַ סך נענטער האָט צעשטערט יעדע מעגלעכקייט פון אָרגאַניזירן אַ פּלאַן. דאָס קראַכן, קנאַלן און זעצן פון די באָמבעס איז איצט געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַלע, אַפילו די „ווילע יונגען", וואָס פלעגן שטיין אין די טויערן בשעת אַ באָמבאַרדירונג און נישט געלאָפן זיך באַהאַלטן, זענען איצט געקראָכן, ממש ווי פאַרסמטע, זוכן אַ שפּאַרונע ווו צו אַנטלויפן.

די שרעק איז געקומען באַגלייט פון משונהדיקן וואַרפן זיך. עס האָט זיך געגומען וואַרפן דער מוח אין שיידל. מ׳האָט געפילט בחוש ווי ס׳בלוט זעצט און יאָגט צום קאָפּ. עפּעס האָבן נאָך די פּוילישע אַנטי־לופט־האַר־מאַטלעך געשאָסן, געסווישטשעט, געפּיפן, אָבער אָן אַ טאָלק, אָן אַ פּאַר־בינדונג, פּונקט ווי אַ הינטל וואָלט זיך צעוויעט אַנטקעגן אַ לייב און אים וועלן אָפּהאַלטן פון זיין רוגזה, פון זיין געיעג נאָך רויב און פאַרציקונג.

און דאָ איז אונטערגעקומען די פּליאַטקע, די גרויסע, אַלמעכטיקע פּליאַטקע, די אייביקע באַגלייטערין פון מלחמות, גזירות און חורבן. מ׳האָט אָנגעהויבן איבערגעבן אַלע מאָל שרעקלעכערע ידיעות. איינע האָט איבער־געיאָגט די צווייטע, ווי צעפּלאָשעטע פערד:

— דער פּרעזידענט איז שוין אַוועק.
— ס׳איז שוין נישטאָ קיין מלוכה.
— די אַמטן אַרבעטן שוין נישט מער.
— די געריכטן זענען טויט.
— פּאָליציי איז שוין אָן אַ פירונג.
— קיינער ווייזט שוין נישט אָן קיין וועג.
— נישטאָ קיין פּאָליציאַנט אויף דער טראַפיק.
— אויס קרימינאַל־פּאָליציי, אַפילו אויס פּאָליטישע.
— אויס! אויס! אַלץ איז אויס!

די פּליאַטקע האָט געגומען וואַקסן ווי אַ שניי־באַלעם. קיינער האָט שוין נישט געוווסט דעם אָנהייב, המשך און סוף. קיינער האָט שוין נישט געקאָנט וויסן, וואָס איז אמת, וואָס האַלבער אמת און וואָס ליגן. וואָס ווייניקער מ׳האָט געקאָנט קאָנטראָלירן די איבערגעגעבענע ידיעות, אַלץ שטאַרקער, גרעסער און מעכטיקער זענען די ידיעות געוואָרן. די פּליאַטקע איז געוואָרן אָפּיציעל נאָבילירט, פּשוט אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנ־גען פון אַלע פּאַלאַצן און סאַלאָנען.

באַלד האָט מען איבערגעגעבן, אַז די רעגירונג וועט אַרויסגעבן אַ מאַניפעסט און אַלץ אויפקלערן. הייסט עס, אַז עס איז דאָ אַ רעגירונג? ווו? ווער?

— שוין, שוין, אַ סוף. דער מאַרשאַל פון פּוילן, דער הויפּט־גענעראַל רידז־שמיגלי איז אַוועק.

נישט גלייבן קיין פּליאַטקע איז געווען ממש סכּנת־נפשות. וואָס ווײ־

ניקער זיכער זי איז, אַלץ מער האַרטער און עקשנותדיקער פאַרלאַנגט מען פון דיר, אַז דו זאָלסט גלייבן, זי האָט מער פרעטענזיעס, ווי אַ ריכטיקע, באַגרינדעטע ידיעה.

איך האָב געפּרוּווט אָרגאַניזירן אַ גרופּע צוצוגיין צום בעלוועדער, ווו דער מאַרשאַל אַמטירט, און צום שלאָס, ווו דער פּרעזידענט וווינט און פּרוּוון פעסטשטעלן דעם אמת.

ממש צערייסן האָבן מיך אַלע געוואָלט. קאָנטראָלירן אַ ידיעה! אַ זי־כערע ידיעה! איר גאַנצע זיכערקייט באַשטייט דאָך דערינען, וואָס מע קאָן און מע טאָר זי נישט קאָנטראָלירן... זי קומט אַריין אין יעדן לבוש, אין יעדער פאָרעם און דיקטירט!

פּונקט ווי אין די ערשטע טעג, האָט מען זיך איבערגעגעבן נייעס פון די גרויסע פּוילישע נצחונות, אַזוי האָט מען איצט געהערט נאָר פאַר־קערטע ידיעות.

— פּויליש מיליטער יאָגט און אַנטלויפט.

— פּויזן איז געפאַלן. דאַנציק איז שוין מער נישטאָ. וועסטערפּלאַ־טע, די באַרימטע פּוילישע פאַרטיידיקונג־שיף, איז אונטערגעגאַנגען.

— מ׳האָט פאַראַטן פּוילן! — האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן אין דער לופטן.

— פאַראַט! פאַראַט! — האָט געעקבערט ווי אַ שרויפּנציִער — פאַראַט!

— ווער? ווער?

און תשובות זענען געקומען פאַרשידענע:

— הפקר! הפקר! — האָט מיר געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין. און ווו איז די עצה? וואָס טוען? אַנטלויפן? וווהין? נאָך איז אין דער עפנטלעכ־קייט נישט געפאַלן דאָס וואָרט „ייד”. נאָך האָט מען נישט צונויפגע־קניפּט די צוויי באַגריפן פאַראַט און ייִד מיט איין שטריקל. דער געדאַנק האָט נאָך נישט אָנפאַרטרויט דעם מויל אַרויסצוזאָגן דאָס שרעקלעכע וואָרט, אָבער אַ בייז אויג, אַ קרומע מינע, אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס זאָגן אָן און באַווייזן שטומערהייט וואָס פאַראַ געפילן יאָווען זיך אינע־ווייניק, — האָט מען שוין יאָ געקאָנט זען, און נישט ביי איינעם! ביי גאָר נישט קיין קליינער צאָל!

די אָ.פּ.ל.־דעלעגאַציע — אין באַשטאַנד פון פרוי יעלעניעווסקי, פון

מיר און דעם פוילישן סעקרעטאַר — איז אַוועק צו דער גאַז־מאַסקעס־לאַבאָראַטאָריע אָפּנעמען די באַשטעלטע מאַסקעס. אמת, נישט די ריכטיקע, די גאָר וואַזשנע, נאָר די ערזאַץ־מאַסקעס: „פאַר אַ נויט זענען זיי אויך גוט״ — האָבן געטענהט די זאַכקענער, די ייִדן און די פּאָלאַקן פון די שכנותדיקע אָ.פּ.ל.־קאָמיטעטן.

אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט געהערשט עפּעס אַ מאָדנע שטימונג, גאָר נישט לייכט צו דעפינירן. די יונגע שיקסלעך און גאָר יונגע שקצימ־לעך, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים בינדן די וואַטע־שמאַטקעלעך, זענען געשטאַנען, זיך צוגעזונגען, אַביסל געאַרבעט, אַ סך געפלירטעוועט. די עלטערע, די באַאַמטע, זענען געווען בלייך ווי קרייד, נישט איינגעזעצן אויף קיין אָרט, געקוקט אויף די זייגערס, זיך צוגעהערט און געוואַרט.

דער סעקרעטאַר פון דער לאַבאָראַטאָריע האָט אונדז דערקלערט, אַז אויך די ערזאַץ־מאַסקעס זענען שוין נישטאָ. עס איז נאָך פאַראַן אין אַ קליינער צאָל אַן ערזאַץ פון ערשטן ערזאַץ, אַ שטיק וואַטע, איינגעטונקען אין אַ פליסיקייט, אַ געדיכטע, פעטע פליסיקייט, וואָס מע בינדט זיך צו בשעת דער גאַז־אַטאַקע.

פרוי יעלעניעווסקי, אַ תקיף פון אַ פרוי, אַ גיבורטע, וואָס האָט גע־רעדט אַ פערפעקטן פויליש, אַ קענערין פון לאַבאָראַטאָריעס, אַ געוועזענע קראַנקנשוועסטער, איז צוגעלאָפן צו דער שעפין פונעם פאַבריקל, געפּאָ־דערט מיט אַ הויכן קול און תקיפות — גערעכטיקייט.

די פּולקאָווניקאָווע, די קאָלאָנעלעכע, האָט אויף אונדז געגעבן אַ קוק מיט אַ בליק, ווי מע קוקט אויף אומנאָרמאַלע מענטשן, ווען זיי צעוויל־דעווען זיך און וואַרפן זיך שלאָגן.

— איר זענט געזונט... איר ווייסט גאַרנישט? איר לעבט נישט דאָ, אויף דער ערד? — האָט זי מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטון און איז אַוועק.

באַלד האָבן זיך ווידער דערהערט באָמבעס, שטאַרקע, נאָענטע. צוויי פון די באַאַמטע האָבן זיך שטיל און שנעל אָפּגעטראָגן. אַ פּאָר פון די יונגע זענען אַנטלאָפן אין שוצקעלער אַריין און די פּולקאָווניקאָווע מיט זיי.

איצט, זיצנדיק אין דעם פּראָוויזאָרישן, נאַריש־געמאַכטן און לעכער־לעכן שוצקעלער, האָט די קאָראָנעלעכע געגעבן אַ שעפּטשע מיר אין אויער אַריין:

— דער גערמאַניעץ שטייט שוין ביי די טויערן פון וואַרשע. ער איז שוין אין די פאָרשטעט.

מער האָט מען פון איר נישט אַרויסבאַקומען.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרטיילונג פון די גאַז־מאַסקעס, פון די ערזאַץ־וואַטעס מיט ערזאַץ־שמירעכץ. די יעלעניעווסקי האָט צוערשט פאַר־לאַנגט, אַז מע זאָל באַצאָלן, יעדער איינער פאַר זיין מאַסקע, מע זאָל איר צוריקגעבן וואָס זי האָט אויסגעלייגט. די פּאָלאַקן האָבן גענומען צוריק־וואַרפן די מאַסקעס איר אין דער האַנט אַריין. זייערע קרומע בליקן האָבן מיר באַלד געגעבן אַ קלאָרע און אַ קלוגע לעקציע. באַצאָלט האָבן נאָר די יידישע איינוווינער. די פּאָלאַקן האָבן באַקומען אומזיסט דעם דאָזיקן שוץ־אוצר, וועלכן עס האָט זיי צוגעגרייט זייער פאָטערלאַנד אין זייער רעגירונג.

ד״ר אַלטער און איך זענען אַוועק איצט צום פּראָפעסאָר ד״ר שאָר, דער הויפּט־רב און סענאַטאָר, דעם געלערנטן און איינעם פון די אָנגע־זעענסטע פערזענלעכקייטן אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

דאָס הויז האָט נאָך דערהאַלטן די אויסערלעכע פאָרעם פון באַלעבאַ־טישקייט. אָבער נאָר אויסערלעך. באַלד איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז די משפחה שאָר גרייט זיך אין וועג אַריין.

דער שכל פונעם לויפן איז אַ קלאָרער. דער דייטש וועט בליץ־שנעל פאַרכאַפּן די מערב־חלקים פון פּוילן ביז צו די גרענעצן פון קאָנגרעס־פּוילן, אָבער די „קרעסן״, ד״ה, ווילנע־ליטע, ווייסרוס־לאַנד מיט בריסק און פּינסק, און אויך וואָלין וועלן אים אויפהאַלטן. ערשטנס, וועט ער מורא האָבן אַזוי ווייט צו לויפן, צווייטנס זאַמלט זיך דאָרט אַ גרויסע פּוילישע אַרמיי און דאָרט וועט מען מיט אים לערנען בלק. דריטנס וועט דער דייטש נישט וועלן זיין אַזוי נאָענט צו די רוסישע גרענעצן, ער זאָל נישט דאַרפן האָבן צו טון מיט די סאָוויעטן. פערטנס, וויל דער דייטש נישט פאַרנעמען ביי פּוילן מער, ווי די מערב־געביטן און וואָס דאַרף ער שפּאַנען קיין מזרח און פאַרלירן צייט, פאַרלירן סאָלדאַטן און אַמוניציע?

פיר געזונטע, לאָגישע יסודות, וואָס דאַכט זיך אַז קיין קלאָרער ייִדי־שער קאָפּ קאָן זיי נישט אָפּפרעגן. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פּאָר אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, צו וואָס ס׳האָבן זיך דער־

טראַכט אַזעלכע שאַרפע יידישע קעפּ, ווי ד״ר משה שאָר, רפאל שערע־שעווסקי, ד״ר מאיר באַלאַבאַן, די דאַווידזאָנישע גזע און די לעשטשינס־קיס. די דאָזיקע טעאָריע האָבן זיי אויסגעפורעמט מיט אַרגומענטן און באַווייזן.

יידישער גורל! שאַפן און קלערן פאַר יענעם! דאָס אייביקע מזל אונ־דזערס.

יאָ, אָבער ווי אַזוי אַנטלויפט מען אַהין, צו דעם אויסגעבענקטן מזרח, אַז די באַנען לויפן ווי די טייוולאָנים און נעמען נישט אויף קיין ציווילע בירגער, בלויז מיליטער און הויכע רעגירונג־באַאַמטע. דינגען אויטאָס קאָן מען אויך נישט. קיינער וועט נישט פאָרן און עס פעלט בענזין. יע־דער, וואָס האָט אַ ביסעלע בענזין האַלט עס פאַר זיך, אויף דער שוואַר־צער שעה.

אָבער יידן געפינען אַן עצה. מ'איז געוווּיר געוואָרן, אַז די באַנען נעמען אויף ציווילע פּערזאָנען, וואָס האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונעם סטאַראָסטע [1] פון וואַרשע־צפון אויף דלוגע־גאַס. מאָרגן גייט אַ באַן, איינע אָדער צוויי. די איינציקע און די לעצטע, וואָס וועלן אויפנע־מען ציווילע מיט דערלויבענישן. די באַנען גייען אָפּ מאָרגן אויף דער נאַכט.

הייסט עס, האָב איך גענומען קלערן, אַז די עצה איז שוין דאָ!

דאָס איז די עצה? אַנטלויפן? ווי ווייט? ווערן אַ היימלאָזער, אַן אַנט־לאָפענער, אַ פּליט. איז אפשר גיכער אָנגעמען דאָקטאָראָוויטשס פּלאַן? זיך אויסבאַהאַלטן די פאָר חדשים?

צעשרויפט און צעפאָרן ביז גאָר בין איך צוריק געקומען אַהיים.

דאָ האָט אויף מיר געוואַרט אַ גאַסט. די יונגע סקולפּטאָרין, די פריי־לין לינדער, איך האָב פאַר איר פּאָזירט. זי האָט מיר געמאַכט אַ שיינע סטאַטוע, אויסגעהאַקט אין בראָנדז, וואָס איז געשטאַנען ביי אונדז אויפן פאָרטעפּיאַן און האָט באַצירט אונדזער שטוב.

די קינסטלערין איז געקומען אונדז אָנזאָגן די בשורה־טובה, אַז זי האָט געפינען איר באַשערטן. דער יונגער ד״ר שטיקגאָלד, וואָס האָט גראָד פאַר דער מלחמה געענדיקט זיינע שטודיעס אין איטאַליע, און איז געווען אַן אָפּטער איינגייער אין אונדזער וווינונג, האָט זיך ווייזט אויס

[1] רעגירונג־שעף פון אַ באַצירק אין פוילן.

שטילערהייט פאַרליבט אין דער יונגער סקולפּטאָרין, בשעת די סעאַנסן, ווען זי פלעג אויסהאַקן מיין פיגור.

גראָד איצט, ווען די באָמבעס האָבן צעשטערט געדאַנק און געפיל, ווען די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון נאָר אומצופאַלן, ווען פוילן טאַנצט אַ ווילדן שדים־קאַראַהאָד און וואַרשע ברענט שוין כמעט פון אַלע פיר זייטן, — קלערן די צוויי ווי אַזוי און ווען זיך צו פאַראייניקן. פאַרשטייט זיך, באַלעבאַטיש, אָנשטענדיק, כשר לויטן דין, ווי עס פּאַסט פאַר קינדער פון צוויי שיינע יידיש־נגידישע און יידיש־חסידישע משפּחות — די לינדנערס און די שטיקגאָלדס.

הייסט עס, האָב איך מיר אַ פּאָר מאָל געריבן די אויגן, אַז איך זע נישט גוט, אַז די ראיה איז ביי מיר געשלאָגן. מיר דאַכט זיך, אַז די ערד האָט אויפגעעפנט איר טיפן אָפּגרונט און וואַרט אויף מיר און אויף אַלע, זיי זאָלן אַריינפאַלן און צעשמעטערט ווערן און דאָ רעדט מען פון ליבע, חתונה, שאַפן אַ היים, אויפשטעלן אַ נייע משפּחה ביי יידן...

די יונגע סקולפּטאָרין רעדט און דערציילט, באַגייסטערט זיך און פּלאַנעוועט. אירע לאַנגע, עלאַסטישע שיינע פינגער האַלטן אין איין קנעטן די לופט, ווי זיי זאָלן באַאַרבעטן ליים, אָדער אַ ליים־מישונג און מאַכן אַ פיגור.

אין ענגן, דושנעם אַנטי־גאַז־צימער האָט פנינה געשטעלט עסן, ווייַן, טיי, צובייס, ממש ווי ביי נאָרמאַלע מענטשן אין נאָרמאַלע צייטן.

די סקולפּטאָרין דערציילט וועגן איר נייער סטאַטוע, וואָס זי האָט נישט פאַרענדיקט, וועגן אַ פּראַכטפולער סקולפּטור און אַ הונט וואָס זי האָט ערשט אויסגעענדיקט און דער פּראָפעסאָר וויטיג אַליין האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך נישט געשעמט צו זיין דער שעפער פון דאָזיקן קונסט־ווערק... און נאָך האָט זי מיט טרויער איבערגעגעבן, אַז די שניידערין וויל נישט אָדער קאָן נישט אויסענדיקן איר ניי קלייד, וואָס זי דאַרף איצט צו איר חתונה און צו די אַלע צערעמאָניעס.

פאַר האַלבער נאַכט האָב איך באַגלייט די יונגע סקולפּטאָרין אַהיים אויף אָגראָדאָווע־גאַס, אין הויז פון אירע עלטערן.

די גאַס איז חושך. אין דעם שטאָק־פינצטערן וואַרשע האָבן מיר קוים מיט צרות געטראָפן דעם וועג, דער עיקר אַדאַנק פאַרבייפאַרנדיקע דראָשקעס מיט זייערע פאַרהויטצונטערטע נאַפטלעמפּלעך. אין דער דאָזיקער פינצ־

טערניש האָבן מיר דערזען פאַר זיך דעם פונדאַמענט פון פוילנס חורבן, דעם פאַראַט פון זיינע בירגער. די פינצטערע, די אָפּגרונט־טיפע שוואַרצ־קייט פון דער נאַכט האָט אונדז באַלויכטן דעם גרונט פון פוילנס אונ־טערגאַנג.

מיר האָבן דערזען, נאָענט ביים הויז פון די לינדנערס, עפּעס אַ פאַר־דעכטיקע מישונג פון טונקלקייט. עפּעס איז דאָ די טונקלקייט געווען נישט קיין סטאַבילע, איינמאָל שטאַרק טונקל, דערנאָך אַביסל העל־טונקל, דער־נאָך גאָר שוואַרץ־טונקל און ווידער העלער. פאַראינטערעסירטע, מיט קלאַפּנדיקע הערצער, זענען מיר צו צום טויער פון לינדנערס הויז. איך האָב געעפנט דאָס טויער מיטן שליסל פון דער סקולפּטאָרין, דער טאָכטער פונעם הויז־אייגנטימער און מיר זענען אַרויף אויפן דאַך, אויפן פינפטן שטאָק. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ משונהדיק אומהיימ־לעך בילד. כאָטש מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם זין דערפון, האָבן מיר געפילט, אַז ס׳איז שרעקלעך און שוידערלעך.

אויף אַ דערבייאיקן דאַך, אויף דער זעלבער הויך פון פינפטן שטאָק, אין אַ ווינקל פאַרשטעקט צווישן קוימענס, טרעפּ און געמויערטע ווענט האָט מען אָנגעגעבן סיגנאַלן. אַ פאַרטונקלטער לאָמפּ אָדער לאַמטערן האָט געשיקט ערגעצווו סיגנאַלן אין אַ שיפרירטער שפּראַך. צוערשט האָבן מיר געפּרוווט אויפכאַפּן די סיגנאַלן און זיי פאַרשטיין. ביידע, סיי די לינדנער, סיי איך — האָבן געקענט מאָרס־סיגנאַליזאַציע, סעמאַפאָר־סי־מנים, אָבער פון די סיגנאַלן לעבן אונדז האָבן מיר גאָרנישט פאַרשטאַנען. דער סיגנאַל־געבער האָט געמוזט זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער ידיעה, וואָס ער האָט איבערגעגעבן, ווייל אַלע מאָל, אַפּוואַרטנדיק עפּעס אַ צייכן פון ערגעץ, האָט ער איבערגעחזרט די סיגנאַלן, צוגעבנדיק איינעם אָדער צוויי נייע סימנים.

לאַנג זענען מיר געשטאַנען און לאַנג, לאַנג האָט דער סיגנאַליזאַטאָר געשיקט זיינע אינפאָרמאַציע־צייכנס ערגעצווו, ווו מ׳האָט אויף זיי מסתמא געוואַרט.

אין מיטן האַרץ פון פוילן, אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, אין מיטן דער מלחמה, אויפן פינפטן טאָג ערשט, בשעת דער בלוטיקער שונא שטייט שוין ביי די טויערן פון דער שטאָט, באַקומט ער ידיעות אין סיגנאַלן פון אַ פוילישן בירגער, אַ פּאַרעטער. זיכער אַ בירגער, ווייל קיין אַנדערער

וואָלט נישט געקאָנט צוקומען צום דאַך און אַזוי לאַנג דאָרט בלייבן פאַר־שטעקט.

דעם זעלבן אָווגסט, די זעלביקע נאַכט, די פינפטע נאַכט פון דער מלחמה, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו באַוווּנדערן די פילפאַרבי־קייט, די רייכע ברייטקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון מענטשלעכן לעבן.

די נאַכט איז געווען שטאָק־פינצטער. אין דער לופטן האָט מען גע־פילט און געהערט דעם ווידערקול פון באָמבעס, שיסערייען, האַרמאַטן־זעצן און שריפה־ריח. די גאַנצע וועלט, דער גאַנצער אוניווערס איז גע־ווען אָנגעפילט, אָנגעלאָדן מיט טויט, אומקום, שרעק און פחד. מ׳האָט ווי געהערט דאָס קלאַפּן פון הונדערטער טויזנטער הערצער פון יענער זייט פאַרמאַכטע טויערן און טירן. אין דער פינצטערער נאַכט האָט מען געזען אויגן אויסגעגלאָצטע, אָדערן אָנגעצויגענע פון זאָרג און נויט. מאַמעס, וואָס שטייען לעבן די וויגעלעך פון זייערע קינדער, טוליען זיי מיט די אויגן און שעפּטשען תפילות, און טאַטעס וואָס די זאָרג פרעסט זיי ווי זשאַווער און טאָטשעט ווי אַ וואָרעם.

אין דער פינצטערניש האָט די נאַכט, וואָס האָט געאָטעמט מיט בלוט און פחד, אַרויסגעגעבן פון זיך ציטערניש פון אַן אַנדער מין בלוט, ציטער־ניש פון יונגן, פרישן, לעבנס־גלוסטיקן און לעבנס־דאָרשטיקן בלוט. הונגער נאָך ליבע. אין טונקעלן אָפּשיין פון אַ מאַט־יאָגנדיק ליכט פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער דראָשקע, אָדער אַ פאַרטונקלט פּאָליציייאיש לעמפּל, האָב איך געזען געשטאַלטן. גייענדיק מיט דער יונגער סקולפּטאָרין. לאַ־קערנדיק אויפן דאַך און צוריקגייענדיק, האָב איך געפילט דעם ריטעם פון ליבע־גלוסטונג, וואָס האָט דאָ, אין דער שוואַרצער נאַכט, געלעבט אויף די גאַסן פון וואַרשע. אין די טויערן, לעבן די פּאַרקאַנס, אין די סקווער־לעך און גערטנדלעך, זענען געשטאַנען און געזעסן יונגע פּאָרלעך פּאַרטור־ליעטע אין אייביקן שעפּטשען. אין די נישט־דערזעטע, נאָר דערקוועטע און דערוואָרעמטע אויסדרוקן פון ליבע און ליידנשאַפט — די קושן און פליסטער. די שטילע געלעכטערס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן, האַנט ביי האַנט מיט די ווידער־קולות פון פחד און טויט. עס האָבן געפלאַקערט הערצער און געציטערט קערפּערס אין פלאַמען פון אייביקער, נישט־גע־שטילטער, מענטשלעכער ליידנשאַפט.

קומענדיק צוריק צו מיין הויז האָב איך דערזען, אַז אויך דאָ קלאַפּט דער ריטעם פון ליידנשאַפט. אויף דער וואַך דער זענען געשטאַנען יונגע מענער פון הויז, און צוגעהאָלפן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ גו־טער שמירה — האָבן די יונגע שיקסלעך און מיידלעך.

צי איז פרויד געקעכט? איז ליבידאָ און תאווה דער העכסטער מאַ־טאַר פון לעבן, אָדער ס׳איז נאָר אַ צו להכעיס דער שרעק און דעם פחד?

איך האָב נישט באַוויזן ענדיקן מיין טראַכטן: ס׳איז געווען שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט. די יעלעניעווסקי האָט מיך אויפגענומען מיט גאָר שאַרפע באַמערקונגען:

— איר פאַרשווינדט גאַנצע טעג און נעכט, איר דערפילט נישט אייע־רע פליכטן ווי דער פאַרטרעטער פון אָ. פּ. ל.־קאָמענדאַנט. איך וועל מוזן צ:ען דערפון די געהעריקע קאָנסעקווענצן.

נאָכן קאָנטראָלירן די וואַך, נאָכן מאַכן די אינספּעקציע און געבן די געהעריקע אינסטרוקציעס, זענען מיר ביידע אַרויף צו די יעלעניעווסקיס אין דער וווינונג אויף אַ באַראַטונג.

ווידער האָט מען זיך צונויפגעשטויסן אויף די קאָנטראַסטן, פון איי־ביקן געמיש פון אַנגסט און באַראַטונגען.

אין דער פּראַכטפולער נגידישער וווינונג איז געווען אַ געגרייטער טיש. מ׳האָט געטרונקען ליקער און וויין און אָפּגעהאַלטן אַ פאַמיליע־באַראַטונג פון אַלע ברידער יעלעניעווסקי מיט זייערע עלטערן און איך אין דער מיט.

אַלע האָבן אויך דאָ שוין געוווּסט, אַז מאָרגן גייט אָפּ דער לעצטער צוג צו די קרעסן, אַז מע קאָן באַקומען דערלויבענישן, בעיקר אויב מע ווייזט אַ שפּיץ פון אַ מטבע. די ערשטע פאַר מלחמה־טעג האָבן שוין אַנט־וויקלט אַ סיסטעם פון שוחד און כּאַבאַר. מ׳האָט געצאָלט געלט פאַר אמתע גאַז־מאַסקעס, פאַר שפּייז, פאַר בענזין, אַפילו פאַר נישט שטיין אויף דער וואַך אין הויז, אין נאָמען און לויטן באַפעל פון אָ.פּ.ל. מ׳האָט דערפילט, אַז אַלע ווילן איצט האָבן פליסיק געלט, פאַר יעדער נויט וואָס זאָל נישט קומען, און פאַר געלט קאָן מען האָבן אַלץ.

די אַלטע האָבן זיך מורא אָנצורופן. נאָר יעדעס מאָל, ווען איינער פון די זין האָט גערעדט וועגן אַנטלויפן, האָבן זיך גענומען גיסן טרערן

פון זייערע אויגן, ווי וואַסער פון אַן אָפענעם קראַן. די אַלטיטשקע לייט האָבן זיך ממש צעכליפּעט.

— ניין, מע קאָן נישט און מע טאָר נישט דאָס אַלצדינג איבערלאָזן. — האָט געזאָגט די יונגע פרוי יעלעניעווסקי. און אַ קוק טוענדיק אויף אירע מעבל מיט די פּראַכטפולע בילדער אויף דער שיינער זילבער־שראַנק, קרעדענץ לויטן סטיל פון קעניג לודוויק דעם XIV־טן און אַלע אַנדערע געטאָקטע מעבלשטיק, האָט זי ווייטער געצויגן: — וויפיל האָבן מיר וועגן דעם געחלומט, וויפיל נעכט אויפגעוועזן וועגן פּראָיעקטירן ווי צו מאַכן די שאַפעס, ווו זיי אַוועקצושטעלן, און די בילדער, מיט וויפיל מי האָט מען זיי געשאַפן, און די קרישטאָלן און אַלץ — און איינהערנדיק זיך צו דעם שטילן זיסן שלאָף פון אירע צוויי קליינע טעכטערלעך האָט זי פאַרענדיקט: — ניין, מיר טאָרן נישט אַנטלויפן. זיי וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן אונדזערע איינציקע נפשותלעך, וויכינקע, צאַרטינקע, צעפּיעשטשעטע, שוואַכינקע עופהלעך. אַנטלויפן פון דאַנען הייסט אומקום. מיר, די גרויסע, וועלן עס אפשר איבערקומען, אָבער מיר לעבן דאָך נישט נאָר פאַר זיך.

— די גרויסע וועלן עס אויך נישט איבערקומען — האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין מויל — אומעטום, אין גאַנץ פּוילן הערשט שוין איצט חורבן און טויט.

נאָך איידער איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, און דווקא אין סאַלאָן, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם אַנטי־גאַז־צימער, האָט מען געקלאַפּט שטיל אין דער טיר.

דערציטערט פון אומרו און אומזיכערקייט האָב איך געעפנט די טיר. דער הויכער פולער ד״ר אַלטער איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט שטיל, רויִק אָבער פעסט געזאָגט:

— מאָרגן, פאַר זיבן אַזייגער אינדערפרי, דאָס הייסט, היינט, אין פיר שעה אַרום, זאָלט איר זיין אין דער סטאַראָסטווע אויף דלוגע. מיר נעמען אַרויס דערלויבענישן אויף צו פאָרן.

— אַנטלויפן? ס'איז שוין באַשלאָסן? — האָב איך געפרווווט אויפקלערן.

— טוט ווי איר ווילט. איך גיי! — און איידער איך האָב נאָך אַרויסגעברענגט מיינע ספקות איז ד״ר אַלטער פאַרשוווּנדן.

פונקט זיבן אין דער פרי, מיטוואָך דעם 6טן סעפּטעמבער, דעם 6טן טאָג פון דער מלחמה, בין איך אין איין אָטעם, העגדום־פּעגדום, געלאָפן צו דער סטאַראָסטווע אויף דלוגע־גאַס.

אַ לאַנגע, לאַנגע ריי, ביז ווייט אויף דער גאַס אַרויס, איז געשטאַנען און געוואַרט. אַלט און יונג, ייִדן און קריסטן, פרויען און מענער, אָרעם און רייך, אַלץ איז געשטאַנען. דער הויכער, רויִקער אַדוואָקאַט ד״ר פייגענבוים, וואָס האָט שוין דאָ פאַרנומען אַ פריערדיקן פּלאַץ, האָט מיר אָנגעוויזן ווו ד״ר אַלטער געפינט זיך. ער איז שוין געווען ווייט, ווייט, אינעווייניק אין הויף, אין דער דריטער אָדער פערטער שלאַנגענריי. אַ לאַנגער צעצווייגטער אָטשערעד.

— מע גיט נישט אַרויס קיין שיינען, קיין דערלויבענישן... דער סטאַראָסטע איז נישטאָ. ער איז אַוועק... — האָט געמורמלט דער אומגעדולדיקער עולם.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ זשומען פון אַן אייראָפּלאַן אין דער הויך און אַ שרעק איז באַפאַלן דעם גאַנצן עולם.

— אַ פויגל!... אַ פויגל!... — האָבן געשריגן די יונגערע און נאָך זיי די עלטערע.

וווּהין אַנטלויפט מען? אַז מע וועט אַנטלויפן — פאַרלירט מען די ריי. אַ סך האָבן זיך אַ רוק געטון אין אַ זייט, און מיט וואַכעדיקע אויגן געקוקט צי אַן אַנדערער פאַרכאַפּט נישט זיין פּלאַץ.

מ׳האָט זיך כמעט ווי צוגערוקט צו דער וואַנט, אַריינגעקראָכן איינער אין צווייטן אַריין. דעטאָנאַציעס אין אַ שפּאָרער צאָל האָבן זיך דערטראָגן אַהער, אָבער אַביסל פון דער ווייטנס.

— אַביסל ווייטער! — האָבן אַלע אַרויסגעאָטעמט מיט פאַרלייכטערונג.

די אָטשערעד רירט זיך נישט פון אָרט. און דאָ האָב איך דערזען דעם פּאָרטיער פון ענגלישן קאָנסולאַט אָנגעטון אין וועכטער־אוניפאָרם מיט די צוויי רייען מעשענע קנעפּ. און מיט זיין כוח האָב איך זיך אַביסל גערוקט פאָרויס.

דער געוואַלט און פּראָטעסט פון די מענטשן האָט אָפּגעהאַלטן צו גיין ווייטער.

מיט דער הילף פונעם קאָנסולאַט־וועכטער האָב איך באַנוצט אַ טריק און עס האָט געהאָלפן.

— דאָקטאָר, דאָקטאָר! — האָט מען אָנגעהויבן צו רופן פונעם אָנ־הייב אַטשערעד, כמעט לעבן דער פאַרמאַכטער טיר פון סטאַראָסטע־ביור־ראָ. דאָס האָט דער פּאַרטיער, וואָס מ׳האָט אדורכגעלאָזט, געגומען שרייען אַזוי אין מיין ריכטונג.

אַלס דאָקטאָר האָב איך זיך דורכגעשלאָגן צו ראַטעווען דעם כמעט פאַרחלשטן ד״ר אַלטער און מיט דער מיטהילף פונעם ענגלישן קאָנסו־לאַט־וועכטער האָב איך זיך אַריינבאַקומען אינעווייניק. אויך דאָ האָט מיין דאָקטאָר־טיטל (כאָטש נישט פון מעדיצין) באַרוּקט די געמיטער.

די באַנען זענען נאָר פאַרן מיליטער, קיין פּאַספּאָרטן קאָן מען נישט באַקומען.

אָבער אַלע, צוערשט די בעלי־שכל, און פרייע פּראָפעסיאָנאַלן, דער־נאָך נאָך אַ סך האָבן דאָס גאולה־פּאַפּיר באַקומען.

צוריקגייענדיק זענען מיר געוואָרן באַפאַלן פון אַ באָמבאַרדירונג. וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאַרגלייך מיט אַלע פריערדיקע. אַ גאַנצע שעה האָט עדויערט די דאָזיקע באָמבאַרדירונג. די דעטאָנאַציעס האָבן זיך גע־הערט אַזוי נאָענט, אַז מיר האָבן געמיינט, די באָמבעס זענען געפאַלן אויף די אַרומיקע הייזער און דירעקט אויפן דאַך פונעם הויז, וווּ מיר האָבן זיך אויף שנעל באַהאַלטן, טראָגנדיק די גליק־ברענגענדיקע צעטעלעך אין דער האַנט. מ׳האָט זיך צוגעדריקט צו די קאָלומנעס און דיקער וואַנט פונעם הויז, וווּ מ׳איז אַריינגעלאָפן. אַלע האָבן געזוכט אַ פּלאַץ צווישן צוויי טיר־פּאָסטנס, אונטער די טרעפּ. די אויפרייסן, דאָס זעצן, דאָס טייוולאָנישע פייפן פון די באָמבאַרדירערס איז געווען אַזוי דענערווירנדיק, אַז אַלע האָבן באַקומען קאָפּ־ווייטיק און זיך צוגעהאַלטן מיט די הענט דעם קאָפּ, געשטאַנען בלייך ווי קרייד און געציטערט.

ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון דער באָמבאַרדירונג, האָבן מיר, איך און ד״ר אַלטער, זיך געלאָזט לויפן — פייל אויסן בויגן, אַזוי אַז דער יונגער אַדוו. פייגענבערג — אַליין אַ געוועזענער סעניאָר [1] און פיליס־טער [2] פון אַ סטודענטן־קאָרפּאָראַציע — האָט אונדז קוים אָנגעיאָגט.

---

[1] פּרעזידענט פון אַ סטודענטן־פאַרבאַנד.

[2] אַלטער הער פון אַזאַ פאַרבאַנד.

לויפנדיק האָבן מיר זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, געפירט אַ מין מײנונג־אויסטויש, וווהין מע זאָל אַוועק, אַז אַרום און אַרום ברענט. די ערד ברענט אונטער די פיס, דער הימל שיט פייער און די וועלט שטייט אין פלאַמען.

ד״ר אַלטער האָט געוואָלט, מע זאָל לויפן קיין קליינפוילן און וואָלין. דאָרטן איז דאָ זיין משפחה. דאָרט איז זיין געבוירן־אָרט, זיין אַמאָליקע היים. דאָרט, צווישן אייגענע, אַלטע, אמתע פריינד פון די קינדער־יאָרן, באַקאַנטע פון דער יוגנטצייט — וועט מען קאָנען די מלחמה לייכטער איבערהאַלטן. אדוו. פייגענבערג האָט געצויגן מער קיין מזרח. דאָרט איז אפשר זיכערער, יעדנפאַלס ווייטער פון דעם שטן־המשחית און נענטער צו ארץ־ישראל. אויב די פרידלעכע יאָרן האָבן אים נישט געבראַכט, דעם טרייען גלויביקן ציוניסט קיין ארץ־ישראל, וועט אפשר דאָס די גזירה באַווייזן.

אדוו. פייגענבערג איז אַוועק און מיר צוויי האָבן נאָך, לויפנדיק, געפירט דעם וויכוח.

מיך האָט אַרומגעכאַפּט ממש אַ שוויס. פון די טרויעריקע געדאַנקען, פונעם צווייפל, פון פאַרויסגעזעענעם פחד; אַ שוויס, וואָס באַפאַלט אַ מענטש תמיד, איידער ער דאַרף אָננעמען אַ שווערע אָבער גורלדיקע דע־ציזיע. קיין דרום צו, דאָרט ווו ס׳איז די אַלטע היים, די מאַמע, ווו מיין וויג איז געשטאַנען אָדער קיין מזרח־צו און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל, ווו מיין גייסטיקע וויג שטייט, דאָרט ווו איך האָב צוויי יאָר פון מיין לעבן, די שענסטע יוגנטצייט פאַרבראַכט, אַרבעטנדיק אין גליל און ביי די לעגיאָנערן.

אַ נייע באָמבאַרדירונג האָט אונדז פאַרכאַפּט פונקט לעבן דער גרוי־סער שול אויף טלאָמאַצקע. נישט־טויט, נישט־לעבעדיק זענען מיר אַריין אין הויף פון דער שול און צו צו דער דירה פון פּראָפעסאָר ד״ר משה שאָר. ער, דער סענאַטאָר פון דער פוילישער רעפובליק, ער וועט אונדז קאָנען געבן אַן עצה, פונקט ווי מיר האָבן עס באַקומען נעכטן ביי אים.

געקומען זענען אַהין דערנאָך די ביידע משפחות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן גרויסן טעמפּל, די פאַמיליע פון סעקרעטאַר פאַלמאַן און פון כאָר־דיריגענט אייזענשטאַדט.

ביי אַלע אין די אויגן האָט מען געזען הענגען — ווי אַ גרויסער

הענגלאַמפּ אָנגעצונדן מיט אַלע ליכט — דעם גרויסן פּראַגעצייכן: וואָהין? לויפן האָבן שוין איצט כמעט אַלע באַשלאָסן. דער פּחד פון די באָמבעס איבערן קאָפּ, פון די פייערן, פון די פאַרוווּנדעטע און טויטע, וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן און פון וועלכע מ׳האָט געהערט — איז געוועזן איצט שטאַרקער ווי די שרעק פון זיין נע־וונד, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, ווייט פון דער היים און פון דעם אָרט ווו מע לעבט. געבוירן און איינגעוואָרצלט אויף פּוילנס ערד האָבן מיר געגלייבט צו טרעפן אומעטום פריינד און באַקאַנטע — יידן און גוים, וואָס וועלן אונדז העלפן איבערהאַלטן דאָס אָנגעקומענע אומגליק.

— ווו איז פּראָפעסאָר שאָר? — האָבן מיר געוואָלט וויסן, ווייל ער איז די גאַנצע צייט נישט געווען מיט אונדז.

— דאָרט אין טעמפּל.

— פאַר מורא?

אַ בליק פון באַליידיקטן כעס איז געווען די תשובה פון פּאַלמאַן און אייזענשטאַדט.

ווען ד״ר אַלטער און איך זענען אַריין אין דער סינאַגאָגע און געזען זיצן דעם ראַבינער שאָר אויף זיין שטענדיקן כסא־הרבנות אויבן־אָן אויפן בעלעמער לעבן ארון־קודש — האָט עס אונדז ממש פאַרכאַפּט.

אַ שיינער, רונדיקער שטערן פון אַ יידישן למדן, אַ טיף פאַרגייסטיקט פּנים פון אַ דענקענדיקן מענטש, וואָס האָט כוח צו זיין העכער און ווייטער פונעם טאָגטעגלעכן געיעג און נענטער צו די ספערן, וואָס רירן אָן מיט די שפּיצן פון זייערע פליגלען די הימלען, די אייביקייט.

דער ראַבינער שאָר האָט עפּעס ווי אַריינגעקוקט, מעין געווען אין אַ ספר און אַפילו דעם קאָפּ נישט אויסגעדרייט, ווען מיר צוויי זענען אַרייננגעקומען. מ׳האָט געקאָנט באַמערקן, אַז ער זיצט דאָ די גאַנצע צייט און איז נישט אַוועקגעלאָפן זיך באַהאַלטן אַפילו ווען די באָמבאַרדירער זענען געפלויגן איבערן דאַך פון זיין שול.

די טיפזיניקע אויגן פון וויסנשאַפט־מאַן און רב, וואָס פילט די אחריות פאַר דער עדה, מיט וועלכער ער פירט אָן, האָבן אַ קוק געטון אויף אונדז, זיינע גוטע באַקאַנטע, כמעט ווי פריינד. זיינע אויערן האָבן גע־הערט אונדזערע רייד, אָבער ער אַליין איז נישט געווען מיט אונדז. ער

איז געווען ביי זיך, מיט זיך, — ווייט פון דאַנען, זוכנדיק אַן אָנהאַלט, אַ תשובה.

— אַן עצה, אַן עצה! — האָב איך פאַרלאַנגט. איך האָב דערקלערט, אַז דריי וועגן שטייען פאַר אונדז. דאָקטאָראָוויטשס פּלאַן פון איבער־וואַרטן אין דאַרף די מלחמה, לויפן קיין דרום אין די אַלטע היימען ווו מ׳איז אויפגעוואַקסן צוזאַמען מיט די אוקראַיִנישע גויים, פּוילישע פּריצים און האַרציקע ייִדן, אָדער גאָר קיין מזרח, פון וואַנען מע וועט זוכן אַ וועג אַהינצוצו. מיר האָבן מורא געהאַט פאַר די ליפּן אַרויסצוברענגען דעם נאָמען ארץ־ישראל, פּונקט ווי דער בעדויִנער האָט אָפּשיי און פאָרכט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון לייב אָדער טיגער, זיי זאָלן נישט ווערן אין כּעס. פילנדיק אַז מיר האָבן אונדזער לעבנס־פליכט ווי טרייע ציוניסטן נישט דערפילט, האָבן מיר מורא געהאַט פאַרן גערעכטן כּעס פון ארץ־ישראל.

— ארץ־ישראל, ארץ־ישראל, ארץ־ישראל — האָט פּראָפעסאָר שאָר דריי מאָל איבערגעחזרט די נישט אַרויסגעזאָגטע חלומות־ווערטער פון זיינע פריינד.

— אַן עצה, אַן עצה!...

— דיאַגנאָס האָט געזוכט אַ מענטשן און איר אַן עצה — האָבן איראָניזירט אַ ריי באַקאַנטע, וואָס זענען אָנגעקומען אין טעמפּל, זיך געזעגענען מיטן באַליבטן און געאַכטעטן ראַבינער און דער עיקר זיך פאַר־זיכערן, צי פּראָפעסאָר שאָר מיט זיין משפּחה פאָרט באמת אַוועק.

די זשורנאַליסטן, סיים־דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן האָבן געזאָלט באַ־קומען אַ ספּעציעלע מעגלעכקייט מיטצופאָרן מיט דער רעגירונג, וואָס האָט זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין. פּראָפעסאָר שאָר אַלס סענאַטאָר האָט פאַרביסן די ציינער, נישט געענטפערט אויף די שאלות פון זיינע פריינד, איינמאָל נאָר האָט ער אַזוי ווי אַרויסגעפּרעסט פון צווישן די ציין:

— אַנטלויפן... אַלץ איבערלאָזן... אַלץ... אַליין, בלייבן אַליין, אַן אייך. — און אַרומנעמענדיק מיט אַ העלן, קלאָרן, ווייטזיכטיקן, נביאישן בליק דעם טעמפּל, דעם ארון־קודש, זיין שטול, די בענק, די שניצערייען און אויפשריפטן, דעם אָרט ווו ער האָט זיין גייסט, טאַלאַנט און האַרץ אַוועקגעגעבן, האָט ער שטיל צוגעגעבן: — אויף ווי לאַנג... איבער־לאָזן?...

איך האָב ווידער אַמאָל געזוכט די עצה, פאַר אַלע און פאַר זיך, אָדער גאָר פאַר זיך און פאַר אַלע. דער אַדוואָקאַט ביאַלער, פּראָפעסאָר באַלאַבאַנס איידעם, וואָס איז אַהערגעקומען אין שליחות פון זיין שווער, האָט זיך אָנגערופן שוין פאַר אַלע:

— ייִדישער דיאַגנעס. איר ווערט האָבן דעם זעלבן גורל וואָס יענער. דיאַגנעס האָט קיין מענטש נישט געפינען און איר ווערט קיין עצה נישט טרעפן... — און מיט אַ האַרטער, אָבער גאָר נישט קיין רויִקער שטים האָט ער פאַרענדיקט: — א י י ן עצה, דאָ בלייבן. אַנטלויפן הייסט ווערן אויס מענטש. די וועלט איז נאָך נישט הפקר. זי גייט נאָך נישט אונטער. מיר בלייבן דאָ.

צעטומלטע זענען מיר צוריקגעגאַנגען אַהיים.

ביים טויער האָט מיך אָפּגעוואַרט דער הויז־סטרוזש און געזאָגט, אַז מע זוכט מיך שוין אַרום. מע בויט שוצקעלערס פאַר דער שטאָט, אַלע יונגע זענען שוין אַוועקגעגאַנגען, כ'מוז אויך באַלד נאָכגיין. ער האָט מיר דערביי געגעבן אָנצוגעהערן, אַז דער עולם וואַרט אויף מיר, קיין אַרויסדרייען זיך איז נישטאָ.

איך בין אַרויף צו זיך אין שטוב און ווען איך האָב אַ קוק געטון אויף מיין פרוי, אויף פנינהן, האָב איך געוווסט, אַז דאָ וועל איך מער נישט בלייבן. אין אירע אויגן איז שוין געווען דער אָפּשיין פון אונטערגאַנג און אויפן פנים האָט געטאַנצט דער בלויזער פחד און זאָרג פאַרן לעבן.

נייע געסט האָבן געוואַרט אויף מיר אין שטוב. דער ריזיק־הויכער אַדוואָקאַט ריפעל מיט זיין פרוי און טעכטערל.

אַדוואָקאַט ריפעל, וואָס האָט געוווינט פּונקט אַנטקעגן גרויסן באַנ־הויף, דעם ווינער וואָקזאַל, אויף כמיעלנע־גאַס, האָט איבערגעלעבט אַ נאַכט און אַ טאָג פון שרעק און אומגליק. די באָמבאַרדירערס, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט צו צעשטערן דעם באַנהויף, כדי צו פאַראַליזירן דעם גרעסטן קאָמוניקאַציע־ און טראַנספּאָרט־נערוו פון פּוילן, צונישט־צו־מאַכן די מאָ־ביליזאַציע און דאָס איבערפירן פון פּויליש מיליטער פון איין אָרט אויפן צווייטן, צו שעדיקן און צעשטערן דעם אַנטלויף פון די פּוילישע מלוכה־כוחות — האָבן אין איין וועג גענומען שיטן און האַגלען מיט באָמבעס אויף אַלע שכנותדיקע הייזער. אין הויז פון אַדוואָקאַט ריפעל איז אָפּגע־האַקט געוואָרן, ווי מיט אַ ריזיקן האַמער, אַ גאַנצער פליגל, ס'זענען איינ־

געפאַלן צוויי קאָנדיגנאַציעס פון טרעפּ. אַ פרוי מיט צוויי קינדערלעך זע־נען דערהרגעט געוואָרן און אַ סך זענען געוואָרן פאַרווונדעט.

אַלע זענען זיך צעלאָפן, אַנטלאָפן צו זיין וואָס ווייטער פונעם שרעק־לעכן אָרט, פונעם טויטפלאַץ.

אַדוואָקאַט ריפּעל איז אַנטלאָפן צו מיר, צו זיין פריינד. דאָ אין דער דירה, ביי מיר אין קאַבינעט, איז געשאַפן געוואָרן דער פּלאַן פונעם „מאַרש קיין ארץ־ישראל״. איך, דער שעף פון גענעראַל־שטאַב און אַדוואָקאַט ריפּעל, דער קאָמענדאַנט פון דעם הויז, זענען אַרויסגעגאַנגען באַפעלן און געבן אינסטרוקציעס. ווען דער מאַרש פון קנאַפּע טויזנט יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געלאָזט גיין צופוס קיין ארץ־ישראל, איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן פון דער פּוילישער פּאָליציי ביים דאָרף פּירי, איז ביי אונדז געווען דאָס אָרט פון זאַמלען זיך — דער זאַמלפּונקט.

איך האָב זיי איצט אויפגענומען ממש מיט שמחה, געווען גרייט זיי אָפּצוטרעטן אַלץ, אָבער די רעשט משפחה איז נישט געווען שטאַרק באַ־גייסטערט פונעם נייעם שכן. און ווען דער ריז ריפּעל, פון איין מעטער 96 סענטימעטער די הויך, האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף און זיך גענומען בייזערן, האָב איך פּלוצלינג דערזען פאַר זיך אַ נייעם ריפּעל, בעסער גע־זאָגט, דעם אַדוואָקאַט ריפּעל אין אַ נייער אויפלאַגע, אין אַ מלחמה־אויס־גאַבע. שטאָט פעסטקייט, אומבייגעוודיקייט און אַנטשלאָסנקייט — האָט זיך געמערקט ביי אים אין זיין שרייען, אין זיין ווילן, אין באַנעמען זיך — נישט קיין קראַפט, נאָר הפקר, אַ מין „מיר איז שוין אַלצאיינס. מיין וועלט איז שוין חרוב געוואָרן״, האָט זיך דערפילט אין זיינע פאָדערונגען און מעשים.

די משפחה ריפּעל איז געבליבן ביי אונדז.

איך האָב געפּרוווט אַלע דריי וועגן פון יעקב־אבינו, כדי אַרויסצוי־קריכן פון דער נאַרישער גזירה. פּונקט איצטער, ווען די באָמבאַרדירערס פליִען אין אַ ווילדן טאַנץ איבער די קעפּ און מ׳הערט שוין דאָס שיסן פון דייטשע האַרמאַטן, ס׳ברענען שוין הייזער פון אַלע זייטן און ס׳לויפן שוין מענטשן, אַנטלאָפענע, אָפּגעברענטע, פאַרווונדעטע — האָט די פּוי־לישע פירונג פון אָ.פּ.ל. באַשלאָסן אַרויסצונעמען אַלע יונגע מענטשן פון די הייזער אויף צו גראָבן אויסער דער שטאָט שאַנצגריבער פאַרן... מי־ליטער. צו באַהאַלטן זיך דאָרט און קעמפן קעגן דעם דייטש.

דורון, תפילה, מלחמה — מתנה, געבעט און מלחמה, — זענען גע־וועזן די דריי סטראַטעגישע עצות פונעם אַלטן פּאַטריאַרך.

איך האָב געוואָלט באַצאָלן פאַר אויסמעקן מיין נאָמען. נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפן. ער איז געווען צו אָנזעעוודיק.

אין צווישן האָט מען געזען פולע טראַמווייען און פּלאַטפאָרמעס מיט יונגע מענטשן, באַוואַכט פון פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן, וואָס מ׳האָט געכאַפּט אָדער אַרויסגענומען פון די הייזער, און געפירט אויסער דער שטאָט צו גראָבן און בויען אָקאָפּעס.

דערנאָך האָב איך געפּרוווט מיין איינפלוס אויף אַ פּאָר מיטליאָריקע פּאָלאַקן, וואָס זענען נישט געווען אויף דער רשימה און האָב זיי פאָרגע־שלאָגן צו גיין אַרבעטן אויף מיין אָרט. איך וועל זיי אַן אַנדערש מאָל פאַרטרעטן. אָבער אויך אָן דערפאָלג.

דער געדאַנק פון אַנטלויפן איז ביי מיר איצט געוואָרן רייף אינערלעך.

אַדוואָקאַט ביאַלערס טעזע, אַדוואָקאַט ריפעלס באַזעצן זיך דאָ, דער יעלעניעווסקיס באַשלוס צו בלייבן — האָבן זיך געשאָקלט אויף דער זעלבער וואָגשאָל פון ד״ר אַלטערס פּאַקן זיך, פון מיין פרויס אויגן פול טויט־שרעק, פונעם כאַפּן צו דער אַרבעט.

איך האָב נאָך באַזוכט מיינע צוויי פּאַרטיי־אַדוואָקאַטן, גוטקאָווסקי און לאַבענדזקי.

אַ פּאַרטיי־עצה? דער וועג פון דער פּאַרטיי איז געווען קלאָר, אַזוי לאַנג ווי ס׳איז געווען פאַרהעלטענישמעסיק קלאָר און נאָרמאַל דאָס לעבן פון די פּאַרטיי־חברים.

„יעדער יחיד איז אַ וועלט פאַר זיך" — באַהויפּטן די תלמידי־חכמים און אַזוי פלעגן טענהן די גריכישע פילאָזאָפן, האַלטנדיק דעם מענטש פאַר אַ קליינער וועלט, מיקראָ־קאָסמאָס. דעם אמת לערנט דאָס לעבן, אָבער דעם באַווייז גיט די נויט, דער קריג. די מלחמה רייסט דיך אַוועק פון דער גרויסער וועלט און פאַרשליסט דיך אין דיין קליינער וועלט, מיט וועלכער דו מוזסט אַליין לויפן. אַנטלויפן.

די רעדאַקציע־מיטגלידער פון לעקסיקאָן — פּנחס סאַפּיר, ד״ר הירש, הרב וואַרשאַווסקי, ארי ישראלי, ווילענטשיק, דראַהיטשינסקי און די פריי־לין דאַמבראָוויאַנקאַ — זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער שעף־רעדאַקטאָר. אין דער לופט האָט זיך שוין געטראָגן די ידיעה, אַז מיר

אַנטלויפן. פנינה האָט זיי באַשטעלט אויף איצט, וועלנדיק אַזוי אַרום מיך באַאיינפלוסן, איך זאָל נישט חרטה האָבן אויף אונדזער באַשלוס אַוועקצופאָרן.

מ'האָט צונויפגעבונדן די מאַטריצן און קאָרעקטן פון צווייטן און דריטן באַנד, צוזאַמענגעפּאַקט די צאָל עקזעמפּלאַרן פון ערשטן באַנד „יידישער געזעלשאַפטלעכער לעקסיקאָן", באַזונדער האָט מען גוט געבונדן די מאַנוסקריפּטן, פאַרפּאַקט די פאָטאָגראַפיעס, קלישעס, מאָנטאַזשן, אַלצדינג אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן און גוט פאַרמאַכט. פון אויבן האָט מען אָנגעקלעפּט אַ צעטל, אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַן אוצר, און אויף ענגליש צוגעשריבן:

Handle with care.

אין קאַסטן האָט מען אַריינגעלייגט אינסטרוקציעס און אַ בקשה אונטערגעשריבן פון אַלע, אַז אויב עמעץ וועט עס אַמאָל געפינען און וועלן אַרויסגעבן, זאָל ער נישט פאַרשעמען די ערשטע צוויי בענד. עס זאָל ווערן גוט קאָרעגירט, שיין געבונדן און פּרעכטיק אַרויסגעגעבן.

אַ לחיים איז געגאַנגען אין אַ ראָד. ד"ר הירש האָט דערקלערט, אַז ער וועט בלייבן מיטן לעקסיקאָן און וועט אים אויסלייזן.

ארי ישראלי האָט געזאָגט, אַז ער פילט, אַז זיין סוף איז נאָענט. ער האָט תמיד געזען אין חלום זיין סוף פאַרבונדן מיט מלחמה. מיט אַ רויקער, טרויעריקער אָבער געפאַסטער שטים האָט ער אויסגעפירט:

— איר האָט געזען, ווי מע שלעפּט אַרעמע צו דער אַרבעט, צו דער סכנה, צום טויט ממש. גראָבן שאַנצן אונטערן פייער פון דייטשע איירעפלאַנען און האַרמאַטן... רייכע באַהאַלטן זיך אויס, קויפן זיך אויס. מיין גורל איז מיט די אָרעמע.

ספּאָנטאַן זענען אַלע צוגעלאָפן איינער צום אַנדערן און זיך צעקושט, צוגעדריקט צום האַרצן.

אין דער רגע זענען אַלע געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן צווייטן.

זיי זענען אַרויס דורכן הינטערשטן הויף, מע זאָל זיי נישט כאַפּן צו דער אַרבעט.

דער סטרוזש איז אַרויפגעקומען און געמאָלדן, אַז די צווייטע גרופּע יונגעלייט גייט אין אַ האַלבער שעה אַרום צו דער אַרבעט און איך וועל מוזן מיט זיי מיטגיין.

איצט איז מיין באַשלוס שוין געוועזן קלאָר.

— גוט. איך קום אַראָפּ אין אַ האַלבער שעה. קאָנסט רויִק זיין, סטאַניסלאַוו.

דער סטרוזש איז אַראָפּ צופרידן אָנזאָגן אַלע די בשורה, אַז איך באַהאַלט זיך נישט אויס און כ׳קום אַראָפּ — צו גיין צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין שטוב מיט אויגן פון פרייד, מיט אויגן באַלויכטענע פונעם זכרון, פון די אָנגענעמע דערינערונגען פון די מאָמענטן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דעם הויז, אין דער דירה אונטערן פאַרבןגלאַנץ פון די בילדער און דער פּראַכט פון מיינע ביכער־שענק. איך בין געגאַנגען פון צימער צו צימער און געקושט מיט ווייכע, צעגלאַנצטע אויגן פול מיט טרויער־שיין און ליבשאַפט יעדעס בילד, יעדן פּאָרטרעט. אויבןאָן, אין מיין אַרבעט־צימער, איז געהאָנגען אַ פּראַכטיקע קאָפּיע פון הירשענבערגס „דער גלות״, פּונקט ווי דאָ, הויקערס, טרויער, אַ גרויסער פּרעגצייכן אין די אויגן, וווהין און ביז ווי לאַנג נאָך? אָט העגגען בילדער פונעם מאַלער־גאון גאָטליב, פון גוטערמאַן, רעליעף־שטיכן פון די זיידנבייטעלס, פּראַכטפולע סטאַטועז פון גאַבאַוויטשן, איינע ספּעציעל פאַרקלענערט פון מייסטער אַליין פאַר מיין יונג מיידעלע, פאַר יאָסימאַן, טראָגט דעם נאָמען „שוועלבעלעך״. דאָ העגגען פּוילישע קונסטבילדער פון זשמורקאָ, מאַקאָווסקי, זענקעוויטש.

אָט שטיי איך פאַר דריי גרויסע ספרים־שענק.

די גרויסע גמרות הערשן איבער די אַנדערע, ווי אַ וועגווייזער, אַ מאַנער. און פון דער צווייטער זייט די לעקסיקאָנען, מייערס, דער ייִדישער, דער רוסיש־ייִדישער, די ענציקלאָפּעדיעס און וויסנשאַפטלעכע ווערק מיט לאַטיינישע און גריכישע אָריגינאַלן. און קאַנט, העגעל, שפּינאָזע, לייבניץ, הארדער און פרויד אין אַלע אויסגאַבעס, אַדלער און יונג און זייערע מפרשים. בעלעטריסטיק און סתם ליטעראַטור און קולטור־אַלבאָמען און אוצרות.

און אין מיטן, כאָטש אַלט, אָבער אויבן־אָן, די דריי מינים חומשים, אַ ירושה פון די טאַטעס און זיידעס, די חומשים מיטן אבן־עזרא און רמב״ן, די חומשים די גרויסע מיטן אור־החיים און באר־מים־חיים און די חומשים מיט מ״ד פּרושים. אַלטע, אַביסל צעריסן, אַביסל זיך אָפּגעקלעפּט דער באַנד, אַביסל אָפּגעבלאַקעט די פאַרב, אָבער שטאָלץ און זי־

כער שטייען זיי דאָ, שטייען אויף דער וואַך, זיי אַנטלויפן נישט, זיי היטן ווייטער.

איך האָב געבעטן מיין פרוי איינפּאַקן די נייטיקסטע זאַכן און פאַר־נאַכט צוקומען צום הויז פון אונדזערע פריינד אויף ווידאָק. פון דאָרט וועלן מיר גיין צו דער באַן, וואָס פאָרט אָפּ האַלב ניין פון הויפּט־וואָקזאַל אין דער ריכטונג קיין דרום און קיין מזרח צו.

וואַנדע, די יונגע קעכין, האָט עפּעס דערפילט, אַז ס׳איז נישט קיין געוויינלעך געזעגענען זיך, האָט זי גענומען נאָכלויפן און שרייען אויף אַ קול, בעטן, פאָדערן, אַז איך זאָל נישט פאָרן, איך זאָל זיי נישט פאַרלאָזן. און ווען אַלע מיינע רייד און אויפקלערונגען האָבן נישט געהאָלפן — האָב איך איר געמוזט דראָען, אַז איך וועל זי איבערגעבן אין די הענט פון אָ.פּ.ל.־קאָמיטעט און מע וועט זי אָפּפירן צו דער אַרבעט, גראָבן אַקאָ־פּעס אונטערן האָגל פון די דייטשע אייראָפּלאַנען.

זי האָט זיך מיט כעס און אויפרעגונג צוריקגעצויגן.

אין טויער האָב איך געטראָפן די גרופּע גרייטנדיק זיך צו גיין גראָבן אַקאָפּעס. אַ סך האָבן שוין געטראָגן לאָפּאַטעס, העק, לאָמען און אַנדערע כלים, וואָס מ׳האָט זיי געהייסן מיטנעמען אויף צו גראָבן טיפע, זיכערע שאַנצן־גריבער.

איך האָב זיך האַרציק מיט אַלע באַגריסט, אַרויסגעגאַנגען פאַרן טויער און שפּאַצירנדיק צוגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק טריט ביז צו דער זשעלאַזנע־גאַס און אין ערשטן טראַמוויי, וואָס איז אָנגעלאָפן, בין איך אַריין און געפאָרן אין דער ריכטונג פון ווידאָק, נאָענט פון הויפּט־וואָקזאַל, צו מיינע לאַנגיאָריקע פריינד, צו די העכטס.

קאַפּיטל דריי

אַן פּירערס

איך בין אַראָפּ מיט אַלע פון טראַמוויי איבערצוואַרטן אַ באָמבאַר־דירונג. און דאַן צוגעלאָפן צופוס צו דער דירה פון מיינע פריינד, דעם שול־דירעקטאָר גערדאַ העכט און זיין פרוי.

אַריינגעקומען אין דער דירה האָב איך געטראָפן פרעמדע מענטשן. נישט דער זעלבער שול־דירעקטאָר, נישט די זעלביקע פרוי.

אין שטוב, אין די עלעגאַנטע צימערן, ווו מ׳האָט וואָכנלאַנג שטו־דירט מיטן דעקאָראַטאָר, ווי אַזוי עססטעטיש און פּלאַנמעסיק אויפצוהענ־גען די קאָמבינאַציעס מיט די קאַרטינעס; ווו מען פלעגט אַרומגיין וואָכנלאַנג, כדי אויסצוגעפינען דעם ריכטיקן מאָדעל פון אַ מעבלשטיק, פון אַ סטאַ־טועטקע, פון אַ ריכטיקן דיוואַן, פון אַ גאָבעלין און מיט גענויער פּינקט־לעכקייט האָט מען עס אַוועקגעשטעלט אויפן פיין־געשניצטן קרעדענץ, אויפן סטילפולן בופעט, אויף די ווייכע פאָטעלן, — אין דער דאָזיקער שטוב האָט איצט געהערשט דער גרויסער הפקר, דער אָנזאָג פון חורבן, דער שרעקלעכער מלחמה־שד, די וויסטע שרעק. אויף אַלע בענקלעך, שטולן, פאָטעלן, טישן, בופעטן, קרעדענצן — זענען געלעגן צעוואָרפן מלבושים, שיך, וועש, עסנוואַרג, רענצלעך און פּעק.

אַרום די טישן, אויף די קאַנאַפּעס, סאָפעס און טאַבאַרעטקעס זענען געזעסן לערער און שול־דירעקטאָרן, יידישע, יידיש־אַסימילירטע וואָס זע־נען אַוועק פון דער געגנט פון וואַרשע אָדער אַזעלכע, וואָס צוליב דער מלחמה האָבן זיי נישט געקאָנט אָנהייבן זייער שול־אַרבעט און זיך באַ־זעצט ביי זייער פריינד און פּראָטעקטאָר גערדאַ העכט.

איך האָב שטיל און נישט דעצידירט געקוקט אויף העכטן, דעם באַ־רימטן פּעדאַגאָג, פּעדאַגאָג און פּאַך־זשורנאַליסט, אויף אים, אויף זיין איי־דעלער פרוי און קוים געגלייבט מיינע אויגן. סך־הכל פינף מלחמה־טעג און שוין האָבן זיי געקאָנט לייגן אַ שוואַרצן שטעמפּל אויף אַ מענטשלעך

לעבן. אַ רויק, אָנשטענדיק, אינטעליגענט לעבן. פינף טעג בלויז האָבן באַוויזן צו צעשטערן צענדליקער יאָרן מי און פּראַצע מיט איין קלאַפּ.

געגנוי, אַ שוואַרצער שטעמפּל, אַ שוואַרצער זיגל באַצייכנט די אויגן, דאָס פּנים, דעם מלבוש אַפילו, פון אַלטן פּראָפעסאָר מיט זיין פרוי.

אויך די אַנדערע פיר משפחות, צוויי מיט קינדער, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן שוין געווען אָפּגעבאָדן און אויסגעבאָדן אין דער שרעקוואַנע פון הייסן אומרו און ציטערדיקן גורל.

איך האָב זיי קאַטעגאָריש און אָפן דערקלערט, אַז מיין באַשלוס איז צו אַנטלויפן, איבערצוואַרטן אויף אַ צווייטן פלאַץ.

דער בלינדער אכזור, דער שפּעטנדיקער גורל, דער סאַטיר פון אירָאָניע האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע מיילער, וואָס האָבן גענומען פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ באַשלוס.

— פּחד איז אַ שלעכטער בעל־עצה — האָט פילאָזאָפירט דער גראַכאָווער שול־דירעקטאָר — ווען דער מענטש פאַרלירט דעם קאָמפּאַס פון זיין לאָגיק, פאַרלירט ער דעם וועג, פּונקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע, וואָס גייט אַוועק פון דער טשערעדע, ווערט עס אויפגעפרעסן פונעם וואָלף.

— אַלץ קאָן איך איבערהאַלטן, נאָר נישט זיין קיין אַנטלאָפענע — האָט אונטערגעהאַלטן פרוי פּלינט, וואָס האָט געוווינט נישט וויט פון די העכטס אויף דער זעלבער גאַס. זי איז געקומען צו די העכטס אין דער פרי און קאָן נאָך נישט אָדער וויל נאָך נישט צוריקגיין צו זיך אַהיים.

זי ציט ווייטער אירע אויספירן: — אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אַנטלאָפן צו אונדז אין שטעטל אַריין „פּליכטלינגע". איך פלעג זיי ברענגען עסן און קליידונג. און כ'האָב מיר געשוווירן, אַז כ'וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט אַנטלויפן. דאָס ערגסטע וועל איך איבערטראָגן, נאָר דאָ אויפן אָרט. אַן אַנטלאָפענער פאַרלירט די קאַטעגאָריע. ער ווערט דעגראַדירט און מינדערוועדיק ביי יענעם און ביי זיך... דאָ בלייבן ביז צום סוף.

דאָס פרויען־האַרץ און מאַמע־געפיל האָט נישט געוווסט, ווי שרעקלעך־טראַגיש, איבערמענטשלעך־טראַגיש אמת וועלן ווערן פאַר איר גאָר באַלד די דאָזיקע ווערטער.

די דיסקוסיע האָבן באַגלייט באָמבאַרדירונגען, זעניט־שיסערייען פון פּוילישע סאָלדאַטן און הילכיקע שטאַרקע דייטשע האַרמאַטן־שאָסן.

פאַרנאַכט האָט פלוצלינג אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע באָמבאַרדירונג פון באַנהויף און דער גאַנצער געגנט אַרום. ווידאַק, די גאַס ווו מיר זענען איצט געווען, איז איינע פון די דריי אָפּצווייג־גאַסן פון דער הויפּטבאַנגאַס מאַרשאַלקאָווסקע. די דונערן און בליצן האָבן אויפגעציטערט אַלע הייזער צוזאַמען מיט אַלע הערצער. פלוצלינג האָט געגעבן אַ דונער, ווי פון הונ־דערט הימלען מיט אַ מאָל און נאָך דעם אַ בלישטש, ווי אַ מין בליצן וואָלט דורכגעשניטן די שטוב. באַלד האָט מען געהערט שרעקלעכע קולות און פייערן האָבן גלייכצייטיק גענומען בלאַסקען און פאַרשווינדן.

קינדער האָבן אָנגעהויבן שרייען און וויינען, די לערער־משפחות וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, האָבן גענומען רייסן די קינ־דער צו זיך, זיי טוליען און באַרויִקן מיט גוטן און מיט בייזן. איך בין געשטאַנען אין קיך, אַריינגעדריקט צווישן צוויי טירן. אַלע מיינע אברים און גייסטיקע כוחות האָבן זיך געוואָרפן אין אַ מאַדנעם, ביז היינט מיר כמעט אומבאַקאַנטן, פיבערדיקן דראַזשען.

נאָך דעם האָט זיך שוין די דיסקוסיע געענדערט. דיאַמעטראַל געענ־דערט. בלויז דער שוללייטער פון ברודנע האָט נאָך געפּרוווט מיט לאָגי־שע פּראָ־ און קאָנטראַ־באַווייזן, צו האַלטן זיך ביי ס׳זייניקע. מע דאַרף נישט אַנטלויפן. דער דייטש איז נישט קיין חיה. דאָ אין פוילן וועט ער זיך, דער אָקופּאַנט, נישט דערלויבן דאָס צו טון מיט יידן, וואָס ער טוט ביי זיך אין לאַנד. פאַרקערט, ער וועט וועלן געווינען די סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג. מעגלעך אַז ער וועט צונעמען ביי אַלע, אָדער ביי אַ סך, אפשר ביי די יידן צו אַלעם־ערשט זייערע פּאָסטנס, זייערע רעגירונג־שטעלעס — וועט ער אָבער געבן באַנעס, שפּייזקאַרטן, ווי דער דייטש איז געוווינט — איז אויך נאָך נישט קיין אומגליק...

די פרוי פלינט האָט אים נאָך ווייטער אונטערגעהאַלטן. די אַנדערע האָבן אָבער שוין געשוויגן. די באָמבעס־לעקציע, ספּעציעל די לעצטע, האָט שוין געענדערט זייערע מוח־ספּעקולאַציעס, זייערע פּלענער און אויספּאַ־סונגען. עפּעס האָבן זיי גענומען קלערן אַנדערש.

פנינה האָט מיר אָנגעקלונגען, אַז זי גייט אַרויס פון שטוב. אַז אין דער היים הערשט אַ שרעקלעכער כאַאָס און צאָרן. וואַנדע ווייַנט, ריפעל מיט זיין משפחה שרייט, דער אָ.פּ.ל. דראָט, די יעלעניעווסקי רופט פּאָ־ליציי אַרויסצוואַרפן ריפעלן און נאָך און נאָך.

זי האָט מיר אויך מודיע געווען, אַז אין אַזאַ צושטאַנד קאָן זי כמעט

גארנישט מיטנעמען מיט זיך. זי האט בלויז אנגעטון דאס קינד און ארויפ־געווארפן אויף זיך קליידער און מאנטלען, די ווינטערדיקע זאכן, כאטש די היץ האט נאך נישט אפגעלאזט... זי איז אנטשלאסן צו לויפן קיין דרום, צו די עלטערן.

איך האב זיך געזעגנט מיט אלע און בין אוועק אליין פון ווידאק. קיינער האט נישט געהאט קיין מוט מיט מיר מיטצופארן.

די נאכט, די אפגרונט־שווארצע נאכט — דא און דארט באלויכטן פון בייזע, רויטפלאמענדיקע, צונטער־פייערלעך — האט מיך אויפגענומען מיט ברייטע ארעמס פון פחד, גליטשיקייט און אומרו. איך האב נישט געזען ווי צו גיין, ווי צו טרעפן. איך בין געגאנגען בלינד, אנגעשטויסן זיך, אפגעשפרונגען, ווייטער געגאנגען, געשטאלפערט, געכאפט קלעפ, אוועקגערוקט זיך און געקראכן ווייטער.

אבער וווהין? ווו טרעף איך איצט מיין פרוי? ווי אזוי וועט זי צו־קומען צום באנהויף, אליין מיטן קינד און מיט געפעק? אפשר פארן זיי צוזאמען מיט די אלטערס?

איך מוז עס וויסן! אז נישט קאן דאך געשען דאס שרעקלעכסטע, וואס דאנטע האט עס נישט געקאנט אויסקלערן. טאמער טרעפן מיר זיך נישט איצט, — וואס באטייט שוין באמבעס, חורבן, צעשטערונג, אנט־לויפן, זיין א פליט, לגבי דער שרעק וואס שפאלט דורך יעדעס מאל מיי־נע געדערעם, מיין גאנץ וועזן, מיין בלוט, מיין הארץ — אז איך וועל זיך אפרייסן פון מיין איינציק קינד. איך וועל דאס קינד נישט זען! זי וועט בלייבן אליין, דארט ערגעצווו מיט דער מוטער און איך — באזונ־דער, א לעבעדיק־דורכגעשטאכענער — אן קינד, אן מיין קינד...

ווידער איז מיך באפאלן דער שווערער שווייס איבערן גאנצן לייב, געקראכן ווי א פעסט, געשטיקט און געווארגן.

איצט בין איך שוין געלאפן, געשטאלפערט, צעריסן די מלבושים אויף זיך, פארלוירן יעדן וועג און אריענטאציע. די לונע, דער שריפה־אפשיין פון באנהויף האט מיך ווי געפירט, געלאקט, גערופן צו זיך, ווי בייזע וואסער־גייסטער רופן און לאקן פישערס טיף צו זיך, אין אפגרונט אריין.

און אין דער לופטן האט זיך גענומען טראגן א ברויזנדיק און ברו־מענדיק געטופען. עפעס א נישט־געזען טופען פון טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פיס.

דער פולקאווניק אומיאסטאווסקי, דער אנזאגער פון דער פוילישער

מיליטערישער מאַכט, פון גענעראַל־שטאַב, פונעם מאַרשאַל פון פּוילן, האָט געמאָלדן, אַז אַלע יונגע לייט זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע. זיין שטים אין אַלע ראַדיאָס, די וואָס זענען געשטאַנען אין אַלע טויערן און די וועלכע זענען געווען אין די הייזער, ביוראָען און אומעטום, האָט אָפּגעהילכט מיט אַ טרויעריק ווידערקול אין אַ מיליאָן פּוילישע הערצער, אין אַ מיליאָן איינ־וווינער פון וואַרשע.

מענטשן האָבן זיך געריבן די אויגן, נישט געגלייבט די אייגענע אויערן, צי איז עס אַ וואָר, צי אַ בייזער חלום, אַן אָנזאָג פון שטן... וואָר־שע איז שוין באַלד אין די הענט פון שונא און אַלע יונגע פּאָלאַקן — אָנשטאָט צו פאַרטיידיקן די שטאָט — דאַרפן אַנטלויפן... אַנטלויפן, וווהין?

און נאָכן אויפרוף איז קיין שנוי נישט געקומען.

מ׳האָט די מעלדונג נישט אָפּגערופן!

מ׳האָט געוואַרט, געוואַרט אויפן גרויסן וואָרט פון די פירער פון צעטומלטן פאָלק.

דאָס וואָרט איז נישט געקומען. פּולקאָווניק אומיאַסטאָווסקיס באַ־פעל איז אַריין אין קראַפט.

די פירער זענען אַוועק. זיי זענען מער נישטאָ. פּוילן איז אָן פירער...

צענדליקער טויזנטער יונגע פּאָלאַקן האָבן גענומען לויפן צום באַנ־הויף, אין דער פינצטער. זיי זענען צו צום באַנהויף מער טויט ווי לעבעדיק. דער גרויסער פּלאַץ פאַרן הויפּטוואָקזאַל איז פול מיט דראָשקעס, האַנט־וועגעלעך, אויטאָס, אויטאָבוסן, פערד, פעק, רענצלעך מענטשן פול ביזן ברעג.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער, געקוקט מיט בלינדע אויגן אויפן שוואַרצן געזעמל מענטשן, חיות און מאַשינען וואָס רינגלען מיך אַרום. כ׳האָב זיך צוגעהערט צו די רייד פול שרעק, געוויינען, געשרייען און געהערט די אייזערנע שטים פון האַרץ... אָט שטיי איך, מיטן פּאַפּירל פון סטאַראָסטע אין האַנט, אָן דעם קאָן מיין פרוי נישט פאָרן. דאָס קינד איז נישטאָ, אין דער היים ביי מיר איז שוין אַן איבערקערעניש...

כ׳האָב זיך דערשלאָגן צו אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַט און אָנגעקלונגען אַהיים. די יעלעניעווסקי האָט מיר געזאָגט, אַז ריפעל איז אַ דייטשער שפּיאָן, אַזעלכע ריזן־יונגען זעט מען נישט ביי ייִדן. דערצו רעדט ער מיט

זיין פרוי נאר דייטש; ווייטער האט זי מיר געזאגט, אז זי וועט נישט לאזן אוועקפארן, נישט מיך, נישט מיין פרוי... און אז פנינה איז אוועק אן יאסימאן, די צוויי דינסטן וועלן לויפן אין דער פאליציי זאגן, אז איך בין אוועק און נאך און נאך... דער עיקר, איך מוז באלד צוריקקומען.

איך האב געפילט, ווי די וועלט ענדערט זיך, זי איז נישט די זעלבע. די מלחמה ברענגט גייסטיקע רוינע, נאך איידער זי ברענגט פיזישע אדער מאטעריעלע צעשטערונג. די מלחמה נעמט פשוט ארויס די נארמאלע מענטשלעכע נשמה ביים מענטשן און לייגט אים אריין אן אנדערע, א שלעכטע, אן עגאיסטישע, אן אויפגערעגטע, אויפגעברויזטע — גרייט צו טון בלויז שלעכטס, צו יעדער ווילדקייט און בייזקייט.

אלע זענען בייז איינער אויפן אנדערן, דער שלעכטער יסוד, וואס באהאלט זיך אויס אין צייטן פון שלום, נעמט איבער דעם טראן, דעם אויבן־אן אין מלחמה־צייט און פאריאגט דאס גוטע אין תפיסה־פינצטערן אפגרונט, אין אונטערערד.

קעמפנדיק מיטן מארש פון פינצטערניש פון איין זייט און מיטן וואקסנדיקן טעמפ פון דער בהלה פון דער אנדערער זייט, האב איך אנ־געהויבן סתם אזוי הויך צו שרייען, צו רופן: — ד״ר אלטער! פנינה! יאסימא! און נאך אמאל פון אנהייב און ווידער אמאל. כ׳האב געפילט, אז איך מוז עפעס טון, און עפעס אנדערש ווי שרייען האב איך נישט געקאנט.

א באוואפנטער סאלדאט אין א העלעם אויפן קאפ מיט א ביקס אין האנט גייט צו מיר צו און שלעפט מיך ביי דער האנט ביז צום אריינגאנג פון באנהויף, און צענדליקער מענטשן מאכן זיך א וועג צווישן די וועגע־נער און מענטשן־קופעס און שפאנען נאך, נאכן פוילישן באוואפנטן זעל־נער און דעם קינד־און־ווייב־זוכנדיקן יידישן דאקטאר.

— דאקומענטן! — פרעגט שארף דער סאלדאט, ווי נאר מ׳איז אריינגעקומען אין א גרויסן ווארטזאל פון באנהויף, באלויכטן פון א פאר פארטונקלטע נאפטלאמפן.

— דערגייין, אויספארשן... ער דרייט זיך שוין דא ארום א לענגערע צייט, שטופט אלע אוועק און שרייט עפעס מאדנע נעמען, מיט צייכנס — האבן א פאר גויִשע בחורים מליץ־יושרס געזאגט צום סאלדאט ווייזנדיק אויף מיר.

דער סאָלדאַט קוקט, קוקט, זעט אַז די פּאַפּירן זענען גוטע, פון סטאַ־ראָסטע אַרויסגענומען, היינט. ביים שיין פון ליכט זעט ער אויך, אַז איך האָב נישט קיין גרויסע ענלעכקייט מיט קיין דייטשישן שפּיאָן, שטרעקט ער שוין אויס די האַנט אָפּצוגעבן דאָס פּאַפּירל, אָבער די פּוילישע חברה וויל דאָס נישט צולאָזן.

— צום קאָמענדאַנט! — שרייען זיי — צום קאָמענדאַנט. פּאַניע זעלנער, דו טאָרסט אַליין נישט אָפּלאָזן... און זיי נעמען דערציילן, ווי מ'האָט שוין היינט דאָ לעבן באַנהויף געכאַפּט אַ פּאָר שפּיאָנען... מיט שמחה און פרייד גיבן זיי איבער, ווי אַזוי מ'האָט זיי אַרעסטירט און ווי מ'האָט איינעם, וואָס האָט געפּרוווט אַנטלויפן — דערשאָסן אויפן אָרט.

די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פון אַלע עקן שטאָט נאָך דער מעלדונג פונעם פּאַרעטערישן קאָלאָנעל אומיאַסטאָווסקי, האָבן מיטגעשלעפּט און מיטגעשטופּט די גרופּקע, וואָס איז געשטאַנען לעבן סאָלדאַט און מיר און ווען דער זעלנער מיט אַ טייל פון זיי און מיטן פּאַפּיר אין האַנט האָט זיך געשטופּט אַריינצוגיין צום קאָמענדאַנט, האָב איך זיך געגעבן אַ מיש אויס מיטן שטראָם יאָגנדיקן און לויפנדיקן עולם און געלאָפן מיטן גאַנצן כוח פון פאַרצווייפלונג אַוועק וואָס ווייטער פון דאַנען, צו די אונטערשטע פּעראָנען פון וואָקזאַל.

דעם דאָקומענט האָב איך שוין מער נישט געהאַט אָבער איין דער־פאַרונג מער: דער עולם וויל בלוט. דער גרויסער הפקר איז שוין געקומען.

כ'בין נאָך נישט אַרויס פון יענער שרעק און שפּיאָנאַזש־חשד, האָב איך באַלד, ווי כ'האָב זיך נאָר אַ ביסל דערוווּסט פונעם אייבערשטן זאַל, אָנגעהויבן ווידער שרייען און רופן אַלע נעמען: ד"ר אַלטער! פּנינה! יאָסימאַ! די מאַסע איז אָבער דאָ געוועזן אַזוי געדיכט, אַז קיין איין שריט איז נישט מעגלעך געווען מער צו מאַכן.

איך האָב איצטער תופס געווען, אַז די פּאָר מלחמה־טעג האָבן שוין באַוויזן אַריינצולייגן שטיינער אין בוזעם אַריין און צונעמען ביי די מענטשן די הערצער. כ'האָב אָבער נאָך אַלץ געגלייבט אין מוטער־געפילן. איך האָב אָנגעהויבן שרייען מיט אַ פאַרצווייפלט קול: — מיין קינד! מיין קינד! מאַמעס האָבן מיר טאַקע גענומען אָפּטרעטן דעם פּלאַץ. צוויי מע־נער האָבן מיט כעס מיך אָנגעכאַפּט און אַריבערגעוואָרפן איבער דער

באַלוסטראַדע און מיר איינגעשפּאַרט אַ היפּשע צאָל מעטער פון דער אַטשערעד.

כמעט שוין הייזעריק האָב איך ווייטער געשריגן. אַן אינערלעך קול, עפּעס ווי אַ מין אינסטינקט, האָט זיך אַלע מאָל אין מיר אָפּגערופן, בשעת איך האָב דאָ גערופן מיין קינד. קיין אויער האָט עס נישט געהערט, אויך מיינער נישט. אָבער איך האָב שוין געוווסט איך טאָר פון דאַנען נישט אָפּטרעטן.

איך הער נישט אויף צו שרייען און רופן. איין מאַטראַז, וואָס איז אויך געווען אין אַטשערעד, האָט מיך אָנגעכאַפּט און שוין האָט ער דער־פילט די חשד־בליקן אַרום זיך. אַלע דערקלערונגען האָבן קנאַפּ וואָס גע־האָלפן.

— ביטע, מיין מאַטראַז — האָב איך פלוצלינג פאַרגעשלאָגן דעם מאַטראַז — קומט מיט מיר אַראָפּ און אויב איך טרעף נישט מיין קינד און איר וועט זען, אַז איך זאָג ליגן, טאָ שיסט מיך!...

מיט דער הילף פון מאַטראַז האָט מען זיך גערוקט נענטער.

— הער דאָקטאָר! הער דאָקטאָר! — רופט מיך אַזוי אונדזער הויז־פריינדין. די יונגע, שיינע פאַלע געכרעס פון ראַוונע האָט מיך דערקענט און אַליין נישט־וויסנדיק מיך אָפּגעראַטעוועט פונעם מאַטראַז און זיינע באַגלייטער.

זי האָט אויך אָנגעוויזן ווו מיין פרוי געפינט זיך.

— און דאָס קינד? — פרעג איך מיט האַרצקלאַפּן.

פאַלע געכרעס האָט דאָס קינד נישט געזען. ווי אַ פאַראורטיילטער צום טויט, וועלכן ס׳איז שוין אַלץ איינס, האָב איך זיך גענומען שטופּן און רייסן צום אָרט, ווו די געכרעס האָט מיר אָנגעוויזן. די געדיכטע מאַסע מענטשן איז געשטאַנען ווי אַ שטיינערנע מויער. מיט צעווילדע־וועטן כוח האָב איך דורכגעזעצט און דורכגעבראָכן עפּענונגען און שפּאַלטן. זייטיק און בייגנדיק זיך האָב איך געשפּאַנט ווייטער.

ווען כ׳בין צוגעקומען צו מיין פרוי האָב איך דערזען פאַר זיך אַ פרעמדן מענטש מיט אַ קאָפּ ווילדע, צעפלאָשעטע האָר. דער סטיגמאַט פון צער, פאַרלוירנקייט און אַרויפגעצוווּנגענער רעזיגנאַציע האָט זיך באַזעצט אויף איר פּנים, אויף איר געשטאַלט — באַלויכטן פון טונקעלע, קוים־אָנזעעוודיקע נאַפּטלעמפּלעך. דער גאַנצער הולך, דער מלבוש איז

געווען איין צעבראָכנקייט. דער שווערער שווייס, וואָס האָט דורכגעזעצט דורך אַלע מלבושים און באַגאָסן איר פּנים און שטערן האָט זי איבער־געאַנדערשט, עפּעס ווי איבערגעטראָגן פון אַ וויכטיקער, מענטשלעכער קאַטעגאָריע אין אַ טיף פון קלייגעם ווערט, אָן באַטייט. אירע אויגן האָבן געברענט, די קליידער זענען געווען אויפגעקנעפּלט...

— יאָסימאַ... יאָסימאַ... וווּ איז יאָסימאַ — האָב איך קוים געקאָנט אַרויסרעדן.

— דאָרט... אפשר דאָרט... — האָבן טרערן געשטיקט אין דער מאַ־מעס האַלדז.

זי האָט מיר דערציילט, אַז בשעתן פאָרן צו דער באַן זענען אָנגעקו־מען סאָלדאַטן און האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן מיט די קינדער און געפּעק פון דער דראָשקע. אין דער פינצטערניש האָבן זיי זיך נישט געקאָנט צונויפ־טרעפן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו לויפן... זי ווייסט נאָר אַז די אַלטערס זענען דאָ פאַראַן און זי האָפט, אַז דאָס קינד איז מיט זיי. זי איז זיי נאָכגעלאָפן און נישט געקאָנט דעריאָגן.

פלוצלינג האָט מען דערהערט דורך אַ מעגאַפאָן רופן די נעמען פון ד"ר אַלטער און יאָסימאַ. דאָס האָט פנינה געפּועלט ביי אַן אַלטן באַן־אָנגעשטעלטן, וואָס האָט געזען איר פאַרצווייפלונג און געהערט איר געווייִן, אַז ער זאָל אַלע מאָל רופן דורכן מעגאַפאָן די נעמען. אפשר וועלן זיי זיך אָפּרופן און זי וועט טרעפן דאָס קינד.

דאָס האָט באמת געהאָלפן.

ווי צוויי צעווילדעוועטע אָקסן מיט די הערנער אַזוי האָבן מיר זיך שוין איצט ביידע געריסן פאָרויס, זיך געשטויסן און געשטופּט. פלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ קול, אַ צאַרט, שיין, רויִק שטימעלע:

— פּאַפּאַ! — מאַמאַ! — פּאַפּאַ! — מאַמאַ!

ווי הימלישע מוזיק דערוואָרעמט אַ מענטש און דערהייבט אין די הויכקייטן, ווי אַ קילער, לופטיקער, זאַפטיקער אָוונט־קוואַל דערפרישט און איז מחיה אַ דאָרשטיקן, וואָס ווערט פאַרברענט פון מדבר־שטויב, היץ און קרענק — אַזוי האָט פלוצלינג געגעבן אַ קלינג אין די צוויי הערצער פון טאַטע־מאַמע דאָס רופן פון זייער קינד.

ביידע האָבן מיר דערקענט יאָסימאַס זילבער־גלעקלדיק שטימעלע.

די מאַסע דאָ איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ביידע פאַראייניקטע כוחות

פון טאַטע־מאַמע, מיינע עלנבויגנס, די תחנונים און געוויין פון פנינה זענען נישט געווען אימשטאַנד צו ברענגען אונדז פאַרויס.

ווידער איז אונדז אַ שרעק באַפאַלן, אַז די באַן וועט אָנקומען און מיר וועלן זיך נישט דערשלאָגן צו איר, זיך נישט טרעפן צוזאַמען און אונדזער איינאונאיינציק צאַרט, ציטעריק קינד וועט בלייבן אויף הפקר.

מיר האָבן זיך געפּרוווט פאַרשטענדיקן, צו וויסן, צי דאָס קינד איז אַליין, צי איז עס מיט די אַלטערס אָבער די הויכע רייד האָבן דענער־ווירט אַלע אַרום. דאָ נאָענט לעבן דעם פּעראָן, ווו מען וואַרט אויף דער באַן, די לעצטע, איינציקע רעטונג־באַן פון לעבן און האָפענונג, זענען אַלע קאָנצענטרירט, רעדן כמעט שעפּטשנדיק און שטיל.

קינדעריש געוויין האָט אָבער נאָך געהאַט אַ כוח. יאַסימאַ האָט גע־הערט טאַטע־מאַמעס קול און געהערט, ווי זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל מ׳האָט זיי געדראָט און געצוווּנגען נישט צו רעדן — האָט זי מיט איר קינדעריש האַרצרייסנדיק געוויין זיך געמאַכט אַ וועג און צוגעקומען נענטער.

— יאַסימאַ, איינציקע. דו ביסט מיט אונדז, מיט אונדז! שוין קיינ־מאָל נישט מער אַליין. קיינמאָל וועלן מיר דיך שוין נישט פאַרלאָזן, דיך נישט איבערלאָזן אַליין.

נאָך האָבן קינדער געהאַט אַ כוח אויף מענטשלעכע הערצער, אַפילו אין אַנבליק פון סכנה און יאוש.

יאַסימאַ האָט אונדז צוגעפירט צוריק צו די אַלטערס.

אין דער געדיכטער לעבעדיקער מויער האָבן מיר געזען פונעם שענסטן און בעסטן, וואָס דאָס ייִדישע וואַרשע פאַרמאָגט. דאָרט זענען געשטאַנען די שערעשעווסקיס, באַלאַבאַנס, די שאָרס, די לעשטשינסקיס, צייטלינס, גוטגעלדס, אולריכס און נאָך אַנדערע. לעבן זיי האָבן זיך פאַר די פיס געוואַלגערט די פּעק־זעק ווי שמאַטעס. מיט אַ פאַר שעה פריער זענען די זעק און פּעק געווען עלעגאַנטע רענצלעך באַפּוצט מיט צעטלעך פון אויס־לענדישע האָטעלן. אויף אַלע פּנימער און שטערנס, אין בליקן איז שוין דאָ דער שטעמפּל, דער קריג־שטעמפּל: פּחד, זאָרג, אומזיכערקייט, עגאָיזם. אַלע דריקן זיך, קוועטשן זיך צוזאַמען, ווערן געשטופּט, שטופּן צוריק, אָדער טרעטן אָפּ. אָן איינגעהאַלטן שווייגן, אָן אומגעזונט, אומנאַטירלעך שווייגן; מע קוקט אויף זיך און מע באַגריסט נישט איינער דעם אַנדערן.

דאַכט זיך, אַז איינער זעט נישט דעם צווייטנס אומבאַהאָלפנקייט, דאָס שרעקלעכסטע געפיל, וואָס אַ מענטש קאָן האָבן, אַ געפיל וואָס דערנידע־ריקט זיין כבוד אין זיינע אייגענע אויגן. אַלע זענען ווי פאַרזונקען אין די אייגענע צרות, וואַרטן אויף דער באַן — צו אַנטלויפן, צו באַהאַלטן זיך. אַ פרעמדער בליק און אויך זייערס אַן אייגענער זאָל זיי נישט זען. פאַרוקט אין די ווינקלען ביי די ווענט אין אַ זייט שטייט מען און מע וואַרט.

אַכט מיט אַ האַלב האָט באַדאַרפט אָפּגיין דער צוג. דער זייגער איז שוין לאַנג נאָך צען, שוין נאָך האַלב עלף, נאָך עלף.

טויזנטער מענטשן שטייען געשפּאַנט, אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן, און שווייגן. פּלוצלינג איז דורכגעלאָפן דורכן המון אַ שטורעמווינט מיט אַ ריס פון אָרט. די, וועלכע זענען געשטאַנען אין די ווייטערדיקע רייען האָבן זיך געגעבן אַ שטופּ פאָרויס מיטן גאַנצן אימפּעט פון צוריקגע־שטויסענע מאַסן און געגעבן אַזאַ זעץ אין די, וואָס זענען געווען פאָרנט, נאָענט צו די שינעס, אַז ס'האָט אַ ווייל געדראָט זיי זאָלן אַראָפּפאַלן אין דער טיפעניש, ווו די שינעס לויפן... מיט אַ רוצחישער חיהשער ווילד־קייט, מיט אַ כוח, וואָס קומט פון סכנה האָבן די פאָדערשטע געגעבן אַ שטויס אויף צוריק און אין דער מינוט איז געגעבן, מיט אַ קורצן אָבער שאַרפן פייף, אַ קום אָן די באַן.

די סצענעס וואָס האָבן זיך איצט אָפּגעשפּילט וואַרטן נאָך אויף אַ נייעם דאַנטע אָדער שעקספּיר. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן מיטן גאַנצן כוח פון פאַרצווייפלונג געגעבן אַ זעץ אין דער נאָך גייענדיקער באַן און איידער זי איז נאָך געבליבן שטיין האָבן שוין שרעקלעכע קאָנוווּלסיע־קולות געריסן די לופט און די נערוון. אין די פּאָר אָפענע טירן פון לאַסט־וואַגאָנען האָבן זיך געריסן מיט קולאַקעס, דריקענישן, שטופּענישן, סיי־סענישן און האַקן איבער קעפּ און איבער אברים — אַ צעווילדעווטע, נישט קיין מענטשלעכע, טויזנטקעפּיקע חיהשע מאַסע. און דאָס אַלץ כמעט אין דער פינצטערניש, ביי גאָר קנאַפּן ליכט.

אַ געוועזענער באָקס־קעמפער, מיטגליד פון ווינער „הכוח“, אַ מענטש פון אַטלעטישער קראַפט האָב איך מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפּע־נע קולאָקעס זיך אַריינגעריסן מיט מיין משפחה און געפּעק אינעווייניק. נאָך

האָט מיר געסטאַיעט כוח אויף אַוועקצושטופּן מענגעס זיך קייקלענדיקע, ענג־צונויפגעפּרעסטע מאַסן מענטשן, מענער, פרויען און קינדער און אויסשטרעקן אַ האַנט דער פרוי פון ד״ר אַלטער. איין קינד האָב איך דורך קעפּ אַריבערגעטראָגן, איינס האָט זיך אונטער די פיס דורכגעשטופּט. ד״ר אַלטער איז געבליבן. די געשרייען און געוואַלדן זענען איצט געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט נישט געהערט די יאָמערלעכע רופעניש פון זיין פרוי: „ד״ר אַלטער! משה! מישאַ!״ ווי אַ לייבעכע, וואָס פאַלט אַריין אין גרימצאָרן איז אַרויסגעשפּרונגען די פרוי אַלטער: — „איך פאָר נישט אָן משהן!...״ איך האָב נאָך נאָכגעשריגן: — און די קינדער! די קינדער!... קלעפּ, שטופּעניש, טרעטעניש האָבן איינגעשלונגען אַלע ווערטער און רייד און פּלוצלינג האָט די באַן געגעבן אַ פייף און אַ נייע, ווילדע, פאַר־צווייפלטע כוואַליע מענטשן האָט געגעבן אַ זעץ אַריין און מיט זיי, ממש געטראָגן אין דער לופטן — ד״ר אַלטער.

די באַן האָט געגעבן איר לעצטן פייף און גערירט פון אָרט. פינצ־טער, טויט־פינצטער איז געווען אינעווייניק און אַ שרעק. מ׳האָט זיך אָנ־געהויבן צו רופן, אינעם אויסגעשניטענעם טונקל פונעם פּירעק, ווו די טיר איז געווען, האָט זיך געהערט אַ כליפּען און געיאָמער. מ׳האָט די פרוי פון ד״ר אַלטער אָפּגעראַטעוועט. זי איז געווען אינעווייניק.

מ׳האָט פאַרמאַכט די טיר, פאַריגלט. אַלץ אין דער פינצטער און קיין שום שיין האָט נישט אַריינגעדרונגען. נאָך האָט מען געהערט אַ גע־ווימל און געמורמלעריי, אַז ס׳האָט געקילט די ביינער. דאָס האָבן אַזוי געוואָיעט און גערעוועט, געשריגן, געדראָט, זיך געריסן איינער דעם צווייטן — די, וועלכע זענען געבליבן אויף די פּלאַטפאָרמעס.

די באַן איז געפאָרן.

איך מיט מיין משפחה האָבן געפינען אַ פּלאַץ אין ווינקל, ווו די שרויפן און שטאַנגען האָבן זיך אונדז אַריינגעשניטן אין די ביינער. די פאַמיליע פון ד״ר אַלטער האָט זיך איינגעאָרדנט שטייענדיק אין אַ גע־דיכטן בהמהשן קויט. די פּוילישע מאַכט האָט נישט געקאָנט אויסקלויבן קיין לייטישע וואַגאָנען פאַרן לעצטן הצלה־צוג פון וואַרשע. נאָר פי־וואַ־גאָנען זענען געווען דער באַשטאַנד פון לעצטן צוג וואָס האָט פאַרלאָזט וואַרשע אין טאָג פון ערשטן גרויסן פּאַראַט, אין טאָג פון דער מעלדונג פון קאָלאָנעל אומיאַסטאָווסקי.

די רעגולערע פערזאָנען־וואַגאָנען האָט מען געדאַרפט האָבן אויף אריבערצופירן די באַאַמטע, אָפיצירן, דירעקטאָרן, אינספעקטאָרן, באַנ־קירן, אַריסטאָקראַטן, פּרעסע־לייט און פאַר די פירער.

אַלע פירער פון פוילן זענען אַנטלאָפן. אַנטלאָפן זיך ראַטעווען פון אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג.

זיצן אַזוי, שטייען אַזוי אין דער פינצטער הונדערטער מענטשן אין וואַגאָן און מיר צווישן זיי. די באַן יאָגט, לויפט, די טירן פאַרמאַכט. קיין פענצטער זענען נישטאָ, נאָר עפענונגען פאַרקראַטעוועטע, די לופט איז געדיכט און זויער, די אַנגסטן זענען גרויס, אָבער דאָס האַרץ טאַנצט פאַר פרייד.

מען אַנטלויפט פון דער סכנה, הונדערטער טויזנטער שטייען דאָרט און וואַרטן און דאָס האַרץ פּלאַצט זיי פאַר קנאה. זיי זענען נישט אַריין, זיי האָבן זיך נישט אַריינגעשטופּט. און ווער ווייסט וויפיל זענען געהרגעט געוואָרן, אַרונטערגעפאַלן אונטער די וואַגאָנען, אויף די שינעס, צעקוועטשט געוואָרן צווישן די רעדער. ס'כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל.

און עס קלאַפּן הונדערט און פופציק הערצער, ס'אָטעמען שווער די לונגען, מענערישע, ווייבערישע, קינדערישע. די לופט־שוועריקייטן קומען ביז צום האַרץ און דריקן.

עפּעס קלאַפּן די שינעס צו שטאַרק. דער דרויסן באַוועגט זיך מאָדנע.

— איירּאָפּלאַנען! פרעמדע, דייטשע! איז געוואָרן אַ טומל, אַ פּאַ־ניִשע מאַסנשרעק האָט געטון אַ כאַפּ אַרום אַלע אין וואַגאָן. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַ ווילדן שטויס אין איין זייט — גרייט אויפ־צורייסן די טיר און שפּרינגען.

— נישט קיין דייטשישע. זיי פליען נישט אין דער נאַכט — באַ־רויִקן די מבינים.

— אינגאַנצן נישט קיין איירּאָפּלאַנען — האָבן געשריגן אַנדערע — דאָס קלאַפּט דער פּחד ביי אייך מיט זיינע פליגלען.

די באַן האָט זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ און מיט איר ,אַלע הערצער.

טירן האָבן זיך געעפנט עפענען. מ'האָט אָנגעהויבן אויפרוקן די ריגלען.

אין דרויסן איז פינצטער. פון דער ווייטנס פילט זיך גיכער, ווי מע זעט, אַ פינצטערע מאַסע ווי אַ באַהאַלטענע, לאַקערנדיקע, חיה.

— וואַרשע — טייטלט מען מיט די פינגער. מע זאָגט קוים אַרויס דעם נאָמען.

די לופט איז פריש, קיל און אָנגענעם. מע שפירט דעם ריח פון פעלדער, ביי וועלכע דער שניט האָט אַראָפּגענומען זיין משא. איצט אָטעמען זיי פריי, טיף, אין זיך פאַרקלערט, גרייטן זיך צום ווינטער־שלאָף און שפעטער צום נייעם געבורט.

— פאַרמאַכן! פאַרמאַכן! — איז געוואָרן אַ געוואַלט. באַן־אַרבעטער מיט פאַרטונקלטע לעמפּלעך זענען אַרומגעלאָפן און פאַרהאַקט טירן און שפּאַרעס־פענצטער.

די באַן שטייט. די שינעס הייבן אָן ציטערן. מ׳הערט קומען. עס דערנענטערט זיך... די שרעק, דער פחד. ס׳קומט־אָן אַ נייע באַן, לויפט־אָן און פליט ממש לעבן אונדז פאַרביי, לעבן דעם לעצטן פליטים־צוג.

די באַן פאָרט שוין ווייטער. פאָרט און בלייבט שטיין. צוגן לויפן פאַרביי און אָט פאָרט זי ווייטער. בלייבט ווידער שטיין. לאַנג. אַלץ אין די וואַגאָנען איז שטיל, פאַרטיפט, האַלב־שלאָף, האַלב־ציטער.

די באַן פאָרט... אויף צוריק. די מענער האָבן זיך אויפגעכאַפּט אומרויק. אייניקע וואָס האָבן געהאַט פאַרטונקלטע לעמפּלעך האָבן גענומען לייכטן דורך די שפּאַרעס און אויסגעפינען די ריכטונג וווהין מע פאָרט.

ווידער פאָרט די באַן אָן אַ זייט און באַנען אַנדערע לויפן, לויפן פאַרביי, יאָגן און פייפן שטיל און פאַרשווינדן.

מיר האָבן איצט דערפילט דעם ספּעציפישן מלחמה־געפיל. אויס מענטש! נישט קיין ווילן, נישט קיין פערזענלעכקייט. אַ פרעמדער כוח באַוועגט דיך. פירט דיך, דעצידירט וועגן דיר. מיר פאָרן וווהין די לאָקאָמאָטיוו־פירער ווילן. מיר זענען בלויז נומערן, אַ נומער אין דער אַלגעמיינער ציפער פון דער מאַסע.

באַגינען דעם 7טן סעפּטעמבער, ווען ליכט האָט אָנגעהויבן אויפגיין אויף דער וועלט, איז אַלעמען געוואָרן פינצטער אין די אויגן.

— צעלעסטינאָוו. מיר שטיין ביי צעלעסטינאָוו.

דורכגעהאַלטן אַ שרעקלעכע נאַכט, פון שטיקן זיך, פון דאַרשט, פחד, פון קוועטשן זיך, נישט־אויסגעשטרעקטע גלידער, אַלץ, אַלץ, מיט דער טרייסט, אַז מ׳איז שוין ווייט, ווייט אַוועק פון וואַרשע, פון אומגליקקוואַל און שרעק.

און דאָ שטייט מען ביי צעלעסטינאָוו, קנאַפּע דרייסיק קילאָמעטער פון וואַרשע. כמעט נאָך אינעם קרייז פון דער הויפּטשטאָט.

די נעכטיקע שרעק איז צוריק אַריין אין די אויגן און איבערגענומען אויף ס'ניי די ממשלה אין די הערצער.

די באַן־אַרבעטער האָבן אונדז דערקלערט, אַז מ'האָט אונדזער באַן געמוזט אויפהאַלטן, אַוועקשיקן אין דער זייט און אַפילו אַ פּאָר מאָל איבעררוקן אויף צוריק, כדי צו דערמעגלעכן די מיליטערישע צוגן דורכ־צולויפן. מיט יענע באַנען זענען געלאָפן די פירער.

פאַר זיי האָט מען געמוזט מאַכן פּלאַץ. פירער זענען תמיד די ער־שטע. פוילנס פירער פון 1939 זענען געווען די ערשטע צום אַנטלויפן. אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געלאָפן, די גענעראַלן און דירעקטאָרן. פאַר זיי און צוליב זיי האָט מען אויפגעהאַלטן די צוגן פון דער ציווילער באַפעל־קערונג, צוגן וואָס האָבן געפירט מענער, פרויען, קינדער.

מע האָט גענומען פאַמעלעך פאָרן. פּלוצלינג האָט מען דערהערט דאָס אַזוי באַקאַנטע זשומען און קלינגען אין דער לופט. און איידער מ'האָט נאָך גוט געזען, האָט מען שוין געוווסט, אַז דער שרעק־וואַרפנדיקער, מורא־שפּייענדיקער דייטשישער אייראָפּלאַן איז שוין אָנגעקומען.

— דער פויגל! דער פויגל! — איז געוואָרן אַ געוואַלט. די באַן האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ שטעל אָפּ און אַלע, קינד און קייט, זענען אַראָפּ־געשפּרונגען פון די וואַגאָנען און זיך געוואָרפן אויף דער ערד, זיך צוגע־דריקט צו די בערגלעך פוןביידע זייטן שינעס.

דער רויבפויגל איז אַרויס אויף זיין פרימאָרגן־רציחה. געפלויגן רויק, פאַמעלעך, אָן מורא, מיט זאַטער זיכערקייט.

ער איז צוגעקומען אַלע מאָל נענטער. איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון שטאָלענעם פויגל איבערן קאָפּ.

אָ, ווי אַנדערש, ווי גאַנץ אַנדערש איז עס, ווען דער אייראָפּלאַן פליט איבערן דאַך, אין שטאָט, און אַנדערש ווען ער פליט איבערן קאָפּ. דאָס שווינדלדיקע דרייען פון די פּראָפּעלערס עקבערט זיך אַריין אין די געהירן ווי מיט אַ שפּיציקן שרויפנציִער.

ער קרייזט אום איבערן קאָפּ און עפּעס ווי ער וואָלט זיך אָפּגע־שטעלט אויף אַ קוק צו טון, אויף צוצוקוקן זיך.

— עס איז אונדזערער, אונדזערער! — האָבן אַ פּאָר פּאַסאַזשירן

געפּרוווט זיך טרייסטן. אויף איין מינוט האָט אין האַרצן אָנגעהויבן שווי־מען אַ מין דאַנקבאַרקייט פאַר פּוילנס פירער, וועלכע האָבן אין זינען מיטצושיקן אַ פּוילישן איירּאָפּלאַן, ער זאָל באַשיצן די פּוילישע בירגער, וואָס פאָרן מיטן לעצטן הצלה־צוג.

דער איירּאָפּלאַן האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. דאָס זשומען אויבן און אין קאָפּ איז געוואָרן אַ ביסעלע לייכטער.

אַ סך האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן קוקן צו אים אַרויף. אַ פּאָר גאָר מוטיקע האָבן געפּרוווט זיך אויפשטעלן.

דער איירּאָפּלאַן האָט געגעבן אַ שאַרפן, גאָר שאַרפן גרילץ, פּאַרקי־רעווועט אויף צוריק און שנעל אָפּגעפלויגן.

דער פּחד איז אַלעמען אויף ס׳ניי באַפאַלן.

— אַ דייטשער, אַ דייטשער! ער גייט ברענגען נאָך. איצט האָט ער אונדז געזען.

אַלע האָבן זיך האַסטיק אויפגעשטעלט:

— לאָמיר אַנטלויפן! — אין שטעטל אַריין, זיין אונטער אַ דאַך, אין אַ שוצקעלער, זאָל געשען וואָס עס וויל, אַבי נישט אויף דער פרייער לופט. אַבי ער זאָל נישט פליִען אויפן הוילן קאָפּ!

אַ שאַרפער פייף פון צוג און אַלע ווי איינער האָבן אָנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג צו דער באַן צו.

נישט וואַרטנדיק ביז אַלע וועלן אַרויף האָט די באַן אָנגעהויבן צו פאָרן. ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אויפן ראַנד פון האָרי־זאָנט אַן איירּאָפּלאַן, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום צוג.

די באַן האָט אָנגעהויבן פליִען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אַלץ אינעווייניק האָט געציטערט. וויזט אויס, זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פאַרן „פויגל״, וואָס איז פאַמעלעך אָבער אַלע מאָל נענטער צוגעקומען צו דער באַן.

אַלע האָבן גענומען שרייען, די באַן זאָל בלייבן שטיין, מענטשן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די ווענט און פאַדלאָגעס. עטלעכע פרויען האָבן זיך געפּרוווט ראַטעווען דורך פאַלן אין חלשות, אַריינפאַלן אין היס־טעריע. ס׳האָט נישט געהאָלפן. די באַן איז געפלויגן ווי אַ בליץ. אַ פּאָר יונגע לייט האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען פון די אָפענע וואַגאָנען, זיך געגעבן אַ קייקל און זיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט. עטלעכע האָבן זיך מער נישט אויפגעהויבן, אפשר געניזוקט געוואָרן. זייערע פרויען, מאַמעס,

שוועסטער, האָבן אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן לאַרעם און געיאָמער. דער איירעפּלאַן איז צוגעפלויגן גאָר נאָענט, איבערן קאָפּ פון לאָקאָמאָטיוו. די באַן האָט זיך געגעבן מיט איין מאָל אַ שטעל אָפּ. אַלע זענען אַראָפּגע־שפּרונגען און אַריין אין נאָענטן צעלעסטינאָווער וואַלד.

די ציוויליזאַציע האָט נאָך אָפּגעהיט איר שוין פאַרשעמטן פּרצוף. מענטשן האָבן אויסגעשפּרייט קאָצן, רענצלעך, מאַנטלען אָדער צייטונגען און זיך אויסגעלייגט, אָפּאָטעמען אַביסל פון שרעק.

דער פויגל איז נישט געפלויגן איבערן וואַלד. ער איז צוריקגעפלויגן.

— דאָ בלייבן. ביז ביינאַכט — האָבן אַ סך באַשלאָסן. איצט האָט מען זיך אָנגעהויבן איינקוקן איינער אין אַנדערן, זיך באַקענען, לייען אַ מעסער, אויסטוישן צווישן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער און — אַנדערע באַ־רויקונג־מיטלען: — דאָ בלייבן. אין וואַלד. אין וואַלד איז מען זיכער. ביינאַכט וועט מען ווייטער פאָרן.

אָט דעם באַשלוס האָט מען איבערגעגעבן די צוג־פירערס.

פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ צוג, אַ נאָרמאַלע פּאַסאַזשיר־באַן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן וואַלד.

מיר זענען צוגעלאָפן נענטער, צו זען וואָס פאַראַ מין באַן דאָס איז, וואָס פאָרט אַזוי רויִק און נאָרמאַל אין אַ נישט־נאָרמאַלער צייט און האָט נישט קיין מורא פאַר די דייטשע באָמבאַרדירערס. צי ווייסן זיי נישט, אַז אויפן הימל פון פוילן, אויף פוילנס ערד, הערשן די דייטשע, פרעמדע אַוויאָנען? און וווהין קלערן זיי צו פאָרן? גענויער, וווהין קלערט מען מיט זיי צו פאָרן?

באַלד האָב איך באַקומען אַ תשובה אויף אַ טייל פון די פראַגעס. יוסף קלאַרמאַן, קרוקס משפחה און אַנדערע, האָבן דערציילט, אַז הינטער וואַרשע האָט מען צונויפגעשטעלט אַ פּאָר צוגן און זיי לויפן קיין מזרח.

— קיין מזרח? ווו איז דער ציל?

— מזרח־קרעסן, מזרח־איירופּע און פון דאָרט אונדזער מזרח, ארץ־ישראל.

ד״ר אַלטער און איך האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קורצע באַראַטונג, כמעט אָן אַ דיסקוסיע, צוויי פאַרשלאָסענע גורלס פון צוויי משפחות האָבן זיך פאַר אונדז ווי געעפנט. מיר האָבן אַריינגעקוקט און אויפגעגרוילט.

— ניין — האָבן מיר באַשלאָסן — מיר פאָרן קיין דרום. לובלין, קליינפוילן, וואָלין. דאָרט געפינען זיך אונדזערע עלטערן, קרובים. ביי זיי וועלן מיר זיך ראַטעווען. מיט זיי וועלן מיר דורכמאַכן די מלחמה און שפּעטער... שפּעטער פאַריכטן דעם פעלער פון אונדזער לעבן... אונדזער מזרח.

די באַן, וואָס איז געגאַנגען קיין מזרח, איז אַוועק ווייטער אין וועג.

ס'זענען אַריבער אַ פּאָר רויִקע שעה, די באַן־קאָנדוקטאָרן פון לובלינער צוג, אַזוי האָט מען אים שוין איצט גערופן, האָבן דערקלערט, אַז ס'איז נישט כדאַי צו וואַרטן ביז ביינאַכט. ביי דער נאַכט וועט מען ווידער נישט קאָנען פאָרן. דעמאָלט מוזן אַנטלויפן די פּירערס, מע וועט ווידער אָפּשטעלן דעם צוג בכדי דורכלאָזן אַלע באַנען מיט די פּירערס. ביינאַכט אַנטלויפן די פּירערס.

מיר האָבן מורא און שעמען זיך, פאַר יענעם און פאַר זיך אַליין.

נאָכמיטיק האָט זיך די באַן געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין.

— פולאַווע — אַ נייע סטאַציע.

— דאָ מוזן מיר אַ ווייל בלייבן. נעמען וואַסער, קוילן, עפּעס פאַריכטן — אינפאָרמירן אונדז די מאַשיניסטן.

מיר דערהערן אַ קאָנצערט. פינף־זעקס אייראָפּלאַנען, אַן עסקאַדרע קומט אָן צו פליִען מיט געזשום און געזאַנג, וואָס רופט אַרויס ביי אונדז ציטער, אימה און ווייטיק.

ווי אַלטע דערפאַרענע סאָלדאַטן צעלויפט זיך דער גאַנצער עולם. אַוועק ווייט, אין אַלע זייטן.

די פינף אייראָפּלאַנען שטעלן זיך אָפּ, איבער דער באַן־סטאַציע, צעטיילן זיך איינציקווייז אין פאַרשידענע ריכטונגען, קומען צוריק, ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס באַראַטן, צעטיילן זיך ווידער און פליִען אָפּ.

דער סטאַציע־שעף דערקלערט, אַז די פריִערדיקע פּאַסאַזשיר־באַן איז געווען די לעצטע, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט. מער קאָן ער נישט און טאָר נישט דורכלאָזן. דער וועג מוז זיין פריי פאַר מיליטערישע טראַנספּאָרטן. — אַזוי האָט מען אים באַפוילן.

אַלע אינטערווענצן האָבן נישט געהאָלפן.

מיר זיצן שוין צוריק אין וואַגאָן. אין דער זייט פון דער סטאַציע, אַזוי ווי באַהאַלטן אינעם נאָענטן וועלדל, זע איך אַ מיליטערישן צוג. אויף

זיין דאַך זענען אָנגעשטעלט קליינע זעניט־האַרמאַטלעך, די פענצטער פאַרקראַטעוועט, אַ פּאָר וואַגאָנען זענען געפּאַנצערטע.

אויפן נישט־וויַיטן שליאַך האָבן מיר געזען פליען, ווי אין אַ ווילדן געיעג, אויטאָס, מאָטאָציקלען, לאַסטוואָגנס. פון דער ווייט האָט מען אַלע מאָל געהערט נייע דעטאָנאַציעס און פון צייט צו צייט האַרמאַטן־שאָסן, אַנטי־אַוויאָנישע געסווישטשן פון קאַנאָנען־סנאַריאַדן.

עפּעס ווי דורכן שפּיץ ווינקל פון אויג האָב איך געזען פלאַטערנדיקע וועש הענגען אין אַ הויף נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע ווו מיר זענען געשטאַנען. נישט פאַרשטענדלעך פאַר מיר האָט זיך אַסאָציאַטיוו פאַרבונדן די וועש מיט די סיגנאַלן פונעם פאַרעטער אויפן דאַך אויף אָגראָדאָווע־גאַס בייַנאַכט אין וואַרשע.

— לאָמיר גיין ווייט, ביזן סוף פונעם צוג — דערקלער איך פעסט און קאַטעגאָריש — דאָ אַנטקעגן דער סטאַציע בלייב איך נישט.

ד״ר אַלטערס משפּחה און מיין פרוי האָבן פּראָטעסטירט. פּונקט האָבן זיך געלייגט די קינדער שלאָפן. אין דעם וואַגאָן איז איצט געווען מער פלאַץ, ווייל אַ סך זענען געבליבן אויפן וועג.

האָב איך גענומען גיין אַליין.

ד״ר אַלטער האָט זיין תלמידס חוש הויך געשעצט און ווען ביידע פרויען האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז זיי גייען נישט אַוועק, האָבן מיר, צוויי, גענומען די פּעקלעך און געשפּרייזט פאָרויס.

דער אומרו און די אָפּוועזנקייט פון די מענער האָט די פרויען געיאָגט, ממש אין דער לעצטער מינוט, צו פאַרלאָזן דעם וואַגאָן און צוצוקומען אַהער ווו מיר זענען געווען, אין לעצטן וואַגאָן.

ווי נאָר די פרויען זענען אָנגעקומען, האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט פינף אייראָפּלאַנען, וואָרשיינלעך די פריערדיקע פינף און מיט גערויש און געזשומעריי האָבן זיי זיך גענומען דערנענטערן צום צוג.

און דאָ האָבן מיר ביידע און אונדזערע משפּחות איבערגעלעבט די מלחמה־מקווה, דאָס ערשטע פייער־באָד.

בליצשנעל זענען מיר אַלע, טראָגנדיק האַלב פאַרשלאָפענע קינדער אויף די אָרעמס, אַראָפּ פון וואַגאָן און געפלויגן אויפן פעלד אַרויס.

אַריינגעפאַלן, אַרויפגעפאַלן אויף ווייכער אומריינקייט פון בהמות, האָבן מיר זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. דעם קינדס קעפּל אַריינ־

געשטופּט אין אומריינקייט, שיער נישט דערשטיקט צו ווערן. און טאַטע־מאַמע האָבן באַדעקט דעם קליינעם קינדערשן גוף מיט זיך.

דאָס שרעקלעכע זשומען איז געקומען נענטער, נענטער, איבער אונדזערע קעפּ, און זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן מיט אַזאַ יאָמערלעך געוויינערײ און געגרילצערײ, אַז ס'האָט פאַרטויבט אויערן און מוח, פאַרגליווערט דעם מאַרך פון די ביינער. ווי דורך אומבאַקאַנטע שטראַלן האָב איך געזען די יונגע, רוצחישע, קאַלטע, איראָנישע פּנימער פון די דייטשישע פּילאָטן. עפּעס ווי אַ סאַטיספאַקציע איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע פּרצופים, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער. עפּעס אַ פופציק־זעכציק מעטער. מיר האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אונדזער קאָפּ. דאָס גרילצן פון די מאַשינען איז געוואָרן שוידערלעך־אימהדיק און פּלוצלינג האָט זיך עס ווי געטון מיט איין מאָל אַ שטעל אָפּ.

— דאַוון, בעט, אַ תּפילה שריי — האָט געשעפּטשעט פּנינה צו מיר.

דאָס קינד וויל אָפּדעכען, אָפּאָטעמען פרייער. פּנינה וויל שוין פאַרהייבן דעם קאָפּ.

און דאָ פּלוצלינג גיט עס אַ זעץ: בום־בום־בום־בום־בום... פינף זעץ איבערן קאָפּ, אין קאָפּ אַריין... אַ גאַנצער הויפן ערד און בלאָטע האָט געגעבן אַ שפּריץ אין די אויגן אַריין. די אויערן זענען געוואָרן פאַרטייבט, מיר האָבן נישט געוווּסט צי ס'האָט שוין אויפגעהערט.

אין דער לופטן האָבן זיך צעטראָגן יאָמערלעכע קולות און געוואָלדן. באַגלייט מיט גסיסה־געקרעכץ, טויט, טויטשרעק, געשפּאָלטענע אבֿרים, צעריסענע לעבנס, דערהרגעטע קינדער.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן לויפן פאַרויס, דורכן צעאַקערטן פעלד.

דאָ האָבן מיר דערזען די ערשטע מלחמה־מתים, די ערשטע פאַרוווּנדיקטע, די ערשטע אָפּגעריסענע אבֿרים.

זיבעצן טויטע און אַ צאָל שווער־פאַרווונדיקטע איז געווען דער סך־הכּל פון דער רוצחישער באָמבאַרדירונג. מייסטנס זענען געפאַלן טויטע און פאַרוווּנדיקטע אויף דער באַן־סטאַציע און אַרום די שטיבלעך מיט דער צעהאַנגענער וועש, וואָס האָט געפלאַטערט אין דער לופטן.

די באָמבעס, וואָס זענען געפאַלן לעבן אונדז און די אַלטערס, האָבן

כמעט נישט אָנגעמאַכט קיין שאָדן. זיי זענען געבליבן שטעקן אין דער צעאַקערטער ערד, די שפליטערס זענען איינגעשלונגען געוואָרן פון די ערד־גרודעס. אָבער אויפן געפלאַסטערטן וועג לעבן דער סטאַציע האָבן די שפליטערס זיך אָפּגעשלאָגן אָן שטיין און געזייט טויט און חורבן.

צעטומלטע, ביז גאָר איבערגעשראָקענע, זענען מיר געלאָפן — אַוועק אין די פעלדער אַריין, צו אַנטלויפן ווייט פון דאַנען. אין אַ קליין וועלדעלע פון אַ פּאָר שיטערעביימעלעך האָבן מיר געטראָפן אַ פּוילישע משפחה ליגן ווי פּאַראַליזירט. דער אַלטער האָט געקוקט מיט אויגן אויסגעלאָ־שענע פון שרעק, ווי זיי וואָלטן אַרויס פון זייערע אויגנלעכער, די אַלטע האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצוהייבן פון דער ערד און אַ יונגער בחור איז געזעסן, טעמפּ געקוקט אַרום און אויסגעוויזן, ווי זיין זינען וואָלט פון אים וועלן אַנטלויפן און אָפּרוקן זיך גאָר ווייט.

באַלד האָבן מיר שוין געוווּסט די סיבה: זייער עלטערע טאָכטער איז דערהרגעט געוואָרן. מ׳האָט זי שוין צוגענומען, אָבער די עלטערן זע־נען שוין נישט מיטגעגאַנגען. זיי זענען געווען געהרגעט לעבעדיקערהייט. זיי האָט מען נישט מיטגענומען, זיי זענען געבליבן אויף אַן אָרט.

ווידער האָבן מיר אַן ווערטער זיך באַראָטן. הייסט דאָס, אַז אויפן פעלד איז אויך נישט זיכער. נישט אין שטוב, נישט אויפן פעלד, אין ער־געץ נישט... נישטאָ זיך ווו אויסצובאַהאַלטן...

דער הימל איז איצט געווען קלאָר ווי אין אַ שיינעם פּוילישן האַרבסט־טאָג, שימערירנדיק מיט בלוי, בלוי־גרין, טונקל־בלוי. די ביימער האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע מלבושים, געשטאַנען נאַקעט אָבער פעסט. די ערד איז געווען זאַפטיק און פול מיט ריחות.

פונקט דאָ, אין אָנבליק פון טויט, חורבן און לעבעדיקן קבר, האָט געשמעקט און גערופן און גערייצט דער כוח פון לעבן און ס׳האָט נאָך מער געלאָקט דער חשק צו ראַטעווען זיך, אַרויסקריגן זיך גאַנץ פון דער קלעם.

אונדזערע צוויי משפחות זענען, קוקנדיק אַלע מאָל אויפן הימל און זיך אויסדרייענדיק כסדר צו דער טויט־פּאַרגליווערטער ביים לעבן פּוילי־שער משפחה, געגאַנגען צוריק צו אונדזער באַן, דאָרט זיך צו שיצן, באַ־האַלטן און פּאָרן ווייטער.

אין אונדזער וואַגאָן איז איצט געזעסן אַ הויכער פּוילישער אָפיציר,

אַ קאָלאָנעל און זיין אַדיוטאַנט. שווער געווען צו וויסן, צי איז עס אַן אויסגעדינטער וועטעראַן, צי אַנטלויפט ער אויף אַזאַ אופן, אָדער מ׳האָט אים געשיקט מיט אַ ספּעציעלער מיסיע. אויף יעדן פאַל איז ער געוואָרן דער הויפּט־באַלעבאָס אין די לעצטע וואַגאָנען פון דער רעטונג־באַן.

פאַרנאַכטצו האָט מען דערהערט אויף ס׳ניי דעם זשום, דעם הויך־אין־דער־לופטן־ציטערנדיקן מאָטאָר־גערויש.

אין פּאַנישער שרעק זענען מיר אַלע אַרויס פון די וואַגאָנען און אַרונ־טערגעקראָכן אונטער זיי. בעיקר אונטער די רעדער. מיר האָבן אַריינגע־רוקט דעם קאָפּ פון קינד נאָענט ביים ראָד, ווייל די מיליטערלייט האָבן געזאָגט, אַז ווען אַפילו אַ באָמבע טרעפט אין וואַגאָן אַריין איז זי צו־שוואַך צו צעזעצן דאָס אייזערנע ראָד.

אַ גלח מיט זיין תפילה־בוך האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער באַן, אין מיטן, און זיצנדיקערהייט האָט ער אָפּגעריכט תפילות און עט־לעכע ליגנדיקע פּאָלאַקן האָבן אים נאָכגעשעפּטשעט די ווערטער.

אַ פּאָר מאָל איז אונדז באַפאַלן אַ טויט־שרעק. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז די באַן רירט און פּונקט ליגן די קינדער מיט די קעפּלעך האַרט ביי די אייזערנע רעדער, ממש צו צעשפּאָלטן און צעשמעטערט צו ווערן.

דאָס זשומען האָט זיך מיט אַ מאָל דערווייטערט און מ׳האָט עס אָפּט געהערט ווי פון אַ זייט אַוועק. אפשר דער אייראָפּלאַן וויל אונדז זייטיק באָמבאַרדירן אָדער באַשיסן מיט מאַשין־געווער. אַלע האָבן אָנגעהויבן ווילד צו לויפן צום וועלדל צו, וווּ ס׳איז געשטאַנען פאַרשטעקט דער מיליטערישער צוג.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַ צווייטער מיליטערישער טראַנס־פּאָרט־צוג און איבער אים אַן אייראָפּלאַן.

ווי פריטשמעלעטע זענען אַלע געפאַלן צו דער ערד. איך האָב גע־לאָזט זיך לויפן פון די ערשטע. כ׳בין אַראָפּ פון אַ קליין בערגל און זיך אויסגעלענקט דעם פוס. דער ווייטיק איז געווען גרויס, אָבער נאָך גרע־סער דער פחד. שפּרינגענדיק אויף איין פוס האָב איך צוזאַמען מיט אַנדערע גענומען לויפן.

דאָ האָט אַ געדיכטער רויך אָנגעהויבן צו יאָגן פון אונדזער לאָקאָ־מאָטיוו און אַלע זענען מיר אין איילעניש צוריק געלאָפן צו די וואַגאָנען.

די באַן רירט נישט. דער רויך גייט און דער צוג שטייט. די רעטונג־נסיעה הייבט זיך נאָך נישט אָן.

דער רויך זעצט שטאַרק, שטאַרקער. ס׳גייט אַוועק אַ שעה, צוויי. ס׳איז שוין גוט טונקל, קיין שום זשומען הערט מען שוין נישט, אַפילו נישט קיין דעטאָנאַציע. נישט קיין האַרמאַטן־שאָסן און די באַן שטייט.

עפּעס ווי פון די טיפענישן פון די באַן־אינגעווייַדן, ווי פון אונטער דער באַן, האָט זיך צעטראָגן אַ שעפּטשען: אין דער באַן זענען דאָ מרגלים, שפּיאָנען. מע פאָרט נישט, ווייל מ׳האָט מורא פאַר זייער דיווערסיע.

— „עמעץ גיט סימנים פון דער באַן!" — האָט זיך דערטראָגן אַ קול. אין איין מינוט איז די גאַנצע וואַרשעווער געזעלשאַפט, וואָס ביז איצט האָט זי נאָך געטראָגן שפּורן פון ציוויליזאַציע, דערציִונג, גוטע מאַניערן, העפלעכקייט און פאַרעם — זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדער סטאַדע וועלף — גרייט צו פאַרצוקן אַלץ, וואָס שטערט איר אָדער וואָס קאָן איר שטערן.

— „ווי? ווו? ווער?" — זענען מענטשן געלאָפן אין בהלה פון וואַ־גאָן צו וואַגאָן. אין אַ סך הענט האָבן זיך באַוויזן עלעקטרישע פאַרטונקלטע לעמפּלעך. מ׳האָט אָנגעהויבן אַריינצוקוקן איינער אין אַנדערנס פּנים אַריין. אַפילו זיך צו רייסן און אַמפּערן.

דער אַדיוטאַנט האָט אָנגעהויבן אָפיציעל אונטערצוזוכן און בודק זיין אַלע פּאַסאַזשירן, דאָקומענטן, געפּעק.

אין אַן אָפּטייל האָט מען געפונען ליגן אַ פלאַש אויף דער באַנק מיטן געפּעק. קיינער האָט זיך נישט מודה געווען צו איר.

— גאַז! גאַז! — איז געוואָרן אַ געשעפּטשעריי אין אַלע וואַגאָנען — מ׳האָט אַריינגעלאָזט גאַז אין די וואַגאָנען.

קיינער האָט נישט געוואַגט זיך צוצורירן צו דער פלאַש, כאָטש אין דער פינצטערניש זענען זיך צונויפגעלאָפן אין וואַגאָן הונדערטער מענטשן פון אַלע וואַגאָנען.

דער אַדיוטאַנט האָט אַריינגערופן דעם קאָלאָנעל און ביידע זענען צוגעגאַנגען צו דער פלאַש מיט אַלע פאָרזיכט־מיטלען, אָנגענומען די פלאַש ווי אַ באָמבע און זי אַרויסגעשליידערט דורכן פענצטער. אַלע זענען זיך צעלאָפן אין גרויס שרעק. די פלאַש האָט נישט עקספּלאָדירט. ווילע

יונגען זענען צוגעגאַנגען נענטער און האָבן דערקלערט, אַז אין דער פלאַש איז געווען מילך.

— נישט אמת! — האָבן געשריגן אַנדערע —דייטשע דיווערסאַנטן באַניצן ספּעציעל ווייסן גאַז, מע זאָל מיינען אַז דאָס איז מילך.

די צעמישונג און שרעק זענען געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מ׳איז זיך צעגאַנגען — יעדער איינער צו זיין משפּחה, אָדער מ׳האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין אָפּטייל און מ׳איז געזעסן אָנגעלאָדן מיט שרעק און פאַרמאַכטע קולאַקעס, גרייט אָנצופאַלן און פאַרטיידיקן יעדער זייבע באַענטסטע און טייערסטע ווי נאָר ס׳וועט זיך אַרויסווייזן פאַר בייטיק. אַלע האָבן זיך גערוקט נאָענט צו די טירן און פענצטער, צו קאָנען אַרויסשפּרינגען, אויב מע וועט דאַרפן, ווען ס׳וועט קומען די סכנה.

מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די מיליטער־לייט, פאַרמירט אַ דעלעגאַציע צום סטאַציע־שעף, ער זאָל לאָזן די באַן אין גאַנג. זי האָט דאָך שוין געגעבן אירע קרבנות. דער שעף האָט איינגעלאָדן די מילטער־לייט אין אַ באַזונדערן צימער און נאָך אַ קורצער געהיימער זיצונג מיט זיי — אָפיציעל דערקלערט אַז די באַן בלייבט שטיין. זי גייט נישט ווייטער.

די שרעק פון די פּאַסאַזשירן האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. ווי אַ מוראַשקעס־געזאַמל איז געווען די באַן. אין דער טיפער אָפּגרונטיקער פינצטערניש האָט מען נאָר געפילט באַוועגונגען, שעפּטשערייען און לוי־פּעגישן.

מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין צופוס, אַבי זיך דערווייטערן פון וואַרשע, פונעם קוואַל פון טויט, און זיך דערנענטערן קיין דרום, צו דער האָפענונג פון לעבן. די מאַמעס האָבן אָבער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זיי וועלן די קינדער נישט אויפוועקן. די קינדער זענען מיד, איבערגעשראָקן פון אַ גאַנצן טאָג. זיי שלאָפן אַזוי זיס, אַז ס׳וואָלט געווען אַ פאַרברעכן זיי אויפצוּוועקן.

גיכער שטעלן אין סכנה דאָס לעבן ווי צו שטערן דעם שלאָף פון די קינדער.

מיט ציין־קריצעניש און האַרץ־קלעמעניש זענען מיר געשטאַנען, די צוויי מענער, און געוואַרט... די קינדער זאָלן זיך שוין איבערוועקן וואָס גיכער פון זייער זיסן שלאָף, מע זאָל נאָך קאָנען ביינאַכט גיין ווייטער.

אַזייגער דריי ביינאַכט האָבן די וואַגאָנען געגעבן אַ ציטער, אַ כאַ־

ראַקטעריסטישן ציטער, אַ רוק אַהין און צוריק און די באַן האָט אָנגע־הויבן גיין.

מיר האָבן זיך צעקושט, ממש זיך געפאַלן אויף די העלדזער און גע־שוווירן האָבן מיר, אַז מיר און אונדזערע קינדער און דער דריטער דור, וועלן פייערן דעם טאָג פון 7טן סעפטעמבער, דעם יום־טוב פון דער הצלה פון אונדזערע משפחות.

מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס שווערסטע זענען מיר שוין דורכגעקומען. די באַן גייט און וועט אונדז שוין ברענגען צום ציל.

איך בין געווען שטאָלץ, וואָס פונקט מיין מיידעלע האָט מיטגענומען אַ תורהלע און אַ משה מיט לוחות, וואָס זענען געהאַנגען אויף איר האַלדז. ד״ר אַלטער האָט געזאָגט, אַז אויך זיינע צוויי מיידעלעך, רינע און אַמאַ־ליע האָבן לוחות. אָבער אַ תורה האָט נאָר געהאַט מיין יאַסימאַ באַהאַלטן צוקאָפּנס אונטער איר קעפּעלע. מיר האָבן אָפּערגענומען דאָס תורהלע און געשוווירן אָפּצוהיטן דעם „טאָג פון פרייהייט״, פון לעבן.

צוויי דערוואַקסענע, אינטעליגענטע מענטשן האָבן מיט אמתער דבקות געקושט דאָס קליינע תורהלע און צוריקגעלייגט אונטער יאַסימאַס קעפּעלע, זי זאָל עס ווייטער היטן, כדי דאָס אָפּגעהיטע תורהלע זאָל קאָ־נען היטן זי, יאַסימאַן און אַלע אַרום איר.

ווען עס האָט זיך געשטעלט דער פריער באַגינען פון 8טן מלחמה־טאָג האָט זיך פון דער וויטנס דערטראָגן אַ שטיל זשומען, קוים עס צו הערן מיטן אויער.

— „רודאַ טאַלובסקאַ״, אַ סטאַציע. מיר זענען אָנגעקומען. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס זשומען איז געקומען נענטער. איצט האָט מען עס גוט געהערט.

פנינה האָט פּלוצלינג, ווי אַרויס פון די כלים, געגעבן אַ כאַפּ דאָס קינד מיט אירע זאַכן, אַ ווילדן געשריי געטון: — „געבנוג״. — און אַרויס פון דער באַן.

איך האָב אָן אַ וואָרט אַראָפּגענומען אונדזערע פּעקלעך און זיך גע־לאָזט נאָכגיין נאָך איר. די אַלטערס האָבן געשוויגן. באַלד האָט ד״ר אַל־טער מיט דער פרוי אָפּגעהאַלטן אַ שטילע באַראַטונג און געבליבן זיצן גרייט צו פאָרן ווייטער.

פון דער צווייטער זייט איז אָבער אָנגעקומען אַ מעכטיק זשומען, אַ

הויכס און אַ שטאַרקס. די אַלטערס זענען שווייגנדיק אויך אַרויס פון וואַ־גאָן. אויך דער גלח און נאָך אַ פּאָר יחידים זענען אַרויס אין דרויסן.

כמעט ברוגז איינער אויפן אַנדערן זענען געשטאַנען די צוויי משפּ־חות לעבן זייערע פּעקלעך און געוואַרט.

די צוויי געזשומערייען זענען זיך צוזאַמענגעקומען, עפּעס ווי אַ טונ־קעלער שאָטן האָט געגעבן אויף אַ מינוט אַ פלי איבער די קעפּ.

מיר האָבן גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון דאָרף און דאָ האָט אָנגעהויבן דער אייראָפּלאַן אונדז ממש נאָכצולויפן. לעבן אַ בריקל, ביי אַ קליין טייכעלע, זענען מיר געפאַלן צו דער ערד. נאַסקייט און קעלט האָט אונדז געגעבן אַ כאַפּ אַרום, אַ ציטער און אַ היץ צוזאַמען האָט אונדז אַרומגענומען. מיר האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביי די טראַשטשעס און בלי־מעלעך.

די צוויי אייראָפּלאַנען זענען געפלויגן פאַמעלעך, אָן יאָגעניש, לאַנג־זאַם האָבן זיי זיך אַראָפּגעבויגן, געגנוי איבער דער באַן. און פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ דעטאָנאַציע מיט אַזאַ שרעקלעכן קנאַל און שאַס, אַז אַלע ביז איצטיקע באָמבאַרדירונגען האָבן אויסגעוויזן ווי אַ קינדער־שפּי־לעכל לגבי איר. די אויגן זענען אונדז שיער נישט אַרויס פון קאָפּ, דאָס בלוט איז קוים געבליבן אין די אָדערן. מיר האָבן זיך אַריינגעטראָגקען אין די בלאָטעס פון קליינעם רינשטאָק־טייכעלע. באַלד איז געקומען אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע דעטאָנאַציע. שרעקלעכע געשרייען האָבן זיך דערטראָגן פון דער ווייטנס. ס׳האָט אָנגעהויבן האָגלען מיט מאָדנע שטי־קער אייזן, האָלץ, פּעק, זעק, ברעטער, ביינער, קעפּ, אברים, הענט און פיס האָבן אַ שווינדל געטון אין דער לופטן.

די שרעק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן מורא געהאַט אַ קוק טון הינטער זיך. ערשט ווען אַ פּאָר שטיקער האָלץ און פייער זענען צו־געשפּרונגען צו אונדזער באַהעלטעניש, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן, גע־כאַפּט די קינדער אויף די הענט און אָנגעהויבן ווייטער יאָגן מיט איין אָטעם.

לויפנדיק האָבן מיר געכאַפּט אַ קוק און דערזען, ווי די וואַגאָנען זע־נען געפלויגן אין דער לופטן, ווי צעזעצטע פּודעלעך פון שוועבעלעך, אַלץ איז געשטאַנען אין העלישן פייער, טייכלעך בלוט, מאַרך, מענטשלעכע פעטקייטן זענען גערונען, געשפּרונגען און געפלויגן אין דער לופטן. אָדערן,

ביינער, מוחות, אויסגעמישט מיט בלוט, האָבן געברענט און געפלאַקערט צוזאַמען מיט די פענצטער און טירן, מיט די בענק און געפּעק. די שטיקער אייזן, די שטאַרקע באַן־אייזנס האָבן זיך געבויגן און געקרומט און געטונקען אין רויטן צעפלאַקערטן פייערבאַד.

אַ שרעקלעך געוויין איז אויסגעבראָכן.

געשריי, פייער, געוואַלט. און אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן דער ריח פון שריפה, ברענענדיק בלוט און פאַרקוילטע אברים.

מיר זענען דערלאָפן צום דאָרף.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין פון פויער צו פויער, געבעטן זיי זאָלן שפּאַנען די פערד און פאָרן מיט אונדז קיין לובלין. פון לובלין װעלן מיר ווייטער זוכן אַ וועג ווו ס׳וועט זיך לאָזן. איצט איז אונדז שוין נישט געווען קיין חילוק, דרום, מזרח, אַבי אַוועק.

די צוויי פרימאָרגנס, דער נעכטיקער און דער עיקר דער היינטיקער, האָבן איבערגעדרייט אונדזערע קעפּ און פלענער, איבערגעחשבונט דעם מוח און זיין אַרבעט.

דער פחד פון די פויערים איז איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען די באַן פליִען אין דער לופטן, געווען זייער גרויס. די שרעק פאַרן פאָרן ווייט, ביז לובלין, איז געוואָרן נאָך גרעסער. עפּעס האָבן זיי געהערט וועגן דעם לובלינער שאָסיי און זיינע סכנות.

די סומע אָבער, וואָס מיר האָבן אָנגעבאָטן, איז געווען גרעסער פון ביידע.

אַנטלויפן און געלט, די צוויי אַלטע ייִדישע כלי־זין, האָבן איצט זיך פאַרבונדן צו ראַטעווען צוויי ייִדישע משפחות.

מיר האָבן נאָך געקויפט אַ פּאָר פלעשער מילך און פלוימען, וואָס מיר האָבן געקריגן ביי די פויערן, געזעטיקט דערמיט די קינדער און זיך און קעגן אַלע קלוגע געזעצן פון דער מעדיצין, זיך געפילט זייער גוט און געשטאַרקט.

דאָס פערדל, כאָטש אַ פעסטס, אַ פולס, איז נישט געווען בכוח צו שלעפּן די ניין פּאַסאַזשירן. מיר, די צוויי מענער, די שטאָטישע, זענען נאָך דערצו געווען פון גאַנץ הויכער וואָג און גאָר באַטייטיקן פאַרנעם. די צוויי פרויען זענען געזעסן מיט די דריי קינדערלעך צוגעטוליעט צו זיך און געזוכט צו מאַכן אַ גוטן פּלאַץ פאַר זיי. דער פויערישער באַלע־

גאָלע האָט קענטיק מורא געהאַט צו פאָרן אַליין און האָט מיגנענומען זיין זון מיט זיך. די צוויי שטאָטישע טאַטעס האָבן דעריבער באַשלאָסן צו האַלפן דעם פערד און נאָכגעגאַנגען צופוס דעם פערד און וואָגן.

צוקומענדיק צו די באַן־רעלסן האָבן מיר דערהערט ווידער אַ געריש פון אַ לויפנדיקער באַן. איידער מיר האָבן נאָך געקלערט וואָס צו טון, איז אָנגעלאָפן אַ מיליטערישע באַן, דאַכט זיך די זעלבע וואָס איז געשטאַנען אין פולאַווע, און איבער איר פליט זיך רויק, כמעט אָן איבעריקן געריש אַן איינראָפּלאַן. מיר האָבן אים באַלד דערקענט, אַז ס׳איז אַ דייטשער מיטן האַקנקרייץ ביי די זייטן און אויפן רודער צעבלישטשעט ווי ניי און שטעכט די אויגן מיט שפּיזן פון פחד און טויט.

איבערגעשראָקענע האָבן מיר געלאָזט שטיין דעם וואָגן מיטן פערד אין מיטן וועג און געלאָפן, ווי געיאָגט פון אַ שד, זיך באַהאַלטן אין וואַלד אַריין — איבערוואַרטן די סכנה. אין וואַלד האָט געהערשט אַ טיפע, סודותדיקע שטילקייט. שמעקעדיקע ריחות פון ביימער און פרייער נאַטור האָבן זיך אַריינגעריסן צו אונדז אין די הערצער, געגלעט און געווּפן. ס׳איז אונדז אַפילו געקומען אויפן געדאַנק צו בלייבן אין וואַלד און זוכן דורך דאַנען אַ וועג.

דער פויער איז געלאָפן זוכן זיין פערד־און־וואָגן, וואָס ער האָט גע־לאָזט אויף הפקר. מיט שווערער מי האָט ער זיין אבידה געפאַקט. אויך דאָס פערד האָט זיך, אפנים, דערשראָקן פאַרן איינראָפּלאַן און איז אַוועק גאָר, גאָר ווייט. מיר האָבן נישט געהאַט ווו זיך אַוועקצוזעצן. אין וואַלד איז אַלץ געווען פייכט און נאַס. די קינדער זענען שוין געוואָרן אויף ס׳ניי הונגעריק.

בלית ברירה זענען מיר צוריקגעגאַנגען צו אונדזער וועגעלע און גע־פרוווט איבערצייגן דעם פויער, ער זאָל מיט אונדז פאָרן דורכן וואַלד.

אמת, אין וואַלד איז נישטאָ קיין וועג, דער וועג איז אַ סך ווייטער פון דאַנען, וועלן מיר דעריבער גיין דורכן וואַלד, נאָענט פון טראַקט און דער וואָגן וועט גיין מיטן טראַקט. די קינדער און געפּעק וועלן ליגן אויפן וואָגן און פון צייט־צו־צייט וועלן מיר זיך צוזאַמענטרעפן.

אַזוי וועט דעם פערד זיין לייכטער און מיר וועלן שנעלער אָנקומען.

אַ צוגאָב־מטבע האָט אויסגעפועלט דאָס אָננעמען דעם פּלאַן און דער פויער איז אַריינגעפאָרן אין וואַלד מיט די וועגן, וואָס ער האָט געקענט.

פלוצלינג זענען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד צוויי פּוילי־שע פּאָליציאַנטן, מיט באַגנעטן אויף די ביקסן, אָנגעשטעלט קעגן אונדז און באַפוילן צו בלייבן שטיין.

דער פּוילישער אָדלער האָט געקיניגט אויף די היטלען און אָרעמס פון די צוויי פּאָליציי־לייט. דער טונקל־גראַנאַטענער פּאָליציי־מונדיר האָט אויסגעזען אַזוי פייערלעך, אַזוי יום־טובדיק, אַזוי זיכער, אַז מיר האָבן זיך געווישט די אויגן און נישט געגלייבט דעם אייגענעם בליק.

איז דאָס מעגלעך? אַ פּאָר קליינע קילאָמעטער פון דאַנען צעזעצט מען פּוילישע באַנען. פּוילישע בירגער ווערן צעריסן אויף שטיקער, דייטשע אייראָפּלאַנען פליען אויף פּוילנס הימלען ווי ביי זיך אין דער היים. די פּוילישע פירער זענען אַנטלאָפן. פּוילנס הויפּטשטאָט איז שוין היינט מסתמא אין דייטשע הענט. די פּוילישע אַרמיי צעפאַלט זיך, אָדער איז זיך שוין צעפאַלן, און דאָ, אין אַ פּוילישן וואַלד, הערשט פּוילישע רעכט, פּוילישע מאַכט, פּויליש פּאָלק, פּוילישע היטער, היטער פון פּוילנס זעלבסטשטענדיקייט.

כאָטש מיר האָבן אַ ביסל מורא געהאַט, ווער ווייסט צי די פּאַפּירן אונדזערע וועלן זיין גוט פאַר די פּאָליציסטן, אויסער דעם האָב איך דאָך שוין נישט געהאַט מיינע פּאַפּירן. מ׳האָט זיי מיר צוגענומען אויפן הויפּט־באַנהויף אין וואַרשע נאָך אייערנעכטן, האָבן מיר פון דעסטוועגן דער־פילט אַן אינערלעכע סאַטיספאַקציע.

הייסט עס, אַז דער רוצח איז נישט דער מושל איבער פּוילן. פּוילישע זיין האַלטן נאָך דעם גורל פון פּוילן אין זייערע יונגע, באַוואָפנטע הענט, איז נאָך דער פּוילישער אָדלער דער באַלעבאָס דאָ און ער וועט נאָך אויס־שפּרייטן זיינע פליגלען צו פאַרטיידיקן זיינע קינדער.

אַלטערס פּאַפּירן זענען געווען גוט. דאָס פּויליש רעדן פון די קינדער און פון אַלע ווי אויך די אמתע פרייד פון אונדז אַלעמען האָט די יונגע פּאָליציאַנטן פאַרשאַפט אַ נחת־רוח. זיי האָבן נישט קוועסטיאָנירט דאָס פעלן פון מיינע פּאַפּירן און אונדז ממש געדאַנקט.

אַלטער האָט מכבד געווען די יונגע היטער מיט בראָנפן און קיכע־לעך, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג אַריין אויף אַ קידוש, אויב מע וועט דאַרפן.

אין אַ פּוילישן וואַלד, נאָענט, אַזוי נאָענט צו דער אַליין־הערשאַפט

פון דער דייטשער, שרעקלעכער מאַכט, פון דער געוואַלטיקער מלחמה־מאַשין פון שונא, — האָבן ייִדן און פּאָלאַקן געפּראַוועט אַ סעודה.

מ׳האָט געהערט ווייטע דעטאָנאַציעס, געפילט דעם אומרו און ציטער אין דער לופט. די אַלטע, פעסטע וואַלד־ביימער, דער דעמב און דער קליאָן, דער פעסטער בוק און די צאַרטע סאָסנעס, האָבן אַלץ ווי איינגעשלונגען אין זיך און עס אויסגעמישט מיט קילער האַרבסט־זאַפט און שיינער פוילישער האַרבסטיק־גאָלדיקער פּאַנאָראַמע פון פּראַכט־קאָלירן.

די פּאָליציאַנטן האָבן אונדז געוואָרנט נישט צו פאָרן מיטן לובלינער שליאַך, ווייל דאָרט איז איין גרויסע שעכטיאַטקע. דער דייטש האָט בכיוון אַרויסגעגנאָרט די יוגנט פון וואַרשע, ער זאָל זי קאָנען אויסהרגענען אויפן וועג. יעדער שריט און טריט אויפן שליאַך ברענגט אומגליק און אומקום.

איבערגעשראָקן און פאַרצווייפלט פון די טרויעריקע אינפאָרמאַציעס האָבן מיר זיך פאָרט געלאָזט פאָרן מיט אונדזערע פרויען און קינדער אין דער ריכטונג פון לובלינער שליאַך.

פאַר אונדז איז קיין אַנדערער וועג מער נישט פאַראַן. אמת, דאָ, אין וואַלד, הערשט פוילן, אמת דער וואַלד וועט נישט פאַראַטן, אָבער מיר געהערן שוין נישט דעם וואַלד.

צוקומענדיק נענטער צום שליאַך האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אָפטע דעטאָנאַציעס, שטאַרקע און שוואַכע, און מייסטנס שיסעריי פון מאַשין־געווער.

אַלע מאָל האָט זיך דערטראָגן צו אונדזערע אויערן דאָס יאָגן און טרובען פון אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען; שיסערייען, געשרייען, קולות ווילדע, אַ מאָדנע פיבערדיק יאָגן.

אויפגעהויבן די הענט צו גאָט אין אַן ערלעכער תפילה, האָט ד״ר אַלטער געזאָגט די פסוקים:

— בידך אפקיד רוחי. לישועתך קויתי אד הפעם, איך גיב זיך דיר איבער אין דיינע הענט...

מיר זענען אַרויס פון וואַלד צום אָפענעם שליאַך צו.

אָפּגעפאָרן אַ קילאָמעטער־אַנדערהאַלבן זייטיקן וועג, צוגעקומען צום לובלינער שאָסיי — האָט זיך פאַר אונדז פלוצלינג אויפגעעפנט דער גיהנום אַליין.

פון הינטן, פון פאָרנט, פון די זייטן זענען געלאָפן מענטשן, ווי גע־

יאָגטע, ווי אונטערגעשאָסענע; ס׳זענען געפלויגן אויטאָס, מאָטאָציקלען זענען געשפּרונגען, אויטאָבוסן האָבן זיך געוואָרפן, זיך געגליטשט. באַהאַלטן לעבן דעם שאָסיי האָט מען געזען, פוסגייער, יונגע, געזונטע מענטשן.

ווי פון אונטער דער ערד איז געגעבן אַ וואַקס אויס איין אייראָפּלאַן. אַלע האָבן אָנגעהויבן אין טויט־שרעק צו יאָגן אין אַלע זייטן — ווייט אַוועק פון שאָסיי און ווי אַ הילכיק געלעכטער האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן אַ באַמבע, איינע, צוויי און דער אייראָפּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן נאָכיאָגן נאָך יעדן איינעם, נאָך יעדער גרופּקעלע. זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק און געשאָסן מיט מאַשין־געווער דירעקט, אָן אויפהער.

— טראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! טראַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! — האָט עס געהאַלטן אין איין זעצן.

אַריין צווישן אַ קופּע שטיינער, דעם פערד־און־וואָגן איבערגעלאָזט אויפן שאָסיי — זענען מיר, די ניין פּאַרערס פון רודע געלעגן אין איין ציטערניש. פּונקט האָט דער אייראָפּלאַן נאָכגעיאָגט אַ גרופּע פון דער צווייטער זייט שאָסיי. דאָס נישט־מענטשלעכע אַנטלויפן פון יענע איז געווען אַזוי פּחדימדיק, אַז אַלע האָבן זיך כּמעט צעוויינט. די אויסטערלישע סצענע פון צעוואָרפענע הענט, אין קאָנווולסיע־צאַפּל־שפּרינגענדיקע פיס פון דער גרופּע אַנטלויפערס, וואָס דער אייראָפּלאַן האָט פאַרפאָלגט, האָט ווי געשניטן מיט פּחד־מעסערס די אויגן און דעם קאָפּ. הינטער דער גרופּע איז פאַמעלעך געפלויגן דער אייראָפּלאַן און געשאָסן. איינער, צוויי, דריי, זענען שוין געפאַלן אויף קיינמאָל־מער־נישט־אויפצושטיין, דער אייראָפּלאַן איז אַוועק, געמאַכט אַ קרייז און צוריקגעקומען זיי וויטער יאָגן. זיי זענען געפאַלן צו דער ערד, זיך געוואָלט איינגראָבן אין איר, ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט און געשאָסן. צולעצט זיך אויפגעהויבן און געוואָרפן אויף זיי אַ באַמבע.

פלוצלינג האָט זיך דער אייראָפּלאַן געגעבן אַ דריי אויס אין אונדזער זייט אַריין און שוין, שוין געוואָלט זיך יאָגן אין אונדזער זייט נאָך עמעצן, אפשר נאָך אונדז.

ס׳האָט אונדז געגעבן אַזאַ האַמער אין קאָפּ אַריין, אַז מיר האָבן פאַרלוירן כּמעט דאָס באַוווסטזיין און פאַר שרעק זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

דאָ האָט עמעצער געגעבן אַ פּאָר איינצלנע ביקסנשאָסן. דער אייראָ־

פלאַן האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק. דאָס האָבן עטלעכע פוילישע סאָל־דאַטן, פאָרנדיק אויף אַ לאַסט־אויטאָ, געשאָסן אַרויף אין דער לופטן.

— צוריק, צוריק אין וואַלד אַריין. — האָבן זיך אַלע צעשריגן, פשוט צערעוועט...

די אויגן זענען ביי אונדז געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז מיר זענען ווי בלינדע געפאַלן פון די פיס. בלאַסקען פון פייער, רויך און בלוט־ריחות האָבן געשלאָגן אין נאָז אַריין.

יעדער שריט האָט געשניטן דאָס בלוט. אַרום און אַרום זענען געלעגן מענטשן, טויטע, האַלבטויטע, פאַרווונדיקטע, צעריסענע. דאָ און דאָרט איז געלעגן אַ פערד, אָן אויפגעבלאָזנס, מיט די פיס אַרויף אָדער אַ פאַרווונ־דיקס מיט אָפענע, בלוטנדיקע ווונדן.

איבערגעקערטע וועגענער, אויטאָס, מאַטאָרן מיט די פירערס אונטער זיך אָדער דערלעבן, צוזאַמענגעשטויסענע, פון יאַגן און וועלן אַנטלויפן זענען געלעגן איבערן שאָסיי, שטיקער העלצער, פעק, רענצלעך... איבער אַלעמען איז געשטאַנען אין לופט אַ געוויין, אַ געיאָמער, אַ גע־שריי. טאַטעס האָבן געשריגן, גערופן קינדער, קינדער — טאַטעס, יונגע פרויען וואָס זענען מיטגעלאָפן מיט זייערע מענער, האָבן זיך געריסן ווי נישט־נאָרמאַלע צוריק, צעפלאָנטערטע, צעטומלטע, זיך געבייזערט, גע־דראָט...

— צוריק, צוריק! — האָבן מיר ממש גערעוועט.

אָבער דער פויער האָט מורא געהאַט צוצוגיין צום פערד, מורא געהאַט אויסצודרייען. איך האָב אים דערצו פשוט געצוווּנגען.

אויסגעדרייט דעם וואָגן, זענען צוגעלאָפן צוויי פאַרשוין און געוואָלט אַרויף, מיט קאָנוולסיע־פינגער, ווי טרינקענדיקע זיך אָנגעהאַלטן ביים וואָגן. מיט פויסטן האָט מען געמוזט אויסקעמפן דעם פלאַץ פאַר אונדזע־רע צוויי פאַמיליעס.

פון טשאַד און ריח, געשריי און קלעפּ, האָט דער פויער פאַרלוירן די אָריענטאַציע און נישט געוווּסט ווו איז דער וועג צוריק.

ער איז אויך געווען דער איינציקער. אַלע זענען געפלויגן פאָרויס, צום אויסגעחלומטן, און פאַר אַ סך נישט־דערגאַנגענעם לובלין, וואָס האָט געפירט קיין דרום און קיין מזרח.

דער יונגער זון פונעם פויער האָט געראַטעוועט. די קינדער מיט די

פרויען אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן, האָט ער גענומען שמייסן דאָס פערד ווילד און האַסטיק, אַז דער פּאָטער האָט גענומען נאָכיאָגן, דראָענדיק אַז ער וועט דעם זון אָוועקלייגן אַ טויטן.

אַ יונג פּאָרל, וואָס איז געפלויגן מיט אַן אויטאָ און ער איז קאַליע געוואָרן, האָבן געוואָלט מיט גוטן און דערנאָך מיט בייזן צווינגען דעם יונגן קריסט ער זאָל מיט זיי פאָרן קיין לובלין. די יונגע מאַדאַם איז אַפילו אַרויף אויפן וואָגן און גענומען רייסן די לייצן ביי אים.

מיר האָבן פון דער ווייטנס געזען דעם געראַנגל און נאָך שנעלער גענומען לויפן, ראַטעווען, אָבער נאָך איידער מיר זענען צוגעקומען, האָבן אונדזערע פרויען, די מאַמעס שוין געהאַט פאַרטריבן די יונגע פרוי מיט איר מאַן.

שוין נאָענט ביים וואַלד האָט גענומען יאָגן אַ נייער אייראָפּלאַן, אַ יעגער. אָבער די מאַמעס זענען נישט אַראָפּ פון וואָגן. זיי האָבן געשריגן צום יונגן פויער ער זאָל טרייבן דאָס פערד נאָך גיכער ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום וואַלד, אַראָפּגעשפּרונגען און אַריין אין וואַלד אַריין.

מיר, די נאָכלויפנדיקע מענער, זענען נאָך צוויי מאָל געלעגן אויף דער ערד, אין די פּאַסעס ביים שאָסיי, און ביים „פּוילישן" וועג, וואָס האָט געפירט צום וואַלד, ביז מיר האָבן אָנגעיאָגט און צוגעקומען אָן כּוחות און אָן פּיס, אָטעמענדיק און סאָפּענדיק אַריין אין וואַלד און אַוועקגעפאַלן ווי די סנאָפּעס.

ווידער האָבן מיר דאָ געטראָפן די פּאָליציאַנטן.

די יונגע וואַכלייט האָבן זיך פשוט דערפרייט מיט אונדז. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז מע דאַרף זיך שטאַרק היטן פאַר דייטשע דיווערסאַנטן, אייגנטלעך געוועזענע פּאָלאַקן־דייטשן, וואָס פאַראַטן איצט זייער פאָטערלאַנד.

אונדזער פויער האָט אין קיין פאַל נישט געוואָלט פאָרן מער, נאָר צוריק אַהיים. אונדזערע מטבעות האָבן שוין איצט אויך נישט געהאָלפן.

די איבערגעלעבטע שרעק האָט געווירקט. די טויטשרעק האָט איר אייזערנע שפּראַך. קורץ, שאַרף און באַפעלעריש.

מיר האָבן באַשלאָסן צו קויפן ביי אים זיין פערד־און־וואָגן פאַר יעדן פּרייז.

נאָכן פּאָשען דאָס פערדל, ווען מ'האָט זיך שוין געהאָט אַ ביסל באַ־

רויִקט, האָט מען גענומען פאָרן אין אַ כמעט פאַרקערטער ריכטונג, אין דער זייט צו לאַסקאַזשעוו צו. פון דאָרט וועלן מיר פאָרן ווייטער.

פונעם וואַלד ביזן שטעטל איז דאָ אַ קילאָמעטער פרייער וועג. דאָס פערדל האָט דאָ גענומען יאָגן מיט די ווייבער און קינדער און מיט אונדז — צוויי בכבודיקע מענער, אָנגעטון אין לאַנגע מאַנטלען, האַלבע שיך, טראָגנדיק שפּייז־פּעק אויף די פּלייצעס. מיר זענען געפלויגן ווי פייל פון בויגן, קוים באַווייזנדיק צו כאַפּן דעם אָטעם. זענען מיר אָנגעקומען קיין לאַסקאַזשעוו פרייטיק, דעם 8טן מלחמה־טאָג אין דער פרי.

— מעגלעך? איז דאָס מעגלעך? — האָבן מיר זיך אַלע ניין געפרעגט איינער דעם צווייטן.

מיר האָבן שוין איבערגעלעבט וואַלד און לובלינער שליאַך. און דאָ?... דאָס שטעטל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, אַזוי פרידלעך, אַזוי רויִק, אַזוי שטיל, אַזוי נישט־מלחמהדיק.

***

מיר, וואָס האָבן נאָך ביז היינט קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען פון דאָזיקן שטעטל, נישט געהערט פון זיינע גאונים, רבנים, רביים, צדי־קים, לומדים, נישט פון זיינע סוחרים, נגידים, גבירים, פאַבריקאַנטן, אויפ־טוערס, נישט פון זיינע אָנזעצערס, שווינדלערס, ליגנערס, נישט פון זיינע יידן, נישט פון זיינע גויים, — מיר זענען געשטאַנען און האָבן זיך גע־ווישט דעם שווייס פון פנים, געריבן די אויגן פון פאַרוואונדערונג. נישט געפילט, וויפיל לייד, פּיין און איבערלעבונגען איז אונדז דאָ באַשערט. נישט געקאָנט אויף קיין מינוט פאָרויסזען, אַז צוויי אַרמייען וועלן פירן אַ קאַמף פאַר אָט דעם הילצערנעם שטעטעלע, מיט דער איינער לאַנגער גאַס, קליינעם מאַרק און די פאַר זייטיקע געסעלעך.

ערב־שבת אין דער פרי. איבערן שטעטל איז אויסגעגאָסן אָרעמקייט געמישט מיט יידישן חן, קליינשטעטלדיקייט פאַרבראָקט מיט רעליגיעז־קייט, מיט עכטער, נישט געפעלשטער ריינער דורות־אַלטער טראַדיציע און לעבן־שטיינער.

אָנגעקומען אויף דער גאַרוואָלינער גאַס, האָבן מיר געזען אַרויסגיין פון די קליינע הייזקעס מיט די נאָך קלענערע גערטנדלעך, הייפלעך און

פאַרקנדלעך ייִדן און ייִדעלעך, מיט פּיאות און בערד, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט תפילין־זעקלעך אונטער די אָרעמס, גיין דאַוונען. עטלעכע ווייבער מיט פּאַטשיילעס אויף די קעפּ זענען אַרויס מיט קיישלעך איינקויפן.

ערב־שבת.

דערזעענדיק די עגלה מיט דער אָפּגעמוטשעטער שקאַפּע און אויף איר אַ געזעמל פרויען מיט קינדער, דערלעבן צוויי באַלעבאַטישע ייִדן, דייטשמערישע אינטעליגענטן, אַמפערן זיך מיט צוויי גויים, — האָט זיך אָנגעהויבן דער עולם צוצורוקן נענטער.

אויך פּאָלאַקן זענען אַרויסגעקומען פון זייערע הייזקעס וואָס האָבן זיך געפינען בשכנות. הייזקעס נישט גרעסערע ווי די ייִדישע, נאָר אַרום זיי אַ גרעסערער גאָרטן, פרייער ערד־שטח.

די ייִדן האָבן באַלד געכאַפּט וועגן וואָס דאָ גייט. און עצות האָבן זיך גענומען שיטן פון אַלע זייטן.

יעדער איינער — אַ בקי אין געאָגראַפיע און סטראַטעגיע — האָט געגעבן עצות אויף זיין שטייגער.

— דער עיקר, — האָט מען געגעבן צו פאַרשטיין די נישט־באַוווסטזיניקע צוויי דאָקטוירים, — דאַרף מען צוקומען קיין סאָבאָלעוו, פון דאָרט איז שוין ממש אַ שפּרונג קיין לובלין.

טענהן די אַנדערע, אַז סאָבאָלעוו איז אַ סכנה, לובלינער טראַקט איז בכלל אַ סכנה, אַזוי האָבן זיי געהערט. כדאַי צו פאָרן אַרום־און־אַרום, צוצוקומען קיין מאַטשעיעוויץ, אויסמיידן דעם טראַקט און פאַרפאָרן פון דער זייט קיין לובלין.

קומען די דריטע און ווייזן־אָן, אַז מאַטשעיעוויץ איז נאָך אַ גרעסערע סכנה, ווייל עס ליגט ביי דער ווייסל, און דאָרט פירן זיך די שרעקלעכסטע שלאַכטן, עצהן זיי דעריבער צו פאָרן דורך גניעוואָשאָוו.

דאָ איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער וויכוח וועגן דעם מרחק צווישן לאַסקאַזשעוו און גניעוואָשאָוו. און ייִדן, וואָס פאָרן אַ לעבן לאַנג אויף יאַרידים קיין גניעוואָשאָוו, און פירן דאָרט עסקים, האָבן זיך גענומען שפּאַרן מיט אַזאַ התלהבות, ווי זיי וואָלטן זיך געאַמפּערט וועגן אַ מהרש״א אָדער אַ שאגת־אריה.

— פון דאַנען קיין גניעוואָשאָוו איז פּונקט 72 קילאָמעטער — שרייט

איינער און הייבט־אָן אויסרעכענען אַלע דערפלעך און פוילישע וועגן וואָס פירן אַהין.

— אַ טעות, ר׳ מרדכי. אויב שוין יאָ זיין פּינקטלעך איז עס 62 קילאָמעטער. פשוט, איר האָט אַ ביסל נישט מדקדק געווען.

— געננוי 56 מיט אַ האַלבן — שרייט אַ דריטער, וואָס פאַרטיידיקט זיין האַלבן קילאָמעטער מיט אַזאַ געוואַלט, אַז ס׳קומט שיער נישט צו קיין געשלעג.

שטייען די צוויי דאָקטוירים ווי פאַרלוירענע, קאָנען נישט קומען צום וואָרט און ווייסן נישט וואָס צו טון.

דעצידירט האָט דער פויער. אויך אים האָבן אַרומגערינגלט זיינע, פּאָלאַקן.

— אַראָפּ! אַראָפּ פון וואָגן! מיר פאָרן נישט ווייטער!

איצט איז דאָ אויסגעבראָכן אַ פויליש־יידישער וויכוח.

— גיט אים אין דער יד אַריין — האָבן געעצהט יידן — ער וויל נישט פאָרן. די סכנה איז גרויס.

איידער וואָס און ווען האָט דער פויער געגעבן אַ דריי אויס די פור־מאַנקע און די שקאַפּע, וואָס האָט זיך שוין היינט אַזוי פיל אָנגעשוויצט, אָנגעהאָרעוועט און אָנגעלאָפן, האָט געגומען יאָגן איבערן וועג... די פרויען און קינדער האָבן גענומען שרייען און רופן נאָך הילף.

דאָס שטעטל האָט זיך אַ לאָז־געטון נאָכן לויפנדיקן וואָגן. יידן און קריסטן, און די דאָקטוירים האָבן שוין געדאַנקט גאָט, אַז זיי האָבן געזען צוריק לעבן זיך זייערע פרויען מיט די קינדער מיטן רעשט פעקלעך, וואָס ס׳איז זיי נאָך געבליבן.

איבערגעלאָזט די פרויען מיט די קינדער אין ערשטן געשעפט, וואָס מ׳האָט פאַר זיי ספּעציעל געעפנט, זענען מיר ביידע, ד״ר אַלטער און איך, אַוועק באַראָטן זיך מיטן רב, מיטן מרא־דאתרא. דער רב האָט אונדז אויפ־גענומען אין גרויסן בית־דין־שטיבל. אַ שלל מיט ספרים, גמרות און פּוס־קים אַרום און אַרום. ער האָט געהייסן די טאָכטער ברענגען טיי מיט צו־קער און גענומען קרעכצן, זיפצן אויף זיין גורל, אויפן גורל פון דער שטאָט, זיין רבנות און זיינע באַלעבאַטים.

„עת צרה היא ליעקב ומחנה יושע״, אַ צרה קומט אויף יידן און דער

רבונו־של־עולם וועט העלפן. „אם השם לא ישמור״, אויב דער רבונו־של־עולם וועט נישט העלפן...

ביים רב האָבן זיי געטראָפן נאָך יידן.

אַרויסגייענדיק פון דאָרט האָבן זיי באַשלאָסן צו פאָרן קיין... פאַר־טשעוו.

— און ווען מיר קאָנען פאָרן קיין פאַרטשעוו — האָבן געטענהט אַ פּאָר יידן — און דאָרט איבערוואַרטן די מלחמה. פאַרטשעוו איז אַ מזלדיק אָרט. אויך ביי יענער וועלט־מלחמה האָט פאַרטשעוו גאָר נישט געליטן, ווייט פון טראַקט, ווייט פון דער באַן־ליניע...

— אַ ברכה פון אַ גוטן יידן. דער אַלטער זכרונו לברכה האָט זיי געבענטשט.

די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן צו פאָרן וווהין ס׳וועט זיך לאָזן. אַבי אַוועק פון דאַנען. אָבער די יידישע באַלעגאָלעס האָבן דערקלערט קאַטע־גאָריש און קלאָר אַז מע פאָרט נישט:

— דאָס לעבן איז וויכטיקער פון געלט, אַז מע לעבט קאָן מען קור־מען צו געלט און מיט געלט שאַפן אַ לעבן קאָן מען נישט. מע קאָן עס בלויז אַמאָל אויפהאַלטן לענגער — איז געווען די לעבנס־פילאָזאָפיע פון די פערד־באַזיצערס.

זיי האָבן דערציילט, אַז גאָר באַגינען זענען אין אַ טאַקסי דורכגע־לאָפן דורך דער שטאָט דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט״ און ד״ר שאָש־קעס. מיט נסים האָט מען זיי פאַרשאַפט אַ מעגלעכקייט ווייטער צו פאָרן. און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט אַ גרויסן געלט־אוצר וואָלטן זיי באַוועגט די פערד און זייערע באַלעבאַטים איינצושטעלן דאָס לעבן. ליי־דער האָט אונדז די מלחמה געטראָפן נישט צוגעגרייט און כאָטש ביידע זענען מיר געווען גענוג פאַרמעגלעך, האָבן מיר אָבער נישט פאַרמאָגט קיין גרייט געלט אין אַ גענוגנדיקער מאָס. מיר האָבן גענומען באַנוצן דעם אויסגעפּרוווטן יידישן וועג פון יושר, רחמנות, אַז ס׳האַנדלט זיך אין ראַטעווען יידישע נפשות.

— אויב מיר פאָרן און ווילן איינשטעלן אונדזער לעבן און דאָס לעבן פון אונדזערע משפחות קאָנט איר דאָס אויך טון — האָבן מיר געטענהט מיט די באַלעגאָלעס.

— איר מוזט — זענען זיי באַשטאַנען אויף זייערס — און מיר נישט.

ביז ס׳איז געבוירן געוואָרן דער ספק אין די מוחות פון די פערד־און־וואָגן־באַזיצערס האָבן זיך אומגעריכט דערהערט אַזעלכע אויפטרייסלענ־דיקע דעטאָנאַציעס ווי פון גאָר נאָענט, אַז דער עולם איז אַוועק ווו איי־נער האָט געקאָנט, אַריין אין די הילצערנע שטובן אַריין, זיך באַהאַלטן אין די קליימן, געמויערטע קראָמען, אונטער די פּאָרביימער אין גאַס און געציטערט אין דערוואַרטונג פון עפּעס גרויזאַמס.

— די ערשטע גרויסע און נאָענטע באָמבאַרדירונג — האָבן געשריגן אַלע נאָכדעם ווי די דעטאָנאַציעס האָבן אַ ביסל אויפגעהערט.

— די צווייטע — האָבן איבערגעשפּאַרט אַנדערע — די ערשטע איז געווען אין ערשטן מלחמה־טאָג, נאָר אַ סך לייכטער און שנעלער. דע־מאָלט האָט מען דערזען צוויי אייראָפּלאַנען. מ׳האָט נישט געוווּסט, ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן. זיי האָבן געוואָרפן אַ פּאָר באָמבעס לעבן דער באַן־סטאַציע און אַוועק.

איצט איז שוין קיין רייד נישט געווען וועגן פאָרן ווייטער. דער עולם איז געווען איבערגעשראָקן. דערווייל זענען מיר דאָ געבליבן.

דוד ווייניציגער, דער אָנפירער פון די רעוויזיאָניסטן, האָט דערהערט, אַז איך בין דאָ, האָט ער מיך געוואָלט באַגריסן און אַריינבעמען צו זיך. דערזעענדיק מיך, איז ער אַוועק. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט מיט מיר רעדן.

— איך קען ד״ר בן־שם בעסער — האָט ער איינגעטייטשט מיטן עולם — אַ ברייטער, אַ פולער, אַן עלעגאַנטער, מיט אַ שטעל, אַ פּאָר־נעם. ווילט איר מיר איינרעדן, אַז אָט דער דאָ איז ד״ר בן־שם...

איין מלחמה־וואָך איז געווען גענוג אַראָפּצונעמען פון מיר מיין נאָר־מאַלע, פיזישע צורה, דעם שטעל, דעם פּאַרנעם, ווי דוד האָט געזאָגט.

איך האָב דערפילט פּשוט אַ צער. אַ פּאָר שלעכטע טעג זענען אומ־שטאַנד צו פאַרקלענערן, איבערצואַנדערשן דעם מענטשן, זיין אויסזען, זיין וועזן, אפשר אויך זיין פּערזענלעכקייט. עפּעס פילט זיך, אַז אַ טיפע אינערלעכע איבעראַנדערשונג קומט פאָר ביי מיר, ביי אַנדערע, אפשר ביי אַלע. ווערטן ווערן אויס ווערטן, געפילן פאַרלירן זייער גלאַנץ, אַנדערע געפילן באַזעצן זיך אויבן־אָן. געדאַנקען — נישט אויסגעטראָגענע, נישט דערבאַקענע, נישט געראָטענע — יערן און רוקן זיך אַרויס, ווערן רייף.

עפּעס הייבט־אָן גורטעווען אַ שטאַרקער, הילכיקער, מעכטיקער שטראָם פון אַ ווילן צו ראַטעווען זיך, צו אַנטלויפן, אַנצוקומען און מעג עס זיין פאַרבונדן מיט גרויסע שווערע קרבנות.

נאָך אַ קורצן געשפּרעך איז מיר געלונגען איבערצוצייגן ווייגציגערן, אַז איך בין איך. דוד האָט געפּועלט ביי זיינע עלטערן, מע זאָל אָפּגעבן פאַר אונדזערע משפּחות דאָס בוידעמשטיבל ביי זיי אין הויז.

אויך אַלטער האָט געפינען באַקאַנטע, אַ תלמיד פון זיין „תחכמוני"; אויך יענעמס עלטערן, די פּיינשניידערס, האָבן אונדז אָנגעבאָטן אַ וווינ־פּלאַץ.

דוד האָט צוגעזאָגט באַלד נאָך שבת אונדז אַוועקצופירן קיין לובלין. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ פייערל פון קידוש־השם. מ'האָט גע־פילט אַז ער וועט האַלטן זיין צוזאָג, אויב אַפילו ער וועט דאַרפן באַצאָלן מיטן לעבן. ביי אים בין איך — געווען אַ פירער, דער פירער, וועלכן ער האָט באַוווּנדערט, וועמענס תורות ער האָט געלערנט, וועלכן ער האָט אין זיינע יוגנט־חלומות איינגעוועבט אַלס העלד־וועגווייזער־רעטער.

אין שטעטל האָט זיך דער ערב־שבת געפירט, ווי מיט צענדליקער דורות צוריק. ס'איז אַוועק די שרעק פאַרן באָמבאַרדירן. דער פּראָנט איז וויַיט, גאָר וויַיט — דער שונא אויף לעבן און טויט. נאָענט איז בלויז דער הייליקער שבת. ייִדן זענען געלאָפן אין מיקווה אַריין און צוריקגע־קומען מיט נאַסע פּיאות. פאַרמאַכט די קראָמען. זיידענע זשופּיצעס, גע־פּוצטע שטיוועלעך, ווי־נישט־ווי שיך און זאָקן. ייִדן מיט סידורים אונטערן אָרעם זענען געלאָפן מקבל־שבת־זיין. פּונקט ווי תמיד, פּונקט ווי טאַ־טע־מאַמע, באָבע־זיידע און עלטער־עלטער־זיידעס. „דור הולך ודור בא", אַ שונא קומט, אַ שונא גייט, אַן אומגליק יאָגט, אַ צווייט פאַרטראָגט, „והארץ לעולם עומדת", דאָס ייִדישע פאָלק שטייט אייביק און לויבט איי־ביק דעם וואָס האָט אים געגעבן דעם דאָזיקן כוח. און לאַסקאַזשעווער ייִדן האָבן, ווי תמיד, מיט קול און נגינה זיך צעזונגען דעם „לכו נרננה" און „לכה דודי".

נישט נאָר די ייִדן, אויך די פּאָלאַקן האָבן, אַזוי־צו־זאָגן, געפּראַוועט שבת. אויך זיי האָבן, קעגן זייער ווילן, געמוזט איינקויפן ערב שבת. די ייִדישע קראָמען זענען שבת פאַרמאַכט. האָבן זיי געמוזט אָפּטון די גאַנ־צע וואָכעדיקע אַרבעט פריער. דער ייִד האָט שבת נישט געאַרבעט, האָט

דער פאַלאַק נישט געהאַט שבת מיט וועמען צו אַרבעטן, צו האַנדלען, צו טון. איבערן שטעטל האָט זיך אויסגעגאָסן אַ מיסטיש־טיפע, טרויעריק־זאַנפטע, אינערלעך־ פריילעכע, באַשיידן־רייכע שבת־שטימונג.

אונדזערע צוויי משפחות האָבן דערווייל געפירט אַ קאַמף מיט די פליגן, בינען און מאָסקיטן. אונטער אונדזער בוידעמשטיבל איז געווען אַ מאַגאַזין פון פרוכטן, דער עיקר פלוימען און די צאָל פליגן־באַזוכער אין דעם מאַגאַזין איז געווען אַזוי גרויס, אַז צייטנווייז האָט אויסגעוויזן, אַז די פליגן און בינען זענען די פרוכטן און די קעסטלעך און די פלוימען — נאָר אַ דעקאָראַציע. ווען דער פליגן־ראַדאַר האָט מודיע געווען, אַז אויבן געפינען זיך צוויי נייע משפחות מיט ווייבער און קינדער, האָט זיך די גאַנצע אַרמיי פליגן און בינען, אין באַגלייטונג פון די פאַרנאַכטיקע מאָס־קיטן־פידלערס, אַ לאָז־געטון אַרויף אויבן, צו אונדז. די אייבערשטע אייב־וו̇וינער זענען אפשר ווייניקער זיס, אָבער פעטער, געשמאַקער. און מיר ביידע מענער, ביידע פרויען און אַלע דריי קינדער — באַוואָפנט מיט האַנטעכער און ליילעכער האָבן געשריגן, געיאָגט, געוויינט, געהרגעט און דער פליגן־בינען־מאָסקיטן־רעגימענט איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

ווען די אַלטע איטע, דעם רופאס ווייב, איז געקומען באַנדאַזשירן און אויסצי̇ען מיין פוס, וואָס כ׳האָב זיך אויסגעוויכנעט ביי פולאַווע, ווען כ׳בין אַראָפּגעפאַלן פון בערגל און נאָכן לויפן פון רודע, אין וואַלד און אויפן שאָסיי — האָט זיך דער פוס מיינער נאָך אַ סך פאַרערגערט. זי האָט מיך געמוזט אַראָפּשלעפּן אונטן, אין איר דירה אַריין, ווייל די פליגן האָבן שיער נישט אויפגעגעסן דאָס שמירעכץ, איידער מ׳האָט עס מיר נאָך באַוויזן צוצולייגן.

טויט־מידע, צעביסענע, אָבער איינגעוויגט מיט אַ האָפענונג פון זי־כערן פאָרן קיין לובלין און ווייטער, זענען מיר, די ניין נפשות — אויס־געלייגט אויף דער ערד, אויף שטרויזעק — געשמאַק איינגעשלאָפן.

— ד״ר בן־שם עפנט! ד״ר בן־שם עפנט! — האָט זיך פון יענער זייט פאַרמאַכטער טיר געטראָגן דאָס יאָמערלעכע קול פון דודן.

האַלב־אויסגעטון זענען ד״ר אַלטער און איך אַרויס צו דודן און פאַר־מאַכט הינטער זיך די טיר, די פרויען און קינדער זאָלן זיך נישט איבער־וועקן.

דאָס האַרץ האָט אונדז געזאָגט, אַז דער צווייטער שבת נאָכן קריג־אויסברוך, דער 9טער סעפּטעמבער, וועט אונדז נישט לאָזן לעבן רויק.

— אַן אומגליק, אַן אומגליק! אַ סכנה! — האָט פאַרבראָכן די הענט דער יונגער רעוויזיאָניסט — ביינאַכט איז אַנטלאָפן די פּאָליציי. דער בירגערמייסטער, די גאַנצע שטאָט, דער עיקר די פּוילישע באַפעלקערונג, די באַאַמטע, די וויכטיקע פונקציאָנאַרן פּאַקן זיך... אַלץ אַנטלויפט, אַלץ! פּאַקט אייך, מיר לויפן צוזאַמען. איך וועל אייך פירן. טאַטע־מאַמע ווילן בלייבן דאָ... איך וועל נאָך זיי קומען, שפּעטער.

דערהערנדיק דאָס הירזשען פון אַ פערד זענען מיר אַראָפּ און גע־טראָפן אַ וועגעלע, איינגעשפּאַנט מיט אַן אַלטער שקאַפּע שטיין פאַר דער טיר פון שטאָט־דאָקטאָר, אַ ייִד. ווי שותפים צום זעלבן טיטל — דאָקטוי־רים — האָבן מיר געפּרוווט אינטערווענירן ביים מעדיצין־דאָקטאָר, ער זאָל מיטנעמען כאָטש די פרויען און די קינדער. ס'האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז פון דער אָרעמער שקאַפּע וועט מען נישט האָבן קיין נחת. איטשע, דער אַלטער באַלעגאָלע, איז געקומען צולויפן ראַטעווען דעם דאָקטאָר, ווייל ער האָט אַמאָל אַ נדר געטון, אַז אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט אים אָפּגעראַטעוועט זיין טאָכטער, וועט ער עס אים אַמאָל אָפּצאָלן. איצט, ווען מע לויפט, איז ער געקומען שטעלן דעם דאָקטאָר זיין לאָקאָ־מאָציע צו דער דיספּאָזיציע. אויפן וואָגן זענען שוין געזעסן איטשעס משפחה, דער דאָקטאָר האָט גענומען לאָדן זיינע ביכער און זיינע אינס־טרומענטן און ס'האָט אויסגעוויזן, אַז אויך ער און זיין משפחה וועלן מוזן נאָכגיין צופוס און העלפן דער שקאַפּע זי זאָל קאָנען שלעפּן דעם וואָגן.

מיר האָבן גוט געוווסט, וואָס ס'הייסט לובלינער שאָסיי און נאָך איצט געציטערט, דערמאָנענדיק זיך די אימהדיקע בילדער פון דאָרט. האָבן מיר באַשלאָסן איבערצוואַרטן דעם טאָג און ביינאַכט לויפן צופוס, אויב קיינער וועט נישט וועלן פאָרן מיט אונדז.

ייִדן האָבן זיך אָבער שנעל באַרויִקט און געגאַנגען דאַווענען. נאָך איידער מ'האָט געענדיקט דאָס לייענען זענען געקומען צולויפן צוריק אַ פּאָר משפחות, צווישן זיי איין ייִדישע, מיט אַנגסטן אויפן פּנים און שרעק אין די אויגן, און גענומען דערציילן, וואָס עס טוט זיך אויפן לובלינער שאָסיי. ווי דייטשע אייראָפּלאַנען לאָזן זיך אַראָפּ גאָר נידעריק און שיסן

מיט מאַשין־געווער אויף יעדן איינעם. ס'איז נישטאָ ווו זיך צו באַהאַלטן. אויב עמעץ אַנטלויפט פון טראַקט, יאָגט מען זיך נאָך אים נאָך... זיי האָבן דערציילט, אַז אַלע וועגן וואָס פירן קיין לובלין זענען פול מיט מענטשן, אַלע לויפן, ס'איז איין גרויס שעכטהויז. צעריסענע גופים, שטיקער אברים, געשוואָלענע פערד, צעלאָמעטע וועגענער, צעהאַקטע מאַשינען, מענטשן וואַרפן זיך, ברענען אין פייער, שרייען, בעטן הילף, פאַרוווּנדיקטע ליגן אויסגעלייגט אויף דער גאַנצער לענג פון שאָסיי.

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן געוווּסט און אַליין איבערגעלעבט נעכטן.

אַלע האָבן זיך איצט באַרויִקט. הייסט עס, אַז אַלע וועגן זענען פאַרמאַכט און ס'איז נישטאָ וווהין צו לויפן מער.

מ'האָט זיך געזעצט עסן טשאָלנט. די שבתדיקע סעודה, וואָס מ'האָט נאָך אין מיטן דער וואָך גענומען גרייטן.

דריי אַזייגער בייטאָג האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אָפּגעשפּילט אַ בילד, וואָס האָט אונדז צעטרייסלט ביז די טיפענישן פון דער נשמה און זיך איינגעקריצט אין האַרץ אויף מער נישט צו פאַרגעסן.

דערזעענדיק די טראַגעדיע האָבן מיר שוין נישט געטראַכט פון אונדזער גויט.

פוילישע סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון פראָנט. זיי זענען דורכגעלאָפן דורך לאַסקאַזשעוו. די סאָלדאַטן זענען געלאָפן צופוס, רייטנדיק, אויף ביציקלעטן, אויף מאָטאָציקלען, געלאָפן, געאָטעמט שווער, געקוקט טעמפּ און פאַרדריסלעך אויף די ציווילע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער לענג פון די גאַסן, נאָכגעקוקט זיי און געשאָקלט מיט די קעפּ. די סאָלדאַטן זענען נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן.

באַלד איז אָנגעפאָרן אַ טאַנק, איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד, דערנאָך אַ וואָגן מיט פערד און אויף זיי סאָלדאַטן, האַלב־נאַקעט, ווייניקער ווי האַלב אָנגעטון, זיצנדיק, ליגנדיק, שטייענדיק, אַ טייל פאַרוווּנדיקטע, אויך טויטע זענען געווען צווישן זיי.

אויף איין פערד איז געריטן אַ סאָלדאַט אין גאַנצן נאַקעט. פאַרשטעלנדיק מיט די לייצעס די טיילן קערפּער, וואָס דאַרפן זיין פאַרדעקט. דערנאָך זענען אָנגעפאָרן סאָלדאַטן אין גאַנצן נאַקעט, בלויז מיט אַ מאַנטל, אַ מיליטערישן שינעל, איבערגעוואָרפן איבער זייערע פּלייצעס. אַ סך זענען געלאָפן אין סאָלדאַטסקע היטלען מיט אונטערוועש בלויז.

פון צייט־צו־צייט האָט זיך אַ טייל אָפּגעריסן פון די אַנטלויפנדיקע מחנות, אַריין אין די שטובן, געבעטן עסן, טרינקען, אַ מלבוש... אַמאָל געעצאָלט, מייסטנס נישט. אַ פּאָר באַקעטע און האַלב־נאַקעטע האָבן גע־פינען פאַר נייטיק צו טיילן קלעפּ אַ גרופּע ייִדן, וואָס איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויפן בייזן ווונדער.

די פּוילישע אַרמיי אַנטלויפט. די פּוילישע אַרמיי איז צעשלאָגן. ביי דער שלאַכט לעבן דער ווייסל האָבן די פּאָלאַקן פאַרלוירן אַ סך: פּוילן, פּוילישע ערד, מלוכהשאַפט, די אַרמיי און דעם כבוד...

נאָך אַ הפסקה פון אַ שעה איז פאַרנאַכט אָנגעלאָפן די צווייטע כוואַ־ליע אַנטלאָפענע. זייער צאָל איז שרעקלעך געוואַקסן. די זענען שוין גאָר געלאָפן. זיך נישט אומגעקוקט. אַ ווילדע שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן, אין אַלע זייערע תנועות און באַוועגונגען. זיי האָבן גע־האַלטן אין איין קוקן הינטער זיך און איבער די קעפּ, צי מע יאָגט נישט און מע פליט נישט פון אויבן. פון דעם אַלעם איז געווען קענטיק, אַז די שרעק, וואָס איז זיי באַפאַלן, איז פון זיי נאָך נישט אַרויס.

פּאָלאַקן און ייִדן פון שטעטל האָבן גענומען אַרויסטראָגן עפּעס עסן און טרינקען. די סאָלדאַטן זאָלן זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ.

צוויי סאָלדאַטן, ייִדישע יינגלעך, האָבן פאַרקערעוועט און אַריין אין הויף אַריין פון די וויינציגערס.

די סאָלדאַטן האָבן דערציילט, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן באָמ־באַרדירן די דייטשן מיט אַזאַ כוח און פּינקטלעכקייט, אַז זיי צעשטערן אַלע פּאָזיציעס. אָבער נעכטן האָט עס דערגרייכט ביז צו שיגעון. הונדער־טער דייטשישע אייראָפּלאַנען האָבן גענומען גרילצן אין די אויערן, זיך אַראָפּלאָזן איבער די קעפּ און האָגלען מיט אַזאַ שלל פון באָמבעס און קוילן, אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן צו לויפן צו דער ווייסל, האָפנדיק זיך אויף אַזאַ אופן צו ראַטעווען פון שרעקלעכן שונא און זיין געווער. זיי זענען אַריין אין וואַסער אין די מלבושים. דער גאַנצער טייך איז רויט פון בלוט. צענדליקער טויזנטער זענען אַריין אין דער ווייסל, איינער האָט געשטופּט דעם צווייטן, געיאָגט, געשטופּט, דערטראָנקען, כדי צו דער־גרייכן דעם צווייטן ברעג. די אייראָפּלאַנען שלאָגן איבער די קעפּ פון די שווימענדיקע. קיין שום פאַרטיידיקונג איז שוין נישטאָ. זיי זענען גע־שווימען אָוועקוואָרפנדיק אַלץ, די קליידונג, ס׳געווער און נאָר יחידים זע־

נען אַריבער, אַדורכגעשווומען און לויפן איצט זיך ראַטעווען. אַ סך זענען געלאָפן מיט שטעקנס, צווייגן, דרענגער,ביימער. אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער, זיי זאָלן קאָנען שנעלער לויפן.

נאָך האָבן די סאָלדאַטן איבערגעגעבן, אַז באַלד פון אָנהייב האָט מען געפילט, אַז עפּעס קלאַפּט נישט אין דער אַרמיי. די אָפיצירן, די גבורים, פאַרשווינדן, מע זעט זיי נישט. עס זענען איבערגעבליבן בלויז יונגע אָפיצירן, די פאָרוטשניקעס, לייטענאַנטן, וואָס קאָנען זיך נישט איבעריק אויס אויף סטראַטעגיע. זיי קעמפן אָבער ווי די לייבן. עס פעלן די פירערס פון דער אַרמיי. ס׳פעלט כלי־זין, מ׳האָט נישט מיט וואָס צו ענטפערן. די דייטשע באָמבאַרדירערס צעזעצן באַלד יעדן פוילישן האַר־מאַט. ווי נאָר זיי הייבן־אָן צו באָמבאַרדירן האַקן זיי באַלד אַוועק די פּוי־לישע אַנטי־לופט־האַרמאַטלעך. די שרעק פאַר די דייטשן איז אַזוי גרויס, אַז ס׳איז גענוג עס זאָל זיך באַווייזן אַן אייראָפּלאַן און די אַרמיי צע־פאַלט זיך און אַנטלויפט.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין ווען ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן אַ פּראַכטפולע סצענע — הערלעך כאָטש גרויליק.

אַ פּאָר שווערע דייטשישע באָמבאַרדירערס באַגלייט פון לייכטע איי־ראָפּלאַנען זענען געפלויגן נישט ווייט פון די אַנטלויפנדיקע סאָלדאַטן, פאַרגרעסערנדיק זייער בהלה. זיי זענען געפלויגן מאַיעסטעטיש, רויק, הויך, חוצפהדיק. פּלוצלינג האָבן זיך באַוויזן פון דער זייט עטלעכע לייכ־טע אַוויאָנען. אַ פּנים פוילישע. ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קורצער אָבער העפטיקער קאַמף, מ׳האָט געקאָנט אַלע מאָל הערן לייכטע שאָסן און פון צייט־צו־צייט אַ ביסל שווערע. פּלוצלינג האָט פון איינעם פון די שווע־רע אייראָפּלאַנען געגעבן אַ זעץ אַרויס אַ רויך, געדיכט און שוואַרץ. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך גענומען קייקלען אַראָפּ, אין באַגלייט פון רויך און שוואַרצע וואָלקנס. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע דעטאָ־נאַציע, וואָס האָט געמאַכט אַלע אויפציטערן און כמעט אַוועקגעוואָרפן אויף די קני. די קליינע האָבן זיך אָפּגעטראָגן און די שווערע, מיט איי־נעם ווייניקער, זענען געפלויגן ווייטער, אָבער גאָר הויך.

די סאָלדאַטן האָבן דערציילט, אַז אַזעלכע מלחמות אין דער לופטן קומען פאַר אַזוי זעלטן, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד גאָרנישט צו ענדערן די אַלגעמיינע קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע,

קייטן, אָפּגעריסענע פון טאַנקען, אָרטשיקעס און שטעקנס, האָבן זיך באַוויזן אין אַ סך הענט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דאָס לויפן, נאָר שפּעט ביינאַכט האָט עס שוין באַקומען די נאָרמאַלע צורה פון אַ מיליטערישן ריקצוג. ס'זענען געפאָרן וועגענער געשפּאַנט מיט צוויי פערד און אויף זיי אַ סך פּאַרוווּנדיקטע, קליינע פעלד־קאַנאָנדלעך, שווערע קאַנאָנען, מאַשין־געווערן, קעסלען און מיליטערישע קיכן. אויך רייטער זענען געפאָרן אין מאַסן. די צאָל פון די אַנטלויפנדיקע איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס'איז שוין נישט געווען געגנוג דער איינער שאָסיי. מיט אַלע שאָסייען, וועגן און גאַסן פון לאַסקאַזשעוו איז געפלויגן די פּוילישע ווייסל־אַרמיי אויף צוריק.

ביי דער גאַנצער געפאַלנקייט האָבן נאָך אַ סך געגלייבט, אַז די לאַגע איז נאָך נישט פאַרלוירן, נאָך פאַראַן אַ האָפענונג.

פּוילנס זין זענען געווען גרייט נאָך אַמאָל אָנצוהייבן די פאַרטיידיקונג פון זייער געליבטער ערד, כאָטש די שרעק פאַר די אייראָפּלאַנען האָט געגרילצט אין זייערע מוחות.

זיי זענען געלאָפן צום לובלינער שאָסיי.

דאָרט האָט דער שד געשניטן ווי מע שניידט רייפע תבואה. ער האָט מיט געשרייען, קלאַפּערייען און באָמבעס צעטרייסלט די ציווילע באַפעלקערונג, וואָס דער פאַרעטער אומיאַסטאָווסקי האָט אַרויסגעשיקט. אויף די וועגן, אומעטום ווו די וועגן זענען געווען ענגע, אָדער ביי אַ ווענדונג האָט דער שונא געזייט חורבן. די שרייענדיקע, פאַרוווּנדיקטע ציווילע באַפעלקערונג, מיט אירע אויטאָמאָבילן, וועגענער און אויטאָבוסן האָבן פאַרשטעלט און פאַרטאַמעוועט אַלע וועגן.

דער געשטאַנק פון די געפּגרטע פערד, פון בלוט, בענזין, נאַפט, עקסקרימענטן, מוחות און שווייס רייסט זיך אַריין אינעווייניק, שוואַכט אָפּ און שטערט דאָס לויפן, דאָס אָטעמען.

דאָס וואָס די לופט, די לאָרנעטע פונעם דייטשישן פּילאָט נעמט אַריין — ווערט סיסטעמאַטיש צעשטערט. עס טרעפט, אַז די אייראָפּלאַנען באַרירן די ערד און די רעדער הייבן־אָן גיין אויפן באָדן; עס טרעפט, אַז אַ באָמבאַרדירער לויפט נאָך אַ פאַסטוכל, וואָס יאָגט זיך מיט אַלע כוחות צו אַנטלויפן, דעריאָגט אים און דערשיסט אים.

מ'האָט געזומען דערציילן פון אַ נייער ווענדונג אין דער מלחמה;

— דייטשלאַנד איז שוין אָפּגעשוואַכט, פּוילן וועט זיך שטאַרקן...

פון ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון אייראָפּלאַנען. די סאָלדאַטן האָבן גענומען ציטערן אויפן גאַנצן לייב. ציטערן און פאָרן ווייטער, צום ציל...

די צוויי אַנטלאָפענע ייִדישע סאָלדאַטן האָבן איבערגעגעבן, אַז אויף אַלע פראָנטן גייען די דייטשן פאָרויס — פון זיג צו זיג. אין דער פּוילישער אַרמיי פעלט דער אָפיציר. אַלע גענעראַלן זענען אַוועק. די קאָלאָנעלס און מאַיאָרן זענען נישטאָ. מע זעט אויך זעלטן קאַפּיטאַנען. ס׳זענען געבליבן לייטענאַנטן און צווישן זיי אַ סך, גאָר אַ סך ייִדן. די יונגע ייִדישע אָפיצירן באַווייזן פשוט וווּנדער. אַפילו פּוילישע זעלנער דערציילן שוין די וווּנדער פון די פּאָרוטשניקעס לאַסקער, פעניכעל, בראַצעיאָווסקי, גורוויץ און נאָך, וואָס האָבן מיט זייער טאַלאַנט און מוט געראַטעוועט אַ סך פּאָזיציעס, אויפגעהאַלטן דעם דרוק פון דער דייטשער אויבערמאַכט און געהויבן די מאָראַל פון דער פּוילישער אַרמיי. ליידער האָבן די ייִדישע אָפיצירן נישט מיט וואָס צו שיסן. עס פעלט געווער, האַרמאַטן, זעניט־האַרמאַטן, אָפּווער־כלים, קאָנטראַ־טאַנקען און קאָנטראַ־געפּאַנצערטע אויטאָס. עס פעלן פּיאַטס. דער עיקר פעלט דער פּוילישער לופט־פלאָט, וואָס וואָלט געוועזן אימשטאַנד איינצוהאַלטן די דייטשע אַטאַקע און דערבײַ הייבן די געדריקטע מאָראַל. יעדער באָמבאַרדירער שאַפט אַזאַ פּאַניק אין דער פּוילישער אַרמיי, אַז מע וואַרפט אַוועק די ביקסן און מע לויפט, ווו נאָר די אויגן טראָגן, אַבי ווייט, ווייט פון די שרעקלעכע באָמבעס פונעם שרעקלעכן טויט און נערוון־צעשרויפנדיקן גרילצן. די אומבאַהאָלפנקייט טויט־אָפּ דעם ווידערשטאַנד.

מערערע גרופּעס האַלב־נאַקעטע זענען געלאָפן מיט האַסטיקע שריט, זיך געהאַלטן צוזאַמען און געפּרוּווט עפּעס ווי פאַראייניקן זיך, שאַפן אַ מיליטערישע קאָמפּאַניע.

איך האָב אויפגעהאַלטן אַ טייל פון זיי. כאָטש ס׳איז געווען שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיי אַריינגעבעטן אינעווייניק צו די הויפּט־באַלעבאַטים, צו זעמאַנען. געוואָלט משפיע זיין, זיי זאָלן בלייבן דאָ ביז די צרה וועט אַריבער. פאַרשטאַנען האָבן אַלע, דער עיקר די ייִדן, אַז דאָס ווילדע אַנטלויפן פון דער פּוילישער אַרמיי וועט שאַפן אַ הפקר, אַ כאַאָס. איז כדאַי צו האָבן אַ גוטע אָרגאַניזירטע גרופּע סאָלדאַטן אַרום זיך.

איך האָב נאָך געדענקט, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען פאָרגעקומען די גרעסטע פּאָגראָמען, פאַרגוואַלטיקונגען, פּייניקונגען און רציחות איבער דער ציווילער באַפעלקערונג דווקא אין דער צייט פון די ריקצוגן. מע פלעגט ספּעציעל צאָלן עפּעס אַ קאָזאַקישן אָפיציר, אַ פּאָלי־ציי־פונקציאָנער, ער זאָל בלייבן אין שטעטל ראַטעווען די ציווילע באַ־פעלקערונג אין דער צייט.

אָבער די אַלע גרופּעס סאָלדאַטן האָבן געענטפערט, אַז דאָס קאָן דעצידירן „אונדזער יאַקובעק״, אונדזער יאַנקעלע.

באַלד האָבן זיי דערציילט די היסטאָריע פון העלדישקייט, מענטש־לעכקייט, שכל און ריינעם העראָיזם פון אַ ייִדישן אָפיציר, יאַנקל באָרנ־שטיין, אָדער בראָנשטיין פון לאָדזש, פון לאָדזשער געגנט. בשעתן שרעק־לעכן דייטשן אַטאַק ביי דער וויסל האָט דער אונטער־לייטענאַנט יאַנקל בראָנשטיין קאָמאַנדירט מיט אַ זעניט־האַרמאַט, וואָס איז באַלד, ווי אַלע איבעריקע צעשמעטערט געוואָרן פון דייטשע באָמבעס. פון עלף זעניט־האַרמאַטן זענען צען צעשטערט געוואָרן, און בלויז איינער האָט נאָך גע־אַרבעט. צוויי אָפיצירן, וואָס האָבן קאָמאַנדירט מיט דער דאָזיקער אַרטי־לערישער איינהייט, זענען געהרגעט געוואָרן. יאַנעק איז צוגעלאָפן צו דעם זעניט, וואָס האָט נאָך געשאָסן, און נישט געקוקט אויף די דערצאָרנטע דייטשע פליער מיט זייערע באָמבעס נישט אויפגעהערט אויף זיי צו שיסן. ס׳האָט זיך כמעט געשאַפן אַ מין זיכערקייט־שטח אין דער לופט, וועלכן די דייטשע אייראָפּלאַנען האָבן גענומען אויסמיידן.

ער האָט געזען, ווי די פוילישע סאָלדאַטן אַנטלויפן אַרומגעכאַפּט פון פּאַניק און וואַרפן זיך אין דער שוימענדיקער ווייסל; ווי די גוטע שווימערס דערטרינקען ממש מיט זייערע עלנבויגנס און שווים־באַוועגונ־גען די שוואַכע, און ווי נישט־שווימער גייען אונטער אין שרעקלעכע יסו־רים און דייטשע באָמבירערס שטעלן זיך פונקט איבער די קעפּ פון די אַנטלויפנדיקע און שיטן מיט פייער און האָגל אויף די אַנטרונענע און דער טייך ווערט רויט פון בלוט און צעהאַקטע קעפּ און אברים — צוזעענדיק דאָס אַלץ האָט יאַנקל אָנגעשטעלט זיין זעניט אויף די דיי־טשע אַוויאָנען, און מיט טרעפלעכע שאָסן זיי געצוווּנגען אָפּטרעטן. ער האָט זיי פאַריאָגט פון טייך, פאַרטריבן פון דער פּאָזיציע.

זייענדיק אַליין אַ פּרעמירטער שווימער איז יאַנקל אַריין אין טייך

און מיט אַ ווונדער־כוח באַוויזן אַריינצוברעגגען מענטשלעכקייט אין די פאַרצווייפלטע מענטשן. ער האָט גענומען פאַרבינדן הענט מיט הענט, הענט מיט פלייצעס און געשאַפן אַ צעפּ, אַ לעבעדיקע קייט פון שווימענ־דיקע. בעסערע שווימערס האָבן געשלעפּט די ערגערע צוזאַמען מיט די נישט־שווימערס. ער אַליין, יאַנקל, „אונדזער יאַנקל", ווי די סאָלדאַטן האָבן אים גענומען רופן, איז אויסגעוואַקסן צו אַ לעגענדע. ער איז גע־שווומען אין זיין גאַנצן אָפיצירן־מונדיר, זיך געוויזן אומעטום ווו ס'איז געווען אַ פּאַניק. ווי נאָר די דייטשע באָמבאַרדירערס זענען אַוועק פון דעם טייל טייך און האָבן מער נישט באָמבאַרדירט איז צוריק אַנטשטאַ־נען רו און זיכערקייט. די שווימענדיקע און די הונדערטער, אפשר טויזנ־טער — האָבן זיך געראַטעוועט פון זיכערן אומקום.

אויף די ליפּן פון אַ סך האָט זיך געטראָגן דאָס וואָרט „דער נס ביי דער ווייסל".

— אונדזער יאַנעק.

— און ווו איז ער? — האָבן געפרעגט מיט שטאָלץ און צופרידנ־קייט די יידישע באַלעבאַטים.

— מיר ווייסן נישט... ער איז נעלם געוואָרן. אָבער ער וועט קומען. ער וועט קומען צו אונדז.

דאָס האָט באַוויזן דער יידישער מיליטערמאַן פון אַ נידעריקן ראַנג, דער אונטערלייטענאַנט יאַנקל בראָנשטיין. קיין יידישע גענעראַלן האָט פּוילן נישט פאַרמאָגט.

צוליב מאַנגל פון מיליטער־פירערס איז נאָך צוגעקומען דער גרויסער פּאַראַט און די דיוועסיע.

דער דייטש האָט געוווסט אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אין יעדן רעגימענט, יעדן באַטאַליאָן, אין יעדער קאָמפּאַניע און גרופּע. אַז אַ סאָלדאַטן־איינ־הייט האָט באַזיצט אַנטי־טאַנק־מאַשינען, האָבן זיי די דייטשן באָמבאַר־דירט פון דער לופט, און אַז אַן אָפּטייל האָט געהאַט זעניטן, האָט מען אים דווקא אַטאַקירט פון דער ערד, מיט טאַנקען. דער דייטש האָט געהאַט אַ גענויע קענטעניש פון יעדן פראָנט־אָפּשניט, פון די וואָפן און פון די פּוילישע כוחות אויף יעדן פלאַץ. די דיווערסיע האָט, צוזאַמען מיט די אייראָפּלאַנען, געשאַפן אַ פּאַניק ביים פּוילישן מיליטער, אַ שטימונג פון אומזיכערקייט, פון אונטערגאַנג און אונטערגעהאַקט די פליגל אויך פון

די, וואָס האָבן געהאַט מוט און געפילט אַ באַדערפעניש צו פאַרטיידיקן פוילן און אָפּצוווישן פון איר פּנים די חרפּה, וואָס האָט געטראָפן דער אַר־מיי. געוואָר־ווערנדיק אַז ערגעץ־ווו באַזיצן די פּאָלאַקן מוט און באַגנעטן, האָבן די דייטשן אויף די ערטער אויסגעמיטן אַ דירעקטן קאַמף אָדער שטורעם־פּאָזיציעס מיט די טיילן.

די גרויסע פּוילישע קריג־עפּאָפּייע ווייזט אויס צו זיין ביים סוף, איידער זי האָט זיך נאָך אָנגעהויבן. אַזאַ געפיל האָבן מיר איצט אַלע געהאַט.

ביינאַכט האָט מען אָנגעהויבן זען לונעס — אָפּשיין פון גרויסע פייערן אויפן הימל.

— גאַרוואָלין ברענט! גאַרוואָלין!

— אַלץ אַרום דער וויסל ברענט!

— אַלע פּאָזיציעס ברענען, אַלע ישובים! אַלץ ברענט!

אַנטלאָפענע אין איין שרעק פון שכנותדיקן שטעטל גאַרוואָלין און איצט אָנגעקומענע קיין לאַסקאַזשעוו האָבן איבערגעגעבן מעשות, פון וועלכע ס׳האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער די האָר אויפן קאָפּ.

פרייטיק פאַרנאַכט און שבת אין דער פרי האָבן אַ פּאָר און צוואַנציק איירעאָפּלאַנען אָנגעהויבן וואַרפן באָמבעס אויף גאַרוואָלין. צוערשט אויף די מיליטערישע קאַזאַרמעס און באַלד אויך אויף די ציווילע הייזער. די שטאָט האָט אָנגעהויבן ברענען. די פּילאָטן־רוצחים האָבן אָבער אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט. פאַרקערט, זעענדיק די בהלה און די שריפה האָבן זיי גענומען נאָכיאָגן די, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די ברענענדיקע היי־זער און שיסן אויף זיי מיט מאַשין־געווער. אַ סך זענען אַנטלאָפן צוריק אין די ברענענדיקע הייזער און געפינען דעם טויט אין די פלאַמען. מו־טערס האָבן אין געלייף פאַרלוירן זייערע קינדער. קינדער האָבן זיך אָפּ־געריסן פון זייערע מוטערס. אַ שגעון ממש האָט אַרומגעכאַפּט אַ סך. דאָס מיליטער האָט ביים אָנהייב אַ ביסל זיך פאַרטיידיקט, אָבער די טויזנטער קוילן פון די דייטשע איירעאָפּלאַנען האָבן עס באַלד איינגעשטילט. ס׳האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט נאָר די, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן אונ־טער די ברענענדיקע הייזער. ביים לעבן זענען געבליבן די, ווען דאָס פייער האָט נישט געכאַפּט און די פּאַלנדיקע בעלקעס האָבן נישט צע־

קוועטשט, אָדער איינער איז געבליבן נישט דערשטיקט אין אַ קעלער אָדער געמויערטן מאַגאַזין.

— חיות, ממש ווילדע חיות! — האָבן אַ סך געפּסקנט מיט פאַר־ביטערונג.

נישט ריכטיק. אַ חיה האָט אַמאָל אַ געפיל פון רחמנות, פריינט־שאַפט, פאַרשטענדעניש. אָבער די דאָ זענען דאָך אָן יעדן געפיל. די חיות וועלן זיין באַליידיקט, אויב מע וועט זיי פאַרגלייכן צו זיי, צו די דייטשן. בעסטיעס, דאָס איז זייער נאָמען, אַזוי וועט עס פאַרבלייבן. דאָס פאָלק פון דיכטער און דענקער איז אַ פאָלק פון מערדער און הענקער, תלינים, רוצחים, בעסטיעס!

„דאָס איז צעווילדעוועטע רשעות. רציחה נאָר צוליב רציחה. דזשונגל־ווילדקייט, דער חורבן אַליין איז אַראָפּגעגאַנגען אויף דער ערד אָנצופירן מיט זיין אַרבעט" — האָט כאַראַקטעריזירט די דייטשע מלחמה־פירונג אַ שוללערער.

פוילישע שטעט און דערפער ברענען.

ווידער זענען אָנגעלאָפן אַ פּאָר פּאַלאַקן, וואָס זענען שבת פרי גע־האַט אַוועק אויפן לובלינער שאָסיי מיט דעם מיין, אַז ס'וועט זיי געלינ־גען אָנצוקומען ביז לובלין און פון דאָרט גיין ווייטער. צוויי האָבן אפילו געמיינט, אַז זיי וועלן זיך קאָנען פאַראייניקן מיט דער גרויסער אַרמיי, וואָס דער מאַרשאַל פון פוילן אָרגאַניזירט, כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד.

צוזעענדיק דעם חורבן אויפן לובלינער שאָסיי זענען זיי אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, אין אַ קליין ווילדל לעבן טראַקט, אַן אייראָפּלאַן איז זיי די גאַנצע צייט נאָכגעפלויגן. אַ דייטשער דעסאַנט האָט אונטערגעצונדן דעם וואַלד פון אַלע זייטן. די ביימער האָבן אָנגעהויבן קנאַקן און ברע־נען צעפלאַקערטע. די אַלע, וואָס זענען אַרויס פון דער שריפה, זענען רויק און קאַלטבלוטיק געוואָרן דערהרגעט, דערשאָסן.

מיר זענען געבליבן פאַרשפּאַרט, פאַרמאַכט אָן אַן אויסוועג. קיין האָ־פענונג צו לויפן ווייטער, אַוועקצופאָרן פון דער שטאָט איז נישט געווען.

די שרעק איז אַריינגעקומען אין שטעטל אַריין. דער פּחד האָט זיך געמאַכט אַ וועג אין שטאָט אַריין דורך אַלע שפּאַלטן.

יעדע גוישע פור, יעדעס וועגעלע, וואָס איז פון די דערפער אַריינ־געקומען אין שטאָט, יעדער פויער, יעדער אורחא־פּורחא, וואָס האָט זיך

באַוויזן אין שטעטל, האָט דערציילט וועגן שיסן פרידלעכע מענטשן, וועגן יאָגן זיך נאָך פּאַסטעכלעך, וועגן הרגענען אָן משפּט און אָן יושר, סתם אַזוי. און דער עיקר איז געוואַקסן די שרעק פון אַלעמען פאַר די דייטשע איירעפּלאַנען.

ווען מ׳האָט דערהערט אין שטעטל דעם זשום פון אַן איירעפּלאַן, זענען אַלע אַריינגעלאָפן אין זייערע הילצערנע פּעסטונגען, געדעקט מיט שטרוי, שינדלען אָדער בלעך, אַלץ אַלטע איינגעפאַלענע הייזקעס פון על־טער־שוואַכקייט צעשפּאָלטענע, מיט לעכער, ווי אַ זיפּ. קאָמיש איז געווען צוצוקוקן, ווי פּלוצלינג צעיאָגט זיך אַ גאַנצער ישוב פליענדיק ממש ווי אַ גאַלאָפּירנדיק פערד. די היטלען זענען פאַרשאַרצט אָן אַ זייט, די קאַפּאָ־טעס פלאָטערן אין דער לופטן, ציצית און פּיאות טאַנצן ווי דער אומרו ביים זייגער. אַלץ לויפט, יאָגט צו דערגרייכן די הילצערנע הייזקעס, כדי צו זיין זיכער פאַר אַ באָמבאַרדירונג. נאָר יחידים, גאָר גרויסע איינשטע־לערס האָבן געוואַגט אַרויסצוקוקן דורך די שפּאַרעס און קוקן אין הימל אַריין און נעמען טרעפן, וואָס פאַרע מין חוזק דאָס איז.

אַ משונהדיקן כוח האָבן פאַרמאָגט אין זיך די אַוויאָנען. יעדער איי־נער האָט געמיינט, אַז זיי פליען דירעקט איבער זיין הויז און פּונקט אויף אים וועלן זיי אַראָפּוואַרפן זייער טויט־ברענגענדיקע לאַדונג. אָפּט האָבן די פענצטער אָנגעהויבן ציטערן פונעם לופטדרוק, דעמאָלט פלעגן אַלע איינהאַלטן דעם אָטעם אין שטילער אַנגסט־שרעק, אין אַ פּאַראַליזירטער שטילקייט פון אַן איבערגעשראָקענער חיה, וואָס דערזעט דעם גרויסן שאָטן פונעם צערייסן לעמפּערט. געציטערט האָבן אַלע גלייך, יידן און פּאָלאַקן.

ווי נאָר דער איירעפּלאַן איז אַריבער האָבן מבינים אָנגעהויבן צו טרעפן, וואָסער טיפּ איז עס געווען. אַלע האָבן געזאָגט מבינות און דעות, אי די וואָס האָבן געענדיקט אַ פּאָלקשול, אי די וואָס האָבן געלערנט אין אַ ישיבה, יידן וואָס פאָרן אויף יאַרידן, קרעמערס וואָס שטייען אָפּ זייער לעבן אין די הילצערנע קליטלעך, אין די בודעס אין מאַרק, לערער און קלעזמערס, פּאָלאַקן וואָס האַנדלען מיט חזיר. אַלע, אַלע אין שטעטל האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב און באַוויזן פון מענערישקייט און מענט־רישן שכל צו באַזיצן די גענויע קענטעניש פון מלחמה און מלחמה־כלי־זין. דער עיקר אויף באָמבאַרדירער זענען זיי געווען ספּעציעלע זאַכקענערס.

עמעצער האָט זיך נאָך געפּרוּווט אַמאָל אָמפּערן און באַוויזן מיט ביידע גראָבע פינגער, אַז דאָס איז אַ פּוילישער באָמבאַרדירער, אָבער געוווסט האָט מען, אַז ס'איז אַ דייטשער אייראָפּלאַן. דאָס גרויליקע קאַטשען פון אייזערנע פוסטע פעסער אין דער לופטן, הויך איבערן קאָפּ, האָט מודיע געווען: אַן אייראָפּלאַן פליט־אַן אין די הימלען פון פּוילן. אין גאַנץ פּוילן האָט באַלד פון ערשטן טאָג פון דער מלחמה איבערגענומען די ממשלה דער דייטשער פּילאָט, דער דייטשער מעסערשמידט, דער יעגער־אַוויאָן, די שווערע און לייכטע באָמבאַרדירערס. איצט, צען טעג נאָכן מלחמה־אָנהייב איז דער דייטש געוואָרן דער מאָנאַרך, דער אַליין־הערשער אין פּוילנס הימלען.

אַלע אַנדערע פּרוּוון צו אַנטלויפן פון לאַסקאַזשעוו און אַריבער קיין לובלין בכדי פון דאָרט זיך לאָזן ווייטער אין וועג — האָבן זיך נישט איינגעגעבן. דער שאָסיי קיין לובלין איז געוואָרן דער שרעקלעכער בלוט־שאָסיי פון דער וועלט־מלחמה. ערטערווייז ממש צונטער רויט פון בלוט. די בערג טויטע קערפּערס געמישט מיט פערדישע פּגרים, מאַשינטיילן, וועגענער, פּעק — זענען געווען פּשוט נישט אַריבערצושפּאַנען. נישט נאָר דער הויפּט־טראַקט, נאָר אַלע אַרומיקע און זייטיקע וועגן, די פּוילישע פעלדוועגן און סטעזשקעס, אַלץ איז געווען אַריינגענומען אין ציל פון דער דייטשער באָמבאַרדירונג און שיסערײַ.

מיליטערישע וואָגנס פלעגן נאָך אַמאָל פון צייט־צו־צייט פליען ווי ווילדע, פּרוּוונדיק זיך דורכרייסן דורכן שונאס פייער. זיי פלעגן אָנשטעלן מאַשין־געווער אויפן דאַך, שיסן אַן אויפהער, וועלנדיק פּאַריאָגן דעם דייטשן באָמבאַרדירער, ווען ס'פלעגט שוין איין מאַשין אָדער אַ צווייטער זיך איינגעבן אַריבערפליען אַ פּאָר קילאָמעטער — האָט זי זיך צום סוף געמוזט פאַרהאַלטן, זיך פאַרהאַקן ביי די בערג טויטע און פאַרווונדיקטע, אָנגעוואַלגערטע מאָטאָציקלען, ברענענדיקע קלעצער, קופערטלעך, קליידער, פעסער אוןביימער, קינדער־וועגעלעך, וואַליזקעס, פערד, בהמות, וואָס האָבן פאַרטאָמעוועט דעם וועג. זיי פלעגן אַראָפּגיין און פּרוּוון אָוועקשאַרן, אָוועקרוקן די לעבעדיקע באַריקאַדע, אַ באַריקאַדע פון פּוילישע בירגער קעגן פּוילישע בירגער, געשאַפן קעגן דעם ווילן פון ביידע אָבער לויטן ווילן פון שונא. דאָס האָט דער שונא געוואָלט, דאָ האָט ער זיין ציל

דערגרייכט, די צעטיילונג פון דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט גלייכצייטיק צעמישט און צעשטערט די אייגענע אַרמיי.

פלעג אַ מיליטערישער געפאַנצערטער אויטאָ, וואָס האָט זיך שוין דורכגעשלאָגן צענדליקער קילאָמעטער, אָנקומען ביי אַזאַ לעבעדיקער באַריערע, האָבן די סאָלדאַטן און אָפיצירן פון אינעווייניק געמוזט אַראָפּגיין, פּרווון אָוועקשאַרן די שטערונג. זענען אָפט געווען לעבעדיקע אָדער פאַרווונדיקטע אייגענע בירגער. האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן זיי גאָר אַריינגעמען אין געפאַנצערטן אויטאָ. אַלע הויכע מיליטערישע סטראַטעגיש־טאַקטישע אויפקלערונגען פון די פוילישע אָפיצירן האָבן זיך צעשלאָגן ביי אַ געוויין פון פרויען, מאַמעס, פאַרחלשטע קינדער, יונגע, עלטערן, דראָונגען און קלעפּ פון מענער. דעמאָלט האָט זיך אַריינגעמישט דער דייטש פון אויבן און מיט באָמבעס און מאַשין־געווער געזייט טויט און חורבן צווישן די ציווילע און מיליטער־לייט אינאיינעם.

מיר האָבן געפלאַנט זיך אַרויסצולאָזן ביינאַכט אויפן שאָסיי אָבער די צוריקגעקומענע לאַסקאַזשעווער האָבן אונדז געוואָרנט און געסטראַשעט. אויפן שאָסיי איז אַ זיכערער טויט, דאָ אין שטעטל איז נאָר אַ מעגלעכער. און אפשר וועט מען בשלום איבערקומען, אָפּקומען בלויז מיט שרעק.

—ברי ושמא בריא עדיף" — האָבן מיר געוואָלט איינרעדן זיך און אונדזערע פרויען און אויסטייטשן די סיבה פון אונדזער בלייבן דאָ, אין לאַסקאַזשעוו. אַ מענטש איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיין לעבן, עס געהער נישט צו אים, נאָר צום באַשעפער, צו דער משפחה, צום פאָלק. ער טאָר דעריבער אַליין נישט דעצידירן און איינשטעלן זיין קיום, נאָך דערצו, ווען ער איז זיכער, אַז דאָרט לאָקערט אויף אים דער טויט און דאָ וואַרט ער אויף אים בלויז.

פנינה, וואָס האָט געהאַט אַ ריכטיקן פרויען־אינסטינקט און היפּעראַנטוויקלט מוטער־געפיל — האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט אויסטייטשונגען און האָט פאַרלאַנגט מע זאָל אַנטלויפן.

לאַסקאַזשעוו איז נאָענט צו וואַרשע. דער דייטש וועט זיך אָפּפאַרטיקן מיט וואַרשע, וועט ער קומען ענדיקן מיט דער סביבה... דאָרט אין דרום, אין איר אַלטער היים, נאָענט פון די עלטערן, פריינד און יוגנטחברים, וועט זיין לייכטער איבערצוהאַלטן די צרות, אויב זיי וועלן קו־

מען. ס׳איז אָבער מער ווי זיכער, אַז אַהינצו וועט דער דייטש נישט קו־מען — איז געווען איר אַרגומענטירן.

— דו ביסט גערעכט, גיב־זשע אַן עצה ווי אַזוי קומט מען אַהין.

קיין באַנען גייען נישט, קיינער וויל נישט פאָרן מיט אונדז, נישט מיט קיין אויטאָ, נישט מיט קיין פערד־און־וועגעלע. דער וועג איז איין שטיק פייער. מע ווערט דאָרט לעבעדיקערהייט פאַרברענט. קאָן מען לויפן צופוס? — האָט מען צוריק אַרגומענטירט.

— אַז מע קאָן נישט — מוז מען. מע וועט זיך באַהאַלטן אין וועל־דער און פעלדער, מע וועט גיין נאָר בייַנאַכט, זיך רוקן ווייט פון טראַקט און מע וועט דערגיין.

— הונדערטער קילאָמעטער וועט מען גיין, נעכטיקן אין וועלדער, פעלדער... דעם ערשטן טאָג באַלד וועט מען דאָך נישט איבערלעבן. גע־דענקסט דאָך דעם פרייטיק, ווען מיר זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון טראַקט. דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ פערד־און־וואָגן און ס׳איז גע־ווען דער אָנהייב. היינט ווערט מיט יעדן טאָג ערגער. די דיווערסיע וואַקסט, דער פּאַראַט איז גרויס. מע לאָזט שוין היינט קיינעם נישט אדורך.

אונטערן דרוק פון פנינה האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָפּצוטיילן פון ד״ר אַלטער און פּרוּוון גיין קיין לובלין. די צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט שבת פון דער אַנטלויפנדיקער אַרמיי, זענען געווען גרייט מיטצוגיין מיט אונדז, ווי נאָר די צעקאַלעטשעטע פאַרווונדיקטע פיס וועלן זיך ביי זיי אַ ביסל פאַרהיילן. אויך דוד ווייַנציגער האָט מסכים געווען צו גיין מיט אונדז.

ד״ר אַלטער און די שטעטלדיקע תושבים האָבן אונדז געבעטן אי־בערוואַרטן ביז נאָך ראש־השנה. ד״ר אַלטער האָט געזאָגט, אַז ער פאַר־שטייט און גלייבט, אַז עפּעס וועט געשען ראש־השנה און דאָס וועט ענ־דערן אין גאַנצן אונדזערע פּלענער.

מיטוואָך, דעם 13טן סעפּטעמבער, פאַר ראש־השנה, האָט זיך דאָס שטעטל שוין געגרייט אויפצונעמען דעם הייליקן יום־טוב. מ׳האָט געבאַקן חלות און קוכנס, געקוילעט עופות, אָנגעגרייט פליש, איינגעקויפט פיש, וואָס די גויים האָבן ממש מיט סכנות־נפשות צוגעשטעלט אין שטעטל אַריין. מ׳האָט נישט פאַרגעסן אויך זיך צו באַזאָרגן מיט די געהעריקע פּרוכטן, צו קאָנען מאַכן די ברכה „לראש ולא לזנב״, מיר זאָלן ווערן דער־

הויבן און נישט דערנידעריקט. מ׳האָט געעפנט אַלע געשעפטן און מ׳איז געשטאַנען הינטער די טישן און ביי די סטראַגאַנעס און פאַרקויפט. ייִדן און פּאָלאַקן האָבן געקויפט, געהאַנדלט. ייִדישע סוחרים האָבן מיט גע־ניטע אויגן געמאָסטן און געוויגן אין געדאַנק דעם ווערט פון זייער סחורה. מ׳האָט געפּרוווט טרעפן ווי לאַנג די מלחמה וועט דויערן און אויסקאַלקולירן, ס׳זאָל קלעקן ביזן סוף פאַר אים, פאַר דער משפחה און פאַר נאָענטע.

אין שטאָט האָט זיך באַוויזן מיט אַ מיליטערישן מאַרש אַ גרופּע פּוילישע סאָלדאַטן מיט אַ יונגן אָפיציר אין דער שפּיץ און געבליבן שטיין אין מיטן מאַרק.

אַ מאָדנע געפיל האָט זיך דערוועקט אין די הערצער פון די איינוווי־נער: פּוילישע סאָלדאַטן אין פולן סטראָי, אוניפאָרמירט, באַוואָפנט. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט.

— הייסט עס, אַז מ׳איז נישט מער פאַרלאָזט. זיי וועלן אונדז דאָ שוין שיצן. פּוילן איז נישט הפקר, לאַסקאַזשעוו איז מער שוין נישט הפקר. מע קלערט וועגן אונדז. אית דין ואית דיין — האָבן געטענהט ייִדן סוחרים.

— הייסט עס — האָבן אויסגעטייטשט אַנדערע — אַז דאָ וועט נאָך זיין גאָר פריילעך. זאָל איצט פּרווון אַריינקומען דער דייטש, וועט ער טרעפן אַ ווידערשטאַנד, מע וועט מיט אים פירן מלחמה — און דווקא אין לאַסקאַזשעוו.

— נאַראָנים, — האָט זיך אָנגערופן דער רויטער ברוך, אַ געוועזע־נער סאָלדאַט וואָס האָט געדינט צוויי יאָר און געוואָרן קאַפּראַל, — די דאָ זענען נאָר אַן אַוואַנגאַרד. די הויפּלייטונג האָט איינגעפינען, אַז דאָ איז אַ סטראַטעגישער פּונקט, זי וועט אים שוין נישט פאַרלאָזן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד איינקוואַרטירט אין אַ פּאָר שטובן אין די זייטיקע גאַסן פון מאַרק. דער אָפיציר איז געגאַנגען צום גלח אין דער פּאַראָפיע און דאָרט זיך איינגעאָרדנט.

ווי אויף אַ באַפעל איז פּלוצים אַלץ פאַרשוווּנדן פון די פּאָליצעס — סחורות, עסנוואַרג, מעל, פלייש, אַפילו חלות און ברויט. פון מאַרק איז אויך נעלם געוואָרן דאָס גאַנצע גרינוואַרג.

אַ סך פון די אָרעמע שיכטן און פּאָלאַקן, וואָס זענען געקומען פון די ווייטערע געסלעך אין מאַרק אַריין איינקויפן — האָבן שוין כמעט גאָר־

גישט געטראָפן. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען אין מאַרק. מ'האָט שוין געהערט אויסגעשרייען וועגן „אייגענער דיוועסיע", אַ וואָרט וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער מלחמה־לאָגיק און האָט געגעבן אַ תשובה אויף אַ סך גישט־פאַרשטענדלעכע געשעענישן. מ'האָט שוין אַפילו געזען אויפהאַקן די יאַטקעס און די שפּייזגעשעפטן וואָס מ'האָט פאַר־מאַכט.

דאָנערשטיק, ערב ראש־השנה, דעם 14טן סעפּטעמבער, האָט שוין דאָס שטעטל איבערגעלעבט דעם ערשטן ווירטשאַפטלעכן קריזיס־טאָג. די געשעפטן זענען געווען כמעט ווי פאַרמאַכט, מ'עפנט נאָר הינטערטירלעך און מע פאַרקויפט נאָר אויף טויש. מע טוישט קליידער, שיך פאַר שפּייז, כ־אר פלייש און פאַרקערט. די פרייזן זענען געוואַלטיק געשטיגן. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קליטלעך, קיין קראָמען, קיין יאַטקעס, קיין בע־קעריי, קיין בודקעס — האָבן נישט געהאַט וואָס און מיט וואָס צו טוישן. זיי זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע, זוכנדיק אַ פּראָדוקט, אַ חלה, אַ הינדל, אַ ביסל משקה, אַ פרוכט, צו האָבן מיט וואָס אויפצונעמען דעם יום־טוב ווי עס דאַרף צו זיין.

מיר האָבן נישט אָנגענומען די איינלאַדונג פון אונדזערע ידידים צו עסן יום־טוב ביי זיי און האָבן באַשלאָסן זיך צו זעצן, אין אונדזער צי־מערל ווו מיר האָבן איצט געוווינט, צו אונדזער אייגענעם טיש.

צוויי אָנגעזעענע, אפשר די חשובסטע באַלעבאַטים פון שטעטל, דוד זעמאַן, דער זון פון אָטוואָצקער רב, אַ סוחר, אַ גביר און זיין שוואָגער לערנער, האָבן נישט געלאָזט שטיין אונדזערע פרויען אין אָטשערעד, כאָטש מ'איז שוין גאַנץ געשמאַק געשטאַנען אין דער ריי נאָך חלות, ברויט, פלייש, — האָבן זיי אַוועקגעשטעלט זייערע פרויען און פאַרזאָרגט אונדז מיט אַלעם, וואָס דער יום־טוב פאַרלאַנגט, אַפילו אַ פרוכט אויף איינצו־טונקען אין האָניק.

פרייטיק, דעם 15טן סעפּטעמבער, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, איז ווי פון הינטערוויילעכץ אָנגעקומען די גרויסע כמאַרע, דער אָנזאָג פון חורבן אויף לאָסקאַזשעוו.

ווי יעדן טאָג איז אויך דאָס מאָל אַ זייגער עלף אין דער פרי דורכ־געפלויגן דער דייטשער אייראָפּלאַן, צו זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. פלוצים האָט זיך דערהערט אַ שאָס, איין איינציקער ביקסנשאָס. אַלע זע־

נען געוואָרן אויפגעציטערט. לויטן זשומען, ווי מיליאָנען בינען וואָלטן געבזיקעט אין דער לופטן, איז עס געווען אַ יעגער־אייראָפּלאַן. דאָס האָט אַ פּוילישער סאָלדאַט, פון די וואָס זענען נעכטען אָנגעקומען, אויסגע־שאָסן אין דער לופטן. פונעם קלויסטער־טורעם האָט ער געשאָסן.

דער דייטשער אייראָפּלאַן האָט זיך אויסגעדרייט, נאָך אַמאָל אַרומ־געקרייזט אַרום דער שטאָט און אין איילעניש אַוועקגעפלויגן.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס שלעכטס, אַז די קליינע ביקסנקויל קאָן דעם שטאָלענעם פויגל גאָרנישט טון. אויך דער אָפיציר און די סאָלדאַטן ווייסן דאָס. ס׳איז געווען אַן אַרויספאָדע־רונג צום קאַמף.

דער אייראָפּלאַן האָט געענטפערט, ערשטנס אַז ער לאַכט פון דעם כוח, צווייטנס איז ער נאָך אַמאָל געפלויגן איבער דער שטאָט, ווי אַ מלמד וואָס ווייזט מיטן פינגער, זאָגט־אָן און טייטלט...

אַ שרעק איז געפאַלן אויף אַ סך. איצט האָבן שוין מערערע געוואָלט אַנטלויפן. נאָר וווהין? אַלע וועגן זענען פאַרהאַקט מיט פייער און בלוט. אַרום ברענט. דו וועִרסט פאַרברענט און קאָנסט דיך אַפילו נישט ראַ־טעווען.

מע וואָרפט זיך ווי אַ לייב אין שטייג. דו זעסט די סכנה, פאַר־שטייסט זי און קאָנסט זיך נישט העלפן.

פנינה און ד״ר אַלטער האָבן אויסגעבראָכן ביידע אין אַ געוויין. ביי־דע האָבן נישט דורכגעפירט זייערס. דער גורל פון די קינדער — אונדזער גאַנץ פאַרמעגן און אפשר דאָס איינציקע — האָט אונדז אַזוי צוגעזעצט, אַז זיי האָבן געפילט אַ וואָרגעניש אין האַלדז.

מיר, ביידע מענער, זענען געשטאַנען אין הויף, לעבן אונדזער צי־מערל. מיר האָבן נישט געקוקט איינער אויפן צווייטן. זיין אַ טאַטע הייסט — זיין אַ מענטש, וואָס איז לויט די געזעצן פון דער נאַטור, פון גאָט, פון דער געזעלשאַפט, פון דער מאָראַל, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע קינדער. נאָך דערצו אַ ייִדישער טאַטע, וואָס פילט אויך אַן אינערלעכע אחריות פון אייביקייט און המשך, ווייטער צו ציִען די גאָלדענע קייט ייִדישע דורות; צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קינדס לעבן און גורל, — צו זען די סכנה, די שוואַרצע חיה וואָס לאָקערט טייוולאָניש־רוצחיש ביים קינדס בעטל. איז ווי קאָן אַ טאַטע זיין גלייכגילטיק, רויִק און שווייגן אין אַנבליק פון

טויטגעפאַר אויף טריט און שריט? שטיין פאַרשטיינערט און גאָרנישט קאָנען טון? דאָס האָט דאַנטע נישט אויסגעקלערט. איוב איז דערמיט נישט געשטראָפט געוואָרן. דאָס שטייגט איבער דעם צער פון חיבוט־הקבר, פון קלאַפּן זיך און וואַרפן זיך אין קבר, פון טולטול מחילות; פון געשליידערט צו ווערן פון איין עק וועלט צום צווייטן; ערגער ווי אַראָפּגעשטירצט צו ווערן פון אַלע וועלטן און הימלען צוזאַמען.

שטייען מיר ביידע, פאַרגליווערט און פאַרשוואַרצט. דאָס האַרץ וואַרפט זיך אַזוי, אַז מע מוז עס פשוט צוהאַלטן, ס׳זאָל נישט צעזעצט ווערן.

— איצט מוז מען אַנטלויפן. דאָ וועט זיין שרעקלעך — האָט זיך אַלטער געגעבן אַ ריס פון אָרט.

— און דאָרט, און אומעטום? — האָבן געענטפערט אַלע צו וועלכע ער האָט זיך געווענדט.

— וווהין? ווי אַזוי? די ייִדישע גורל־פראַגע, וואָס באַגלייט אונדז פון וויגעלע ביזן סוף, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אונדז שטאַרצעם און פייניקט ווי מיט אייזערנע שטאַנגען צעגליט אין העליש פייער.

ס׳זענען אַוועק אַ פּאָר שעה, אין רו און שטילקייט.

— דער דייטש לאַכט זיך אויס פון דעם נאַרישן שאָס — האָבן ייִדן געטענהט, אַוועקמאַכנדיק די גאַנצע מעשה מיט דער האַנט. ייִדן האָבן זיך געגרייט צו צוויי גרויסע אויפגאַבעס, צו תשליך און מקבל צו זיין דעם שבת, שבת ראש־השנה.

אויך אין אונדזער צימערל האָט מען זיך געגרייט מקבל־פּנים זיין דעם צווילינג.

די פרויען האָבן אונדז נישט געוואָלט דערלויבן צו גיין דאַווענען. עפּעס זענען זיי געווען אומרויִק, נישט אויפגענומען די אַלגעמיינע באַרויִקונג־ווערטער, כאָטש אַלע שכנים האָבן דעריך יאָ געגלייבט.

פונקט האָבן מיר מענער זיך צעזונגען מיט אונדזערע צוויי באַסאָווע שטימען, דעם אייביקן רעפריין פון אַלטן קבלהשן דועט צווישן די ייִדן און דעם שבת, דעם באַרימטן „לכה דודי״ און מע דערהערט אַ שאָס.

כמעט דירעקט אין צימערל אַריין.

מיר זענען באַלד געפאַלן צו דער ערד, איבערגעשראָקענע: — עס הייבט זיך אָן!

— האי מאן דמבעית...

באַלד האָט אָנגעהויבן אַ געדיכטע שיסעריי פון אַזוי נאָענט, אַז אַלע זענען געווען זיכער, אַז פונקט אונדזער צימער איז דער ציל פון אַלע קוילן פון דער שיסעריי.

מיר האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער פאַרשלאָסענער טיר, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער צימערל פונעם צימער פון דער באַלעבאָסטע, אָן אַל־טע פאָלקע, ביי וועמען מיר האָבן איצט געוווינט.

אָבער די אַלטע האָט נישט געוואָלט עפענען, אַפילו נישט פאַר די קינדער. מיר האָבן זיך אַרומגעוויקלט מיט קישנס, קאָצן, מלבושים, גע־לעגן אויף דער ערד און געוואַרט.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס זענען נישט קיין באָמבעס, נאָר שיסעריי פון ביקסן און מאַשין־געווער. און דאָ נאָענט אין די שכנותדיקע געסלעך.

— צווישן ייִדן... לאָמיר זיין צווישן ייִדן. אויב ס׳דאַרף חלילה עפּעס געשען זאָלן מיר נישט זיין אָן ייִדן — האָט געשעפּטשעט ד״ר אַלטער.

איבערוואַרטנדיק אַ מאָמענט, ווען די שיסעריי האָט אַזוי ווי אויפ־געהערט, האָבן מיר געגעבן אַ כאַפּ די קינדער, איינגעוויקלטע אין קישנס און אַריינגעלאָפן אין דער שטוב פון די פיינשניידערס, וואָס האָט זיך גע־פינען אויף דער זעלבער גאַס.

די פיינשניידערס האָבן פונקט געעפנט די טיר פאַר זייערע קרובים, וואָס זענען געלאָפן פון זייערע הילצערנע שטיבלעך אַהער צו, צו דער הייזקע פון די פיינשניידערס, די עלטערן פונעם תחכמוני־תלמיד. די הייז־קע איז אויך געווען פון ליימענע ציגל און פון האָלץ, זי האָט אָבער גע־האַט אַ בלעכענעם דאַך.

אין דער הייזקע איז שוין געלעגן אַ מנין ייִדן אויף דער ערד. מ׳האָט זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט און געשעפּטשעט תפילות. די פרויען — תחינות פון „צאינה וראינה״, די מענער — ווער אַ קאַפּיטל תהילים, ווער אַ שטיק פונעם דאַווענען. די פרויען האָבן אָנגעהויבן וויינען „גאָט פון אברהם״, דערנאָך „שמע ישראל״ און „מודה אני״. די מענער האָבן געגומען ענדיקן מעריב וואָס מ׳האָט זיי איבערגעשלאָגן אין מיטן, ווען די שיסעריי האָט זיך אָנגעהויבן. נאָך יעדן שאָס אָדער סעריע פון שאָסן האָבן זיך אַלע, מענער ווי פרויען, געגעבן אַ דריק צו צו דער ערד מיט אַ

געשריי: „גאָטעניו, האָב רחמנות האַרציקער פאָטער, זיי זיך מרחם אויף אונדז"... און ווייטער געדאַוונט.

אונדזערע משפחות זענען אַריין אין קיך אַריין, זיך דאָרט פאַרגראָבן צווישן אויוון, קיך און אַ גרויס באַנקבעטל.

— דאַוון, בעט — האָט פנינה מיך געטרייסלט פאַרן אַקסל — בעט פאַר דער קליינער, בעט פאַר אונדז אַלע...

דער באַלעבאָס, ראובן פיינשניידער, אַ קליין פעסט ייִדל, כמעט אַן מורא, איז געלעגן לעבן פענצטער, זיך אונטערגעהויבן און אַרויסגעקוקט און אַלע מאָל אַריינגעוואָרפן אין שטוב אַריין אַ „שאַ!" „שאַ דאָרט!" נאָך יעדער הפסקה האָט ער געפּסקנט: — „שוין געענדיקט, ברוך־השם, אַריבער". און ווי ס'האָט אָנגעהויבן אויף ס'ניי האָט ער זיך איינגעבויגן און ווידער געגעבן אַ וואָרף אין חלל אַריין „שאַ!", וואָס האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט.

אויפן טיש האָבן געברענט די שבת־ליכט. כאָטש עטלעכע האָבן געטענהט, אַז ס'קאָן דינען דעם שונא פאַר אַ ציל, הגם די פענצטער זענען פאַרטונקלט, האָט דער רוב נישט דערלויבט מע זאָל זיי פאַרלעשן.

פלוצלינג זענען די שאָסן געוואָרן געדיכטער, נענטער און אָפּגעהילכט מעכטיקער ווי פון אַן אַנדערן און שטאַרקערן כלי־זין. יעדער שאָס האָט געמאַכט שאָקלען די דינע ווענטלעך, פענצטער און טירן און אָפּגעהילכט אין די הערצער מיט אַ פאַרדומפּענעם, שווערן ציטער.

באַלד האָט מען געהערט דאָס קלינגענדיקע געררייבעריי פון קייטן, פון טאַנקענקייטן. די טאַנקען זענען געבליבן שטיין אין מאַרק, אַ צוואַנציק־דרייסיק מעטער פון אונדזער געסל. זיי האָבן געשאָסן אויף עפּעס אַ ציל מיט עקשנות און גענויער פּינקטלעכקייט.

דאָ האָט מען געהערט ווי די טאַנקען רירן און ס'האָט אַ ריר געטון דאָס האַרץ פון אָרט, אפשר רוקן זיי זיך צו נענטער אַהערצו. נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אַלץ אַרום צעשטערט. דאָס בלוט איז ממש פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק ביי אַלעמען.

מיר האָבן געהערט ווי די טאַנקען האָבן זיך דערווייטערט פון מאַרק און ווידער אָנגעהויבן שיסן. פון צייט־צו־צייט האָט מען אויך געהערט אַ פּאָר פאַראיינצלטע ביקסנשאָסן.

— דאָס שיסן די פּוילישע סאָלדאַטן — האָבן געזאָגט אַ פּאָר מבינים.

— זיי האָבן געבראַכט דאָס גאַנצע אומגליק...

עפּעס האָט די שיסעריי אויפגעהערט. דער באַלעבאָס האָט באַשלאָסן אַרויפצוגיין אויפן בוידעם און כאַפּן אַ קוק אויף דער וועלט, כדי צו וויסן, וואָס צו טון. אַלע תחנונים און סברות האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט זיך נאָך מער פאַרעקשנט.

איך בין מיטגעקראָכן צוזאַמען מיט אים דורכן לייטערל אין קיך.

מיר האָבן אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַ שטילקייט ווי פאַר אַ שטור־רעם„ אַלץ איז שוואַרץ. פון יעדן קוימען זעצט אַן אימהדיקער רויך. פון יעדן הויז און בוים שלאָגט מיט פאַרניכטונג.

ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ האָט אָנגעהויבן צו זעצן מיט שווערע קוילן, מיט אַזאַ כוח, אַז דאָס פריערדיקע איז געווען ווי בלויז אַ פאַרשפּיל.

מיט אַמאָל אַ דריי פון די טאַנקען און די קוילן פליִען דירעקט אין געסל אַריין. מ׳הערט אַפילו זייער פייפן און וואָיען, איידער זיי טרעפן אָן אויף עפּעס און צערייסן עס. די טאַנקען זענען געשטאַנען אויפן גאַרוואָ־לינער וועג מיט די לופעס אויסגעדרייט צום געסל.

אַלע ווי איינער האָבן זיך געגעבן אַ רייס אויף און גענומען אַריינ־קריכן אין קיך אַריין. די באַלעבאָסטע מיט אירע קינדער האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אונדזערע משפחות, די אַנדערע האָבן זיי געשטופּט ווו ס׳האָט זיך געלאָזט, אונטערן באַנקבעטל, זיך איינגעקאָרטשעט לעבן אויוון. מ׳איז אַריינגעקראָכן כמעט אין קליינעם קיכקרעדענצל אַריין.

דאַן האָט געגעבן אַזאַ שטאַרקן קראַך, אַז אויף אַ רגע זענען די אויערן ממש פאַרטויבט געוואָרן. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז די לעצטע מינוט האָט אויסגעשלאָגן. באַלד קומען נאָך דריי אַזעלכע שאָסן.

איין שאָס האָט געטראָפן אין פונדאַמענט פון הויז. מ׳האָט געהערט שפּליטערס פליִען אין אַלע זייטן און די דרויסנדיקע טרעפּ האָבן זיך ווי איינגעבראָכן.

איצט האָט די שרעק און פּאַניק דערגרייכט איר קולמינאַציע.

— אַנטלויפן! אַנטלויפן! אַרויס!

— וווהין? אין דרויסן לאָקערט דאָך דער זיכערער טויט! וווהין?

פיינשניידער, דער באַלעבאָס, איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אַריין אין ערשטן צימער, אויפגעעפנט אַ קעלער־טירל און אָנגעוויזן מיטן פינ־גער:

— דאָ, אַהער! דאָ...

דאָס קעלערל איז געווען צו קליין אויף אַריינצונעמען אַזוי פיל עולם.

—די קינדער אַהינצו! די קינדער!

האָט מען אַריינגעשטופּט אַלע איבערגעשראָקענע, פאַרשלאָפענע, מי־דע קינדער אין קעלער אַריין.

מ׳האָט נישט געזען, אַז דאָס קעלערל איז צו קליין, צו דושנע. ס׳איז נאָענט פון דער טיר, פון דער דרויסן־טיר און נאָענט צום יסוד, וואָס איז איצט געטראָפן געוואָרן. דאָס געפיל און דער פּחד האָבן פאַרלאַנגט מעשים. כדי דער מענטש זאָל נישט אויפפּלאַצן פון דער אָנגעזאַמלטער שפּאַנונג — האָט מען אַלע קינדער אַריינגעשטופּט אינעווייניק.

דער עולם האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. איצט וואָס ס׳וועט זיין — וועט זיין. דער עיקר — די קינדער זענען באַוואָרנט.

עמעץ האָט איצט פאַרלאָשן דאָס צאַנקענדיקע ליכטל פונעם שבת־לייכטער. קיינער האָט שוין מער נישט פּראָטעסטירט.

אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט. די מאַמעס האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום דעם קעלער, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַרקן מיט זייע־רע קערפּערס און הייסע הערצער דאָס דינטשינקע קעלערטירל. די מענער זענען געלעגן אַרום זיי.

— ווידוי זאָגט, יידן, זאָגט ווידוי — האָט זיך דערהערט דאָס היי־זעריקע פעסטע קול פון באַלעבאָסעס שווער. איידער עמעצער נאָך האָט געהאַט צייט צו פּראָטעסטירן, אָדער מסכים צו זיין, האָט מען שוין גע־הערט שעפּטשען:

— אשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו דופי...

אונטערן האָגל פון קוילן פון די דייטשע טאַנקען, ביים צעשטערטן הויז־פונדאַמענט, לעבן איינגעפאַלענע טרעפּ, אַרום אַ קעלער מיט ציטערנ־דיקע קינדער און וויינענדיקע, קלאָגנדיקע מאַמעס, האָט זיך געהערט דאָס רויִקע, צילבאַוווּסטע, אייביק־זיכערע, אויסגעפּרוווטע יידישע שעפּטשן:

— יעצנו רע, כזבנו, לצנו...

— אוי, אוי, טאַטעניו, עווינו, פשענו...

דאָס ווידוי־זאָגן האָט זיך געענדיקט. נאָך אַ שטיקל צייט האָט דאָס שיסן אויפגעהערט.

איבער דריי שעה. דער באַלעבאָס האָט אויפגעעפנט פאַמעלעך די טיר און אַרויס אין גאַס.

אויך אַנדערע זענען אַרויס אין גאַס.

— דריי דייטשע טאַנקען האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אין מאַרק, פונקט אַקעגן דער דירה פון די זעמאַנס און האָבן געהאַלטן אין איין זעצן — האָט דערציילט איינער — טאַנקען ווי עוג מלך הבשן.

— טאַנקען דווקא מיטעלע — האָט געמיינט אַן אַנדערער — מ׳האָט שוין געזען גרעסערע.

— טאַנקען קליינינקע זענען דאָס געווען, די דייטשן האָבן אַזעלכע. זיי זענען גאָר געפערלעך.

אַזוי ווי קיינער פון די דריי האָט די טאַנקען נישט געזען, ווייל די דריי זענען געלעגן באַהאַלטן דערשראָקענע גלייך ווי מיר אַלע, האָט מען נישט געקאָנט פעסטשטעלן, וואָס פאַרע טאַנקען דאָס זענען געווען.

איינס איז געווען זיכער. די טאַנקען האָבן געשאָסן פון קליינע טאַנק־האַרמאַטלעך אויפן הויז פון די זעמאַנס, פון שוחט. דאָס הויז איז אין מאַרק, איינס פון די ערשטע. דאָס הויז איז זייער אַ שטאַרקס. עס שטייט נאָך פון גאָר אַלטע צייטן, אפשר געהערט אַמאָל צו אַ פּוילישן שלאַכ־טשיץ. די קוילן האָבן געזעצט אַן אויפהער, אַ טייל האָט דורכגעזעצט די אייזערנע טיר, וואָס מ׳האָט באַוויזן צו פאַרמאַכן שוין אין דער לעצטער מינוט. די קוילן זענען אַריין אין שטוב אַריין, אפילו אַ וואַנט כמעט איינ־געלייגט, אָבער קיין מענטשן נישט געשאַדט. אַ פּאָר פּרויען האָבן גע־חלשט, צוליב דער כסדרדיקער שיסעריי האָט מען נישט געקאָנט צוקומען צום וואַסער. מ׳האָט זיי געראַטעוועט מיטן אַלטן מיטל פון איינרייבן די שלייפן.

די זעמאַנס האָבן מיר איבערגעגעבן געגעוי ווי ס׳איז געווען. מ׳האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען. גראָד איז געווען אַ מניןביים שוחט, ביי די זעמאַנס, ווי געוויינלעך אין די יום־טובים. פונקט ביי ״שמע־ישראל״ פון מעריב־דאַווענען, האָבן זיי דערזען די שרעקלעכע טאַנקען מיט די לו־פעס אויסגעדרייט צום הויז. די הויז־מענטשן זענען צוגעשפרונגען פאַר־מאַכן די שווערע אייזערנע טיר און די מתפללים זענען אַרויס דורך דער הינטערשטער טיר. נישט אַלע, אַ טייל איז געבליבן און האָט מיטגעמאַכט די גאַנצע אַטאַקע פון די טאַנקען אויפן הויז.

יעדער ניי־צוגעקומענער, ציטערנדיק פון באַגינען־קעלט און פון דער ערשט־נישט־לאַנג־איבערגעלעבטער שרעק, האָט גענוי אויפגעקלערט, ווי אַזוי ער האָט דורכגעהאַלטן די שיסעריי, ווו ער האָט באַהאַלטן די פרוי און די קינדער, ווי אַזוי ער האָט געווּסט וווהין מע שיסט אין זיין גאַס אַריין, ווי אַזוי ער איז דער ערשטער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס נאָכן שיסן.

— די פוילישע סאָלדאַטן האָבן אויך געשאָסן — האָבן פעסטגעשטעלט עטלעכע.

— מישטיינס געזאָגט וואָס זיי קאָנען שוין שיסן. זיי האָבן נעבעך געוואָלט, זיי האָבן אַ גוטן ווילן. אָבער וואָס קאָנען זיי אויפטון, אַז קיין געווער האָבן זיי נישט, קיין אַמוניציע, נישט קיין פלאַן, נישט קיין פירער. בלויז אַ פּאָר ביקסלעך און איין אָפיציר, אַ לייטענאַנט.

— ווער האָט זיי געשיקט? — האָבן אַ סך געוואָלט וויסן.

— צי האָבן זיי עפּעס דערמיט אַ מיין אָפּצוציִען דעם דייטש, אפשר אָפּציִען זיינע כוחות פון וואַרשע? — האָבן מיר געפּרוווט זאָגן אונדזער וואָרט.

— ניין, ניין! — האָבן געשריגן אַנדערע — דאָס איז אָן אַ קאָפּ. יעדער טוט וואָס ער וויל. דער אָפיציר איז אַ פּאַטריאָט, דאָס האַרץ טוט אים וויי — קעמפט ער.

— „פוילן עקזיסטירט דורך און אין הפקר" — האָט ציטירט ד״ר אַלטער די באַקאַנטע פוילישע באַהויפטונג.

— אויף הפקר, אָן קאָפּ, אָן פּלאַן, אָן פירער.

קאַפּיטל פיר

אַז אַ מאָרגן

ראש־השנה 1939. צוויי וואָכן נאָכן אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה.

פוילן עקזיסטירט שוין נאָר אין די הערצער פון אירע פּאַטריאָטן, אין די חלומות פון אירע זין, אין דער געשיכטע פון דער פאַרגאַנגנהייט.

אַ שוואַרצע קראָ האָט מיט אירע שוואַרצע פליגל פאַרדעקט פוילנס פרייהייט און מיט אירע שמוציקע פאַרבלוטיקטע נעגל געדראַפּעט פוילנס קערפּער. בלוט איז געראונען פון די אָפענע וווּנדן.

שטעט האָבן געברענט, שטעטלעך האָבן געפלאַקערט, סטאַדאָלעס מיט תבואה זענען געשטאַנען אין העלישן פייער, רויטע לונעס, שריפה־אָפּשיי־נען פון ברענענדיקע דערפער און אונטערגעצונדענע ישובים האָבן זיך געטראָגן איבער די נעכט.

די פוילישע וועלדער זענען געשטאַנען אין פייער, שאָסייען און טראַקטן, צווישן זיי דער לובלינער טראַקט.

אין לאַסקאַזשעוו האָט מען איצט געזען באַשיינפּערלעך די לונע, דעם שריפה־אָפּשיין פון דער גאַרוואָלינער זייט. די גאַרוואָלינער קאַזאַרמעס, הייזער און קראָמען האָבן געברענט און אָנגעזאָגט מיט זייערע פייער־צונ־גען אַ וויסטע בשורה דער שכנטע אירער — לאַסקאַזשעוו.

פון אונטער דער ערד האָבן זיך געהערט קולות פון הונדערטער טויזנ־טער געהרגעטע, פאַרוווּנדיקטע און היימלאָזע. וואַרשע גייט אָפּ אין בלוט, וואַרשע עקזיסטירט נישט מער, האָבן צוגעגעבן אַנדערע, דער עיקר די פישערס, וואָס זענען פאַר ראש־השנה געווען אין די אַרומיקע דערפער צו באַזאָרגן פיש אויף יום־טוב און שבת־תשובה.

עפּעס האָט מען געמורמלט וועגן אַ נייעם שונא, וואָס גייט אויף פוילן, אַז פוילן וועט שוין קיין מאָל קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין. מ׳האָט גערעדט, איבערגעגעבן אי אמתע השערות, אי פאַלשע, און ביידע

אַזוי אויסגעמישט אַז אין דעם אמת איז שוין נישט געווען מער קיין אמת ווי אין פאַלשן און פאַרקערט.

לאַסקאַזשעוו איז שוין דורכגעקומען דאָס ערגסטע. פאַרן נאַרישן שאָס פונעם פוילישן סאָלדאַט האָבן מיר באַקומען אונדזער שטראָף — האָבן זיך געפּרוווט באַרויִקן די יידישע איינוווינער.

— ווער גיט זיי די אינפאָרמאַציע? פון וואַנען האָבן זיי געוווּסט, אַז דער סאָלדאַט האָט געשאָסן פונעם מאַרק, פונעם קלויסטער־טורעם? און אויף אייגענער האַנט — האָבן געוואָלט אַנדערע וויסן.

— זיי האָבן טאַקע נישט געוווּסט — האָט אַ מבין איבערגעהאַקט — אַן איירעפּלאַן קאָן נישט קיין באַזונדערע פּרטים.

— און איך זאָג — האָט זיך אָנגערופן דער רויטער קאַפּראַל — אַז זיי האָבן יאָ געזען. איי, זיי האָבן נישט געשאָסן אויפן קלויסטער, איז זיך נישטאָ וואָס צו חידושן. זיי זענען דאָך אויך גויים, קריסטן. און אויף יידן שיסט זיך לייכטער.

— דער עיקר, מיר זענען אונדזערס שוין איבערגעקומען — האָבן זיך געטרייסט די לאַסקאַזשעווער באַלעבאַטים.

— האי מאן דמבעית — האָט זיך שוין ווידער געחזרט ביי מיר אין מוח.

און אויפגעשטאַנען איז אַ שבת־תשובה, ווי שוין הונדערטער יאָרן נישט אויף פוילנס ערד, ווי שוין דורות־לאַנג נישט אין לאַסקאַזשעוו.

מ׳האָט נישט געוווּסט, צי די שטאָט געהער צו די דייטשן, צי זי געהער נאָך צו די פּאָלאַקן. זיכער איז, אַז דאָס איז אַ שטאָט פון יידן. יידן, וואָס וווינען דאָ שוין הונדערטער יאָרן און קיין שום שטורעמווינט וועט זיי שוין פון דאַנעט נישט אָוועקרייסן, וועט זיי נישט קאָנען אויס־וואָרצלען.

די הייזער און די מענטשן זענען יום־טובדיק, מע דערקענט נישט די אָקערשט דורכגעלעבטע שווערע נאַכט. קיינעם אַרט נישט די לעכער אין די ווענט, דער צעדראַפּעטער פונדאַמענט פון פיינשניידערס הויז און אַנ־דערע צעניזוקטע הייזער.

שבת־תשובה איז. אין די שולן איז וואַרעם. וואָס מער צרות, וואָס שווערער אויפן געמיט — אַלץ היציקער איז די תּפילה. התלהבות מיט אַ שטיקעלע פרעמדן ציטער.

א ציטערן פאַר גאָט און אַ דראָזש פאַר זיך און הויזגעזינט, פאַר זיך און פאַר כל־ישראל. אַ ציטערן פאַרן יום־הדין, פאַר יום־כיפור, וואָס דער־נעענטערט זיך און אַ ציטער פאַרן פאַרשווימענעם פרימאָרגן, וואָס האָט זיך אַזוי מיאוס צעלייגט אויף די גאַסן, דעכער, הייזער, הערצער און געמיט.

אין דער שול פונעם שוחט, די זעמאַנס האָט מען שוין אַרויסגע־נומען די ספר־תורהס, מע גרייט זיך צום לייענען.

— יעמוד... לכבוד השבת ולכבוד...

פלוצלינג האָבן אַ ציטער געטון די פענצטער, די ווענט האָבן זיך צעשאָקלט. אַלע קני האָט אָנגעכאַפּט אַ דראָזש. איין שטאַרקער שאָס ווי אַ באָמבע און נאָך אים אַ ריי קלענערע און קליינע דעטאָנאַציעס, אַזוי ווי ביקסנשאָסן. אַלע זענען אויפגעציטערט געוואָרן.

— נו, אָ, עה! — האָבן געשריגן גבאים, דער בעל־קורא און אַנ־דערע; — „נו, אָ!" און מכוון געווען אי כלפּי דרויסן, אַקעגן די שיסערס, אי כלפּי אינעווייניק, אַקעגן די מתפללים.

פיר מנינים יידן שטייען און רירן זיך נישט פונעם אָרט, זענען ממשיך ווייטער די הייליקע אַרבעט, עבודת־הבורא.

מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש. ס'האָט מיר אָבער אימפּאָנירט דער כוח פון יידן, דער געהאַרטעוועטער כוח פון ברידער, אויסגעקאָוועט אין די טויזנטער יאָרן פון פּיין און ווידערשטאַנד. איך בין געבליבן. שוין האָט ד"ר אַלטער באַקומען אַן עליה און מע גרייט זיך שוין צו רופן אויך מיך עולה צו זיין צו דער תורה — קומען צולויפן פנינה און מרים און בעטן, פאָדערן מיר זאָלן קומען אַהיים און דאָס תיכף: — די קינדער זע־נען זייער איבערגעשראָקן, שרייען טאַטע, טאַטע...

ד"ר אַלטער און איך האָבן זיך אַנטשולדיקט. מיר האָבן געפילט, אַז מיר זענען קלענער פון די אַנדערע, קלענער אין די אויגן פון יענע און אונדזערע אייגענע. מיר זענען איצט געלאָפן האַרט ביי די מויערן, ווי גנבים, איינמאָל זיך געמוזט אַראָפּבייגן ביז צו דער ערד, ווייל מ'האָט געשאָסן ערגעץ נישט ווייט, און קוים צוגעלאָפן אַהיים.

באַלד האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז דאָס שיסן די פוילישע סאָלדאַטן, וואָס זענען נעכטן געקומען אין שטאָט אַריין. זיי שיסן אויף יעדן טאַנק, אייראָפּלאַן, אפילו לאַסט־אויטאָ, אויף אַלץ וואָס מע זעט זיך דערנענטערן

צו דער שטאָט, אויך אויף סאָלדאַטן, דייטשע, וואָס זיי זעען פון דער ווייטנס, דורכן שפּאַקטיוו — שיסן זיי.

פּלוצים איז אָנגעפלויגן דער דייטשער איינראָפּלאַן, וואָס פליט יעדן טאָג, אָבער העכער, גאָר הויך איז ער היינט געפלויגן. אַ סך האָבן פּשוט געהאַט אַ סאַטיספאַקציע: — ער האָט מורא, זיך איבערגעשראָקן!

נאָך איידער מ׳האָט פאַרענדיקט דעם יום־טובדיקן מיטיק, הערט מען אַ לויפעריי פון טריט, מע זעט מענטשן לויפן אין גאַס — לויפן, אַנט־לויפן.

די פּוילישע סאָלדאַטן כאַפּן צו דער אַרבעט.

וואָס פאַרע אַרבעט האָט מען נישט געוווּסט. האָבן מענטשן שנעל פאַרמאַכט טיר און טויער, מיט לאָדנס, מיט שטאַנגען, מיט קייטעלעך, ריגעלעך, האַטשיקעס, שלעסער. מ׳האָט זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם און אַריינגעצויגן די לייטערס.

אין גאַס לויפט דער פּוילישער אָפיציר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. ער יאָגט זיך נאָך יעדן, לויפט צו צו די טירן, קלאַפּט און לאַרעמט, אין איין אָרט האָט ער מיט צוויי סאָלדאַטן אויפגעהאַקט די טיר, אויפגעריסן די קעלערטיר, אַריינגעשאָסן צוויי מאָל אין קעלער אַריין, געשריגן און געשאָלטן, וואָס ער טרעפט נאָר פרויען און קינדער און געדראָט מיט שיסן יעדן מאַנצביל, ווען ער וועט טרעפן אויסבאַהאַלטן.

פילנדיק, אַז זיין דראָונג איז אַן ערנסטע און געוויר ווערנדיק ווען וואָס פאַרע אַרבעט ס׳גייט — זענען אַ פּאָר עלטערע לייט צוגעגאַנגען צום אָפיציר און אים דערקלערט, אַז היינט איז אַ הייליקער, פייערלעכער יום־טוב, אַ גרויסער טאָג פאַר יידן. דער אָפיציר האָט אויפגעהויבן אַ פּייטש, וואָס ער האָט געטראָגן, כעסדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און דערקלערט, אַז ער וועט אויפרייסן יעדע טיר און שיסן יעדן באַהאַלטע־נעם, אויב מע וועט נישט אַרבעטן און אים נישט העלפן.

— דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר, איז בטול אַ יום־טוב, איז בטול די משפּחה, איז בטול אַפילו דאָס לעבן — האָט ער געשריגן מיט כעס און ווייטיק.

אַלע האָבן געפילט דער יונגער מענטש מיינט עס ערנסט מיטן גאַנצן האַרצן. פאַר אים איז זיין פאָטערלאַנד העכער פון זיין לעבן, וויכטיקער

ווי זיין משפחה, באַטייטיקער ווי זיין פּערזענלעך גליק. און ער איז נאָך אַזוי יונג, אַזוי שיין, אַזוי העלדיש.

יאָ, ווען ס׳זאָלן זיין אַ סך אַזעלכע יונגע פּאָלאַקן — האָב איך גע־קלערט — וואָלט קיין שום שונא נישט געקאָנט בייקומען פוילן. דער כוח פון אַזאַ יוגנט איז גרעסער ווי דער כוח פון חורבן, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט.

און דער אָפיציר האָט דערקלערט, אַז מע דאַרף בויען באַריקאַדעס, און אָנגעצייכנט, אַז דאָס מוזן זיין אַזעלכע שטאַרקע שטערונגען, וואָס וועלן זיין ביכולת אויפצוהאַלטן די דייטשע טאַנקען אין זייער מאַרש.

— צו בויען באַריקאַדעס דאַרף מען האָבן אייזנס, קלעצער, בעטאָן, שטיינער, צעמענט. אויב ס׳פעלט עפּעס — מעג מען עס דערגאַנצן מיט אַנדערע מאַטעריאַלן — האָט ער געזאָגט, ווי אַ לעקציע, אַן אויסגעלערנטע.

און אום יום־טוב, באונס, האָט מען אָנגעהויבן בויען די באַריקאַדעס, בויען אין אַלע פיר עקן, אין אַלע פיר אַריינגענג צום מאַרק, און דאָרט ווו ס׳ווינען, ווי אין אַלע שטעט אין פוילן, כמעט לויטער ייִדן.

מ׳האָט אָנגעהויבן ברענגען מאַטעריאַל צו די באַריקאַדעס, אַ צע־בראָכן בענקל, אַ צעריסן קיישל, אַ ברעט, שטיינער, ציגל, שטיקלעך קלעצ־לעך, בלעכן, איינגעלייגטע אייוועלעך, פאַרזשאַווערטע טעפּ, מ׳האָט אויפ־געהויבן שטיינער פון דער ערד, געשיט בלאָטע. ווען דאָס אַלץ האָט נישט געקלעקט האָט מען אָנגעהויבן ברענגען שמאַטעס, לאַכעס, איינער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ צעבראָכענעם דישעל פון אַ שטאַל, אַ שטיק פון אַ ראָד, שפּריכעס. די פוילישע סאָלדאַטן האָבן אַכטונג געגעבן און ייִדן האָבן דער־ווייל געפירט וויכוחים, געלערנט פשט, איינגעטענהט און מסביר געווען, יעדער איינער ממש ווי אַ גענעראַל, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז זיין הויפּט־אַרבעט באַשטאַנען אין בויען באַריקאַדעס. איינער גיט עצות דעם צווייטן. אין דער אַרבעט זענען ייִדן אַריין אין התלהבות: מע שטופּט און מע פאַר־שטאָפּט, מע שלעפּט, מע בויט, מע צעוואַרפט, מע לאָזט איבער, מע דרייט איבער, מע גלייכט אויס, מע קערט איבער, מע שיט־אָן אויף ס׳ניי ערד, מע מעסט די לענג, די ברייט, די הויך, מע פאַרגלייכט, מע נעמט אַראָפּ, מע גיט צו.

פון דער ווייטנס האָט מען דערזען דעם גלח, ער איז געגאַנגען מיט אַ גאָר אייליקן שריט, מיט אַ קליין רענצעלע אין האַנט, ווי ער וואָלט וועלן

נעלםווערן. ד״ר אַלטער און איך, וואָס האָבן זיך מיט אים געהאַט באַ־קענט פריער, ווי אינטעליגענטן געקומענע פון דער הויפּטשטאָט, האָבן אָנגעהויבן אים נאָכגיין, כדי אים אָניאָגן און וויסן די סיבה פון זיין אַנט־לויפן. אָבער מיר האָבן אים נישט דעריאָגט.

— ע, דער גלח ווייסט עפּעס. אים האָט מען מסתמא עפּעס איבער־געגעבן„ אַז ער אַנטלויפט, איז נישט גוט! — האָט מען געגומען טייטשן.

נאָך איידער ס'איז טונקל געוואָרן האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער.

די שיסעריי דערנענטערט זיך. מיט שרעק האָט מען פאַרמאַכט טיר און לאָדנס, מ'איז געפאַלן צו דער ערד און געלעגן געשפּאַנט.

קייטן הערט מען. ס'ציטערט דער שאָסיי, די פענצטער, די ערד.

— טאַנקען, טאַנקען פאָרן. שווערע טאַנקען. דייטשע טאַנקען — האָבן מיר זיך אַזוי ווי איינגעחזרט.

זיי פאָרן דירעקט נאָענט צום מאַרק דורך דער גאַרוואָלינער גאַס. דאָס הויז פון פיינשניידער, די עלטערן פון תחכמוני־תלמיד, ביי וועלכן מיר זענען איצט געווען, איז דאָס דריטע אין דער גאַס. פיינשניידער ציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער, ווי אַ ייִד אין הייליקן יום־הדין.

די טאַנקען פאָרן אַזוי שווער, אַזוי רוישיק, די קייטן קלינגען מיט אַ ווילדן אָנזאָג פון טויט, פון צרות.

פּלוצלינג האָבן זיי דערזען די באַריקאַדעס. אַ הילכיק געלעכטער האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון אַלע פינף טאַנקען: — באַריקאַדעס פון טליתים און ציצית!

— כאַ־כאַ־כאַ!! — און נאָך אַמאָל — כאַ־כאַ־כאַ!! שוי האַנס; שוי עריך; שוי קורט! כאַ־כאַ־כאַ!!

פון די טאַנקען זענען אַרויסגעקראָכן כמעט אַלע סאָלדאַטן און זיך איינגעקוקט אין די באַריקאַדעס, וואָס ווילן אויפהאַלטן די שטאַרקסטע, די מאָטאָריזירטסטע אַרמיי אין דער וועלט.

פּלוצים דערהערן זיך שאָסן, אַ סך, מיט אַמאָל, געדיכט, נאָענט.

איידער די דייטשן כאַפּן זיך און איידער זיי פאַרשטייען, וואָס דאָ איז געשען, ליגן שוין טויט אין קאָנוולסיעס איבער צוואַנציק דייטשע סאָלדאַטן. דער רעשט שפּרינגט אַריין אין די טאַנקען. עטלעכע נעמען צוריק שיסן און פּאַקן זיך אויך אַריין אינעווייניק. דרייען אויס די טאַנקען

און אַנטלויפן. די פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אויף די בוידעמער פון ייִדישע הייזער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. אַן אומדערוואַרטן נצחון אויף אַזאַ שונא.

— דרייסיק, פערציק, זעכציק, אַכציק סאָלדאַטן זענען געהרגעט און פאַרוווּנדעט — האָט מען זיך אָנגעהויבן איבערגעבן פון מויל צו מויל.

די פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס זענען צוגעקומען צו די באַריקאַדעס, נאָכן אַנטלויפן פון די טאַנקען, האָבן איבערגעציילט: דרייאונצוואַנציק טויטע.

פון דער ווייטנס האָט זיך נאָך דערטראָגן אַ ווידערקול פון די שווערע טאַנקען־קייטן, ווען דער אָפיציר האָט באַפוילן אָפּרוקן די געהרגעטע איןביידע זייטן פון שאָסיי און לאָזן ליגן אויפן אָרט.

— מאָרגן וועלן מיר זיי באַגראָבן מיט מיליטערישן פּאַראַד — האָט באַפוילן דער יונגער פּוילישער אָפיציר.

ווידער האָבן מיר דערהערט אין דער לופטן אָט דאָס שרעקלעכע זשומען. מיליאָנען בינען האָבן זיך פאַרזאַמלט, זשומען צוזאַמען, גרילצן אַריין אין קאָפּ אַריין, באַלד נאָך זיי טאַפּטשען, קייקלען זיך, קאַטשלען זיך פעסער, פוסטע, אייזערנע פעסער אין די הויכע הימלען, קאַטשלען זיך איבער די קעפּ, אַ קאַטשל און אַ קלאַפּ, אַ קאַטשל און אַ זעץ אין האַרצן. די דייטשע אייראָפּלאַנען זענען געפלויגן לאַנגזאַם אָבער הויך, גאָר הויך. דער נערוון־צעשרויפנדיקער גרילץ הערט נישט אויף. ס׳פליִען אַ סך, אַן עסקאַדרע, צוויי, דריי.

ווען זיי האָבן זיך שוין געפינען פונקט איבערן קאָפּ פון שטעטל, הייבן־אָן פון אַ פּאָר זייטן, אויסער דער שטאָט, צו שפּילן קאַנאָנען, האַרמאַטן, מאַשין־געווער. אַ טייוולאַנישע מוזיק אויסגעשפּילט אויף סטרונעס פון מענטשלעכן מוח און רייסעכץ פון בלוט־פולע ציטערנדיקע אָדערן.

פון אַלע זייטן באַשיסט מען איצט לאַסקאַזשעווו.

א פּנים אַז דאָס איז אַ גרויסע פעסטונג. די דייטשע מאַפּעס האָבן, קענטיק, נישט געוווּסט פון דעם און ערשט געוואָר געוואָרן איצט, ווען זייערע דרייאונצוואַנציק סאָלדאַטן האָבן באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן.

אַזעלכע באַריקאַדעס! אַזאַ ווידערשטאַנד! האָבן די דייטשן אַ פּנים באַשלאָסן איינצונעמען די שטאָט אין אַ פראָנטאַלן אָנגריף, אין אַ שטורעם־אַטאַקע.

מוצאי־שבת, אין דער נאַכט אויף זונטיק דעם 17טן סעפּטעמבער,

האָט זיך אָנגעהויבן דער אַקט פֿון סוף, וואָס האָט געבראַכט חורבן און טויט דעם פּוילישן שטעטל לאַסקאַזשעוו. דעם שטעטל מיט די איינוווינער און אין דער ערשטער ריי — דער ייִדישער באַפעלקערונג.

אין פּיינשניידערס הויז ליגן ווידער אַ פּאָר משפחות אַרטיקע, מיר די צוויי וואַרשעווער און אַ דאָקטאָר, וואָס איז אַנטלאָפן פֿון וואַרשע און אַ לייכט־פֿאַרוווּנדיקטער אויפֿן לובלינער שליאַך — זיך צוגעשלעפּט קיין לאַסקאַזשעוו, צו ייִדן.

דאָס שיסן הערט נישט אויף, אַלע ליגן אויף דער ערד, ציטערן און שעפּטשן. מערערע מאָל דערהערט זיך אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער פּייף. אַלע בייגן אָן די קעפּ, ווי די קויל וואָלט געוווען געצילט גלייך אויף זיי.

יעדעס מאָל הערט זיך אויף פֿונעם מאַרק אַ שיסן פֿון מאַשין־געווער און פֿון ביקסן. דאָס שיסן די פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פֿון זייער זייט אָפּגעענטפֿערט, געגעבן די דייטשן אַ תשובה.

ביי די פּיינשניידערס האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ מאָדנע משונהדיק בילד. אַ שאָק, אַן אויפֿטרייסלונג און אַ דערהויבנקייט. פֿון אונטער דער ערד איז מען „עוואַר געוואָרן, אַז דער אַנטלאָפֿענער איז אַ מעדיצין־דאָקטאָר. און בעת אין דרויסן האָט געהאָגלט מיט קוילן זענען מאַמעס געקומען צולויפֿן אין ציטער און פֿלאַטער פֿון הערצער הינטן אַרום זיך געשאַרט ביי די ווענט, געשלעפּט זיך, געקראָכן אַהער און געצוווּנגען דעם דאָקטאָר אונטערצוזוכן זייערע קינדער, פֿאַרשרייבן אַ רעצעפּט, געבן אַ דיעטע. עפּעס האָט מען אין שטאָט געמורמלט, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ קינדער־מגפֿה, אַן עפּידעמיע, יעדע מאַמע האָט שוין געזען אין די אייגעלעך פֿון איר קינד דעם פֿיבער און די היץ, אין איר האַרצן — די שרעק.

ליגט דער דאָקטאָר אויף דער ערד, בייזערט זיך און שרייט, ציטערט גלייך מיט אַלע אַנדערע ביי יעדן שאָס, ביי יעדן פּייף, מעסט מיט עפּעס אַ קאַלטן, קאַליעדיקן טערמאָמעטער, וואָס מ'האָט ערגעץ־ווו געפֿינען, די היץ פֿון יעדן קינדערש קעפּעלע, שאָקלט מיטן קאָפּ, פֿרעגט, פֿאַרשט און זאָגט רעצעפּטן, גיט דיעטעס.

ייִדישע מאַמעס באַגנוגענען זיך נישט מיטן אונטערזוכן, מיטן אויסהערן דאָס אָטעמען פֿון איר „נחמה", פֿון איר געליבט נפֿשל, אַפֿילו נישט מיטן אונטערזוכן די באַוועגונגען, די רעאַקציעס פֿון די הענטעלעך און פֿיסעלעך פֿון זייערע קינדער, נאָר זיי לאָזן זיך אַרויס צו זייערע היימען

זוכן אַלע באַשטאַנדטיילן וואָס מע דאַרף צו דער דיעטע. צוויי מאַמעס האָבן אַפילו געוואָלט מאַכן פייער, כדי אָפּצוקאָכן די „דיעטע" פאַר זייערע קינדער — ס'איז שיער נישט געקומען צו קיין געשלעג. מ'האָט ערשט געמוזט דעם דאָקטאָר בעטן, דראָען, ער זאָל צוריקציִען זיין געזאָגטע, נישט פאַרשריבענע, „געקאָכטע" דיעטע און זאָגן אַן אַנדערע, אַ רויע. און קוים דערמיט באַרויִקט די ממש צעווילדעוועטע מאַמעס.

אין דרויסן ווערט די שיסעריי אַלע מאָל געדיכטער און נענטער. מ'הערט שוין דאָס איינפאַלן פון דעכער, דאָס קרישלען זיך פון ציגל, שטיינער, וואָס פאַלן ווי בייז־אַנזאָגנדיקע גרודעס ערד־פאַרשיטעכצער אויף קברים.

אין משך פון דער צייט האָט זיך פּאַמעלעך פאַרקלענערט די שיסעריי פון מאַרק און שפּעטער אין גאַנצן אויפגעהערט.

הייסט עס, אַז די פּוילישע סאָלדאַטן זענען שוין אַלע טויט. זיי שיסן שוין נישט צוריק.

אָבער גלייך האָט מען ווידער געהערט דאָס ביקסנשיסן פון מאַרק. זיי לעבן נאָך, די פּוילישע סאָלדאַטן. זיי זשאַלעווען אַמוניציע, מסתמא האָבן זיי נישט צופיל, ענטפערן זיי נאָר פון צייט־צו־צייט.

די דייטשע שיסעריי הערט נישט אויף.

אַלע ליגן מיר אין די שטיבער, שעהענווייז, רירן זיך קוים און אַ קאַלטער נאַסער שווייס, אַ בייסנדיקער, אַ פרעסנדיקער, קריכט און רינט איבערן גאַנצן קערפּער. מ'האָט מורא זיך צו רירן, אַפילו דעם שווייס אָפּצווישן. דער שווייס הייבט אָן עסן דאָס העמד און די קליידער, די מלבושים, קילט, בייסט, מאַכט דעם מענטש שווער און אומבאַהאָלפן.

אונדזערע צוויי משפחות ליגן אין קיך ביי די פיינשניידערס, די קינדער ליגן אויף אונדז, זיי זאָלן זיך נישט פאַרקילן פון דער נאַסער פּאָדלאָגע און דעמפּיקער שווייסיקער לופט. מיר האַרכן זיך צו מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און ציטערנדיקע קערפּערס צום גאַנג פון דער מלחמה וואָס פירט זיך איבער אונדזערע קעפּ.

באַלד הערן־אויף די ביקסנשאָסן פון די פּוילישע סאָלדאַטן, אין גאַנצן. זיי זענען געפאַלן אויף זייער פּאָזיציע מיט אַ העלדנטויט. עטלעכע דרייסיק געזונטע יונגען פול מיט לעבן און פול מיט בענקשאַפט, האָבן זיי אויסגעהויכט זייערע נשמות, זיך געבערענגט אַ קרבן פאַרן פּוילישן פּאַ־

טערלאַנד. אַ קרבן, אומנייטיק. אַ קרבן צוליבן פאַראַט, פּחדנות און מאַנגל פון פּאַטריאַטיזם פון פּוילנס פּירערס. געשטאָרבן, ווייל ס׳האָט זיי גע־פעלט אַמוניציע. קיינער האָט זיי נישט צוגעטראָגן. קיינער איז זיי נישט געקומען צו הילף. די דייטשן האָבן באַקומען אַלע מאָל פאַרשטאַרקונג, אַוויאַנען, האַרמאַטן, טאַנקען, און די דאָ, ערלעכע, אמתע, געטרייע זין פון פּוילנס לאַנד זענען געווען פאַרלאָזט פון זייערע אייגענע ברידער אויף זייער אייגענער ערד.

אָט איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן. אויך די דייטשן האָבן אויפגע־הערט שיסן.

אין דער פרי, זונטיק דעם 17טן מלחמה־טאָג, הערט מען קלינגען די קלויסטערגלאָקן.

ווי תמיד, ווי שטענדיק, מאַיעסטעטיש, ווייט, טיף, קאָנטעמפּלאַטיוו. און ווי תמיד וואָרפן זיי אָן אַ שטילע אימה אין יעדן ייִדישן האַרץ. די זעלבע גלאָקן האָבן געקלונגען און באַגלייט נישט איין פּאָגראָם, נישט איין בלוט־בלבול, נישט איין שחיטה.

די קלויסטערגלאָקן קלינגען.

פּויערים הייבן־אָן קומען אין שטאָט אַריין, אויסגעפּוצטע, יום־טוב־דיק, רויִק. פון די ווייטע גאַסן פון דער פאַרשטאָט זענען זיי אָנגעקומען, אַ ביסל איבערגעשראָקן פון דער נאָענטקייט פון די דייטשע טאַנקען, אָבער אָנגעפילט מיט מוט און גלויבן, אַז דער גורל פון די שכנותדיקע שטעט, פון גאַרוואָלין, סאָבאָלעוו און אַנדערע וועט זיי אויסמיידן. לאָס־קאַזשעוו וועט ווערן געראַטעוועט.

פון קלויסטער טראָגט מען אַרויס טרומנעס מיט די געפאַלענע זעל־נער. דער עולם צלמט זיך און טרעט אָפּ אין טיפער, געבויגענער אַכטונג. אויך די ייִדן שטייען אַ ביסל ווייט. אין אַ סך אויגן גלאַנצן טרערן. אָט ליגן דאָ די יונגע קינדער פּוילנס, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער יונג לעבן פאַר פּוילנס אַלטער ערד און אַלטער געשיכטע.

די גלאָקן קלינגען און די זון שיינט אַזוי מאָדנע וואַרעם און נישט זיכער. און אין האַרצן ווערט ווידער אומרויִק.

איידער מיר האָבן באַוויזן זיך אַ ביסל אַרומצוואַשן און זיך באַ־פרייען פון שווערן, קאַלטן שווייס, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין אונ־דזער לייב און אונדזערע מלבושים, ווי אַ גרינער, מיאוסער זשאַווער, דער־

טראָגט זיך מיט איינמאָל, פון אַלע זייטן, און פון אַלע דימענסיעס, פון אויבן, אונטן, פאָרנט, אין מיטן, אַ האַגלעריי פון קוילן, שאָסן פון אַלע מינים. באָמבעס, עקספּלאָדיר־באָמבעס, פייער־באָמבעס, שאָסן פון ביקסן, מאַשין־געווער, אויטאָמאַטן, האַרמאַטן. אַ גיהנום אויף דער ערד. פייער און שוועבל פון הימל, שאָסן און דונערן אין דער לופטן, צינדבאָמבעס און ציטערנישן פון דער ערד.

מיט אַמאָל, אַזוי פּלוצלינג און פון אַלע זייטן און אַלע מינים!

די קינדער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ ביטערן, מוראדיקן געוויין, נישט געוואָלט אין קיין פאַל איינליגן רויק אויף דער ערד. די פרויען וויינען צעטומלט, ווילד־איבערגעשראָקן, אַ פּאָר מענער שלאָגן זיך פאַר שרעק אין קאָפּ אַריין. די נערוון ווילן מער נישט פאָלגן און האָרכן.

מע פרוווט בעטן די קינדער, זיי זאָלן נישט שרייען אַזוי ווילד. מע הערט ווי ס׳פאַלן דעכער, וועגנט. די שאָסן קומען איצט פונעם מאַרק, אָבער נישט פון די פוילישע סאָלדאַטן, זיי האָבן שוין אין גאַנצן אויפגעהערט.

דאָ דערהערן מיר שוין יללות פון דרויסן, אוממענטשלעכע קולות:

— עפנט! אַנטלויפט! איר ברענט!

אין שטוב גיט אַ זעץ אַריין אַ געדיכטער רויך. דער אָטעם ווערט כמעט פאַרשטיקט. דער טשאַד און ברענענדיקער רויך פאַרשטעלט די אויגן. אַ פלאַמיקע היץ גיט אַ זעץ אין פּנים, אַז מיר בלייבן אַלע ווי צע־טאַמט.

מע שרייט, מע לאַרעמט, מע קאָן נישט עפענען די טיר. מע רייסט זי ענדלעך אויף און דאָ זען מיר, ווי ס׳שטייט אונדזער פּוילישער שכן, אַן אַלטער, אויסגעדינטער סאָלדאַט פון די לעגיאָנערן און שיסט אין גאַס אַריין, צו די דייטשן, וואָס מע זעט נישט, אָבער מע פילט זייער אָנ־וועזנהייט.

ס׳נעמען דאָ פאַלן לעבן אונדז, פאַר אונדז, איבער אונדז, די באָמ־בעס, האַנטגראַנאַטן, צינדבאָמבעס, איינס נאָכן אַנדערן. אַט ליגט שוין דער אַלטער לעגיאָנער, שווער פאַרוווּנדיקט, די ביקס איז אים אַרויסגע־פאַלן פון דער האַנט. מיט אַ בעטנדיקן, רחמנותפולן בליק, אַן ווערטער, ווייל ער קאָן שוין נישט רעדן, ווייזט ער אויף דער ביקס. די לויפנדיקע ייִדן זאָלן אים געבן די פּוילישע, לעגיאָנערסקע ביקס. ער וויל נאָך פאַרן

טוים זיך נוקם זיין פאַר פוילנס שאַנד און הרגענען אַ דייטש. ער וויל שטאַרבן מיט דער ביקס אין האַנט.

אַלע נעמען זיך שטופּן צוריק אַריין אין שטוב, צווי באַמבעס זענען געלאָפן צו אונדזערע פיס. דורכן פראַנט קאָן מען נישט אַרויס מער.

די מאַמעס און טאַטעס כאַפּן די קינדער און זעקלעך־פּעקלעך אויף די הענט און מע לויפט צו דער הינטערטיר.

דער רויך, דאָס פייער, די פלאַמען, די היץ דושען און שטיקן.

וווהין? נישטאָ קיין וועג! אַלץ איז איין ברענענדיקער קאַלכאויוון. די גאַנצע שטאָט ברענט. לאַסקאַזשעוו ברענט. פון אַלע אירע אברים, פון קאָפּ ביז די פיס. פון דרויסן און פון אינעווייניק ברענט.

מענער שטופּן פאַר זיך די פרויען, אַליין, מיט קינדער, שטאַרקע יאָגן פאָרויס, אין די פלאַמען אַריין, לויפן צוריק.

לויפן אָן אַ זייט, אַ פאַרקן, אַ פאַרקן פון ברעטער, סלופּעס און דראָט. אין אַ מינוט איז אַלץ צעבראָכן, צעריסן. מע קריכט פון אונטן, מע שפּרינגט פון אויבן. מאַמעס מיט קינדער שטופּן זיך מיט נסים אַדורך. מ׳איז אַריבער אין צווייטן, אין דריטן, אין פערטן הויף אונטער די הייזער פון געסל.

מיר הערן לעבן אונדז מאַשין־געווער און קוילן פאַלן דירעקט אין אונדזער גרופּע לויפנדיקע. אַ געוואַלט, אַ געשריי, עמעץ פאַלט. מע לויפט ווייטער, אָן אַפּהאַלט — ווי צעווילדעוועטע, וואָס האָבן שוין אין זיך נישט קיין געפיל, קיין פאַרשטאַנד, נאָר אין טעמפּן אינסטינקט פון יאָגן און פאַרטיידיקן זיך — רייסן זיך אַלע, פאָרויס, רעכטס, לינקס, נישט זעענדיק דעם צווייטן, נישט פאַרשטייענדיק זיך אַליין.

אונדזער גרופּע וואַקסט, פון אַלע טירן און ברענענדיקע הייזער, פון אַלע הויפן און געסלעך יאָגן מענטשן. אַ פּופּציק מענטשן לויפן שוין אַזוי, שרייען און שווייגן גלייכצייטיק אָדער דורכאַנאַנד. ס׳לויפן שוין מיט פאַרוווּנדיקטע, געשלאָגענע, פאַרברענטע, האַלב־מטורפע. איינער איז אַנטלאָפן, בשעת אַ דייטש איז אַריין אין שטוב אַריין און האָט באַפוילן אים און זיין פאָטער און מוטער פאַלן צו דער ערד. דער דייטש האָט אַריינגעשאָסן דעם טאַטן און דער מאַמען אַ קויל אין אונטערשטן טייל פון גוף, איז דער זון אויפגעשפּרונגען און אַוועק און די רויכוואָלקנס האָבן אים געשיצט, ביז ער איז צו צו אונדזער גרופּע. דער פאָטער און מוטער זענען שוין געבליבן דאָרט. ווידער אָן אַנדערע, אַ מאַמע איז אַנטלאָפן, טראָגנ־

דיק אַ קינד, דער דייטש האָט איר געהייסן לאָזן דאָס קינד אין אַ זייט און האָט אויף איר אויסגעשאָסן. די קויל האָט נישט געטראָפן און זי איז אַוועק. שרייט זי היסטעריש. זי וויל לויפן זוכן דאָס קינד. איינער איז אַנטלאָפן, בשעת דער דייטש האָט אים געשאָסן אין פּנים אַריין און אים אָפּגעסמאַליעט. אַלע שרייען ווי משוגע: — לויפן! לויפן! אַנטלויפן! לויפן!...

מע רירט זיך קוים פון אָרט. ברענענדיקע הייזער, פּאַרקאַנס, דראָטן, פּאַלנדיקע בעלקעס, רויך און פלאַמען האַמעווען דעם וועג.

דאָס פייער קראַכט. מ׳הערט דאָס איינברעכן זיך פון בעלקעס, ברע־טער, ווענט, מויערן, שטאַלן, געביידעס, קליינע און גרויסע. דאָס סיטשען פון פייער, ווי דאָס בייזע סיטשען פון אַ גיפטיקער שלאַנג רוקט זיך אַלע מאָל נענטער, ווי צו ברענען לעבעדיקערהייט דעם גוף און פאַרשרפהנען אים אין די פלאַמען.

מע שטאָלפּערט, מע קערט זיך איבער, מע לויפט אַהין און צוריק, מע קריכט אַרויס פון איין רויך און אַריין אין אַ צווייטן. מאַמעס שלעפּן קינדער און קינדער שרייען אָפּגעבריטע און פאַרטומלטע, הוסטנדיק און פּישטשענדיק.

אַ פּאָר שאָסן טרעפן אין דער גרופּע אַריין. אַלע ווי איינער האָבן זיך געוואָרפן צו דער ברענענדיקער ערד. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך באַוויזן זעקס דייטשע סאָלדאַטן, זיי גייען פאַרביי און זעען די גרופּע יידן ליגן טויט־דערשראָקן אויף דער ערד און שיסן אויס מיט אַ געלעכ־טער. אין דער האַנט טראָגן זיי צינדגראַנאַטן.

פאַרגליווערט ליגן אַלע. זיי וועלן שיסן! זיי טשעפּען נישט קיינעם.

זיי גייען אַריבער. נאָר צווישן די יידן ווערט עפּעס אַ געמורמל. עמעצער ווייזט מיטן פינגער אין אַ זייט און אַלע גיבן זיך אַ לאָז אַהינצו.

מיר לויפן. שיסעריי פון אַלע זייטן. אַרום ברענט. ס׳שטיקט רויך. ס׳רייסן זיך די פלאַמען. ס׳פאַלן דעכער, ווענט, סטאַדאָלעס, געביידעס.

—אין וואַלד אַריין! — שרייען די וווילקענעוודיקע.

מיר לויפן און פוןביידע זייטן גאַס ברענען הייזער אומגעשטערט אין אַ זיכערן, פריילעכן, פלאַקערנדיקן פייער. הייזער אונטערגעצונדן דורך צינדבאָמבעס געוואָרפענע פון דייטשע סאָלדאַטן, ווו די באָמבע רייסט נישט אויף, גייען סאָלדאַטן און גיסן בענזין.

ס׳ברענען הייזער פון האָלץ און שטרוי, הילצערנע שטאַלן, אָרעמע קרעמלעך און בודקעס, פויערשע ווירטשאַפטן. רויך און פייערצונגען פליִען, שלענגלען זיך און שלאָגן אין פּנים אַריין.

מערערע מאָל האָבן רויך און פלאַמען אָנגעכאַפּט אונדזערע קליידער און פונקען האָבן געביסן פּנים און קלייד. נאָר דאָס שטופּעניש און דאָס רייבן זיך איינער אָן אַנדערן האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט. נישט פאַר־ברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט. ביים עק פון דער שטאָט האָבן זיך די פלאַמען פון ביידע זייטן הייזקעס און ביימער געגעבן די האַנט, אַריבער־דערלאַנגט איבער די פּאַרקאַנס און געשאַפן אַ ברענענדיקע מויער, נישט אַריבערצוגיין. פייער־סלופּעס פון פלאַמען, פון קויל און שריפה האָבן געשאַפן אַ מויער... ווי צעטומלטע פון שרעק, פון לויפן, פון די דייטשן, פון קינדערישן געוויין, פון מאַמעס געשריי, פון אייגענעם פּחד — זענען מיר אַלע צו צו דער פייערמויער, אַ כאַפּ געטון אַ קוק אונטן און גענומען שפּרינגען אין פייער אַריין.

אַ שאָד, וואָס אַ פאָטאָגראַף איז נישט געשטאַנען פון ווייט אויף אַראָפּצונעמען אַ בילד, ווי אַזוי ייִדן מיט באָרד און פּיאות אין ברייטע קאַפּאָטעס האָבן פאַרהויבן די פּאָלעס, אַריין און אַריבערגעשפּרונגען, פאַר־סמאַליעט און פאַרויכערט, די פלאַמענדיקע מויער. מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט האָבן אַריינגעטאַנצט אין די פלאַמען, דורכגעלאָפן און אַרויס מיט אַזאַ כּוח און טעמפּאָ, אַז נישט איין באַרימטער מאַראַטאָן־לויפער וואָלט זיי מקנא געווען.

פנינה און מרים האָבן געוואָלט צוריקלויפן מיט די קינדער, אָבער אַ קוק־טוענדיק הינטער זיך, דערזעענדיק די שוואַרצע רויכוואָלקנס, די צעשויבערטע פלאַמען, די לאַכנדיקע, טויטברענגענדיקע פייערן, פונקען און הויכע, שטיקנדיקע טשאַדעס, הערנדיק ווייטער די באָמבעס און שאָסן, זענען זיי אַריין אין דער שריפה, נאָך די אַנדערע, אַרויס פאַרסמאַלעטע, שוואַרצע, אַביסל צוגעברענטע, שטיקנדיק זיך פון היץ.

אַרויסקומענדיק פון דער צווייטער זייט פייער מיט די קינדער אויף די הענט, אין שויס, ביי דער ברוסט, האָבן די מאַמעס נישט גערוט קיין מינוט, נאָר ווייטער געלאָפן.

דאָ האָט מען דערזען, ווי איבער אונדזערע קעפּ פליט אַ דייטשער אייראָפּלאַן.

— צוריק! צוריק!

נאָר קיינער האָט נישט געהערט מער. די מאַמעס מיט די קינדער זענען געלאָפן פאָרויס, די מענער — הוסטנדיק, ניסנדיק, הינקענדיק, שרייענדיק נאָך זיי. אַלע זענען מיר געלאָפן צום וואַלד.

אָבער פאַרן וואַלד, אויף אַ גרויסן פרייען פּלאַץ האָבן מיר זיך אָפּ־געשטעלט. קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס דווקא דאָ, אָבער אַלע זענען געבליבן שטיין.

די זון שיינט. דער רויך קומט קוים צו אַהער. די פלאַמען גרייכן נישט, האָט מען אַראָפּגעלאָזט די קינדער פון די הענט און אָרעמס און זיך אַוועק־געזעצט אויף דער ערד.

פון דער ווייטנס דערזעען מיר אַ קליין גרופּקעלע פּוילישע אולאַנער־רייטער. זיי שטייען געשיצט אונטער אַ בערגל און שיסן. די דייטשע איינראָפּלאַנען פליִען אָן אויף זיי און באָמבאַרדירן דעם פּונקט. אַרום אונדז, זיצנדיקע און ליגנדיקע ייִדן שפּרינגען אַלעמאָל אַרויף אין דער לופטן ראַקעטעס, פּלאַצן אין דער הויך מיט אַ בליץ און פאַרשווינדן.

באַלד זעען מיר ווי די אולאַנער הייבן־אָן אין גרעסטן גאַלאָפּ צו יאָגן צום וואַלד. די סיגנאַל־ראַקעטן ווערן אָפטער און ס'נעמט שיטן מיט באָמבעס אין אַזאַ קראַפט און מאָס, אַז מיר פאַלן צו דער ערד און הייבן זיך אָן ממש מיט די נעגל איינגראָבן און אַריינרוקן אין דער פרישער, ווייכער, אויפגעאַקערטער ערד.

ביים וואַלד זענען די אולאַנער געבליבן שטיין און גענומען העפטיק שיסן.

דער לעצטער אויסדרוק פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און מאַכט. די יונגע סאָלדאַטן האָבן אויף זייער אייגענער האַנט, אָן פירער, אויסגע־שריגן דאָס געשריי פון זייער בלוט און פרייהייט, פון זייער ליבע און צוגעבונדנקייט צו פּוילנס ערד.

מיר דאָ הייבן אָן גראָבן ממש גריבער, גרויסע עפענונגען, מע נוצט אויס יעדעס שטיקעלע בערגעלע אָדער אָנשיט פונעם באָדן, מע שטופּט אַריין די קינדער אין די שפּאַרעס, אין די ערד־פּאַרטיפונגען און מע גראָבט ווייטער.

אָט קומט אָן אַן עסקאַדרע פונעם וואַלד און ציט אין דער ריכטונג אַהער צום פּלאַץ, זייענדיק באָמבעס אויפן וועג פון איר פליִען.

דאָ האָט שוין קיין שום כוח נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם עולם ייִדן. מיר האָבן זיך געגעבן אַ ריס פון אָרט און גענומען יאָגן, זייטיק, אין דער ריכטונג פון וואַלד. דער שטומער, שווייגנדיקער, גרויסער, גריבער שאָטן ביים ראַנד פון האָריזאָנט איז ביי אונדז איצט געווען דער גרויסער אָנזאָג, דער מלאך־הגואל, די אויסגעשטרעקטע האַנט פון אליהו־הנביא.

מיר לויפן צום וואַלד. די ערד איז פול מיט גרודעס, אין טייל ערטער איז זי שוין אויפגעאַקערט פאַר דער האַרבסט־זריעה. ערטערווייז לאַנגע, ווייכע אַקער־קנייטשן, ברוזדעס, מע שטעקט אַריין אַ פוס און מע קאָן אים קוים אַרויסשלעפּן, אָבער דער כוח פון שרעק, צוגעשלייפט מיטן ווילן צום לעבן, רייסט און טרייבט דעם מענטש פאָרויס.

ביים וואַלד האָבן מיר געטראָפן אַ דראָטענעם פּאַרקאַן. פּנינה פאַר־לירט אַ פּעקל, דער אייראָפּלאַן פליט איבער די קעפּ און איך לויף צוריק זוכן דאָס פּעקל, כ׳געפין עס און ברענג עס צוריק. מרים, ד״ר אַלטערס פרוי, שלעפּט די קליינע אַמאַליע און באַמערקט נישט, אַז זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אין שטעכעדיקן דראָט, קוים מע באַפרייט זי פונעם שטעכל־דראָט.

מיר זענען אַריין אין וואַלד מיט און אָן פּעק, מיט פנימער פאַר־שמירטע פון ערד־גרודעס, מיט אויגן פאַרטערטע פון פלאַמען, רויך און פּאַניק, מיט קעפּ צעשויבערטע, מיט קליידער צעריסענע. מיר הערן נאָך אַלץ איבער די קעפּ דאָס דרייען פון די טויטברענגענדיקע פּראָפּעלערס. מיר זעען די בליצן פון געוואָרפענע באָמבעס און יעדער שאָס שלאָגט זיך אָפּ הילכיק אין וואַלד און אין אונדזער צעווייטיקט האַרץ.

מיר לויפן נאָך ווייטער. לעבן אַ קליינעם וואַלד־פּלאַץ, אַ פּאָליאַנע, שטייען אַ פּאָר פורלעך, איינגעשפּאַנט אין פּויערישע קליינע, שטאַרקע פערד און פּאָלאַקן לאָדן אויף זיי אַרויף האָב און גוטס. גייען מיר צו נענ־טער, בעטן, אפשר קאָן מען אונדז מיטנעמען. די פּאָלאַקן פאַרטרייבן אונדז מיט שטעקנס און מיט אָנגערייצטע הינט.

— די דייטשן האָבן געזאָגט — שרייען די פּאָלאַקן צו אונדז — אַז ייִדן האָבן געהרגעט דייטשע סאָלדאַטן און זיי וועלן זיך ביטער נוקם זיין אין אייך, ייִדן, דערפאַר...

— אַ ליגן! — שרייען די ייִדן — אַ ליגן!...

— אַן אמת! — רופט זיך אָן אויף אַ הויכן קול ד״ר אַלטער —

אמת! אָבער מיר האָבן דאָך דערמיט פאַרטיידיקט פוילן, פוילישע ערד...

— אַוועק! אַוועק, זשידעס! אַוועק!...

אַ פּאָר רעוואָלווערן האָבן געגעבן אַ בלישטש אין די פּוילישע הענט. די אָנגערייצטע הינט האָבן גענומען שטשירען אויף אונדז די ציין. מיר האָבן זיך דערווייטערט פון זיי און גענומען ווייטער לויפן.

אויפן וועג זענען אָפּגעפאַלן אַ סך, ניט געווען ביכולת מער צו לויפן. אַנדערע זענען צוגעקומען און אַ דריי מנינים ייִדן זענען לויפנדיק ביים וואַלד צוגעקומען צו דער ערשטער שטוב פון דערפל וואָליאַ לאָס־קאַזשעווסקאַ.

פרוי פיינשניידער איז אַריין צום באַלעבאָס, צום פּויער. אַן אַלטער, גוטער באַקאַנטער פון זייער הויז.

— איך וויל אייך בעטן, איר זאָלט אונדז אַריינלאָזן צו אייך אין שטוב אַריין, ווייל די דייטשן יאָגן זיך נאָך אונדז...

דער פויער גיט איר אַ הילכיקן, פלאַמיקן פּאַטש, אַז ציינער און ביי־נער האָבן זיך צעקלונגען.

— אַנטלויפט! ווייל מע וועט אונדז דערהרגענען! — האָט ער נאָך מיט אַ געשריי צוגעגעבן.

באַלד הערט מען אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער און די קוילן לויפן דורך פאַרביי דער גרופּע ייִדן. אַלע פאַלן מיר צו דער ערד אונטער אַ פּאָר בלימלעך אין גאָרטן. גלייך איז אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן מיט רעוואָלווערן אין האַנט און האַנט־מאַשין־געווער אויפן אַקסל. זיי קומען צו צום פויערס הייזקע.

אַלע ייִדן טוען זיך אַ רייס־אויף פון דער ערד און גיבן אינסטינקטיוו אַ געשריי:

— גוט מאָרגן! הייל!

איין ייִד פאַלט אַריין אין התלהבות, הייבט אויף די האַנט צו אַ היט־לערישטישן גרוס און רופט אויס:

— הייל היטלער!

אַ קויל פונעם אָפיצירס רעוואָלווער לייגט אים אַוועק אַ טויטן אויפן אָרט.

מע באַפעלט אונדז אַלע אַרויסגיין פון גאָרטן. די פּאָלאַקן הייסט מען

שטיין באַזונדער. די ייִדן הייסט מען עפענען זייערע פעקלעך און אַלעמאָל שרייט מען צו אונדז:

— איר האָט געהרגעט אונדזערע סאָלדאַטן!

די גרופּע ייִדן גייט אָפּ באַזונדער אין איין זייט און די פּאָלאַקן אין דער אַנדערער זייט. אַלע מאָל טרייבט מען צו אַ נייע גרופּע צו די ייִדן און צו די פּאָלאַקן.

פון דער ווייטנס הערט מען שיסן. דאָס באָמבאַרדירן האָט אויפ־געהערט.

— איר ייִדן וועט באַצאָלן דערפאַר! — שרייען די דייטשן און קריצן מיט די ציין.

הענט און קני הייבן אָן ביי אונדז צו ציטערן. מיר מוזן נעמען די קינדער אויף די הענט, אַזוי יאָגט מען אונדז צום גיין, צו לויפן.

אויף אַ פּלאַץ הינטערן דאָרף האָט מען אָפּגעטיילט, פּאָלאַקן אויף רעכטס און ייִדן אויף לינקס.

אַן אָפיציר הייסט ציילן די ייִדן. אַ גרופּע סאָלדאַטן שטעלט זיך פון הינטן. אַלעמען באַפאַלט עפּעס אַ טויטשרעק, וואָס נעמט צו ביי אונדז דאָס לשון.

פון הימל גייט פּלוצלינג אַ פאַל אַן אומדערוואַרטער האָגל און נאָך אים אַ שטאַרקער שלאַקסרעגן. און לופט פאַלט אַריין אין אַלע לונגען. מע דעכעט פרייער אָפּ.

די גאַנצע צייט פון דער מלחמה האָט נישט גערעגנט, פונקט ווי דער הימל וואָלט געמאַכט יד־אחת מיטן שד, מיט היטלערס חיילות, זיי זאָלן קאָנען מאַרשירן אומגעשטערט, ברענען און הרגענען. אין האַיאָריקן האַרבסט זענען קיין רעגנס נישט געפאַלן. איצט האָט אַ גאָס געטון דער ערשטער רעגן, וואָס האָט אַ ביסל אָפּגעקילט די מוחות און די פאַרשוויצ־טע לייבער.

די דייטשן לאָזן די פּאָלאַקן שטיין און אונדז פירט מען ווייטער. ביי אַ צווייטן פּלאַץ רייסן זיך אַריין אין אונדזערע רייען סאָלדאַטן מיט קאָל־בעס און פּייטשן. מיט ווילדע קולות און געשרייען שטויסן זיי אַרויס, רייסן אַוועק די פרויען מיט די קינדער באַזונדער און אונדז מענער נעמען זיי צעווילדעוועטע יאָגן, ווי אַ סטאַדע בהמות.

דאָס געשריי פון די פרויען און קינדער איז אַזוי יאָמערלעך, אַז

ס׳דערשיטערט דעם מאַרך פון די ביינער און צעשרויפט דעם געדאַנק און דעם זין. עטליכע פרויען האָבן זיך גענומען רייסן, נאָכלויפן נאָך אונדז. אַ פּאָר קלעפּ פון די דייטשן האָבן זיי צוריקגעוואָרפן אויף זייער אָרט.

— יידן, ווידוי — צעשרייט זיך פּלוצלינג דער אַלטער גבאי — איך קאָן נישט מער. דאָ וועט זיין מיין מקום־קבורתי! — און הייבט אָן צו זינגען מיט אַ טרויעריקן גמרא־ניגון...

— ווידוי! ווידוי! — טראָגן זיך שוין קולות פון אַלע זייטן.

און די דייטשן יאָגן. זיי אַליין פאָרן אויף מיליטערישע מאָטאָציקלען. מיט די קאָלבעס יאָגן זיי אונדז אונטער צום לויפן. בלייבט איינער הינטערשטעליק, פאָרן זיי אים ממש אַריין מיטן מאָטאָציקל מיט אַזאַ מין רעש און געפּילדער, אַז דער ייד פליט ווי אַן אויפגעציטערטער ווייטער, אָן אָטעם, אָן כוח.

דער קליינער דאַרער שיע, דער שניט־סוחר, אַ למדן און ירא־שמים, לויפט, שטופּט זיך, ציילט, חשבונט, לויפט צוריק, לויפט אין דער זייט, רייסט זיך אַריין, שטופּט דעם זון אויף לינקס, אויף רעכטס, אויף פאָרויס, אויף איין אָרט אויף אַ צווייטן. די אַרומיקע ווערן אין כעס און פאַרשטעלן אים דעם וועג:

— וואָס איז, שיע? חלילה חסר־דעה? חלילה אַראָפּ פון זינען? וואָס פאַרוואָס ציילן, וואָס פאַרוואָס יאָגן, פליען, אַריבערשפּרינגען?

און שיעלע לויפט ווייטער, יאָגט, רעכנט, יאָגט אַריבער, לויפט צוריק.

— אַן עק, ר׳ שיע. איך וועל אייך דאָ באַלד מקיים־פּסק זיין. דאָ אויף אָן אָרט. יידן לויפן אין טויט־שרעק, חלילה וחלילה, אל תפתח פה לשטן, מע טאָר נישט אַרויסרעדן, און ער שטופּט זיך. רייסט זיך. שטופּט דעם זון ארויף, אַראָפּ. פע! מיאוס! פע!

— לאָזט אים, — שרייען אַנדערע — ער ווייסט וואָס ער טוט! ר׳ שיע, וואָס איז, וואָס רעכנט איר?

ר׳ שיע קליין האָט ענדלעך אויסגעזאָגט דעם סוד:

— לעבן פאַרטשעוו האָבן די דייטשן געכאַפּט אַ גרופּע יידן און אַרויסגעפירט אויפן פרייען פעלד, געהייסן ציילן און יעדן צענטן האָבן זיי דערשאָסן!

— אוי, אוי, אַכטיק און ווייטיק, אוי. הייסט עס, אַז ר׳ שיִע ציילט...

ווי באַנומענע פון אַ פּוריע האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו שטופּן פּאַרויס און צו יאָגן אין אַזאַ ווילדן געיעג, אַז די דייטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה פון דער ענערגיע און אימפּעט.

אַלע זענען געלאָפן פאָרויס, געשטופּט, געריסן זיך. אַלע ווילן זיין פאַרן צענטן.

דער שוחט איז אַנידערגעפאַלן. עולם האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן. שיִעלע מיט זיין זון האָבן געגעבן אַ פלי־צו צו דער ערשטער ריי. פון די ערשטע.

אַלע האָבן זיך געגעבן אַ יאָג און געפּרוווט איבעריאָגן, אָבער לאַנגזאַם זענען זיי אָפּגעשטאַנען. די כוחות האָבן אָנגעהויבן אויסגיין.

שיִעלע האָט גערעכנט:

— איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... און אַ שטופּ דעם בחור פאָרויס. אפשר וועט אויסקומען דער גורל אויף אים, שיִען, צו זיין דער צענטער, איז ער גרייט, אַבי נאָר דער זון זאָל נישט זיין דער צענטער.

— ווידוי! ווידוי! — האָט זיך ווידער דערהערט.

פּלוצלינג האָבן די דייטשן געגעבן אַ שטעל אָפּ די גאַנצע מחנה. פון דער זייט איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָ, קענטיק, מיט אַ גרויסן אָפיציר.

אַלע סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד אויסגעגלייכט און אים אָפּגעגעבן כבוד. ער האָט צוגערופן דעם עלטסטן, אייגגעטענהט מיט אים. שפּעטער צוגעקומען נאָענט צו דער מחנה יידן און אַ זאָג געטון:

— מיר לאָזן אייך היינט פריי, לכבוד אונדזער נצחון. אויב נאָך איין דייטשער סאָלדאַט וועט פאַלן ביי אייך, ווערט איר אַלע דערשאָסן.

די דייטשע מאָטאָציקליסטן־סאָלדאַטן זענען אָפּגעפאָרן אין דער זייט, נאָכגעפאָרן דעם אויטאָ מיטן אָפיציר און די יידן האָבן זיך גענומען צעלויפן.

— צו די ווייבער!

— ניין! נישט צוריק, ס׳איז אַ סכנה!

די ווייבער האָבן אָבער אונדז אָנגעיאָגט. כמעט אַלע מיט די קינדער אויף די הענט.

מע לויפט אָן אַ וועג, אָן אַ פּלאַן, אָן פאַרשטאַנד — געיאָגט פון שרעק, אָן אַ ציל.

אָן אַ מאָרגן! אונטערגעגראָבן און אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל!

— צוריק קיין לאָסקאָזשעוו, אין שטעטל אַריין! — האָט מען גע־נומען שרייען אַלע מאָל העכער.

— נאַראָנים, דאָרט איז אַ העליש פייער! דער גיהנום אַליין, ווי קאָנט איר אַהין צוקומען?

— נאָר אַהין, נאָר אַהיים — האָבן געשריגן די פרויען. דאָ וועט מען אונדז אויסענדיקן.

— אַהיים! קיין לאָסקאָזשעוו, — האָבן פּאַטאַקעוועט מענער, — די גמרא זאָגט, אַז דער פיש אין וואַסער איז אין סכנה, אויף דער יבשה גייט ער דאָך באַלד אונטער... דאָ וועלן מיר אונטערגיין.

באַווייזט זיך, ווידער ווי פון אונטער דער ערד, אַ גרופּע זשאַנדאַרן אָדער עטעס. מיר האָבן זיי נאָך דעמאָלט נישט אַזוי גוט געקענט. זיי שטעלן אונדז אָפּ און הייסן עפענען אויף ס'ניי די פּעקלעך. די דייטשן נעמען אַלץ צו, לייגן די זעקלעך אַוועק אין אַ זייט, טיילן ווידער אָפּ די מענער פון די פרויען און הייסן די מענער לויפן צוריק צום ברענענדיקן לאָסקאָזשעוו.

די פרויען האָבן זיך אַ ריס געטון נאָך אונדז. גלייך איז אָנגעפאָרן אַ דייטשע אַרמיי־גרופּע מיט קאַנאָנען, פעלדקיכן, טאַנקען, טאַנקעטקעס, וועגענער מיט אַמוניציע, מיט פּראָוויאַנט. דערזעענדיק אַזוי פיל לויפנדיקע פרויען, האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן מאַרש און ביז וואָס־ווען האָבן דער גרעסטער טייל פרויען אונדז אָנגעיאָגט אין וועג.

וואָס די פּוילישע אַרמיי האָט נישט באַוויזן — אָפּצושטעלן די דייטשע חיילות — האָבן עס באַוויזן ייִדישע פרויען פון לאָסקאָזשעוו, צע־טומלענדיק זיי מיט פאַרצווייפלטע געשרייען און פאַרפּאַקן מיט זיך דעם שאָסיי.

אין שטאָט אַריין איז געווען אוממעגלעך זיך אַריינצוקריגן. דאָס פייער איז איצט געווען נאָך גרעסער ווי פריער. ס'האָט געסמאַלעט און געבראָטן, דער עולם האָט זיך פאַרנומען אָן אַ זייט, צוצולויפן צום צווייטן וואַלד, וואָס געפינט זיך אַרום שטעטל. מיר האָבן אָבער געזען פון דער ווייטנס דייטשן לויפן אין דער זעלבער ריכטונג, האָבן מיר — באַפאַלענע

פון טויטשרעק — זיך געדרוקט אויף אַלע פיר ווייטער, זיך געראַטשקעט, דערנאָך זיך אויסגעקערעוועט פאַרנומען אין אַ זייט.

אויך דאָ האָבן אונדז געיאָגט די פלאַמען, געהילט אין וואָלקנס רויך. דאָס ברענעניש אין דער לופט האָט זיך איינגעגעסן אין האַלדז.

צענדליקער מענטשן, פרויען, קינדער און אַלטע לייט האָבן איינגע־טונקען די קעפּ אין אַ שמוציקער קאַלוזשע וואַסער, וואָס מיר האָבן גע־טראָפן אין וועג, אַבי אַביסל באַרויִקן און אָפּקילן די שריפה־היץ פון פּנים און גוף. בכבודיקע ייִדן, רייכע באַלעבאָסטעס, געפּיעשטשעטע און גוט געהאָדעוועטע קינדער, זענען געלעגן, געוואַשן זיך און געטרונקען דאָס שמוציקע קאַלוזשע־וואַסער, אין וועלכן ס'קריכן געווייגלעך אַריין די קי, שאָף און רינדער, וואָס קומען אַרויס אין פעלד אויף פּאַשע.

זעענדיק פון דער ווייטנס, אַז דאָרט דרייען זיך אַרום דייטשן, האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן לויפן און דאָ קומט אונדז אַנטקעגן אַ נייע גרופּע דייטשע זעלנער און באַטראַכט אונדז פון קאָפּ ביז פיס.

זענען מיר: די מענער, געפאַלן צו דער ערד און די פרויען מיט די קינדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונדז, ווי אַ לעבעדיקע מויער.

די דייטשן האָבן געקוקט פאַרוווּנדערט אויף דער משונהדיקער מויער, אויף די צו־דער־ערד־געפאַלענע מענער, און האָבן זיך צוריקגעצויגן, אַ פּנים זיך געווענדט צו זייערע אָפיצירן, זיי זאָלן דערקלערן וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס זיי האָבן צו טון.

דער עולם ליגט און האָט זיך מורא צו רירן און די פרויען מיט די קינדער שטייען אַרום. לויפן אין שטאָט אַריין קאָן מען נישט, ס'ברענט. די אַנגעלאָפענע פּויערים האָבן איבערגעגעבן, אַז אין שטאָט זענען פינפ־הונדערט מענטשן פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. אין וואַלד אַריין קאָנען מיר נישט לויפן, ווייל דאָרט דרייען זיך דייטשן מכל־המינים. ליגן מיר און וואַרטן.

באַלד קומען צוריק די פריִערדיקע סאָלדאַטן מיט צוויי אָפיצירן, קומען צו נענטער צו דער „מויער". זיי זעען פון דער ווייטנס די אין טויט־שווייגן־ליגנדיקע ייִדן און איינער רופט זיך אָן צום צווייטן:

— זעסט, דאָס זענען זיי. אָט די אַרמיי האָט מיט אונדז מלחמה גע־פירט. זיי האָבן אונדז אויפגעהאַלטן.

זיי האָבן געקוקט און יעדער קוק האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט

אין די אָדערן און געשאַפן אַ דראַשטש און אַ היץ גלייכצייטיק. אַ מין מוראדיק קדחת פון קעלט און פיבער.

זיי האָבן זיך זאָט נישט געקאָנט אָנקוקן. ווייזט אויס, אַזעלכע ייִדן האָבן זיי נאָך נישט געזען. מיט בערד און פיאות, מיט אויסגעשמירטע קאַפּאָטעס, פאַרסמאָלעטע פּנימער, שוואַרצע, פּחדפולע אויגן, ציטערנדי־קע הענט און פיס. אַלע זענען זיי באַלאָדן. זיי האַלטן אין די הענט ווער אַ טשייניק, ווער אַ טאָפּ, אַ פּעקל, אַ קישן, אַן איבערבעט און נאָך אַזעלכע „געפּערלעכע" כלי־זין.

ליגט די אַרמיי מיט די טשייניקעס און האָט מורא אַן אויג צו עפע־נען און די ווייבער שטייען אַרום, פאַרחושכט, פאַרשוואַרצט, פאַרשמירט, אויסגעברודיקט און ווי פאַרטשאַדעט, פאָלגן נאָך מיט האַלב־וואַנזיניקע בליקן נאָך יעדן ריר, נאָך יעדער תנועה פון די דייטשן און זייערע אָפי־צירן און וואַרטן אויף עפּעס אומגעריכטס.

ענדלעך האָבן די דייטשן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, צוגערופן איין סאָלדאַט און אים געלאָזט מעלדן צום באַפעל:

— אַלע די, וואָס ליגן דאָ, זאָלן נישט ענדערן זייער פּאָזיציע, ביז ס'וועט נישט קומען קיין נייער באַפעל.

זיי זעצן זיך אויף זייערע מאַטאָציקלען און פאָרן אָפּ.

און שוין האָט דער דייטשער סאָלדאַט באַוויזן צו באַהערשן דעם ציוויל־מענטש, דער עיקר דעם ייִד. ליגנדיק אין אימה און פּחד האָבן עט־לעכע פון אונדז שטילערהייט געהייסן זיך אויפהייבן און אַנטלויפן. אָבער דער רוב איז געווען קעגן: — זיי זענען נאָענט, זיי זעען אונדז, זיי וועלן אונדז דערשיסן. און מיר זענען ווייטער געלעגן.

ס'איז אָפּגעלאָפן אַ שעה, אַנדערטהאַלבן, און קיין שום נייער באַ־פעל איז נישט געקומען. ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. דער גאַנצער עולם האָט זיך געטון אַ רייס־אויף פון אָרט און גענומען לויפן צום וואַלד.

אָבער ביים טייכל, ביי דער „זשעקע", ווי מ'האָט עס גערופן, זענען מיר ווייטער געבליבן שטיין, דערשראָקן, אָן כוח און אָן מוט צוריקצו־לויפן.

פון יענער זייט טייכל, הינטער ביימער, איז געשטאַנען אַ גרופּע דיי־טשע סאָלדאַטן. אַן אָפיציר האָט געזוכט אין דער מאַפּע דאָס פלאַכע אָרט פונעם דורכגאַנג פאַר פוסגייער. נישט לאַנג געזוכט האָט ער עפּעס אויס־

געמאָסטן און באַלד צוגעשיקט אַ סאָלדאַט אַ ביסל ווייטער און דאָרט גלייך אָנגעטראָפן אויפן נישט־טיפן אָרט אין וואַסער, וואָס דערמעגלעכט דאָס אַריבערגיין אויפן אַנדערן ברעג.

אַלטע איינוווינער, געבוירענע אין לאָסקאָזשעווו, האָבן זיך געוווּנדערט איבערגעראַשטע. זיי אַפילו האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָ געפינט זיך אַ כמעט טרוקענער דורכגאַנג איבערן טייכל. אויף דער דייטשער שטאַבּ־מאַפּע איז עס געווען פאַרצייכנט.

ווען מ׳האָט געזען, אַז די דייטשן מיינען נישט אונדז, האָבן מיר זיך אַ ביסל באַרויִקט. ווען די סאָלדאַטן זענען אַריבער, האָבן מיר זיך צוגעשאַרט נענטער צו אַ גרויסן, ברייטן פּלאַץ לעבן טייכל און זיך אָפּגעשטעלט אויפן שיינעם, געדיכט־באַגרינטן פּאַשע־פעלד.

אויך דאָ זענען שוין געווען סימנים פון דער מלחמה. ביים טייך איז געלעגן טויט אַ פּוילישער סאָלדאַט. ער האָט געוואָלט, זעט אויס, אַריבערגיין, נאָר די מערדערישע קויל איז געווען שנעלער פון אים. אַ צווייטער סאָלדאַט איז געלעגן דערהרגעט ביים ברעג. אַ ביסל ווייטער איז געלעגן אַ זעלנער לעבן אַ ציווילן און ביידע אָנגעצויגן ווי סטרונעס. זיי האָבן אַ פּנים געשאָסן ליגעדיקערהייט און אַזוי האָט זיי ביידן צוזאַמען געטראָפן דער טויט. אַ פּאָר געהרגעטע פערד האָט אויך נישט געפעלט, אַפילו אַ טויטע בהמה איז געלעגן אויפן גראָז.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. אויפן פּלאַץ זענען אָנגעלאָפן נאָך ייִדן און פּאָלאַקן. אַלע, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריין אין שטאָט צוליבן פייער, האָבן זיך פאַרקערעוועט אַהערצו. די קריסטן האָבן געבראַכט מיט זיך אַפילו די קי און ציגן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעצויגן כמעט פון דער שריפה אַרויס.

ייִדן האָבן מיטגעבראַכט בעטגעוואַנט, טשיינקעס, עסנוואַרג.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ טויש־האַנדל. ייִדישע מאַמעס האָבן געכאַפּט מילך, פרישע מילך, פון דער קו פאַר זייערע קינדער. געבנדיק דערפאַר חלה, קוילעטש און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו כאַפּן פון די ברענענדיקע הייזער, איבערלאָזנדיק די פּעקלעך, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעגרייט אויפן פאַל פון אַ סכנה.

די צוויי מחנות האָבן זיך אויסגעלייגט, די ייִדן נענטער צום טייכל, די פּאָלאַקן נענטער צום וועג צו.

די יידישע מחנה האט גערוישט מיט פחד און גערעדעריי. די פּלאַקן האָבן גערעדט שטיל און רויק.

פּאַמעלעך איז אָנגעקומען דער אָוונט.

די שאָסן האָבן אויפגעהערט, קיין זשומען פון איראָפּלאַנען און אַנדערע קריג־משחיתים האָט מען נישט געהערט. געטראָגן האָט זיך נאָר אַהערצו דאָס פייער און זיין פרעסן. ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און גערוישט אין די אויערן.

דער פּלאַץ איז געווען באַלויכטן, כמעט העל. צייטנווייז האָט מען געהערט ווייטע שאָסן פון דאַמבראָווקער וואַלד און עפּעס ווי אַ תשובה פון די דייטשן, וואָס איז געקומען פון דער לינקער זייט פונעם פּלאַץ.

ביסלעכווייז זענען די פּלאַקן איינגעשלאָפן. די יידישע פרויען האָבן אויסגעלייגט די קינדער אויף די פּערענעס און קישנס, וואָס דער אַלטער יידישער וואַנדערער־אינסטינקט האָט זיי געהייסן מיטנעמען, האָבן זיך צוגעלייגט צו די קינדער און געטוליעט זיי, געשיצט מיט זייערע קערפּערס און וואַרעמקייט. דער באָדן איז געווען קאַלט און נאַס, אָבער פון דער שטאָט האָט געטראָגן ביז אַהער אַ טרוקעניש, וואָס האָט געברענט און געשטיקט אין האַלדז. די קינדערלעך האָבן זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט, געוויינט און געוואָלט טרינקען. די מאַמעס האָבן געשעפּט וואַסער פון דער ברודיקער „זשעקע" צו שטילן דעם דאָרשט פון זייערע טייערע. דאָס וואַסער איז פול געווען מיט צואה, אומריינקייט, באַקצילן און קרענק. פון צייט צו צייט האָט זיך אַ קו צעריטשעט, עפּעס ווי ענטפערנדיק אויף אַ ווידערקול פון אַ ווייטער קו, וואָס האָט געברענט אָדער איז שוין פאַרברענט געוואָרן אין פייער פון שטעטל. אויך די הינט דאָ און דאָרט האָבן נישט געשוויגן און געשטערט דעם שלאָף פון די קינדער.

די מענער זענען געווען אומרויק. מ׳האָט געמאַכט פּלענער, געזוכט עצות. אַ טייל האָט אַרומגערינגלט דעם רב, וואָס איז על־פּי־נס ניצול געוואָרן פונעם ברענענדיקן הויז אַרויס. מיט פאַרגלייזטע אויגן האָט מען אַרויפגעקוקט צום רבונו־של־עולם און געוואַרט אויף אַ נס.

אַלע האָבן זיך איבערגעגעבן די פריידיקע ידיעה, אַז דער בית־המדרש איז נישט אין גאַנצן פאַרברענט געוואָרן. נאָך דעמאָלט, ווען די דייטשן זענען שוין געווען אין שטאָט, האָבן שוין געשאָסן און געברענט, האָבן די גבאים מיטן שמש און צוויי מתפּללים אויסגעגראָבן אַ גרוב און

באַהאַלטן די הייליקע ספר־תורהס. דאָס האַרץ האָט זיך ביי זיי ווי איינ־געשרומפּט, איינגעצויגן פאַר ווייטיק, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט דעם גורל פון די צוויי ספר־תורהס פון שטיבל, וואָס געפינט זיך אין אַ זייטיק געסל, ווו עס זענען געשטאַנען די דייטשע האַרמאַטן.

„הכל תלוי במזל אפילו ספרי־תורה שבהיכל“, אַלץ הענגט אָפּ פונעם מזל, אַפילו די ספר־תורהס פונעם היכל.

צו באַוווּנדערן איז געווען דעם ביז גאָר הויכן גייסט פון אָט די קליינשטעטלדיקע פּוילישע ייִדן, דאָ, אויפן פעלד אַנטקעגן דעם דייטשן רוצח, פּנים־אל־פּנים מיטן אָנזאָג פון חורבן און אומקום.

אַרום זיי ליגן זייערע שלאָפנדיקע ווייבער און קינדער, אין נויט און פּיין, אויף דער נאַסער, קאַלטער פּוילישער ערד. פאַר זייערע אויגן ברענט זייער שטעטל, זייער האָב־און־גוטס, וואָס זיי האָבן זיך פאַרשאַפט אין משך פון זייער גאַנץ לעבן, אין האַרעוואַניע און צרות. טייל מאָל נאָך אַ ירושה פון דורות, פון טאַטעס און זיידעס. דער מוח ברענט. מחשבות יאָגן זיך אין יעדן איינעם: וואָס וועט זיין מאָרגן? ווּהין גייט מען מאָרגן? וואָס וועט זיין מיט ווייב און קינד, מיט לעבן און אַרבעט, מיט צוקונפט און אויסזיכט? אַלץ ברענט דאָך, אַלץ שטייט אין פלאַמען פייער, דאָס לאַנד, די ערד, דאָס שטעטל, די פּרנסה, די געזעלשאַפט, דער מאָרגן! און דער שונא איז דאָך אַזאַ גזלן, אַן אַכזור — אַ פּחד!

און דאָ שטייען זיי, די אין פייער איינגעהילטע ייִדן פון שטעטל און פרייען זיך מיט די אָפּגעראַטעוועטע ספר־תורהס און דאָס האַרץ טוט זיי ווי אויפן גורל פון די צוויי אַנדערע ספרים פונעם נישט־זיכערן גורל זייערן, ווייל זיי זענען געווען אין אַ געסל, ווו די דייטשע האַרמאַטלעך זענען געשטאַנען. איי פונעם געסל איז נישטאָ קיין איין ייִד צווישן זיי און דער גורל פון אַלע ייִדן פון דאָזיקן געסל איז נישט זיכער — דאָס איז אַ צרה פאַר זיך. אַן אומגליק, אַ שרעק! אָבער צוערשט קלאַפּט דאָס האַרץ אויף יענעם גורל, אויפן אומזיכערן גורל פון די ספר־תורהס.

מיר האָבן גאָר שטאַרק געליטן דערפון, וואָס אונדזער האַרץ איז שוין געווען אַן אַנדערס. ייִדיש אָבער אַנדערש. אונדז האָט געקלאַפּט אין האַרצן און געציטערט דער גורל פון ווייב און קינד, פון לאַנד און צו־קונפט. נאָר אין אַ ווינקעלע, און אויך דאָרט רעכט נישט אַנזעעוודיק איז געווען פלאַץ פאַר אַזאַ שותפות־ווייטיק, ווי ברענענדיקע ספרים אָדער די

אומזיכערקייט מיטן גורל פון די ספרים. אונדז האָט דער פּחד פון היינ־טיקן טאָג געעקבערט אין מוח. די קליינשטעטלדיקע יידן האָבן אונדז אַריינגענומען אין קאָן אַריין. דער רב און אונדזערע שטעטל־פּערזענלעכ־קייטן האָבן אויסגעדריקט זייער צער, וואָס אַזעלכע צוויי וויכטיקע לייט, אַ דירעקטאָר פון אַ רבנים־סעמינאַר און אַ וויכטיקער ציוניסטישער פּי־רער און שריפטשטעלער מוזן טיילן דעם גורל, מיטמאַכן אַ שריפה פון אַ קליין שטעטל.

— אַ שריפה אויף אַלע אופנים — האָט געטענהט דער רב — עפּעס דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישט סתם קיין שריפה, חלילה, אל תפתח פה לשטן, איז עס עפּעס ווי, להבדיל, גלייך צו דער שריפה פון בית־המקדש. נישט די הייזער ווערן פאַרברענט, נישט גאָר פאַרמעגן, דאַכט מיר אויך, אַז מער, אַ סך מער ברענט. מע דערציילט, אַז דער הייליקער מגיד, דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש...

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה רבישע מעשיות, באַלויכטן פונעם אָפּשיין פון ברענענדיקן שטעטל. אַ פייער פון התלהבות און גרויסער אמונה האָט געברענט אין יידישע הערצער, באַגלייט פון די פייערצונגען פון דער שטעטלשער שריפה, פון זייער ברענענדיקער היים.

— אַ שריפה. ס׳ברענט. עפּעס מער, ס׳ברענט, אפשר, אונדזער לעבן

— האָט אַ זאָג געטון, אַזוי ווי צו דערענדיקן דעם רבס מחשבות, ד״ר אַלטער, גייענדיק אַהין און צוריק.

— שטילער, יידן, זשידעס — האָט זיך אַלע מאָל געהערט פון דער זייט, ווו די פּאָלאַקן זענען געשלאָפן.

יידן האָבן געשעפּטשעט, געמורמלט, געשוויגן רעדעווודיק און גע־רעדט שווייגנדיק.

* * *

שפּעט ביינאַכט. זעלטן ווער עס שלאָפט. דער רב און אַ פּאָר יידן האָבן שוין אָפּגעריכט חצות, אַנדערע זענען געשטאַנען, זיך צוגעהערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרביי׳סנדיק די ליפּן,

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין מאָרגן?

גרופּעסווייז שטייט מען און מע קוקט אויפן ברענענדיקן שטעטל.

— גיט אַ קוק, מיין הויז ברענט אַצינד. כמעט שוין פאַרקוילט. דער דאַך איז שוין נישטאָ.

— מיין שלאָפּצימער ברענט — האָט געוויזן מיטן פינגער דער שטעטלשער גביר און דער שטערן האָט זיך געקנייטשט ווי איינגע־קאָרטשעטער פּאַרמעט. ער האָט געקוקט און געזען זיין שטוב, זיין שלאָפ־צימער. די וויג פון דורות, וואָס ער האָט געוואָלט איבערלאָזן אויף ווייטערדיקע דורות, גייט אויס פאַר אים אין די אויגן. און ער שטייט פון ווייטנס און ציטערט. דאָס האַרץ קאָרטשעט זיך, די אברים טוען וויי און די פּיס רירן זיך נישט פון אָרט. ער קאָן נישט ראַטעווען, גאָרנישט!

— נאַט, זעט, מיין שפּייכלער, מיין שפּייכלער — האָט זיך געקניפּט די באַקן אַ הויכער, ברייטביינעקער ייד — שוין אַ קופּע אַש. אוי, וויי, אַזוי פיל תבואה. אוי, מיין שפּייז, מיין לעבן, מיין שפּייכלער, אוי, אוי, ווי ער איז פאַרשרפהט. קויל, קויל...

— קוקט נאָר, קוקט. — האָט זיך אַ קליין יידל צעשריגן, אַז די פּאַ־לאַקן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו שרייען און פּאָדערן, ס׳זאָל זיין שטיל, די יידן זאָלן גיין שלאָפן.

— גיטס נאָר אַ קוק — האָט ממשיך געווען דאָס קליינע יידל אין דער שטיל — דאָרט אין געסל, אין דער זייט פון דער וואַרשעווער גאַס, איז דאָס פייער אָוועקגעגאַנגען, דער ווינט האָט עס פאַרטראָגן אין אַ זייט. מיין שטוב איז געבליבן, מיין הייזקע איז גאַנץ. קוקט, קוקט!...

— די טומאה ברענט. די טומאה פלאַקערט, די טומאה...

— אוי וויי, די שיל, די שיל ברענט, די שיל... ווי גרויס זענען אונ־דזערע זינד, ווי גרויס זענען אונדזערע עבירות, רבונו־של־עולם.

יאַסימאַ איז געשלאָפן, פנינה האָט זי אַרומגעטוליעט, אַרומגע־וויקלט מיט אַלץ וואָס זי האָט געהאַט: אַ מענטל, רעקלעך, עפּעס אַ דעק. קיין פּערענעס און קישנס, ווי די שטעטלדיקע האָבן מיטגעבראַכט, האָבן מיר נישט געהאַט.

כ׳בין איצט אַרומגעגאַנגען לענג־אויס דעם טייכל, דער „זשעקאַ". געטראָפן אַלע מאָל געהרגעטע פּוילישע סאָלדאַטן. מסתמא איז דאָ גע־ווען עפּעס אַ פּאָזיציע, אַ שלאַכטפעלד.

ליגט אַ פּוילישער סאָלדאַט, האַלט צו מיט דער האַנט דאָס האַרץ. דאָ האָט אים, אוודאי, געטראָפן די קויל, די לעצטע, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין האַרץ און צו זיין לעבן.

אָט דאָ ליגט ער, אַ זון פון פּוילישע טאַטע־מאַמע, אפשר אַ טאַטע

פון אַ יונגן זון, אַ ברודער פון אַ שוועסטער, אפשר אַ מאַן פון אַ ווייב, אָדער אַ חתן פון אַ כלה. מע וואַרט אויף אים דאָרט אין דער היים. מע ציטערט וועגן זיין לעבן. מע זינגט אַ ליד פון מלחמה, מע זאָגט תפילה. און די מאַמע, די שוועסטער, די כלה וועבן אַריין אין זייערע תפילות אַ בקשה פאַרן געזונט און לעבן פון זייער ליבן, אפשר געליבטסטן מענטשן. טרערן רינען שטיל און באַגלייטן אים אויף אַלע וועלדער און פעלדער, אויף אַלע וועגן און סטעזשקעס. מע וואַרט אויף אים!

און ער ליגט דאָ טויט! אויף אייביק טויט. ס׳וועט אים שוין קיינ־מאָל נישט זען די מאַמע, די שוועסטער, נישט הערן זיין געלעכטער, נישט זען זיין אַרבעט, נישט פאַרנעמען זיין געזאַנג, נישט וויסן פון זיין לעבנס־געראַנגל — די פרוי, די כלה.

ער ליגט דאָ טויט. אָבער נישט אַליין. אַרום און אַרום אַ סך, אַנ־דערע פונקט ווי ער, אַזוי געליבט, אַזוי פול מיט האַרץ און לעבן. פונקט אַזוי געלעבט. זיי ליגן אויסגעלייגט, טויט — פוילנס זין, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער יונג, פריש, צאַפּלדיק לעבן פאַרן ווויל פון זייער הייס־געליבטן פאָטערלאַנד און אַ פרעמדער, רוצחישער זון פון אַן אומגליקלע־כער מאַמע, אַ פאַרשאָלטענער זון, פון הונענבלוט און גערמאַנען־שורש, האָט עס ביי זיי צוגענומען.

דער גורל פון מלחמות! דער גורל פון מענטשלעכער חיה־פּאַרציקע־ניש און בעסטיע־פרעסעניש.

דאָס קנאַקן פון די ווענט, פון די איינפאַלנדיקע ווענט, פון שטיינער און ציגל, וואָס שיטן זיך, איינצלנע שאָסן, וואָס מ׳האָט געהערט פון נאָענט, און ווייטע, גאָר ווייטע פאַרדומפּענע ווידערקולות פון האַרמאַטן אָדער באָמבאַרדירונגען, און די פלאַמען, וואָס זענען פאַמעלעך איבערגעגאַנגען פון ברענענדיקן גאָלדקאָליר צו אַן אָפּגעבלאַקעוועטער גאָלדפאַרב האָבן מיטן דערנענטערן זיך פונעם מאָרגנשטערן, אַנגעהויבן בלייכן, ס׳האָט גענומען נאָגן אין האַרצן און ציִען ביי דער נשמה.

עפּעס אַ בענקעניש, אַ קרענקעניש, אַ פלאַמעניש און אַ ציטערניש האָט זיך אַריינגעגנבעט אין די הערצער און אָנגעוואָרפן אַן אימה, אַוועק־געשטעלט מיטן אכזריותדיקן פּרצוף די גאַנצע גרויסקייט און וואָגיקייט פון דער פראַגע: וווהין? דער מאָרגן קומט באַלד, ער איז שוין דאָ. וווהין איצט? וווהין? אַלץ איז פאַרברענט, די וועגן אין סכנה!

— וואַרשע? אפשר צוריק קיין וואַרשע? — האָט שטילשווייגיק גע־טראַכט ד״ר אַלטער.

מיר צוויי, ד״ר אַלטער און איך, האָבן פולשטענדיק פאַרלוירן אונ־דזער אָריענטאַציע. דאָס שטעטל ברענט, די וועגן שפּייען מיט פייער און טויט, וואַרשע איז איין גרויסער פלאַם, ווי די פּאַלאַקן האָבן איבערגע־געבן. דערגיין צו די היימען וועלן מיר נישט קאָנען, צוריק צו אונדזער וואַרשעווער היים — שטייט אַ פייערבאַרג אין מיטן. איז וואָס טוט מען, ווּהין לויפט מען מאָרגן?

— דער גורל, דאָס אומגליק, דאָס פייער האָט אונדז פאַרבונדן מיט די יידן דאָ פון שטעטל. וועלן מיר לויפן מיט זיי, טון דאָס וואָס זיי טוען; גיין דאָרט און זיין דאָרט, ווּהין זיי וועלן גיין — האָבן מיר באַ־שלאָסן.

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט מען דערזען, אַז ס׳זענען דאָ צוויי באַזונדערע, געטיילטע מחנות דאָ אויפן פוילישן פעלד.

די פּאַלאַקן האָבן זיך, אין משך פון אַ קורצער צייט, אַלע געגעבן אַ טראָג אָפּ. ווער צו אַ קרוב, צו אַ גואל, ווער אין אַ שכנותדיק דאָרף, ווער צו זיך אַהיים, צו זיין גאָרטן, פעלד.

געבליבן זענען די יידן, פאַרלוירן, אָן אַ פּלאַץ אונטער דער זון, אָן אָרט אויף דער ערד ווו אַוועקצולעגן דעם קאָפּ. אָנטקעגן הערשט די מורא, דער ברענענדיקער און טויטנדיקער שונא.

אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן דער אָנזאָג, אַז שולדיק אין אַלע־מען זענען די יידן. די דייטשן האָבן גאָרנישט צו די פּאַלאַקן, נאָר צו די יידן. אומעטום און אין לאַסקאַזשעוו ספּעציעל. די יידן האָבן געבויט די באַריקאַדעס און דערהרגעט דייטשע סאָלדאַטן.

דער אייביקער שעיר־לעזאָזל, דאָס שעפּעלע וואָס מע צעשמעטערט, דאָס ציגעלע, וואָס מע מוז דערהרגענען, כדי מוחל צו זיין די זינד פון אַנדערע.

די יידן זענען געבליבן אַליין אויפן פעלד. מאַמעס האָבן אויסגע־ווישט די אייגעלעך פון די קינדער, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף; צוגעדעקט און איינגעטוליעט בעסער די עופהלעך וואָס זענען נאָך גע־שלאָפן. אַנדערע זענען נאָכגעלאָפן נאָך די פּאַלאַקן, געבעטן נאָך אַ ביי־

סעלע מילך פון דער קו פאַר די קינדער, כאָטש אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געקויפט מילך נאָר ביים מילך־ייִד.

אין גרופּקעלער זענען איצט געשטאַנען די ייִדן און זיך באַראָטן. פון שטעטל איז אָנגעלאָפן אַ כמעט פאַרברענטער ייִד, מיט בראַנדיקע ווונדן, און איבערגעגעבן, אַז אויף דער גאַרוואָלינער גאַס האָט עמעץ דערהרגעט ביינאַכט אַ דייטשן סאָלדאַט און די דייטשן האָבן געברענט און געבראָטן לעבעדיקערהייט אַלע, וועמען זיי האָבן געטראָפן, דער עיקר ייִדן. אויך דער דאָקטער, וואָס איז געוווען ביי די פּיינשניידערס, איז פאַרברענט. אַלע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערן זענען שוין פאַרקוילט. אַ סך האָבן געפּרוווט אַנטלויפן — האָט מען זיי געשאָסן אָדער אַריינגעטריבן אין פייער אַריין. ער אַליין איז על־פּי־נס נישט פאַרברענט געוואָרן אין גאַנצן, ס'האָט אים אָפּגעראַטעוועט דאָס פערד, דאָס געפּגרטע, וואָס האָט אים פאַרדעקט און דער ווינט וואָס האָט אָוועקגעטריבן דאָס פייער.

צווישן עולם איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע יללה. איצט האָבן געוויינט אַלע. עטלעכע מענטשן האָבן געוואָלט לויפן אין שטאָט אַריין ראַטעווען... אַנדערע האָבן זיך געוואָלט זעצן שבעה, זאָגן קדיש.

באַלד האָבן ייִדן אַריבערגעוואָרפן טליתים איבער די אַקסלען, תפילין האָבן זיך באַוויזן אויף די קעפּ. אַלץ אַזעלכע פאַרמעגנס, וואָס מ'האָט אין דער גרעסטער סכנה נישט פאַרגעסן מיטצונעמען. אין מיטן דער יללה האָט זיך דערהערט דער אַלטער, אָנגעוויייטיקטער, פאַרצייטיש־מאָ־דערנער, פאַרצווייפלט־גלייביקער, טונקל־געלייטערטער ניגון פון ייִדישן דאַווענען.

פלוצלינג האָט מען דערהערט אַ פּאָר שאָסן, ביקסנקנאַלן פון גאָר נאָענט, פון דער זייט פון דאָמבראָווקער וואַלד. אין אַ קורצער הפסקה — אַנדערע שאָסן, אַזוי ווי אַ תשובה אויף די פריִערדיקע.

מיר האָבן באַשלאָסן צו לויפן אין דער פאַרקערטער זייט — אין דאָרף אַריין.

מיר זענען צוגעלאָפן מיטן גאַנצן לעבעדיקן פאַרמעג ביז צו אַ בריקל איבער אַ זומפּיקער בלאָטע פונעם טייכל. מיר זענען אַריבערגעלאָפן די קליאַדקע, אָבער די פּרויען און קינדער זענען געבליבן הינטערשטעליק. דאָ האָט מען דערהערט אַ שאָס, ווי איבערן קאָפּ ממש.

אין בהלה זענען מיר אַלע געלאָפן אויף צוריק, צום פעלד צו. אָבער

איצט האָט שוין דאָ געהערשט אַ פּאַניק און אַ כאַאָס. די שאָסן האָבן געשראָקן. פון דער ווייטנס האָט מען דערזען אַ פּאָר באַוואָפנטע דייטשע סאָלדאַטן לויפן אין דער ריכטונג פון פעלד און אַלץ האָט זיך גענומען שטופּן, יאָגן, פליען, וועקן די קינדער, פּאַקן, וויינען, וואָרפן, רייסן, ווי אין אַ פאַרצווייפלטן, נישט־נאָרמאַלן שדים־טאַנץ.

מיר מיט אונדזערע משפחות האָבן שוין נישט געוואַרט. ווידער זענען מיר געלאָפן אין דער ריכטונג פון דאָרף און צוקומענדיק צו דער קליאַדקע האָבן מיר, אין האַסטיקן און איבערגעשראָקענעם געיעג, געכאַפּט די קינ־דער אויף די הענט און מיט דער הילף פון צוויי חלוצים, די וואָרקער חלוצים, וואָס האָבן זיך געיאָוועט אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, זענען מיר אַריבער די קליאַדקע, און געלאָפן מיט אַלע כוחות, וויפל מיר האָבן פאַרמאָגט כוח.

אַ בערגל פירט צום דאָרף. סאָפּענדיק ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, שוויצנדיק ווי אין פּרייטיקדיקן מרחץ, ציטערנדיק פאַר פּחד און אַנגסטן, זענען מיר געפלויגן און מיט אונדז די צוויי חלוצים.

אויפן בערגל אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ גרופּקעלע פּויערשע הייז־קעס, ווירטשאַפטן, סאָסינקי האָט מען גערופן דאָס אָרט.

מיר און אונדזערע משפחות האָבן שוין נישט געקאָנט צולויפן ביזן דאָרף אַריין. מיר האָבן באַשלאָסן צו בלייבן דאָ אינעם פּאָר־דערפל. די חלוצים האָבן אונדז געפּרוווט איבערצייגן, אַז דאָ איז צו נאָענט צו לאָס־קאַזשעוו, בעסער צו לויפן אַ ביסל ווייטער, ביזן דאָרף, אָבער די כוחות אין שרעק האָבן נישט געלאָזט זיך רירן פון אָרט. זענען זיי צוויי אַוועק ווייטער. מיר זענען געבליבן.

איבערגעלאָזט די משפחות אויפן פרייען פעלד, זענען מיר ביידע, ד״ר אַלטער און איך, געגאַנגען צו דער ערשטער שטוב, געוואָלט אָנקלאַפּן און בעטן אַן אָרט. ביידע האָבן מיר אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּוילישן פּנים, אויסזען, שמייכל און רויִקייט, דעם פּאַלאַק. מיט אונדזערע שטע־טישע היטלען, קאַפּעלושן, אויף די קעפּ, און מיט אונדזער ריינעם, שיי־נעם, קלינגענדיקן פּוילישן לשון, האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין דעם פּויער, וואָס איז צו אונדז אַרויסגעגאַנגען, אַז מיר וואָלטן געוואָלט באַ־ערן זיין דירה מיט אונדזער אַנוועזנהייט, אים געבן די מעגלעכקייט אָנ־צוווענדן לגבי אונדז די אַלטע באַרימטע פּוילישע גאַסטפריינטלעכקייט,

אויך די פויערטע איז אַרויסגעקומען. זי האָט אונדז אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז אַראָפּ. קענטיק, מיר האָבן איר אימפּאָנירט, אַזעלכע צוויי שטאַטישע, וויכטיקע, רייך־אָנגעטוענע הערן.

זיי האָבן אונדז אַריינגעבעטן אין דער אָרעמער, ליימענער, כאַטקע מיטן שטרויענעם דעכל. מ'האָט אונדז געוואָלט מכבד זיין אַפילו מיט אַן עסן, ראַזעווע ברויט מיט מילך און אַ ציבל דערצו.

מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרפירן אַ שמועס וועגן מלחמה, דייטש, שריפות, וועגן משפחות, כדי אַרויפצוברענגען די פויערים אויפן געדאַנק פון רחמנות, קליינע קינדער, פרויען, פליטים, מע דאַרף ראַטעווען; זענען אָבער אין צווישן אָנגעלאָפן אַנדערע ייִדן מיט פעק און זעק, מיט קינדער און געשריי און דאָס גאַנצע בילד האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט.

געלט, צוזאָגעכצער, זכרונות, געבעטן האָבן באַוויזגן די פאָר פויערים פון די עטלעכע קליינע ווירטשאַפטן צו עפענען זייערע דירות, זייערע שטאַלן, זייערע סטאָדאָלעס, זייערע גרויסע אויוונס אויף די הייף, אַלץ כדי אַריינצונעמען און געבן אַ נאַכט פאַר די אַלע ייִדן, וואָס זענען געלאָפן פון פּלאַץ לעבן טייכל, צום דאָרף און נישט דערלאָפן, געבליבן דאָ, אין סאָסינקי.

נאָכמיטיק זענען געקומען צולויפן אַ פּאָר אָפּגעסמאַלעטע, פאַרשרפּהטע ייִדן, מיט אַ געוואַלט — קובר זיין די מתים!

מע לאָזט נישט קובר זיין די מתים. אַריבער הונדערט ייִדישע מתים ליגן אויף די גאַסן, גאַנצע, צעשטיקלטע, פאַרברענטע, אָפּגעברענטע, דערשאָסענע. די עטלעכע האַלבטויטע, וואָס זענען געבליבן אין שטעטל, האָבן זיי געוואָלט קובר זיין אויפן ייִדישן בית־עולם, האָבן די דייטשן נישט געלאָזט, גענומען שלאָגן מיט קאָלבעס, מיט פייטשן און אַלעמען צעיאָגט.

— צוערשט מוז מען אַריבערפירן די דייטשע סאָלדאַטן, צום באַגראָבן, און אין שפּיטאָל — האָבן די דייטשן געשריגן. ס'שטייט אַ גאַנצע קאָמיסיע שוין אַ פולן טאָג און פאַרשרייבט יעדן דייטשן געהרגעטן סאָלדאַט, מעסט, צייכנט, און מע רירט זיי נישט פון אָרט.

— מע דאַרף אַ סך קברנים, באַגרעבער — האָבן פאַרלאַנגט די פון שטעטל געקומענע. אַ סך קערפּערס זענען פאַרברענט, פאַרקוילט. ווי נאָר מע רירט זיך צו צו זיי צעפאַלן זיי זיך. מוז מען כמעט יעדעס אבר נעמען באַזונדער,

אויפדערנאַכט האָט מען צונויפגענומען טליתים, לייוונט און וועש, צו מאַכן פון זיי תכריכים, לויטן דין, און אַ גאַנצע ריי ייִדן האָט זיך געלאָזט מיט יללה, געוויין און פחד גיין אין שטעטל אַריין, קובר צו זיין די מתים, ביינאַכט, ווען מע וועט זיי נישט קאָנען שטערן.

די זעלבע נאַכט האָבן מיר איבערגעלעבט אין דער דאָרפישער כאַטע אַ ריין דאָרפישע אָרעמע מלחמהדיקע נאַכט. עפּעס אַ שטשאָר האָט דער־פילט דעם ריח פון פריש לייב ליגן אויף פרישן שטרוי, וואָס דער פּויער האָט געבראַכט פון דער סטאָדאָלע און אויסגעלייגט אויף דער ערד פאַר זיינע שטאָטישע לאָקאַטאָרן, דער שטשאָר האָט אָנגעהויבן גריזען די פּאָד־לאָגע, כדי א פּנים זיך מיט אונדז נענטער צו באַקענען. די שרעק פון די שטאָטישע פרויען און קינדער איז געווען גרויס און מיר, די צוויי גבורים, די צוויי מענער, האָבן אין מיטן דער נאַכט, איבערגעביטן אונדזער געלע־גער, זיך געלייגט אין דער זייט פון וואַנען די שטשאָרעס האָבן אָנגעג־גריפן. די קינדער האָבן מיר איבערגעלייגט פון דער צווייטער זייט. דער שטשאָר איז אויך געווען אַ גאַנצער חכם, און האָט איצט אָנגעהויבן דאָס גריזען די פּאָדלאָגע פונקט פון דער זייט, ווו עס זענען געלעגן די קינ־דער. די שרעק און די געוואַלטן איז נישט געווען מעגלעך איינצוהאַלטן. די פּויערים האָבן אונדז פּשוט געוואָלט אַרויסוואַרפן.

אין דער פינצטערער נאַכט האָט מען פון דער ווייטנס געהערט שיסן, לונעס זענען געשטאַנען גאָר נאָענט. דאָס קליינע הילצערנע שטיבל צי־טערט און וואַרפט זיך. אַרום פאַרגנבענען זיך ייִדן אין שטעטל אַריין, כדי צו באַגראָבן זייערע מתים, און מיר זיצן אין שרעק און אומזיכערקייט, אַ שטשאָר, שאָסן, קברים, דייטשע רציחה.

אין דער פרי האָבן מיר באַגייט אונדזער בקשה, אונדזער פאָרשלאָג ביים באַלעבאָס אונדזערן, פראַנק וואַוער, ער זאָל מיט אונדז פאָרן קיין לובלין. כאָטש מיר האָבן געוווסט, אַז לובלין ברענט, אַז דער וועג קיין לובלין איז איין גרויס גיהנום — האָבן מיר אָבער פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער וועג פון ראַטעווען זיך, איז אַנטלויפן קיין מזרח, קיין דרום, ווייט פון דייטש. דער צונויפטרעף מיט אים האָט צעשטערט יעדן פּלאַן פון בלייבן דאָ, מיט אים.

בייטאָג האָבן מיר באַקומען אַ שטיקל פון אַ פּוילישער צייטונג „דאָ־ברי וויעטשור", פון וואַרשע, און אַ מאָדנער געפּיל פון „ויחד", פון פרייד

באגלייט מיט שטעכעניש, אַ ויתרוצצו, האָט אַלעמען אַרומגענומען. אין דער צייטונג איז געווען אָנגעגעבן וועגן גרויסע פוילישע נצחונות, וועגן מפּלות וואָס דער דייטש ליידט אומעטום, פון גבורות פון פּוילישע סאָלדאַטן.

דאָרט איז געווען געשריבן, ווי וואַרשע האַלט זיך פעסט און איז נישט צום באַזיגן. דער דייטש איז שוין געווען נאָענט פון די וואַרשעווער פאָרשטעט. איצט האָט מען אים שוין אין גאַנצן פאַריאָגט. אויך האָט מען איבערגעגעבן וועגן דער הילף, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך גרייטן שוין צו. נישט ווייט איז דער טאָג פון פּוילנס נצחון.

דורכן זייטיקן וועגל זעט מען לויפן אין דער ריכטונג צו די וועלדער אַנטלאָפענע פּאַלאַקן פון פאַרשידענע פּראָנטן, פון ברענענדיקע שטעט. אַלע געבן איבער שרעקלעכע ידיעות, דערציילן וועגן ווילדע, מערדערלעכע, גרויליקע געשעענישן.

וואָווערס אַ קרוב איז געקומען צו לויפן, נישט טויט, נישט לעבעדיק, מיט אויגן איבערגעשראָקענע פּונקט ווי ביי די אַנטלויפנדיקע ייִדן. ער איז געווען אין דער אַרמיי לעבן לובלין. די דייטשן האָבן זיי פאַרכאַפּט נאָכדעם ווי זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט באָמבאַרדירט זייער פּאָזיציע. אין דער פרי האָבן זיי מיט טאַנקען געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד. זיי זענען געווען זעקסהונדערט געפאַנגענע. דער דייטש האָט ביי זיי צוגענומען דאָס געווער, זיי אויסגעשטעלט אין רייען אויף אַוועקצופירן אין אַ לאַגער. אויסער דער שטאָט האָט מען זיי געהייסן לויפן. פלוצלינג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן שיסן אין זיי פון הינטן. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. אַלע זענען געפלויגן ווי צעווילדעוועטע. אָבער דאָס שיסן האָט נישט אויפגעהערט. די צאָל אַוועקגעפאַלענע — טויטע און פאַרוווּנדיקטע — איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. הינטערשטע רייען האָבן זיך אָנגעהויבן צו רייסן אויף פאָרנט כדי אַרויסצוקומען פון דער שיסעריי. די פאָדערשטע האָבן גענומען צוריקשטופּן און געמאַכט אַ לעבעדיקע קייט, פון צוויי־דריי רייען, כדי נישט דורכצולאָזן די הינטערשטע, וואָס זענען אַריין אין אַ מין שגעון, האָבן געביסן, געריסן, געשלאָגן אין די אויגן אַריין די אייגענע ברידער, די אייגענע סאָלדאַטן. אַרום פירהונדערט פון זיי זענען געפאַלן טויט.

ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן און געהאַלטן אין איין ציטערן ביי יעדן

שאס וואס ער האט געהערט, ביי יעדן איינראפלאן־געריוש וואס האט זיך דערטראגן אהער.

דער באלעבאס אונדזערער, פראנק וואווער, האט אפילו נישט גע־וואלט הערן איצט פון פארן. אויך די אנדערע פויערן, צו וועלכע מיר האבן זיך געווענדט, האבן מיט געבייזער אפגעווארפן אונדזער בקשה, כאטש מיר האבן זיי צוגעזאגט ממש צו באגילטן.

אויף אלע וועגן און שטעגן האבן זיך אנגעהויבן באווייזן משונהדיקע גרופקעלעך צו פינף פאלאקן. איינער פארויס און צוויי רייען צו צוויי הינטער אים. זיי זענען רויק, פעסט, קוקן זיך אלע מאל ארום אין אלע זייטן און שפאנען אין דער ריכטונג צו די וועלדער צו.

די פויערן האבן איבערגעגעבן, אז דאס זענען די רעשטלעך פון דער צעשלאגענער פוילישער ארמיי, וואס ציען זיך אין די וועלדער אריין, כדי דארט זיך אויף ס'ניי צונויפצונעמען און אנהייבן די מלחמה מיטן רוצ־חישן שונא. א סך פון זיי ווידער זענען יונגע לייט, וואס האבן פארלאזט די הויפטשטאט דעם 6טן סעפטעמבער, ווען דער פארעטערישער פולקאוו־ניק אומיאסטאווסקי האט געהייסן אלע יונגע לייט פארלאזן ווארשע. דעם פולקאווניק האט מען באלד געהרגעט און די יונגע לייט ציען זיך איצט צוריק, קיין ווארשע — קעמפן, פארטיידיקן.

ווידער האבן מיר ביידע — איך און ד״ר אלטער — זיך געשלאגן מיט דער דעה. אפשר, באמת, צוריקפארן קיין ווארשע. קיין לובלין, צום אויסגעטרוימטן שליסל־ארט, פון וואנען ס'פירן די וועגן צו די טויערן פון פרייהייט און לעבן — קיין דרום און קיין מזרח —קאן מען זיך נישט דערשלאגן. דא אויף דעם ארט טאר מען נישט בלייבן. די סכנה איז דא גרויס. ס'האט נישט צומאל קיין זין און קיין תכלית דא צו בלייבן!

די וועגן אין אלע ריכטונגען זענען אבער געווען לעבן־געפערלעך און קיינער, קיינער נישט, אפילו נישט דוד וויינציגער, וואס האט איינגעלייגט וועלטן כדי צו העלפן, איז נישט געווען ביכולת עפעס צו טון פאר אונדז.

די שיסערייען האבן אנגעהויבן צו קומען אלע מאל נענטער צו אונדז, דער עיקר פון דער זייט פון די וועלדער, פון דאמבראווקע.

די דייטשע סאלדאטן־מאטאציקליסטן און די, וואס זענען געפארן מיט אויטאס, אדער טאנקען, פלעגן זיך אומקערן, אפשטעלן, זוכן אן אנ־דערן וועג, ווען זיי פלעגן צוקומען צו די וועלדער.

פוילנס וועלדער זענען געבליבן טריי זייער פאטערלאנד. דאס גע־

היימע, פאַרבאַרגענע שווייגן זייערס האָט אַנגעוואָרפן אַן אימה אויף די סאָלדאַטן פון דער „שטאַרקסטער" אַרמיי אין דער וועלט. צוקומענדיק צום וואַלד, פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן, באַשיסן און פאַרקערעווען אין אַ זייט, נישט אַריינגעפאָרן אין וואַלד אַריין.

ליידער האָט קיינער נישט אויסגענוצט ווי געהעריק דעם פּאַטריאָטיזם פון פוילנס וועלדער, חוץ די יונגע, אומדערפאַרענע סאָלדאַטן. די פירער זענען אַנטלאָפן, ווי ס'איז תמיד דער גורל פון פוילן. אַמאָל האָט זי צעפרעסן די אייגענע שליאַכטע, היינט האָט זי איבערגעגעבן אין שונאס הענט די עליטע, די סמעטענע, די געוועזענע לעגיאָנערן־פירער.

ווידער האָט מען דערציילט נסים ממש פון דער גבורה פון די יונגע אָפיצירן, און דער עיקר אַז די ייִדישע אונטערלייטענאַנטן אָדער פּאָדכאָראַנזשעס (פאָנענטרעגער) זענען געבליבן די לעצטע אויפן שלאַכטפעלד. דער פאָנטרעגער לאַסקער, פון וועלכן מ'האָט שוין דערציילט נסים, האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע פון זיין קאָמפּאַניע, ווען אַלע אַנדערע אָפיצירן זענען געפאַלן, געפירט די קאָמפּאַניע אין שלאַכט מיטן שונא און אים אָפּגעשטופּט אויף צוריק. ליידער איז נישט געווען ווער ס'זאָל אויסנוצן אַט די לאָקאַלע נצחונות. אָפט מאָל האָט געטראָפן, אַז ייִדישע יונגע אָפיצירן, פאָנטרעגער, האָבן אַרויסגענומען רעוואָלווערן און געדראָט אַלע וואָס וועלן אַנטלויפן און אַזוי אויפגעהאַלטן גאַנצע קאָמפּאַניעס סאָלדאַטן, זיי געצוווּנגען צום קאַמף, אַריינגעגעבן מוט און גלויבן אין זעלנערישע רייען. יונגע פוילישע אָפיצירן האָבן פאַרשעמטע נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון זייערע ייִדישע קאָלעגן און האָבן געראַטעוועט אַ ביסל דעם כבוד פון פוילישן סאָלדאַט, פון דער פוילישער אַרמיי.

נישט ווייט פון קוטנע, ביים בוג האָט אַ ייִדישער אָפיציר איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער אַ גרעסערער סאָלדאַטן־איינהייט און אָפּגעשטופּט דעם שונא פון טייך. דער גענעראַל באַרטנאָווסקי, איינער פון די פּאָר גענעראַלן, וואָס זענען נישט אַנטלאָפן, האָט אים איבערגעשיקט אַן אויסצייכענונג און פאַרגעלייענט דעם אַנערקענונג־בריוו אין טאָגבאַפעל פון זיין אַרמייאישן טייל.

קיין וואַרשע קאָן מען נישט פאָרן, וויל די וועגן אַהינצו זענען באַזעצט, ממש באַשפּיקעוועט, מיט דייטשע חיילות, טאַנקען, האַרמאַטן. און איצט גאָר אַ נײַ אומגליק. מע קאָן שוין נישט פאָרן קיין דרום, מיין מזרח.

ווי אַ דונער איז געפאַלן די ידיעה אויף אונדזערע קעפּ, אַז דער דייטש מיטן רוס האָבן געמאַכט יד אחת און דער מאָסקאַל, דער באָלשעוויק פאַר־נעמט דעם דרום און דעם מזרח פון פּוילן.

קיינער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט גלייבן די ידיעה. די צוויי קעגנזייטיקע שונאים, וואָס זייערע וועלט־אַנשויונגען זענען פרעמד איינע צו דער אַנדערער, ווי אַ וואָלף צו אַ שעפּעלע — אָט די צוויי קעג־נער האָבן זיך פאַראייניקט, כדי אויפצופרעסן דאָס יונגע, קוים באַפרייטע פּוילישע מדינהלע. די צוויי אייביקע באַגרעבער פון פּוילן האָבן זיך גע־געבן די הענט איבערן בלוטנדיקן פּוילישן פאָלק און ווי צוויי בלוטדאָרש־טיקע קראָען, ווילן זיי אים אויסרייסן די אויגן מיט זייערע פאַרשמוצטע, בלוט־פאַרפלעקטע, מיאוסע נעגל.

פינצטערע צוויי טעג זענען אַריבער איבער אונדז. אינעם 19טן און 20סטן סעפּטעמבער איז אויסגעגאַנגען און האָט זיך פאַרלאָשן דאָס קליי־נע, צאַנקענדיקע ליכטל פון האָפענונג. נישטאָ מער קיין וועג. אונדזער מאָרגן איז געוואָרן פאַרטונקלט, שוואַרץ — אָן אַ שטראַל פון ליכט.

קיין וואַרשע — נישט. דאָרט איז חורבן, טויט, פייער, הונגער, נויט, רציחה.

קיין לובלין, דרום, מזרח — נישט. דאָרט לאָקערן שוין צוויי חיות אויף אונדזער לעבן, אונדז צו פאַרצוקן, צו צערייסן, אַפילו אָן קבורה.

דאָ בלייבן — נישט. פייער, טויט, נויט, אָרעמקייט, פרעמדקייט, קעלט, אויסזיכטלאָזיקייט.

איז וווהין? וווהין? איז וואָס ווייטער?

דער קליינער קיבוץ פון די פּאָר צענדליק ייִדן האָט אָנגעהויבן צו צעגיין, זיך צו צעשמעלצן. מ'האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין פאַרברענטן שטעטל אַריין.

עשרת ימי־תשובה, די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כיפּור, האָבן אַלע געוואָלט זיין צווישן ייִדן.

אָרום פלאַקערן שטעט. הערצער ציטערן. גייען פאַרלוירן האָפענונ־גען, וועלדער שושקען זיך, אויגן ברענען אין באַגער צו לעבן, צו פאַרטיי־דיקן דעם כבוד. צוויי גיגאַנטן לאָקערן אויף צו צעפליישן פּוילן. די לופט איז אָנגעפולט פון טויט־שנאה פאַר די ייִדן, און זיי, די אייביק־אויסדער־ווילטע צו פייניקן זיך און צו גלויבן — גרייטן זיך צום יום־הדין.

אַ טאָג פאַר ערב יום־כיפור, דעם 21סטן סעפּטעמבער, זענען אין שרעק געקומען צו לויפן עטלעכע משפחות פון שטעטל. אַ פּאָר לאַסקאַ־זשעווער, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן קיין ווענגראָוו, זענען צוריקגע־קומען. זייערע מוראדיקע איבערלעבונגען האָבן געזייט שרעק און פּחד. די פּאָלאַקן האָבן געזאָגט, אַז אויך דאָ אין לאַסקאַזשעוו וועט מען מאַכן מיט די פּאָר ייִדן דאָס זעלביקע.

אין ווענגראָוו האָט מען אַריינגעטריבן עטלעכע טויזנט ייִדן פון דער גאַנצער געגנט אין שול אַריין. נאָכדעם ווי דער רעשט פון שטעטל איז כמעט פאַרברענט געוואָרן האָט מען אַריינגעטריבן אַהינצו מענער, פרויען און קינדער און אינעם שרעקלעכן געדראַנג האָבן אָנגעהויבן מענטשן שוואַ־כע, פרויען און קינדער, צו חלשן און צו אָנטגיין, אַריינפאַלן אין קרענק. צוויי טעג האָבן זיי געהונגערט. זיי זענען שיער נישט פאַרברענט געוואָרן פון דאָרשט און ווייטיק. דעם דריטן טאָג האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ ביסן. אויפדערנאָכט האָט מען אַרויסגעפירט אַ גאַנצע ריי מענטשן. אַוועקגעפירט ווייט און קיינער ווייסט נישט וואָס מיט זיי איז געשען. די בהלה איז געוואַקסן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שרייען. די דייטשן האָבן מערדערלעך געשלאָגן, ביז בלוט און ביז טויט. שפּעטער אַריינגעפירט נאָך נייע מענטשן. און אַנדערע אַרויסגעפירט. מע ווייסט נישט וווהין. אַ סך מענטשן זענען אַראָפּ פון זינען.

די פּאָר צוריקגעקומענע קיין סאָסינקי האָבן זיך געדרייט, ווי אין אַפּאָפּלעקסיע, נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון.

ערב יום־כיפור, דעם 22סטן סעפּטעמבער, האָבן מיר פלוצלינג דער־זען, אַז מיר זענען געבליבן די איינציקע ייִדן דאָ. אַלע זענען שוין צוריק אַוועק, אין שטעטל אַריין, צווישן ייִדן.

אַ גאָלדן זייגערל פאַר דער פרוי וואָווער און אַ שיינע מטבע פאַר פראַנק וואָווער האָבן געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געשפּאַנט זיין פערד־און־וועגעלע און מסכים געווען צו פאָרן מיט אונדז, זיינע ביז איצטיקע לאָקאַטאָרן, ביז קיין סאָבאָלעוו.

סאָבאָלעוו — האָבן מיר געקלערט — איז איין סטאַציע ווייטער פון לאַסקאַזשעוו און נענטער צו לובלין. צווישן אַלע וועגן פון פּחד איז נאָך פאָרט דער וועג קיין דרום־מזרח דער בעסטער. וואָס עס דאַרף געשען זאָל געשען, כאָטש צווישן אייגענע. דאָרט אין דרום וווינען אונדזערע עלטערן,

אונדזערע נאָענטסטע. דאָרט אַהינצו וועלן מיר ברענגען אונדזערע פרויען און קינדער און זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס גענאָד. וואָס עס דאַרף געשען, זאָל עס נישט פאַרפרעמדט ווערן. צווישן אייגענע איז אַלץ אַנדערש.

אַנגעקומען קיין לאַסקאַזשעוו האָבן אונדז די שטעטישע פשוט מיט כוח נישט געלאָזט פאָרן ווייטער, קיין סאָבאָלעוו.

— די וועגן זענען אין סכנה.

— מ׳אַנטלויפט נישט פון ייִדן ערב יום־כיפור.

— קיינער ווייסט נישט, ווו ס׳איז בעסער.

אויך די פריינט אונדזערע, דוד זעמאַן, זיין שוואָגער, דוד וויינצי־גער און די אַנדערע, האָבן זיך מיט אַ סך מי אַנגעשטרענגט, אונדז אי־בערצוצייגן, אַז מיר זאָלן נישט פאָרן ווייטער.

אונדזערע פרויען האָבן נישט געוואָלט הערן מער פון לאַסקאַזשעוו, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט אַזוי פיל שרעק, לייד און פיין.

דעצידירט האָט ווידער דער פאַלאַק. דורות־לאַנג צוזאַמענלעבן צווישן ייִדן און פאַלאַקן אויף איין ערד האָט געשאַפן רעספּעקט און פאַרשטענ־דעניש איינער פאַרן אַנדערנס רעליגיע. „דער טאָג פון משפט", ווי זיי רופן יום־כיפור, איז אַ הייליקער טאָג. און ווי אונדזער באַלעגאַלע, וואָ־ווער האָט געהערט, אַז אין דעם טאָג איז אַ סכנה צו פאָרן, האָט ער אָפּ־געגעבן דאָס געלט (דאָס זייגערל איז געבליבן אין דער היים) און אויס־געדרייט דעם וואָגן אויף צוריק און אַנטלאָפן צו זיך קיין סאָסינקי.

מען האָט אונדז אַריינגענומען אויפן בוידעם אינעם איינציקן הויז, וואָס איז געבליבן כמעט ווי נישט פאַרברענט, אין דער מויער פון שוחט און די זעמאַנס.

די שטאָט אַרום האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גרויסע חורבה, אַ בית־עולם. אַלץ איז פאַרקוילט. נאָר פאַריתומטע, פאַרברענטע קוימענס שטעקן אַרויס פון צווישן קופּעס גראָז, שטיינער, ליים, האָלץ.

דער אייינציקער סימן, אַז דאָ איז אַמאָל געשטאַנען אַ הויז. אַלץ אַרום איז פאַרברענט, פאַרסמאַלעט, צעהאַקט, צעבראָכן, בלאָטע, ברעטער, אָפּ־געברענטע בעלקעס, אָפּגעשיילטע שטיקלעך ווענט, האָקנס, אייזנס, פאַר־דרייטע, פאַרקרומטע שטיקלעך געשיר, מאַשינטיילן, רערן פון קינדערשע בעטלעך, נישט דערברענטע וועש, מלבושים, חפצים, איין גרויסער כאָאָס פון פאַרברענטן, נישט־דערברענטן האָב־און־גוטס.

לעבן יעדער חורבה שטייט אַ גרופּע ייִדן מיט פאַרבראַכענע הענט. מע ווײנט און מע זוכט, מע קראַצט און מע דלובעט, מע ציט אַרויס, מע גראָבט מיט די הענט, מיט שטיקער אײַזן, מיט אַ שטיק האָלץ, מע גראָבט, מע נישטערט, מע זוכט ווו דער קעלער איז געווען, די הויפּט־שטוב־באַהעלטעניש. אפשר וועט מען געפינען עפּעס פון די שטובזאַכן, אַ מלבוש, אַ קלייד, עפּעס פון בעטגעוואַנד, אַ שטיקל סחורה באַהאַלטן אין שטוב.

גרויס און ביטער איז דאָס זוכעניש אַרום יעדער קראָם, יעדער קלייט. יעדעס שמאַטקעלע, וואָס מע ציט אַרויס, יעדעס שטיקל פאַרברענטע סחורה ווערט ממש באַגאָסן מיט טרערן, באַוויינט און באַקלאָגט, ווי אַ לעבעדיק נפש. אַזוי זענען דאָך פאַרברענט געוואָרן זייערע טעג און נעכט, זייער האָרעוואַניע, זייער האָפענונג.

היינט, ערב יום־כיפּור זוכט מען שוין נישט קיין מתים אונטער די חורבות. מ׳האָט זיי שוין אַרויסגעצויגן: גרויס איז געווען דער פאַרלוסט, אַ סך גרעסער, ווי מ׳האָט געמיינט. אין אַ ריי גאַסן האָבן די דײַטשן אונטערגעצונדן די הײַזקעס און געוואַרט, ביז די אײַנוווינער זענען אַרויס־געלאָפן. ווי נאָר זיי זענען אַרויס, האָט מען אויף זיי געשאָסן און גע־צוווּנגען צוריק אַרײַנצולויפן אין ברענענדיקן הויז אַרײַן. אַזוי זענען לע־בעדיקערהייט פאַרקוילט געוואָרן כמעט צוויי הונדערט אײַנוווינער, פון זיי בלויז צוויי פּוילישע משפחות. די איבעריקע אַלע ייִדישע.

אַ שרעק און עפּעס אַן אַטאַוויסטישער פּחד איז געווען איצט צו קוקן אויף די צענדליקער גרופּעס ייִדן, שטייענדיקע, שרײַענדיקע, קריכנדיקע אויף אַלע פיר, צעלייגט אין דער גאַנצער לענג, נישטערנדיק אינעם שוואַרצן, פאַרברענטן מיסטהויפן, מיט אַן איבלדיקן ריח פון שריפה, אָרעמקייט, נויט, בלוט, פאַרברענטע קערפּערס, פאַרקוילטע וועש און מל־בושים, עפּעס ווי פאַרצייטיקע, הונגעריקע, פאַרבלאָנקעטע באַשעפענישן...

פאַרנאַכט איז מיט אַמאָל ווי איבערגעביטן געוואָרן דאָס גאַנצע בילד. אַ פולשטענדיקע ענדערונג פון דער אומענדלעך־טרויעריקער פּאַנאָ־ראַמע.

פון אונטער דער ערד ממש, פון אונטער די חורבות אָפּער האָט דער עולם אויסגעקראַצט יום־טובדיקע מלבושים און געקומען צו „כל־נדרי״.

ביים שוחט אין הויז, ביי די זעמאַנס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער הויפּט־מנין. די שטוב איז געווען פולשטענדיק דורכגעלעכערט פון

קוילן. שטיקער ווענט האָבן געפּעלט. אַרום איז געווען אָנגעשטעלט בעטן, בעטלעך, טעפּ, געשירן, צעבראָכענע מעבל פון צוואָנציק־דרייסיק משפחות, וואָס האָבן זיך איצט דאָרט באַזעצט נאָכן חורבן. אין לעצטן צימער, וואָס גייט אַרויס צום הויף, צום אָפּגעברענטן פּאַרקאַן צו, איז געווען דער מע־נערישער מנין.

ליכט האָבן געברענט, גרו׳סע יאָרצייטליכט. די פּרויען האָבן האַרצ־רייסנדיק געוויינט. מענער האָבן אין דער שטיל געווישט די טרערן. קינ־דער האָבן פון ווייטנס געשריגן און געוויינט. אַלע האָבן מוראדיק גע־שוויצט פאַר ענגשאַפט און ווייטיק. דער חזן האָט מיט דער אַלטער מע־לאָדיע פון די צייטן פון אַמאָליקע שריפות, שריפות פון קערפּער און גייסט, געצויגן זיין נאָגנדיקן־צעבראָכענעם ווייטיקלעך־אַלטן, מיט אַ שווערער האָפענונג־באַגלייטן ניגון פון „כל־נדרי״.

איך האָב געפילט, אַז עפּעס רוק איך זיך איבער אין אַ פרעמדער, אַלטער און אפשר מיין אייגענער וועלט. דאָס בילד דאָ איז ווי אַ רעליעף, אַ סטאַטוע פון די אַלטע רוימישע קאַטאַקאָמבן. ליכט טונקל־העל, שטערנס גלאַנציקע. אויגן פאַרגלאָזטע, טליתים פאַרוואָרפענע, מלבושים זיידענע, ווו־נישט־ווו אַ קיטל, עלנבויגנס געפּרעסטע, הענט געהויבענע אין דער הויך, קולות, וואָס קומען פון די טיפענישן פון מענטשלעכע נשמה־וווּל־קאַנען.

ווי די אנוסים אין שפּאַניע. איןביידע ערטער, דאָרט און דאָ — אַ גרופּע באַשפּיגענע, געיאָגטע מענטשן וואָס יעדער תקיף און גוי רויבט ביי זיי צו די רעכט צו זיין מענטשן. ווו יעדער מעג זיי טרעטן, שפּייען; באַהאַלטן זיי זיך איצט אין די לעכער, שרייען אויס זייער גאַנצע, אָנגע־זאַמלטע ביטערקייט, זייער גרויסן פּראָטעסט. זיי שרייען אויס זייער ווײ־טיק, פאַרבראָקט מיט האַרץ, מיט האָפענונג אויף עפּעס העכערס, בעסערס, גרעסערס, וואָס דערוואַרט זיי דאָרט, ווו זייער פּלאַץ איז רעזערווירט, אין דער וועלט, ווו ס׳הערשן יושר און גערעכטיקייט, דאָרט ווו זייער גאָט וווינט און ווו ס׳איז אָנגעגרייט אַ שטול פאַר יעדן פון זיי.

אין צווישן וויגט זיך דער ריטעם פון קערפּערס, טליתים, קיטלען, פּויסטן און ברענענדיקע ליכט, ווי פון אַ ווינט דיריגירט. פון די טיפסטע טיפענישן קומען אַרויס די קרעכצן, די האַרצברעכנדיקע קרעכצן און אויגן פאַרהייבן זיך צום רבונו־של־עולם: ווהין? פאַרוואָס? ביז ווען? די דריי

ביטערע שאלות פון יידן אין גלות געבן זיך אַ רײַס אַרויס פון הונדערטער ברוסטן און אַ רײַס־אַרויף צום גרויסן חלל. רבונו־של־עולם וווהין? פאַר־וואָס? ווי לאַנג נאָך? אי, אי, אי, „יעלה שועתנו"...

ד"ר אַלטער און איך האָבן איצט פאַרשטאַנען, אַז מיט אונדז איז געשען אַ נס. די דײַטשע רוצחים האָבן אונדז נישט דערשאָסן נאָר דורכ־געלאָזט, געלאָזט לויפן און אַנטלויפן פון דער שריפה אַרויס.

שבת אין דער פרי, יום־כיפור, דעם 23סטן מלחמה־טאָג, איז דער עולם אין שול געוועזן נאָך גרעסער. עס זענען געקומען אַלע, וואָס האָבן זיך אין צווישן אײַנגעאָרדנט אין קעלערס, אין פאַרברענטע שטובן, אויף ביידעמס, ביי קריסטלעכע שכנים, אין סטאַדאָלעס, אין גאַס לעבן די בודעס. אַלע זענען געקומען דאַווענען אין יום־הדין, יום־הקודש, יום־כיפור.

מע דאַוונט אָן מחזורים, אין פאַרברענטע מחזורים, אין קיטלען און אָן קיטלען, די אויפגעגראָבענע ספר־תורהס זענען באַהאַלטן אין אַ ספּעציעלער שאַפע. דער חזן גאָרגלט זיך אויף אַ פאַרהייזעריקט קול און פון דער זייט פון וואַרשע זעצט אַ באָמבאַרדירונג מיט אַזאַ כוח, אַז אַלץ ציטערט.

— וואַרשע, וואַרשע.. מע באָמבאַרדירט וואַרשע, וואַרשע ברענט ווי העליש פייער.

— וואַרשע — גיט יעדער אַ קרעכץ — וואַרשע, דאָס ייִדישע וואַר־שע, די קרוין אויף פוילנס קאָפּ, די שטאָט פון אמתער, עכטער, גרויסער ייִדישקייט, די שטאָט פון ייִדיש לעבן, פון נגידים, חסידים, גבירים,אדי־רים, לומדים, אינטעליגענטן, ייִדישע פערזענלעכקייטן און גרויסקייטן, אָט דאָס וואַרשע שטייט איצט אין פלאַמען.

עס דריקטביים האַרצן. אַ סך פילן דעם ווייטיקדיקן ברי פון וואַרשעס פייער ממש אין די ביינער, פונקט ווי לאַסקאַזשעווס פייער. און אפשר, אפשר נאָך מער!

שטייען צוויי ייִדן אויף דער וואַך אין דרויסן „על כל צרה שלא תבוא", טאָמער קומט עפּעס אָן אומגליק, עפּעס אַ נישט־גוטער. און דער עולם אינעווייניק ציטערט און דאַוונט.

די ליכט ברענען העל. דער שווייס רינט, טרערן גיסן זיך. מע ווישט דעם שווייס מיט פאַטשיילעס. טרערן, היץ און קרעכצענישן שפּאַלטן די שול. מע דאַוונט.

פלוצים גיבן אַ שפרונג אַריין די צוויי וועכטערס, בלאָס, טויט:

— זיי... זיי...

און שוין הערט מען דאָס כאַראַקטעריסטישע קנאַקן פון מאַטאָציק־ליסטישע רעדער. פרויען און קינדער וואַרפן זיך אַריין אינעווייניק אין באַהעלטעניש. מע פאַרמאַכט די טיר. אַ ציטער־שרעק געמישט מיט בהלה־דערינערונגען פון עטלעכע טעג צוריק, פון דער גרויסער שריפה, פון די הונדערטער קדושים, פאַרמאַכט אַלעמען מויל און אָטעם.

אַ גרופּע דייטשע מאָטאָציקליסטן האָט זיך אָפּגעשטעלט פונקט אַנט־קעגן דער שול. שטאַלענע העלמען אויף די קעפּ, אויטאָמאַטיש געווער אויף דער ברוסט. ביי אַ טייל — אין דער האַנט.

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון זייערע מאָטאָציקלען און שפּאַנירן מיט שפּיזיקע בליקן ארום דער שיל.

הונדערטער מענטשן אין שיל האָבן געגעבן אַ בייג אַראָפּ די קעפּ, פאַרהאַלטן דעם אָטעם און די אויגן געווענדט אויף אַרויף, קוקן נאָר אין איין ריכטונג, צו די העלמען, קוקן געשפּאַנט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביי פּלאַצן, אַרויסשפּרינגען פון די אויגנלעכער.

דער עולם אינעווייניק גיט זיך אַ וויג ווי אויף צו אַנטלויפן.

— נו, אָ, שאַ, שטיל — הערט מען פון אַ פּאָר זייטן אין שיל.

— מפסיק — שרייט דער גבאי מיט רוגזה, ממש מיט כעס — מפסיק — און איז עס מכוון אי צו די העלמען אין דרויסן און צו די איבערגעשראָקענע מתפללים דאָ. ווי קינדער, וואָס דער רבי ווייזט דעם קאַנטשיק, האָבן זיך אַלע אַ ריר געטון, נישט אַנטשלאָסן; אָבער באַלד הערט מען ווידער פון עטלעכע עקן: — מפסיק, מפסיק, יום־הקודש...

מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ ציטער אין קול און מיט אַ שפּריב־גענדיקן טאַנץ, עפּעס ווי רעפלעקסיוו באַוויגן, שטאַרקער פון ווילן און פאַרשטאַנד, הייבן אָן אַ סך מיטצודאַווענען, מיטצוזינגען.

די מאָטאָציקליסטן האָבן זיך צוגעהערט צו די משונהדיקע קולות, געקנייטשט די שטערנס.

די יידן אין שיל האָבן שוין ווי נישט געקוקט אויף זיי. בלויז אין ווייטסטן ווינקל פון אויגאַפּל האָט זיך נאָך אָפּגעשלאָגן דאָס בילד פון די דייטשן, זייערע תנועות. דער רעשט בליק, דאָס גאַנצע אויג איז שוין

געוועזן אינעווייניק. מיט די מתפללים און תפילות. די קולות און געזאַנגען זענען געוואָרן שטאַרקער, מעכטיקער, אַ גאַנצע סימפאָניע.

איך בין געשטאַנען באַרוישט. אויב איך האָב אין מיינע קינדער־יאָרן געחלומט אַמאָל וועגן קידוש־השם, בין איך איצט אַן עדות דערפון, אַן עדות און אין אַ געוויסער מאָס אַ שותף, אַ מיטבאַטייליקטער. איך פיל, ווי כ׳הייב זיך, שריי, זינג־מיט, איך שטייג הויך צוזאַמען מיט אַלע. איך זע קוים, ווי די דייטשן רעדן עפּעס, ווייזן עפּעס, פרעגן עפּעס, באַוועגן זיך. אין גאַנצן בין איך אויסגעפילט מיטן געזאַנג, מיט דער נגינה. איך קוק אויף אַלע מתפללים און כ׳בין פול מיט זייער געפיל. אויב איז עס דאָס לעצטע געזאַנג, אפשר די געזעגענונג, אַרט עס נישט קיינעם. אַזוי דאַרף אויסזען דאָס לעצטע געזאַנג פון מענטשן. איך האָב איצט פאַר־שטאַנען, אַז דער וואָס איז מקדש דעם שם ליידט גאַרנישט, ער פילט נישט די קערפּערלעכע יסורים, די פיזישע ווייטיקן, שטעכענישן און ברע־כענישן. דער גאַנצער גוף טאַנצט אין דערהויבענער געלייטערטקייט, אין הייסן, גליענדיקן באַגער פון באַהעפטן זיך, הויך־הויך, גאָר הויך!

אַט זינגט מען ונתנה תוקף, די וואונדערלעכע מאַרטירער־פּאָעמע פונעם מוטיקן רבי אמנון. און פון יענעם מאַרטירער לייכט אַראָפּ אַ העלע, פריי־דיקע האָפענונג אויף שכר פון יענע־וועלט. קיין זאַך גייט נישט פאַרלוירן, די וואָס ליידן דאָ, ווערן זייערע ליידן פאַרשריבן, נאָטירט ויכתבון ויחתמון, פאַרצייכנט אין די אייביקע ביכער, ערגעץ־ווו רעגיסטרירט. ער איז שוין פריי פון ליידן דאָרט, אויבן, אין דער הויך...

— גאָטעניו יחתמון, יחתמון — זיפצן הונדערטער און פילן בחוש, אַז דער רוצח, דער קאַלטער מערדער, וואָס ברענט לעבעדיקערהייט, שטייט אין דרויסן און וואַרט — יחתמון...

דאָס קול פון חזן איז געוואָרן לויטערער, העלער, קלאָרער. אַ טיף שווייגן באַגלייט מיט אַ קרעכץ פון עולם, וואָס וואַרט ביז ער ענדיקט און מיט אַמאָל גיבן אַלע אַ לאָז אַרויס אויפן קול התלהבותדיק־צעוואַרעמט, דראָענדיק־זאַנפט:

— ונתנה תוקף קדושת היום...

עפּעס ווי אַ טריומפמאַרש, אַ טריומף פון קליינע איבער מעכטיקע און שטאַרקע.

פֿון דער וואָרשעווער זייט באַגלייט מען די תּפילות מיט שרעקלעכע

דעטאָנאַציעס, איינע מעכטיקער פון דער אַנדערער. די גאַנצע לופט ציטערט.

פלוצלינג זעצן זיך אויף די מאָטאָציקליסטן אויף זייערע מאַשינען און פאָרן ווייטער.

איינער אַ „ווילער יונג", פון די אויפגעקלערטע בחורים, וואָס גייען שוין אַפילו יום־כיפור נישט אין שול אַריין, האָט זיי דערקלערט, אַז דאָס דאַווענען אַלטע לייט, פרויען און קינדער אינעם יידישן יום־טוב און בעטן מע זאָל זיי מוחל זיין די זינד.

— אָ, יאָ — האָבן געענטפערט די דייטשן — דאָס דאַרפן זיי האָבן, מע זאָל זיי פאַרגעבן די זינד. זיי האָבן שטאַרק געזינדיקט — און זענען אַוועקגעפאָרן.

פאַרנאַכט־צו, ביי „פתח לנו שער לדופקו בשער" האָט דער נעילה־ניגון שוין נישט איינגעהאַלטן דעם עולם. אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. דאָס באָמבאַרדירן פון וואַרשע האָט אויסגעזען ווי דער הימל וואָלט זיך צעקלונגען מיט אַ בייזן, דראָענדיקן, שניידנדיקן ניגון... אָט, אָט, פאַלט ער אַראָפּ אויף דער ערד.

די לופט זינגט, זינגט מיט באָמבעס, שווערע קלעפּ און שרעק.

די לבנה האָט מען מחדש געווען גאָר איילנדיק און מ'איז געלאָפן אַהיים, צו די ביידעמס, קעלערס, בודעס, צו דער אָרעמער סעודה און זיך וואָס גיכער צו פאַרמאַכן, פאַרמאַכן פאַר דער שרעק פון עפּעס אַ צאָרנדיקן הימל־קול. דאָס קול פון דונערן, וואָס קייקלען זיך, קאַטשלען זיך, וואַרפן זיך און זעצן, האַקן, בראָקן און הערן גאָר נישט אויף. אַ פּערמאַנענטער צוזאַמענשטויס פון בערג, מאַשינען, אייזנס, שטיינער אין דער לופטן הייבט זיך און פאַלט, שטייגט־אויף און פאַלט אַרונטער, נאָכאַנאַנד, אָן אויפהער. ס'האָט ממש אָנגעהויבן קלאַפּן אין קאָפּ מיטן זעלביקן גערויש און ריטעם פון הייבן זיך און פאַלן און נישט אויפהערן אויף קיין רגע.

דער יום־כיפור איז אַוועק. איצט מוזן מיר פאָרן ווייטער. מיר האָבן געוואָלט באַשליסן עפּעס וואָס צו טון, ווי אַזוי צו פאָרן און וועו, זענען ביידע מוטערס, פנינה און מרים, אונדז אַקעגנגעקומען מיט פאַרווייִנטע אויגן און פאַרטרויערטע פּנימער:

— יאָסימאָ האָט אַביסל היץ.

— די קליינע אַמאַליע האָט נישט קיין אַפּעטיט און וויל גאָרנישט עסן.

צוויי משפּחות זענען מיט אַמאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער וועלט־מלחמה און געפירט זייער מלחמה פאַרן געזונט פון זייערע עופהלעך.

צווישן די חורבות האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַן אַלט בעטל און עפּעס ווי אַ שטרויזאַק, אויסגעלייגט די קינדער אויף אָט די געלעגערס אויפן בוידעמשטיבל און געזוכט אַ רופא, אַ פעלדשער, ווייל דער דאָקטער פון שטעטל איז אַוועק קיין לובלין דעם באַרימטן שבת פון דער גרויסער באָמ־באַרדירונג.

די טעג און די נעכט זענען איצט ביי אונדז געווען געמישט מיט וועלטשרעק און אייגענעם פּערזענלעכן פּחד.

אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן צו שטעלן סוכות. דאָס לעבן האָט זיך אַ ביסל איינגעשטעלט. כאָטש די דעטאָנאַציעס פון די באָמבעס זענען געקומען אַלע מאָל נענטער. ווידער האָט אויפגעפלאַקערט אַ קאַמף ביי דער ווייסל. די צעשלאָגענע פּוילישע אַרמיי האָט זיך ווידער אַ ביסל צו־נויפגעזאַמלט, צום דריטן מאָל, אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון די גענע־ראַלן בערבעצקי, באַרטנאַווסקי און סאָסנקאָווסקי. זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ווו ס'איז נאָר געווען מעגלעך. ביי דער ווייסל, פּוילנס קאָ־מוניקאַציע־נערוו, געהייליקט מיט לעגענדעס און געשיכטלעכע נסים, זע־נען ווידער פאָרגעקומען קאַמפן, שווערע שלאַכטן.

די דעטאָנאַציעס קומען איצט פון אַלע זייטן, פון דער ווייסל, פון וואַרשע. דער מרחק פון זעכציק קילאָמעטער, וואָס טיילט אָפּ דאָס שטעטל פון וואַרשע איז געוואָרן אַריבערגעשפּרונגען פון די נישט־אויפהערנדיקע דעטאָנאַציעס.

בום־בום... טראַ־אַ־אַ־ד!! — מישן זיך אָפּהילכן פון קנאַלן, אויפרייסן און האַרמאַטן־שאָסן אַרום דער ווייסל. אַ לאַנגער, זיך ציענדיקער „בום“, אַ לאַנגער, געדיכטער, גראָבער, פאַרדומפּענער, קאָפּ־שפּאַלטנדיקער, נערוון־רייסנדיקער געמיש פון משונהדיקע דונערן. טייל מאָל אַזוי געדיכט און גראָב, אַז דער פּלומפּ פון האַרץ פאַרלירט דעם כוח צו שעפּן דאָס בלוט, דאָס שווער געוואָרענע בלוט אין די אָדערן אַריין און ס'דראָט אָפּצושטעלן אין גאַנצן זיין פונקציע.

אין די נעכט פלאַקערט די ברייטע, אַ האַלבן־הימל־פאַרנעמענדיקע לונע, דער וויסטער שריפה־אָפּשיין.

מאַגנטיק ביינאַכט האָט זיך דורכגעריסן דורך דער אייזערנער קייט פון פייער און חורבן, וואָס רינגלט אַרום וואַרשע, אַ פּאַלאַק, דער געמיינ־דע־סעקרעטאַר און שרייבער פון שטעטל. מער טויט ווי לעבעדיק האָט ער דערציילט פון זיין אַנטלויפן. דאָס איז געשען אין דער לעצטער מינוט פון זיין נאַרמאַלער עקזיסטענץ. נאָך איין נאַכט וואָלט ער נישט אויסגע־האַלטן, ער וואָלט אַראָפּ פון זינען.

אין דער פרי האָבן זיך באַוויזן הונדערטער און הונדערטער דייטשע אייראָפּלאַנען איבערן הימל פון וואַרשע. קיינער, קיין איין פּוילישער שאָס איז נישט געקומען פון ערגעץ, האָט זיי שוין נישט געשטערט. זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינקרייזן אַרומשפּאַצירן איבער דער לענג און ברייט פון דער שטאָט, אַריינגיסנדיק טיפע שרעק און ווייטיקפולע אומזיכערקייט אין די שווער־געפּרוווטע בלוטן פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. פּלוצלינג האָבן אַלע אַוויאָנען זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, נידעריק, אַז זיי האָבן כמעט אָנגערירט די קוימענס פון די הייזער. די דענערווירטקייט פון די איינוווינער איז געשטיגן. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן צו זידן. באַלד זיך ווידער אויפגעהויבן אין דער הויך און געפלויגן גלאַט אַזוי, שפּאַצירנדיק. ווען די געשפּאַנטע און אָנגעצויגענע איינוווינער זענען אַרויס אויף די באַלקאָנען, אין די הייף, קוקן און נאָכפּאָלגן דעם משונהדיקן גאַנג זייערן, האָבן די אייראָפּלאַנען געגעבן אַ שאָט מיט האָגל פון קוילן און באָמבעס. אַזוי פּלוצלינג, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען געווען אַלע הייף, גאַסן, באַלקאָנען, באַדעקט מיט הונדערטער, טויזנטער טויטע. בלוט האָט גע־נומען רינען שטראָמענווייז, ווי אַ וואַסערפאַל, אין אַלע הייף און גאַסן איבער די טראָטואַרן און אין די ראָוון ביז אין מיטן גאַס־אַרויס, און זיי, אויבן, האָבן נישט אויפגעהערט, וואַרפנדיק גרילץ־און־שרעק־באָמבעס, וואָס רופן אַרויס שגעון און וואַנזין אין מענטשלעכע מוחות. זייער פייף ציט זיך און שניידט גלייך ווי אַן אָנגעשאַרפטע זעג זאָל זעגן די נערוון. באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן צינדבאָמבעס. אין אַ קורצער צייט זענען הונדערטער הייזער געשטאַנען אין פלאַמען.

די אָ.פּ.ל. האָט געאַרבעט מוסטערהאַפט. קיין וואַסער איז נישט גע־ווען. מ׳האָט געלאָשן מיט זאַמד. איידער אָבער מ׳האָט פאַרלאָשן איין

באַמבע, האָבן שוין אויפגעריסן, געברענט צענדליקער אַנדערע. די האַלב־פאַרברענטע הייזער פון פרי־ערדיקע באָמבאַרדירונגען האָבן איצט אָנגע־הויבן איינפאַלן. פון אייבערשטע שטאָקן האָבן גענומען פאַלן ציגל, שטיי־נער, באַלקאָנען, טירן, פענצטער, אייזנס. די געשרייען פון די פאַרוווּנ־דיקטע און געטראָפענע האָבן געשפּאָלטן די לופט. מענטשן זענען אַרויס־געלאָפן זיך ראַטעווען, אַנטלויפן. די גיהנום־העלדן האָבן דאָ באַוויזן וואָס זיי קאָנען. ווי נאָר זיי האָבן געזען מענטשן ראַטעווען זיך, לויפן, טראָגן פאַרוווּנדיקטע, יאָגן, באַהאַלטן זיך, האָבן זיי אַראָפּגענידערט מיט די איי־ראָפּלאַנען און אָנגעהויבן שיסן מיט מאַשין־געווער גלייך אויף די דאָזיקע גרופּעס. מענטשן האָבן אָנגעהויבן יאָגן ווי נישט־נאָרמאַלע, ווי חיות איז מען געשפּרונגען, געלאָפן, אַנטלאָפן אין ווילדע געשרייען. מאַמעס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער; קינדער זייערע עלטערן. פרויען זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון מענער, מענער פון פרויען. די באָמבירער יאָגן זיך נאָך אַלע און שיסן אָן דערבאַרעמונג, אָן רחמנות אויף פרויען, קינדער, זקנים, ליגנ־דיקע, האַלבטויטע, טויטע, גוססדיקע, שרייענדיקע און פאַרשטומטע. מענטשן זענען אַריין אין אַ מין שגעון און געפלויגן פון הויז צו הויז. גע־נומען לויפן אַהין און צוריק, אַריין אין אַ טויער און שוין פאַלן שטיקער פון הויז. ס׳ברענט. עפּעס הייבט זיך, פאַלט און שיט זיך אויפן קאָפּ. מאַ־מעס האָבן געכאַפּט די וויגעלעך מיט די קינדער און זענען געלאָפן, פּלאָנטערנדיק זיך און גליטשנדיק זיך אין בלוט, ביז זיי זענען אַנידער־געפאַלן, אָדער אַ קויל האָט זיי אַנידערגעשליידערט. אַ סך מאַמעס האָבן געטוליעט צו זיך דאָס בעטגעוואַנד, אָדער די קליידעלעך, געדריקט צו דער ברוסט, נישט וויסנדיק, אַז דאָס קינד איז שוין לאַנג פון דאָרט אַרויסגע־פאַלן, אָדער ליגט ערגעץ דערשטיקט, פאַרברענט. זיי זענען געקראָכן מיט דער טייערער לאַסט, אויף אַלע פיר, אונטער די הייזער, דורך קעלערס, דורך ברענענדיקע מויערן, דושנדיק זיך פון רויך, שטיקנדיק זיך פון פלאַ־מען, וואַרפנדיק זיך פאַר שרעק.

ערשט ביינאַכט האָבן זיי דערזען, אַז זיי האָבן געדריקט צו זייער מאַמישער ברוסט אַ מענטעלע, אַ קליידעלע, די וועש, די קאָלדערקע פון קינד אָנעם קינד. פאַרנאַכט איז די לופט געוואָרן נאָך שטיקנדיקער. מענטשן זענען געפאַלן צו דער ערד, אויפגעהויבן די הענט צו די רוצחים אין אַ געוואַלטיקער בקשה, אויפצוהערן, אָפּשטעלן. אָבער די רוצחים זענען גע־

ווען שטום און טויב אויף יעדן מענטשלעכן רוף. די מתים זענען געלעגן אין אַזאַ צאָל, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט גיין, מ׳האָט געשטאָלפּערט איבער זיי, בשעתן לויפן. טויזנטער זענען דערשטיקט און פאַרברענט געוואָרן אין די סכראָנעס, די שוצקעלערן. די פּראָוויזאָרישע, נישט צוגעפּאַסטע באַהעלטענישן, וואָס מ׳האָט ערשט גענומען מאַכן בשעת דער שונא איז שוין געווען אַרום דער שטאָט.

אַלץ האָט דער מערדער צעשטערט, נישט געשאָנעוועט קיין שפּיטע־לער, נישט קיין קינדערהייזער, געמאָרדעוועט און געשמעטערט אַלץ און אַלעמען, אָן שום איינזען.

גלייכצייטיק מיטן דאָזיקן אויסגוס פון העכסטן באַרבאַריזם פון דער דזשונגל־חיה, פונעם הונישן טעווטאָן, אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע, זענען געווען הויכע, טיף־מענטשלעכע און העכסט־פּאַטריאָטישע אויסדרוקן אינעם קעמפנדיקן וואַרשע.

פּאַראייניקט מיט איין גורל האָבן פּאָלאַקן, צוזאַמען מיט ייִדן, גע־מאַכט באַריקאַדעס, — אַרום דער שטאָט און דערנאָך כמעט אין אַלע גאַסן — צונויפגעשטעלט פון בעטן, שטאַנגען, מויערן, שטיינער, בעטאָן, וועגעלעך, אויטאָבוס־וואַגאָנען, שינעס. די שוצוואַלן האָט מען אויפגע־שטעלט, כדי די מערדערישע אַרמיי זאָל נישט קאָנען צוקומען צו דער שטאָט. ביי יעדער גאַס וועט ער מוזן קעמפן און צעזעצט ווערן. אונטער די באַריקאַדעס האָט מען אונטערגעלייגט מינעס, וואָס זאָלן אויפרייסן און צעזעצן דעם שונאס חיילות. כאָטש אַלע האָבן געוווסט, אַז ווען די באַריקאַדעס וועלן פאַלן אין דער לופטן, וועלן אויך פאַלן זייערע הייזער און וווינונגען, צוזאַמען מיט זיי, זייערע ווייבער און קינדער, מיט אַלץ צוזאַמען — האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו בויען די באַריקאַדעס.

דינסטיק דעם 26סטן סעפּטעמבער האָבן די דעטאָנאַציעס פון די באָמבעס שוין געשפּאָלטן אַלע מוחות„ דער ווינט האָט זיי צעטראָגן פון דער ריכטונג פון וואַרשע. ס׳האָט אויסגעוויזן יעדעס מאָל, אַז די קאַנאָ־נען מיט די באָמבאַרדירערס דרייען זיך אויס צום שטעטל צו. הויכע בליצנ־דיקע דונער־רעדער האָבן זיך געקאָטשלט, געוואָלדעוועט איבער די קעפּ. אַ גאַנצע סימפאָניע פון פחד האָט זיך צעקלונגען אינעווייניק מיט שניידנ־דיקע געוואָיען, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן טיף אין פלייש, מיט קולות־העמערלעך, וואָס האָבן געהאַמערט איבערן קאָפּ.

ביינאַכט האָט די לונע שוין פאַרנומען אַלץ מער און מער שטח פון הימל, אַזוי ווי אַלע הימלען וואָלטן זיך אָנגעצונדן. דער שריפה־אָפּשיין האָט זיך ווי אויסגעגאָסן אויף אַלע חלקים פון דער וועלט און געדראָט צו פאַרגיסן, פאַרשיטן, פאַרברענען די גאַנצע אויבערפלאַך פון דער ערד. דער אַלטער נשמה־פחד האָט זיך געהויבן ווי אַן אונטערגעצונדענער.

אַלץ צוזאַמען האָט אונדז אַזוי אויפגעריסן, אַז מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן אין די וועלדער אַריין, וווהין די אויגן וועלן טראָגן, אַבי נישט זען מער, נישט הערן, נישט פילן. דער גאַנצער קאָשמאַר איז שוין געווען איבער דער מאָס וואָס אַ מענטש קאָן אויסהאַלטן, אַפילו ביי די גרעסטע אָנשטרענגונגען, אין די קריטישסטע מאָמענטן, נעמענדיק צו הילף אַלע זאַפּטן און קראַפטן וואָס ער באַזיצט און וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן אויף די שוואַרצע שעהען.

אין די נעכט, ביים לבנה־שיין, האָבן אַ סך איינוווינער פון שטעטל געכאַפּט די זעק אויף די פּלייצעס און זיך געוואָלט לאָזן לויפן, זיין וואָס ווייטער פון אומגליק. זענען געשטאַנען ייִדן מיט ווייב און קינד, געקוקט אויפן הימל, פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן דאָס גרילצן פון די האַרמאַטן און געציטערט פאַר שרעק.

פון צייט־צו־צייט האָבן זיך עטלעכע אָפּגעריסן און אַנטלאָפן און נאָך אַ פּאָר שעה ווידער צוריקגעקומען.

— די וועגן זענען פאַרשטאָפּט. נישטאָ וווהין צו לויפן, ווו זיך צו באַהאַלטן.

— אונדזערע צוויי פרויען זענען געזעסן ווי צוגעשמידטע, צוגעקאָוועטע צו די פּראָוויזאָרישע בעטלעך פון זייערע קראַנקע קינדער. אַ פּאָר מאָל אַ טאָג זענען זיי אַראָפּ עפּעס אָפּקאָכן פאַר זיי און צוריק אַוועק צו די קינדער.

גרויס איז שוין געווען דער מאָראַלישער חורבן פון שטעטל. יעדע פרוי האָט געקאָכט ביי איר „אויוון״, דאָס הייסט, לעבן דעם קוימען פון איר פאַרברענטן הויז. די צוויי פרעמדע „אינטעליגענטקעס״, „דאָקטאָר־קעס״, ווי מ׳האָט זיי גערופן, האָבן געמוזט וואַרטן, ביז יענע האָבן אָפּ־געקאָכט זייערע בידנע שפּייזן. אַ פּאָר מאָל האָבן פנינה און מרים געמוזט אָנקומען צו די פּאָלאַקן, די פּוילישע פרויען זאָלן זיי לאָזן אָפּקאָכן אַ יאָכל אָדער אַ גריץ פאַר די קינדער וואָס ליגן צו בעט.

די צאָל קראַנקע קינדער אין שטעטל איז שנעל געוואַקסן. דער רופא האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ געוויינלעכע גריפּע. ס׳קאָן אַמאָל זיין — האָט ער צוגעגעבן — אַז דאָס איז אויך אַ שטיקל דיפטעריט, געמישט מיט אַנגינע, און אַ צווייטע צוטשעפּעניש, אָדער באַזונדער.

די רעצעפּטן זענען געווען אויסגעפּרוווטע: באַנקעס, געשטעלט מיט טעפּלעך, קאָמפּרעסן, שמירעכצער, הייס זאַמד און ענלעכע מיטלען פון דער אייביקער פאָלקס־מעדיצין, וואָס מ׳האָט איצט אין לאַסקאַזשעוו קוים גע־קאָנט אויספירן.

אונדזערע פרויען האָבן אויך געהאַט די ערשטע דירעקטע באַגעג־ניש מיט דייטשע סאָלדאַטן. אין שטעטל איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט דייטשע סאָלדאַטן און אַן אָפיציר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם קוימען, ווו זיי האָבן געקאָכט און גענומען פרעגן דעם וועג. אונדזע־רע פרויען, וואָס האָבן גוט גערעדט דייטש, זענען נישט־ווילנדיק אריינ־געצויגן געוואָרן אין אַ שמועס מיט זיי, דער עיקר מיטן אָפיציר. ער האָט גערעדט העפלעך, רויק, אָנגענעם. אָבער ווען ער האָט געזאָגט, אַז די ייִדן וועלן נאָך האָבן אַ סך אויסצושטיין און אַז דאָס שטעטל איז חרוב־געוואָרן ווייל די ייִדן זענען שולדיק אין אַלע צרות, דערפאַר ווייל זיי האָבן פּראָ־וואָצירט און אַרויסגערופן די מלחמה, האָבן אונדזערע פרויען פּראָטעס־טירט און געוואָלט אויפווייזן מיט אותות ומופתים, אַז דאָס איז פאַלש — איז דער אָפיציר אַריין אין אַ רציחה און אַ געשריי געטון:

— דער פירער האָט דאָס געזאָגט, דאָס איז זיכער אַזוי.

ווען די צוויי פרויען האָבן געוואָלט עפּעס איינוואַנדן, האָט ער אויפ־געהויבן זיין פייטש און אַ געשריי געטון:

— אַוועק!

מיט פחד און דענערווירונג זענען זיי אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק די טעפּלעך עסן אויפן פייער.

די ייִדן זענען געווען ברוגז אויפן דאָזיקן געשפּרעך:

— מיט אַ שרץ, מיט אַ טמא פירט מען נישט קיין וויכוח — האָבן זיי געטענהט.

זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז די אַלע אַלטע באַגריפן זייערע ווי „בקהלם אל תחד כבודו", אין זייער גרופּע זאָלסטו מיך נישט אַריינגעמען, „אסור לעמוד בד׳ אמות", מע טאָר נישט שטיין אין זייערע ד׳ אמות, און „פגיעתן

רעה", טרעפן זיך מיט זיי אין אַן אומגליק — אַז דאָס אַלץ איז נישט צוגעפּאַסט פאַר דער נידעריקסטער בריה אויף דער וועלט, פאַר אַ פאַר־בלענדטן, פאַרשקלאַפטן, פאַרטומלטן דייטשן סאָלדאַט אין די הענט פון אַ פאַלקס־מטורף, אַן אויסשפּיי פון דער מענטשלעכער נאַטור.

מיטוואָך ביינאַכט, סוכות, דעם 27סטן סעפּטעמבער, איז געווען דער אָנזאָג פון אַן אומגליק, וואָס דאָס שטעטל האָט נישט פאַרשטאַנען.

ביינאַכט, נאָך האַלבער נאַכט, איך בין געזעסן אויפן בוידעם און געהאַלטן וואַך. ס'איז פּונקט געווען מיין וואַכנאַכט. איך דערזע דורכן פענצטערל ווי ס'הייבט אָן צו קומען פון דער ווייטנס אַ ליכט, ס'דערנענ־טערט זיך אַהער צום שטעטל. מיט רעש קומט־אָן אַ דייטשער געפּאַנצער־טער אויטאָמאָביל, נעמט שפּיאַנירן מיט זיינע גרויסע רעפלעקטאָרן־אויגן דעם מאַרק, דערזעט דאָס געמויערטע הויז פון די זעמאַנס און פאָרט צו ביז צו דער טיר. די רעפלעקטאָרן זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אַריינגעדרונגען אין יעדער שפּאַרונג. מרים און פנינה האָבן זיך אויפגע־כאַפּט. די קראַנקע קינדער האָבן זיך אויפגעוועקט, אַלע צענדליקער מש־פּחות, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט־געוווינט אין דעם גרויסן הויז האָבן זיך מיט שרעק אויפגעזעצט. די געשרייען און ווילדע קולות און געלעכ־טערט פון די סאָלדאַטן אין דרויסן האָבן נאָך צוגעגעבן אַ פּחד צו דער מורא. אַ סך האָבן געוואָלט אַנטלויפן, נאָר די שרעק האָט זיי פאַרהאַלטן.

אַ זעץ אין דער טיר. מ'עפנט זיי אויף. זיי הייסן מאַכן ליכט און פרעגן באַלד:

— יודן, לויטער יודן?

באַקומענדיק אַ פּאָזיטיווע תשובה, בלייבט איינער שטיין ביי דער טיר פון פראָנט. אַ צווייטער גייט צו צו דער טיר, וואָס פירט אין הויף אַריין און איינער גיט אַ זאָג:

— אָנטון זיך, שנעל. אַלע מענער!... וויפל זענט איר דאָ?

אונטן אין די צימערן ברעכט אויס אַ יללה. מיר זיצן אויפן בוידעם און אַ שרעק באַפאַלט אונדז. אַלע האַלטן־איין דעם אָטעם, אַפילו די קליי־נע קינדער. מ'הערט נישט קיין שאָרך. נאָר דאָס קלאַפּן פון הערצער.

קיינער רירט זיך נישט. קיינער באַוועגט נישט מיט קיין האַנט. ווי הינער, ווען ס'קוקט אויף זיי דער מאָרדער, שטרעקן זיי אויס די העלדזער

און וואַרטן ביז ער בייסט אַריין איינס נאָך ס'אַנדערע און זיי רונען אָפּ אין בלוט.

די דייטשן קוקן זיך אַרום. איין דייטש קוקט אָן דעם אַנדערן. איינער לויפט אַרויס, גייט צו צום אויטאָמאָביל, דאָרט זיצט קענטיק אַן אָנפירער און מעלדעט אים וועגן דעם אַלעמען.

דער סאָלדאַט קומט צוריק און גיט אַ געשריי:

— יודן, אַרויס!

אין דער שטוב ווערט פּלוצלינג אַזאַ געשריי און געוואַלט, אַז מ'האָט געקאָנט טויב ווערן. אַלע ווייבער, אַלע קינדער און די מענער דערצו הייבן אויף אַזאַ יאָמערלעך קול, אַזאַ וואָיען, ווי וועלף אין וואַלד. אַזעלכע נישט־פאַרשטענדלעכע געוואַלדן: „רחמנות! עופּהלעך! וויי איז מיר! גאָטעניו! וואָס וויל מען פון אונדז?!" מע נעמט זיך קלאַפּן מיט די פויסטן אין די קעפּ, אין די בעטן, מעבל, אין די טירן. באַלד הערט מען שוין שרייען פון אַרומיקע שטיבער און הייף. ליכטער צינדן זיך אָן. מוטיקע גייען אַרויס אין גאַס. אַנדערע לויפן זיך באַהאַלטן.

דער עלטסטער קומט אַריין, טוט אַ שפּיי אויס, גיט אַ געשריי: — „פאַרפלוכטע"! — נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער, גיט אַ שאָס אין דער לופטן און אַ געשריי:

— וואַרט, פאַרפלוכטע! מיר וועלן באַלד צוריקקומען!

מיט אַ רוישיקן געפּילדער און כמעט פאַרלאָשענעם רעפלעקטאָר פאָרן די דייטשן אַוועק.

— רבונו־של־עולם! רבונו־של־עולם! וואָס איז עס געווען? אַן אָנ־טשעפּעניש, אַ משלחת, אַ משונהדיקע צרה! וואָס האָבן זיי געוואָלט, וואָס?

— האָבן זיך געריסן קולות און געוויינען געמישט מיט באַרויִקונג.

— ברוך־השם... ברוך־השם?...

עפּעס האָבן הערצער געפילט, אַז ס'איז אַ מיאוסער, געפערלעכער אָנזאָג. אָבער אויף וואָס? וואָס וויל עס זאָגן? וואָס האָבן זיי געמיינט? וועמען האָבן זיי געמיינט? וועמען? וואָס?

אין צווישן האָט אויפגעהערט דאָס באָמבאַרדירן פון דער זייט פון וואַרשע. וואַרשע איז שוין טויט, האָבן אייניקע געזאָגט: — די פּאָלאַקן האָבן פאַרטריבן די דייטשן.

— זיי זענען אַוועק — האָבן זיך געטרייסט די אַנדערע.

פרייטיק־צו־נאַכט, דעם 29סטן סעפּטעמבער, איז אָנגעלאָפן דעם שוחטס קרוב פון קאָנסק, חיים בערגער, אַ לעבעדיקער מת, געראַטעוועט פון טויט אַליין.

ווען די דייטשן זענען אַריינגעפאָרן מיט זייערע טאַנקען קיין קאָנסק, זענען זיי דאָרטן אויפגענומען געוואָרן דורך פאַראייניצלטע פּוילישע סאָל־דאַטן מיט ביקסנשאָסן און עטלעכע דייטשע סאָלדאַטן זענען געפאַלן. די דייטשן האָבן באַלד פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז די ייִדן האָבן געהרגעט דייי־טשע סאָלדאַטן און נישט געלאָזט באַפרייען די שטאָט.

אויפן אַנדערן טאָג זענען די דייטשן צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער מאַכט און מיט ביקסן, רעוואָלווערן און פייטשן האָבן זיי אַרויסגעטריבן אַלע ייִדן פון די הייזער און זיי פאַרזאַמלט אויפן גרויסן מאַרקפּלאַץ, אין זייט, וווּ ס׳איז נישט ברוקירט. דאָרט האָבן זיי געהייסן גראָבן גריבער. ייִדישע הערצער האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטער, אפשר גראָבן זיי קברים פאַר זיך אַליין. אָפּהענטיק און פאַרצווייפלט, זענען די לאָפּעטעס און די שיפּ־לעס זיי אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

די דייטשן זענען צוגעלאָפן און ·גענומען אכזריותדיק שלאָגן איבערן קאָפּ, הענט און פיס, בויך פון פּלייצעס, ביז פון אַ סך האָט גענומען רינען דאָס בלוט. שפּעטער האָט פּלוצלינג פון אַלע פיר זייטן מאַרק גענומען שיסן מאַשין־געווער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויבן, אויף די שטאָקן פון די הויכע הייזער. אין משך פון געציילטע מינוטן פון דער מערדער־לעכער קאַנאָנאַדע זענען אַלע אויפן מאַרק געפאַלן. קיינער האָט זיך נישט אויפגעשטעלט. אַ סך זענען אַריינגעפאַלן דירעקט אין די קברים וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויסגעגראָבן. אַ סך זענען שווער פאַרוווּנדיקט געוואָרן, אַנדערע לייכט. די האַלבטויטע האָבן זיך מורא געהאַט צו רירן, אַרויס־צווייזן סימנים פון לעבן. זיי זענען געקראָכן אונטער די מתים אָדער אַרויפגעלייגט אויף זיך אַ מת, די רוצחים זאָלן מיינען, אַז אַלע זענען טויט. קינדער האָבן אָבער נישט אויסגעהאַלטן. לעבעדיקע און האַלבלעבעדיקע האָבן זיי געשריגן, זיך געוואָרפן.

די רוצחים האָבן אויך דערפילט, אַז אונטער די מתים זענען דאָ אַ סך לעבעדיקע, האָבן זיי אויסגערופן מיט אַ הויך קול, דורך אַ הילכער, אַז די וואָס זענען געבליבן לעבן, קאָנען אַרויסגיין. זיי וועט שוין גאָר־נישט געשען. פּאַמעלעך און אָן צוטרוי האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן די

לעבעדיקע און לייכט־פאַרוואונדיקטע. ווידער האָבן צוויי מאַשין־געווערן געגעבן אַ פּאָר זאַלפּן אויף זיי און ווי אונטערגעשניטן זענען אַלע אַוועק־געפאַלן. קיינער איז מער נישט אויפגעשטאַנען.

אַן אָפיציר האָט געפּרוווט נאָך אַמאָל רופן די לעבעדיקע זיי זאָלן צוקומען. ער האָט אַפילו געגומען שרייען און פאַרטרייבן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָפּגענאַרט און געשאָסן. ער האָט דערקלערט, אַז איצט איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָרדענונג און לעבן.

נאָך אַ לאַנגער צייט זענען די, וועמען די לופט האָט געשטיקט און דאָס בלוט האָט געדושעט, איינציקווייז צוגעקומען צום אָפיציר. די האָט שוין נישט אַוועקגעשניטן דאָס מאַשין־געווער. פאַרנאַכט האָט מען זיי אַוועקגעפירט און איינציקווייז אויסגעשאָסן, מיט רעוואָלווערן. די דייטשן האָבן נאָך דערנאָך אַ פּאָר מאָל אַריינגעשאָסן אין די ליגנדיקע. ווו נאָר זיי האָבן באַמערקט אַ ריר האָבן זיי פון דער ווייטנס און פון דער נאָענט געשאָסן. ווען ס'איז געקומען די נאַכט און קיינער האָט זיך שוין נישט גערירט, האָבן זיי אויפגעהערט. ביינאַכט זענען געבליבן אין שטאָט, אויפן מאַרק, צוויי יידן לעבעדיקע, און ער, בערגער, איז איינער פון זיי.

די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. די אויגן האָבן פאַר־לוירן די ריכטונג און זענען געפלויגן, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון קאָפּ. איז עס מעגלעך? אַזעלכע רציחות וואָלטן דאָך פאַרשעמט אַפילו דזשינגיס כאַן. אַפילו די הונען מיט אַטילאַן בראש.

און קאָנסק איז נישט איין־איינציק. און ווענגראָוו איז נישט איינע, און לובלין איז נישט קיין בן־יחיד, און וואַרשע... גאַנץ פּוילן ווערט פאַרברענט מיט אַ העלישן פייער, ווערט פאַרשניטן, גייט אויס אין בלוט, און די וועלט שווייגט? ענגלאַנד, פראַנקרייך האָבן דאָך עפּעס דערקלערט קריג און זיי לאָזן דאָס צו?

נישט אַנדערש, די וועלט ווייסט נישט.

איז וווהין לויפט מען איצט? אַלע וועגן און שטעגן זענען באַזעצט מיט זיי און ווער ווייסט, וואָס זיי פּלאַנעווען, די דייטשע רוצחים.

די מלחמה איז צווישן פּוילן און דייטשלאַנד און דערוויייל גייט עס אויס צום יידס קאָפּ. ער וועט ווידער זיין, ווי זיין גורל איז, דאָס כפּרה־הינדל און אפשר נאָך מער ווי תמיד! וואָס טוט מען? וווהין לויפט מען ראַטעווען זיך און די משפּחה?

דאָס שטעטל האָט שבת, דעם 30סטן סעפּטעמבער, באַקומען אַן איבעראַשונג, אי אָנגענעם אי סטראַשנע. פון אין דער פרי אָן האָבן אָנגעהויבן קומען אין שטעטל אַריין וועגענער מיט באַוואָפנטע פּוילישע סאָלדאַטן. זיי האָבן געפירט קליינע פעלדהאַרמאַטן, זעניט־האַרמאַטלעך, פעלדקיכן, אַ סאַניטאַר־אָפּטיילונג און צוויי וועגענער מיט פאַרוווּנדיקטע.

באַלד איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז זיי וואַנדערן אַזוי פון אָרט צו אָרט, ווו זיי טרעפן דייטשן, שלאָגן זיי זיך, הרגענען, האָבן פאַרלוסטן, אַנטלויפן, זאַמלען זיך ווידער און ציִען ווייטער. זיי האָבן באַשלאָסן צו קעמפן און זיך דערשלאָגן ביז קיין קוטנע צו דער אַרמיי, וואָס ווערט אָרגאַניזירט דורכן גענעראַל בערבעצקי און סאָסנקאָווסקי. זיי האָבן זיך איצט איינקוואַרטירט אין שטאָט.

פון אַלע עקן שטאָט האָט מען מודיע געווען, אַז זיי האָבן אַוועקגעשטעלט קאַנאָנען און מאַכן באַריקאַדעס. דאָס שטעטל איז אַריין אין שרעק. דער עיקר די ייִדן. באַריקאַדעס! ווייניק האָט מען געצאָלט דערפאַר· אַ פאַרברענטע שטאָט. אַריבער צוויי הונדערט געהרגעטע ייִדן און ווידער באַריקאַדעס.

די פּני פונעם אָפּגעברענטן שטעטל האָבן פאַרלאַנגט, אַז מיר ביידע, די צוויי דאָקטוירים, זאָלן געפינען אַן עצה און ראַטעווען.

די קליינע אַמאַליע איז שוין געווען כמעט געזונט. יאַסימאַ איז געלעגן אין הויכן פיבער און פנינה איז געלאָפן צו די סאָלדאַטן בעטן, אפשר האָבן זיי אַ דאָקטער, אַ גוטן דאָקטער, וואָס פאַרשטייט זיך אויף אַ קרענק. איך און ד״ר אַלטער זענען ביידע צוגעגאַנגען צום גלח, אונדזערס אַן אַלטער באַקאַנטער. ס׳האָט אונדז פאַרבונדן דאָס קענען לאַטיין און העברעיִש און די קענטעניש פון דער פּוילישער געשיכטע. אויך האָט מען עפּעס אין שטעטל געמורמלט פון באָלשעוויקעס און דער גלח איז געווען גרייט זיך צו באַוואָרענען אויך מיט די „פריינד” פון דער קריסטלעכער אמונה און גערן אָנגעהאַלטן באַציִונגען מיט די צוויי וואַרשעווער אינטעליגענטן, וואָס זענען ייִדן און ווי אַזעלכע נאָענט צו די באָלשעוויסטישע הערשער, ווי ער האָט געגלייבט.

מיר האָבן איבערגעגעבן דעם גלח די שרעק, וואָס הערשט אין שטעטל און געזאָגט, אַז אַלץ הענגט אָפּ פון אים. הונדערטער לעבנס זענען איצט אין זיינע הענט. מיר האָבן אים איבערגעגעבן, אַז וואַרשע איז שוין גע־

פאַלן. אַ שאָד פוילישע סאָלדאַטן זאָלן פאַלן אויפן פרייען פעלד און זיך נישט פאַרשאַנצן אין וואַלד.

דער גלח האָט איבערגעגעבן דעם אָפיציר זיין מיינונג און דער יונ־גער אָפיציר האָט געענטפערט, אַז זיי טאָרן נישט ענדערן דעם באַפעל פונעם קאָלאָנעל־פּולקאָווניק, וואָס געפינט זיך אין וואַלד. דער גלח האָט געפּועלט, אַז מע זאָל שיקן אַנפרעגן דעם פּולקאָווניק.

רייטנדיק איז איינער פון די יונגע אָפיצירן אַוועק אין וואַלד אַריין פרעגן וואָס צו טון.

מיטאָג עסט מען אין איילעניש און דאָס שטעטל וואַרט. שעהען פאַר־גייען, דער אָפיציר קומט נישט צוריק. מיר שפּאַצירן מיטן גלח אין מאַרק, בלעטערן איבער די גאַנצע פוילישע געשיכטע. דער אָפיציר ווייזט זיך נישט.

דער טאָג פאַרגייט און די שרעק וואַקסט. ביי די האַרמאַטן ליגן פוי־לישע סאָלדאַטן — גרייט יעדע מינוט צו שיסן. עפּעס רעדט מען, אַז פון דער ווייטנס זאַמלען זיך דייטשן. מ׳הערט שוין שאָסן.

מע לויפט בעטן דעם אָפיציר, ער זאָל אויף זיין אחריות אָפּהאַלטן די סאָלדאַטן פון שיסן. נאָר אָן רעזולטאַט. ער טאָר נישט — זאָגט ער.

דער גלח גייט אַהיים, אַלע גייען אַריין אין זייערע שטיבער, בוי־דעמס, קעלערס, בודעס. מע פאַרמאַכט טירן, פענצטער, לאָדן .מע שטעלט אַרום פעסער, קאַסטנס, ברעטער. די שרעק וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

פון ווייטן הערט מען אַ פּאָר ביקסנשאָסן.

יאַסימאַ רעדט פון היץ: — זיי לויפן, אונדזערע זעלנערלעך... לויפן אויף די פערדעלעך... שיסן מיט די ביקסעלעך, פאַכן מיט די שווערדע־לעך... לויפן, לויפן אונדזערע זעלנערלעך.

מיר הערן זיך צו. אין דרויסן איז אַ באַוועגונג. ס׳רירט זיך. מע פאָרט. די וועגענער, די קיכן, די האַרמאַטן, די סאַניטאַרן, אַלץ פאָרט, אַלץ איז אַוועקגעפאָרן.

דאָס שטעטל, וואָס איז געווען געשפּאַנט אַ גאַנצן טאָג, האָט איצט פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער יונגער אָפיציר איז זיך געקומען געזעגענען מיט אונדז און האָט דערציילט, אַז ווען דער פּולקאָווניק האָט דערהערט, אַז וואַרשע איז גע־פאַלן, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט אַוועקגעחלשט. אַ

לענגערע צייט האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט ער געהייסן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און באַפוילן, אַז אַלע דריי באַטאַליאָנען זאָלן תיכף קומען אין וואַלד אַריין. אויב וואַרשע איז געפאַלן, דאַרף מען קלערן, צי זייער קאַמף האָט אַ זין. מיט וועמען? פאַר וועמען?

ביינאַכט האָט לאַסקאַזשעווע אָפּגערוט אַ ביסל. מ׳האָט זיך געלייגט שלאָפן, כאָטש שלאָפן האָבן נאָר געקאָנט די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מורא פאַרן בלוטיקן פליי־לייז־וואַנצן־דרייבונד. זיי זענען דווקא נישט אומגעקומען אין דער גרויסער שריפה, און האָבן געביסן, געריסן, געצופּט שטיקער, געזויגן ס׳בלוט פון יעדן איינעם.

אונדזערע משפחות אויפן בוידעם האָבן געפירט אַ פאַרצווייפלטע מלחמה מיט די קוים־זעבאַרע שונאים. ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין ליכט, נישט קיין פינצטערניש, קיין רויך, קיין טשאַד, נישט דער קאָפּעץ פון נאַפטלעמפּל. שוין גאַנצע חיילות האָבן זיי שפּאַצירט אויפן קערפּער, באַלד אַליין, באַלד צוזאַמען, באַלד איינע נאָך דער אַנדערער, גרופּעסווייז, חמרימווייז.

דאָס קראַצן איז געוואָרן אַ הויפּט־מלאכה, ספּעציעל ביינאַכט. ביי־טאָג האָבן זיי, ווייזט אויס, אַ ביסל געדרעמלט. די קליינע חיהלעך האָבן זיך אַ ביסל צוגעלייגט בייטאָג, כדי צו זיין וואַך ביינאַכט. דעמאָלט זע־נען זיי, פריש און געזונט, אַרויסגעגאַנגען אויף יאַגד. צוערשט פלעגט זיך דער עולם קראַצן מיט בושה, פאַמעלעך, אין דער זייט. שפּעטער האָט מען שוין געקראַצט בפרהסיא, עפנטלעך. נאָך שפּעטער האָט מען שוין עפּעס אַריינגעטון די האַנט אינעווייניק און זעלטן ווען זי אַרויסגענומען ליידיק. די בלוטיקע פלעקן אויף די קליידער און גוף האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה.

זונטיק, דעם 31סטן סעפּטעמבער, זענען געקומען צולויפן אַ ריי לאַסקאַזשעווער, וואָס די מלחמה האָט זיי פאַרכאַפּט אין וואַרשע. אויס־געטרוקנטע, אויסגעקלאַפּטע ווי ליידיקע זאַנגען, אויגן אויפגעריסענע, קליידער צעפליקטע. דערזעענדיק דעם לאַסקאַזשעווער חורבן האָט זיך אָנ־געהויבן די אמתע יללה. אינעם שרעקלעכן וואַרשע האָבן זיי איבערגעלעבט דעם טויט, געבליבן לעבן און דאָ אין שטעטל איז פאַרברענט געוואָרן דער טאַטע, די מאַמע, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קינד, געהרגעט געוואָרן. צעריסן געוואָרן.

אַ סך האָבן אויסגעטון די שיך, זיך געזעצט שבעה ביי די פּאַר־ברענטע הייזער. אַנדערע זענען געלאָפן אויפן בית־עולם, געריסן קריעה, געקלאַפּט זיך אין קאָפּ אַריין, געשריגן ווי ביי אַ לוויה.

זיי זענען אַנטלאָפן מיטן לעבן פון וואַרשע. דער ברוינער מערדער האָט אין וואַרשע דער עיקר געצילט אויף דער ייִדישער געגנט: די נאַ־לעווקעס, די גענשע, זאַמענהאָף, מילע, מילנע, נאַוואָליפּקע, סמאָטשע, מוראַנאָוו, סטאַווקע און די שכנותדיקע גאַסן. פון אַלעם איז געוואָרן נישט מער ווי קופּעס גראָז, אַ הויפן אַש. אויך נייוועלט און מאַרשאַלקאָווסקע זענען מוראדיק צעשטערט.

מאַנטיק, ווען מ׳האָט אין וואַרשע געוואָרפן צינדבאָמבעס, זענען געפאַלן טויזנטער, צענדליק טויזנטער. דינסטיק האָבן די דייטשן געמאָלדן אַז אויב וואַרשע וועט זיך נישט אונטערגעבן, וועלן זיי באַניצן גאַזן. דאָס האָט געבראַכט די שטאָט צו שגעון און מיטוואָך האָט מען באַשלאָסן איבערצוגעבן די שטאָט.

די געקומענע האָבן דערציילט, אַז טויזנטער מענטשן זענען געשטאָרבן געשוואָלענע פון הונגער. בשעת די שרעקלעכסטע באָמבאַרדירונגען האָט מען געזען גרופּעס מענטשן קניִען איבער אַ געפּגרט פערד און זיך רייסן איבער אַ שטיקל פונעם פגירה־פלייש. נאָך שווידערלעכער איז געווען מיטן קריגן וואַסער.

פון יום־כּיפּור אָן, ווען די דייטשן האָבן צעזעצט די גאַז־רעזערוואַרן און די עלעקטרישע סטאַציעס, איז די שטאָט געבליבן אין איין גרויסער פינצטערניש און אָן וואַסער. אַריבער אַ מיליאָן מענטשן האָט געלעבט אַ טאָג־אָנדערטהאַלבן אָן וואַסער. מער האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן. פריִער שריפות, באָמבעס, פאַרוואונדיקטע, בלוט, שגעון, דאָרשט און קיין טראָפּן וואַסער צו לעשן, צו ראַטעווען אַ פאַרחלשטן, צו וואַשן אַ וווּנד.

מענטשן זענען געלאָפן צו דער ווייסל, כאָטש דאָרט זענען געפאַלן די באָמבעס אָן אויפהער. דער וועג פון דער ווייסל אין שטאָט אַריין איז געווען אויסגעבעט מיט געפאַלענע. ווען איינער איז שוין צוריקגעגאַנגען מיטן אוצר, מיטן זילבערנעם וואַסער אין קרוג און געחלומט צו באַנעצן די ליפּן פון פיבערדנדיקע טאַטע־מאַמע, אָדער האַלב־פאַרחלשטע קינ־דער — האָט אים געטראָפן אַ שפּליטער פון אַ באָמבע צי פון אַ שראַפּנעל און ער האָט זיך אויסגעצויגן מיטן וואַסער.

אַ סך האָבן זיך איינגעשטעלט און געהאַנדלט מיט וואַסער. פינפאונ־צוואַנציק זלאָטעס פאַר אַ קריגעלע וואַסער. גאַנצע מלחמות האָבן זיך געפירט ביי די הויפּברונעמס, דאָרט ווו זיי זענען געווען. מ׳האָט זיך געהרגעט איבער יעדן טראָפּן. בשעתן שטיין און וואַרטן, פלעגן זיי די „פייגל״ פון אויבן אויפכאַפּן און באַוואַרפן מיט באָמבעס און קוילן. זעלטן ווען מ׳איז אַוועקגעלאָפן פון ברונעם פאַר מורא יענער זאָל נישט פאַר־כאַפּן דאָס אָרט, ווייל צוריקקומען אַהיים אָן וואַסער איז געווען ערגער ווי דער טויט. ד״ר גאָטליב, פון „היינט״, איז מיט סטאָישער רויִקייט גע־שטאַנען טעג לאַנג ביי אַ ברונעם נאָך אַ קריגל וואַסער.

אומגעהייער שוידערלעך זענען געווען די פאַלן פון פאַרשיט ווערן לעבעדיקערהייט. אַ באָמבע פלעגט שפּאַלטן אַ הויז און באַגראָבן אונטער זיך צענדליקער מענטשן לעבעדיקערהייט. זיי האָבן געמוזט אויסגיין, דער־שטיקט ווערן אין שרעקלעכע יסורים און טויטשרעק.

ד״ר וואַרטמאַן איז פאַרשיט געוואָרן און לעבן אים זיין מאַמע. — מאַמע! זון! מאַמע! זון! — האָבן זיי זיך דורכגעשריגן.ביידע לעבן נאָך, אָבער אַרויס קאָנען זיי נישט. אויף זיי ליגן טויזנטער, צענדליק טויזנטער קילאָס משא, אייזן, שטיין, בעטאָן. יעדער ריר איז טויט. אַ צופאַל בלויז, אַ בעלקע, אַ שטיק מויער האַלט אויף די לאַסט. אַרום הערשן פינצטערניש און פחד; אָפּגעליגן אַ נאַכט און געשריגן איינער צום אַנדערן: — מאַמע! זון! מאַמע! זון! — האָט ד״ר וואַרטמאַן באַשלאָסן זיך צו דערקריגן צו דער מוטער און זאָל געשען וואָס עס וויל. נאָך לאַנגן מוטשען זיך איז עס אים געלונגען. מאַמע און זון האָבן זיך אין דער פינצטער אַרומגענו־מען צום לעצטן קוש. ס׳האָט גענומען שיטן שטיינער און משא. אַ בעלקע האָט צוגעדריקט די מאַמע. ד״ר וואַרטמאַן האָט זיך אַרויסגעריסן. זיך געשטעלט לעבן די שווערע טאָנען גרוז און געשריגן:

—ייִדן! מענטשן! ראַטעוועט! מיין מאַמע! מיין מאַמע! דאָרט! זי לעבט נאָך! ראַטעוועט!

די פייגל זעצן פון אויבן און אַלע לויפן, יאָגן, ראַטעווען זיך, זייער לעבן, זייערע אייגענע מאַמעס.

צו מאָרגנס, מאָנטיק, דעם 1טן אָקטאָבער, איז געווען אַ נייער וויין־און־קלאָג־טאָג אין שטעטל. דאָס מאָל האָבן געווײנט ייִדן און פּאָלאַקן. אין שטעטל אַריין זענען געקומען גרופּעס פּאָלאַקן, ציוויל און מילי־

טעריש, האַלב־מיליטעריש געקליידט, אַלע אָן וואָפן. דער באַטאַליאָן, וואָס האָט ערשט מיט צוויי טעג צוריק געוואָלט פירן אַ שלאַכט מיט די דייטשן, איז אויפן באַפעל פון זיין פולקאָווניק געוואָרן אין גאַנצן אויפגעלייזט.

דער פולקאָווניק האָט פאַרזאַמלט אַלע דריי באַטאַליאָנען אין וואַלד אַריין און זיך שטיקנדיק פון טרערן האָט ער זיי דערציילט, אַז די גענע־ראַלן האָבן פאַראַטן, די רעגירונג איז אַוועק קיין רומעניע. וואַרשע איז געפאַלן. דער רוס, דער מאָסקאַל, האָט געגעבן די האַנט דעם דייטשן רוצח און ביידע ווילן צערייסן פוילן. די פוילישע אַרמיי האָט העלדיש גע־קעמפט. אָבער אָן מאַטאָרן, אָן מעכאַניזירטע טיילן, אָן געווער, אָן אַמו־ניציע, אָן פראָוויאַנט, אָן אַ פּלאַן און אָן פירער איז זי געוועזן אָן כוח און אָן נצחון. ער, דער פולקאָווניק, האָט אַפילו געוואָלט, אַז די דריי באַטאַליאָנען זאָלן קעמפן ביז צום לעצטן זעלנער. קיינער פון זיי זאָל נישט איבערלעבן די חרפה פון פוילנס פאַרטיליקונג. מ׳האָט אים אָבער איבער־געצייגט, אַז ס׳וועלן פאַלן טויזנטער קרבנות פון דער ציוויל־באַפעלקערונג, אין ווען די דייטשן וועלן זיך ביטער נוקם זיין. און ער וועט סיי־ווי פאַרלירן זיין טייער פויליש וואָפן. דעריבער באַפעלט ער, אַלע זאָלן זיך אויפלייזן, זיך צעגיין, נאָר פאַרבלייבן אָבער אויך ווייטער סאָלדאַטן און ווען דאָס פאָטערלאַנד וועט זיי רופן — זאָלן זיי קומען אויסהערן און פאָלגן זיין באַפעל.

אַלע האָבן זיך צעקושט. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ געוויין פון כעס, ווייטיק און צאָרן.

דער פולקאָווניק האָט אַלעמען געהייסן זיך צעגיין און וואַרטן פונקט ווי די פוילישע סאָלדאַטן אין די שוויענטאָקשיסקער היילן, וואָס שלאָפן און וואַרטן. ווען דאָס פאָטערלאַנד וועט זיי רופן, וועלן זיי אויפשטיין און אָנהייבן דעם גרויסן קאַמף פאַר פוילנס פרייהייט און אומאָפּהענגי־קייט אויף אייביק.

שפּעטער האָט ער געהייסן די אָפיצירן בלייבן. מ׳האָט טיף אין וואַלד אויסגעגראָבן גריבער און דאָרט באַהאַלטן די טייערע, פוילישע וואָפן. ווען פוילן וועט זיי דאַרפן, וועלן די וואָס ווייסן — אויסגראָבן און אַנט־קעגנטראָגן, פאַר איר נוצן וועגן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געגראָבן גריבער און באַהאַלטן ס׳געווער. אין דער פרי האָט זיי דער פולקאָווניק נאָך אַמאָל פאַרזאַמלט און אַלע

האָבן געשוווירן, אַז זיי האָבן נאָר באַקומען אורלויב, אָבער זיי זענען נישט באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. ווען דער באַפעל וועט קומען, דאַרפן זיי זיך שטעלן צום דינסט פון פאָטערלאַנד.

טויזנטער מיילער האָבן געשוווירן, טויזנטער פאַרהויבענע פויסטן האָבן געדראָט דעם ביטערן שונא. דער אַלטער, שטילער פוילישער וואַלד האָט אין זיך אַריינגענומען די שבועה, ווי ער וואָלט זי וועלן באַהאַלטן אויף פאַר זיך. מיט אַ פעסטן ווידער־קול האָט דער וואַלד נאָכגעזאָגט די שבועה וואָרט־ביי־וואָרט.

די צאָל יידישע סאָלדאַטן אין די דאָזיקע באַטאַליאָנען איז געווען געגוג באַטייטיק. דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן ציווילע קליי־דער, כדי איבערצוטון די זעלנער, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט בשעת זיי זענען נאָך אין די פוילישע מיליטערישע מונדירן.

עס זענען אויך געווען עטלעכע צעקאַלעטשעטע צווישן זיי. מ׳האָט זיי נישט געקאָנט אָפפירן אין שפּיטאָל אַריין, ווייל אַן אַמבולאַנס מיט פאַרוווּנדיקטע וואָס מ׳האָט איבערגעשיקט אין גאַרוואָלינער שפּיטאָל, האָבן די דייטשן אַרויסגעזעצט אין דער לופטן. האָט מען די פאַרוווּנדיקטע פאַר־טיילט צווישן יידן און געקלערט, ווי אַזוי שיקט מען זיי אַוועק און וווהין? אַלע וועגן זענען פול מיט דייטשן. זיי שיסן, יאָגן, ברענען. אַלץ אַרום איז אין סכנה.

ד״ר אַלטער האָט מיך ווידער געפרעגט, שוין צום הונדערטסטן מאָל:

— וואָס וועט זיין מיט אונדז? וווהין? נישט קיין דרום־מזרח, נישט קיין וואַרשע און נישט דאָ. עפּעס מוז מען טון. איז וואָס? ווען?

— מיר זענען שוין איצט, ביים אָנהייב פון דער מלחמה, געבליבן אָן אַ מאָרגן; מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן זייער ליניע, זייער וועג, זייער מאָרגן — האָב איך געענטפערט.

— מיר מוזן גלייבן — האָט געטענהט ד״ר אַלטער — אַז ס׳איז דאָ אַ השגחה. מע רעגירט און מע פירט מיט אונדז פון אויבן. קוקט, הונ־דערטער זענען פאַרברענט געוואָרן. די דייטשן האָבן זיי אַריינגעטריבן אין פייער. אונדז האָט מען געלאָזט גיין און אַנטלויפן. הונדערטער, טויזנטער זענען געבליבן אין דרויסן. אונדז איז געלונגען אַריינצוקומען אין באַן אַריין. נס בתוך נס, אַ נס אינמיטן פון אַ נס. און דאָ, ווען מיר פאָרן פאַר יום־כיפור אַוועק, ווער ווייסט צי מיר וואָלטן שוין היינט געווען. אפשר

איז די קרענק פון אונדזערע קינדער אַן אצבע־אלוקים, אַ פינגער פון גאָטס האַנט, אַן אָנווייז אַז מיר דאַרפן נאָך ווייטער לעבן.

— פאַטאַליזם. צידוק הדין — האָב איך איינגעווענדט — אויב אַזוי דאַרף מען גאָרנישט און נאָר זיצן און וואַרטן. שב ואל תעשה. זיץ און טו גאָרנישט.

— איר רירט אָן די העכסטע יסודות פון גלויבן, פון רעליגיע, פון מענטש. — האָט זיך אַלטער דענערווירט. — ס'איז אַן אַלטע פראַגע וואָס האָט אַלטע וואָרצלען. אונדזערע חכמים האָבן זיך נישט איין מאָל דערויף אָפּגעשטעלט, ווו איז דער מיטלוועג, דער אויסוועג צווישן השגחה פרטית און בחירה חפשית. דער רבונו־של־עולם פירט יעדעס ווערעמל אויף דער וועלט און דאָ זאָגט מען, אַז דער מענטש קאָן אויסקלייבן זיין וועג. אמת, דאָס ווייזט אויס, חרתו דסתרי, צוויי קעגנזאַצן, ברענגט דער תוספות־יום־טוב, דאַכט מיר, פון מדרש שמואל, אַ קלוגן פירוש דערויף, מיט אַ משל, ווי געוויינלעך. איך קוק דורך דעם פענצטער און זע, אַ מענטש גייט באַרג־אַראָפּ. ווייס איך אַז ער וועט צוקומען אונטן. איך שטער אים נישט און העלף נישט דעם מענטשן. אַזוי איז מיטן רבונו־של־עולם. ער שטערט אונדז נישט אין אונדזערע מעשים אָבער ער קען זיי פאָרויס. אינעם זין פון המביט מראשית אחרית, ער ווייסט דעם סוף באַלד ביים אָנהייב.

— ניין, ד״ר אַלטער — האָב איך אים געלאָזט רויִק אויסרעדן — דאָס איז צו קנאַפּ פאַר אַן אַרגומענט. שטעלט איר דאָך דעם מענטש אין איין מדרגה מיט גאָט. דער מענטש אַליין באַשטימט זיינע מעשים, זיין גורל, זיין עקזיסטענץ. וואָסזשע טוט איר מיט דער גמרא „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה על שלא יגזרו עליו מלמעלה״, אַ מענטש רירט זיך נישט אונטן, ביז מע באַשטימט עס נישט דאָרטן, אויבן אין הימל.

— איז דאָך ווידער — פאַרענטפערט ד״ר אַלטער — צדיק גוזר והקב״ה מקיים. דער צדיק הייסט, פאַרלאַנגט און דער רבונו־של־עולם פירט אויס זיין ווילן. זעט איר דאָך שוין, ליבער פריינד, אַז ס'איז דאָ אַ ווילן, אַ זעלבסטשטענדיקער ביים מענטשן און גאָט העלפט צו, רעאַלי־זירט דעם ווילן.

— טאָ וואָס טוט איר מיט דער גאַנצער אמונה? איז דאָך בעסער דוד המלך רעצעפּט „הַשְׁלֵךְ עַל ד' יְהָבְךָ״, וואַרף אַרויף אויף גאָט דאָס

פעקל, ער וועט עס שוין אויסטראָגן. אַ מין פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס באַ־ראָט. וואָלט דאָך, חלילה, די וועלט אונטערגעגאַנגען, ס׳וואָלט אויפגע־הערט דאָס טון און דאָס ווירקן, אַלץ איינס בין איך נישט דער באַלעבאָס איבער דעם. איך טאָר גאָר נישט זיין דער באַלעבאָס, אָדער איך בין אַ שותף למעשי־בראשית, אַ שותף צום שאַפן, איז דאָך ווידער...

— איך וויל נישט ענטפערן — עקשנט זיך ד״ר אַלטער — אַז מיר טאָרן נישט אַריינגיין אין „מה למעלה, מה למטה, מה לפנים ומה לאחור״, וואָס איז אויבן, וואָס אונטן, וואָס פאָרנט און וואָס הינטער אונדז. ווי ס׳זאָגט די גמרא אין חגיגה. ס׳איז אָבער יאָ דאָ אַ ליניע, און די חכמים האָבן זי קלאָר אָנגעצייכנט „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״, אַלץ ליגט אין די הענט פון גאָט חוץ די מורא פאַר גאָט, דאָ האָט יעדער מענטש דעם אויסוועג, דעם אויסקלייב.

— אויך נישט אין גאַנצן — האָב איך אויף ס׳ניי איינגעווענדט — ס׳איז דאָך ווידער דאָ אַן אַריינמישן זיך, אמת, אַ פּאַסיווע השפעה, אַזוי ווי ס׳הייסט „בדרך שאדם רוצה לילך מוליכים אותו״, מע פירט דעם מענטשן אין דעם וועג אין וועלכן ער וויל גיין. דאָס איז דאָך אייגנטלעך אַ מין פּרעדעסטינאַציע. דער מענטש איז צו עפּעס באַשטימט. פאַלט דאָך אָפּ דער אינדעטערמיניסטישער פּרינציפּ פונעם מענטשנס פרייהייט, פונעם מענטשנס ווילן. ווייל ווען אַנדערש, וואָלט דאָך די העכערע קראַפט פאַר־לוירן איר מאָראַלישן אינהאַלט, איר עטישן אָנשפּאַר־כוח, אויף וועלכן דער גלויבן איז דער עיקר געבויט.

— דער עטישער פּרינציפּ אין דער אמונה איז אייגנטלעך די אמונה אַליין. דער עצם גלויבן איז שוין עטיק, איז שוין די פיינערונג פון געפיל אין מענטשלעכן וועזן.

— אמת — האָב איך קאָנטינויִרט — אָבער דאַן באַדאַרף דאָך די העכערע קראַפט געבן אַ ביישפּיל פון עטיק, כדי צו פאָדערן עטיק. מיר שטייען דאָך תמיד פאַר דער איוב־פראַגע פון „צדיק ורע, רשע וטוב לו, דעם גוטן און מאָראַלישן מענטש גייט שלעכט און דעם שלעכטן איז גוט אויף דער וועלט. מיר זוכן אויסטייטשונגען, אַז דאָס איז טאַקע גאָטס פּרוּווּשטיין. וואָלט מען באַלד געצאָלט פאַר גוטס און געשטראָפט פאַר שלעכטס, וואָלטן דאָך מענטשן נישט געזינדיקט.

— ס׳וואָלטן דאַן נישט געווען קיין נסיונות, קיין פּרוּוון און אויס־

פריוועכצער. פאַרגעסט אויך נישט — האָט ד״ר אַלטער ממשיך געווען — אַז דער „שכר מצווה — מצווה״, דער העכסטער לוין פאַר אַ גוטער טאַט איז — די געשאַפענע טאַט, דאָס געפיל פון האָבן עפּעס געשאַפן. און „העובדים על מנת לקבל פרס״ איז שוין ווייט נישט קיין מדרגה. דאָס איז שוין אַ געוויינלעך געשעפט, דאָס גייט שוין אַריין אין וואַרטן אויף אותות ומופתים, אין קעגנזייטיקן פאַרהאַלטן זיך אין אַ דעבעט־קרעדיט.

— דערקלערט מיר, ד״ר אַלטער, פאַרוואָס וואַרט איר אויף אַ מופת. לא בכל יומי מתרחשי נסים, נישט יעדן טאָג קומען פאַר נסים און איר ווילט פון די נסים דרינגען, וואָס מיר זאָלן טון און וואָס נישט.

— ניין, מיין יונגער פריינד, ניין, נישט אַזוי. די מופתים, די נסים, וואָס זענען מיט אונדז געשען, זענען נישט געווען קיין לוין פאַר אונדזערע ביז איצטיקע מעשים. איך ווייס נישט צי זיי קומען אונדז. איך באַטראַכט זיי, ווי אַן אָנווייז פון רבונו־של־עולמס חסד צו אונדז. לויטן מידת הדין — וואָס וואָלט מיט אונדז שוין געווען היינט? דאָס איז מידת הרחמים, די מאָס פון גאָטס רחמים.

— אָבער אין סומכין על הנס, מע טאָר זיך דאָך נישט שטיצן אויף קיין נס און וואַרטן אויף אַ נס טאָר מען אויך נישט.

— אמת, דאָס טאָר מען נישט. דאָס וויל איך אויך נישט. ס׳וואָלט געהייסן איבערגיין די קאָמפּעטענץ, די גרענעץ פון מענטשן. אַנשטאָט גאָט זאָל אונדז אויספּרוּוון, גייען גאָר מיר אויספּרוּוון אים.

מיר האָבןביידע איינגעשטימט, אַז מע טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נס און אַז מע דאַרף עפּעס טון.

אָבער ממשותדיק טון האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט. מיר האָבן געוואַרט, געמוזט וואַרטן.

* * *

אין שטעטל וואַקסט דער יקרות. די פּרייזן פליען אין דער הויך. יידן האַנדלען שוין, ווי אין די אַלטע, נאָרמאַלע צייטן. צו באַוווּנדערן איז די אויסערגעוויינלעכע קראַפט און סגולה פון די יידן צוצופּאַסן זיך צו יעטוועדן מצב, צו יעטוועדן שטאַנד, צו יעדער לאַגע.

ווער עס טרויערט — טרויערט, זיצט שבעה, זאָגט קדיש, לויפט דאַווענען מיט מנין, וויינט, קלאָגט, באַוויינט די וועלט און זיין אייגענעם מזל. די אַנדערע באַמיִען זיך צו פאַרגעסן און שאַפן אַ ניי לעבן.

אין די פאָר טעג פון יום־כיפור ביז סוכות און איצט אין חול־המועד סוכות האָט מען שוין באַוויזן צוצוקלאַפּן טירן, שטיקלעך פענצטער און ווענטלעך צו די חורבות. מ׳האָט פאַריכט די בודעס אין מאַרק, כמעט צונויפגעשטעלט אויף ס׳ניי די קראָמען, צונויפגעשלעפּט די סחורות און מע קויפט, פאַרקויפט, מע דינגט זיך, מע קראַצט זיך און ס׳גייט אַ האַנדל.

די פויערן קומען שוין מיט זייערע פּראָדוקטן פון דער געגנט, אַפילו פון די דערפלעך, מע טוישט, מ׳אַמפּערט זיך, מע בייזערט זיך אויפן יקרות, מע שעלט, מע דראָט און מע קויפט.

— איך פאַרשטיי די פּאָלאַקן — האָב איך אַ פאַרוווּנדערטער גע־טענהט צו מיינע באַקאַנטע פון שטעטל — זיי האָט גאָרנישט געשאַדט און זיי וועט נישט שאַדטן. דער דייטש קערעוועט אומיסטן אַזוי, אַז דער גאַנצער האַס און כעס זאָל פאַלן אויף די ייִדן. זיי, די פּאָלאַקן, וועלן אָפּ־קומען מיט שרעק און זענען שוין אפשר זייערס אָפּגעקומען. אָבער די ייִדן? די ייִדן האָבן שוין באַוויזן צו פאַרגעסן דאָס שרעקלעכע אומגליק, די שריפה, דעם חורבן, די קדושים? אַלץ! און דער עיקר פאַרגעסן זיי, אַז דער רוצחישער שונא, דער ייִדן־מערדער שטייט הינטער דער טיר און זיינע חיילות ווילן אונדז רויניִרן און אפשר אומברענגען.

— איך וועל אייך דערויף ענטפערן מיט אַ משל — רופט זיך אָן איינער פון די שטאָט־פאַרזאָרגערס, פון די פּרנסים — אין כעלעם האָבן מענטשן סטראַשנע מורא געהאַט פאַרן טויט. ס׳איז זיי באַפאַלן אַזאַ שרעק אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו עסן און טרינקען, צו דאַווענען און האַנדלען און אַפילו לעבן מיט זייערע אייגענע ווייבער. ס׳האָט געדראָט, אַז די שטאָט זאָל חלילה אונטערגיין. האָט מען, ווי דער מנהג איז, גערופן אסיפות און באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם גאַנצן ענין דעם רב, דעם כע־לעמער רב. האָט דער רב געגומען פאַסטן תעניתים, בלעטערן גמרות, ש״ס מיט פּוסקים. ער האָט געדאַוונט מיט ספּעציעלע כוונות, זיך מתבודד גע־ווען, אָפּגעזונדערט טאָג און נאַכט, געזעסן פאַרקלערט און פאַרמוחט, גע־לערנט, געוואַרט. נאָך עטלעכע וואָכן האָט ער צונויפגערופן די ראשי־העדה און זיי געזאָגט, אַז מ׳האָט אים מודיע געווען פון אויבן, אַז מע זאָל נישט קובר זיין דעם מת, וואָס וועט איצט קומען. מע זאָל אים מאַכן זיין רעכט, די טהרה, אָנטון אין תכריכים, לויטן דין און דערנאָך אויפהענגען אין בית־מדרש ביי דער טיר. יעדער ייִד, וואָס וועט קומען דאַווענען, זאָל

אַ שאָקל טון מיטן מת. וועט דער עולם זען, אַז דער טויט איז נישט אַזוי געפערלעך און מע וועט אָנהייבן צו לעבן. אַזוי איז טאַקע געווען. עולם האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צום מת, אַז יעדער איינער, וואָס פלעגט זיך וואַשן די הענט, נטילת־ידים, האָט זיך אָפּגעווישט די פינגער אין מת, פונקט ווי אין אַ האַנטעך. ווייל דאָס לעבן — האָט ער פאַרענדיקט, דער לאַסקאַזשעווער פרנס — טוט זיך נישט רעכענען מיטן טויט. „וחי בהם" שטייט ביי אונדז געשריבן. דו דאַרפסט לעבן, אַפילו בעל־כרחך, אַפילו קעגן דיין ווילן.

שבת, דעם 6טן אָקטאָבער, איז אונדז אויסגעקומען צו זיין עדות פון אַ טאָפּל־לעבן פון אונדזער פאָלק.

יאָסימען איז שוין געווען אַביסל בעסער. מיר גלייבן, אַז די קומענ־דיקע וואָך וועלן מיר פאַרלאָזן לאַסקאַזשעוו און גיין, ווו די אויגן וועלן טראָגן, אַבי אַוועק פון דאַנען. די פרויען אונדזערע האַלטן נאָר פון דרום און מזרח, ציִען צו זייערע היימען. מסתמא פילן זיי בעסער די סכנה און דעם וועג. זייער מוטער־געפיל וועט זיי נישט נאַרן. אונדזער שׂכל שווייגט. וועלן מיר מוזן נאָכגיין נאָך זייערע קעפּ.

דערווייל לעבן מיר מיט מיטן שטעטל און נעמען אָנטייל אין זיין נייעם געראַנגל.

עס מערן זיך לעצטנס די גניבות פון נאַכט צו נאַכט. יעדע נאַכט באַגנבעט מען אַ נייע קראָם, אַ בודע, אַ קעלער, אַפילו אַ שטוב. די גנבים, די שקצים פון די ווייטערע גאַסן, אָדער פון דער געגנט אַרום, טוען דאָס כמעט אָפן, אָן מורא און אָן האַרץ. דאָרט ווו מע כאַפּט זיי ביי דער האַנט, אָדער מע וויל זיי שטערן, גיבן זיי מוראדיקע קלעפּ און אַנטלויפן מיט דער סחורה. עס ליגן שוין צעשלאָגן עטלעכע ייִדישע סוחרים און זייערע ווייבער. די לעצטע נאַכט, פרייטיק־צו־נאַכטס, האָבן זיי שוין צעשלאָגן אַ משפּחה מיט קינדער גאָר מערדערלעך און זיי אין גאַנצן באַרויבט.

אין שטאָט איז נישטאָ קיין פּאָליציי, קיין פאַרוואַלטונג, קיין שום מאַכט, אַלץ איז הפקר. געניסן די שקצים פונעם הפקר.

„עבדא בהיפקרא ניחא לי".

אַלע יונגע שקצים און אויך עלטערע פּאָלאַקן חזרן אַלע מאָל איבער, אַז די דייטשן וועלן מאַכן אַ סוף מיט די ייִדן. די פּאָלאַקן וועלן זיי גאָר־

נישט טון. זאָלן נאָר די פּוילישע סאָלדאַטן אויפהערן קעמפן, וועט דער דייטש זיי, די פּאָלאַקן, גאָרנישט נישט טון.

ייִדן הייבן אָן מורא צו האָבן אַרויסצוגיין אין גאַס. מע וויל שוין נישט עפענען די קראָמען, מע פאַרלירט שוין דעם קאָפּ.

האָבן זיך איצט די וויכטיקסטע באַלעבאַטים צונויפגענומען און מע באַראַט זיך וואָס צו טון.

כאָטש אַלע זענען רעליגיעזע, גאָטפאָרכטיקע און היטן אָפּ אַלע מצוות, האָבן דאָך עטלעכע פון זיי פאָרגעשלאָגן, מע זאָל שאַפן אַן אייגענע ייִדישע זעלבסטשוץ. ייִדישע ייִנגלעך, ייִדישע יונגעלייט וועלן שוין וויסן, ווי זיך צו פאַרטיידיקן און צו לערנען בלק מיט די אייגענע שקצים, וועלכע זענען גרויסע פּחדנים. מע וועט זיי נאָר ווייזן אַ שטעקן, וועלן זיי זיך גלייך אָפּטראָגן. אַז מע וועט דאַרפן עפּעס מער — וועלן זיי אוודאי ליגן איינגעלייגט.

אַ קלענערער טייל האָט פּראָטעסטירט קעגן דער מיינונג און געהאַלטן, אַז מע דאַרף דורכרעדן מיט די עלטערע פּאָלאַקן, זיי זאָלן ווירקן אויף זייערע קינדער, אויף די שקצים, זיי זאָלן אויפהערן פּייניקן די ייִדן.

די מערהייט האָט אָבער אָנגעהויבן צוצוטרעטן צו שאַפן אַ זעלבסט-שוץ.

אָבער די יוגנט, צו וועלכער מ'האָט זיך געווענדט, האָט דערקלערט, אַז זי איז פאַרנומען מיט אַ סך אַ וויכטיקערער זאַך ווי צו העלפן זייערע אייגענע טאַטעס, די בורזשויען און ראַטעווען זייער קאַפּיטאַליסטיש פאַר-מעגן.

זיי זענען באמת געווען זייער פאַרנומען. אין די קעלערס און בוי-דעמס האָבן זיך פאַרזאַמלט כמעט אַלע יוגנטלעכע פון שטאָט, ייִנגלעך און מיידלעך, כדי אויסצוקלייבן אַ קבלת פּנים-קאָמיטעט אויפצונעמען דעם אַריינמאַרש פון די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, וואָס מע דערוואַרט אַ ליאַדע טאָג אין שטאָט.

לויטן אָפּמאַך צווישן היטלערן און סטאַלינען דאַרף ראַטנפאַרבאַנד פאַרנעמען דעם דאָזיקן טייל פוילן. חוץ דעם אויפנעם-קאָמיטעט האָט מען אויך אויסגעקליבן אַ צווייטן, אַ קאָמיסאַריאַט, וואָס דאַרף אָנפירן מיט דער שטאָט, ביז די רויטע אַרמיי וועט אַריינקומען און דערנאָך איבערגעבן דעם רויטן קאָמאַנדיר, ווען ער וועט קומען, די שטאָט אין זיין רשות.

מ׳האָט שוין אויסגעקליבן אַ קאָמיסאַר, אַ פּאַרטרעטער, צוויי מיט־העלפערס און אַ ספּעציעלע וואַך, אַ מיליץ. פון ערגעץ־ווו האָט מען באַקומען רויטן שטאָף און דער שטעטל־קינסטלער האָט אויפגעמאָלט אַ האַמער־מיט־אַ־סערפּ אויף אַ פאָן. אויסער דעם האָט מען געקריגן רויטע לענטעס פאַר די אַלע דיגניטאַרן, פאַרן קאָמיסאַר, זיינע מיטהעלפער און וועכטער. מ׳האָט שוין גענומען זוכן און זאַמלען געווער. דער קאָמיסאַר האָט שוין געלערנט אויף אויסנווייניק זיין הויפּטרעדע וואָס ער וועט האַלטן בשעת דער רויטער קאָמאַנדיר וועט קומען. מ׳איז שוין צוגעטרעטן צו־נויפצושטעלן אַ „שוואַרצע ליסטע״ פון די אַלע גרויס־קאַפּיטאַליסטן און בלוטזויגערס, וואָס האָבן ביז היינט געשטערט און אויפגעהאַלטן דעם מאַרש פון דער גרויסער, הייליקער רעוואָלוציע. אַ רשימה פון אייגענע טאַטע־מאַמע. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן בסוד, ווי ס׳פּאַסט פאַר קאָנס־פּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערן, פּונקט ווי אין הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן.

איז אָבער די צרה, אַז אין שטעטל זענען געווען צוויי קרוין־פּרעטענ־דענטן, צוויי קאַנדידאַטן אויף קאָמיסאַר און יעדער האָט געהאַט זיינע אַנהענגער. איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, איין גרופּע האָט באַשולדיקט די אַנדערע אין אָפּנייג, אין טראָצקיזם. יעדע גרופּע האָט געמאַכט שבת פאַר זיך. אַן אייגענעם קאָמיסאַר, אייגענע מיליץ און אַפילו אַן אייגענע שוואַר־צע ליסטע.

האָט געטראָפן, אַז איין גרופּע האָט אריינגענומען יונגעלייט, וואָס האָבן געהערט צו דער צווייטער גרופּע אין זייער שוואַרצער ליסטע אַריין. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה. יידן זענען געלאָפן צו יעדן צד, זיך בעטן, מען זאָל זיי אויסמעקן פון דער שוואַרצער ליסטע. מ׳האָט דערמאָנט אַלע זכות־אבות, אַלדאָס גוטס וואָס זיי האָבן געטון פאַר די אַרבעטאַרערס און פאַרן קאָמוניזם, צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום און פּולשטענדיק אויף דער זייט פון פּראָלעטאַריאַט, אָבי מע זאָל זיי נישט טשעפּען, מע זאָל זיי לאָזן צו רו.

אַ פּאָר עלטערע יידן האָבן אַפילו גענומען לערנען פּשט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער אמתער קאָמוניזם איז אין דער תורה: לא ילין שכר פעולתך. מע מוז אַן אַרבעטאַרער באַלד צאָלן פאַר זיין אַרבעט. „חוקה

אחת לכם, לגר ולאזרח״, אַלע זענען גלייך ביים רבונו־של־עולם. און נאָך און נאָך.

צו אונדז זענען געקומען פאַרטרעטער פון ביידע קאָמיסאַריאַטן. זיי האָבן אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זענען נישט קיין געוווּנטשענער עלעמענט אין לאַסקאַזשעוו, ממש שוואַרצע רעאַקציע. ווען נישט דער זכות פון דוד ווייִנציגער, דער קאָמענדאַנט פון בית״ר, וועלכער האָט פאַרשטאַנען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אויך ביי זיי, וואָלטן מיר באמת געהאַט אויסצושטיין צרות אין דער פּאַרקאָמוניסטישער רעגירונג פון לאַסקאַזשעוו.

ד״ר אַלטער און איך האָבן זיך אויף אַן אמת גענומען פאַרטראַכטן, צי מעגן מיר זיך לאָזן אין וועג אַריין, קיין דרום, קיין מזרח, דאָרטן ווו עס הערשט די ממשלה פון סערבּ און האַמער. אויב דאָ, אויף דער פּויליישער ערד, ווו מיר זענען אייִנגעפונדעוועטע, בכבודיקע, אין אַ געווויסער מאָס אייִנפלוסרייכע מענטשן, קאָנען יונגע צוציקעס, וואָס האָבן נאָך נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט, בלויז אַנטוענדיק אַ רויטע לענטע אויפן אַרבל, האָבן צו אונדז אַזאַ מין חוצפה און אונדז געבן צו פאַרשטיין, אַז אייגנטלעך וואָלט מען אונדז באַדאַרפט אויפהענגען פאַרן פאַרברעכן וואָס מיר זענען נישט געבוירן געוואָרן אין אַ שטאָל, אין אַ ווערקשטאַט. אונדזערע מאַמעס זענען נישט געווען קיין דינסטן און די טאַטעס קיין שמאַטשאַזשעס, שוסטערס אָדער שניידערס. מ׳האָט אונדז אַפילו מרמז געווען, אַז אונדזער גורל איז כמעט אַ פאַרחתמעטער. ביי אַן אמתער רויטער רעגירונג וועלן מיר קיין סך זופּ נישט אויפעסן.

איינער פון די קאָמיסאַרן האָט מיר דערקלערט, אַז ער קאָן מיר אַפילו נישט טון דעם חסד פון אַרויפנעמען מיך — אַ רב־ציוניסט־רעוויזיאָניסט, אַ דרייפאַכן פאַרברעכער, אַ פאַשיסטיש־קלעריקאַלן קאָנטררעוואָלוציאָנער — אויף דער שוואַרצער ליסטע. דאָס וואָלט געהייסן, אַז מע באַטראַכט מיך פאַר אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. נאָר מע באַדאַרף מיך אומברענגען. און איך בין דאָך אין גאַנצן נישט ראוי זיך צו געפינען צווישן מענטשן, אַפילו צווישן טויט־פאַראורטיילטע.

ד״ר אַלטער האָט אַפילו געמיינט, אַז „אפּיקורס ישראל כל שכן דפקר טפי״. אַ ייִד אַ קאָמוניסט איז אַ סך ערגער און געפערלעכער פון אַן אמתן באָלשעוויק. אין אים, אינעם ייִד, ברענט נאָך דאָס התלהבות פון אַלטן גלויבן, פון דער גרויסער אמונה. אַז ער מישט עס צו און גיט עס

צו צום קאָמוניזם — קומט אַרויס אַ פייערדיקער קאָמוניזם, וואָס איז גרייט צו פאַרשרפהנען. די באָלשעוויקעס אַליין וועלן אונדז אמת נישט אַרויפזעצן אויבן־אָן, אָבער אויך נישט פאַרטיליקן.

— די דייטשן קעמפן מיט אונדזער ראַסע — האָט ער געטענהט — די ראַסע קאָן איך נישט ענדערן. די באָלשעוויקעס פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל אַרבעטן, טו איך דאָך דאָס, איך אַרבעט. אלא וואָס, זיי וועלן מיר געבן אַן אַנדער אַרבעט — וועלן מיר דעמאָלט זען.

איך האָב געשוויגן. זייענדיק אַמאָל אַ סעקרעטאַר אין אַ קאָמוניס־טיש קרייזל אין ווין, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך געקענט דעם באָלשעוויסטישן פאַנאַטיזם און געוווסט, ווי שטאַרק ס'איז דער אייג־פלוס פון ייִדן און ייִדישע עקסטרעמיסטן אויפן רוסישן קאָמוניזם.

וואָס שייך ייִדן, לגבי זיי האָט דער קאָמוניזם, און נאָך מער האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן, אַ שטעלונג פון האַס, ביטול, כעס און אפילו פאַראַכ־טונג. דאָס איז נאָך אַ מין צוואה פון זייער גרויסן רבין, קאַרל מאַרקס, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה, אַז דער גאָט פון די ייִדן און זייער רעליגיע איז דאָס געלט, דאָס וועקסל און דאָס אויסניצעריי. פונקט ווי אַט דער אַלטער משומד האָט געשפּיגן זיין אייגענער ראַסע אין פּנים אַריין, האַלטן דאָס אַלע ייִדישע קאָמוניסטלעך אויף דער גאַנצער וועלט פאַר אַ געזעץ נאָכצוטון דאָס זעלבע.

דאָס איז אויך, אין אַ גרויסער מאָס געווען די סיבה, וואָס האָט מיך אָפּגעשטויסן פון קאָמוניזם, כאָטש איך האָב דעמאָלט, אין מיינע ערשטע יוגנטיאָרן, געהאַלטן די קאָמוניסטישע אידיי און איר תורה פאַרן העכסטן אויסדרוק פון הויכער עטיק, גערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און פערזענלעכער דערהייבונג.

שבת נאָכמיטיק זענען מיר נישט ווילנדיק געווען עדות פון אַן איינ־טערעסאַנט ספּעקטאַקל.

אין אונדזער שטוב, אונטן, איז פאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון איינעם פון די צוויי קאָמיסאַריאַטן מיט די חשובסטע באַלעבאַטים פון שטעטל. מיר זענען געהאַט געדרעמלט אויפן בוידעם און ביידע אונדזערע משפחות זענען איינגעשלאָפן — מיד פון לויפעניש און יאָגעניש נאָך אַ ביסל קרויט מיט קאַרטאָפל, קאָכן ביי פרעמדע קוימענס און פלעגן קראַנקע קינדער.

אונטן האָט מען געמיינט, אַז ס׳איז קיינער נישטאָ און מ׳האָט גערעדט פריי.

די ווילדע יונגען, די היינטיקע קאַנדידאַטן און מאָרגנדיקע הערשער, זענען געזעסן צוזאַמען מיט זייערע טאַטעס אָדער אַנדערע טאַטעס און באַהאַנדלט די פראַגע פון זאַמלען געלט און באַהערשן די שטאָט. די עלטערע ייִדן האָבן מיטן גאַנצן ברען געגעבן עצות ווי אַזוי צו זאַמלען געלט אויף לענטעס, פענער, קליידער, מונדירן, היטלעך, אָפּצייכנס און אויפן נייטיקן געווער.

די עלטערע האָבן גערעדט מיט התלהבות, מיטן זעלבן שאָקלען זיך, מיט וועלכן זיי טוען עס ביים דאַווענען, מיט די זעלביקע גראָבע פינגער, וואָס זיי באַניצן זיך ביים לערנען גמרא און ציילן געלט מיט אַ ברען פון פייער. די ווילדע יונגען האָבן גערעדט פעסט, מיט אַ כּוח פון פאָדערונג און זיכערקייט, ווי ס׳רעדן הערשער און מענטשן, וואָס ווייסן וואָס זיי ווילן.

הערנדיק זייערע רייד, די אַרגומענטן, פאָדערונגען און פאָרשלאָגן, האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אונדזערע הערצער, איבערהויפּט צו מיר, אַן אומאָנגענעם געפיל פון ביטערקייט. דאָס חנפענען זיך פון די עלטערע צו די יונגערע, צו די צוקונפטיקע הערשער, איז געווען אַזוי צעקראָכן, ני־דעריק, אַז ס׳האָט מיר אויסגעוויזן, אַז מיינע חשדים זענען באַרעכטיקט. נישט איין מאָל האָב איך שוין געקלערט, אַז אונדזער צייט איז שוין פאַר־ביי. אונדזער רעליגיע ליידט אויף עלטער־שוואַכקייט, סעניליטאַס. זי האָט פאַרלוירן איר גלאַנץ און שיינקייט. מיר האָבן שוין נישט דעם יוגנט־כּוח, דעם גלויבן אינעם ווערט פון אונדזער גלויבן.

דאַכט זיך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ביי ישו, האָט אונדזער אמונה געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג פון שאַפן. פון דעמאָלט הייבט זיך אָן איר אימפּאָטענץ. דאָס מינטערן זי מיט חלשות־טראָפּן פון השכּלה און חסידיזם קאָן זי נישט אויפוועקן. מאָרפיום־איינשפּריצונגען פון קידוש־השם, ראָמאַנטיק זענען בלויז אַ מיטל צו פאַרלענגערן די גסיסה. די דרויסנ־דיקע וועלט איז שטורמיש, לייִדיק פון אידיי, אָבער שטאַרק אין איר פאָ־דערונג, אין איר האַלטן זיך אין איין צוריקציִען, אַפילו זיך נישט פאַר־טיידיקנדיק צומאָל.

ווי זיי קריכן אויף אַלע פיר אונדזערע עלטערע באַלעבאַטים, שלעפּן

ארויס די תורה אויף צו באווייזן פאר די ווילע יונגען, ווי גוט און פרום מיר זענען. און זיי, די ווילע יונגען, ווילן פון גארנישט וויסן, זיי פא־דערן. עס קומט זיי.

דאכט זיך, אז די צייט פון אבסטראקטער עקזיסטענץ, פון ריינע אי־דייען, איז אוועק. עקזיסטירן קאן מען, ווען מע טוט אן דער אידיי א מלבוש פון אן אייגענער רעגירונג, פון אייגענער ערד. נאקעטע אידייען פארקילן זיך שנעל און סטראשען מער ווי זיי ציִען צו.

מיר האבן באשלאסן געוויר צו ווערן, צי ס׳איז פאראן וואסער ס׳איז שאנס צו קאנען אנטלויפן ווייט, ביז קיין ארץ־ישראל. אויב נישט — טארן מיר זיך נישט לאזן אין וועג אריין און זיך איבערגעבן אין די הענט פון אונדזערע יונגע ייִדן, וואס זענען געפערלעך, ווייל זיי געפינען אין קאמוניזם דעם באקליידטן גאט, דעם אנגעטוענעם, וועלכן זיי האבן גע־זוכט.

נישט דער נאקעטער, אידייען־גאט פון ישראל, נאר דער גוט־אנגע־טוענער, מיט אייגענער ערד פארזארגטער און מיט אן אייגענער רעגירונג פארזיכערטער רויטער אידייען־גאט. און ווי ס׳פאסט פאר ייִדן, און פא־נאטישע ייִנגלעך, וועלן זיי דעם נייעם גאט מקריב זיין אלץ — דאס טייערסטע, דאס הייסט אייגענע טאטע־מאמע און די נאענטסטע.

ביינאכט האבן מיר געהערט הבדלה־מאכן און דערנאך זינגען זמירות פון מלווה־מלכה פון די זעלביקע ייִדן, וואס האבן א פאר שעה פריִער אזוי לייכט אנגעטון זייער גאט אין פרעמדע, רויטע מלבושים.

עפעס א טרויער און ווידערווילן האט זיך אריינגעגנבעט אין הארצן אריין. אזא טיפער טרויער כמעט ביז אויסזיכטלאז צוזאמען מיט א ספק אינעם „אל תירא עבדי יעקב״. האב נישט קיין מורא יעקב מיין קנעכט. דערנאך אינעם „איש חסיד״, אז אפילו אליהו הנביא מיט זיין פראכטפו־לער הערא־יש־מיסטישער געשטאלט האט נישט געקאנט גארנישט ענדערן.

מיר זענען אראפגעגאנגען פון בוידעם זיך באטייליקן אונטן אין דער סעודה.

אויגן לייכטנדיקע אבער טרויעריקע, גאר טרויעריקע זענען עס גע־ווען די אויגן פון די פאר מלווה־מלכה־פראווערס.

א טרויעריק ליכט... א ליכטיקער טרויער. אלע האבן דערפילט אי א טרויעריקייט אי א ליכטיקייט. דער טרויער ביי זיי איז אבער געווען

שטאַרקער און פעסטער, ווייל ער איז געווען זיכערער ווי דאָס ליכט אין דער דאָזיקער יידישער שטוב.

זונטיק אין דער פרי, דעם 7טן אָקטאָבער, האָט זיך אויפגעהויבן אי־בער לאַסקאַזשעוו אַ געוויינלעכע פוילישע האַרבסטזון, וואָס וואַרעמט נישט און קילט נישט, מער אַן אָפּשיין אַ פאַרלוירענער פונעם ווייטן זומער איי־דער אַ זעלבסטשטענדיקער קוואַל פון ליכט און וואַרעמקייט.

מיר לאָזן זיך אַרויס צו די אַרומיקע פויערן צו דינגען אַ פערד־און־וועגעלע, כדי צו פאָרן קיין וואַרשע.

אויך אונדזער פריינד און חסיד, דוד וויינציגער האַלט, אַז ס׳וועט זיין בעסער פאַר אונדז אָפּצוּוואַרטן אַ ביסל און זען, ווי די באָלשעוויקעס וועלן זיך פירן מיט ציוניסטישע מנהיגים און נישט לויפן דעם לייב אין פיסק אַריין. וואַרשע וועט בלייבן ביים דייטש און ווי גרויס זיין שנאה צו יידן זאָל נישט זיין, וועט ער אין אַ גרויסער שטאָט זיך נישט דער־לויבן צו טון דאָס וואָס ער טוט אין אַ קליין שטעטל ווו קיינער קאָנטראָ־לירט אים נישט און די וועלט ווייסט נישט וואָס ער טוט און ווי אַזוי ער איז זיך נוהג מיט דער ציווילער באַפעלקערונג.

עפּעס אַ בענקעניש נאָך וואַרשע, נאָך דער שטאָט פון טיף־דורכגע־אַקערטן יידישן פאָלקסלעבן, ווו מיר האָבן געגאָסן פון כבוד און ווויל־שטאַנד, האָט אונדז גענומען ציִען אַהין. אויך דער איינגעפונדעוועטער עגאָיזם אין מענטשן, די בענקעניש נאָך פריינד, וואָס באַוווּנדערן דיך, נאָך דער באַטייטיקער געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע, וואָס מיר האָבן אין וואַרשע פאַרנומען און אויך נאָך אונדזער פאַרמעגן, די שטוב, די בילדער, די ביכער, נאָך אַלץ אַרום. דער חשק נאָך אייגענער היימישקייט האָט זיך אויפגעוועקט ווי פון שלאָף און געמאָנט זיינס. אמת טאַקע, מע זאָגט, אַז וואַרשע ליגט אין גרוזן, איז ערשטנס האָט מען צווישן די גאַסן, וואָס מ׳האָט אויסגערעכנט אַז זיי זענען פאַרברענט און חרוב, נישט דערמאָנט לעשנע, צווייטנס, מויערן ברענען דאָך נישט, וועלן מיר פאַמעלעך צוריק רעס־טאַווירן אונדזער הויז, פונקט ווי ס׳טוען עס די לאַסקאַזשעווער מיט זייערע חורבות.

אויך אונדזערע פרויען, וואָס האָבן פריִער געצויגן נאָר קיין דרום, צו־ריק אַהיים, האָבן מורא באַקומען פאָרן לאַנגן וועג און פאַר די באָלשע־וויקעס. דער וועג איז געפערלעך נאָך דערצו מיט קליינע, שוואַכע קינ־

דער, רעקאָנוואַלעסצענטן און דערביי נאָך אין אַ באַלשעוויסטישער סביבה.

די פּאָלאַקן האָבן געזונטיקט, ווי געוויינלעך, מיט קלינגען אין קלויס־טער, מיט אָנטון חגא־מלבושים, מיט שיכורן און גוט עסן, ווי דער מנהג און די געזעצן פון זייער אַלטער טראַדיציע האָט זיי אָנגעזאָגט. ס׳האָט זיך אָבער געפינען איינער, וואָס איז גרייט געווען פאַר אַ גוטער מטבע איינצושפּאַנען מאָנטיק פרי זיינע פערד און אונדז צופירן קיין וואַרשע.

מיר האָבן אים געגעבן אַן אַדערויף און צופרידן, דאָס ערשטע מאָל בשעת אונדזער זיין אין לאָסקאָזשעוו, גייען מיר צוריק, אָנזאָגן אונדזערע פרויען, זיי זאָלן זיך גרייטן מאָרגן באַגינען אין וועג אַריין.

צוריקגייענדיק באַמערקן מיר, ווי די געסלעך ליידיקן זיך אויס פון יידן, מע פאַרמאַכט שנעל טירן און לאָדנס, מע באַהאַלט זיך אויס.

אַ שרעקלעך בילד, עפּעס ווי צוריק מיט וואָכן, ווען דער פּחד פון דייטש איז געפאַלן אויף אונדזערע קעפּ ווי אַן אָנגעשאַרפטע האַק.

מיר זענען אַריין אין אַ צעבראָכענער חורבה, ביי דער זייט, וווּ מ׳האָט קוים מיט מי און פאַרשפּעטיקונג אויפגעעפנט פאַר אונדז אַ שטיק ברעט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טיר. מיר האָבן דערפילט אַ ציטערניש גלייך מיט אַלע.

עפּעס פון מאַרק האָט זיך געטראָגן אַן אימה.

— מע כאַפּט, מע כאַפּט יידן.

אין מיטן מאַרק אַריין איז אָנגעקומען אַ גרויסער דייטשער לאַסט־וואָגן, אַ פינף־זעקס דייטשע סאָלדאַטן אין העלמען זענען פון אים אַרויס און גענומען כאַפּן נאָר יידן. אַ פּאָלאַק האָבן זיי אַוועקגעטריבן און אויב אַ סאָלדאַט האָט על־פּי־טעות געכאַפּט אַ פּאָלאַק און די פּאָלאַקן אַרום האָבן גענומען שרייען: — ס׳איז אַן אונדזערער, אַ פּאָלאַק! — האָבן אים די דייטשע סאָלדאַטן צוריק אַרויסגעטריבן פון לאַסט־אויטאָ. די מאַשין איז געווען צוגעדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע און מ׳האָט נישט געזען, וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק. אַלטע לייט, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַרויפגיין, האָבן די סאָלדאַטן אָנגענומען און אַריינגעוואָרפן אינעווייניק. די דייטשן האָבן געציילט, ווייזט אויס, אַז ס׳האָבן זיי אויסגעפעלט יידן צו דער צאָל. זענען זיי צוגעלאָפן צו די געסלעך און געכאַפּט נאָך דריי יידן, אַ טאַטן מיט צוויי זין.

זיי זענען אַוועקגעפאָרן. און דעם עולם אין שטאָט האָט אָנגעכאַפּט עפּעס אַ קלעמעניש מיט אַ פּחד צוזאַמען.

— מ'האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט — האָט מען זיך געפּרוווט טרייסטן, אָבער די משפּחות פון די געכאַפּטע האָבן עפּעס געהאַט אַן אויסטערליש פאָרגעפיל פון אומרו און אימה. מ'האָט געוואָלט לויפן, נאָכלויפן, נאָכיאָגן.

אין צווישן האָבן די דייטשע סאָלדאַטן אַוועקגעפירט די גרופּע געכאַפּטע ייִדן צום וואַלד, וואָס לויפט לענג־אויס פון די באַנרעלסן. דאָרט האָבן זיי אויסגעשטעלט אַלע געכאַפּטע אין צוויי שורות, געציילט איין מאָל, צוויי מאָל: זעקסאונצוואַנציק. יאָ, ס'שטימט, זעקסאונצוואַנציק.

זיי האָבן זיי דערנאָך אויסגעשטעלט אין אַ פּירעק און אין יעדן ווינקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ סאָלדאַט מיט אַ רייטפּייטש אין דער האַנט. מ'האָט אַלע געגעבן לאָפּעטעס און געהייסן גראָבן. צוערשט האָבן די ייִדן געמיינט, אַז דאָס איז סתם אַן אַרבעט, כאָטש דאָס האַרץ האָט זיי נבואות־געזאָגט גאָר שלעכטס פון דער ערשטער מינוט אָן. זיי גראָבן און גראָבן. די סאָלדאַטן יאָגן זיי, זיי זאָלן גראָבן שנעלער און שווערע קלעפּ פאַלן אויף זייערע פּלייצעס און קעפּ, אַז בלוט הייבט אָן צו רונען. און שטאַרק און מעכטיק איז דער כּוח פון דער בייטש, די שפּראַך פון שלאָגן. האָבן די סאָלדאַטן באַפוילן אויסצוגלייכן און צו מאַכן פונעם גאַנצן איין גרויסן גרוב. אַלע האָבן זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז זיי גראָבן אַ קבר, אַ קבר פאַר זיך אַליין. זענען זיי געפאַלן אויף די קני, אָנגעהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר און בעטן רחמים ביי די רוצחים, זיי זאָלן אויף זיי רחמנות האָבן. זיי האָבן דאָך מיט גאָרנישט נישט געזינדיקט. הייסע טרערן, געמישט מיט בלוט, האָבן אַרויסגעשטורצט ווי פון אַ ברענענדיקן קראַטער. פון די אויגן פון די טאַטעס און די זין. זיי זענען אַנידערגעפאַלן דאָ אויף דער פּוילישער ערד, זיך געקלאַמערט אָן די דייטשע מונדירן און רוצחישע הענט פון סאָלדאַטן, אָן זייערע שטיוול, הויזן און בייטשן:

— רחמנות! רחמנות!

די רוצחים האָבן זיי מיט כּעס און רציחה אָפּגעשטופּט און געטרעטן די קריכנדיקע ייִדן. דער רופא פון שטעטל, וואָס איז אויך געווען צווישן זיי, האָט אַרויסגעכאַפּט דעם גאָלדענעם זייגער און געשטופּט די רוצחים

אין די הענט אַריין. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ יללה. ווייזט אויס, אַז די דייטשן האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן און אָנגעהויבן צו באַרויִקן דעם עולם.

— ענדיקט אייער אַרבעט, דערנאָך וועט איר רויִק אַהיימגיין — האָבן די דייטשן געזאָגט צו די ייִדן, געהייסן זיי אויפשטיין, און געניי און גוט אויסענדיקן דאָס גראָבן.

די ייִדן האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט און ווייטער געגראָבן דעם גרוב.

פּלוצלינג האָבן די דייטשן געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר פונעם לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רוישן. האָט זיך אויפגע־שטעלט דער אַלטער אבא, האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די קולאַקעס אויף זיין ברוסט און אַ געשריי געטון:

— ייִדן! על חטא! ייִדן, זאָגט ווידוי!...

אַ מוראדיקער פּחד און צאָרן האָט אַלעמען אַרומגענומען. אַ פּאָר האָבן געוואָלט אויפהייבן די ריסקאַלעס און לאָפּעטעס און זיך וואַרפן אויף די דייטשן. אין זעלבן מאָמענט האָט זיך צעשפּילט אַ שנעלע קאַנאָנאַדע פון מאַשין־געווער פונעם אויטאָ אַרויס און פון די אויטאָמאַטן וואָס די סאָלדאַטן האָבן געהאַלטן אין די הענט.

אין אַ מינוט אַרום זענען אַלע ייִדן אַוועקגעפאַלן, ווי אונטערגעהאַקט, אַריינגעפאַלן אין גרוב, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעגראָבן.

די דייטשן האָבן איצט אויף גיך פאַרשיט דעם גרוב, דערנאָך האָבן זיי אַרויפגעוואָרפן האַלץ אוןביימער און צווייגן, וואָס זיי האָבן געפינען אין דער נאָענט, זיך אויפגעזעצט אויפן לאַסטאויטאָ, גלייך אַוועקצופאָרן. דאָ האָט זיך אַרויסגעריסן אַ בחור, וואָס איז לייכט פאַרווונדיקט געוואָרן, בלויז אין אויער אַריין און איז געפאַלן ביים עק פון גרוב — האָט ער אַוועקגעשאַרט די צווייגן און די ערד, וואָס איז געלעגן אויף אים, זיך אויפגעכאַפּט און איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין.

די מערדער האָבן אים אָנגעהויבן נאָכשיסן פון אַלע כלי־זיין. אַ קויל האָט אים פאַרווונדיקט אין פוס. ער איז געפאַלן, אָבער באַלד זיך אויפגע־שטעלט און ווייטער געלאָפן. די סאָלדאַטן האָבן זיך האַסטיק פון אים אַוועקגעדרייט און צוגעלאָפן פאַרשיטן דעם גרוב, ווייל ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי הערן קרעכצן, וואָיען, זיך ראַטשקעווען און רייסן פון פאַרשיטע מענטשן. זיי האָבן אַ פּאָר מאָל אַריינגעשאָסן אין גרוב אַריין

פון זייערע אויטאָמאַטן, אָנגעשאָטן ערד, פאַרוואָרפן מיט צווייגן און אָוועקגעפאָרן.

עטלעכע פּאָלאַקן, וואָס זענען גראָד דאָרט פאַרבייגעגאַנגען און אויך אַ פּאָר שכנים, וואָס וווינען נישט ווייט, האָבן דאָס אַלץ צוגעזען. עטלעכע זענען צוגעגאַנגען אין דער שטיל. זיי האָבן געהערט זיפצן, שרעקלעך יענקען און סטענקען און פאַרזיכטיק אַרויסקריכנדיק פון דער טיפעניש פון דער ערד. אַ פּנים נישט אַלע זענען געהרגעט געוואָרן פון די קוילן, אַ סך זענען בלויז פאַרוואונדיקט געוואָרן און האָבן נישט געהאַט דעם כּוח אָוועקצורוקן די ביימער און די ערד, וואָס האָט פאַרדעקט זייערע אויגן און זייער מויל. דער פונק פון לעבן, דאָס חיות, האָט נאָך אין זיי געגליִעט. עטלעכע פויערן האָבן געוואָלט העלפן, ראַטעווען. זיי האָבן דערהערט פון דער ווייטנס אַ טרובען פון אויטאָמאָבילן און זענען אין שרעק אַוועקגעלאָפן.

פאַרנאַכט איז אין שטעטל געקומען צו לויפן דוד ווײַנציגער און געפירט־געשלעפט מיט זיך אַ פאַרוואונדיקטן, מער טויט ווי לעבעדיק. ס׳איז געווען דער בחור, וואָס איז אַוועק פון לעבעדיקן קבר, פון גרוב, וואָס האָט באַגראָבן פינפאונצוואַנציק ייִדן, אַ טייל פון זיי לעבעדיקערהייט.

— איר מוזט אים נעמען מיט זיך — האָט דוד געזאָגט, כּמעט באַפוילן — איר פאָרט קיין וואַרשע, דאָרט וועט מען אים אויסהיילן. דאָ וועלן אים די פּאָלאַקן אויסגעבן און די רוצחים וועלן דעם בחור דערהרגענען.

ס׳איז געפאַלן אַן אימה אויפן שטעטל. מ׳האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט בלייבן...

די משפּחות פון די געכאַפּטע האָבן געוואָלט לויפן אין וואַלד אַריין, זוכן דאָס אָרט און פּרווון ראַטעווען, אויב ס׳איז נאָך עפּעס מעגלעך. אין צווישן איז געוואָרן אַ פינצטערע נאַכט און דייטשע אויטאָמאָבילן האָבן אַלע מאָל דורכגעקרייצט דאָס שטעטל. אַ טויטשרעק איז אַלעמען באַפאַלן. צי גייט מען נישט ווייטער כאַפּן.

צומאָרגנס באַגינען האָט שוין קיינער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן דאָס לויפן פון די קרובים אין וואַלד אַריין זוכן דאָס קבר. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי קאָנען אַמאָל באַצאָלן מיטן לעבן דערפאַר, אָבער קיין שום זאַך האָט זיי נישט געקאָנט מער אָפּשרעקן.

פאַלאַקן וואָס זענען איצט געקומען אין שטעטל אַריין האָבן דער־ציילט, אַז נעכטן אַ גאַנצן טאָג און כמעט די גאַנצע נאַכט האָט זיך די ערד איבערן קבר געהויבן. צוערשט גאָר שטאַרק און שפּעטער אַלע מאָל שוואַכער. איצט, אין דער פרי, זענען נאָך דאָ אויף דער ערד בלאָטערלעך און בלעזלעך. אַזוי ווי אַ קראָטבערגל, וואָס דער קראָט, גראַבנדיק אונטער דער ערד, וואַרפט אויף פון אויבן. די פּאַלאַקן האָבן מורא געהאַט צוצוגיין העלפן גראָבן.

אונטער דער ערד, אונטער דער קאַלטער, שווערער ערד, האָבן נאָך געאָטעמט און געלעבט אַ פּאָר מענטשן, וואָס האָבן זיך באַמיט מיט זייע־רע פאַרשטאַרטע, אָפּגעשוואַכטע, פאַרוואונדיקטע הענט אַוועקצורוקן דעם דיקן שיכט ערד, אָבער אָן רעזולטאַט. די לונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקורטשען, פאַרלירן דעם אָטעם. די נישט־דערקוילעטע האָבן זיך געמוטשעט, וואַרגנדיק זיך אין אַ שווערן קאָשמאַר. זייערע לונגען האָבן אַריינגעאָטעמט ערד. זיי האָבן געגעסן ערד, וואָס האָט פּאַמעלעך פאַר־שטאָפּט דעם שלונגקאַנאַל און לונגענרער, אויגן, מויל און אויערן, אַלץ מיט ערד, ביז צום שרעקלעכן, גסיסהדיקן דערשטיקט־ווערן. אַרום איז געווען חושך, בלוט, אין קאָנוואולסיעס זיך וואַרפנדיקע קערפּערס פון טאַ־טעס, זין, קרובים, ברידער, יידן.

נאָך באַגין האָט זיך געגעבן אויף איין אָרט אַ ריר די ערד. אַ פּנים דער לעצטער האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעהויכט זיין נשמה, נאָך נישט אין גאַנצן דערשטיקט געוואָרן און נאָך אין אַ קאָנוואולסיוון אימפּעט גע־פּרווט זיך רירן. דאָס בלוט אין זיינע אָדערן איז נאָך נישט פאַרגליווערט געוואָרן פון טויטשרעק און ערדדריקעניש. אפשר האָט ער נאָך געפינען עפּעס אַ לאָך אין דער באַרעמהאַרציקער ערד, דורך וועלכער ער האָט נאָך געכאַפּט אָטעם, כוח און געוואָלט אַוועקוואַרפן, אַראָפּנעמען פון זיך די דעק פונעם טויט, דעם באַרג, וואָס פאַרשטאָפּט זיין לעבן. ליידער איז ער אויך שוין דערשטיקט. אפשר האָבן אים די קערפּערס פון זיינע אייגענע מיט־דערשטיקטע פאַרשטעלט דעם וועג, דעם אָטעמדיקן לעבנסוועג, ווייל די בלויזן אויף דער ערד האָבן אָנגעוויזן אויף אַ שווערן קאַמף, וואָס דער לעצטער האָט געפירט.

איצט איז שוין אַלץ שטיל, טויטשטיל, דערוואָרגן, דערשטיקט. אונדזער פּאַלאַק האָט זיך אַ ביסל איבערגעשראָקן, אָבער געשפּאַנט

די פערד. באַגלייט פון טויטשרעק אוןווילדן ערדטאַנץ דאָרט ביים וועלדל פון לאַסקאַזשעווו, האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אַוועקצופאָרן, אַוועקצולויפן צוריק קיין וואַרשע.

— דאָס האָבן די דייטשן באַצאָלט די ייִדן פאַר די זעקסאונצוואַנציק דייטשן, וואָס זענען געהרגעט געוואָרן אין שטעטל. דרייאונצוואַנציק ביי די באַריקאַדעס און דריי אין טאָג פון דער שריפה — האָט אונדז איבערגעגעבן דער פּאָלאַק, און זיינע שכנים האָבן עס באַשטעטיקט מיט אַ שטילער סאַטיספאַקציע.

פּוילישע סאָלדאַטן פאַרטיידיקן פּוילישע ערד און זעקס און צוואַנציק דייטשן ווערן דערביי געהרגעט. דאַרפן דערפאַר די זעלבע צאָל ייִדן ווערן דערשטיקט. חוץ די הונדערטער, וואָס מ׳האָט באַלד אין טאָג פון פייער כמעט ווי לעבעדיקערהייט פאַרברענט.

דעם יונגן פאַרוואונדיקטן בחור האָט דער פּאָלאַק נישט געוואָלט מיטנעמען. ער האָט נישט געוואָלט זיך איינשטעלן ראַטעווען אַ ייִדן. די דייטשן וועלן אים דאָס נישט מוחל זיין.

— נאָר די דייטשן? — האָב איך אים אין דער שטיל געפרעגט — איך וועל געפינען אַן עצה דערויף.

— ניין, ניין, נישט נאָר די דייטשן — האָט ער ווי פאַרשעמט געענטפערט — מיינע אויך... מיין משפחה, מיינע שכנים.

זיינע ווילן אויך נישט. די פּאָלאַקן, פאַר וועמענס ערד און כבוד ייִדן קעמפן און פאַרטיידיקן, ווילן נישט ראַטעווען אַ ייִדן, וואָס איז זייערס אַ קרבן, פון זייער פאַרלוירנקייט און אומבאַהאָלפנקייט.

מיר פאָרן אויסער דער שטאָט. דער הימל, די זון, די ערד, די גרעזלעך, די וועלדער אַרום, די געגנט, די פּאַנאָראַמע, פּוילנס בילד, פּוילנס ערד, פּוילנס האַרבסט — רירט מיך אָן אַזוי נאָענט, אַזוי וואַרעם, אַזוי אייגן, אַזוי משפּחהדיק, כמעט אַזוי אייביק, אַזוי טיף־ייִדישלעך, פּויליש־ייִדישלעך.

דאָס איז כמעט מיין ערד, מיין לופט, מיין הימל, מיין לאַנד, מיין פּוילן, פּוילן פון מיינע אבות און פון מיינע יאָרן. פּוילן פון מיינע וועגן און מיינע אומוועגן.

אַלץ אַרום איז לויטער, שיינענדיק, שטיל, פאַרטיפט, האַרציק. פון

דער ווייטנס זעט מען שוין אַ טייך, אַ וואַסער, באַפּוצט מיט ביימער, מיט בלומען באַזונגען פון פייגל.

איך האָב ליב פּוילן, פּוילנס ערד, אָבער זיי, די פּאָלאַקן, פּוילנס איינוווינער, זענען מיר ווייט צו זיין ברידער. ווייט, ווייט. זיי זענען מיר שונאים. נאַרישע שונאים.

פּאָלאַקן זענען נישט ווערט צו זיין פּוילנס זין, פּוילנס באַלעבאַטים. צו שיין, צו לויטער איז פּוילן פאַר די פּאָלאַקן, וואָס זענען אויפגעהאָדע־וועט אין שנאה, אין נאַרישן האַס. נישט קיין זין זענען זיי, פּוילנס שטיפ־זין. קאָמיש אָבער אמת. די אמתדיקע זין פון פּוילן, וואָס האָבן זי אמת־דיק ליב, וואָס זענען מיט איר צוגעוואַקסן, איינגעוואַקסן און אויפגעוואַקסן זענען די פּוילישע ייִדן.

נאָר אַ שלעכטער, נאַרישער פּוילישער שכל פאַריאָגט זיי און פאַר־טראָגט זיי פון דאַנען און שאַפט האַס צווישן קינדער פון איין מאַמע.

מיט אונדז פאָרן נאָך צוויי פּורלעך קיין וואַרשע.

ייִדן־סוחרים, וואָס האָבן נאָך פאַרן שוואַרצן שבת באַשטעלט פור־מאַנקעס, צו פאָרן קיין גאַרוואָלין, אָטוואָצק און אפשר קיין וואַרשע, כדי איינצוקויפן, קויפן, פאַרקויפן, טוישן סחורות, און אין איין וועגס כאַפּן אַ קוק, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, אין וואַרשע, ביי באַקאַנטע, קרובים און פריינד.

די מורא פאַרן דייטש איז גרויס, אָבער די באַדערפעניש פונעם לעבן פאַרלאַנגען זייערס, שטעלט מען זיך איין און מע פאָרט.

איצט פאָרט מען מיט נאָך מער פחד און גרויל נאָך דער שרעקלעכער לעבעדיקער קבורה פון די זעקסאונצוואַנציק ייִדן.

מורא־האָבנדיק צו ווייזן דעם ייִדישן פּרצוף, דער דייטש זאָל נישט דערקענען און נעמען מוטשען, האָבן אַלע ייִדן און מיר בתוכם אָנגעטון אַזעלכע ספּעציעלע פּוילישע היטלעך, פאַרשייט, אַ ביסל אויף דער זייט, אַ חוץ דעם האָבן אַלע באַזיצערס פון בערד און פּיאות, און דאָס האָבן פאַרמאָגט כמעט אַלע ייִדישע סוחרים פון לאַסקאַזשעוו און דער סביבה, אָנגעטון פאַטשיילעס אויף די קעפּ, פאַרבינדנדיק באַקן און באָרד. זאָל דער דייטש מיינען, אַז די ציין טוען זיי ווי.

קאָמיש איז געווען צו זען צוויי וועגענער מיט ייִדן מיט פּוילישע קאַשקעטעלעך און אַלע מיט ציינווייטיק, פאַרבינדן מיט פאַטשיילעס. פון

אונטער די קאַשקעטעלעך און פאַטשיילעס שטעקן אַרויס קויל־שוואַרצע האָר פון באָרד און פּיאות און צוויי פלינענדיקע אויגן, וואָס זוכן, פאָרשן, יעדן איינעם, וואָס גייט פאַרביי אָדער פאָרט פאַרביי, צו זען, צי דער־קענט ער נישט אין אים, אַז ער איז אַ ייִד.

מיר פאָרן אַרויף אויפן לובלינער שליאַך, פון טראַקט לובלין־וואַרשע. דער וועג, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געווען דער גרעסטער בית־עולם פון פּאָלאַקן, ציווילע און מיליטער־לייט; אויף וועלכן ס׳האָבן געפּי־נען זייער טויט, אין שווערע שרעקלעכע יסורים, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יונגע פּאָלאַקן, בשעת זיי זענען אַנטלאָפן קיין לובלין — פאַר־נאַרט און אַרויסגעפירט דורך אַ פאַרעטער, וואָס האָט זיי געשיקט גלייך אונטער די באָמבעס פון די דייטשע אייראָפּלאַנען.

די סימנים פון חורבן ליגן צעזייט און צעשפּרייט אויפן גאַנצן וועג. דער געשטאַנק פון פערדישע פּגרים, פון וועלכע הינט, חיות און קראָען האָבן שוין צעשלעפּט שטיקער, פאַרשטאָפּט ממש די לופט. ערטערווייז איז פּשוט שווער צו אָטעמען. מערערע מאָל האָבן מיר פאַרשטעקט נאָז און פּנים אין די טיכלעך, קישנס און דעקן. ווען ס׳האָט אויסגעפעלט לופט צו אָטעמען, זענען מיר געלאָפן נענטער צוביימער, צו אַ וועלדל, ווייט, ווייט, צו קאָנען כאַפּן אַ ווייע פון דער לופט צו דערכאַפּן די אַרבעט פון די לונגען.

דייטשע אויטאָס און מאָטאָציקליסטן זענען אַלע מאָל דורכגעפאָרן, געקוקט מיט פאַרווונדערונג און געהויבן די אַקסלען אויף אַזאַ גרויסער צאָל ציינקראַנקע און געפאָרן ווייטער. מעגלעך זיי האָבן נישט דערקענט, אַז דאָס זענען ייִדן, אָדער זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַפעל אונדז איצט צו טשעפּען.

כאָטש דער וועג איז געווען שווער און דושנע, האָבן מיר געכאַפּט אַ געלעגנהייט זיך אַביסל גוט אויסצוקראַצן און צו פאַריאָגן די קליינע ברואימלעך, וואָס האָבן שוין געוווינט אויף אונדזערע קערפּערס און אין אונדזערע בגדים, ווי אמתע באַלעבאַטים, וואָס קלערן גאָרנישט צו פאַר־לאָזן זייערע היימען.

נאָך האַלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין אָטוואָצק. פאַר אָטוואָצק האָבן מיר אָנגעהויבן הערן מערערע האַרמאַטן־שאָסן און פון צייט־צו־צייט

מאַשין־געווער און אויטאָמאַטן. מיר האָבן קוים געפּועלט ביי אונדזערע פּוילישע באַלעגאַלעס, זיי זאָלן פאָרן ווייטער.

באַלד האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז פּוילן איז נאָך נישט אין גאַנצן אין דייטשע הענט. אין די וועלדער פירט זיך נאָך די מלחמה. די פּוילישע וועלדער האָבן נאָך נישט אָוועקגעלייגט זייער געווער. כאָטש די דייטשע איבערמאַכט איז גרויס, שטייען נאָך די פּוילישע פּאַטריאָטן אויף דער וואַך פון פּוילנס כבוד, הגם די פּוילישע ערד געהער שוין נישט צו פּוילן.

דאָ האָט אונדז אונדזער פּאַלאַק איבערגעלאָזט און קיין שום כוח האָט אים שוין נישט געקאָנט צוריקהאַלטן נישט צוריקצולויפן צו זיך אַהיים.

דאָס דאַטשע־אָרט אָטוואָצק, מיט די קליינע הייזקעס, פול מיט גערט־נער, איז אין גאַנצן ווי אויסגעשטאָרבן, אויסגעליידיקט. דער דייטש האָט באַוויזן דאָ אָנצוואַרפן זיין שרעק באַלד אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה און כמעט פּאַריאָגט אַלע איינוווינער, מייסטנס קראַנקע, וואָס פלעגן קו־מען אין אָטוואָצקער סאַנאַטאָריעס און פּענסיאָנאַטן זיך היילן, אָדער דערהאַלן.

שוין אין ערשטן טאָג האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט דעם קינדער־אַנשטאַלט „צענטאָס“, וואָס איז געווען אָנגעפירט דורכן דיכטער קלמן ליס, דערהרגעט אַ ריי קינדער און פאַרוווּנדיקט אַ סך אַנדערע. שפּעטער פלעגן זיי וואַרפן באָמבעס אויף די סאַנאַטאָריעס. ווען די קראַנקע זענען זיך צעלאָפן, פלעגן זיי מיט די איירעפּלאַנען זיי נאָכיאָגן און שיסן. ווען עמעצער איז צוגעקומען זיי ראַטעווען, האָבן זיי יענעם אויך אויסגעענדיקט.

זוכנדיק קרובים אָדער באַקאַנטע האָבן מיר געטראָפן דעם אַלטן אַכ־ציקיאָריקן מייזנער, אַ ברודער פון דער בני־ברית־לאָזשע אין וואַרשע. ווייזט אויס, אַז דער כוח פון דער אַלט־יידישער ברידערלעכקייט־אידיי איינגעטוליעט אין אַ מאָדערנעם טלית פון מיסטיק, איז געווען שטאַרק. וויסנדיק, אַז מיר זענען אויך ברידער פון דער לאָזשע, האָבן מיר באַלד באַקומען צוויי צימערן אין דער מייזנערשער ווילע און אַ סך מער. מיר האָבן דאָ געקריגן וואַסער צום וואַשן זיך נישט נאָר אָפּצוגיסן נעגל־וואַ־סער, טאַקע וואַסער צום וואַשן די הענט, דעם קאָפּ, דעם גאַנצן גוף. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט דערצו ווי צו דער גרעסטער מציאה, נאָך זעקס וואָכן מלחמה און אַריבער 5 וואָכן וואַלגערן זיך אין לאָסקאָזשעוו און סאָסינקי,

אויף די פּאַדלאָגעס און בוידעמס, אין שותפותדיקן געלעגער מיט אומ־פּלייט ווי צושפּילער אין די נעכט — האָבן מיר איצט אויפגענומען אַ קאַמף מיט אונדזערע קערפּערלעכע פּלאָגערס און באַוואָפנט מיט אַזאַ מין געווער ווי קאַלט וואַסער, איז דער נצחון געווען כמעט ווי פון פּאַרויס אַ געזיכערטער.

אונדזערע קינדער זענען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התפּעלות, אַז מיר האָבן זיי קוים געקאָנט באַרויִקן. זיי וואַשן און רייבן און פּלושקען זיך און שפּריצן, ווי גאָלדענע, שיינע פישעלעך אין אַ זילבערנעם טייך.

דער אַלטער מייזנער, אַביסל טויבלעך און פון שווערער וואָג, האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אַ מנין, און אויך אונדז דערצו איינגעלאַדן. מיר האָבן מיט באַוואונדערונג צוגעקוקט, ווי די רעליגיעזיטעט איז ביים עולם דווקא געשטיגן. דווקא אין קרייזן, וואָס זענען בדרך־כלל ווייט געווען פון גלויבן.

אַ טאָג פון איבעראַשונגען. צוערשט פריש וואַסער צום וואַשן, דער־נאָך נאָרמאַלע, גלעזערנע און פּאָרצעלאַנענע כּלים צום טרינקען און צום עסן, מיט וואָס דער אַלטער האָט אונדז מכבד געווען. מיט פאַרוואונדערונג האָבן מיר געקוקט איינער אויפן צווייטן. הייסט עס, אַז ס׳איז גאָרנישט געשען, ס׳האָט זיך גאָרנישט געענדערט. נאָר מיר האָבן זיך געענדערט.

די גרעסטע איבעראַשונג איז געקומען אויף דער נאַכט — ראַדיאָ! דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל וואַנדערונגען און לויפעניש.

פון ראַדיאָ האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז אונדזער גורל איז אַ פאַר־חתמעטער. די פראַנצויזישע און ענגלישע סטאַציעס האָבן אָנגעגעבן וועגן פוילנס סוף און באַקלאָגט די פוילישע אַרמיי, רעגירונג, באַפעלקערונג און דעם פאַרלוסט פון איר פרייהייט.

דער אַלטער מייזנער און מיר מיט נאָך עטלעכע באַקאַנטע האָבן אַרומשפּאַצירט אין גרויסן גאָרטן פון דער ווילע, זיך צוגעהערט צום טרויעריקן גערויש פון די סאָסנעס און שאָרכן פון האַרבסטיקן פּויליש ווינטל, און דאָס האַרץ האָט געקלעמט.

מיר זענען אַלע געווען גוטע ציוניסטן. אָבער פוילן איז דאָך געווען דער האָל, דאָס וואַרטצימער צו דער ייִדישער בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל, צום בית־המקדש, צום באַנייטן און באַפרייטן ייִדישן לעבן. אין פוילן איז דאָך דער חלום און די בענקשאַפט צו ציון געווען אַזוי שטאַרק. מיר זענען

געווען אַזוי צוגעבונדן צו אירע ווייטע פעלדער, אייביקע, גרויסע וועלדער, לאַנגע, געשלענגלטע טייכן, אַלטע, טונקעלע און וואַלדיקע בערג, צום רעש פון אירע שטעט, צום סטעפּנבילד פון אירע דערפער, צום פאַר־חלומטן האָריזאָנט, אַ ביסל פאַרטרויערטן הימל, צו איר זון, צו איר שניי, צו דער פעטער און גוטער ערד אירער. אפשר האָט אונדז אויך דערנענ־טערט דאָס געפיל פון ענלעכן גורל: פוילן איז אייביק צווישן צוויי דם־שונאים, וואָס ווילן אויפפרעסן דאָס לאַנד. לאָזן פוילן נישט לאַנג הנאה האָבן פון דער פרייהייט.

טיפע, אומקלאָרע קרעכצן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונדזערע הער־צער. מיר האָבן נישט געוווסט זייער פּירוש. מיר האָבן באַקלאָגט פוילן, פוילנס פאַרלוירענע פרייהייט און אפשר נאָך עפּעס, עפּעס מער... אַ סך מער...

מיר זוכן וועגן צו פאָרן קיין וואַרשע. דער אַלטער מייזנער וואָלט אַפילו מסכים געווען מיר זאָלן איבערהאַלטן די מלחמה דאָ, ביי אים. אָבער די בני־בית, שנורן, איידעמס, טעכטער, וואָס האָבן זיך דאָ פאַמע־לעך באַזעצט, האָבן זיך נישט משתתף געווען אין פלאַן פון זייער אַלטן טאַטן און שווער. און מיר האָבן מורא געהאַט אַרויסצורופן אַ מחלוקת, אַ קריג צווישן זיי.

אויך אָן דעם איז דער צושטאַנד צווישן דעם אַלטן און די קינדער געווען אַ שווערער. דער אַלטער, כמעט טויב, פלעגט אין קיין שום פאַל נישט וועלן אַרויסגיין אָדער אַראָפּגיין אין קעלער, אַפילו בשעת די גרעס־טע באָמבאַרדירונגען. ער הערט גאָרנישט — האָט ער געשריגן. ס'איז שטיל אין דרויסן. ווען די קינדער זענען נאָכן באָמבאַרדירן אַרויסגעקומען פון די קעלערס בלאַס און איבערגעשראָקן, פלעגן זיי אים טרעפן זיצן אין גרויסן פאָטעל אָנגעשפּאַרט און לייענען אַ בוך, אַריינקוקן אין אַ ספר, אָדער רייכערן אַ ציגאַר. מיט געלעכטער און אויסלאַכן פלעגט ער אויפ־נעמען זייער פּחד.

ער האָט אויך נישט געוואָלט הערן פון קיין שום שלעכטע בשורות. ער פלעגט אַרויסלויפן פון שטוב, אָדער יאָגן פון זיך די דערציילערס, די וואָס ברענגען שלעכטע ידיעות.

אונדז האָט ער זייער געוואָלט האָבן לעבן זיך. מיר זענען אים געווען גייסטיק נאָענט.

איך האָב אים אָבסערווירט ביים דאַווענען און באַמערקט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט טועה געווען נאָכצוזאָגן „אמן" אויפן ריכטיקן אָרט, ווען דער חזן פלעגט אויסלאָזן די ברכה. אַפילו ווען ער האָט נישט געקוקט דעם חזן אין מויל אַריין און דאָך באַשטימט נישט געהערט, פלעגט ער תמיד וויסן דאָס ריכטיקע אָרט. איך האָב נישט געוווּסט צי ס'איז אַ געוווינהייט פון אַכציק יאָר לעבן, אָדער אַן אינטימע רעליגיעזיטעט, אַ רעליגיעזער אינסטינקט, וואָס דיקטירט אים און פירט אים אויסצופירן די ריכטיקע תנועה, דאָס ריכטיקע וואָרט.

פאָלגנדיק די עצה פון ווילקענעווידיקע, וואָס האָבן אונדז נישט געראָטן צו פאָרן קיין וואַרשע, ווייל מענער כאַפּט מען דאָרט צו דער אַרבעט, אַמאָל פאַרשווינדן זיי און מע ווייסט נישט ווו זיי קומען אַהין, איז מיין פרוי, אַוועקגעפאָרן זונטיק, דעם 14טן אָקטאָבער, קיין וואַרשע.

די דייטשן זענען דזשענטלמענער — האָבן געטענהט אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן — פּרויען לאָזן זיי דורך און טשעפּען נישט.

פנינה האָט געוואָלט מיטנעמען יאַסימאַן, האָבן מיר אָבער באַשלאָסן, אַז די אָטוואָצקער לופט פאַרן קינד, פאַר די קינדער, איז ממש אַ גן־עדן, אַ היילונג. אַ שאָד יעדער טאָג, וואָס גייט פאַרלוירן, און יאַסימאַ איז געבליבן מיט מיר און מיט די אַלטערס.

אָנגעטון אין די רעשטלעך פון איר אַמאָליקער עלעגאַנץ, מיטן פיינעם דייטש־לשון, פול מיט מוט און ענערגיע, איז פנינה געפאָרן אויספאָרשן דעם מצב פון אונדזער הויז אין וואַרשע, פון די מעגלעכקייטן, וואָס זענען דאָרט פאַראַן און אויך אויסאַרבעטן אַ וועג פאַר אונדז מענער, מיר זאָלן אַריינקומען בשלום, מע זאָל אונדז נישט פאַרכאַפּן.

פנינה איז אַוועקגעפאָרן און מיר זענען געגאַנגען צום רב פון שטעטל, רבי ראובן זעמאַן, דער פאָטער פון אונדזער לאָסקאַזשעווער פריינד, דעם שוחטס איידעם, זעמאַן, וואָס האָט אונדז אַ סך געהאָלפן בשעת אונדזער פאַרלוירענעם און שווערן געפינען זיך אין זיין שטעטל, אין לאָסקאַזשעוו.

צווישן אַלטע, פאַרצייטיקע, אָפּגעניצטע ספרים, אָפּגעבלאָקעוועטע און פריש איינגעבונדענע מיט לעדערנע רוקנס אין שפיגלבאַנד — האָט זיך פאַרצויגן אַ לאַנגער, וויכטיקער וויכוח. וויכטיק ווי דאָס לעבן און אַזוי נישט־זיכער און נישט אמת, ווי די קונצן פון לעבן.

דער וויכוח האָט אַנגערירט צוויי זאַכן: דער גורל פון דער מלחמה און וואָס דאַרפן טון מיר, יידן.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אונדז, יידן, האָט די מלחמה געטראָפן גאָר נישט פאַרגעברייט. אַלע יידישע מנהיגים און גרויסע לייט האָבן נבור־אות געזאָגט, אַז קיין מלחמה וועט אַזוי גיך נישט זיין. דער גערער רבי האָט פאַרזיכערט זיינע חסידים, פונקט ווי זשאַבאָטינסקי — זיינע אָנ־הענגער, אַז די מלחמה וועט נאָך לאָזן אויף זיך וואַרטן. דעריבער האָבן יידן זיך נישט צוגעגרייט צו איר. ווער ס׳האָט געוואָלט אַנטלויפן איז געבליבן. ווער ס׳האָט זיך געוואָלט פאַרזאָרגן מיט מזומנים האָט עס אָפּ־געלייגט. ווער ס׳האָט געוואָלט ליקווידירן זיינע געשעפטן, האָט עס דער־ווייל אויפגעגעבן. פוילישע יידן זענען געווען אַזוי צוגעגרייט צו דער מלחמה, ווי די פוילישע רעגירונג.

דער רב האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט געהאַלטן היטלערן פאַר אַ גרויסן קאָפּ. ווי אַזעלכער האָט ער באַדאַרפט וויסן, אַז אין דער מלחמה וועט ער ליידן אַ מפלה און נישט אָנהייבן די מלחמה. איצט גלייבט ער נישט מער אין היטלערס שכל. ער האָט מורא, אַז ווען די וועלט וועט אים צערייצן וועט ער אַריינפאַלן אין שגעון און קאָן חלילה חרוב מאַכן די וועלט, פונקט ווי די גמרא זאָגט עס אין יומא, אַז ווען דער רבונו־של־עולם וואָלט נישט אַרויסגעצויגן דעם נאַזירינג פון גערמאַניע וואָלט די וועלט חרוב געוואָרן.

אין מאָמענט, ווען היטלער איז שוין אַריין אין שגעון, איז געוואָרן אַ מומר לדבר אחד, משוגע אויף איין זאַך, דאָס הייסט אויף חורבן, וועט ער אָנהייבן אָדער אויסלאָזן מיט יידן. אָט אין וואַרשע וואַרפן די סאָל־דאַטן ברויט פאַר דער הונגעריקער און קראַנקער באַפעלקערונג און די יידן שטופן זיי אַרויס פון דער ריי, כדי נישט צו קאָנען דערפון געניסן.

די פראַגע איז געווען, צי טוען עס די דייטשע סאָלדאַטן אויף אייגע־נער האַנט אָדער לויט אַ באַפעל פון אויבן. אין דער באַן פון וואַרשע קיין אָטוואָצק זענען אַריין דייטשע פאָליציי, אַרויסגעוואָרפן די יידן און זייערע פעקלעך האָבן זיי צוגעוואָרפן די פאָלאַקן, וואָס האָבן זיי מיט שמחה אויפגעכאַפּט. אין אַ קאַפעהויז זענען אַריינגעקומען דייטשן און געשלאָגן מכות־רצח די אַלע יידן וואָס האָבן געטרונקען טיי אָדער קאַווע און די דערביי־זיצנדיקע פאָלאַקן האָבן זיי נאָך צוגעגעבן אַ שטיקל ברויט צו דער טיי אָדער קאַווע.

— חזקה עשו שונא את יעקב, ס׳איז דאָך אַן אַלטער כלל, אַז פּאָלאַקן האָבן פיינט ייִדן און דער דייטש וויל עס אויסניצן. ער וויל באַקומען די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון די פּאָלאַקן, גיט ער זיי אָוועק די ייִדן מיט זייערע פּאַרמעגנס. ס׳איז אַן אַלט מיטל ביי אַלע הערשער און דיק־טאַטאָרן — האָב איך געמיינט. איך האָב גענוי דערציילט די מעשה לאָס־קאָזשעווו און איר מוסר־השכל.

דער רב האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף זיך באַקלאָגן פאַר די עלטערע אָפיצירן, וואָס ווייסן אַפילו נישט, וואָס די קליינע טוען. „נער ורודפים" שטייט אין דער תוכחה. די יונגע, די שקצים רודפן. דער שטאָב ווייסט נישט דערפון.

איינס איז ביי אונדז געווען זיכער און מיר האָבן אַפילו באַשלאָסן עפּעס צו טון אין דער זאַך: די ייִדישע וועלט דאַרף וויסן פון אַלעמען, וואָס דאָ קומט פאָר. אונדזערע ברידער אין אַמעריקע, ענגלאַנד, זענען שטאַרק און רייך אין איינפלוס, זיי וועלן אונדז נישט לאָזן טון קיין עוולה. זאָלן זיי נאָר וויסן, וואָס מע טוט מיט דער ציווילער באַפעלקערונג און דער עיקר מיט ייִדן, וועלן זיי אויפהייבן אַזאַ געוואַלט, אַז אַפילו דער ברוינער טיראַן וועט אַ ציטער טון, און וועט מוזן גוט קלערן, צי מעג ער זיך דערלויבן צו גיין קעגן דער גאַנצער וועלט און קעגן דער מאָראַל. אַז אונדזערע ברידער קאָנען שרייען און האָבן אַ השפּעה איז קיין ספק נישט. זיי דאַרפן עס נאָר וויסן.

— „צדקה עשה הקב״ה שפּוזרם בין העמים", גאָט האָט געטון מיט די ייִדן אַ גרויסן חסד, וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן די פעל־קער. איצט, אין אַזאַ צייט, ווען דער שונא שלאָגט איין מחנה, קאָנען די אַנדערע אויפהייבן זייער שטים, זייער פויסט און העלפן די געשלאָגענע.

אָפּגעפרישט און דערמוטיקט זענען מיר אוועקגעגאַנגען פונעם רב און גענומען שפּינען פּלענער פון איבערלעבן די מלחמה; פאַרבינדן זיך מיט אונדזערע גרויסע ברידער אין אויסלאַנד, כדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז דער טיראַן, דער אכזור זאָל זיך דאָ אין פוילן נישט קאָנען פירן מיט די פּוילישע ייִדן אַזוי ווי ער פירט זיך ביי זיך אין לאַנד.

דינסטיק, דעם 16טן אָקטאָבער, איז פנינה צוריקגעקומען.

אונדזער הויז שטייט. ס׳איז ווייניק באַשעדיקט. די דירות זענען פאַר־כאַפּט. נאָר מע וועט זיך אַן עצה געבן. ביי אונדז אין דער דירה ליגט

וואַנדע ווי אַ הונט צוגעבונדן און היט אָפּ דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט. זי איז געווען שווער פּאַרווונדיקט, מ'האָט זי געכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין. זי האָט זיך געראַטעוועט פון באַמבאַרדירטן שפּיטאָל. איצט ליגט זי פאַר־באַנדאַזשירט און וואַרט אויף אונדז.

מיר האָבן מיטגענומען דאָס ביסל פּראָוויאַנט, וואָס מיר האָבן איינ־געקויפט אין לאַסקאַזשעוו און אין אָטוואָצק, קאַרטאָפל און פאַסאָלעס, קוקורוזע־מעל, אַ ביסל צוקער, בוימל, מיר האָבן געקריגן אַ גויישע פור און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

צוריק אַהיים, קיין וואַרשע.

אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן ד״ר יוסף קרוק, משה לייזעראָוויטשן און אַנדערע, וואָס זענען געפאָרן אין דער פאַרקערטער ריכטונג וואָס מיר — פון וואַרשע צוריק קיין אָטוואָצק. אין וואַרשע איז שרעקלעך, ביטער. ס'הערשט הונגער און נויט. מע כאַפּט צו דער אַרבעט, מע פאַרשלעפּט. דאָ אין אָטוואָצק איז נישטאָ קיין האָפענונג איבערצוהאַלטן די מלחמה, שלעפּן זיי זיך קיין אָטוואָצק און אַז ס'ווערט דאָרט ביטער, לויפן זיי צוריק, פון אָטוואָצק קיין וואַרשע.

מיר זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע פון דער גראָכאָווער זייט. שוין פון דער ווייטנס האָט וואַרשע אויף אונדז געמאַכט אַ שוידערלעכן איינ־דרוק. חורבות, נאַקעטע קוימענס, גרויסע לעכער אויסגעפּרעסענע און אַרויסגעריסענע פון מויערן. אין מיטן וועג שטיינער, סטאָלפּעס, בלעכן, דעכער, וועגענער, הויפנס שטיינער און ציגל, בעטאָן און צעמענט, ברעטער, אייזנס, מעבל. אין דער לופטן אַ ריח פון פּגרים, אַזעלכע וואָס ליגן נאָך לעבעדיק באַגראָבענע, פאַרשיטע אין קעלערן און בונקערס. דער ריח איז אַזאַ שאַרפער און צודרינגלעכער, אַז ער שפּאַרט זיך אַריין אין מוח אַריין. אין אַ סך הייזער, וואָס שטייען נאָך, זעט מען פּלוצלינג אַ גרויס לאָך, ווי עפּעס אַ פאַר־מבול־חיה וואָלט עס מיט אירע שניידציין אויסגע־פּרעסן, ווי זי וואָלט אויפגעפרעסן די קישקעס פון הויז. דאָס זענען די קאַנאָנען־שאָסן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן מכבד געווען וואַרשע אין די לעצטע וואָכן. אַ סך הייזער שטייען האַלבע, צעפּערטלטע, צעשפּאָל־טענע. אין די אָפענע צימערן זעט מען נאָך בעטן, שאַפעס, טישן, בילדער, בלים, געפעסן, אויף אַ סך ערטער זעט מען נאָך הענגען אָדער ליגן קליי־דער, העמדער, שיך, שטוב־קליינקייטן, סימנים פון נאָרמאַלן, געזונטן

לעבן, וואָס האָט דאָ ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געבליט. איצט זענען זיי עפּעס ווי פאַרגליווערט געוואָרן, טויט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאַטים, צו וועמען זיי האָבן געהערט און וואָס ליגן איצט טויט, באַגראָבן, פאַרשיט אונטער די שטיינער.

אויף יעדן הויף, אויף יעדן שטיקל פרייען פּלאַץ שטייען צלמים אויף פרישינקע קברים. מ׳האָט די טויטע נישט געקאָנט באַגראָבן אָדער טראָגן אויפן בית־עולם האָט מען זיי באַגראָבן דאָ ווו זיי זענען געפאַלן. אויב זיי האָבן בכלל זוכה געווען צו קומען צו קבורה. אַ טרויעריקן איינדרוק האָבן געמאַכט די אָפענע קישקעס און ווונדן פון דער ערד, פונעם ברוק. אין אַ סך ערטער האָבן באָמבעס אויסגעריסן אַ לאָך אין דער גאַס און מ׳האָט אַרויסגעזען די גאַזרערן, די עלעקטרישע דראָטן און די קאַנאַלרערן פון שטאָטישער אומריינקייט, וואָס האָבן זיך געקרומט און געדרייט ווי פּאַר ווייטיק. אָפט זענען טייל רערן אַריין איינער אין דער צווייטער, אַ גאַזרער האָט געוואָרגן אַן עלעקטרישער און אַ שמוצרער האָט זיך פאַרפלאָכטן מיט גאַז, אַלץ אַזוי מוראַדיק־משונה. אַ מאָדערנער חורבן.

איבער די קעפּ הענגען צעריסענע טעלעגראַף־טעלעפאָן־ און ליכט־דראָטן, צעריסן, אַראָפּגעוואָרפן, פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט. אַ טייל פאַלט ביז צו דער ערד, שטעכט און שניידט איין, דרייט זיך אַריין אין די רעדער און אין די קליידער.

דאָ זעסטו אויך הייזער, וואָס זענען נאָך נישט איינגעפאַלן, זיי האָבן בלויז געכאַפּט אַ ציטער, ווי פון אַן ערדציטערניש, און זיך געשפּאָלטן. זיי האַלטן זיך אין דער לופטן מיט אַ נס און קאָנען יעדעס מאָל, יעדע מינוט, זיך איבערקערן אויפן קאָפּ פון צופעליקע פאַרבייגייער, דיך דערהרגענען, דיך פאַרשיטן.

אַ גרויליקן רושם מאַכן די פענצטער. זיי קוקן אַרויס ווי פאַרטריבטע, פאַרלאָזטע, פאַרוויינטע, צעבראָכענע, אַמאָל־אויסגעלאָשענע, אַמאָל־אָנגעצונדענע אויגן. אַ טרויער קוקט פון זיי אַרויס, טריפנדיק מיט בלוט און טרערן: רחמנות דערוועקן די פאַרברענטע, פאַרסמאָלעטע ביימער ביים וועג און אין די הייף, ביי די הייזער. זיי שטייען שטום און פאַרלאַנגען אַ תיקון, מע זאָל אויסלייזן זייער שאַנד, זייער אָפּגעריסנקייט פון ליכט, לופט און ערד.

דאָס אַלץ צוזאַמען ווירקט דערשיטערנדיק. דער געמיש פון חורבן,

טויט, שרעק און בושה. הויפנס פון שטיינער, שוטער, דראָטן, העלצער, קליידער, שאַפעס, שיך, געמישט מיט צווייגן, פגרים פון חיות מיט עפּעס אַ שטינקענדיקער יויך, איז עס בלוט, איז עס פעטקייט, איז עס מאַרך, איז עס פּאַמיעס־אויסגוס, איז עס בלאָטע.

אין אַ סך ערטער גייט נאָך אַרויס עפּעס אַ רויך פון די חרובדיקע הייף און מישט זיך אַריין אין זויער־קראַנקן ריח פון פאַרשטונקענע בלוטן מיט באַשמוצטע פגרים.

דאָס איז געווען אונדזער אַריינפאָר קיין וואַרשע, אין די פאַרשטעט פון וואַרשע.

מיר בלייבן שטיין לעבן דער אַמאָליקער גראָכאָווסקע־גאַס.

אַ דייטשער קאָנטראָל.

מיר שטייען און פאַר אונדז צענדליקער אַנדערע וועגענער און פורן.

די דייטשן קאָנטראָלירן די באַשייניקונגען פון די אַריינקומענדיקע אין שטאָט אַריין. מע לאָזט אַריין נאָר וואַרשעווער. פרעמדע טרייבט מען צוריק.

כאָטש זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן צו שאַפן קיין אָרדענונג, די דייטשן, האָבן זיי שוין איינגעפירט אַ מין סיסטעם פון פּאַפּירן, צייגענישן און שיינען.

פּלוצים פאָרט־אָן אַ מיליטערישער אויטאָ. עטלעכע דייטשן אין העל־מען, באַוואָפנטע, זיצן דאָרט אינעווייניק. דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ. ס'ווערט אַ געוואַלט, אויף פּויליש:

— מע כאַפּט! מע כאַפּט!

אין אַ רגע זענען אַלע מענער אַראָפּ פון די פורן און ווי שוואַרצע נאַכטקנייפּער, ווען זיי ווערן פּלוצלינג באַלויכטן פון אַ ליכטשטראַל, צעקריכן זיך בליצשנעל אין אַלע ווינקעלעך, אַזוי זענען מיר זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. איינער אין די חורבות אַריין, דער אַנדערער צו די איינ־פאַלנדיקע מויערן, דער דריטער אין האַלבפאַרשיטע קעלערן. אַ טייל איז ממש אַריין אין די גריבער, וואָס די באָמבעס האָבן אויפגעריסן אין דער ערד און זיך באַהאַלטן אונטער די צעריסענע, פאַרזשאַווערטע, פאַרפלאָנ־טערטע רערן פון גאַז, וואַסער און פּאַסקודסטווע.

מיר זענען אַזוי אָפּגעלעגן אַ שפּאָר ביסל צייט, ביז אונדזערע פרויען האָבן אונדז געפינען און מודיע געווען אַז מע מעג שוין אַרויסקריכן.

דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת־פּנים, ווי וואַרשע האָט אויפגענומען אירע קינדער, וואָס זענען צוריקגעקומען צו איר אַהיים.

דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ סדרה רעוויזיעס, וואַכן, פּאַפּירן.

זעענדיק אַז דער דייטש האָט אַ ספּעציעלע פאַרשטענדעניש פאַר פרויען און ווייזט אַרויס צו זיי עפּעס אַ מענטשלעכע, דזשענטלמענישע באַציִונג, האָבן אונדזערע פרויען אינטערוועניִרט, געוויזן ד״ר אַלטערס פּאַפּירן און אויך מיינס אַן אַלטן דאָקומענט. אין אַן אינטעליגענטער שפּראַך האָבן זיי אויפגעקלערט די דייטשן די סיבה פון אונדזער צוריקקומען. אַלץ איז אַוועק גוט. מ׳האָט אונדז געהייסן דורכגיין. אָבער דאָס ביסל אָרעמע פּראָוויאַנט, וואָס אונדזערע פרויען האָבן מיט אַזוי פיל מי אויסגעקעמפט, איינגעקויפט, אַרויסבאַקומען ביי די פּאַלאַקן אין לאַסקאַזשעוו און אין אָטוואָצק — האָבן זיי געהייסן איבערלאָזן.

מיר די מענער האָבן טאַקע געוווסט, אַז די פּאָר קילאָ קאַרטאָפל מיטן ביסל מעל און בוימל זענען אונדזער אַלעס און הויפּטשפּייז אויף לאַנג. דאָך האָבן מיר געוואָלט רעזיגנירן דערפון, אַבי אַוועק און פּטור ווערן פון די אויספאַרשונגען און אונטערזוכונגען. אָבער פרויען־מאַמעס געבן נישט אַוועק קיין שפּייז, וואָס דאַרף ניצן פאַר זייערע קינדער. אינעם האַלבטונקל פונעם אָוונט, ווען מ׳האָט קוים עפּעס געזען, — דאָס עלעקטרישע ליכט איז נאָך נישט געווען פאַריכט, — זענען אונדזערע פרויען געלאָפן פון באַראַק צו באַראַק, פון איין „פּאָסטן״ צום צווייטן ביז עפּעס אַן עלטערער דייטש, ווייזט אויס, אַן אונטעראָפיציר און קאָמענדאַנט פון אַן אָפּטיילונג דאָ, איז מיט זיי מיטגעקומען און צולייכטנדיק זיך מיט אַן עלעקטריש לעמפּל האָט ער איבערגעקוקט אַלע שפּייזפּראָדוקטן, צוגענומען דעם בוימל און דעם רעשט האָט ער געהייסן דורכלאָזן.

אונדזערע פרויען, בפירוש קעגן אונדזער ווילן, האָבן נישט אָנגענומען זיין פּסק און פאַרלאַנגט אויך דעם בוימל צוריק.

דער דייטש איז אַריין אין כעס און שוין האָב איך געמיינט, אַז ער וועט באַניצן זיין פּייטש, ווי אַמאָל דער אָפיציר אין לאַסקאַזשעוו, אָדער וועט אָנהייבן שעלטן. ער האָט זיך אָבער צעלאַכט, האָט פאַרלאַנגט, אַז די פרויען זאָלן אים אויסלערנען פּרעגלען קאַרטאָפל אין בוימל לויטן פּוילישן סיסטעם, און אונדז צוריקגעגעבן דעם בוימל.

גליקלעך און פשוט צופרידן זענען מיר איצט אין דער פינצטער אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע.

ביי דער קערבעדזש־בריק איז געשטאַנען אַ נייער וואַכפּאָסטן. מ׳האָט אונדז אָפּגעשטעלט און באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די פּאָר צענדליק וועגעלעך, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, אַז מיר וועלן מוזן איבערנעכטיקן אויף דער גאַס, ווייל מ׳ע קאָן איצט נישט קאָנטראָלירן די פּאַפּירן.

מיר שטייען אין פינצטערן וואַרשע, לעבן דער פינצטערער בריק. ס׳איז האַרבסט, קאַלט, ווינטיק. פינצטער איז די ווייסל, פינצטער די לופט, פינצטער, טרויעריק און נאָגנדיק אויפן געמיט.

דאָס איז וואַרשע, די שטאָט, צו וועלכער מיר ציִען אַזוי, צו וועלכער מיר קומען צוריק. ברענענדיקע, פאַרסמאַלעטע ריחות פון קערפּערס, אייזנס און געהילץ, שרעק און פּחד אין דער לופט. שנאה און טויט לאָ־קערט אויף טריט און שריט.

ס׳איז אָנהייב חודש, די לבנה פּרוּווט זיך אַרויסרייסן פון די וואָלקנס, אירע שוואַרצע אונטערדריקער דאָרט אין הימל, אָבער זי באַווייזט עס נישט. די קינדער הייבן אָן צו ציטערן פאַר קעלט, שרעק, פינצטערקייט און הונגער. מיר טוליען די קינדער, מע לייגט זיי אויס אויף דער פור. דער פּאָלאַק, דער באַלעגאָלע, איז דאָס מאָל אַ לייטזעליקער. ער שרייט נישט, דראָט נישט צו אַנטלויפן. ער העלפט אונדז נאָך צו און גיט אונדז זיין מאַנטל צום צודעקן.

לאַנגע, לאַנגע מינוטן פאַרגייען. אונדז דאַכט זיך, אַז דאָס זענען שעהען. דייטשן הייבן אָן לויפן צו אַלע וועגעלעך, לייכטן אַריין אין די אויגן אַריין, קוקן זיך צו צו יעדן מאַן, יעדער פרוי און קינד. ס׳ווערט שטיל. מיר דערהערן אַ קול, אַ בשורה:

— פאָרוועטס!

ווי אַרויסגעלאָזטע פון אַ שטייג פון טויט וואַרפן זיך אַלע מיט אַמאָל אויף פאָרויס. די ערשטע וועגענער האָבן זיך פאַרטשעפּעט איינע אין דער אַנדערער, פערד און מענטשן האָבן גענומען שרייען, קולות פּוילישע מיט דייטשע האָבן אָנגעהויבן פליִען אין דער לופטן, אונדזער פּאָלאַק האָט איינגעשטעלט כמעט זיין און אונדזער לעבן, זיך אַדורכגערוקט דורך דער זייט, דורך צעבראָכענע וועגן, פול מיט לעכער און גריבער אין ברוק,

דורך דראָטן און חורבות. מיר זענען צוגעקומען צו דער בריק און פון דאַנען ממש געפלויגן אַהיים, צו זיך אין שטוב אַריין.

אויף אונדזער גאַס, אויף דער לעשנע, איז אונדז אויף ס'ניי פינצטער געוואָרן. מיר האָבן געזען — דורך דער שוואַרצער פינצטערניש אדורך — חורבות, איינגעפאַלענע הייזער, אויסגעפליקטע און אויסגעריסענע לעכער פון די הייזער. עפּעס האָבן מיר געפילט ווי מיר וואָלטן נישט געווען גע־פאָרן, נאָר געטענצלט אויף די איינגעפאַלענע, צעריסענע, צעבראָכענע ברוקירטע וועגן פון אונדזער היימישער נאָענטער לעשנע־גאַס.

אין הויז האָט אונדז אויפגענומען דער פוילישער סטרוזש. דער הויז־וועכטער האָט זיך פריינטלעך מיט אונדז באַגריסט, אַפילו האַרציק. ער האָט מיר אויף גיך דערציילט, אַז פון דער גרופּע, וואָס איז דעמאָלט אַוועק אויף אַרבעט ביי גראָבן אָקאָפּעס אויסער דער שטאָט, זענען צוויי גע־הרגעט געוואָרן און נאָך פיר טויטע זענען געפאַלן אין עטלעכע טעג אַרום ביי דער אַרבעט און ביים לעשן די פייערן פון הויז.

אַ סך האָבן מיך מקנא געווען פאַר מיין שכל און מיין אַנטלויפן דע־מאָלט, ביינאַכט זענען נאָך אַ פּאָר פון אונדזער הויז אַוועק לויטן באַפעל פונעם קאָלאָנעל אומיאַסטאָווסקי. עטלעכע זענען שוין צוריקגעקומען און וועגן דעם גורל פון אַנדערע ווייסט מען ביז היינט גאָרנישט.

די גרעסטע אומאָנגענעמקייט און פיינלעכע איבעראַשונג האָט גע־וואַרט אויף אונדז אין דער וווינונג גופא.

בשעת אונדזער אָפּוועזנהייט פון וואַרשע, ווען מיר זענען געווען אין לאַסקאַזשעוו, האָט פאַרנומען אונדזער דירה, נאָכדעם ווי אַדוואָקאַט ריפעל מיט זיין משפחה האָט זי פאַרלאָזט און ד״ר הירש, דער לעקסיקאָן־סעק־רעטאַר, איז גענומען געוואָרן צו דער אַרבעט און מער נישט צוריקגעקו־מען — אַ מיטאַרבעטערין פון לעקסיקאָן, די פריילין דאָמבראָווע. שפּע־טער, ווען אונדזער דינסט איז אַוועק און וואַנדע איז פאַרוווּנדיקט געוואָרן — מ'האָט זי פון גאַס אַוועקגענומען אין שפּיטאָל אַריין, — האָט די פריילין אַריבערגעבראַכט אין אונדזער דירה אירע עלטערן און יענע האָבן מיטגענומען מיט זיך זייער עלטערע טאָכטער, וואָס איז געקומען מיט איר מאַן און זייערע צוויי קליינע קינדערלעך.

איבערגעהאַלטן די מלחמה אין שרעק און אין פּחד, האָבן זיי נאָך דעם ווי וואַרשע איז געפאַלן, באַשלאָסן צו בלייבן אין דער דירה ווי

סטאַבילע איינוווינער. אַזוי ווי קיין פּרנסה האָבן זיי נישט געהאַט, האָבן זיי אין צווישן אויסגעטוישט אַלץ וואָס די שטוב פאַרמאָגט — אויף שפּייז.

איצט, ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָט זיך דער איידעם פּשוט אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר און כמעט ווי נישט געוואָלט אונדז אַריינלאָזן. ער האָט געשריגן — אַז מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צוריקקומען. מיר זענען אַנטלאָפן — האָט ער דערקלערט מיין פרוי — איבערגעלאָזט די וווינונג אויף הפקר און ער האָט זי געראַטעוועט. ער שטייט פון יענער זייט פאַרמאַכטער טיר און שרייט און די ווייבער פון זיין משפחה העלפן אים מיט שרייען און אַרגומענטירן. זייענדיק אַ געוועזענער אַטלעט און אַ ביסל באַהאַוונט אין הלכות געשלעג, האָב איך שוין געקלערט, אַז איצט וועט מיר אויסקומען פירן אַ קאַמף, דווקא מיט ייִדן, וועגן מיין היים.

אין שטוב איז געוואָרן אַ געוואָלט. די משפחה האָט זיך צווישן זיך גענומען קריגן און וואַנדע, וואָס איז געלעגן אויפן בעט נאָך אַ קראַנקע פון די ווונדן — אין דינסטצימער — איז צוגעשפּרונגען און געעפנט די טיר.

מיר זענען אַריין ווי אַ שטורעם. איך ווייס נישט פאַרוואָס. איך האָב באַשלאָסן נישט צו האַנדלען, ווי איך טו עס געוויינלעך, קאַלטבלוטיק און רויִק. ווי די פרוי און יאַסימאַ זענען אַריין אין צימער און יענע זענען געשטאַנען ווי פאַרלוירן און נישט געוווּסט איצט ווי צו רעאַגירן, בין איך געגעבן אַ גיי צו צום יונגנמאַן און מיט אַ שטאַרקער קראַפט אים געגעבן אַ הייב אויף און אין באַגלייט פון די געשרייען פון אַלעמען און פון דרייגענישן פון געטראָגענעם יונגנמאַן אַליין — האָב איך אים אַרויסגעטראָגן אויף די טרעפּ און פאַרמאַכט די טיר.

קראַפט איז אַ הערלעכע שפּראַך. דער עיקר ווען זי דינט דער גערעכטיקייט. ביי אַלע איז צוגענומען געוואָרן דאָס לשון. דער אַרויסגעוואָרפענער האָט אָנגעהויבן צו שרייען, צו קלאַפּן מיט די פיס אין דער טיר, בין איך צוגעגאַנגען, זי געעפנט און אים געזאָגט רויִק אָבער מיט אַ קול, קעגן וועלכן מע טאָר נישט ווידערשפּעניקן:

— נאָך איין קלאַפּ אין טיר און אַלע וועלן ליגן נאָך די נאַכט אין דרויסן!

ס'איז געקומען אַ סצענע, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער אַלטן גלות אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער יידישער מענטאַליטעט.

מ'האָט נישט גערעדט הויך, נאָר געגומען בעטן מיך, דער עיקר פּנינהן, יאַסימאַן און אַפּילו וואַנדען, מע זאָל רחמנות האָבן; מ'האָט דעם יונגנמאַן שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט, מיר זאָלן אַביסל צוואַרטן אין דרויסן, ביז מע וועט מאַכן אָרדענונג אין שטוב, ווייל ס'הערשט אין דער דירה אַ גרויסע אומאָרדענונג.

אין צווישן איז צוריקגעקומען דער יונגערמאַן, דער איידעם, וואָס איז געלאָפן נאָך הילף, און מיטגעבראַכט דעם הויזוועכטער און אײנעם אַ מיאוסן יונגן פּאָלאַק, אַן אַנטיסעמיט, אַ פאַרדעכטיקטער טיפּ. הינטער דער טיר האָט דער איידעם געגומען שרייען, אַז מע וועט מיר שוין ווייזן. איך בין אַנטלאָפן און געשיקט אַנדערע צו דער אַרבעט, און — מע וועט שוין...

הייסט עס, אַז דער יונגערמאַן האָט שוין באַוויזן אַ מסירהלע אויך.

אָבער דאָ זענען אַרויס די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער און אים פּשוט געוואָלט צערייסן. עפּעס האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז פאַר רוינירן יענעמס האָב־און־גוטס מוז מען נישט באַצאָלן באַלד מיט מסירה, כעס און געשלעג.

איך האָב דעם סטרוזש און דעם פּאָלאַק אַריינגעבעטן אינעווייניק און ערשט, ביי אַ שיין פון אַ פּאָר ליכטעלעך און אַ פּאָר קיכעלעך, וואָס די פאַמיליע האָט אַוועקגעשטעלט, האָב איך איבערגענומען צוריק אין מיין רשות די דירה, דערוויל מיט אַלע איינוווינער.

ביינאַכט — אויסגעלייגטע אויף דער ערד, אויף בעטן, מיט בעטגע־וואַנט און אָן — האָט זיך די משפּחה אונדזערע איינגעאָרדנט מיט דער הילף פון וואַנדע, וואָס האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען וויפיל זי האָט נאָר געקאָנט.

אויפן געלעגער ביי מיר אין שטוב האָב איך מיר געמאַכט אַ סדר־הכל.

די דייטשן זענען רוצחים. זיי באַזיצן אָבער גלייכצייטיק קולטור. ווער ווייסט, צי איז נישט גערעכט דער אָטוואָצקער רב, אַז דאָס פּראָסטע פאָלק, דער פּראָסטער סאָלדאַט, טוט אָן צרות, ווייל עבדא בהיפקרא, מע לאָזט אַ פּראָסטן אַרויס, ווייסט ער נישט קיין גרענעץ, לויפט, יאָגט, לאָזט זיך ווילגיין, אויפן חשבון פון אַנדערע. אייביק איז אַזוי געווען. די גע־

שיכטע לערנט אונדז, אַז אַלע פירער האָבן צוגעזאָגט זייערע סאָלדאַטן, אַז אויב זיי וועלן דעראָבערן די באַלאַגערטע שטאָט, וועלן זיי קאָנען מאַכן מיט דער באַפעלקערונג, וואָס זיי ווילן. אָנהייבנדיק פון די באַרבאַרן, רוי־מער און ענדיקנדיק ביי נאַפּאָלעאָן און וויטער. דער גענעראַל־שטאַב איז זיכער קעגן אַזעלכע אַקציעס. ביי אַ געהעריקער אויפקלערונג וועט מען דערגרייכן אַ מעגלעכן צושטאַנד פון איבערלעבן די מלחמה. אין קאָפּ האָבן זיך געמישט בילדער פון אַ דייטשן פּאַטרול, וואָס לאָזט אונדז אַנטלויפן אין לאַסקאַזשעוו, פון די דייטשע וואַכן אין וואַרשע. פון דער אַנדערער זייט די רוצחים פון זעקס און צוואַנציק יידן אין וועלדל, פון ברענען לע־בעדיק אין די הייזער, פון רוצחים־מענטשן, מענטשן־רוצחים, רוצחים באַ־זונדער, מענטשן באַזונדער.

די פּאָלאַקן ווידער, זיי האָבן אונדז אייביק פיינט. אָבער זיי לעבן מיט אונדז שוין טויזנט יאָר צוזאַמען. פּאָגראָמען און פּיקעטן, און עקאָ־נאָמיש־קולטורעלע מיטאַרבעט, ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק, אָבער דאָך צוזאַמען. זייער שנאה צו יידן איז אַ סטאַטישע, אַ פעסטע, איינגעוואָרצל־טע, אָבער אַן אומבאַוועגלעכע. זיי מוז מען ערשט באַוועגן, זיי זאָלן זייער אַנטיסעמיטיזם מאַכן רירעוודיק. מייסטנס פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין פּוילן נאָענט פון אוקראַינע אָדער דייטשלאַנד. די צוויי פעלקער פון דינאַמישן, קינעטישן אַנטיסעמיטיזם, באַוועגן אויך די פּאָלאַקן מיטצואַר־בעטן. אַ פּאָלאַק האָט הנאה, ווען אַ צווייטער טרייבט אַנטיסעמיטיזם און דערפירט דעם יידנהאַס אַפילו ביז צו מאָרד און רציחה.

אויב די מלחמה האָט אויף עמעצן געווירקט נעגאַטיוו, איז עס אין דער ערשטער ריי אויף די יידן. נישט זייענדיק איינגעוואָרצלט טרעפט זיי יעדער ווינט צום אַלעם ערשטן. ווען אַ כוח וויל עפּעס אָרויסרייסן, פּאַרטיידיקט זיך דער קעגנשטאַנד מיט אַלע מיטלען וואָס ער באַזיצט. דער שטורעם, דער מלחמה־שטורעם רייסט צום ערשט אַרויס די יידישע עקזיסטענצן, יידישע פּרנסות, יידישע קולטורווערטן, יידישע מאָראַל, יידישן לעבן־שטייגער, דעם נאָרמאַלן יידישן גלות־לעבן־שטייגער, ווו ער שפּילט אַן אייביקן סאָלאָ. ער שרייט, אַז ער האָט ליב דאָס גלות־לאַנד, ווו ער לעבט און שטרעבט, אָבער דאָס איז קיינמאָל נישט קיין דועט. דאָס גלות־לאַנד האָט אים נישט ליב. ער לעבט אַזוי אָפּ דורות אויף דורות אין אַן אייביקן סאָלאָ־געזאַנג און דערלעבט קיינמאָל נישט קיין ערלעכן דועט־

געזאַנג, אַז די ערד, די לופט, דער גלות זאָל אים אָפּענטפּערן אַזוי ווי ער זינגט, חלומט און שאַפט. אין האַרצן ציטערט ער פאַרן סאָלאָ־לעבן. ער ווייסט, אַז אין סכנה איז אַלץ אַרום נישט מיט אים, נישט די ערד, נישט דער וואַלד, נישט דער טייך, נישט דער איינגעבוירענער איינוווינער, נישט אַפילו די לופט. אין אַ צייט פון אַ סכנה — פאַראַט אים אַלץ. באַווייזט זיך די סכנה — קומט די גרויסע שרעק. און שרעק איז אַ ביטערער, מיאוסער, געפערלעכער פּעדאַגאָג. ער פאַרטיפט דאָס שלעכטע, פאַרטרייבט דאָס גוטע, דערנידעריקט דעם גלויבן און גיט אין דער האַנט אַריין מיטלען צו שלעכטע און פאַלשע טאַטן, אַפילו לגבי אייגענע.

קאַפּיטל פינף

אַן האַרץ

מיטוואָך, דעם 17טן אָקטאָבער. דער ערשטער טאָג פון אונדזער צו־ריקקומען אינעם חרובן, צעשטערטן וואַרשע.

וואַנדע האָט אונדז איבערגעגעבן, ווי אַזוי זי איז פאַרוווּנדעט גע־וואָרן. זי האָט בשום־אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מיר זענען אַוועק און זי וועט אונדז שוין קיינמאָל מער נישט זען. זי איז דעריבער געלאָפן צו יונגע באַקאַנטע און געוואָלט מיט זיי מיטגיין קיין לובּ־לין, פון דאָרט קיין פּאַלעסטינע, אונדז אָפּזוכן דאָרטן.

לויפנדיק מיטן פּעקל צו איינעם פון די צוויי ברידער, וואָס האָט זי געזאָלט מיטנעמען, האָט איר געטראָפן אַ באָמבאַרדירונג. זי איז צוגע־לאָפן צום שפּיטאָל פון הייליקן גייסט, שוויענטי דוך, אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס. דאָרט איז זי געפאַלן. זי ווייסט נישט ביז היינט, צי פון אַ שפּלי־טער, צי עפּעס אַ שאַרפע זאַך האָט זיך טיף איינגעשניטן אין פוס. זי האָט געחלשט. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געלעגן אין שפּיטאָל, פאַר־בונדן די וווּנד. דאָס פּעקל איז פאַרשוווּנדן. די ווייטיקן פון פוס זענען געווען שרעקלעכע. דער עיקר צוליב דעם, וואָס מ׳האָט נישט געהאַט די ריכטיקע מעדיצינען און קיין באַנדאַזשן.

אין שפּיטאָל זענען געלעגן אַ שיינע פּאָר טויזנט סאָלדאַטן. אַלע מאָל האָט מען געבראַכט נייע מיליטער־לייט. זייער צאָל האָט דערגרייכט צו די פיר טויזנט. איין מאָל, בעת אַ באָמבאַרדירונג זענען די נאָנעס פון שפּיטאָל אַרויף אויפן דאַך און אויסגעלייגט פון לייוונט גרויסע רויטע קרייצן, די דייטשע באָמבאַרדירער זאָלן זיי זען פון אויבן און וויסן, אַז דאָס איז אַ שפּיטאָל און עס נישט באָמבאַרדירן. די נאָנעס האָבן געזאָגט, אַז דער דייטש וועט זען דעם רויטן קרייץ, וועט ער שוין פאַרשטיין, אַז דאָ ליגן קראַנקע און גוססדיקע, וואָס וועלן באַלד שטיין פאַרן הויכן משפּט

פון גאָט, און מענטשן דאַרפן זיי נישט באַלעסטיקן, נישט שטערן זייערע לעצטע שעהען.

ווי נאָר אָבער מ׳האָט אויסגעשפּרייט די ליילעכער מיט די קרייצן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט איבערן שפּיטאָל אַ צוויי צענדליק אייראָפּלאַנען, זיך אָנגעהויבן, ווי זייער שטייגער איז, פּאַמעלעך אַראָפּצולאָזן און גענו־מען אַלע מיט אַמאָל שיטן מיט באָמבעס און פייער אין אַזאַ צאָל און אין אַזאַ טעמפּ, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער גאַנצער ריזן־בנין, דער גרעסטער שפּיטאָל פון דער פּוילישער רעפּובליק און איינער פון די גרעס־טע אין אייראָפּע, געשטאַנען אין פלאַמען און גלייכצייטיק זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן. באַלד זענען אַריינגעדרונגען אינעווייניק שרעקלעכע פייער־צונגען. אין די שפּיטאָל־זאַלן, האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפגרוילנדיקע סצענעס, אַז זי, וואַנדאַ, איז שיער נישט אַראָפּ פון זינען. פיר טויזנט קראַנקע, די מערהייט פון זיי אין גרויסער היץ, הינקענדיקע, קרומע, לאָמע, גוססדיקע, האָבן נישט געקאָנט אַליין אַראָפּ פון די בעטן און אַנטלויפן. כאָטש ס׳איז נישט געווען וווהין צו לויפן, ווייל פון אַלע זייטן האָט אָנגעהויבן ברענען און איינפאַלן דער שפּיטאָל, מיט אַלע זיינע גע־ביידעס, מיט איין מאָל. האָט אָבער דער געוואַלטיקער לעבנס־אינסטינקט אַלע געיאָגט צו לויפן. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען, וואָיען און רעווען ווי ברענענדיקע חיות. די קראַנקע האָבן געבעטן רחמים ביי די נאָנעס און באַרעמהאַרציקע פלעגערינס און ביי די דאָקטוירים. די אַ ביסל מער גע־זונטע האָבן אָנגעכאַפּט די לויפנדיקע דאָקטוירים און פלעגערינס ביי די פּאָלעס פון זייערע קליידער, די האַלבטויטע האָבן זיך געוואָרפן צו זייערע פיס, זיך אַראָפּגעוואָרפן פון די בעטן, געקראָכן, געראַטשקעוועט זיך אויף אַלע פיר. און בלוט איז גערונען פון זייערע וווּנדן און פון זייערע מיילער. יעדע מינוט זעצט אַריין אַ באָמבע אין אַ צווייטן אָרט און צערייסט צענדליקער אברים, קעפּ און געהירן, וואָס פליען אין דער לופטן, באַ־שפּריצן אַלע מיט הייסן, פּליסיקן בלוט און מאַרך. אַ סך נאָנעס און שוועס־טערס האָבן געכאַפּט טראַגבעטלעך און איינשטעלנדיק זייער לעבן, האָבן זיי אין דער פינצטער און ביי ילולות און געוואַלטיקע באָמבען־קראַכענישן, אַרויפגעלייגט שווערקראַנקע אויף די בעטלעך און געלאָפן מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז אַ מערדערישע באָמבע האָט זיי געטראָפן און אויסגעמישט זייער יונג, פריש, ריין הויכמענטשלעך בלוט מיטן בלוט פון די קראַנקע, וואָס

האָבן אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן געלערנט, וואָס דאָס הייסט העכסטע מענטשלעכע מאָראַל און גלייכצייטיק מענטשלעכע בעסטיאַליש־קייט און חיהשע מיאוסע קאַלטבלוטיקע רויִקייט.

די געשרייען זענען יעדע מינוט געוואַקסן. איר, וואַנדאַן, האָט זיך דער באַנדאַזש אין גאַנצן צעריסן און ממש אָפּגייענדיק אין בלוט איז זי, ווי פאַרווילדעוועט, געשפּרונגען איבער קעפּ און קישנס און געפלויגן. קיין אויסגאַנג האָט זי נישט געזען.

אויף אַ סך בעטן זענען געלעגן קראַנקע. ווען דאָס פייער איז צוגע־קומען האָט זי געהערט זייערע יאָמערלעכע געשרייען און געזען, ווי זיי ברענען און פלאַקערן ווי לעבעדיקע סטאַלבעס און קיין הילף נישט פון ערגעץ. קיין וואָרט, קיין בליק...

אַזאַ סעודה פאַרן מלאך־המות האָט נאָך קיינער נישט אָנגעגרייט — זאָגט וואַנדע. פיר טויזנט סאָלדאַטן, חוץ דאָקטוירים, באַנעס און פלעגע־רינס זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, נאָך איידער דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן. די נשמה איז זיי פּשוט אַרויסגעגאַנגען פאַר שרעק, פאַר צער און פאַר בושה... וואַנדע האָט געפילט, ווי טויזנטער הענט הייבן זיך צו איר אין טיפסטן געוויין און געבעט; טויזנטער אויגן פון טאַטעס, ברידער און חתנים גייען אויס אין ווייטיק און זי ברענט מיט זיי און לויפט, פאַלנדיק איבער זייערע צאַפּלדיקע, גוססדיקע קערפּערס.

אין דער לעצטער מינוט, ווען כמעט אַלץ האָט שוין געברענט, האָבן אַ פּאָר געציילטע, און זי צווישן זיי, לויפנדיק און שטאַלפּערנדיק אָנגע־טראָפן אויף אַ גרוב, אין וועלכן זיי זענען אַריין. דאָס פייער האָט זיך פאַרנומען אַ ביסל אָן אַ זייט. פאַרנאַכט, ביים קנאַקן פון ברענענדיקן שפּי־טאָל, איז זי, וואַנדע, קריכנדיק צוגעקומען צו אונדז אַהיים.

***

דאַנערשטיק, דעם 8טן אָקטאָבער, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס, זיך צו דערוויסן וואָס אַזוינס קלערן ייִדן צו טון ווייטער? ווי אַזוי וועלן זיי איבערלעבן ביז ס׳וועט קומען צו אַ טאָלק, און צי קלערט מען דאָ צו בלייבן, אָדער מע גרייט זיך אין וועג אַריין...

ד״ר אַלטער איז מיטגעגאַנגען. נאָך אַ לענגערער ווייל נאַכטראַכטן רופט זיך אָן ד״ר אַלטער:

— אז איך פאַרטיף זיך אין די וועגן פון דער השגחה, הייב איך אָן אַלע מאָל מער איינצוזען, אַז ס׳איז דאָ אַ כוח, וואָס פירט מיט דער וועלט און מיט אונדז. קוקט זיך איין, לאָמיר אַנאַליזירן, אָן פאַראורטיילן און עמאָציע — רויק, זאַכלעך, אַלצדינג וואָס איז מיט אונדז געשען, ווי אַזוי ס׳האָט זיך מיט אונדז געפירט און מיר וועלן איינזען, אַז אצבע אלוקים, גאָטס פינגער איז דאָ אין אַלעם. גיט אדרבא אַ קוק: מיר זענען אַנטלאָפן פאַרן דייטש, אַנטלאָפן פון וואַרשע, אָנגעשטרענגט זיך מיט אַלע כוחות און געטון אַלץ, וואָס מעגלעך כדי דאָס צו דערגרייכן. האָט מען אונדז נישט געלאָזט. האָט מען באָמבאַרדירט אַלע באַנען, מיט וועלכע מיר זע־נען געפאָרן. זענען מיר געווען חכמים. אַזוי ווי ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט מע זאָל אונדז רופן צו דער ישיבה של מעלה, צום אייבערשטן בית־דין־שטיבל, האָבן מיר זיך אַלע מאָל אַרויסגעראַטעוועט. נישט באַ־מערקט דעם צייכן, אַז מע וויל נישט, מיר זאָלן פאָרן אַהין קיין מזרח.

ד״ר אַלטער האָט איבערגעריסן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם פאָדעם און באַלד ווידער גענומען פאַר מיר זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ:

— ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין לאַסקאַזשעוו, האָט מען פונקט דעמאָלט געוואָרפן באָמבעס אין דער גאָענט, כדי איבערצושרעקן אַלע באַ־לעגאַלעס, קיינער זאָל מיט אונדז נישט וועלן פאָרן. מיר האָבן אַלץ גע־וואָרט אויף אַ געלעגנהייט צו לויפן קיין מזרח. האָט מען אונטערגעצונדן דאָס שטעטל, אַלע זאָלן מוזן אַנטלויפן און דווקא נישט אין דער ריכטונג פון לובלין, ווייל דאָרט איז געשטאַנען דער שרף, דער ברענענדיקער כוח־וחרבו שלוחה און זיין שווערד אויסגעשטרעקט צום הרגענען. קומען דיי־טשע סאָלדאַטן ברענען און צינדן און קוילענען און אונדז לאָזן זיי אדורך.

ווי איבערגענומען פון די אייגענע רייד האָט ד״ר אַלטער געקוקט ווי פאַר זיך און ווייטער געצויגן:

— ווילן מיר נאָך ימים־נוראים אָוועקפאָרן, ווערן, נישט־היינט־גע־דאַכט, אונדזערע קליינע קינדער קראַנק. אַז ס׳הייבט זיי אָן בעסער צו ווערן, לויפן מיר באַשטעלן וועגענער צו פאָרן קיין מזרח, צום רוס, קומט דער רוס צו אונדז אין געשטאַלט פון אונדזערע יידישע יונגעלייטלעך, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר מאָסקאַלן, קאָמיסאַרן, יעווסעקן, דיקטאַטאָרן און זאָגן אונדז בפירוש: „ביים רוס האָט איר נישט וואָס צו טון. שם תהא קבורתכם. דאָרט וואַרט אויף אייך דער קבר״. נאָך די אַלע סימנים פאַר־

שטעלט מען אונדז דעם וועג מיט אַזוי פיל אומגעבראַכטע קדושים, כדי מיר זאָלן מוזן קומען אַהערצו. קיין וואַרשע, צום דייטש.

איך האָב געשוויגן, געקייט זיינע געדאַנקען, איבערגעאַרבעט אין מיין געדאַנקען־שמעלצטאָפּ, און געוואַרט אויפן המשך.

— צום דייטש, דווקא צום דייטש. איך ווייס נישט, צי וועט ער אונדז לאָזן לעבן אין רו און פרידן. איך גלייב אַז נישט. איינס ווייס איך, זיי זענען אויך מענטשן. אַ דייטש, אַז ער האָט נישט קיין באַפעל אָנצוטאָן צרות און ליידן, וועט ער עס נישט טון. דאָ ביי אים קאָנען מיר איבער־קומען אין צרות די מלחמה. פאַרן רוס אָבער זענען מיר פאַרברעכער, ציר־ניסטן, נאַציאָנאַליסטן, קלעריקאַלן, אַנטירעוואָלוציאָנעריש, בלוטזויגערס, עקספּלאָאַטאַטאָרן, אַלץ וואָס אין דער קאָרט. פון יענע קאָנען מיר זיך קיינמאָל נישט אויסקויפן. איר געדענקט דאָך, וואָס אונדזערע ייִדישע קאָ־מיסאַרלעך אין לאָסקאַזשעוו האָבן אונדז געזאָגט. מיר זענען צו שוואַרץ אַפילו פאַר דער שוואַרצער ליסטע. ביי דעם דאָ זענען מיר אַ מינדערוווער־טיקע ראַסע, מינדערווערטיקע ברואים, מילא, וועט ער זיך מיט אונדז נישט צאַצקען. די מלחמה וועט אַוועק, אונדזערע קומען צוריק, זענען מיר צוריק אויף אונדזערע פּאָזיציעס, אָדער מיר רעאַליזירן ענדלעך אונדזער באַשטי־מונג און ציל: ארץ־ישראל.

— איך האָב געמיינט, אַז דער סוף פון אייער אויספיר, וועט זיין דער אָנהייב און דעמאָלט וואָלט איר געקאָנט האָבן מיין הסכמה אויף אַ טייל פון אייערע אויספירונגען — האָב איך זיך נאָך אַ צייט אָנגערופן.

— רעדט קלאָרער, אפשר וועל איך מיט אייך קאָנען מסכים זיין.

— יאָ, ליבער פריינד און לערער מיינער, ד״ר אַלטער. איך זע עפּעס יאָ אַ מין השגחה־פּרטיות, אַז מע קוקט אויף אונדז און מע פירט מיט אונדז, כאָטש מיט לאָגיק האָט דאָס ביי מיר גאָרנישט וואָס צו טון. נאָר ווי האָט געזאָגט וואָלטער: גלויבן הייבט זיך אָן דאָרט, ווו ס׳ענדיקט זיך די לאָגיק, דער שכל. אויב איך פיל עפּעס יאָ אַ מין מיסיע איז עס אָט צוליב דעם שלוס פון אייערע געדאַנקען. כדי צו רעאַליזירן דעם חלום און אוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס שטימט. ביים רוס וועלן מיר אפשר אויך קאָנען איבערלעבן, סוף־סוף זענען מיר דאָך לערער. מע קאָן באַקו־מען אַרבעט אין אונדזער פאַך. קאָמוניסטישע איבערצייגונג איז ווי אויס־געטוישט דאָס רענדל. יעדער פון אונדז טראָגט אין זיך דעם ריינעם, אי־

דעאַלן, נישט מאַטעריעלן קאָמוניזם. די אידיי פון ברידערלעכקייט און פרייהייט. מיר ייִדן אוודאי. מיר האָבן דאָך דערפאַר אַוועקגעגעבן פיר הונדערט יאָר מצרים און שקלאַפעריי, כדי זיך צו אָרגאַניזירן און אין זיך אויפהאָדעווען דאָס געפיל און באַדאַרף צו פרייהייט. איר ווייסט דאָך, אַז חרות (כאָרוט) איז געטייטשט חרות (ביירוט) איבער די לוחות, הע־כער פון די לוחות איז פרייהייט. אלא וואָס ס׳קומען די באָלשעוויקעס, נעמען אַ שטיקעלע פונעם רענדל און שרייען, אַז דאָס איז גענוג. איז גוט אַזוי. וועלן מיר אויסבייטן אונדזער רענדל, אונדזער גאָלדן רענדל אויף שטיקלעך, ווייל זיי האָבן גענוג און פאַר אונדז וועט נאָך צלייבן. דאָ ווידער,ביים דייטשן גזלן, קאָנען מיר קיינמאָל נישט פאַרריכטן. לויט זיין קראַנקער לאָגיק זענען מיר געבוירן מיט אַ געבורט־פעלער פון אַן אַנדערער ראַסע. דאָס קאָנען מיר קיינמאָל נישט פאַרריכטן.

— יונגער פריינד — רייסט מיר איבער ד״ר אַלטער, — איר רעדט דאָך קעגן זיך און קעגן מיר. וואָס זאָגט איר, וועגן מסכים זיין מיט מיר.

— ניין, דאָקטאָר. דאָס איז דער אָנהייב צו אַ פאַרקערטער קאָנסעק־ווענץ. דעריבער טאָרן מיר קיין רוסלאַנד נישט פאָרן און דאָ בלייבן יאָ?

— ווייל, ווייל? אַביסעלע לאָגיק!

— ווייל אין רוסלאַנד וועלן מיר זיך יאַקאַש יאָ איינאָרדענען אָדער אַרויספאָרן, פאַרלאָזן זיי — דאָס קיינמאָל נישט. רוסלאַנד, סאָוויעט־רוסלאַנד האַלט זיך פאַר אַ גן־עדן, אַ גן־עדן פאַרלאָזט מען נישט, טאָר מען נישט פאַרלאָזן. דאָ, ביים דייטש, וועלן מיר זיך נישט קאָנען איינ־אָרדענען. ער וועט אונדז נישט לאָזן. ער וויל אונדז נישט. מיר מאַכן קאַליע זיינע דייטשן, זייער קולטור, זייער מאָראַל, זייער ציוויליזאַציע. וועט ער אונדז וועלן אויסראָטן. לעבן וועט ער אונדז נישט לאָזן, אָבער אַוועקפאָרן, עמיגרירן יאָ. פון דאַנען, פריינד ד״ר אַלטער, וועלן מיר יאָ קאָ־נען פאָרן, און טאַקע קיין ארץ. אויב איר האָט געענדיקט אייערע רייד מיט ארץ־ישראל, נאָך דעם ווי איר זענט אַריבער דעם ים פון רעליגיעזער באַגרינדונג, הייב איך אָן פון דאָרט. כדי צו קאָנען פאָרן קיין ארץ־ישראל האָט מען אונדז געבראַכט אַהערצו, קיין וואַרשע, צום דייטש... ווי איר זעט — דער שלום איז דער זעלבער.

דעם המשך פון דער דיסקוסיע האָבן מיר נישט געקאָנט דערציִען, עפּעס האָבן מיר געפילט, אַז די גאַס ווערט אומרויִק. מענטשן הייבן אָן

פאַרשווינדן, רוקן זיך אין די טויערן, קוקן זיך אום אויף אַלע זייטן. אַן אַלטע פּאָלאַטשקע האָט זיך איינגעקוקט אין אונדז ביידע און אַ זאָג געטון:

— נאַראַנים, אַנטלויפט. מע כאַפּט!...

אַן אָטעם זענען מיר אַרויפגעלאָפן אויפן העכסטן שטאָק פון אַ כמעט גאַנץ־שטייענדיק הויז. נאָך איידער מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, מע זאָל אונדז עפענען, האָבן מיר באַמערקט נאָך אַ פּאָר ייִדן, ייִנגערע און עלטערע, אַלע גלייך פאַרסאַפּעט ווי מיר, יאָגן אַרום און זוכן מיט איבערגעשראָקענע אויגן.

— מע כאַפּט צו דער אַרבעט. יעדן טאָג דאָס זעלבע. די כוחות גייען אויס — האָבן זיך אַלע באַקלאָגט.

— וואָס זענט איר אַנטלאָפן? — האָבן מיר זיי געפרעגט — איר זעט נישט אויס ווי קיין ייִדן... איר האָט נישט געמוזט אַנטלויפן.

— וואָס רעדט איר? — האָבן אַנדערע איבערגעשלאָגן — איר מיינט, אַז מע טראָגט אַ שטייפן הוט, ווי דער הער דאָ, איז מען שוין אַ גוי. דער דייטש וואָלט אפשר נישט דערקענט. די דייטשע סאָלדאַטן דער־קענען טאַקע נישט, ווער ס׳איז אַ ייִד און ווער אַ פּאָלאַק. זיי כאַפּן נאָר ייִדן מיט בערד און פּיאות. אָבער די פּוילישע שקצימלעך לויפן מיט מיט די סאָלדאַטן און שרייען „יודע, יודע" און דער דייטש כאַפּט.

ערשט נאָך אַ שעה זענען אַרויפגעקומען מענטשן, צומיינסט יונגע און פרויען און אונדז מודיע געווען, אַז מע קאָן שוין אַרונטערגיין. די דייטשן, וואָס כאַפּן יעדן טאָג אויף דער גאַס, זענען שוין אַוועקגעפאָרן. זיי האָבן שוין זייערס אָנגעכאַפּט.

מיר זענען איצט שוין צוריקגעלאָפן אַהיים, מורא האָבנדיק פאַר ווײַ־טערע באַגעגענישן און כאַפּערייען.

די שטאָט האָט בייטאָג געמאַכט נאָך אַ שרעקלעכערן איינדרוק, ווי נעכטן ביינאַכט, ווען מיר זענען אָנגעקומען.

אומעטום זעט מען האַלבע הייזער, איינגעפאַלענע, צעשפּאָלטענע, אָן דעכער, אָן טירן, אָן פענצטער. און דווקא דאָרט, וווּ מע קאָן עס ווייניקער דערוואַרטן שטייען הייזער גאַנצע. אויף אונדזער גאַס, אַקעגן אונדזערע הייזער, איז געשטאַנען איינס פון די שענסטע, שטאַרקסטע און קאָלאָ־סאַלסטע געביידעס פון וואַרשע, דאָס גרויסע געריכט. די דייטשן האָבן זיך דערויף פאַרלייגט, באָמבאַרדירט אָן אויפהער, די גאַנצע סביבה אַרום

געהאַלטן אין איין באַשיטן מיט האָגל פון באָמבעס, און טשעקאַווע: אי דאָס געריכט אי די הייזער אַרום זענען געווען ווינציק באַשעדיקט.

קיין קאָמוניקאַציע איז נישט געווען, אין צענטער כמעט אין גאַנצן נישט, ווייל אַלע גאַסן האָבן דורכגעשניטן גריבער, פּאַסעס, לעכער אַמאָל אַ מעטער די טיף און נאָך מער. די אָנגעוואָרפענע רעשטן פון הייזערטיילן, צעבראָכענע, צעלאָמעטע מעבל, טירן, געזימסן, באַלקאָנען זענען שוין גע־ווען אַ ביסל אָפּגערוקט אין אַ זייט, נאָר קיין דורכפאָר איז נאָך נישט געווען.

אויך דאָ, אין צענטער, האָט מען געזען די פּאַטאָלע שפּורן פון פייער, בלוט, טויט און חורבן. אויף יעדן שריט און טריט גרוזן, אייזנס, רערן, בלוט, בלוט־שפּורן און בלוט־ריח געמישט מיט פייער־סאַזשע. אַלץ פאַר־סמאַלעט, פאַרחושכט. די צוויי קאָלירן פאַריאָגן און פאַרשטעלן מיט זיך אַלע אַנדערע אַרום:

בלוט־קאָליר און שריפה־פאַרב.

דאָס גרויסע וואַרשע איז איין גרויסע חורבה. די גאַסן זענען פול מיט לויפנדיקע מענטשן און איבערגעשראָקענע טריט. געשעפטן שטייען פאַר־מאַכט, לאָדנס, דאָרט ווו זיי זענען נאָך דאָ, פאַרלייגט, פאַרהאַקט. אַ סך טירן אויסגעקרומט, פענצטער אָן שויבן, פאַרשטעלטע מיט פּאַפּירן און שמאַטעס אָדער אָפענע ווי אַן אַלט צײַנלאָז מויל.

בייטאָג איז ווער געקומען צולויפן און מיר געזאָגט, אַז ארי ישראלי אַרבעט שוין דעם דריטן טאָג ביים רוימען די גאַסן. ער האָט מודיע גע־ווען, אַז אויב מע ראַטעוועט אים נישט, וועט דאָס זיין זיין לעצטער טאָג.

זייענדיק אַליין אויף צרות, נישט קאָנענדיק אַרויסגיין אין גאַס, ווייל מע כאַפּט, האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז ישראלי, מיין לעקסיקאָן־מיט־אַרבעטער וועט אונטערגיין, אויב איך וועל אים נישט העלפן.

איך האָב נאָך געדענקט זיינע ווערטער דעמאָלט ביים געזעגענען זיך, ווען מיר זענען אַנטלאָפן אָנהייב מלחמה האָט ער געזאָגט, אַז ער פילט, אַז זיין סוף איז נאָענט. מלחמה און סוף זענען ביי אים פאַרבונדן געווען — צוזאַמען. און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז אָרעמע וועלן אונטערגיין, רייכע וועלן זיך אפשר ראַטעווען.

אָיך בין געוועָן זיין אֵיינציקער פֿריינד אין וואַרשע. זיינע קרובים

זענען געווען מענטשן פון קליינעם איינפלוס און נאָך קלענערע מעגלעכ־קייטן. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו ווירקן.

אַלע מיינע אינפאָרמאַציעס, ווי אַזוי מ׳איז זיך נוהג ביים כאַפּן, ריכטיקער געזאָגט, ביים געכאַפּט ווערן אויף אַרבעט, האָבן געגעבן איין רעזולטאַט: אַנטלויפן. באַהאַלטן זיך. אויב מע ווערט געכאַפּט איז קיין עצה מער נישטאָ. אַנטלויפן פון דער אַרבעט איז אַ סכנה. ס׳דראָט מיט טויט. אויסקויפן, אויסלייזן, דאָס עקזיסטירט נאָך נישט. ייִדן האָבן נאָך נישט געפינען דעם וועג דערצו.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן אונטערצונעמען אַן אייגענעם, זעלבסט־שטענדיקן פּלאַן.

קענענדיק פאַרהעלטענישמעסיק די גוטע באַציִונג פון די דייטשן צו פּרויען, איבערהויפּט צו פּוילישע, האָב איך געבעטן וואַנדען, זי זאָל מיר העלפן אין דער הינזיכט.

וואַנדע איז געווען גרייט צוצוגיין צום דייטש, דערקלערן, אַז ישראלי איז איר חתן און זי בעט מע זאָל אים באַפרייען. כאָטש נאָך באַנדאַזשירט, אַ פוס און אַ האַנט, איז זי געווען שיין, יונג, צוציִענדיק. איך בין געווען זיכער, אַז די סאָלדאַטן וועלן דערפילן איר בקשה.

ווי מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן, אַרבעט ישראלי ביים אויפרוימען ערגעץ די חורבות פון אַ צעשטערט הויז אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין זאַלבעצווייט זוכן דאָס הויז. די עלעקטאָ־ראַלנע־גאַס איז געווען מוראדיק חרוב, אַ סך חרובער ווי דער טייל פון דער לעשנע ווו מיר האָבן געוווינט. אין אַלע הייף זענען געשטאַנען ייִדן און אַרום זיי דייטשן מיט לאַנגע בייטשן און שטעקנס. די ייִדן האָבן צו־נויפגעלייגט די שטיינער, ציגל, בלעכן, ברעטער, שוט, זאַמד. די דייטשן האָבן געיאָגט מע זאָל אַרבעטן שנעלער און אַלע מאָל, אַזוי ווי צום טאַקט, געפאָכעט מיט די בייטשן.

צוקומענדיק צו אַ הויז און זוכנדיק, אפשר וועל איך דאָרט דערזען ישראלין, הייסט מיר אַ דייטש זיך אָפּרוקן, נישט שטערן און וואַנדען הייסט ער אויף שטום־לשון, מיט פאַרשידענע סימנים, צוגיין נענטער צו אים. איך האָב אָנגענומען וואַנדען ביי דער האַנט און נעם מיט איר אַוועק־גיין, מאַכט דער דייטש אַ געוואַלט, צוויי זיינע חברים קומען צו אים צו און מ׳הייבט אונדז אָן נאָכצושרייען. פון אונטער דער ערד וואַקסן אויס

צוויי יונגע פוילישע שקצימלעך און געבן מיר די לעצטע הילף אויף אַ זייער פּשוטן אופן. זיי לויפן צו צו די דייטשן און שרייען „יודע, יודע״.

דערהערנדיק „יודע״, האָבן די דייטשן זיך צעטיילט. צוויי זענען צו־ריקגעלאָפן צו דער גרופּע אַרבעטנדיקע ייִדן. זיי זאָלן זיך נישט צעלויפן און איינער האָט אָנגעהויבן יאָגן אין אונדזער ריכטונג.

מיר זענען געווען לעבן די חורבות פון שפּיטאָל פון הייליקן גייסט אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס. אַלע הייזער אַרום זענען געשטאַנען פּוסט און צעשטערט, אָן שום צייכן פון לעבן. אויך אויף דער גאַס זענען נישט געווען קיין מענטשן, חוץ די דריי נאַכיאָגערס. דער דייטש מיט די צוויי שקצימלעך. מיר האָבן זיך ביידע פאַרקערעוועט אין די חורבות פון שפּי־טאָל, געלאָפן איבער בערג פון קאָלומנעס, איינגעפאַלענע דעכער, קעלערס אויפגעריסענע, הויפנס טויטע, טראָגבעטלעך מיט פאַרברענטע קערפּערס, געלאָפן מיט די לעצטע כוחות ביז מיר זענען אַנידערגעפאַלן.

די נאַכיאָגערס אונדזערע זענען אויך אַריין אין די חורבות, אָבער ווייט זענען זיי נישט אַוועק. דער דייטש איז באַלד צוריקגעגאַנגען און די שקצימלעך האָבן זיך געפּאָרקעט אין אַש, בלוט, מיסט, און געזוכט...

וואַנדע האָט געזאָגט, אַז מיר מוזן וואַרטן ביז פאַרנאַכט, ווען מיר קאָנען אַרויסגיין. דעמאָלט ווען דאָס שפּיטאָל האָט געברענט האָט זי זיך דאָ געפינען און ווי דורך אַ נס איז זי אַרויס אַ לעבעדיקע. זי ווייסט נישט צי היינט וועט עס איר אויך געלינגען.

מיר פּרווון זיך צו רוקן, אונטער חורבות און טויטע — פאָרויס, צו־צוקומען צו דער זייט פון לעשנע און אַרויס גיין אויף אונדזער גאַס.

אין די פּאָר שעה פון מיין נישט־ווילנדיקן זיין אין די חורבות פון שפּיטאָל, האָבן מיינע אויגן געזען זאַכן און בילדער, וואָס האָבן מיר גע־מאַכט פאַרגליווערן מיין בלוט און זידן ווי ברענענדיקע קוילן מיין מוח, האַרץ און נערוון.

דאָ, ווו מיר זענען איצט געשטאַנען, זענען געלעגן שטיקער פון טראָגבעטלעך, פאַרברענטע און אויף זיי פאַרקוילטע קערפּערס, שטיקלעך פון קערפּערס, אייבערשטע און אונטערשטע קערפּערטיילן.

אָט ליגט פאַרברענט אַ יונגער פרויען־קערפּער. די פאַרברענטע האַנט האַלט נאָך ביים אייזערנעם שטאַנג פון פאַרברענטן טראָגבעטל. דאָס האָט אַ קראַנקנשוועסטער געוואָלט מקריב זיין איר יונג, געזונט לעבן,

באַשלאָסן צו דערפּילן איר הויכמענטשלעכע שליחות ביז צום סוף, ביזן לעצטן דעך פון איר אָטעם, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט; מקריב זיין נישט נאָר אירע חלומות, שטרעבונגען, ווונטשן, נאָר אויך אירע יאָרן. דאָס יונגע מיידל האָט געהאַלטן דאָס טראַגבעטל, אויף וועלכן ס'זענען אַ פּנים געלעגן צוויי מענטשן, ווייל אָט ליגט נאָך איצט אַ שטיק פון אַן אויבער־קערפּער מיט אַ פאַרברענטן קאָפּ און ביי דער זייט שטיקער ביינער פון אַ פוס מיט אַ צווייט שטיק אויבערקערפּער. די באַרעמהאַרציקע שוועסטער האָט זיי געוואָלט ראַטעווען און אַרויסלויפן מיט זיי פון די זאַלן אויף אַ זיכערן פּלאַץ, אויפן הויף, ווייט פונעם ברענענדיקן גיהנום, ווו פייער און טויט האָבן געבושעוועט. און דאָ, אויף דעם אָרט, האָט זיי דעריאָגט די קויל פון טויט, דאָס פייער, וואָס האָט זי פאַרברענט, פאַרשניטן אירע יאָרן צוזאַמען מיט די קראַנקע.

אויך די קויל, די טויטקויל האָט אַ יונגע האַנט געוואָרפן, די האַנט פון אַ יונגן דייטשן פּילאָט. די פאַרברענטע האַנט דאָ איז דער אויסדרוק פון העכסטער, מענטשלעכער דערהויבנקייט, פון דערהייבן זיך איבערן אייגענעם איך אין זיין לעבנס־ווילן. יענע יונגע פּילאָטן־האַנט דאַקעגן האָט געהערט צו אַ רוצח, אַ מערדער, אַ חיה אין אַ מענטשן־קערפּער. אפשר האָט אויך יענע האַנט געדינט אידעאַלן, נאָר קרומע, פאַלשע, שעדלעכע אידעאַלן.

אָבער די דאָ, די יונגע האַנט פון דער קראַנקנשוועסטער האָט גע־הערט צו אַ נשמה פון דערהויבענער לויטערקייט, פון באַהערשטער שוואַכ־קייט, פון אַ גרויסן זיג איבער דער בעסטיע אינעם מענטש, איבער דער חיה, וואָס לאָקערט אין זיין נשמה און וויל תמיד פרעסן, צערייסן, צע־שטיקלען דעם מענטש און זיין הימל.

אויך ביי דער יונגער שוועסטער האָט אין דער לעצטער מינוט גע־שריגן דער איך: „עס ברענט אַרום, אַלץ ווערט געהרגעט — לויף, יאָג, ראַטעווע זיך. לאָז די קראַנקע און אַנטלויף. אַנטלויף מיט דיין לעבן! אָבער זי האָט זיי נישט געלאָזט אויף הפקר. געוועזן מיט זיי צוזאַמען ביז איר לעצטן אָטעמצוג. איר לעבן האָט זי געלאָזט, אָבער נישט איר אי־דעאַל, איר הויכע מענטשלעכע פליכט.

יענער אָבער אויבן, דער יונגער רוצח, האָט געדינט אַן אידעאַל, וואָס הייסט אים הרגענען דעם מענטש אין זיך, דינען דער אינעווייניקסטער

חיה, וואָס לאָקערט אין האַרץ. אויך צו אים האָט געשריגן דער אינערלעכער מענטש: „זעסט, אונטן זענען קראַנקע, ליגן האַלבטויטע סאָלדאַטן, פאַרווונדיקטע, לאָז זיי אָפּ!" ער אָבער האָט מיט אַ געלעכטער אויפגעהויבן דאָס הענטל, וואָס האַלט דעם העבל פונעם באָמבען־מאַגאַזין און אַראָפּגעלאָזט די באָמבעס פון טויט, חורבן, שריפה, רציחה. און האָט זיי אַלע דאָ פאַרברענט.

מיר זענען אַריינגעקראָכן דורך אַ פענצטער אין אַ חורבה אַ טיפערע, גרויסע, ווייט־אַוועק. איך בין זיכער, אַז דאַנטע און עדגאַר אַלאַן פּאָ וואָלטן זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און קראַנק געוואָרן, ווי פון קאָשמאַרע חלומות, ווען זיי וואָלטן געווען דאָ. מתים אויף מתים, נאַסע, פאַרגליווערטע, פאַרטרוקנטע, פאַרברענטע, פאַרסמאַלעטע, קעפּ אָן אויגן, שטיקער צונגער, טיילן פון קערפּער, געמישטע, צעהאַקטע, צעפּערטלטע, צעלאָמעטע, ווי איבערגעבראָכן, איבערגעריסן. מענער מיט פרויען צוזאַמענגעמישט, שטיקער מענער־קערפּער און פרויענלייבער. עפּעס ווי אַראָפּגעשליידערטע און צעריבענע פון לופט און פייער. דאָ זענען, אַ פנים, אַראָפּגעפאַלן די פאַרווונדיקטע, די קראַנקע, האַלבפאַרברענטע פון די אויבערשטע שטאָקן. און ביים פאַלן געוואָרן צעריבן, צעריסן, צעזעצט ביי שטיקער מויערן, ברענענדיקע, שרפהנדיקע שטיינער, העלצער, בעטן און אייזנס.

אָט דאָ, עפּעס אין אַ זייט, זיצט אַן אַלטער מיט אַ האַלבפאַרברענט פאַרמעט־פּנים, דער קולאַק אַ פאַרמאַכטער און דער קאָפּ מיט אַרויסקריכנדיקע אויגנלעכער זענען פאַרריסן אין דער הויך. דער אונטערשטער האַלבער קערפּער איז ביי אים פאַרברענט. דער אויבערשטער האַלט זיך, ווייזט אויס, אַז אים האָט געשיצט אַ צווייטער פאַלנדיקער גוף, וואָס ליגט פאַרברענט לעבן זיין פאַרברענטן אונטערשטן טייל, און די אויגן, וואָס זענען נאָך געבליבן אינעווייניק, קוקן מיט אַזאַ כעס און אַזאַ קראַפט, אַז ס'האָט מיך אַ פּאָר מאָל גענומען דראָזשן. איך בין צוגעגאַנגען, צוגעקראָכן אַ קוק טון, אין וואָס באַשטייט זייער כוח. כאָטש ס'איז געווען דאָ גענוג פינצטער, האָב איך געזען אַן אויסטערליש פייער־ווונדער. דער פלאַם איז אַריין אין די אויגן פונעם ברענענדיקן קערפּער און האָט נאָר פאַרסמאַלעט דאָס האָרהייטל און דאָס שוואַרצאַפּל איז געבליבן פאַרגליווערט אויף אַן אָרט מיט אַ יענער־וועלטישן אָפּשיין, אַן איבער־טויטן

בלאָסק. דער כוח פון די אויגן איז געווען אַן אויפגרווילנדיקער. איך האָב תיכף פאַרלאָזט די טויטנהייל און גענומען קריכן ווייטער. די אויגן האָבן מיך נישט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן.

אין האַלב־טונקלקייט, נישט ווייט פון מיר, ליגט עפּעס אַ פּאָרל, אַ מאַן מיט אַ פרוי, באַהעפט צוזאַמען. פאַרבונדן מיט איין באַנדאַזש, וואָס איז נישט פאַרברענט געוואָרן, ווייל ער איז געווען אין גאַנצן איינ־געטונקען אין פאַרגליווערטן בלוט און מאַרך. דער מאַן שטעקט אַריין זיי־נע פינגער אין מויל פון דער פרוי. צי האָט ער זי געוואָלט ראַטעווען אָדער צוצי׳ען צו זיך. דער סוד איז אַוועק מיט זיי צוזאַמען אין תהום אַריין. די פרוי האָט ברייט צענומען אירע אָרעמס, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אַרומ־נעמען. אפשר איז דאָס געווען אַ מאַמע מיט אַ זון אָדער אַ געליבטע מיט אַ געליבטן, אַ מאַן מיט אַ פרוי. דאָס פייער האָט אָפּגעמעקט די יאָרן פון זייערע פּנימער, מע דערקענט נישט זייער עלטער. נאָר עפּעס אַ קראַפט־געפיל ליגט אין די באַוועגונגען, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענ־דיקן אויף דער וועלט, אפשר וועלן זיי דאָרט, אויף יענער וועלט פאַרענ־דיקט ווערן און באַקומען זייער תיקון.

נישט ווייט פון זיי האָב איך געזען אַ בילד וואָס האָט מיך אונטער־געצונדן: לעבן אַ וואַנט צווישן צוויי צעבראָכענע בעטלעך שטייט אַן אַל־טער מאַן, דאָס פּנים פאַרקאָרטשעט, די האָר ווייס, איין האַנט האַלט ער פאַרנט, פאַרן קאָפּ, אַזוי ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרטיידיקן פאַר עמעצן אָדער פאַר עפּעס. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַראָפּגעריסן זיין באַנדאַזש פון בויך און די קישקעס שלעפּן זיך, רייסן זיך ביז צו דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. קישקעס פאַרדרייטע, פאַרקאַטשעטע אַראָפּ, דאַכט זיך, אַז זיי רייכערן זיך, אַז אַ פאַרע גייט נאָך פון זיי. וואַנדען האָט אָנגעכאַפּט אַ שאָק. מיר האָבן זיך אויסגעדרייט צו לויפן ווייטער. אָבער ס׳איז כמעט אוממעגלעך צו אַנטרינען פון די שרעקבילדער אַרום.

אויף דער פּאָדלאָגע זעען מיר הונדערטער און הונדערטער אין אַ קריכנדיקער פּאָזע. זיי זענען אָט אַזוי בשעתן קריכן זיך ראַטעווען, לויפנ־דיק, פאַרברענט געוואָרן. צענדליקער ווידער ליגן אויף די בעטן, פאַר־ברענט און פאַרסמאַלעט. זיי האָט דאָס פייער פאַרכאַפּט, איידער זיי האָבן געקאָנט אַראָפּ אָדער די וואונדן האָבן זיי נישט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

שווער געווען צו גיין, צו קריכן, דורכצושטופּן זיך ווייטער. דו טרעטסט אויף אַ קאָפּ, אויף אַ פוס, אַ האַנט, אַ בויך, אַ קישקע, דו גליטשטסט זיך איבער פאַרגליווערטן בלוט, איבער צעגאָסענעם מאַרך. אַט שטעלט דיך אָפּ אין מיטן וועג אַ האַנט, אַן אויפגעהויבענע אין טויט־קאָנוווּלסיע, אַט פאַרשטעלט דיר דעם וועג אַן אויסגעקרומטער פוס.

גאָט אין הימל! אַזאַ שחיטה, אַ שעכטיאַטקע פון מענטשן. אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, אין האַרץ פונעם הויכקולטורעלן אייראָפּע, פאַר־אורזאַכט דורך מענטשן, וואָס האָבן פּרעטענזיעס אויף קולטור און גייסט, אויף שיינגייסט!

קוים וואָס מיר קאָנען זיך דורכרוקן ווייטער. ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ פּחד, אַז איך געהער אויך צו די. ווער ווייסט, ווי אַזוי און ווען איך וועל אַרויס פון דאַנען...

וואַנדע האָט אין דעם לאַבירינט פון טויט, אין די לעבעדיקע קאַ־טאַקאָמבעס פון אונטערגאַנג און מענטשלעכקייט, אָנגעהויבן צו געפינען דעם אַרויסגאַנג.

מיר האָבן זיך פאַרדרייט אַ ביסל אויף לינקס, גלייבנדיק, אַז אַזוי וועלן מיר צוקריכן צו דער לעצטע גאַס, צום הויף, וואָס האָט געפירט צו די הייזער פון דער לעש.

דאָ זענען געווען, זעט אויס, די קליינע צימערלעך פון די דאָקטוירים, פון דער שפּיטאָל־דינערשאַפט און פון די שוועסטער. דאָ איז די צאָל טויטע אַ קלענערע, אָבער אַ סך פולער מיט אויסדרוק און באַשולדיקונג.

אַט ליגט אין ווינקל, לעבן אַ בעטל, אַ יונגע, שיינע פרוי. דורכן פייער דערקענט מען נאָך די פּראַכט פונעם יונגן עלאַסטישן קערפּער, די שיינע, סטאַטוע־געשטאַלט. אין אירע ביידע הענט האַלט זי אַ קאָפּ פון אַ מאַן, קוים פאַרסמאַלעט, די האָר זענען פאַרקלעפּט און טונקל, די אויגן אַרויסגערוקט און ווי צוגעפּרעסט מיט די ציין. אָנגעפּילט מיט מורא און ציטערניש בין איך דאָך צוגעגאַנגען נענטער. איך האָב געזען אונטן אויף אירע קני ליגט דער רעשט קערפּער פונעם יונגן מענטש, אָפּגעהאַקט און נישט פאַרקוילט. אים האָט, ווייזט אויס, געטראָפן אַ שפּליטער פון אַ באָמבע. בשעת זי האָט אים געפּרוּווט אויפהייבן פון בעט און ראַטעווען, האָט עס אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. איז דאָס געווען אַ באַקאַנטער, אַ געליבטער, ווייל אין דעם אָפּטייל זענען קיין שווערקראַנקע נישט גע־

וועך. זי איז פונעם שפּליטער בלויז געפאַלן, בשעת אים האָט דער שפּלי־טער אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און זיין קערפּער איז געפאַלן אויף איר. זי האָט זיך נישט גערירט, זי איז נישט אַנטלאָפן, ביז דער טויט פון פייער און בלוט האָט זיי ביידע פאַראייניקט.

אַ שרעקלעכן איינדרוק אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג פון טויטן און טויטע,האָט געמאַכט דווקא אַ קליין צימערל דאָ, לינקס, אַ ביסל ווייַ־טער פונעם צימער פון דער לייטונג. אַ קליין צימערל, וווהין דאָס פייער איז כמעט נישט צוגעקומען, אָדער דערגאַנגען גאָר שפּעט און נישט אין דער שריפה־פאַרעם. ווי אומעטום. דאָ זענען געווען אַכט בעטלעך און אַכט מענטשן. ווייזט אויס, שווערקראַנקע. זיי האָבן געפילט די שריפה, גע־הערט דאָס באָמבאַרדירן, דאָס ציטערן און צעזעצט ווערן פון גאַנצן בנין, געהערט די שרעקלעכע געשרייען פון טויזנטער קראַנקע, געזען ווי ווענט און מויערן פאַלן. האָבן זיי געוואָלט אויך אויפשטיין, אַנטלויפן, ראַטע־ווען זיך, אָבער די שווערע קרענק האָט זיי צוגעשמידט צום בעט. פיר זענען נאָך געלעגן אויף זייערע בעטן, ווייניק פאַרברענט, בלויז אַ ביסעלע צוגערויכערט, פיר כמעט אין גאַנצן נישט אָנגערירט פון פייער, אָבער דער צער פון קאַמף, פון ראַנגלען זיך מאַכטלאָז מיט זיך אַליין, מיט דער קראַנקייט, וואָס האָט זיי נישט געלאָזט זיך רירן, איז קענטיק אויף אַלע פּנימער. עפּעס ווי אַ קאַמף פון צוויי חיות אין איינער, אַ קאַמף מיט אַ שד, מיטן טייוול.

אַט ליגט איינער, כמעט דורכגעשפּאַלטן פון זיך אַליין. ער האָט, אַ פּנים, געוואָלט אַרויסרייסן זיינע קראַנקע אברים און זיי צווינגען צו אַנטלויפן. ער האָט פּשוט געריסן שטיקער פון זיינע אייגענע גלידער. נאָר פון אָרט האָט ער זיך נישט געקאָנט רירן. אַ צווייטער קניט אויף איין קני אין בעט און דער רעשט קערפּער הענגט אַראָפּ איבערן בעט און אויף דער פּאָדלאָגע. דורכן האַלבגעשפּאָלטענעם קאָפּ און דורך די אויגנלעכער איז אַרויסגערונען זיין בלוט און מוח. אַ דריטער ליגט, ווי ער וואָלט געמאַכט גימנאַסטיק, אַ פיגור, די „בריק". דער קאָפּ איז אַריינגעשטעקט אין די שטאַנגען פון בעט און די פיס אין מאַטראַץ. די גאַנצע הויט איז געפּלאַצט פון קאָפּ ביז צו די פיס. דער צער פון גראַנגל מיט זיך, מיט זיין קרענק, איז נאָך איצט צעגאָסן אויף זיין צעריסענעם, געפּלאַצטן קערפּער.

דער פערטער האָט שוין באַוויזן זיך אויפצוזעצן אויפן בעט און האָט,

ווייזט אויס, געוואָלט אויפהייבן זיין פוס און אפשר האָט ער אים שוין אויפגעהויבן און צוריקגעפאַלן, ווייל איין פוס איז עפּעס ווי אָפּגעריסן פון רעשט קערפּער.

די אַנדערע פיר זענען געלעגן אויף זייערע בעטן, אין פאַרשידענע פאַראַליזש־פּאָזיציעס, אויסגעקרומט, אויסגעדרייט, אויסגעריסן, ווי שטיקער וואָלטן זיך געריסן פון אַנדערע טיילן פון זייער גוף. אין די באַוועגונגען, אין פּנימער אַזאַ וויסטער צער, שרעק, פּחד, נקמה, שנאה, פאַרלוירנקייט, פאַרצווייפלונג. זיי האָבן פאַרצווייפלט געשריגן. קיינער, קיינער איז אַהער נישט אַריינגעקומען. קיינער האָט נישט געקאָנט צוקומען, ווייל אַרום און אַרום האָט געברענט. די געזונטע זענען אַוועק אָדער געלאָפן ראַטעווען, לעשן די שריפה. זיי דאָ האָט מען געלאָזט און פאַרלאָזט.

בלויז דער טויט האָט זיי נישט פאַרלאָזט. און פאַרלאָזט האָט זיי אויך נישט דאָס לעצטע געפיל פון אומגלויבן אין מענטש, פון גרענעצלאָזער פאַרצווייפלונג און צווייפל.

אויך מיך האָט עס איצט אַרומגעכאַפּט. פאַרצווייפלונג און צווייפל.
טונקל. שוין טונקל.
מיר זענען אַרויס אויפן הויף.

דאָ איז געווען דער גאָרטן פון שפּיטאָל. דאָ פלעגן זיי זיצן, די קראַנקע, זיך אָפּרוען, כאַפּן פרישע לופט און קומען צו די כוחות אויף צו באַזיגן די קרענק.

אויך דאָ איז דאָס בילד אויפשוידערנדיק, נאָר אַנדערש.

אַהער זענען אַלע געלאָפן פון פייער. אַלע קראַנקע און געזונטע האָבן געצויגן אַהערצו. נאָר די שריפות און די פינצטערניש האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג. די רווּנען און די טויטע האָבן נישט געלאָזט קומען ביז אַהער.

ליגן דאָ דעריבער נאָר אַ פּאָר הונדערט טויטע. די וואָס זענען אַרויס פון אינעווייניק און די באָמבעס פון די יונגע „ווּילע יונגען", די דייטשע פילאָטן, האָבן זיי דאָ דערגרייכט. דאָ איז צוגעקומען נאָך אַ צרה צו די אַלע איבעריקע. לעבן טויטע, צעריסענע מתים ליגן צעטראָטענע, ממש מיט מענטשלעכע פיס צעטראָטענע מענטשן. טייכן בלוט זענען דאָ גערונען. דאָ זענען די קראַנקע, וואָס זענען מיט נסים אַרויסגעלאָפן, געפאַלן אויסגעשעפּט. די דאָקטוירים, באַדינער, יונגע און געזונטע, לויפנדיק אין

טויטשרעק און האַלב־משוגע פאַר פּחד זענען אויף זיי אַרויף און זיי צע־טראָטן, צעריבן. אָט ליגט איינער און דער קאָפּ איז אויפגעהויבן און דער בויך אין גאַנצן צעטרעטן. דאָ קריכט עמעץ און עפּעס אַ שטיוול פון אַ גיבור האָט אים זיין רוקן צעריבן, צעקוועטשט. איינער האָט באַקומען אַזאַ טראַסק אין קאָפּ, אַז ער ליגט געשוואָלן און דער קאָפּ איז גרויס ווי אַ קעסל.

דאָס ליגן מענטשן, ווי אויסגעלייגט, ווי אַ שווערער טראַקטאָר וואָלט זיי מיט אייזערנע וואַלצן צוגעפּרעסט, צוגעדריקט צו דער ערד. צענדלי־קער דאָקטוירים, אַסיסטענטן, פּראָפעסאָרן, מענטשן מיט פּראָיעקטן, פּלע־נער, פאַנטאַזיע און ווילן צום שאַפן און צו געבן דער וועלט פון שענסטן און בעסטן — ליגן דאָ צעטרעטן, צעקוועטשט ווי ווערעם, ווי אומרייב־קייט, צעשפּאָלטענע פון באָמבעס און צוריקגעלאָפענע, וואָס אַנדערע לויפּנ־דיקע האָבן צעטרעטן.

מיר זענען אַרויס אין גאַס. די נאַכט גרייט זיך צו קומען און פאַר־טרייבן דאָס ליכט. אין אַ סך ערטער האָט זי דאָס שוין דערגרייכט.

אַרויסלויפנדיק האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עס איז מיט אונדז גע־שען אַ גרויס נס. אין שפּיטאָל זענען נאָך געלעגן נישט קיין אויפגעררי־סענע באָמבעס. מיר האָבן געהאַט גרויס מזל.

***

פרייטיק, דעם 19טן אָקטאָבער. היינט האָב איך דערקענט מיין פאָלק און זיינע פירער פון אַ זייט, פון וועלכער איך האָב זיי ביז איצט נישט געקענט און אפשר נישט געוואָלט דערקענען.

איך האָב שוין, אמת, איבערגעלעבט איין וועלט־מלחמה, צווישן יידן, אין אַ יידיש שטעטל. דעמאָלט אָבער האָב איך נאָר אַריינגעכאַפּט פיזישע קלעפּ און מאַטעריעלע שאָדנס. דעם רעשט, דעם אמתן קלאַפּ, די מאָראַ־לישע זייט פון דער מלחמה מיט אירע ווייען און שטעכענישן, האָבן אויף זיך גענומען מיינע עלטערן.

איצט, אין דער איצטיקער מלחמה, איז מיר באַשערט נישט נאָר צו ליידן צרות, נויט, אומריינקייט, שמוץ, שריפות, באָמבאַרדירונגען, טויט און חורבן, מיר איז אויך באַשערט צו דערקענען און צו פילן אויף זיך,

אויף מיין לייב און אין מיין וועזן, די צרות, די אומריינקייט, די ירידה, פון אונדז אלע, פון פאלק פון פעלקער, פון פירער, וואס לגבי זיי ווערן בלאס אלע גרויסע ליכטזייטן פון דער מלחמה־פסיכיק.

היינט זענען דאס געווען מיינע פירער און מיין פאלק, וואס איך האב געטראפן ביי דער האנט, געכאפט ביי דער האנט, בשעת זיי גייען אלע מאל נאר קאנסעקווענט אראפ, בארג־אראפ מיט דער מאראל, מיט מענטש־לעכקייט, מיט זין פאר געזעלשאפט.

די קורצע מלחמה האט שוין טיף, גאר טיף זיך איינגעשניטן אין אונדז, אין אונדזער פירונג און לעבן.

ביי מיר אין שטוב האט זיך אנגעהויבן אויסלאזן דער פראוויאנט, „דער פאדעם", ווי מיר רופן אים דא. קיין קאפיטאל, קיין פליסיקס, האב איך מיר נישט אנגעגרייט. דאס ביסל, וואס מיר האבן געהאט, איז גע־ווען אויף רייזעס און וואגלעניש, איצט זענען מיר געבליבן נקי.

פארמעגלעך, נאר אן א גראשן געלט. דעם פראוויאנט, די קארטאפל מיטן ביסל מעל און אייל, האבן מיר שוין כמעט פארטיק געמאכט, און וואס ווייטער?

ד״ר אלטער האט מיר געראטן זיך צו טרעפן מיט די „אנפירער" פון דער ייִדיש־אמעריקאנער הילף־אינסטיטוציע „דזשאינט" און באקומען א שטעל, א פאסטן. אבער נאך דער נעכטיקער לעקציע פון כאפן צו דער ארבעט וויל ער מער נישט מיטגיין מיט מיר, אפילו נישט ארויסגיין אין גאס.

גיי איך אליין.

אויפן גאס איז א ביסל שטילער. די כאפערס האבן גאר פרי אפגע־כאפט זייער „פארציע", מע קאן אדורכגיין די גאס, אויף זיכער.

ייִדן האבן שוין באוויזן אפילו צו שאפן וויצן פון דער כאפעריי און קוויקן זיך מיט זיי, ווי מיט עפעס רעכטס. יא, דער װארטוויץ בלייבט פאר א פאלק, ווי מיר, וואס האט נישט קיין מאטעריעלע באזע אונטער די פיס, פונקט ווי אן אנלען, ווי עפעס א מאטעריעלער שטיצפונקט.

דערציילט מיר מרדכי אונגער, דער געוועזענער קולטור־רעפערענט פון דער צענטראלע פון דער ציוניסטישער ייִדנשטאט־פארטיי, אן וועמענס שפיץ איך בין געשטאנען, אזא חכמה: א דייטש יאגט זיך נאך א ייִד און דער ייִד אנטלויפט. סוף־סוף כאפט אים דער דייטש און זאגט אים: —

„נאָך וואָס ביסטו אַנטלאָפן? איך וויל דיר נישט טון קיין שלעכטס. איך וויל דיך בלויז נעמען צו דער אַרבעט״. — „אַט, אַט, טאַקע דערפאַר האָב איך דאָך מורא״ — ענטפערט דער ייִד. — „נאַר, וואָס האָסטו מורא — זאָגט אים דער דייטש — „דו ווייסט נישט, אַז אַרבעט מאַכט זיס דאָס לעבן?״ — „איך ווייס — ענטפערט דער ייִד — אָבער איך בין נישט קיין נאַשער. איך האָב נישט ליב קיין זיס״.

די ביוראָ פון דזשאָינט געפינט זיך אויף יאַסנע־גאַס, אָבער דאָ, ראָג לעשנע און טלאָמאַצקע, זיצן די אַנפירער.

מיר קומען אָן אַהין. מע קאָן נישט אַריינגיין. ס'שטייען צענדליקער, אפשר הונדערטער מענטשן, זעלטן ווען קען איך פון זיי. איינער פון אונדז צוויי האָט זיך אין גאַנצן געענדערט, אָדער זיי, די וואָס שטייען דאָ, אָדער איך, וואָס בין צוגעקומען. מיר קוקן זיך אָן אַזוי פרעמד, אַזוי נישט היימיש, אַזוי אַנדערש.

איך וויל אַריינגיין, גיין ווייטער, נאָר מע לאָזט נישט.

— שטופט אייך נישט. אַלע וואַרטן. אַלע זענען הונגעריק.

איך שיק אַריין דורך אונגערן מודיע זיין, אַז איך וואַרט אין דרויסן. עפּעס אַ קלייניקייט: איך אין וואַרשע, פּרעזידענט פון ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטיש־ייִדנשטאָטלערישן צענטראַל־קאָמיטעט, רעדאַקטאָר פון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן, וויצעפּרעזידענט פון העברעיִשן ליטעראַטן־פאַראיין, איבערזעצער און ראַטגעבער פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע, גענעראַל־קאָנסולאַט, אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון טאָגצייטונגען אין ייִדישער און פּוילישער שפּראַך, מיטאַרבעטער אין אַ ריי צייטונגען און זשורנאַלן, שריפטשטעלער אין העברעיִש, ייִדיש און פּויליש, שעפער פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען, פּרעזידענט פון ייִדישן ל.אָ.פּ.פּ., ציוניסטישער מנהיג — אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ פּאַרנעם, אַ רעדנער, אַ שרייבער, אַן אויפטוער, ב ע ל ב ע מ י ו. אַלע גרויסע און וויכטיקע מענטשן און פירער פון וואַרשע זענען מיינע גוטע באַקאַנטע, אינטימע פריינד. דערצו אַ ייִד נישט קיין אָרעמאַן, מיט אַ גרויס הויז, מיט ברייטן זשעסט, מיט אויפנעמען געסט און אַ פירונג פון גדולים און וואַזשנע לייט.

האָב איך דאָס אַריינגעשיקט אונגערן און וואַרט אויף אַ תשובה.

דויערט נישט לאַנג און ס'פּליט אַרויס אונגער קוים אַ לעבעדיקער. מ'האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט פון האַרציקע קלעפּ מיט וועלכע דער

עולם האָט אים געוואָלט מכבד זיין, בשעת ער האָט זיך געשטופּט, האַלטנ־דיק מיין וויזיטקאַרט פאַר אַ קמיע, פאַר אַ סגולה.

— נישטאָ קיין מיוחסים. אַלע גלייך! — האָט מען געשריגן.

איך קוק און זע, כ׳האָב אָן דערקענען. יאָ, דאָס זענען באמת מיוחסים, וואַרשעווער גבירים, אינטעלעקטואַלן, סוחרים, אינדוסטריעלער, וואָס זע־נען בשעתן באָמבאַרדירן אָפּגעבערענט געוואָרן, קוים אַרויס מיטן לעבן. זיי שטייען עס טאַקע דאָ און וואַרטן אויף שטיצע.

אונטערגעקומען איז מיר דער רעדאַקטאָר יעקב־יצחק פּראָפּוס, פון „מאָמענט״ און אַזוי ווי דער וועכטער ביים טויער איז געווען אַמאָל אַ געהילף אין „מאָמענט״, האָט מען אונדז ביידע אַריינגעלאָזט. עולם האָט געוואָלט ווייטער שרייען. אָבער די שטים פון וועכטער, וואָס היט דעם אַריינגאַנג צום שליסל פון פּרנסה, פון ברויט, איז געווען גענוג מעכטיק, אַז מע זאָל אונדז אָפּטרעטן דעם פּלאַץ „מיט פּראָטעסט״.

אַלע קאָרידאָרן און וואָרטצימערן אינעווייניק זענען פול מיט מענטשן — וואַרטערס אויף פּאָסטנס, אויף אַרבעט.

איך טרעף דאָ באַקאַנטע, פריינד, רעדאַקטאָרן, עסקנים, פון אַלע קאַ־טעגאָריעס. מע דערציילט מיר, אַז אונטן טיילט מען שטיצע, פּשוטע הילף. דאָ, אויבן, וואַרט מען אויף אַרבעט, אויף אַ פּאָסטן.

אויף אַ געהיימען אופן איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז דער „דזשאָינט״ האָט נישט אויסגעגעבן זיין גאַנץ געלט פאַר דער מלחמה. ס׳איז אים געבליבן אַ שפּאָר ביסל. אין געוויסע מאַגאַזינען איז אויך נאָך געווען עפּעס פּראָדוקטן און קליידונג. די, וואָס זענען געווען נאָענט צום דזשאָינט און די ערשטע וואָס האָבן עס אַנטדעקט, האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויבן־אָן און גענומען פירן און אָנפירן אַ הילפאַרבעט פאַר די שווערגעליטענע און שווערגעטראָפענע וואַרשעווער ייִדן.

באַלד האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציפישער אופן פון דענקען און רעדן. „די דאָ״ און „די דאָרטן״. די, וואָס זיצן און וואַרטן האָבן שוין געוווּסט צו דערציילן וועגן אַ ריי גאָר נישט קיין פּאָזיטיווע מעשים פון די וואָס זיצן אין די ביוראָען אינעווייניק. און די, וואָס זיצן אין די ביוראָען האָבן שוין געקוקט אויף די וואַרטנדיקע, ווי אויף קלענערע, מינדערווערטיקע, פון אַ נידעריקערער קאַטעגאָריע.

אין צווישן זע איך לויפן פון צימער צו צימער דאָקטוירים, עסקנים,

רעדאַקטאָרן. לויפן אַרויס, לויפן אַריין אין וואָרטצימער, רעדן מיט איי־נעם אויפן אויער, רופן אים אַריין, לויפן צו אַנדערע, באַגריסן זיך מיט אַלטע באַקאַנטע מיט די שפּיצפינגער ווי אַמאָליקע רבי׳ס ביים געבן די האַנט אַ חסיד, צו אַנדערע ענטפערן זיי קוים מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, נישט האָבנדיק קיין צייט אַפילו צוצוגיין צו זיי נענטער. שטעלסטו זיי אָפּ און ווילסט מיט זיי רעדן, בעטן זיי דיך איבער, לויפן ווייטער און שוין ביי דער טיר פון זייער ביוראָ־צימער דרייט ער זיך אויס און ענטפערט דיר: — „אין אַ פּאָר טעג אַרום... איך וועל זיך נאָר אַ ביסל באַפרייען פון דער אַרבעט, וואָס איך מוז אָרגאַניזירן...״

מיטן דאָזיקן איבערגעטריבענעם יידישן אינדיווידואַליזם און האַלטן־פון־זיך האָט יעדער איינער געענטפערט כמעט דאָס זעלבע, ווי ער וועט נאָר פריי ווערן, ווייל ער מוז אָרגאַניזירן די אַרבעט...

כאָטש אין שטוב איז ביי מיר געווען נישט איבעריק פריילעך און כ׳האָב שוין אין דער פרי געזען, ווי מיין פרוי האָט בלויז פאַר אונדזער מיידעלע געמאַכט אַ פולן פרישטיק און דער רעשט איז שוין געווען אַ ביסל אָפּגעגנאַרט, האָב איך זיך אין מיטן געגעבן אַ הייב אויף און בין אַרויס־געגאַנגען. פשוט אַוועקגעגאַנגען.

הייסט עס, אַז דעם שונא איז שוין געלונגען אונדז צו דעגראַדירן, צוצונעמען ביי אונדז דאָס וואָס מיר האָבן תמיד אַזוי באַזעסן און אויף וועלכן מיר זענען געווען שטאָלץ — יידישע סאָלידאַריטעט, פאַרשטענ־דעניש איינער צום אַנדערן, „ערבים זה לזה״ און דעם יידישן כבוד צו זיך אַליין, אַכטונג צו זיין פּערזאָן אין וועלכן מצב ער זאָל נישט זיין.

אין דער היים האָב איך געהאַט איצט אַן אַנגענעמע טרעפונג.

וואַנדע האָט באַוויזן צו ברענגען ישראלין אַהיים. זי איז צוגעגאַנ־גען צו דעם אָרט, ווו זיי האָבן נעכטן געאַרבעט און דאָרט האָט מען איר געזאָגט, אַז מ׳האָט אַ גרופּע אַוועקגעפירט אַרבעטן אויף באַווי־שוויאַט. און טאַקע דאָרט, נאָך איידער מ׳האָט זיי אָרגאַניזירט און צעשטעלט אויף די חורבות, האָט זי אים אַ ציִ געטון אין אַ זייט און נישט־באַמערקטער־הייט מיט אים אַוועק.

ישראלי איז געווען טויטבלאַס, נאָך מער ווי תמיד, כאָטש בלאַסקייט איז געווען זיין לעבנס־קאָליר און טויטקייט איז געווען דער אויסדרוק פון זיין עקזיסטענץ.

ער האָט אונדז דערציילט פון זיינע אַרבעטטעג. מ׳האָט זיי אַריינגע־בראַכט, אַ דרייסיק ייִדן, אין אַ הויז אויף עלעקטאָראַלנע. דאָס הויז פון דריי הייף, אַ לאַנגס, אַ גרויס, איז כמעט אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן. שטיקער ווענט זענען געשטאַנען, זיך געהאַלטן כמעט אין דער לופטן מיט אַראָפּהענגענדיקע סופיטן, באַלקאָנען, מויערן, פון די לעכער און קעלערן איז אַרויס אַ שרעקלעכער געשטאַנק פון גאַז געמישט מיט טויטע, וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן באַגראָבן אונטער די חורבות. פון צייט צו צייט רייסט זיך אַרויס עפּעס אַ פלאַם פון אַ טליִענדיקן געמיש פון האָלץ, קליי־דער, נאַפט, בענזין, קוילן. יעדער טריט, וואָס דו מאַכסט, איז אַ סכנה, זאָלסט נישט אַריין אין עפּעס אַ לאָך און צעשמעטערט ווערן, אָדער עפּעס אַ שטיין, אַ מויער, אַ בלאָק, אַן אייזן, שטיקער ציגל — זאָלן אַראָפּ אויף דיר, צעפּלעטן דעם קאָפּ און צעשפּאַלטן דיינע אברים.

די דייטשן שטייען פון דער ווייטנס, האַלטן זיך צו די נעז פונעם שלעכטן גערוך, שרייען ווי ווילדע, און מיט לאַנגע בייטשן טרייבן זיי און יאָגן די ייִדן צו דער אַרבעט. זיי יאָגן און שלאָגן מכות־רצח, אַז בלוט רינט פון אַלע.

די ייִדן — אָן כלים, אָן אַנטשפּרעכנדיקע אינסטרומענטן — הייבן אָן מיט די הענט צו הייבן, צו נעמען, צו רירן, צו טראָגן די שטיינער, די ציגל, די בערג צעמענט און אייזן.

אַזוי שטייען אַ דרייסיק ייִדן, מיט בערד און אָן בערד, אין קאַפּאָ־טעס און חסידישע היטעלעך, און לעבן זיי ראַזירטע, דייטש־אַנגעטוענע, אַלטע און יונגע, שוואַכע און שטאַרקע, און אַלע טראָגן זיי די שטיינער אויף איין אָרט, די ציגל אויף אַ צווייט אָרט, אייזן אויף אַ דריט אָרט. די דייטשן האָבן ליב אָרדענונג. מיט יענעמס הענט מאַכן זיי עס גענוי, מיט אַלע פּיטשעווקעס. ווען אַ ייִד פאַרטראַגט אַ שטיק געמישעכץ פון ציגל, צעמענט, אייזנס אויף אַן אָרט, וואָס עס געפעלט נישט דעם דייטש, כאַפּט ער אַריין, דער אומגליקלעכער ייִד, אַ שמיץ איבערן קאָפּ מיט אַ בייטש אָדער אַ קלאַפּ מיט דער קאָלבע פון דער ביקס, אַז ס׳רינט באַלד דאָס בלוט פון אים און פאַרקלעפּט דעם געמויזעכץ צוזאַמען מיטן טרעגער.

שטייען אַזוי די ייִדן און אַרבעטן אין טויטשרעק. יעדער גליטש־אויס באַטייט טויט, אומגליק. ער קאָן אין איין מינוט ווערן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן — אָן אומגליק פאַר זיך און פאַר דער משפּחה. ביי יעדן ריר

וואַרפט זיך דאָס האַרץ: ביים אויפהייבן אַ שטיין קאָן זיך צעטרייסלען אַ גאַנצער הויפן, קאָן איינפאַלן אַ וואַנט, אַ שטיק מויער קאָן אַראָפּ און באַגראָבן אַלע אַרום לעבעדיקערהייט. די באָמבעס און דאָס פייער האָבן איינגעלייגט האַלבע ווענט, איבערלאָזנדיק אַנדערע חלקים שטיין. ווי אַזוי רירט מען די שטיינגעבליבענע און מע ווערט נישט פאַרשיט? יעדער ריר — אַ זיפץ, אַ קרעכץ. מע מוחט זיך און מ׳אַרבעט אין טויטשרעק. דער מוח און דאָס האַרץ שוויצן און די הענט ציטערן. ביי יעדער צעבראָ־כענער טרעפּ, וואָס מע קריכט אַראָפּ, קאָנסטו אָנטרעפן עפּעס אַ גרוב, אַ קבר און אפשר טרעטסטו גאָר מיט דיינע פיס אויף טויטע, אויף דער־הרגעטע.

דעם צווייטן טאָג זענען כמעט אַלע ווידער געקומען צו דער אַרבעט, ווייל מ׳האָט זיי פאַרשריבן אויף אַ ליסטע און אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי קומען נישט, וועט מען זיי שיסן. זיי און זייערע משפחות.

זיי האָבן שוין געקריגן טאַטשקעס און זיך איינגעשפּאַנט ווי פערד. אין יעדער טאַטשקע אַ ייִד. די ייִדן האָבן געשלעפּט צעמענט, שטיינער, אייזן און אַלץ פון אַ צעזעצט הויז. ס׳בלייבט מעבל און צעריסענע, פאַר־ברענטע, צעלאָמעטע רעשטלעך פון ווירטשאַפט, פון באַלעבאַטישקייט. נאָך זיי זענען נאָכגעלאָפן די דייטשן ווי מע לויפט נאָך פוילע פערד. זיי האָבן געלאַכט שיער נישט צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער און געשלאָגן מיט די בייטשן איבער קעפּ און פלייצעס.

אין עק פון דריטן הויף איז געבליבן, עפּעס ווי דורך אַ נאַטור־וווּנדער, אַ וואַנט פון קנאַפּע פיר שטאָק די הייך. אַלץ אַרום איז פאַרברענט, סו־פיטן, פאָדלאָגעס, אַלע דערבייאיקע ווענט ליגן אין שוט, אין חורבות, נאָר זי אַליין שטייט. יעדער איינער האָט געציטערט ווען מע פלעגט דאַרפן צוקומען נאָענט צו איר, מ׳האָט געוווּסט: איין ריר, איין ריס און זי וועט פאַלן מיט דער גאַנצער הייך און וועט שפּאַלטן קעפּ, באַגראָבן אונטער זיך מענטשלעכע לעבנס.

פאַרגלוסט זיך דעם דייטשן אָנפירער און ער הייסט אַ פּאָר ייִדן אַרויפקריכן אין דער הייך און פון דאָרט אַראָפּוואַרפן די ציגל מיט די בלאָקן. די וואָס שטייען אונטן זאָלן זיי כאַפּן און צונויפלייגן. ווען קיינער האָט זיך דערצו נישט גערירט, האָבן אָנגעהויבן פאַלן אויף זייערע קעפּ

בייטשן און קאָלבעס, אַז בלוט האָט גערינען פון אַלע מיילער, קעפּ, נעז און אויערן, ווי פון אַ טוש.

דער דייטש אַליין האָט אַרויסגעשטופּט פיר ייִדן, האַקנדיק אין די פּלייצעס און שטויסנדיק האָט ער זיי געיאָגט אַרויפצוקריכן אויבן. ייִדן, וואָס זענען נאָך קיינמאָל אויף קיין בערג נישט געגאַנגען און אַן אויס־פלוג איז ביי זיי געוועזן אַ נישט־ייִדישע זאַך, טריף ווי חזיר, — האָבן גענומען קריכן. ביי יעדן שריט האָט זיך גענומען שיטן שוטער, צעמענט, אַ בלאָק ציגל, אַ שטיק אייזן און שוין האָט ער געוואָלט צוריקגיין, דער דייטש האָט נישט געקאָנט צוימען די צעיושעטקייט זיינע און מיט דער בייטש האָט ער געטריבן די ייִדן אַלץ העכער.

ווייזט אויס, אַז די וואַנט, די קאַלטע וואַנט האָט מער רחמנות גע־האַט אויף די אומגליקלעכע ייִדן, ווי דאָס מערדערלעכע דייטשע האַרץ. די פיר זענען אַרויף איידער די וואַנט איז איינגעפאַלן. ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן, ווי אויבן שטייען די פיר ייִדן אָן אַן אָנלען, אויף אַ וואַנט וואָס האַלט זיך יעדע מינוט ביים צעשיטן. דאָס האַרץ זייערס ציטערט מער ווי די צעשאָקלטע מויער. זייער גאַנץ וועזן איז איין אַלאַרעם־גלאָק נאָך הילף. די אויגן — רעפלעקטאָרן פון פחד און טויטבילדער — פול מיט שנאה און כעס צו דער חיה מיט דער בייטש. זיי שטייען און נעמען שטיין נאָך שטיין, ציגל נאָך ציגל און וואַרפן אַרונטער. אונטן שטייען די איבעריקע און פלאַטערן נישט ווייניקער, ווי די אויבן. זיי האָבן געוואָלט אַוועקלויפן אָן אַ זייט און שפּעטער, ווען עס וועט זיך אָנזאַמלען אַ סך, וועלן זיי עס אויפקלייבן. אָבער די לאַנגע דייטשע בייטשן האָבן דערצו נישט צוגעלאָזט. האָבן זיי געמוזט שטיין אונטן, כאַפּן די שטיינער און ציגל און זיי אַוועקלייגן.

שטייען די פיר אויבן, ציטערן פאַר זייער לעבן, די וואַנט זאָל נישט איינפאַלן און מוזן אַכטונג געבן, די שטיינער און ציגל, וואָס זיי וואַרפן, זאָלן נישט פאַלן אויף די קעפּ פון זייערע ייִדישע ברידער, באַקאַנטע, קרובים. פּונקט איז צווישן דער גרופּע אויבן געווען אויך אַ סטודענט, אַ זון פון איינעם פון דער גרופּע אונטן און ער האָט געביטערט אין טויט־שרעק, אַז דער שטיין זאָל נישט פאַלן אויפן קאָפּ פון זיין אַלטן טאַטן, וואָס האָט אונטן באַדאַרפט אויפכאַפּן די ציגל.

אין דער זעלבער צייט האָט דער טאַטע געקוקט מיט ציטערניש

אַרויף צום זון מיט אַ רחמנות־בליק, ווי ער וואָלט אים געבעטן: „זונעניו, גיב אַכטונג, זאָלסט זיך, חלילה, נישט אויסגליטשן. קאָנטט זיך נאָך געבן אַ שלעכטן דריי און ס׳זאָל דיר עפּעס געשען. קוק נישט אוין מיר, אויף מיין קאָפּ, קוק אויף דיינע טריט און באַוועגונגען״. אַזוי זענען געשטאַנען טאַטע און זון אין אַ שטומען שמועס, אַן ווערטער, אַן איין טאָן, נאָר הערצער האָבן גערעדט און אויגן האָבן געשפּריצט מיט פונקען.

נאָכמיטאָג האָט געטראָפן דאָס ערשטע אומגליק. בשעת די פיר זענען אַראָפּגעקראָכן פון אויבן, האָט זיך פאַרטשעפּעט דער פוס פון איינעם אין די פיס פון דעם, וואָס איז געגאַנגען פאַר אים. דער ערשטער איז אַרונטערגעפאַלן און צעשמעטערט געוואָרן, געבליבן ליגן מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן און צעריסענע גלידער. דער צווייטער איז אַרויפגעפאַלן אויף אים און איז אָפּגעקומען מיט לייכטע ווונדן.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ יללה, אָבער קלעפּ האָבן באַלד אַלץ צוריק באַרויקט. ישראלי האָט געמוזט אויסגראָבן אויפן אָרט אַ גרוב פאַרן אַלטן. מ׳האָט אים גערופן דער שוחט פון דער ראַדזימינסקי־גאַס, פון פראַגע. ווען ער האָט זיך אָפּגעגעזעגנט מיט אַ וואָרט, האָבן אים צוויי קאָלבעס אין דער פּלייצע און איין בייטש אין קאָפּ אַריין באַלד אויסגעלערנט, אַז דאָ געהערן די יידן דעם טויט. דאָ האָבן זיי נישט קיין רעכט אויף לעבן.

שפּעטער אַ ביסל איז נאָך פאָרגעקומען אַ שטילער געראַנגל צווישן טאַטן און זון. ווען די פרישע פיר, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך ווייטער געפינען דער זון, האָבן באַדאַרפט צוריק אַרויפקריכן אין דער הייך אויף דער וואַנט, האָט דער פאָטער געוואָלט אַרויפקריכן אָנשטאָט דעם זון. ער איז שוין געווען לעבן דער וואַנט. אָבער דער זון האָט אַוועקגעשטופּט דעם טאַטן און איז פלינק אַרויף אויף דער מויער. אויב דער גורל האָט שוין באַשטימט, אַז זייער משפחה זאָל פאַרקלענערט ווערן מיט איינעם, זאָל עס זיין ער, דער זון, אַ קרבן פון דעם, וואָס אַ יידישער טאַטע האָט אים געהאַט; אַ קרבן פון דעם, וואָס אַ משוגענער וויל ביי אים צונעמען זיין יונג לעבן און די גרויסע, שיינע וועלט גיט דעם משוגענעם וואָפן און קראַפט אויסצופירן זיין שגעון אויף יידן!

ישראלי האָט מורא געהאַט צו גיין צו זיך אַהיים, טאָמער קומט מען אים זוכן. האָבן מיר צובאַקומען נאָך אַ גאַסט צו אונדזער שוין באַלד אָרעמען טיש.

מיר האָבן אים אַ ביסל אַרומגעוואַשן, פאַרבאַנדאַזשירט, געלייגט פלאַסטערס אויפן קאָפּ, אויסגעגלייכט די פלייצע און געפּראָוועט אַלע ביינאַנד דעם ערשטן שבת פון צוריקקומען קיין וואַרשע.

מיין מיטאַרבעטערין, וואָס האָט שוין אין צווישן באַוויזן אַרויסצו־פּטרן אַלע אירע קרובים פון אונדזער דירה, פּונקט ווי ס׳איז איר פריער געלינגען אַלע אַריינצוברענגען, איז אויך געקומען צו דער סעודה.

מיר האָבן גענומען קלערן וועגן זאַמלען מאַטעריאַל פאַר די וויטער־דיקע בענדער פון לעקסיקאָן: אויך האָבן מיר באַשלאָסן צו זאַמלען מלחמה־מאַטעריאַל, אויטענטיש און דאָקומענטאַריש, מיר זאָלן דערנאָך איבער־געבן דער וועלט, וועגן אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר, און וועגן אונדז אַליין, וואָס ס׳געשעט מיט אונדז.

מיר האָבן געוווּסט און פאַרשטאַנען, אַז די וועלט וועט אונדז נישט וועלן גלייבן. מיר אַליין וואָלטן עס נישט געגלייבט, ווען מיר זעען עס נישט און לעבן עס נישט איבער. מיר האָבן אַלע שוין איבערגעלעבט מל־חמות און וויסן, אַז מלחמה הייסט מענטשלעכע רויקייט, גראָבקייט, חיהשקייט, סאַדיזם. אָבער רציחות פון קראַנקע, און גוססדיקע, ווי אין שפּיטאָל; פון קינדער, אַלטע און ציווילע, ווי דאָ און אין אַלע שטעט אַרום, דאָס גייט שוין אַרויס פון יעדער ראַם און מאָס. דאָס גלייכט זיך נאָר צו די מאָנגאָלן, טאָטערן און הונען.

מיר האָבן באַשלאָסן אויסצוגעפינען דעם ד״ר הירש, ער זאָל ווייטער פירן דעם סעקרעטאַריאַט, ביז צו דער צייט וועט אונדז מרדכי אונגער, דער געוועזענער קולטור־רעפערענט פירן די נאָטיצן און פאַרצייכענונגען.

צומאָרגנס, זונטיק דעם 22סטן אָקטאָבער, האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז די זעקלעך פּראָוויאַנט, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון די שטעטלעך, זענען אויסגעליידיקטע. דער מאַנגל פון מאַטעריעלע מיטלען האָט מיך געצוווּנגען צו פּרוּוון אויף ס׳ניי מיין מזל ביי דער איינציקער עקזיסטירנדיקער יידישער אינסטיטוציע — ביים „דזשאָינט״.

דער טויער־היטער האָט מיר באַוויזן זיין חסד, אַזוי ווי ער האָט מיך געזען אייערנעכטן מיט פּראָפּוסן, האָט ער מיך איצט גלייך אַריינגע־לאָזט אינעווייניק.

איך טרעף די אייערנעכטיקע באַקאַנטע, זיי זיצן שוין דאָ און וואַרטן פון באַגינען. די דירעקטאָרן, די אָנפירערס, די פאַרזאָרגערס זענען זייער

באַשעפּטיקט פון גאַנץ פרי אָן. ס'איז היינט שווער מיט זיי צו רעדן. זיי גרייטן זיך צו אַ וויכטיקער זיצונג. ווען מע קאָן מיט זיי כאַפּן אַ שמועס נאָך פאַר דער זיצונג איז מען אַ געהאָלפענער. די זיצונג וועט, צווישן אַנדערע ענינים, אויך באַהאַנדלען דעם ענין פון אויפנעמען נייע באַאַמטע.

איך זיץ און קנייפּ זיך מיט מיינע גייסטיקע הענט מיינע גייסטיקע באַקן. „הזאת נעמי?״, אַט דאָס בין טאַקע איך? זיץ און וואַרט עמעץ זאָל מיט מיר וועלן רעדן, כדי מיך צו דערמאָנען צום גוטן בשעת אַ זיצונג? מיך? איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַלט אוקראַיִניש ווערטל: „נאַ שטשאַ מי פּערעשלי, שטשאָב זשידי נאַס שטורכאַלי״, צו וואָס האָבן מיר דער־לעבט, אַז ייִדן זאָלן זיך מיט אונדז וואַרפן.

מזל. אַ נייער מלחמה־באַגריף. דו ווערסט אויס פאַקטאָר, דו קאָנסט נישט מער באַשטימען דיין לעבן, דיין וועג, דיינע טאַטן. מע באַשטימט פאַר דיר, אָן דיר, קעגן דיר אָדער איבער דיר. אפשר קאָן אַ מענטש אין פרידלעכע צייטן זיך זאָגן: „ניהיל דע נאָביס סינע נאָביס״, קיינער טאָר נישט באַשליסן, דעצידירן אָדער באַשטימען פאַר מיר אָן מיר, אָן מיין וויסן און אָן מיין ווילן. אָבער בשעת מלחמה, ווייזט אויס, הערסטו אויף צו זיין אַ באַשטימענדיקער כוח, דו הערסט אויף צו באַשטימען וועגן זיך אַליין.

איך פּרוּוו מיין מזל, איך גיי אַריין אין צימער פון בינע־אַקטיאָר און רעזשיסער יאַנאַס טורקאָוו. אים איז עס, ווי איך הער, געלינגען אַרייַנ־צוקומען אין דער לייטונג פון „דזשאָינט״. ער פאַרנעמט אַן אָנזעעוודיקן אַמט.

מיט טורקאָוון בינדט מיך אַ באַקאַנטשאַפט, מע קאָן זאָגן אַן אינ־טימע. בשעת ס'איז דערשינען אין פּויליש מיין צווייבענדיקער ראָמאַן „רויטע נשמות״, איז צו מיר געקומען יאַנאַס טורקאָוו און מיר פאָרגע־שלאָגן צו באַאַרבעטן דאָס בוך פאַר דער בינע. ער וועט עס רעזשיסירן און אויפפירן אויף דער סצענע. מיר האָבן דאָס בוך איבערגעגעבן וואַקס־מאַנען פון לובלין צו דראַמאַטיזירן און נאָר צוליב אַ קליינער מיינונג־פאַרשידנקייט האָט ער די דראַמע נישט אויפגעפירט. ביי מיר ענדיקט דער העלד פון ראָמאַן מיט טעראָריזם ווי אַ וועלט־אָנשויונג, וואָס איז די איינציקע, וואָס קאָן זיך אַקעגנשטעלן דעם קאָמוניזם. טורקאָוו האָט

פאַרלאַנגט ענדערונגען, אויף וועלכע איך האָב נישט מסכים געווען און אין צווישן איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

טורקאָוו האָט מיך אויפגענומען וואַרעם, אַפילו האַרציק. אַ געוויסע איינגעבוירענע אַריסטאָקראַטיע און פיינקייט פון באַנעמען זיך מיט מענטשן, וואָס איך האָב ביי אים תמיד באַמערקט, איז ביי אים געבליבן אויך איצט. די מלחמה האָט נאָך נישט באַוויזן איבערצודרייען דעם ציפּער־בלאַט פון זיין כאַראַקטער אויף צוריקוועגס.

ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז לויט זיינע ידיעות איז שוין כמעט אַלץ באַזעצט. אין די דריי וואָכן, וואָס איך בין דאָ נישט געווען, האָט מען שוין אַזוי־צו־זאָגן אַלץ פאַרכאַפּט. ער וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז גראָד האָבן באַזעצט די פּאָסטנס די ריכטיקע מענטשן מיט די ריכטיקע קוואַליפיקאַציעס, אָבער אַ פאַקט איז, אַז די שטעלעס זענען שוין באַזעצט. טורקאָוו האָט מיר אַפילו צוגעגעבן, אַז אַ מענטש מיט מיינע אָרגאַניזאַ־טאָרישע פעיִקייטן און אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג וואָלט זייער צוניץ געקומען, נאָר דאָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון זיינע מעגלעכקייטן. ער האָט מיר געראָטן זיך פאַרשטענדיקן מיט ד״ר רינגעלבלום, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס דער הויפּטלייטער פונעם גאַנצן „דזשאָינט״־בנין.

ער האָט אויף זיך גענומען צו דערליידיקן באַלד דעם ענין איך זאָל זיך קאָנען טרעפן מיט ד״ר רינגעלבלום, כאָטש זיי זענען אַלע באַשעפטיקט צוליב וויכטיקע ענינים און באַראַטונגען.

ד״ר עמנואל רינגעלבלום. ווען אַ מענטש זאָל קאָנען וויסן, מיט וועמען ער וועט זיך דאַרפן אין לעבן טרעפן, אין פאַרשידענע פעריאָדן פון זיין לעבן, וואָלט ער אפשר געהאַנדלט פאַרקערט, ווי ער האַנדלט, ווי ער פירט זיך. מיט צענדליקער און הונדערטער מענטשן, מיט וועלכע איך וועל זיך באַשטימט אין לעבן מער נישט באַגעגענען, האָב איך זיך גע־פירט מיט אַ פיעטעט, סענטימענט, פריינטשאַפט, אינטימקייט, האַרצי־קייט, חברישקייט, און דווקא מיט אַ ריי אַנדערע מענטשן האָב איך זיך געפירט מיט רעזערוו, צוריקגעצויגנקייט, אָנגעצויגנקייט. איך האָב זיך נישט באַמיט זיי צוציִען, צו פלעגן מיט זיי פריינטשאַפט, צו שאַפן צווישן אונדז אַ מער האַרציק געפיל. און ווי אויף צו להכעיס, טרעף איך זיך דווקא מיט אָט די מענטשן.

ד״ר רינגעלבלום, מיין בן־עיר, האָט מיר דווקא אימפּאָנירט מיט זיין

אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו דער געשיכטע, צו דער געשיכטע־פאָרשונג און זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון פאָרשן די געשיכטע פון די פוילישע ייִדן, פון וואַרשע, האָבן אַרויסגערופן רעספּעקט ביי אַלע און אויך ביי מיר.

ווען איך האָב אַרויסגעגעבן מיין געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן, האָב איך זיך צו אים געווענדט, ער זאָל אָנשרייבן פאַר מיר אַן אָריגינעלע היסטאָרישע אַרבעט וועגן די וואַרשעווער ייִדן. ער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט, אָבער אויך נישט געאיילט זיך מיט אָנשרייבן די אַרבעט. אין צווישן האָב איך באַקומען פאַרן לעקסיקאָן היסטאָרישע אַרבעטן פון ד״ר יצחק שיפּער, פון ד״ר נ. מ. געלבער, פון פּראָפ. באַלאַבאַן, פון מתתיהו מיזעס, און שוין געהאַלטן ביים רעזיגנירן פון ד״ר רינגעלבלומס אַרבעט. איך האָב אויך געוווסט, אַז זיין שטעלונג, ווי אַ לינקער פּועלי־ציוניסט, צו מיר, — דעם עקסטרעמען נאַציאָנאַליסט, ציוניסט־רעוויזיאָניסט, „פאַשיסט״, ווי זיי האָבן עס גערופן — שלאָגט זיך אויך אָפּ אויף זיין שטעלונג צו מיר, דעם וויסנשאַפטמאַן און ער וועט מיך, אפשר נישט אומיסטן, לאַנג שלעפּן. איך האָב אים, דעריבער, געשטעלט אַן אולטימאַטום מיט אַ טערמין. כ׳האָב געוווסט, אַז דאָס האָט אים זייער געאַרט, און אפשר האָב איך מכוון געווען דערצו. אפשר האָב איך אים געוואָלט ווייזן, אַז איך שטיי שוין נישט נאָך אים. דער עיקר, ער האָט די אַרבעט נישט געמאַכט. יעדנפאַלס האָט ער זי מיר נישט צוגעשיקט און איך האָב זי מער נישט פאַרלאַנגט.

קלאָר, אַז קיין הייסע ידידים זענען מיר נישט געווען איינער צום אַנדערן. איבעריקנס, אַ מזל, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַלע מיינע „זעמליאַקעס״, שטאָטגעבוירענע.

ד״ר רינגעלבלום האָט מיך אָבער אויפגענומען גאַנץ קאָרעקט. ער האָט מיך, וואָס אַן אמת, נישט מכבד געווען מיטן פּאָסטן פון אויבער־דירעקטאָר. ער האָט אָבער אויך נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן שפּור פון עפּעס אַ ברוגז אָדער אַ קאַלטקייט.

ער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמִיען פאַר מיר עפּעס צו טון. די שווערקייט באַשטייט דערין, וואָס אַזוי פיל חברים, אינטעלעקטואַלן, זענען פאַרשריבן פאַר מיר און וואַרטן אויף אַ תשובה. ער וועט אָבער מיך אויך אַריינשרייבן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע און צווישן אַ ים מיט

ציפערן, נאָטיצן, באַמערקונגען און נעמען, האָט ער אויך אַריינגעשריבן מיין נאָמען.

זייענדיק שוין פאַרשריבן ביים ד״ר רינגעלבלום, האָב איך זיך באַמיט צו באַזוכן נאָך אַ פּאָר חברים און ביי זיי אינטערווענירט, זיי זאָלן דערמאָנען ד״ר רינגעלבלומען אָן דער רשימה און אים העלפן געפינען פאַר מיר דעם ריכטיקן פּלאַץ.

אַ סך פון אָט די עסקנים, וואָס זענען שוין געזעסן אינעווייניק, אויף פּאָסטנס, האָבן זיך מיט מיר גאָר דערפרייט. אַנדערע האָבן אַפילו געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך נאָך מיר שטאַרק נאָכגעפרעגט, געוואָלט וויסן מיין גורל. אַ סך האָבן באַטאָנט, אַז מ׳האָט פּשוט אויף מיר געוואַרט ביים אָרגאַניזירן דאָ די אַרבעט. די דריי „דזשאָינט״־דירעקטאָרן, גיטערמאַן, ניישטאַדט, גוזיק, וואָס האָבן מיך גוט געקענט און די צוויי, וואָס זענען דאָ, ניישטאַדט און גוזיק, האָבן מיר געוואָלט אָנפאַרטרויען אַ גרויסן, פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס איך בין דעמאָלט נישט געווען דאָ אויפן אָרט.

איך האָב זיך גענוי אינפאָרמירט וועגן דער אַרבעט, וואָס דער דזשאָינט טוט איצט און איך האָב שוין געוווּסט, אַז ער טוט צוויי זאַכן. ער נעמט אויף הונדערטער באַאַמטע און פאַרטיילט שטיצע. שטיצע אין נאַטור, דאָס הייסט עסנוואַרג — דאָס וואָס איז געבליבן אין די מאַגאַזינען און דאָס, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער קהילה, פון דער רעגירונג און אַנדערע קוועלן.

מ׳האָט מיר געראָטן נישט צו נעמען קיין שטיצע, ווייל איך גיי דאָך אַריין אין דער ליסטע פון די „באַדאַרפטיקע״, נצרכים, און דאָס קאָן קאַליע מאַכן מיינע שאַנסן אויפגענומען צו ווערן פאַר אַן עסקן־באַאַמטער.

כאָטש אין מיין שטוב האָט שוין דער דלות — אַ ברודער פונעם הונגער — פאַרנומען אַלע פינף צימערן מיטן האָל, האָב איך געפאָלגט די קלוגע עצה פון מיינע פריינד און זיך נישט אָוועקגעשטעלט אונטן אין דער ריי צווישן די וואָס נעמען.

איך וועל איבערהאַלטן. עפּעס אַ פּאָסטן וועל איך באַקומען און אין צווישן וועל איך טון אַלץ, וואָס אין מיין מאַכט צו אַנטלויפן פון דאַנען. דער געדאַנק פון אָוועק, אָוועק פון דאַנען, וואָס איז מיר אַריין אין קאָפּ

אריין זינט אַ צייט, האָט געגומען עקבערן און באַהערשן אַלע מיינע שריט און מעשים.

— אַוועק! אַוועק פון דאַנען, כדי צו קומען צו זיך!

אין שטוב איז געווען אַ מיטיק, ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן. ווי אַזוי פנינה האָט דאָס באַוויזן, נישט האָבנדיק קיין פּראָדוקטן, איז איר זאַך און איר סוד. איך האָב עס נישט געוווּסט און אויך נישט געפרעגט.

מיר שאַצן נישט תמיד אָפּ דעם באַזונדערן כוח און איינפאַלעריש־קייט פון דער פרוי. דאָרט ווו אונדזער קאַלטע, קלוגע לאָגיק איז נישט ווערט קיין שאָס פּולווער און קאָן אונדז גאָרנישט שאַפן — באַווייזט די ווייכע, נישט קלאָרע פרויען־לאָגיק ווונדער און ראַטעוועט אונדז.

* * *

נאָכמיטאָג האָט יאַסימאָ זיך געזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און אָנגע־הויבן שפּילן, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, איר באַליבטן מאָצאַרט און דעם נאָגנדיק־האַרציקן שאָפּען.

פנינה האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז זי וועט אַריבערגיין אין די פּוי־לישע גאַסן געוויר ווערן צי שטאַמפּקאַ איז דאָ, פּראָפ. זשאַקאָוולעוו און די אַנדערע, כדי יאַסימעלע זאָל קאָנען ווייטער לערנען און שפּילן און נישט פאַרלירן אומזיסט אירע יאָרן.

און דאָס אַלץ אויף דער וואָר. געגוי, מיט אַ פּלאַן, מיט אַ ליניע.

איך האָב פאַרדריקט מיט די ציין אין זיך די גאַנצע מעשה מיט מיינע פאַסטן־זוכענישן, מיינע „געלינגענע" באַמיִונגען, האָב צוגעשאָקלט אויף אַלצדינג מיטן קאָפּ און שטילערהייט אַרויס זוכן... מזל.

איך בין צוגעלאָפן צו דער קהילה.

אין דזשאָינט בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז ס'איז דאָ אַ קהילה. די דייטשע מאַכט האָט נאָמינירט אַ גמינע און אוועקגעשטעלט אָן איר שפּיץ דעם איגזשעניער חיים טשערניאַקאָוו.

אויף דער פּרעזידענט טשערניאַקאָוו האָט געהערט צו מיין קאָלעק־ציע, צו דער קאָלעקציע פּערזענלעכקייטן, צו וועלכע ס'האָט מיך נישט געצויגן; מיט וועלכע איך האָב נישט אָנגעהאַלטן קיין וואַרעמע פריינט־שאַפט און קיינמאָל נישט געקאָנט קלערן, אַז פּונקט מיט זיי אָדער פון

זיי, וועל איך זיין אפהענגיק; זיי וועלן מיר קאנען ניצלעך זיין און העלפן ביים שאפן אן עקזיסטענץ אדער איבערהאלטן אן עקזיסטענץ. דער אינ־זשיניער טשערניאקאוו האט מערערע מאל זיך צו מיר געווענדט, פאר דער מלחמה, איך זאל אים העלפן ארגאניזירן דעם קהילה־ארכיוו און אים אויסלייען מיין אנגעזאמלטן לעקסיקאגראפישן מאטעריאל וועגן דער קהילה און אירע אינסטיטוציעס. תמיד, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן ביים נאמי־נירטן קהילה־פרעזידענט, מאוריצי מייזעל, האבן מיר זיך ממש געשמ־פערט וועגן דאזיקן ענין.

צו מיין פארוואונדערונג האט מען מיך דא דווקא אויפגענומען מיט ביידע הענט. אדרבא און אדרבא. איך זאל קומען, העלפן, ארבעטן, אבער קיין פרנסה איז דערפון נישטא. זיי האבן נישט קיין געלט. נישט קיין שפייז, נישט קיין פענסיע. זיי האבן נאר שטארק מורא פאר דער געשטא־פא, וואס האט זיי נאמינירט און הייסט זיי ארבעטן. די געשטאפא קומט יעדע פאר טעג אין דער קהילה אריין, קאנטראלירט די ארבעט און פא־דערט אויפקלערונגען. די געשטאפא האט געשאפן די דאזיקע קהילה־אינ־סטיטוציע, האט איר אנגעצייכנט א ברייט ארבעטפעלד, נאר קיין מיטלען האט זי איר נישט פארשאפן. די געשטאפא האט אויך מודיע געווען, אז טאמער וועט עמעצער פארלאזן די ארבעט אין דער קהילה, וועט ער שטרענג באשטראפט ווערן, ער און זיין גאנצע משפחה.

די שרעק פאר דער געשטאפא איז דא זייער גרויס. זי פירט דורך „וויסנשאפטלעכע" אונטערזוכונגען, פארשט, פארלאנגט אויפקלערונגען, דער עיקר כדי אויפצווייזן דער וועלט, אז זייער ראסן־טעאריע איז ריכ־טיק און זייער מיינונג וועגן דער מינדערווערטיקייט פון יידישן פאלק איז א באגרינדעטע. דווקא דא אין ווארשע, אין דער גרעסטער יידישער קהילה, ווילן זיי געפינען מאטעריאל און באווייזן פאר דער ריכטיקייט פון זייער פראגראם. נישט בלויז ווילן זיי געפינען נאר זיי פארלאנגען, אז די יידן זאלן זיי צושטעלן דעם דאזיקן מאטעריאל.

אזוי האבן זיי זיך געווענדט צום גרויסן יידישן היסטאריקער, אוני־ווערזיטעט־פראפעסאר ד"ר מאיר באלאבאן און אים באפוילן ער זאל אלע מאל קומען צו זיי און איבערגעבן אין קורצן די געשיכטע פון די יידן אין פוילן. איבערהויפט זאל ער אויפווייזן וויפל פאסטנס זיי האבן פארנומען, וואסערע פארמעגנס זיי האבן פארכאפט, וויפל פון זיי האבן

עמיגרירט און דער עיקר זאָל ער באַווייזן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געאַרבעט און נישט געוואָלט אַרבעטן. דאָס האָבן זיי אים באַפוילן אויפ־צווייזן מיט ציפערן, דאַטעס און נעמען, ס׳זאָל זיין וויסנשאַפטלעך, פאַכ־מעניש און באַאַרבעט מיט פעסטע באַווייזן.

דעם סינאַגאָגע־סעקרעטאַר פאַלמאַן, פאַרוואַלטער פון דער גרויסער יודאַיסטישער ביבליאָטעק, ביי דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, האָבן זיי געהייסן ברענגען אָפּהאַנדלונגען און רעפעראַטן, באַגרינדט אויף ציפערן און פאַקטן, וועגן דעם אַנטייל פון די ייִדן אין האַנדל און וועגן דעם, ווי די ייִדן האָבן אַרויסגעשטופּט דעם לאָקאַלן עלעמענט, דעם פּאָלאַק, פונעם האַנדל און פון דערווירטשאַפט. דעם מאַטעריאַל האָבן זיי אים געהייסן נעמען פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון יודאַיסטישן אינסטיטוט, דעם ייִדישן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, פון וועלכן פאַלמאַן האָט געהאַט די שליסלען.

דעם יונגן ייִדישן געלערנטן, הלל זיידמאַן, אַ באַאַמטן אין דער קהילה, האָבן זיי געהייסן אָרגאַניזירן דעם קהילה־מוזיי. אַ פּאָר טעג שפּעטער, איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו טון, זענען געקומען עטלעכע אויי־טאָס מיט דייטשע אָפיצירן און האָבן זיך געהייסן פירן אין מוזיי אַריין. זיי האָבן געהייסן זיידמאַנען אויפקלערן אַלע עקספּאָנאַטן, ריטועלע, רע־ליגיעזע, פאָלקלאָריסטישע... ווען ער האָט געענדיקט האָט אים דער אָנ־פירער פון די דאָזיקע „וויסנשאַפטלייט״ געהייסן ווייזן די אויסבאַהאַל־טענע מכשירים, די אינסטרומענטן, מיט וועלכע מע קוילעט די קריסט־לעכע קינדער פאַר פסח און מע צאַפּט־אויס זייער בלוט, כדי עס צו פאַר־קנעטן מיט די מצות. ווען דער יונגער געלערנטער האָט געשווירן און פאַרזיכערט, אַז אַזעלכע מכשירים זענען נישט געווען און זענען נישטאָ, נישט דאָ און נישט אין קיין שום אָרט אין דער וועלט — האָט ער אַריינ־געכאַפּט דעם ערשטן פּסק. און נאָר עפּעס אַ מזל האָט אים אָפּגעראַטע־וועט ער זאָל נישט צעקאַטעוועט ווערן, מע זאָל אים נישט שלאָגן ביז צום טויט און אפשר אפילו אַריבער.

יעדעס מאָל, ווען זיי קומען אין דער קהילה, פאַלט אַ טויטשרעק אויף אַלע. זיי קומען תמיד אין דרייען אָדער זאַלבעפערט — הויכע, גע־זונטע, אָנגעפּרעסענע מיט רויטע באַקן, ברייטע פּלייצעס, אייזערנע גבורה. אין די הענט האַלטן זיי האַראַפּניקעס, לעדערנע פּייטשן. צומיינסט

קומען זיי מיט גרויסע, מיאוסע הינט, וואָס האַלטן אין איין שטשירען די ציין, אַז ס׳פאַלט אַ פּחד אויף זיי בלויז אַ קוק צו טון.

דעם גאַנצן וועג, וואָס זיי גייען אין דער קהילה אַריין, שלאָגן זיי יעדן, וועמען זיי טרעפן, דער עיקר ייִדן. זיי וואַרפן אָן אַ שרעק און אַן אימה.

די באַאַמטע פון דער קהילה ציטערן. זיי קאָנען זיך נישט נעמען צו קיין שום אַרבעט. די הענט וואַרפן זיך ביי זיי אין אָנבליק פון די באַנ־דיטן. זיי האַלטן כסדר אין איין קוקן דורך די פענצטער, צי ס׳קומען נישט די מלאכי־חבלה פון דער געשטאַפּאָ.

נישט נאָר אין דער קהילה. אין דער גאַנצער שטאָט הערשט אַ פּחד פאַר דער געשטאַפּאָ. אין משך פון דער קורצער צייט פון זייער זיין דאָ, האָבן זיי באַוויזן מיט אומפאַרשטענדלעכע מיטלען און כוח אָנצוּוואַרפן אַן אימה אויף אַלעמען, איבערהויפּט אויף די ייִדן.

די אימה פון דער בייטש. די אימה פון שלאָגן. דער פּחד פון ווערן געשלאָגן.

זייער שטאַב, דאָס זיצאָרט זייערס אויף דער אַלעע־שוכאַ איז גע־וואָרן אַ סינאָנים פון שרעק־קאַזאַרמעס, פון טויטקעלערן, פון אינקוויזי־ציע־שרעק, פון ברענען לעבעדיקערהייט, פון מוטשען און איזדעקעווען זיך, פון אויסגיין אין מיתה־משונהדיקע יסורים און מאַטערנישן.

איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט מאָנטיק, דעם 23סטן אָקטאָבער, גאַנץ פרי צו מיינע פריינד, די העכטס. קיין טעלעפאָנען האָבן מיר איצט נישט געהאַט, נאָר על־פּי צופאַל זענען מיר געוווּיר געוואָרן, אַז זיי לעבן, כאָטש זייער דירה איז צעשטערט און אויך אַז זיי ווילן זיך מיט אונדז טרעפן.

איך בין געקומען אַהין אויף דער ווידאַק־גאַס. אַ שרעק און אַ פּחד. איין גרויסע חורבה. הייזער אויסגעליידיקטע, פּוסטע, ווי אַ לאַמטערן, פון וועלכן מ׳האָט אַרויסגענומען דאָס ליכט, ווי אַ מענטש, פון וועלכן מ׳האָט אַרויסגעצויגן די קישקעס.

איך טרעף די פרוי העכט ליגן מיט אַ שטאַרקן קאַפּוווייטיק. זי ליגט און וויינט. די דירה איז צעהאַקט, בלויז איין צימער איז געבליבן גאַנץ ווי אַ זכר לחורבן. דאָרטן לעבן זיי.

דער מאַן איז נישטאָ. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, ווייל מ׳האָט היינט אויסגעגראָבן די פאַרשיטע פון ווידאַק 19, פונעם הויז דאָ אַקעגן

זיי. דאָרט איז אויך דאָ צווישן די אויסגעגראָבענע די פרוי פלינט מיט איר קינד, אירע אַ גוטע פריינדין.

איך דערמאָן זיך, די פרוי וואָס האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן. זי האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף דאָ בלייבן ביז צום סוף. איז זי געבליבן.

איך לויף אויך אַראָפּ אויפזוכן מיין פריינד, דעם שול־דירעקטאָר גערדאַ העכט.

איך בין אַרונטער אונטן. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד, וואָס כ׳ווינטש זיך קיינמאָל מער נישט צו דערלעבן אַזוינס און כ׳גלויב, אַז קיין שום מענטש וועט זיך עס נישט ווינטשן צו דערלעבן, מעג ער זיין אַן אוממענטש, אַן אויסוואורף, אַ גאַרנישט, אויב ער איז נאָר פאַרבונדן אויף וואָסער אופן ס׳זאָל נישט זיין מיט מענטש — וועט ער דאָס אויסמיידן.

אונטן האָט מען אָפּגערוימט איינגעפאַלענע ווענט, צענדליקער טאָן שטיינער, בלאָקן, ציגל, אייזנס, סופיטן, פּאָדלאָגעס, שוט און משא און אַרויסגעגראָבן פון אונטער זיי די פאַרשיטע מענטשן.

קרוב צוואַנציק פּערזאָן ליגן אויף דער גאַס. די אַרבעטער האָבן זיי, נאָך אַ לענגערן גראָבן און סאָנדירן, אַרויסגעצויגן. מ׳איז געלאָפן רופן פּאָליציי און ביז זי איז אָנגעקומען — שטייען אַלע און קוקן.

עס ליגן אַן אַכט מענער און אַ צען־עלף פרויען. יונגערע און על־טערע. די פּנימער ביי אַלע זענען אַזוי משונהדיק פאַרקרומט ווי אין אַ וויסטן צער, וואָס האָט נישט קיין נאָמען.

עפּעס משונהדיקע פּנימער. אַ פּאָר זענען אויסגעקרומט, ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרלוירן די מענטשלעכע צורה, ווי זייערע באַלעבאָטים וואָלטן אַראָפּ פון זינען. עטלעכע מענטשן, דער עיקר די פרויען, זענען אַזוי ווי מע וואָלט פון זיי לעבעדיקערהייט געשניטן שטיקער.

ביי איין פרוי האָט מען אָפּגעביסן ביידע אויערן. געצנוי, געוואָרן אָפּ־געביסן. ביי אַן אַנדערער איז אָפּגעביסן די נאָז אין גאַנצן, און אַ האַלב פּנים. ביי איינער איז איינגעביסן און אָפּגעגעסן דער האַלדז מיט אַ טייל פון די אָדערן. ביי איינער פעלן אַלע פינגער און מע זעט אַ טיפן לאָך, טיף אין אירע אָדערן.

דאָס וואָס ס׳האָט אונדז שרעקלעך צעטרייסלט איז די געצנויע סימנים פון ציין און באָקציין. מע זעט זיי געצנוי אָן. מע דערקענט, אַז עמעצער

האָט מיט זיי געביסן, אָפּגעביסן, כדי צו שטילן זיין דאָרשט אָדער זיין הונגער, צי גאָר זיין פוריע, זיין שגעון. אין דער באַק פון איין פרוי האָט מען דערקענט, אַז עמעצער האָט זי געגעסן שטיקלעכווייז, נישט אין גאַנצן מיט איין מאָל. מע זעט סימנים פון ציין, וואָס האָבן אָפּגעביסן אַ שטיק באַק און לעבן דעם אַן אַריינגעביסן אָבער נישט אויפגעפרעסן ווייטערדיק שטיקל באַק, וואָס הענגט נאָך נאָך, און אַ ביסל אין דער זייט ווידער סימנים פון ציין און אַ שטיק ווייטער־אָפּגעגעסענע באַק. ווייזט אויס, אַז ביים עסן דאָס צווייטע שטיקל באַק איז פאָרגעקומען אַ גערוואַנגל, אָדער ס׳האָט יענעם דאָס שטיקל באַק נישט געשמעקט אָדער ער האָט עס נישט באַוויזן אין גאַנצן אָפּצובייסן און ער האָט געביסן אַ ביסל ווייטער. עס איז אים, דעם פאַרצוקער, אַ פּנים, געלינגען צו באַזיגן די פרוי ביים צווייטן מאָל און ביים צווייטן מאָלצייט זי ווייטער צו פרעסן.

די פינגער, וואָס זענען געווען אָפּגעגעסן ביי דער יונגער פרוי, כמעט נאָך אַ קינד, זענען נאָך נאָכגעהאַנגען די הויט און אַביסל ביינדלעך, זיי זענען געווען אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן און אַזוי טראַגיש אויסגעקרומט, אַז קיינער פון אונדז, צושויער, האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן געזעצט פון די אויגן. מיר האָט נאָך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ באַקאַנט קינד, נאָר איך האָב נישט געקאָנט פרעגן העכטן, וואָס איז געשטאַנען און געוויינט, געכליפּעט ווי אַ ייִדענע.

ביי איין פרוי, אין גאַנצן אַ נאַקעטע, איז געווען צעפּרעסן איר גראָב פלייש און די פיס אָפּגעשניטן מיט נעגל, צי מיט אַ מעסער אָדער מיט אַן אַנדערער שאַרפער זאַך, מ׳האָט געזען בפירוש שטיקער, געשניטן, נישט מיט איין מאָל, נאָר צו ביסלעך. מ׳האָט אַפילו דערקענט, אַז דער קאַני־באַל, דער מענטשנפרעסער, דער שכן אירער, האָט געקליבן און אויסגעקליבן די שטיקלעך פלייש צום עסן. אַ פּאָר שטיקלעך זענען געווען אייננגעשניטן, אָבער נישט אָפּגעריסן פון איר קערפּער, זיי האָבן נאָך נאָכגעהאַנגען.

דערשיטערנדיק איז געווען דאָס בילד פון אַ ייִנגעלע פון ניין־צען יאָר, וואָס זיין שטערן און איין אויג זענען געווען אויפגעפרעסן פון אַ משוגע־געוואָרענעם. דאָס לאָך פון אויג איז טיף, קריכט ביז צום מוח און קרומט שרעקלעך אויס די יונגע, ווייכע ליניעס פון קינד אין אַזאַ

מוראדיקן, איבערגעשראָקענעם ווייטיק און צער, אַז ס'האָט אַלע אָנגע־כאַפּט אַן אינעווייניקסטער ספּאַזמאַטישער געצאַפּל.

די קערפּערס פון די מענער, וואָס זענען מייסטנס נישט געווען אַזוי צעפּרעסן, האָבן אויסגעזען נישט ווייניקער שרעקלעך ווי די צעפּרעסענע פרויענקערפּערס. מ'האָט דערקענט אין די מענערישע פּנימער דעם גרוי־ליקן שוידערלעכן געראַנגל און מלחמה, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך בשעת די קנאַפּע זעקס וואָכן, וואָס זיי זענען געווען פאַרשיט. פּונקט איז דאָס הויז איינגעפאַלן אין דער ערשטער העלפט פון סעפּטעמבער. צוליבן מוראדיקן באָמבאַרדירן פון דעם טייל שטאָט און פון דער גאַס, פונעם ווידאַק, וואָס ליגט אַנטקעגן דעם הויפּטוואָקזאַל, און צוליבן אַנטלויפן פון די מערסטע שכנים, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויפן דאָזיקן פאַרשיטן הויז, פּונקט ווי אויף צענדליקער אַנדערע פאַרשיטע הייזער און קעלערס.

קיינער האָט נישט געהאַט קיין צייט און קיין נערוון זיך אָפּצוגעבן, אַפילו קלערן וועגן אָט דעם פאַרשיטן הויז מיט זיינע צוואַנציק לעבעדיק־באַגראָבענע אין דער מאוימדיקער פינצטערניש. און דאָרט אונטן, אינעם לעבעדיקן קבר, האָט זיך אָנגעהויבן פירן אַ פאַרביטערטער קאַמף מיטן הונגער און דאָרשט, מיטן אייגענעם מוח, מיט די נערוון, מיטן שגעון, מיט זיך אַליין, מיט די שכנים. די לופט איז געווען שווער און דושנע־שטיקנדיק. די הונדערטער טאָנען לאָסט שטיינער און מויערן האָבן גע־דושעט און געדריקט.

די שכנים דערקענען ביסלעכווייז אַלע מענטשן, די פאַרשיטע, און ברעכן יעדעס מאָל אויס מיט אַ נייעם געוויין. עס זענען פאַרשיט געוואָרן אויך אַ פּאָר משפּחות, פאַרלעך מיט קינדער, מסתמא האָבן די מענער געוואָלט פאַרטיידיקן זייערע פרויען און קינדער, מע זאָל זיי נישט אויפ־עסן לעבעדיקערהייט, מע זאָל פון זיי נישט שניידן קיין שטיקער. די פּנימער און קערפּערס פון אַלע מענער זענען צעריסן, אָנגעשוואָלן, צע־קניפּן, צעשלאָגן, געפלאַצט פון די קלעפּ, וואָס איינער האָט געגעבן דעם צווייטן. אַ סך הענט און עלנבויגנס זענען צעבראָכן און אויסגעבראָכן. מ'האָט אויך געפירט מלחמה אויף מעסערס, מיט אייזערנע שטאַנגען, אָדער שטיינער, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אין פאַרשיטן קעלער, ווו זיי

האָבן געלעבט אַזוי פיל וואָכן אין דושנעקייט און גרויזאַמער טויטשרעק און אימה.

ביי אַ סך מענער זעט מען טיפע וווּנדן, געשניטענע און געהאַקטע. אין טייל פנימער דערקענט מען נאָך די אויפגעלאָפענע ביילן ביי די אויגן און נאָז פון די קולאַקעס און זעצן, וואָס זיי האָבן באַקומען.

איין מאַן, אַ יונגער, ווייזט אויס אַ שטאַרקער, איז פשוט געקוילעט געוואָרן פון די אַנדערע, וואָס האָבן מסתמא פאַרטיידיקט זייערע ווייבער און קינדער. זיין האַלדז איז געווען מיט אַ מעסער דורכגעשניטן, געקוילעט. איין האַנט איז ביי אים געווען אויסגעדרייט אויף הינטן און ארויסגעריסן פון אַקסל און די צווייטע האַנט איז געווען האַלב־צעבראָכן.

איין פרוי, אַ פולע, ווייזט אויס אַ געוועזענע באַזיצערין פון אַ פעטן גוף, איז געווען אַזוי אָפּגעביסן שטיקערווייז, אַז זי האָט אויסגעזען ווי איין מאַקאַברישע, משוגע־מאַכנדיקע מאָזאַיק פון טיפע לעכער ביז אין מיטן גוף אַריין, פון פאַרגליווערטן בלוט און פון ווילדע סימנים פון גאַרילע־ציין. איין ברוסט אירע איז געווען ווי באַשיט מיט פאַרגליווערטן בלוט, אויסגעמישט מיט אַ געל־גרינער ליחות.

אין צווישן איז אָנגעקומען די פּאָליציי. אַזוי ווי מ'האָט אין אונדז נישט דערקענט, אַז מיר זענען ייִדן, האָט מען אונדז, ווי זשורנאַליסטן, דערלויבט זיך צו באַטייליקן ביי דער רעוויזיע פון די קעשענעס ביי די, וואָס האָבן נאָך אויף זיך געהאַט מלבושים אָדער שטיקער פון מלבושים.

דער אינהאַלט פון די קעשענעס ביי די אומגליקלעך־צעקאַלעטשעטע צוואַנציק מענטשן איז געווען נישט ווייניקער טראַגיש, מאַקאַבריש און גיהנומדיק ווי דאָס גאַנצע גרוילנדיקע בילד. אין טייל קעשענעס האָט מען געפינען שטיקער מענטשלעך פלייש כמעט נאָך פריש אָדער שוין אַ ביסל צוגעפוילט. דאָס האָבן, אַ פּנים, די, וואָס האָבן אָפּגעשניטן גרעסערע שטיקער פלייש פון די פרויען און עס נישט געקאָנט אויפעסן מיט אַמאָל, זיך באַהאַלטן אין די קעשענעס, מאַגאַזינירט אויף שפּעטער. אין צווישן געוואָרן משוגע אָדער געהרגעט פון אַ צווייטן און נישט באַוויזן עס אויפצועסן.

אין אַ פּאָר קעשענעס האָט מען געפינען שטיינער, צעמענט. דאָס איז, אַ פּנים, געווען דאָס געווער, מיט וועלכן זיי האָבן געקעמפט איינער מיטן צווייטן.

די מיינסט מלבושים און קליידער זענען געווען פאַרפוילט, אָבער דורך די לעכער האָט מען געזען אָנגעשוואָלענע, צעדראַפּעטע, צעריסענע קערפּערס. סימנים פון אַ קראַצן, פון רייסן פון זיך אַליין שטיקער לעבע־דיקערהייט, פון קנייפּן דאָס אייגענע פלייש, פון משוגענע קערפּער־שע־דיקונגען — זענען געווען ניכר כמעט ביי אַלע.

דער דאָקטאָר, וועלכן די פּאָליציי האָט אַרויסגערופן, האָט אונדז דער־קלערט — נאָכן גענויען בודק זיין די קערפּערס — אַז די מערהייט פון זיי איז משוגע געוואָרן פון שרעק און נאָר אַ צוויי־דריי זענען משוגע געוואָרן פון הונגער, דאָרשט און דעם רויך, דאָס שטיקעניש און וואָרגעניש, וואָס האָט געהערשט אין פאַרמאַכטן קעלער. ס׳ווייזט אויך אויס, אַז אין דער ערשטער צייט האָבן זיי געפּרוווט האַקן, קלאַפּן, גראָבן, זוכן אַן אַרויסגאַנג פונעם פינצטערן קבר. ליידער איז דער קעלער געווען פאַרשיט פון אַ געוואַלטיק שווערער משא און אין ערגעץ איז נישט געווען קיין לאָך, קיין שפּור פון אַן עפענונג.

ער האָט אויך געמיינט, אַז די רייסעכצער, קנייפּעכצער, צופּעכצער זענען געווען דער ערשטער סטאַדיום פונעם קאַמף פון די משוגע־געוואָ־רענע, וואָס האָבן ביים אָנהייב נאָר געפּליקט זייער אייגן פלייש און גע־ריסן פון זיך אַליין די הויט. אינטערעסאַנט, אַז די פרויען האָבן אַרויס־געוויזן ווייניקער סימנים פון שגעון ווי די מענער. דאָס באַווייזט — לויט דער מיינונג פונעם דאָקטאָר — אַז פרויען זענען מער אויסהאַלטעוודיק אין זייער נערוונקאַמף. אָדער אפשר האָבן די מענער זיך געפילט מער פאַר־אַנטוואָרטלעך ווי די פרויען. זייער מענער־כבוד איז געוואָרן געבראָכן און דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די אוממאַכט, דאָס נישט זיין אימשטאַנד צו פאַרטיידיקן ווייב און קינד איז אַריבער די כוחות פון אַ מאַן איבערצוטראָגן.

אין צווייטן סטאַדיום — זאָגט דער דאָקטאָר — האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די מענער, איינער מיטן אַנדערן.

ערשט אין דריטן סטאַדיום איז געקומען דער קאַניבאַליזם. די מער־הייט מענער האָט געגעסן מענטשנפלייש, פאַרשטייט זיך, נאָך אַ פאַר־ביטערטן קאַמף מיטן צווייטן, וואָס האָט פאַרטיידיקט דאָס פלייש פון זיין פרוי און קינד און נאָכן קאַמף מיט דער לעבעדיק־געגעסענער פרוי

אַליין. אָדער דער שגעון פון פחד, פאַרשטאַרקט דורכן האַלב־שגעון פון דאָרשט און הונגער האָט מנצח געווען און זיי האָבן געגעסן.

נאָך מער, ווי זיי האָבן געגעסן, כדי צו באַפרידיקן און שטילן זייער הונגער, האָבן זיי געקעמפט צו שטילן דעם דאָרשט, וואָס האָט זיי צע־זעצט אין דער שטיקנדיקער דושנער אַטמאָספער. און די אַלע עפּענונגען אין די קערפּערס פון די פרויען און קינדער און אין קערפּער פונעם אַלטן זענען לעכער, דורך וועלכע די דאָרשטיקע האָבן געטרונקען, געזויגן און געצויגן דאָס וואַרעמע בלוט פון לעבעדיקע וואַרעמע מענטשן.

אינטערעסאַנט איז דער לעבנס־אינסטינקט פון די מטורפע. כמעט אַלע לעכער זענען נאָענט לעבן די אָדערן־צענטערס, פון וועלכע עס רינט אַ סך בלוט. אויך די ליחות־צענטערס זענען געווען אויפגעעפנט און אויפ־געפרעסן, כדי זיי זאָלן קאָנען ליפערן וואַרעם טרינקעכץ.

דער דאָקטאָר מיינט, אַז די אומגליקלעכע, בעיקר די פרויען, האָבן שרעקלעך געשריגן און די אויסגעקרימטע מיילער, אויפגעריסענע באַקן, ליפּן, צונגער, ווייזן אויף אַ באַטויבנדיקן געוואַלט־געשריי וואָס האָט זיך דאָרט געהערט אין די לעצטע טעג און האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם משוגעת־צושטאַנד פון די מענער.

די פּאָליציי האָט אָפּגעשלאָסן דעם טייל פון דער גאַס און האָט גע־וואַרט אויף אַ באַפעל, וואָס מע זאָל טון מיט די מתים איצט, נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין דורכגעפירט די אונטערזוכונג.

אין דרויסן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסער עולם מענטשן. דאָס געוויין און קלאָגעריי איז געגאַנגען עד לבֿ־השמים.

אַ סך האָבן דערקענט זייערע שכנים, אַפילו קרובים. איין פרוי האָט דערקענט איר קוזינע, וואָס איז געקומען דעם טרויעריקן אינדערפרי צו איר און האָט מורא געהאַט צו בלייבן ביי איר אין שטוב, טאָמער וועט אַריינפאַלן אַ באָמבע. זי האָט געוואָלט זיכער אַריבערגיין אין שכנותדיקן הויז, דאָס הייסט, אינעם הויז נומער 19, ווייל דאָס הויז איז שטאַרקער געבויט און ס׳האָט אַ נישט־קשהדיקן „סכראָן“, אַ גוטן שוצקעלער.

יענץ הויז, דאָס שוואַכע, שטייט איצט כמעט גאַנץ, און דער שטאַר־קער שוצקעלער פונעם הויז אויף ווידאָק 19 איז געוואָרן דער קבר פון איר יונגער קוזינע. אויך איר קערפּער איז געווען אָנגעביסן און אַ פּאָר לעכער זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן דורך די דאָרשטיקע. אין אַלגעמיין

אָבער איז איר גוף נישט אַזוי צעגהרגט. קיין סך שטיקער האָט מען ביי איר נישט אָפּגעגעסן. קאָן זיין, ווייל זי איז געווען זייער שטאַרק, ווי איר קרובה דערציילט, און אפשר דערפאַר, ווייל זי איז געווען די כלה פונעם יונגן, שטאַרקן מאַן, וועמענס האַלדז איז געקוילעט געוואָרן, כמעט אין גאַנצן אָפּגעשניטן פון גוף. מעגלעך, אַז ער האָט זי אַזוי פאַרטיידיקט, ווייל מסתמא האָט נישט געפעלט קיין בעלנים צו עסן איר יונג פלייש און צו טרינקען איר פריש בלוט און ווען ער האָט זי אַזוי פאַרטיידיקט, זענען אים די אַנדערע אָנגעפאַלן און אים פשוט געקוילעט.

ווער קאָן וויסן און ווער וועט דאָס אַמאָל דערגיין די סודות פון דער שוידערלעכער טראַגעדיע, סודות פון קאָשמאַר, מאַקאַברישקייט, גיהנום, קאָפּ־און־האַרץ־צעזעצעניש פון מענטשן, רויִקע, אינטעליגענטע, באַלעבאַטישע, פאַרשטאַנדיקע, וואָס זענען פּלוצלינג לעבעדיקערהייט פאַר־שיט געוואָרן, אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די ווענט, אין די שטיינער, מויערן, אפשר האָבן זיי פאַרשטאַנען אָדער געפילט דעם איינשטירץ פון הויז און די אומגעהייערע משא, וואָס איז אַרויפגעפאַלן אויף זייער קעלער, אַז זי איז נישט צום באַוועלטיקן, נישט צום באַזייטיקן.

ווער ווייסט וויפל טעג און נעכט פול מיט טויטשרעק, דושנעקייט, פאַרשטאָפּטער אָטעם, בערג פון אימה און ציטערניש דריקן ברוסט, לונגען, האַרץ, נערוון, מוח און לאַנגע טעג און נעכט האָבן זיי געזוכט מכשירים, כלים צו ראַטעווען זיך נישט משוגע צו ווערן אין דער שוואַרצער פינצ־טערניש, אָן אַ שיין, אָן אַ שטראַל, אין היץ, פיבער, קרענק און שמוצן זיך און באַשפּריצן זיך איינער דעם אַנדערן האָבן זיי זיך געפּרווט באַ־רויִקן, טרייסטן, לוישן און צוהערן זיך צו יעדן שאָרך, וואַרטנדיק אין טיפן צאַפּלען און גלייבנדיק, אַז פון דאָרט אויבן וועט קומען די ישועה. מענטשן, פריינד, שכנים, קרובים, וועלן זיי נישט לאָזן זיך מוטשען — לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

שטאַרקע האָבן געטרייסט די שוואַכע, פרויען די מענער, מענער — די פרויען און זיי ביידע — די יונגע קינדער.

ווער ווייסט דעם מוראדיקן איבערברוך, וואָס איז אין זיי פאָרגע־קומען, ווען זיי זענען פּלוצלינג געוואָרן פאַרצווייפלט; ווען זיי האָבן פאַר־שטאַנען און געפילט, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר זיי מער קיין אויסוועג. יונגע, צאַפּלדיקע, לעבעדיקע, פרישע מענטשן האָבן דערפילט, אַז זיי זענען פאַר־

משפט דאָ אויסצוגיין, אַז זיי זענען טויט, לעבן איבער זייער אייגענעם טויט. זיי זענען לעבעדיק און דער טויט איז לעבעדיק. זיי זענען טויט און דאָס לעבן איז טויט. מיט זיי. אין זיי. זייער מוח האָט דאַן אָנגעהויבן צו ברענען, צו זעצן ווי אַן עלעקטרישער ריזנהאַמער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען ווי אַ לעמפּערט אין שטייג, געגומען קלאַפּן מיט די קעפּ אָן די שטיינער און מויערן, אָנגעהויבן דאַן ביטער צו וויינען, צו וואָיען, צו רעווען, געשלאָגן איינער דעם אַנדערן, האַלב־מטורף האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אַלץ, אויף די שטיינער, אויף דער פּאָדלאָגע, אויפן נאָענטן שכן, אויף די אַרומיקע.

אייביק־לאַנגע טעג און שרעקלעכע נעכט, פינצטערע, אייביק־פינצטערע. הונגער און דאָרשט פון דער דושנעקייט האָבן גענומען זידן און קאָכן אין בלוט, אין די קישקעס. זיי האָבן זיך געוואָרפן די מענער, צו־געפאַלן צו די פרויען, אָנגעהויבן קושן, זויגן, געזעגענען זיך, שווערן ליבע, אייביקע געטריישאַפט אין העלן וואַנזין און טונקעלן שגעון איינגעוויקלט. זיי האָבן גענומען קושן־בייסן, בייסן־קושן, שרייען, ווילדעווען, שלאָגן, קעמפן, זויגן בלוט, שווייס, טרערן, ליחות, בייסן, פאַרזוכן, עסן, קייען, רייסן שטיקער, ביז זיי זענען שוין אינגאַנצן אַראָפּ פון אַלע, אַלע זינען, האָבן אָנגעהויבן קעמפן ווי משוגעים, אַרויסלופּענדיק די אויגן איינער ביים אַנדערן, אויסקראַצנדיק די אָדערן, די זשילעס, רייסנדיק אברים, גלידער לעבעדיקע, עסן און פאָסמאַקעווען זיך, פרעסן פלייש, זשלאָפּען בלוט און פרישן מאַרך.

גאָט אין הימל! העכער, נידעריקער, טיפער וועלט־שכל! דערהויבענער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון עטיק! קומט, קומט אַלע צוזאַמען און זעט און משפּט. זיך אַליין זאָלט איר משפּטן צו וואָס איר האָט דער־בראַכט דעם מענטשן, די קרוין פון דער יצירה! צו וואָס! צו וועלכער דער־נידערנדיקער מדרגה! צום נידערטרעכטיקסטן, געפאַלנסטן, געמיינסטן, מיאוסטן מצב פון דעגראַדאַציע, פוילקייט, עיפּושדיקייט און ירידה!

ווער האָט דערצו געבראַכט?

אַלע, וואָס מיר זענען דערביי געשטאַנען, האָבן זיך שטיל אין האַרצן אַ שבועה געגעבן צו קעמפן דאָס גאַנצע לעבן פאַר איין זאַך: ס'זאָל קיינמאָל מער נישט זיין קיין פעלקער־רייסערייען, קיין מלחמה! קיינמאָל זאָל נישט אויפגערייצט ווערן דער מענטש צו דער תהום־פינצטערקייט פון

דער אור־אור־אַלטער פאַרצוקענדיקער חיה אינעם היינט שוין־נישט־עק־זיסטירנדיקן דזשונגל.

מלחמה מוז ברענגען צו קאַניבאַליזם, צו צעשטערונג פון עטיק, צו שגעון, צו אימה, צו נידערטרעכטיקייט, צום נידעריקסטן מצב פון שקלאַ־פעריי, חניפה, שקר און געפאַלנקייט.

צי ס׳ווילן עס די קעמפנדיקע צדדים צי נישט! — נישט וויכטיק! מלחמה ברענגט עס מיט זיך.

זאָלן אַלע, וואָס ווילן מלחמה, זיך אַליין אומברענגען און ראַטעווען זייערע עלטערן, זייערע קינדער, פרעמדע עלטערן און פרעמדע קינדער פון שגעון, פון פאַרציקט ווערן פון אייגענעם בלוט, פון דערשטיקט ווערן אין דער שריפה פון אייגענע, אונטערגעצונדענע און אָנגעצונדענע נערוון.

אַ האַנט, וואָס איינער פאַרהייבט קעגן אַ צווייטן אין מלחמה, דאַרף פון אים אַליין, פון דעם וואָס הייבט זי אויף, אונטערגעהאַקט ווערן.

אויב ס׳זענען אַמאָל דאָ אין דער מלחמה ליכטשטראַלן, באַווייזן פון העלדישקייט, עטיק, הויכער מענטשלעכקייט ווי די קראַנקנשוועסטערס אין שפּיטאָל פון הייליקן גייסט און גבורה, ווי די קעמפער אין פוילנס וועל־דער, ווערן זיי אַלע איצט פסול. אַלע ווערן איצט אָן דעם ווערט דאָביים קבר פון מענטשלעכער ירידה, ביי דעם קבר פון ווידאָק 19.

ס׳פעלט אייך לעבנסרוים, נאַראָנים! נאָך וואָס אָנפּלאָדען אַזוי פיל מענטשן? פאַרקלענערט די צאָל געבורטן. זאָל די צאָל מענטשן אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרקלענערט ווערן ביז צום מינימום און ס׳וועט זיין גענוג פּלאַץ פאַר אַלע. זאָלן אַלע פעלקער און ראַסן זיך געבן די האַנט, אַז פון דור צו דור וועט פאַרמינערט ווערן דער מין מענטש ביז ער וועט דערגרייכן אַזאַ מינימום, אַז ביי דער היינטיקער טעכניק, וועט ער לעבן ווי אַ מלך אויף דער גאָט־געבענטשטער ערד! און אויס מיט מלחמות! אויף אייביק!

די אַנדערע פעלט עסן צו דער זעט, שפּייז צו דער מאָס. נאָך וואָס, נאַראָנים, אַזוי פיל הונדערטער מיליאָנען מיילער און בייכער, פאַר וועלכע מע זאָל דאַרפן אויסציִען דעם זאַפט פון דער מאַמע־ערד און זיך אַרויס־נעמען איינער פון אַנדערן דעם ביסן פון מויל. ווייניקער מיילער און ס׳איז דאָ גענוג, צו דער פולער זעט, צו אייביקן שלום. אייביקער שלום, אָן מלחמה.

אַן מלחמה! אַן ווידאָק 19!

אויסקריצן זאָל מען ווידאָק 19 אויף די קעפּ, אויסטאַטויִרן אויף די שטערנס, דער שאַנדפלעק זאָל ברענען, בראָטן און לייכטן ווי אַ מעמענטאָ, אַ וואָרנצייכן! מענטש, ווילסטו זיין מענטש, ווילסטו בלייבן מענטש — מוזסטו אויף אייביק אויסמעקן ווידאָק 19.

קומט אַ מלחמה — קומט ווידער ווידאָק 19!

זאָל קומען אייביקער שלום!

אַלע, אָבער אַלע, וואָס מיר זענען דאָ געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן אינסטרוקציע פון דער פּאָליציי — האָבן שטיל געשעפּטשעט דעם נדר.

אַ דייטש, אַ דייטשער אָפיציר איז צוגעקומען און אויף אַ ווייל געבליבן שטיין לעבן אונדז.

מיך האָט עפּעס אָנגעטראָגן, שטאַרקער פון מיין ווילן און איך האָב אַ זאָג געטון צו דעם יונגן אָפיציר, ווייזנדיק אויף די שרעקלעכע צעקאָלעטשעטע קערפּערס:

— דאָס זענען די פאָלגן פון קריג. זיי באַגלייטן דעם קריג ווי שוואַרצע קראָען באַגלייטן די גוססדיקע.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט ער מיר געגעבן אַ פרעג, רעדנדיק צו מיר אויף לשון „דו".

— נאָר דאָס וואָס איך האָב געזאָגט.

— הייסט דאָס, אַז דייטשן האָבן דאָס געמאַכט!

— דער קריג — האָב איך נאָך באַוויזן צו ענטפערן.

— איר האָט אים געוואָלט, שווינע! — איך האָב באַקומען אַזאַ שניט אין פּנים, אַז די באַק איז מיר אָנגעלאָפן ווי אַ ווערעכץ און בלוט האָט מיך באַגאָסן.

אויף אַ מינוט האָט אין מיר געגעבן אַ זיד־אויף אַ כעס ווי ברענענדיקער בוימל.

דער אָפיציר איז אַוועקגעגאַנגען. מיך האָט פּראָפעסאָר העכט אַריינגעפירט צו זיך אין דער דירה, ווידאָק 16, כמעט אַנטקעגן ווידאָק 19.

מיינע ציין האָבן זיך מיר גאַנץ פיין צעשאָקלט. ווייזט אויס, אַז אַ פּאָר פון זיי וועל איך מוזן אַרויסנעמען.

* * *

מיטוואָך, דעם 25סטן אָקטאָבער, האָב איך געהאַט אַ טאָג פון שניט,

שגיט פון נייע לעבנס־דערפאַרונגען. אמת, דער מוח איז אַ ביסל צו שוואַך פאַר זיי. אין מיין שטוב ווערט דער צושטאַנד, דער מאַטעריעלער, פון טאָג צו טאָג ערגער.

פנינה האָט היינט געזען אַ בילד פון אַ קינד, געבוירן אין דער שווייץ, און מיט אַ באַהאַלטענעם זיפץ אַ זאָג געטון:

— אַ גליקלעך קינד, געבוירן אין אַ פריי לאַנד. נישט קיין ייִד.

דערביי האָט זי מיט אַזאַ פילזאָגנדיקן, טיף־פאַרשוויגענעם בליק אַ קוק געטון אויף אונדזער מיידעלע, אַז מיר איז ס׳בלוט אַנטלאָפן פון די אָדערן און ערשט נאָך אַ לאַנגער צייט בין איך געקומען צו זיך.

יאַסימאַ שפּילט איצטער, כמעט טאָג און נאַכט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט עפּעס אָפּנעמען פאַר דער פאַרלוירענער צייט, אָדער אפשר עפּעס אריינכאַפּן, דערכאַפּן.

זי מאַכט עס אַזוי שפּילעוודיק, אַזוי צאַרט, גלייכצייטיק אַזוי טיף, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרבינדן צער מיט פרייד, טרויער מיט האָפענונג, פראָסט מיט זונענשטראַלן, טונקלקייט מיט ליכט.

איך הער זיך צו, איך לויש נאָך מיט טיפן, מיר־אַליין־נישט־קלאָרן־טרויער, נאָך די העלע, לויטערע, רעגולערע, האַרמאָנישע קלאַנגען, וואָס קריכן און לויפן און יאָגן אַפער פון אונטער די לאַנגע, דעליקאַטע פינגער פון מיין מיידעלע.

איך וואָלט אַזוי געוואָלט הנאה האָבן פון אָט די קלאַנגען, פון אָט די ווייטע און גלייכצייטיק נאָענטע מעלאָדיעס פון די שווער־געפּרוווטע קינסטלער מאָצאַרט און שאָפּען, וועלכע זי האָט אַזוי ליב!

— זיי זענען מיר אַזוי נאָענט — זאָגט יאַסימעלע — זיי זענען אַזוי היימיש און דעריבער אַזוי ווייטיקלעך.

וואַנדע לויפט אַרום פאַרזאָרגן שפּייז. זי וויל זיך לאָזן אין די אַרומיקע דערפער. זי גלייבט, אַז דאָרט וועט איר געלינגען צו שאַפן פּראָדוקטן פאַר דער שטוב. עס פעלט אונדז נאָר... די מיטלען. די מזומנים. כאָטש דער פּוילישער זלאָטע איז אַראָפּ פון זיין טראָן, איז ער נאָך אַ מטבע. ער איז נאָך מער ווערט, ווי די גאַנצע מדינה מיט איר זעלבסטשטענדיקייט.

פאַראַן אויך פּאָלאַקן, צו מיינסט אין די דערפער, וואָס באַהאַלטן דעם זלאָטע ווי דעם מער חשובער פון אַלע אַנדערע געלטמיטלען. זיי גלייבן, אַז די צייט וועט קומען, און דאָס גאָר אין גיכן, און מע וועט אים

פאַרגיטיקן, דעם פּוילישן אָרעמען זלאָטע, די צייט פון די ליידן. און ער וועט וואַקסן און שטייגן.

איך וויל מער נישט וואַרטן. מ׳האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ תשובה, מ׳האָט מיך אַרויפגענומען אויף דער רשימה, מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן אַזעלכע וואָס מע מאַכט אַפילו נישט אויף אַ געזעגענונג־באַנקעט, דאַרף איך דאָס גיין איינקאַסירן.

זאָלן די וואָס האָבן — צאָלן, אַ פּאָסטן — און די זאָרג וועט אַוועק, דער טרויעריקער בליק פון פּנינה, דאָס יאָגעניש פון וואַנדע און דער נאָך נישט קלאָרער אָבער שוין אַרויסגעפּילטער באַגריף פון מאַנגל, וואָס שאַפט זיך ביי יאָסימעלען...

אויב ד״ר אַלטער האַלט, אַז ער וועט ליבערשט ליידן הונגער און נישט אַרויסגיין אין גאַס זיך איינשטעלן דאָס לעבן, געכאַפּט צו ווערן צו דער אַרבעט און וויל איך נישט צוגיין צו זיינע אַמאָליקע פריינד בעטן — זאָל ער זיך פירן ווי ער האַלט עס פאַר ריכטיק.

איך האָב זיך געשאַפן און שאַף זיך אַ נייע לעבן־טעאָריע: דאָס העכסטע, וואָס דער מענטש באַזיצט, איז זיין כבוד. דאָס באַזיצט נאָר אַ מענטש. אַ חיה האָט עס נישט, אַ חיה קאָן ליב האָבן, בענקען, נעמען נקמה, געדענקען, אָבער כבוד האָט נאָר דער מענטש. מעג ער זיין זאַט, אויב איז עס קעגן זיין כבוד, וועט ער עס פריער אָדער שפּעטער אַוועק־וואַרפן. אַ מענטש קעמפט פאַר זיין כבוד מער ווי פאַר זיין מאָגן. קין און הבל האָבןביידע געהאַט צו עסן. קין האָט געהרגעט זיין ברודער הבל, ווייל ער האָט פאַרלעצט זיין כבוד־געפיל.

איצט ביי דער מלחמה זע איך צוויי זאַכן: די מלחמה וועקט־אויף פון ציוויליזאַציע־שלאָף די חיה אין מענטשן. ער פאַרלירט זיין געפיל פון כבוד. פון כבוד פאַר יענעם.

און דאָס צווייטע, דער כבוד פאַרשיבט זיך אויף צוריקוועגס, אויף צענדליקער טויזנטער יאָרן צוריק, צו דער צייט, ווען דאָס בלוט און דער הונגער זענען געווען די איינציקע פאַקטאָרן פון גאַנצן אָרגאַניזם, אויך פונעם פרימיטיוו־מענטשלעכן און זיי צו שטילן האָט באַטייט צו באַרויקן די רודימענטן פונעם דעמאָלט נייעם געפיל, פונעם כבוד.

מע מוז אַנטלויפן פון יעטווידער מלחמה. ווייל מלחמה הייסט צוריק

צו דער חיה. הייסט צוריקגיין צום צושטאַנד פון אָן כבוד. איך וועל אָנ־הייבן פּלאַנמעסיק עפּעס צו טון אין דער זאַך.

נאָר ביז דעמאָלט וועל איך לויפן זוכן אַ פּאָסטן. דער אמת איז, אַז דאָס איז נישט קיין כבוד פאַר מיר. ס׳איז אָבער מלחמה־צייט. איז נישטאָ קיין ברירה. איך בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט באַקאַנטע, מיט מענטשן אין וואַרשע ווי פאַר אינטער פאַרעס, אַ גלייכער מיט גלייכע, מיט אַ געוויסער בייגונג פון פרימוס אינטער פאַרעס, דער ערשטער צווישן די גלייכע. דאָ וועל איך מוזן זיין עטוואָס וויניקער ווי פאַר אינטער פאַרעס, איז עס אָבער פאַר מלחמה פולשטענדיק געגנוג. פאַרן רעדוצירטן כבוד־געפיל וועט עס סטאַיען.

ד״ר אַלטער נעמט נישט אָן מיין אויפפאַסונג.

איין געפיל ווערט אָבער אין מיר שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, דאָס פאָטער־געפיל. גראָד אויף דעם געביט וואַקסט מיין כבוד־פאַרלאַנג. איך וויל אַז יאַסימעלען, מיין קינד, זאָל נישט פעלן גאָרנישט. זי זאָל האָבן צו עסן, צו טרינקען און מיטלען צום שפּילן. זי זאָל וויסן, אַז זי האָט אַזאַ טאַטן וואָס ס׳וועט איר ביי אים קיינמאָל גאָרנישט פעלן. אויך אין דער מלחמה נישט. דאָס איז מיין פאָטער־כבוד־געפיל.

ד״ר אַלטער ווינטשט מיר דערפאָלג. ער זאָגט מיר אויך, אַז ער איז געוואויר געוואָרן, אַז די צוויי אַמאַליקע־היינטיקע דזשוינט־דירעקטאָרן — גיישטאַדט און גוזיק — אַמטירן און ס׳איז כדאי זיך מיט זיי צו טרעפן.

איצט שפּאַן איך פון איין דורכפאַל צום צווייטן. אַלע מאָל קלאָרער, אַלע מאָל זיכערער.

מיין בן־עיר ד״ר רינגעלבלום, האָט מיך אויפגענומען אַזוי שנעל, אַז איך בין געוועזן זיכער, אַז ער איז דער אָנזאָגער פון דער גוטער בשורה.

האָט מיר ד״ר רינגעלבלום דערקלערט:

— די צאָל עסקנים, וואָס מ׳האָט איינגעלאַדן צו דער אַרבעט שטייגט איבער אַ סך מאָל די צאָל וואָס מע באַדאַרף. צווייטנס, ווייסט מען נאָך נישט, וואָס ס׳וועט זיין מיט זיי, פון וואַנען וועט מען נעמען מיטלען און מעגלעכקייטן זיי אויסצוהאַלטן. דריטנס, אויב מע וועט נאָך דאַרפן נייע עסקנים און נייע פּאָסטנס, אָדער אויף די אַלטע, איז די רשימה פון די, וואָס מ׳האָט שוין צוגעזאָגט אויפצונעמען אַזוי גרויס, אַז ס׳איז נישטאָ אין דער מלחמה קיין אויסזיכט, מע זאָל זיי באַדאַרפן.

— איך בין דאָך עפּעס אויך פאַרשריבן, — האָב איך געוואָלט פאַר־טיידיקן מיינע רעכט.

— יאָ. מע לייקנט עס מיר נישט אָפּ. אדרבא ואדרבא. פאַרשריבן אויף אַ גאָר בכבודיקן אָרט.

איך האָב דערציילט דעם יונגן היסטאָריקער, מיין בן־עיר, ד״ר רינג־געלבלומען, אַז ס׳איז דאָ אַ מעשה פון צוויי אַלטע לייט, וואָס האָבן קיינ־מאָל קיין גוטן טאָג נישט געהאַט. האָבן זיי געבעטן אַ חבר, וואָס איז אין צווישן געשטאָרבן, ער זאָל זיך אינפאָרמירן דאָרט אויבן, וואָס איז די מעשה, אויף אַלע אָרעמע לייט קומט אַמאָל אַ גוטער טאָג, אַ גוטע צייט, און אָן זיי פאַרגעסט מען שטענדיק, קאָנסעקוועגט. נאָך אַ צייט האָט זיי דער חבר מודיע געווען, אַז ער האָט אינטערוועגירט ביים מלאך פון פרנסה און האָט אים געפרעגט די קשיא פון זיינע צוויי אַלטע חברים, האָט דער מלאך געגומען זוכן די רשימות און זייערע נעמען. ווייל דער מלאך האָט פון יעדן מענטש אַ באַזונדערע רשימה, אַ באַזונדער זייטל פון אַ בלעטל. געזוכט און זייערע נעמען נישט געפינען. סטייטש, ווי שייך? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייערע צוויי נעמען זענען געווען אויף צוויי בלעטלעך, איינס לעבן דעם אַנדערן. על־פּי־מקרה האָבן זיך די צוויי בלעטלעך צונויפ־געקלעפּט און ווען דער מלאך טיילט פרנסה און קוקט איבער די רשימות — זעט ער נישט זייערע נעמען.

ד״ר רינגעלבלום האָט מיר געגומען פאַר אומגוט דאָס מעשהלע. ס׳איז כמעט ווי ציניש.

איך האָב איינגעווענדט פונעם פילאָלאָגיש־פאָלקלאָריסטיש־נאַראַ־טיוון שטאַנדפּונקט. אָבער די לאַגע איז געבליבן די זעלבע.

די צוויי אַמאָליקע און היינטיקע דירעקטאָרן, ניישטאַדט און גוזיק, האָבן מיך אויפגעגומען גאָר פריינטלעך, ווי מע נעמט אויף אָן אַלטן, גוטן באַקאַנטן, אויף וועלכן מע וואַרט ממש.

יעדער איינער פון זיי האָט זיך מיט מיר דערפרייט, געוואָלט אויס־הערן וועגן מיינע איבערלעבונגען, זיך אינטערעסירט מיט מיינע איינדרוקן, געווען אינטערעסירט צו הערן מיינע פראָגנאָזן, ווי איך שאַץ אָפּ די לאַגע, מיין מיינונג וועגן די דייטשן, וועגן אויסזיכטן, אַלץ אַלץ. נאָר ווי איך בין, ביים סוף פסוק, צוגעקומען אַ ביסל נענטער צו זיי, אייגנטלעך, צו מיין ענין, ענין פאַסטן און אַרבעט, איז זייער אינטערעס געפאַלן, ווי די

היץ ביי אַ טויטן. אַ קעלט האָט זיי באַהערשט. זיי זענען געוואָרן אין גאַנצן אָפּגעקילט.

היות ווי יעדער פון זיי האָט מיר פריער געגעבן אַ האַנט צום שלום־עליכם, אַזוי האָט ער מיך איצט מיט ביידע הענט געזעגנט מיט אַ געניוועץ האַנטדרוק פון „זייַ־געזונט" און נישט אויף באַלד זיך ווידער צו טרעפן.

אין די פּאָדערצימערן און אין די וואַרטזאַלן האָב איך באַלד געהערט די סיבה פון אָט דעם געזעגענען.

— קיינער פון אונדז וועט נישט קריגן דאָ קיין אַרבעט, קיין פּאָסטן. קצבה ווילן זיי אונדז געבן. שטיצע, אַ ביסל גרינס, אַרבעט נישט — האָט איינגעטענהט איינער.

— מע נעמט דאָך אָבער צו יעדן טאָג נייע, צענדליקער באַאַמטע, עסקנים, ווי זיי רופן דאָס — פּראָטעסטירט אַ צווייטער.

אָבער דאָ האָבן מבינים אויפגעקלערט די סיטואַציע בילדלעך און קלאָר: ס'איז פאַראַן אַ „שליסל". ווער ס'קאָן באַקומען דעם שליסל, דער עפנט די טיר פון פּרנסה, פון אַרבעט, פון אַ פּאָסטן, פון אַן אַמט.

וואָסער שליסל? נישט פונעם הויפּטאייַנגאַנג, נאָר פון דער הינטער־שטער טיר.

דעם דירעקטאָר ניישטאַדט האָט אַ באָמבע צעזעצט זיין וווינונג. זיין פרוי איז געהרגעט געוואָרן. אַ סך מיינען, אַז ס'איז געווען אַן אויס־לייזונג. זי האָט זייער אָפּט און לאַנג געקרענקט. אַן אַלטע פריינדין פונעם קליינעם דירעקטאָר האָט איבערגענומען דעם רעשט פון דער צעשטערטער דירה, דאָס גאַנצע נאָך פרייע האַרץ און די געדאַנקען פונעם דירעקטאָר, זייענדיק אַ שווישפּילערין מיט אַ ברייטן פאַרנעם און עכטן באַהעמישן לעבנס־שטייגער, האָט זי צוזאַמען מיטן פריינד אירן, דעם דירעקטאָר, דערמעגלעכט אַלע טעאַטער־קינסטלער צו פאַרנעמען זייערע אַמטן. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געוווסט פון דער נויטווענדיקייט אָנצופירן ווייטער מיט דער דזשאָינט־אַרבעט און פון די מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַראַן. קלאָר, אַז זי האָט זיך געווענדט צו אירע באַקאַנטע און פריינד, זיי זאָלן קומען איבערנעמען די אַרבעט.

דער דירעקטאָר גוזיק האָט נישט קיין פּראָבלעם פון דעם מין. פונקט פאַרקערט, זיין פאַמיליע־פּראָבלעם וועדט נישט פאַרמינערט, נאָר פאַר־גרעסערט. אַזוי ווי ער האָט אַ גאָר היפּשע פאַמיליע און איז גלייכצייטיק

אַ גוטער מאַן, פֿאָטער, פֿעטער, קרוב און גואל, קאָן ער נישט לאָזן, אַז זיינע משפחה־מיטגלידער זאָלן וואַרטן און אַנדערע זאָלן פֿאַרנעמען די פּלעצער.

— הייסט עס צוויי שליסלען? — האָט זיך דער עולם גענומען וויצלען.

— נישט צוויי נאָר אַ סך. ווייל אַז די צוויי נעמען אַריין: איינער די פֿריינד און דער אַנדערער די קרובים — שווייגן דאָך די איבעריקע דיגניטאַרן אויך נישט. איז נאָך יעדן איינעם נייעם ציִען זיך, ווי אַ שווערע קייט, אַנדערע פֿריינד, קרובים און גואלים. אויב מ'איז נישט פֿון דעם דרייבונד — נישט קיין פֿריינד, נישט קיין קרוב, נישט קיין גואל — איז מען פֿריי פֿון זיצן און וואַרטן אויף אַ פּאָסטן.

אָרעם פֿאָלק מיינס! דו האָסט נישט, וואָס צו פֿאַרטיילן, און דאָס וואָס דו האָסט פֿאַרטיילסטו נישט גוט. דו פֿאַרטיילסט, איידער דו האָסט.

מנחם־מענדלס, מנחם־מענדלס. אין צילינדערס און ביי ביוראָען מיט טעלעפֿאָנען.

מיך האָט איצט מער געאַרט ווי אינטערעסירט דער גאַנצער ענין. איך האָב אים קיינמאָל נישט געוואָלט וויסן און קענען. איצט מוז איך וויסן, מוז איך אים קענען.

נאָך אין פּרצוף פֿון דער מלחמה!

מע קאָן קוים אַראָפּגיין פֿון דאַנען. אויף אַלע טרעפּ, פֿון אונטן ביז צום צווייטן שטאָק אַרויף שטייען מענטשן. נעכטן האָבן זיי אויפגענומען אורחים ביי זייער טיש. היינט גיט מען זיי נישט די רעכט פֿון זיין אַן אורח. ווערט איינער אומגעדולדיק און וויל זיך אַרויסשטופּן, דערמאָנט אים דער פֿאַרטיער — נעכטן נאָך אַ גוט־דערצויגענער, רויִקער בילעטער אין אַ טעאַטער — אַז דאָ שטופּט מען זיך נישט. דאָ וואַרט מען רויִק. אויב עמעץ קאָן דאָס נישט פֿאַרשטיין, פֿעלט נישט קיין אַרגומענט פֿון אַ שטויס, אַ שטופּ און טאַקע אַ גאַר פֿעסטן.

קומט אָן אַ באַאַמטער, אַ דירעקטאָרסקע קרוב, אַ פֿריינד, אַ צוקונפֿטיקער גדול, שרייט דער בילעטער־פֿאַרטיער:

— מאַכט פּלאַץ!

ער שטופּט אַוועק די וואָס דריקן זיך און וואַרטן אין דער ריי און זענען שוין נאָענט פֿון אַריינגאַנג. ער עפֿנט ברייט די טיר פֿאַרן דיגניטאַר און לאָזט אים אַריין. פֿאַרמאַכט באַלד פֿעסט און שנעל די טיר הינטער

זיך, קיינער זאָל, חלילה, פאַר דער צייט נישט אָנקומען אינעם צימערל פון „טרוקענעם ברויט און שיטערער זופּ".

אויף אַ מינוט איז מיר מיין אויג אַזוי ווי פאַרטרערט געוואָרן: דאָס דערוואַרט מיך נאָך אויך? געהערט דאָס אויך צו די נסיונות, מיט וועלכע איך וועל מוזן געפּרווט ווערן, כדי צו ברענגען פאַר מיין קינד אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל זופּ?

* * *

די טעג פאַרגייען אין אַ הינערפּלעט, עפּעס ווי דער צייט־קאַליידאָס־קאָפּ וואָלט בלינד געוואָרן און נישט געזען דעם וועג. מיר האָבן שוין היינט מאָנטיק, דעם 30סטן אָקטאָבער.

פאָרן? אַנטלויפן? וווהין? ווען? מיט וואָס?

אַרבעטן דאָ? אַ פּאָסטן? ווו? ווען?

פּרנסה, ברויט? ברויט מיט וואָס? אויף ווי לאַנג?

איך האָב פאַרלוירן די שפּראַך, מיט וועלכער איך פלעג זיך באַנוצן פאַר דער מלחמה. אפשר נישט נאָר איך?! אַלע רעדן מיר עפּעס אויס־טערליש! אַלע רעדן איינס, שווייגן אַ צווייטס, מיינען אַ דריטס, טוען אַ פערטס!

אַלע! קיינער נאַרט דעם אַנדערן נישט אָפּ, העכסטנס נאַרט ער זיך אַליין!

איך האָב שוין געפּרווט מיט אַלע היגע פריינד זיך צו זען! יעדער רעדט זיינס און טוט נישט זיינס.

ווי פאַרבינדט מען זיינס מיט ניט־זיינס. ווי פאַרבינדט מען זיך מיט די אייגענע געדאַנקען, מיט די אייגענע מעשים.

איך פיל, אַז אין מיר קומט פאָר עפּעס אויסטערלישס.

אַ מין פּסיכאָלאָגישע רעוואָלוציע. און ווי יעדע רעוואָלוציע — פאַר־לאַנגט זי בלוט, קרבנות, התלהבות, גלויבן, מעשים און ריזיקע.

בפירוש, אַ פּסיכאָלאָגישע רעוואָלוציע!

איך בין נישט דער זעלבער. איך וויל נישט זיין דער זעלבער. אַלע אַרום זענען נישט די זעלביקע. אַ שטאַרקער אומטויש קומט פאָר ביי אַלע.

ביי מיר אַן אומשיכטונג, אַן איבערשיכטונג!

פון קאָפּ גייען מיר נישט אַרויס די נישט־דערזאָגטע, אָבער שאַרפע

ווערטער פון מיין בן־עיר ד״ר רינגעלבלום, בעת מיין קורצן באַזוך ביי אים, בשעת מיין זוכן, פאַרלאָנגען אַ פּאָסטן.

ווען איך האָב אים געזאָגט אַ ביסל איראָניש, אַ ביסל אויפגערעגט, אַז מע טאָר נישט באַטראַכטן אַלע גלייך, אַז מע דאַרף וויסן ווי אַזוי אונטערצושיידן, צו וויסן, וועמען מע דאַרף געבן אַ פּאָסטן און וועמען נישט, וועמען פריער און וועמען שפּעטער, האָט ער שטילשווייגיק געצויגן מיט די אַקסלען. איך האָב אים געזאָגט, אַז די גמרא האַלט, אַז ווען צוויי אָרעמע דאַרפן אַ הילף, איינער ברויט און דער אַנדערער אַ זיידן קלייד, כלי־מילת, איז וויכטיקער צו געבן דעם צווייטן דאָס זיידענע קלייד, ווייל ער וועט אָן דעם נישט קאָנען לעבן, אויב ער איז דערצו צוגעוווינט. האָט ד״ר רינגעלבלום מיר רויק אָבער פעסט געענטפערט, אַז אין דער ריכטיקער געזעלשאַפט טאָר מען נישט מאַכן קיין אונטערשידן. אויב יאָ, איז נאָר פאַר די, וואָס זענען געווען פאַר איר פּראָדוקטיוו, פאַר פּראָדוקטיווע עלעמענטן.

פּראָדוקטיווע עלעמענטן! עס גייט מיר נישט אַרויס פון קאָפּ. פון זיינע רייד איז געווען קלאָר צו פאַרשטיין, אַז איך געהער נישט צו די פּראָדוקטיווע עלעמענטן. יעדנפאַלס, האָט ער, ד״ר רינגעלבלום, מיך נישט געהאַלטן פאַר קיין פּראָדוקטיוון עלעמענט, פאַר דעם פּראָדוקטיוון עלעמענט!

איצט רעוואָלטיר איך. צי כ׳רעוואָלטיר קעגן אים אָדער קעגן זיך אַליין? — דאָס איז מיר נישט קלאָר.

הייסט עס, אַז מיין גאַנץ ביז איצטיק שאַפן און לעבן איז נישט געווען פּראָדוקטיוו, מינדעסטנס באַטראַכטן עס אַנדערע פאַר נישט פּראָדוקטיוו.

מיין שאַפן, מיין שרייבן, מיין רעדן, מיין אָרגאַניזירן, מיינע חלומות. אַלץ, אַלץ איז נישט געווען פּראָדוקטיוו. האָט נישט געגעבן גאָרנישט פאַר דער געזעלשאַפט.

געווען אין ישראל, געאַרבעט אויפן פעלד, געהיט יידישע קאָלאָניעס ביינאַכט ווי אַ נאַכט־שומר, געלאָפן מיט לעגיאָנערן און מיט פריצן פון דער משטרה אויף פערד אַלס שומר, אַלס גיבור נאָכיאָגן זיך נאָך בעדואינער! און איך בין נישט פּראָדוקטיוו! קיינעם האָב איך דערמיט נישט געטון קיין טובה.

געגרינדעט און אָנגעפירט מיט אַ ריי אָרגאַניזאַציעס פון יוגנט־שומר ביזן נאַציאָנאַלן השומר און טרומפּעלדאָרישע אָרגאַניזאַציעס. געהאַלטן הונדערטער רעדעס, געמאַכט הונדערטער מאַרשן און אויספלוגן מיט דער יוגנט. פּענער פלעגן פּלאַטערן, יונגע הערצער האָבן געקלאַפּט, ווען איך פלעג אָפּנעמען ביי די נאַציאָנאַלע שומרים די שבועה פון טרייקייט צום פאָלק און צום אייגענעם איך. הונדערטער יונגע הערצער זענען אויף איי־ביק געוואָרן אָנגעשטעקט מיט התלהבות, גלויבן און דערהויבנקייט אין די וועלדער פון ליטע און וואָלין, אין גראָדנע, אין קאָוועל, ווען ס׳פלעגט נאָך די סקויטישע שפּילן, אָפּהילכן די שבועה פון השומר־הצעיר צו זיין אַ מענטש — אַ ייִד, צו גלייבן אין אמת און ריינקייט, צו זיין געטריי דער הויכער מענטשלעכער שליחות. יונגע ביתרים זענען נאָכגעלאָפן נאָך דעם שליטן, מיט וועלכן איך בין געקומען אויף אַ באַזוך צו זיי, אָדער אָוועקגעפאָרן פון זיי. אין די שווערע פוילישע קעלטן, שנייען און פרעסט זענען זיי געלאָפן שנעל, שנעל, ווי ס׳האָבן געיאָגט די פערד, כדי צו זיין נאָך אַ ווייל מיט מיר, לעבן מיר.

און דאָס אַלץ איז געווען נישט פּראָדוקטיוו?

אפשר איז עס געווען מער פאַר מיין כבוד וועגן, ווי פאַרן כבוד פון דער זאַך, פון דער אידיי. אפשר האָב איך געדינט מיין כבוד און געמיינט אַז איך דין דער געזעלשאַפט. איך האָב עס אַפילו נישט געפילט, נישט פאַרשטאַנען. פּונקט ווי מיין מוטער האָט געזאָגט, אַז דער שטאָט־חכם פון בוטשאַטש פלעגט זאָגן:

— אַן עגאָאיסטישע וועלט איז די דאָזיקע וועלט. אַלע מענטשן מיי־נען זיך. נאָר איך איינער, נעבעך, מיין מיך!

האָב איך געמיינט מיך. מיך אַליין? בין איך געווען נישט פּראָ־דוקטיוו?

און מיינע ביכער? אָט הער איך דאָך אַלע מאָל, אַז מיינע ביכער, בעיקר מיין בוך „ארץ־ישראל־נעכט“, וואָס איז דערשינען אין גאַנצע עלף אויפלאַגעס — דאָס איינציקע פון דעם מין אין פוילן — האָט געשטאַרקט ייִדישע נפשות; האָט אַ סך צוגעהאָלפן אויסצוטראָגן ארץ־ישראל אין די ציטערנדיקע און אומרויִקע הערצער פון דער ייִדישער יוגנט. נישט גע־ווען קיין ייִדיש־נאַציאָנאַלע יוגנט־באַוועגונג, וואָס זאָל זיך נישט האָדע־ווען אויף מיינע ביכער און מיינע אויפקלער־בראָשורן וועגן „יוגנט־ציוי־

ניזם". „דער נייער וועג" האָט צעמענטירט און געשאַפן וועלט־אַנשויונ־
גען ביי הונדערטער, ביי טויזנטער יונגע מענטשן.

איז דאָס אַלץ נישט פּראָדוקטיוו?

הייסט פּראָדוקטיוו — שאַפן ווערטן פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס זי
וויל האָבן, נישט אַזעלכע ווי דו פאַרשטייסט, אַז זי דאַרף האָבן. נאָכ־
גיין נאָך דער געזעלשאַפט אָדער זי נאָכציִען, לאָזן נאָכגיין נאָך דיר? אָט
דער אייביקער וויכוח ביי יעדן שאַפנדיקן מענטש איז איצט ביי מיר ברע־
נענדיקער געוואָרן.

איך וויל מיר קלאָר מאַכן: האָט מיין לעבן, מיין שאַפן געהאַט אַ
ווערט? איצט, ווען איך טרעף זיך אָן ביי אַ פּרווו, ביי אַ נסיון, ווו איך
שטיי פאַר אָן עקזאַמען פון לעבן: איך דאַרף האָבן יענעם און נישט ווי
ביז איצט — יענער האָט מיך באַדאַרפט! איצט מוז איך דאָס וויסן —
בין איך געווען פּראָדוקטיוו?

אפשר איז ד"ר רינגעלבלום אַ יחיד, עקסטרעם לינק אין זיינע ציו־
ניסטישע אַנשויונגען קום איך אים פאַר, ווי אַן עקסטרעם־רעכטער. אַ
ביסל פרעמד, נישט וויכטיק. אפשר בין איך פאַר זיין געזעלשאַפט, ווי
ער פאַסט אויף געזעלשאַפט, געווען נישט פּראָדוקטיוו.

אַ האַרבע קשיא! און וואָס מיין איך אַליין? ביז איך געווען פּראָ־
דוקטיוו פאַר דער געזעלשאַפט?

איך וויל וויסן צוויי זאַכן, וויסן פאַר זיך אַליין! צי מוז איך נעמען
דווקא דעם קריטעריום פון שאַפן דעם ריין געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג? איך
בין נאָך נישט זיכער, אַז דאָס איז דער פּרוּווּשטיין. מינדעסטנס, האָב איך
עס ביז היינט נישט גענומען פאַרן עיקר. דער מענטש ווי אַ יחיד, דער
איך, איז ווערט צו זיין אַליין דער קריטעריום פון שאַפן און ווירקן. צי
איז נישט דער העכסטער אידעאַל פונעם לעבן — דאָס לעבן אַליין. פאַר־
שענערן דאָס לעבן, נישט נאָר דאָס מאַטעריעלע, אויך דאָס גייסטיקע,
עמאָציאָנעלע, אַפילו מיסטישע לעבן, איז נישט ווייניקער וויכטיק, ווי
דאָס געזעלשאַפטלעכע.

ווידער הייסט געזעלשאַפט פונקט, ווי זיי מיינען דאָס. איך גלייב
נאָר אין איין געזעלשאַפט — אין פאָלק. די איינציקע געזעלשאַפטלעכע
פאָרעם, וואָס איז געווען, איז און וועט זיין אייביק איז די נאַציע. אַלדאָס
אַנדערע איז צוגעבויט. פון זיין סאָציאַלן קלאַס קאָן אַ מענטש אַרויס.

היינט איז ער אָרעם, מאָרגן איז ער רייך. פון זיין קולטור־מצב קאָן אַ מענטש אַרויס, היינט איז ער אַן אינטעליגענט, מאָרגן — אַז ער וויל איז ער אויס. נאָר פון זיין נאַציאָנאַלן איך קאָן קיין מענטש נישט אַרויס־גיין. זיכער אונטערשייד איך זיך דערמיט מיט רינגעלבלומען. ווירקן פאַר מיין געזעלשאַפט, פאַר מיין אויפפאַסונג איז זיכער נישט־פּראָדוקטיוו פאַר זיין געזעלשאַפט.

אָבער איך, איך בין צופרידן מיט איר, מיט מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט מיין פּראָדוקטיוויטעט פאַר דער געזעלשאַפט.

דער עיקר, האַלטן אַנדערע, אַז איך בין געווען ניצלעך, פּראָדוקטיוו פאַר זיי.

אַ שווערע תשובה פון דעם, ווי רינגעלבלום, גוזיק, ניישטאַדט, טשער־ניאַקאָוו און די אַנדערע נעמען זי אויף — קאָן איך באַקומען אַ נעגאַ־טיווע תשובה. זיי האַלטן נישט אַז איך האָב עפּעס אויפגעטון אַזוינס, וואָס זאָל פאַרדינען אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פון זייער זייט. אין ערגעץ האָט מען נאָך נישט געזאָגט, אַז מיר קומט עפּעס ספּעציעלס, אַז פאַר מיינעטוועגן וועט מען טון עפּעס באַזונדערס, וועט מען צוקלערן צו שאַפן עפּעס ספּעציעלס.

הייסט עס, אַז איך בין עס נישט ווערט, איך האָב גאָרנישט נישט געטון, אָדער אַנדערע זענען גאָרנישט ווערט, זיי ווילן עס נישט אָפּשאַצן.

אָדער אפשר איז דאָס אַ מלחמה־דערשיינונג, אַ מלחמה־פּסיכאָלאָ־גיע, אין וועלכער דער עגאָיזם ווערט דער הערשער פון מענטשנס נשמה, ווערט דער באַלעבאָס פונעם גאַנצן גייסטיקן אַפּאַראַט פון יחיד. די זאָרג און מורא פאַרן איך ווערן שטאַרק און מעכטיק.

זיי פאַרייאָגן אַנדערע געפילן. אויפן טראָן זיצט דער עגאָ און אַלע אַנדערע געפילן, אמת, גלויבן, הילף פאַר יענעם — שטייען אָן אַ זייט, ליגן אונטערן טראָן. אויף זיי, אויף זייערע לייבער איז אויפגעבויט, אויפ־געשטעלט דער טראָן פון אַלמעכטיקן, איינציקן עגאָ־איך.

דאַכט זיך, אַז איך דערנענטער זיך צום אמת. איך בין אויך אַזוי.

די מלחמה איז אַ שרעקלעכער מייסטער, אַ שוואַרצער לערער, אַ מיאוסער גאָט!

ער קערט איבער פון ווייס אויף שוואַרץ, פון פינצטערניש אויף ליכט, פון גוט אויף שלעכט.

די מלחמה! זי איז עס די וויג פון דער גרויסער חיה. די חיה אין מענטשן וואַרט, ביז ס׳וועט קומען די מלחמה און זי וועט זיך קאָנען זאַט אָנעסן, פּראַווען איר סעודה. געגוג צו זען די בעסטיאַלישקייט און ווילד־קייט פון די דייטשן, דאָס שלעכטס, די פאַלשקייט פון די פּאָלאַקן, וואָס ווייזט זיך יעדן טאָג מער אַרויס און אויך פון די אייגענע, פון די ייִדן, ווו די זאָרג פאַר זיך און פאַר דער משפּחה איז געוואָרן אַזוי דאָמינירנדיק, אַז זי פאַרטרייבט אַלץ און אַלעמען.

מיין וועג איז איצט אָנגעצייכנט. אין דער געזעלשאַפט וויל איך נישט און טאָר נישט בלייבן.

איך מוז אַוועק. אַוועק דאָרט, ווו עס איז קיין מלחמה נישטאָ. מיין וועג איז איצט ארץ־ישראל. דער מזרח איז דער צוקונפטיקער כוח פון דער וועלט, אין מזרח האָט געלויכטן די זון פון דער מענטשהייט, דאָרט וועט זי אויך ווייטער לייכטן. ארץ־ישראל בויט זיך. ביי איר איז דער קאַמף אַ בוי־מיטל און נישט פאַרקערט דאָס בויען אַ מיטל צו פירן מלחמה, ווי ביי די דייטשן און זייערע אָנהענגער.

און מיטלען צום פאָרן? און פּרנסה ביז צום פאָרן?

דער וועג וועט זיך געפינען.

איך האָב צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון מיין צענטראַל־קאָמיטעט. גוטקאָווסקי איז אַוועק. זיין פרוי איז טיף פאַרזאָרגט. זי ווייסט נישט וועגן זיין גורל.

פון די אַנדערע זענען געקומען כמעט אַלע. עס זענען געווען אַדוואָ־קאַט לאַבענצקי, מיין וויצע ד״ר ליפּמאַן, לוי ייִנגסטער, דער קאַסיר, משה לייזעראָוויטש, מרדכי אונגער.

איך האָב פאַר זיי רעפערירט מיינע באַאָבאַכטונגען. די מלחמה איז אונדזער סוף. זי וועט אונדז אויסענדיקן גייסטיק נאָך איידער זי וועט אונדז טויטן פיזיש.

מיר, די ציוניסטן, האָבן נישט באַוויזן צו דעראָבערן קיין שום פּאָ־זיציעס, נישט פריִער אין פרייען פּוילן, נישט איצט, אין מלחמה־צייט. אַלע פּאָזיציעס זענען באַזעצט מיט אַסימילאַטאָרן ווי אין דער קהילה, און לינקע ציוניסטן אָדער בונדיסטן, אַזוי ווי אין דזשאָינט, אין דער פיליאַל פון לעשנע און אַזוי ווייטער.

וואָלטן מיר באַדאַרפט אָנהייבן אַ קאַמף מיט אַט די עלעמענטן פאַר

דעראָבערן פּאָזיציעס! איז ערשטנס קאָנען מיר עס נישט. זיי טויגן דערצו בעסער. צווייטנס איז נישט כדאַי. אונדזער וועג איז איצט — אויס נויט — צו רעאַליזירן אַן עליה, אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל.

לייזעראָוויטש און אונגער האָבן אונדז אינפאָרמירט וועגן אַ באַוועגונג, וואָס קומט פאָר ביי דער יוגנט. די ציוניסטישע יוגנט פון אַלע קרייזן הייבט זיך אָן אָרגאַניזירן! ווייזט אַרויס, אַז יוגנט איז נאָך דער כוח פון שאַפן, וועלכן ס׳קאָן אַפילו די מלחמה נישט אָפּהאַלטן. זיי האָבן אויך אינפאָרמירט, אַז אין וואַלין אַרבעט אַ ספּעציעלע גרופּע פון יידנשטאָטלער, דער עיקר אין די וועלדער אָדער געגנטן פון האָראָכאָוו אָדער הרוביעשאָוו.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך פאַרשטענדיקן מיטן דעפּוטאַט האַרטגלאַס, ווי דער עקסטער ציוניסטישער אויטאָריטעט, פאָרזיצער פון די יידישע סיים־דעפּוטאַטן, מיטן דזשאָינט, מיט דער יוגנט און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון עמיגראַציע.

ייִנגסטער האָט נאָך רעפערירט וועגן אַ נויטווענדיקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט ארץ־ישראל און מיט אויסלאַנד וועגן דעם ענין.

די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

אין דער היים איז מיר וואַנדע אַנטקעגנגעקומען מיט אַ גרויסער שמחה. די דייטשן האָבן שוין באַוויזן איינצופירן אָרדענונג אין לאַנד. אַלע איינוווינער זענען געוואָרן רעגיסטרירט און איצט האָבן זיי אַרויסגעגעבן באָנעס, יעדער איינער האָט באַקומען אַ ביכעלע, פון וועלכן ער רייסט אַרויס אַ בלעטעלע און דערפאַר באַקומט ער פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל ברויט, צוקער, גרינוואַרג. ס׳איז אויך פאַראַן אַ בלעטעלע פאַר פלייש. דאָס מיינט, אַז אַמאָל וועט מען אויך באַקומען אָט דעם גבירישן מאַכל — פלייש.

די שמחה אירע איז גרויס. זי איז אַפילו שוין גרייט מוחל צו זיין די דייטשן אַלע צרות, וואָס זיי האָבן אָנגעטון, אַפילו דאָס וואָס זיי האָבן דעראָבערט פוילן און אַוועקגערויבט איר פרייהייט.

אויך אַנדערע פאַלאַקן זענען פול מיט שמחה. מע זעט, זאָגן זיי, אַז דער דייטש וויל זיי נישט טון קיין שלעכטס. ער האָט נאָר געוואָלט פאַריאָגן די שלעכטע אָנפירערס.

אַזוי קורץ איז דער פּוילישער פאָלקס־זכרון!

אָבער פנינה האָט מיר באַלד אינפאָרמירט, אַז די זאַך זעט אויס

גאַר, גאַר אַנדערש. די דייטשן האָבן איינגעפּירט באָנעס פון דריי קאַטע־גאָריעס. אַלדאָס גוטס פאַר דייטשן, מיטלמעסיקע קעסט און שפּייז פאַר פּאָלאַקן, און הונגער־פּאָרציעס פאַר ייִדן. דריי מינים באָנעס. דערמיט מאַכן זיי שוין אַן אונטערשיד און טיילן די באַפעלקערונג אויף דריי קאַ־טעגאָריעס, די באַלעבאַטים זענען די דייטשן, די איינוווינער — די פּאָ־לאַקן, מינדערווערטיקער עלעמענט — די ייִדן.

נאָך אַ חכמה באַצוועקן די באָנעס. די גאַנצע שפּייז וועט געגעבן ווערן פון פּוילנס פעלדער, פון פּוילישער אַרבעט, פּוילישע מאַגאַזינען. זיי ווילן, הייסט עס, פון פּוילנס נאַטירלעכן פאַרמעגן נעמען עסן פאַר זיך און אויך פאַר די פּוילישע בירגער. דער עיקר, זיי ווערן די באַלעבאַטים פון פּוילנס האָב־און־גוטס, פון פּוילנס אַרבעט. זיי ווילן פאַרטיילן דאָס, וואָס דער פּוילישער פּויער וועט אויסאַרבעטן.

אַזוי אַרום האָבן זיי געטאָטשעט פּויליש בלוט, געלאָזט רינען טייכן בלוט, כדי זיי זאָלן באַהערשן דאָס לאַנד. איצט ווילן זיי טאָטשען פּוי־לישן שווייס, לאָזן אַרבעטן פּוילישע פּויערן און זיי ווילן זיין די פּאַרטיי־לער פון דער פּוילישער האַרעוואַניע.

און דער ייִד וועט שוין ווערן דעגראַדירט. אין דעם לאַנד, ווו ער לעבט, ווו ער שאַפט, ווו ער ווירקט, ווו ער האָט אויפגעשטעלט פאַבריקן און הייזער, געשעפטן און אינסטיטוציעס. אַ לאַנד וואָס האָט דעם ייִדן צו פאַרדאַנקען זיין ווירטשאַפטלעכן אויפבוי — וועט דער ייִד איצט ווערן אָפיציעל דערנידעריקט. ביז איצט האָט דער ייִד אין פּוילן גענאָסן פון אַ ווירטשאַפטלעכן בויקאָט און קאָנסטיטוציאָנעלער גלייכקייט. איצט וועט ער זיין ווירטשאַפטלעך און קאָנסטיטוציאָנעל אַ בירגער פון אַ נידעריקע־רער מדרגה, אַ דעגראַדירטער.

מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט מיט אונדזערע פּאָלאַקן, וואָס האָבן געוווינט ביי אונדז אין הויז און באַמערקט, אַז זיי זענען אין כעס אויפן אָקופּאַנט, פאַרוואָס ער האָט צוגעטיילט די דייטשן גרעסערע פּאָרציעס ווי די פּאָלאַקן. זיי פאַרשטייען אָבער דעם דייטש, אַז ער האָט געדאַרפט צו־טיילן די ייִדן פאַרקלענערטע פּאָרציעס.

יאָ, זיי זענען גוטע פּסיכאָלאָגן, די דייטשן. זיי פאַרשטייען עס גוט. זיי וואַרפן צו דעם נאַרישן פּאָלאַק דאָס קליינע ווערעמל, דעם ייִדן, און דערמיט כאַפּן זיי אים אויף דער נעץ. איך האָב איצט נאָכן געשפּרעך מיט

מיינע פּאָלאַקן נישט געוווסט, וואָס ס'וועגט ביי זיי איבער — די ליבע צו פוילן, צי די שנאה צו יידן.

דאָס טויזנטיאָריקע צוזאַמענלעבן פון די ייִדן מיט די פּאָלאַקן האָט געבראַכט, נאַטירלעך צי נישט, יעדנפאַלס — אַ זיכערע שנאה צו ייִדן.

די טויזנטיאָריקע געשיכטע פון די פּאָלאַקן האָט געשאַפן אַן אינער־לעכן האַס צום דייטש, צום גערמאַן, וואָס האָט אַלע מאָל צעשטערט די פּוילישע מלוכה, באַדראָט גרענעצן, באַרויבט שטיקער לאַנד פון איר.

איצט שטייען די צוויי שנאות — איינע אַנטקעגן דער אַנדערער. דער דייטש, איז נישט־קלוג אויף אַ לאַנגער דיסטאַנץ. ער איז אַ פּסיכאָ־לאָג אויף קורצע תקופות. ער זעט נישט ווייט, אָבער שטאַרק — וואָס ס'איז נאָענט צו זיין אויג. צו זיין נאָז. וויל ער איצט, דער היסטאָריש־קורצזיכטיקער און מאָמענט־ווייטזיכטיקער פּסיכאָלאָג, אויסניצן די פּוי־לישע שנאה צו ייִדן פאַר אַ געווער צו פאַרטרייבן די פּוילישע שנאה צו אים אַליין.

צו מיין טיפן באַדויערן זע איך, אַז אונדזערע פּוילישע פריינד לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע. אַלע, מיט וועמען מיר האָבן גערעדט, האָבן נישט פאַרהוילן די שמחה פון דעם צושטאַנד, אַז ייִדן וועלן באַקומען ווייניקער פון זיי; אַז ייִדן וועלן באַטראַכט ווערן פאַר נידעריקער, פאַר מינדערווערטיקער פונעם אמתן פּאָלאַק. דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אין האַרצן מוחל געווען דעם דייטש, וואָס ער האָט זיי דעגראַדירט אין פאַרגלייך מיט די דייטשע בירגער.

וואַנדע האָט געוואָלט אָפּגעבן אירע פּוילישע באַנעס, כדי צו זיין גלייך מיט אונדז. אַזאַ איראָניע פון גורל! מיר האָבן זי נישט געלאָזט, צוליב ריין עקאָנאָמישע סיבות. אַ וויכטיקע באַנע, אַ פּוילישע, קאָן אַמאָל צוניץ קומען.

איך האָב ריזיקירט אַ פראַגע. מיינעם אַ פריינד, אַ דאָקטאָר, האָב איך געפרעגט, צי וואָלטן די פּאָלאַקן נישט באַדאַרפט פּראָטעסטירן קעגן דער דייטשער האַנדלונג און אפשר נישט אָננעמען די באַנעס צוליב די צוויי טעמים: די דייטשן באַקומען מער פון זיי, די ייִדן ווייניקער פון זיי. די תשובה פון מיין פּוילישן פריינד, ד"ר שטאָמפּקאַ, איז געווען קלאָר און איינטייטיק:

— דו ווייסט, אַז איך בין אַ פריינד פון ייִדן און אַ שונא פונעם

דייטש. אָבער מיר זענען איצט אין אַ מלחמה. דער זיגער דיקטירט אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן אים נישט באַזיגן. און דאַן, דאַן וועלן מיר שוין וויסן וואָס צו טון.

יאָ, גאָט, באַשיץ מיך נאָך פון מיינע פריינד, פון די שונאים וועל איך זיך שוין אַליין זוכן צו באַשיצן. אויפן ערגסטן פאַל וועל איך וויסן ווו זיי זענען און ווי אַזוי זיך פאַר זיי אויסצוהיטן.

די שמחה אין פוילישע הערצער איז געווען גרויס און אין די ייִדישע האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט דער טרויער און דער צער.

פּאָלאַקן זענען נישט אונדזערע, אויף אונדזער צד. זיי זענען געוויינ־לעך אַנטיסעמיטן. אָבער אַז די שנאה צו אונדז איז גרעסער ווי די שנאה צום דייטש, צום פּרוסאַק — דאָס האָבן מיר נישט געוווסט. און אפשר זיי אַליין אויך נישט.

אין פייער דערקענט מען דעם איידעלן מעטאַל. אַ גוטער ווערט נאָך איידעלער, פיינער; אַ שלעכטער ווערט פאַרברענט.

דער שלעכטער מעטאַל פון פוילישער שנאה צו ייִדן, פאַרברענט זיי און קאָן פאַרברענען אַפילו פוילנס זעלבסטשטענדיקייט. דער דייטש וועט זיי געבן לעקעכלעך — דעם ייִדן, זיין פאַרמעגן, זיין באַזיץ און ביי זיי צונעמען זייער פרייהייט, זייער לאַנד, זייער נאַציאָנאַלן פּרצוף און וועזן.

איך האָב זיך געווענדט צו דער קהילה, כדי מיט די אָנפירערס אַרומ־צורעדן ביידע ענינים, אַ פּאָסטן ביז צום פאַרן און שאַפן אַ קאָמיסיע וועגן עמיגראַציע.

די קהילה איז פּלוצלינג אויפגעריכט געוואָרן. דער דייטש האָט איר איבערגעגעבן די רעכט צו פאַרטיילן די באַנעס. ייִדן האָבן שוין באַקומען מאַכט, הערשאַפט.

איך דערקען זיי איצט קוים. ערשט יענע וואָך האָבן מיר גערעדט צווישן זיך, ווי גלייכע מיט גלייכע. היינט האָבן זיי שוין נישט קיין צייט צו רעדן. זיי בעטן איבער, זיי זענען פאַרנומען מיט רעגיסטרירן די באַ־פעלקערונג, איבערגעבן די באַנעס, קאָנטראָלירן צי מע מאַכט נישט קיין פאַלשקייטן, שאַפן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס וועט באַקומען די פּראָ־דוקטן, אַ קאָמיסיע, וואָס וועט פאַרטיילן די פּראָדוקטן, אַ קאָמיסיע, וואָס וועט אַכטונג געבן אויף יושר, ערלעכקייט און אַנדערע מעלות־טובות.

דער פּרעזידענט איז פאַרנומען, מע קאָן צו אים נישט צוקומען, מיט

אים אַרומרעדן אָט די אַלע ענינים. מ׳האַלט זיי איצט פאַר מינדערוויכ־טיקע, עמיגרירן, פאָרן, צוערשט מוז מען פאַרזאָרגן דעם עולם מיט ברויט, מע זאָל קאָנען לעבן.

מיר הייסט מען זיך פאַרשטענדיקן מיטן וויצע־פּרעזידענט יאַשונסקי, דעם געוועזענעם בונדישן פירער און אידעאָלאָג. ער, דער אָפיציעלער נייַן־זאָגער, דער קעגנער פון עמיגראַציע, דער אידעאָלאָג פון דאָ־בלייבן, וואָס האָט געהאַלטן אונדז ציוניסטן פאַר פאַנטאַזיאָרן, נאַראָנים, אָפּנאַרער, אַפילו פאַר פאַרברעכער, וואָס ווילן אָפּרייסן די ייִדישע מאַסן פון דער ווירקלעכקייט און זיי אַריבערפירן צום אַראַבישן פּאַלעסטינע — ער דאַרף עס מיט מיר אַרומריידן די פּראָבלעמען פון אונדזער עמיגראַציע.

די קהילה, די ייִדישע „רעגירונג“, ווי מע רופט זי, אַרבעט שוין אויף אַלע נעגאַטיווע כלים. אונדזער „רעגירונג“ האָט שוין געכאַפּט אַלע פוילע שטיקלעך פון אַלע רעגירונגען און באַאַמטע אויף דער וועלט מיטן ענג־לישן „ציוויל סערוויס“ צוזאַמען.

זיי זאָגן דיר נישט אָפּ. אדרבא, זיי האַלטן, אַז דיין זאַך איז אַ וויכ־טיקע און האָט אַ גרויסע באַטייטונג. נאָר אַזוי ווי זי האָט אַ גרויסע באַ־טייטונג און איז וויכטיק — טאָר מען עס נישט באַהאַנדלען אַזוי איינפאַך, אַזוי כאַפּנדיק, אויף איין פוס. מע מוז אַוועקגעבן דערויף אַ סך צייט און קאָפּ, מע דאַרף דערצו ווידמען אַ סך געדולד, מע מוז האָבן גרויס פאַר־שטענדעניש. צוליב דעם — מוזסטו קומען אַן אַנדערש מאָל, ווען די וויכ־טיקע און די הויפּט־רעפערענטן און באַאַמטע וועלן האָבן צייט. דאַן וועט מען זיך אַוועקזעצן באַטראַכטן די זאַך און קלערן ווי אַזוי מע קאָן עס רעאַליזירן.

זייענדיק געניט אינעם אופן פון באַהאַנדלען ענינים — איך בין דאָך שוין אַליין אַזוי פיל מאָל געזעסן פון יענער זייט שרייבטיש, ווו איך בין געווען דער רעפערענט, און דער וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר ביים טיש, איז געווען מיין קליענט, — האָב איך באַלד דערקלערט מיינע פריינד פון דער קהילה, אָדער ווי מע רופט זיי איצט דעם יודנראַט, אַז מיין זאַך, מיין פאָרשלאָג איז באמת נישט קיין ענין פון קיין יחיד. די פראַגע פון עמיגראַציע איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט פון דער ייִדישער באַפעל־קערונג, יעדנפאַלס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, וועמען דער דייטש וועט צוערשט פאַרכאַפּן, ווי ער האָט עס געמאַכט אין דייטשלאַנד, עסט־

רייך און טשעכאָסלאָוואַקיע. אָבער מיינע נייע הערשער, די באַאַמטע און פירער פונעם יודנראַט האָבן צענומען די הענט מיט אַ באַוועגונג פון הילפלאָזיקייט. זיי האָבן מיר געוויזן, אַז איצט איז די פראַגע פון לעבן פון די ייִדן אין וואַרשע און פראַגע — ברויט און דאָס האָט די געשטאַפּאָ זיי איבערגעגעבן — מוזן זיי מיין זאַך פאַרשיבן, לאָזן דערווייל אין אַ זייט.

מיינע אַרגומענטן, אַז ס׳איז מיר שווער צו קומען צו זיי יעדעס מאָל, ווייל אין גאַס שטייען סאָלדאַטן און עסעס־לייט, וואָס כאַפּן צו דער אַרבעט, אַ חוץ דעם דרייען זיך סתם סאָלדאַטן מיט רייטפּייטשן און בייטשן און שלאָגן — האָט געהאַט דעם זעלבן דערפאָלג, ווי מיין פריערדיקע אַרגומענטירונג.

זיי, די פירער פון ייִדנראַט און זייערע באַאַמטע האָבן איצט באַקומען ספּעציעלע פּאַספּאָרטן. די דייטשן האָבן עס גערופן „שיינען" און מיט דעם שיין האָבן זיי רויִק געקאָנט גיין אין גאַס, מע זאָל זיי נישט כאַפּן צו דער אַרבעט. האָבן זיי דעריבער געהאַט צייט.

איך האָב אָבער געפילט אַ קאָנוואולסיוון קורטש אין מיין גאַנצן וועזן, עפּעס אַ דראַנג, אַ מיסטישע שטים און אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, וואָס האָבן מיר געהייסן איינעמען „קוילן און ביקסן" און נישט נאָכלאָזן. עפּעס האָב איך ווי געפילט, אַז דאָ בלייבן הייסט: טויט. אַוועק פון דאַנען — איז דער וועג צום לעבן. איך האָב נישט נאָכגעלאָזט, ווייל ס׳האָט מיך אויך נישט נאָכגעלאָזט „אָדער עמיגרירן אָדער קראַפּירן" — האָט ליפּמאַן פאָרמולירט אונדזער אַרבעט. אַזוי האָב איך זי אויך איצט געפילט. עמיגרירן הייסט פרייהייט, באַטייט לעבן, הייסט שאַפן. דאָ בלייבן הייסט תפיסה, מיינט פינצטערניש, חורבן, מער ווי טויט.

איך האָב זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק, נישט זעענדיק, נישט געוואָלט באַמערקן, ווי די באַאַמטע שאָקלען שוין מיט די קעפּ איינער צום אַנדערן, ווען איך קום אַריין און גיי צו זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן איינער צום צווייטן: „דער נודניק איז שוין ווידער דאָ". „אַן אומגליק, ווי ווערט מען פון אים פּטור".

איך האָב נישט געוואָלט זען, נישט הערן. איך האָב אויסגעניצט מיין אַמאָליקן אויטאָריטעט, מיין באַטייט ווי אַ מענטש און פּערזאָן און איך האָב אָנגעהויבן פון ס׳ניי.

און איך האָב געפּועלט... פאַרנאַכט־צו, ווען דער הו־האָ איז געוואָרן

אַביסל שוואַכער, מ׳האָט שוין אָפּגעטרונקען די ביוראָ־טיי מיט אַ פּאָר הוספות, ווייל ס׳איז שוין געווען אַ יידל, וואָס האָט צוגעשטעלט די אַלע ביוראָ־באַקוועמלעכקייטן אין אַ גענוגנדיקער מאָס, — האָב איך זיך אויך געלאָזט מכבד זיין מיט אַ גלעזל טיי. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער גאַסטגעבער מיינער, מנחם רעמבאַ, אין דער ראָל פון אַ סעקרעטאַר, מיינט, אַז נאָכן טרינקען וועל איך, אַלס דאַנק, באַלד אַוועקגיין. איך האָב אָבער דאָס מאָל נישט געוואָלט זיין אַזוי פיין־פילנדיק און ווי נאָר מיר האָבן אויסגעזופּט צו פּאָר גלעזלעך טיי האָב איך אָנגעהויבן גאָר פון אָנהייב.

רעמבאַ, וואָס איז אַליין געווען אַ גוטער ציוניסט, פון אַ ציוניסטי־שער משפּחה מיט אַ טראַדיציע פון ציוניזם אין לעבן און ביי דער אַר־בעט, האָט זיך באַצויגן צו מיר, ווי צו אַ ציוניסטישן וועטעראַן און מנהיג, מיט אַ געוויסן רעספּעקט און צוגענייגטקייט. ער האָט מיך סוף־סוף פאַר־בונדן מיטן געהעריקן רעפערענט און מיטן פּרעזידענט טשערניאַקאָוו — דער „עלטסטער פון די יידן", ווי די דייטשן האָבן אים איצט אַ נאָמען געגעבן. מ׳האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל צושטעלן דעם יידנראַט אַ שריפט־לעכן מעמאָראַנדום וועגן דעם גאַנצן פּראָבלעם עמיגראַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען די צילן פון דער עמיגראַציע, די לענדער, וווהין מע וויל עמי־גרירן, די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, וואָס די עמיגראַנטן באַזיצן און אויך ווי שטעלן מיר זיך פאָר די לעגאַלע זייט פון דער עמיגראַציע.

דעם אמת געזאָגט האָב איך חוץ דעם ווילן פון אַנטלויפן מער גאָר־נישט געוווסט. איך האָב נישט געהאַט פון קיינעם קיין פולמאַכט, נישט געוווסט ווער ס׳וויל פאָרן. און נישט געהאַט קיין אָנונג וווהין מע וויל פאָרן, וואָס פאַרע מיטלען די צוקונפטיקע פאָרערס באַזיצן. איך האָב נאָר געוווסט דריי זאַכן, אַז מיין צענטראַל־קאָמיטעט, דאָס זענען פינף אָדער זעקס יידן, האָבן גערעדט וועגן פאָרן, אַז קיין געלט האָבן מיר נישט, אַז אַנטלויפן ווילן מיר, וווהין די אויגן וועלן טראָגן, אַבי נישט זיין דאָרט ווו ס׳באַלעבאַטעוועט דער דייטש אָדער דער רוס. און אויב דאָס מזל וועט אונדז געבן אַ לאַך אין פּנים אַריין, פּונקט בשעת דער מלחמה, וועלן מיר אָנקומען קיין ארץ־ישראל. מיט איין וואָרט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן, האָב איך נישט געוווסט, און וואָס איך האָב יאָ געוווסט — האָבן זיי נישט געוואָלט און נישט געטאָרט וויסן.

אויב אַזוי, האָב איך באַלד מסכים געווען, אָנגענומען דעם פאָרשלאָג

און באַשלאָסן גאָר אין גיכן צוצושטעלן אַ מעמאָראַנדום, וואָס זאָל געבן אַ קלאָרע תשובה אויף די אַלע געשטעלטע פראַגן.

איך בין געגאַנגען צוריק פון דער קהילה דורך רינקאָווע־גאַס, ווו ייִדן האָבן, ווי פון אונטער דער ערד אויפגעשטעלט ביידלעך, קרעמלעך און מ׳האַנדלט און מע פאַרקויפט. פונקט ווי אין לאַסקאַזשעווו.

הינטער מיר האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן, צו יאָגן, צו שפּרינגען. איך לויף אויך, איך יאָג אויך גלייך מיט אַלעמען.

איך בין אַריין אין אַ טויער, פון טויער אין דריטן הויף אַריין. אַרויף אויפן העכסטן שטאָק. ווי אַנדערע. פונקט ווי אַנדערע.

באַלד האָט אונדז די לויפער־פּאָסט מודיע געווען, אַז ס׳איז נישט דאָס. מע כאַפּט נישט צו דער אַרבעט. אַן אַנדערע סכנה.

די הויכע וואַנט פון רינקאָווע 1 איז איינגעפאַלן און באַגראָבן לע־בעדיק די אַלע, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען אין די פּאָר צעבראָכענע קרעמלעך, וואָס ייִדן האָבן שוין דאָרט אויפגעשטעלט.

דאָס בילד פון ווידאַק 19 האָט מיר געגעבן אַזאַ זעץ אין קאָפּ אַריין, אַז איך בין געלאָפן נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר געכאַפּט צו ווערן צו דער אַרבעט און דער סכנה פון איינפאַלנדיקע ווענט.

די וואַנט איז געפאַלן און זיך צעפאַלן ביז אין דער ברייט פון דער גאַס אַריין. די וואַנט האָט אויך פאַרשיט אונטערשטע וווינשטיבער און קעלערן, אין וועלכע ס׳האָבן צייטווייליק געוווינט אַ פּאָר אָרעמע, אָפּגע־ברענטע ייִדישע משפחות.

מיר דאַכט זיך, אַז איך הער קולות, געשרייען. מע רופט נאָך הילף. אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אַזוי, ווייל נישט אַלע אַנדערע אַרום הערן עס.

מיר הייבן אָן אַוועקנעמען די שטיינער, דעם צעמענט, די טירן, פענצ־טער, אייזנס, סופיטן און פאַדלאָגעס צעריסענע. באַלד האָבן מיר אַלע פאַרשטאַנען, אַז מיר אַליין וועלן די פאַרשיטע נישט קאָנען אָפּראַטעווען. מיר שיקן רופן נאָך הילף, מע רופט אויך די פּוילישע פּאָליציי, זי זאָל קומען מיט וועגענער, מיט כלים.

מיר האָבן געהאָרעוועט, שווער געאַרבעט. דער שווייס האָט גענומען רינען פון אַלע. ס׳איז געוואָרן טונקל. די סכנה ווערט גרעסער. ביי יעדן ריר קערט מען זיך איבער, מע פאַלט, מע צעקלאַפּט זיך.

איצט הערן שוין אַלע טיפע זיפצן, וואָס קומען פון אונטער דער ערד.

ווי אַן אונטערערדישע יללה, געוויין מיט געשרייען ווילדע פון הילפגע־
בעט, פון היסטעריע און אַלץ אַזוי פאַרדושעט, אַזוי פאַרטיפט, אַז עס
קריכט אַריין אין די געדערעם, ווי עפּעס אַ וואָרעם מיט בייסנדיקן גיפט,
און באַדעקט דיך פון אויבן ביז אַראָפּ מיט נאַסן, קאַלטן, קלעפּיקן שווייס.

אַ ריזנוואַנט איז עס געווען, הויך און ברייט. זי האָט אַזוי פיל פאַר־
שיט, אַזוי ווייט און ברייט, אַז וויפיל מיר אַרבעטן זענען מיר נאָך כמעט
צו גאָרנישט צוגעקומען.

די פּאָליציי איז געקומען אָן כלים. זי האָט געכאַפּט אַ פּאָר לעמפּ־
לעך, אַן אייזערנעם שטאַנג, מיט וועלכן מ׳האָט זיך אין גאַנצן נישט גע־
קאָנט באַניצן. זיי אַליין זענען געשטאַנען, זיך נישט צוגערירט מיט קיין
פינגער. מיר שלעפּן, טראָגן, לייגן איבער פון אָרט צו אָרט די שווערע
לאַסט, אַלע מאָל לייגט מען צו אַן אויער צו יעדן לאָך, וואָס באַווייזט זיך
צווישן דעם צעמענט און פּאַדלאָגעס. ס׳דאַכט זיך, מ׳הערט געניי גע־
שרייען און קלאַפּן מיט קולאַקעס אָדער מיט קעפּ אין שטיין אַריין. דאָס
דומפּיקע, האַרטע, קלינגענדיקע, שרעקעוודיקע זעצן פון די קעפּ, קולאַ־
קעס, איז ווי אַ זבענק יעדן אין האַרץ אַריין.

ס׳איז שוין שפּעט, אַלע זענען מיר טויט־מיד, אַלע מאָל פאַרשווינדט
איינער. מיר זענען געבליבן בלויז דריי.

די פּאָליציי האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אירס אַ קאָמענדאַנט און
מ׳האָט אונדז געהייסן אַלע אויפהערן, ווייל מיר וועלן נאָך ערגער מאַכן.
מיר וועלן זיי נאָך מער פאַרשיטן. מאָרגן בייטאָג וועלן זיי ברענגען מאַ־
שינען און מע וועט עס מאַכן פּאַכמעניש.

אַלע דריי, די לעצטע גרעבערס, האָבן מיר געפילט, אַז דאָס זענען
פוסטע רייד, אַז מע וועט גאָרנישט טון. דאָרט געפינען זיך לעבעדיקע
מענטשן, וואָס זייער ליידן איז שרעקלעכער ווי טויט, ווי שגעון, ווי גיה־
נום. זייער פּיין איז ווידאָק 19. כאָטש מיר זענען געווען ביים ברעג פון
די פיזישע כוחות האָבן מיר נישט אויפגעהערט.

די פּאָליציי האָט אַוועקגענומען די דריי גרויסע לאַמטערנס, וואָס
זי האָט מיטגעבראַכט און מיר זענען געבליבן אין דער טיפער פינצ־
טערניש.

אין דער טיפקייט און שטילקייט פונעם פּוילישן האַרבסט־אָוונט האָבן
מיר זיך צעלייגט אויף דער ערד, אויף דער פאַרשיטער וואַנט, און צוגע־

דריקט די אויערן טיף צווישן אירע שטיינער. דאַכט זיך, אַז דער שרעק־לעכער ווידאָק־פּראַצעס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ סך פריער. איצט הערט מען עפּעס ווי אַ ברומען, אַזאַ מין ווידוי פון אַ קבר אַרויס, אָדער אַ תפילה־געשעפּטשעריי פון געהאָנגענע.

איך האָב געפילט, ווי ס׳ווערט מיר אַנטרינען דער מאַמעס מילך פון די ביינער. נישט נאָר דאָס בלוט איז געוואָרן אין מיר ווי געזעצט, ביטער און שווער און האָט מיך צוזאַמענגעדריקט, נאָר אַלע מיינע כוחות און זאַפטן האָבן מיך אָנגעהויבן פאַרלאָזן. איך בין געווען נאָענט פון פיזישן פונאַנדערפאַל.

ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן און זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצ־טער זענען מיר שוין געווען נאָר צוויי.

און דער צווייטער האָט שטיל געוויינט:

— מיר דאַכט, אַז מיין מומע איז דאָ. איך הער איר קול. איר שטים. נאָך נעכטן האָט זי מיך צוגערעדט, איך זאָל נעמען עפּעס האַנדלען, מיט בייגעלעך, מייערלעך, פּאַפּיראָסן, אַ שטיקל וורשט, ווי ס׳טוען עס קריסטן און יידן אויף דער גאַנצער לענג פון אַלע חרובע גאַסן מיט מאַרשאַלקאָווס־קע און נאָווי־שוויאַט בראש. איך האָב נישט געוואָלט, איך האָב זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל מיך באַפרייען פון דעם. איך האָב מורא פאַר די דייטשן, אַז כ׳דערזע זיי — הייבן מיר אָן מיינע קני צו ציטערן. כ׳פיל, אַז מיינע טעג זענען געציילטע. איך בין גרייט אַלץ צו טון, אַרבעטן ווי אַ פערד, טראָגן משא ווי אַן אייזל, נאָר נישט שטיין אויף דער גאַס און פאַרקויפן און ציטערן, ווען יעדער דייטש וועט דורכגיין. איז זי היינט פרי אַליין אַרויס אויף דער גאַס און זיך אַוועקגעשטעלט דאָ, אונטער דער מויער... אויף אַ שטיקל טישל פון אַ שטיין מיט אַ ברעט האָט זי צעלייגט איר סחורה, אַ פּאָר געבאַקענע בייגל, און געוואַרט אויף די קונים... איצט האָט זי זיך דערוואַרט... זי איז דאָ דאָ... איך בין זיכער. איך הער איר קול, איר בעטן: — מרדכילע ראַטעווע, מרדכילע, מיין ברודערס בן־יחיד, ראַטעווע מיך!... איך וואָלט געווען געגאַנגען אין גאַס אריין, וואָלט זי זיך דאָ נישט אַוועקגעשטעלט. געוואַלט! געוואַלט!... איך פּלאַץ ווי די וואַנט, איך וויל אַריינשפּרינגען צו איר, שטאַרבן מיט איר צוזאַמען... ווי ראַטעוועט מען זי, ווי אַזוי?

איך האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהיים.

האָבן מיר שוין מיטוואָך, דעם 1טן נאָוועמבער. דער פּחד צו גיין אין גאַס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג, מע כאַפּט צו דער אַרבעט און די געכאַפּטע קומען נישט תמיד צוריק געזונט און גאַנץ.

מע שלאָגט ביי דער אַרבעט, מע גיט אויסצופירן נישט־פּאַסלייט פּראָפעסיאָנעלע פּאַכמענישע אַרבעטן פון סטאָלעריי, שלאָסעריי, מעכאַני־קער, מע הייסט צענעמען מאַשינען, צונויפלייגן, פאַרריכטן פענצטער־טירן, שויבן, שלעסער, פאַרקאַנעס, קייטן. אויב מע מאַכט עס נישט גוט — שלאָגט מען מכות רצח.

לעצטנס האָט געטראָפן אַ פּאָר מאָל, אַז מענטשן זענען נישט צוריק־געקומען פון דער אַרבעט. מ'האָט זיי געכאַפּט, מע ווייסט נישט ווער, און זיי זענען פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין. מע זעט נישט און מע ווייסט נישט וועמען צו פרעגן, ווו צו זוכן און ווו זיך צו ווענדן.

אין דער פרי רירט מען זיך כמעט נישט אַרויס. שפּעטער קוקט מען הונדערטער מאָל אין אַלע זייטן ביז מע מאַכט אַ שריט.

מע קוקט מיט הונדערטער אויגן, צעשראָקן און דערציטערט, צי מע זעט נישט די קעטשלעך פון געשטאַפּאָ. די וואָס פאַלן אַריין אין זייערע הענט אַריין — קומען גאַנץ פון זיי נישט אַרויס. זיי האַלטן אָפּט מאָל אַ פּאָר טעג, לאָזן נישט אַהיימגיין. אַ סך זענען געבליבן קאַליקעס און די צאָל טויטפאַלן איז גאָר נישט קיין קליינע.

דער אופן פון כאַפּן איז ביי זיי אַ ווילדער, פאַרבונדן מיט אַן אייגנ־אַרטיקן סאַדיזם. ווען זיי דערזען עמעצן, וועלכן זיי ווילן כאַפּן, הייבן זיי אַן ווילד צו שרייען און אָנצוואַרפן אַן אימה, דערנאָך יאָגן זיי זיך נאָך יענעם ווי נאָך אַ געפערלעכן פאַרברעכער. שפּעטער קומט אַ סדרה רייט־פייטשן אין קאָפּ, אין פּנים, אין פלייצע. שפּעטער אַ הילכיק לאַכן און אַ צווינגען אַריינצושפּרינגען אין לאַסט־אויטאָ אַריין. די גאַנצע צייט רייסן זיי באָרד און פּיאות, שטורכן, הוקען און כיכאַטשען, לאַכן און מאַכן חוזק, דראָען מיט קלעפּ, שנעלן אין נאָז אַריין, גיבן פּעטש אין פּנים אַריין, דריגען מיט די פיס, קאָפּען אין פלייצע, אין די זייטן. די שרעק פון די געכאַפּטע מישט זיך מיט כעס און פאַראַכטונג פון יענע און צו זיך אַליין. די הילפלאָזיקייט ברענט ווי ברענענדיקע קוילן און ווי גליענדיקע פייער־פלאַמען. ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע חיילות, די געשטאַפּאָ־לייט זענען אויסן אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף דער ציווילער באַפעלקערונג, ספּעציעל אויף די ייִדן.

מיר מוזן היינט צופאַרן צום „דזשאָינט", דערליידיקן דעם ענין אַר־בעט און הילף. די אַלע נאַטירלעכע און האַלב־נאַטירלעכע פּראָוויאַנטן האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט. פון צייט צו צייט פילט זיך שוין אַזאַ אומ־אַנגענעמער קורטש פון מאָגן און אַ מין צושפּיל פון די קישקעס, וואָס מאָנען און ווילן פון גאַרנישט וויסן. איינער שעמט זיך מודה צו זיין פאַרן אַנדערן, אָבער יעדער איינער ווייסט עס, אַז דער אַנדערער פילט עס אויך. און עס נאָגט, עס נאָגט גאָר שטאַרק.

ביז מיר וועלן אָוועקפאָרן מוז מען דערוויילע דעם טאָגטעגלעכן מאָנער, ד׳עם חומר, דעם קערפּער און זיין שליח, דעם מאָגן, געבן זיינס, אַז ניסט וואָרפט ער פון די פיס און מע בלייבט אָן כוחות צו קעמפן פאַר דער עקזיסטענץ און פאַרן ענדערן די דאָזיקע עקזיסטענץ אויף אַ בעסערער.

איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ באַקאַנטן פּראָפעסאָר פון לאַטיין ברוידעס, וואָס איז געוואָרן נאָמינ׳ירט פאַר אָרגאַניזאַטאָר פון פאָלקסקיכן פאַר דער אינטעליגענץ און ער האָט מיר צוגעזאָגט עפּעס צו טון.

ווי פאַרשידן זענען די וועגן פון מענטשלעכן האַנדלען און וואַנדלען. אַדאַנק מיינע לאַטייניש ידיעות וועלן מיר דערגרייכן צו עפענען אַ פאָלקסקיך אין אונדזער דירה. ווען איך בין געוואָיר געוואָרן, אַז ברוידעס איז דער קיך־רעפערענט האָב איך זיך צו אים דערשלאָגן און אים פאַר־געשטעלט מיין לאַגע און מיין בקשה. ער איז געשטאַנען אין מיטן אַ גאַנצן עולם קוכערס און קיכפּעטענטן און האָט זיך מיט זיי געאַמפּערט וועגן הלכות קיכן, היגיענע, פּראָדוקטן, גאַסטראָנאָמישע ידיעות און מאַ־גאַזינען. אויף מיין ווענדונג האָט ער מיר געענטפערט, אַז עס איז שוין צו שפּעט, אַלע פּראָדוקטן, וואָס די קהילה האָט געגעבן דעם דזשאָינט האָט דער דזשאָינט שוין איבערגעגעבן אין רשות פון באַקאַנטע אינטע־ליגענטן־קוכערס און ווער ווייסט צי מע וועט קאָנען עפּעס טון. די פאַר־זאַמלטע, וואָס האָבן שוין באַוויזן פריִער צו פאַרכאַפּן די קיך־פּראָפּאָזי־ציעס האָבן מיטן שאַקלען פון די קעפּ מסכים געווען.

—Est modus in rebus.

(„עסט מאָדוס אין רעבוס"), אויף יעדער זאַך איז דאָ אַן עצה — האָב איך פלוצלינג אויסגעשאָסן אויף לאַטייניש.

—Suaviter in modo.

(„סואוויטער אין מאָדאָ"), זייער אַ שוואַכער וועג, האָט ער אויף לאַטייניש געענטפערט.

—Spiritus flat ubi vult.

(„ספּירישוס פלאַט אובי וואלט"), דער ווינט בלאָזט וווהין ער וויל, געמיינט האָב איך, אַז וואָס ער וועט וועלן וועט ער טון.

—Macedonia te non capit.

(„מאַצעדאָניאַ טע נאָן קאַפּיט"), פאַר דיר איז מאַצעדאָניע צו קליין, — האָט ער מיר מרמז געווען, אַז פאַר מיר איז דאָ קיין פּלאַץ נישטאָ, איך זאָל זוכן ערגעץ אַנדערש.

—De multis unum.

(„דע מולטיס אונום"), פון אַ סך אויסזיכטן איז מיר געבליבן די איינע — האָב איך רעפּליקירט.

—Quidquid agis prudenter agas et respice finem.

(„קווידקוויד אַגיס פּרודענטער אַגאַס עט רעספּיצע פינעם") — גיב אַכטונג וואָס דו טוסט, זע דעם סוף ביים אָנהייב. — האָט פּלוצלינג אונ־טערגעכאַפּט איינער פון די קליענטן, וואָס האָט געוואַרט אויף זיין צעטל. ווי מיר האָבן זיך באַקענט, איז עס אויך געווען אַ ראָמאַניסט פון אַ לאָד־זשער גימנאַזיע, וואָס איז דאָ פאַרבליבן אין וואַרשע און שוין נישט צוריקגעפאָרן.

כדי ווייטער צו קאָווען די לאַטייניִשע קאָוואַדלע זענען מיר איצט גע־פאָרן אין דזשאָינט אַריין.

איך בין געפאָרן מיט פּנינהן צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, אַ פרוי איז אַ שטיקל שוץ פאַר די כאַפּערס. צווייטנס, איז דאָך פּנינה אויך אַ ד"ר פילאָזאָפיע און אַ לאַטיין־קענערין וועט עס אונדז לייכטער מאַכן צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויפצועפענען אַ קיך פאַר אָרעמע לייט.

מיר זענען געפאָרן אויף אַ ריקשע, דעם נייעסטן טראַנספּאָרט־מיטל פון געטאָ. פון אונטער דער ערד האָבן אונדזערע געוועזענע באַלעגאָלעס, טרעגערס און אַנדערע טראַנספּאָרט־מבינים אויסגעפינען ביציקלעטן מיט אַ בייוואָגן, געמאַכט דערפון אַ מין ריקשע, געדרייט מיט די פיס די פּעדאַלן פונעם וועהיקול און געפירט מענטשן. די רישקע איז געווען נישט

ביליק, זי האָט אָבער געהאַט אַ מעלה, וואָס מ׳האָט פון דער ווייטנס גע־זען, ווער ס׳כאַפּט אין גאַס, און אויב מ׳האָט נישט געהאַלטן איבעריק פון די כאַפּערס איז מען שנעל אַוועק אין די טויערן און נעלם געוואָרן.

דאָס מאָל האָט דאָס גליק אונדז אָפּגעוואָרט ממש ביי דער שוועל. ווי נאָר מיר זענען אָריינגעקומען, האָט אונדז ברווידעס געמאָלדן, אַז מ׳האָט באַשלאָסן די טעג אַרויסצושיקן צו אונדז אַן אינספּעקטאָר, כדי צו זען, צי אונדזער וווינונג פּאַסט פאַר אַ פּאָלקסקיך, צי מיר האָבן גענוג אַנט־שפּרעכיקע מעבל און צי ס׳איז דאָ אַ מאַגאַזין פאַר פּראָדוקטן. ווי נאָר די תשובה פון אינספּעקטאָר וועט קומען, שיקט מען אונדז אַריין טעלער, לעפל, גאָפּל פאַר פופציק מענטשן, אַנטשפּרעכיקע שפּייזפּראָדוקטן און... מיר זענען געראַטעוועט. פאַרן אָפּגעבן די שטוב און פאַרן קאָכן מעגן מיר זיך אויך נעמען עסן אַ מיטיק פאַר יעדן איינעם און אפשר וועט מען אויך באַשטימען אַ געוויסע געלטסומע ווי אַ באַלוינונג.

ווי געוויינלעך האָט ערשט אָנגעהויבן אונדזער פּחד איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין געוווסט, אַז מ׳האָט אונדז באַשטעטיקט די קיך.

מיר האָבן געוווסט אַז די דירה וועט דעם אינספּעקטאָר געפעלן ווערן. די מעבל אויך, אַפילו אונדזער פּראַקטפולער קרעדענץ אַ לאַ לוי! דעם פערצנטן און די געבעטע בענקלעך און פאָטעלן. די צרה וועט זיין דאָס קאָכן. פנינה האָט ביז היינט דיריגירט מיטן קאָכן בשעת די קוכערקע האָט געקאָכט, געזאָגט מבינות, געפּרוווט דעם טעם, געהייסן אַראָפּנעמען, צו־געבן. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געהאַט מיט וואָס. איצט דאַרף מען קאָכן פאַר פופציק־זעכציק מענטשן אין קליינע טעפּ גרויסע יויכן, אַן אַלע צוגע־הערן. איז וואָנדע געבליבן, די איינציקע טרייסט און הילף, אָבער די צרה איז נאָך גרעסער. אין דער אינטעליגענטן־קיך וועלן אַריינקומען מענטשן, וואָס זענען צום גרויסן טייל שוין געכאַפּט מיטן מילחמה־ריח. מען פילט שוין פון זיי דעם ריח פון אָרעמקייט, שוייס, נישט־דערוואַשנקייט, נישט־דערשלאָפנקייט. מייסטנס וועלן עס זיין קליענטן, וואָס זענען אָפּגעברענט געוואָרן, פאַרלוירן די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער מישפּחה, לעבן ביי פרעמדע, שלאָפן אויף פּאָדלאָגעס, האָבן שוין נישט גענוג קיין וועש און קליידונג אָנצוטון. מיר וועלן מוזן דאָס אַלץ אויסשטיין און ביינאַכט נאָך שלאָפן אין די דאָזיקע צימערן, וווּ ס׳וועט זיך פילן דער ריח פון

אָרעמע געקעכצער און ריישעכצער פון ביליקע שפּייזן און בוימלען, גע־מישט מיט ריחות פון נישט־געוואַשענע קערפּערס. דאַכט זיך, אַז דאָס וועט זיין פאַר אונדז אַ ביסל צו שווער.

די בשורה, אַז מיר וועלן באַקומען די דערלויבעניש צו עפענען די קיך און זיין געזיכערט מיט ברויט, האָט אונדז אַזוי דערדריקט און פּריטש־מעלעט, אַז מיר האָבן געוואָלט צוריקלויפן צו ברוידעסן, אים בעטן, ער זאָל נישט שיקן דעם אינספּעקטאָר.

— מיר וועלן זיך אפשר דורכשלאָגן אָן דעם. איך וועל זוכן עפּעס אַ פּאָסטן — האָב איך געפּרוווט נאַרן זיך און פנינהן.

אָבער אַ פרויענהאַרץ און אַ מוטער־געפיל זעט ווייטער. אָפּגעווישט אַ פּאָר טרערן פון די אויגן, האָט זי מיך אַ נעם־געטון ביי דער האַנט:

— קום. לאָמיר צוריקפאָרן אַנגרייטן די שטוב פאַרן אינספּעקטאָר, פאַר דער... אינטעליגענטן־קיך.

מיר האָבן זיך גענומען דורכשטופּן דורך דער מאַסע הונגעריקע וואָס האָבן געוואַרט אויף שטיצע, אונדזערע מאָרגנדיקע עסערס, אונדזערע קליענטן.

מ׳האָט גוט געשפּירט דעם מאַנגל פון וואַסער, פון זייף, פון וועש, פון קליידער. די מייסטע טוישן נישט קיין קליידער בייטאָג און ביינאַכט, ווייל זיי האָבן נישט און ווייל זיי האָבן מורא, מע זאָל זיי ביינאַכט נישט כאַפּן צו דער אַרבעט, ווי ס׳האָט שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפן.

מיר האָבן זיך נישט דורכגעריסן דורך די ענגע געדיכטע רייען וואַר־טערס. אדרבא, מיר האָבן זיך באַמיט אויסצוהאַלטן דעם ריח. באַלד וועלן זיי דאָך זיין אונדזערע געסט.

דאָס בילד פון לאַסקאַזשעווער בוידעם נאָך די שריפות האָט זיך אונדז געשטעלט פאַר די אויגן. פנינה האָט מיר דערמאָנט, ווי איך האָב דערקלערט קריג די וואַנצן. ווי איך בין געגאַנגען מיט אַ ליכט און לעבן מיר אַלע דריי קינדער, יאָסימע, רעניע און אַמאַליע און געברענט אין גע־בראָטן, געשטופּט לאַנגע שפּיזן אין אַלע שפּאַלטן און לעכער און פאַר־טריפט מיט קאָפּענדיקן כיילעוו אַלע ווענט און ציגל פון דוד זעמאַנס הויז.

מיר האָבן היינט מיטוואָך, דעם 2טן נאָוועמבער. דער טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אויף היינט איז באַשטימט די זיצונג וועגן עמיגראַציע־מעמאָראַנדום. היינט דאַרף מען עס אונטערשרייבן און אַוועקגעבן. אַזוי האָבן מיר גע־וואָלט פייערן דעם טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

ביים אָנהייב פון דער זיצונג האָט אונדזער צענטראַל־מיטגליד ד״ר סטריקאָווסקי, וואָס האָט באַקומען אַ פּאָסטן אין דער קהילה, געמאָלדן אַז אַלע צענטראַל־קאָמיטעטן האַלטן היינט אָפּ זיצונגען וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ער האָט געמאַכט באַמערקונגען וועגן אַ גרויסן געמיינזאַמען צוזאַמענטרעף און שוין גערעדט מיט בלאָכן, מיט קירשענבוימען, מיט האַרטגלאַסן, מיט זאַגאַנען. ס׳איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען צוליב זייער אַ פּשוטער סיבה: דער ייִדישער סעפּאַראַטיזם, דער אַלטער אינדיווידואַליזם. יעדער וויל מאַכן שבת פאַר זיך.

ווי דער פּרעזעס פון צענטראַל־קאָמיטעט האָב איך געהאַלטן אַ פייער־דיקע רעדע וועגן דעם באַטייט פון 2טן נאָוועמבער, וועגן דער דעקלאַראַ־ציע און דעם מאַנדאַט, וועגן פּערספּעקטיוון און האָפענונגען. בשעתן ריידן און נאָך דעם בין איך מיר אַליין, אין מיינע אייגענע אויגן, אויסגעקומען אַזוי קליין, נאַיוו, פּשוט קינדיש. די וועלט ברענט, אַ וועלט־משוגענער האָט אונטערגעצונדן אייראָפּע און לייגט צו אַלע מאָל טויזנטער געהרגע־טע מענטשן ווי ברענשטאָף־מאַטעריאַל און איך זיץ דאָ מיט מיינע חברים און באַוווּנדער אַ געשעעניש פון צוריק מיט אַ פּאָר אין צוואַנציק יאָר, וואָס קאָן אַפילו נישט ראַטעווען די אָנהענגער אין אַ מינוט פון סכנה און חורבן.

פון איין זייט שטייט ווי אַ שרעקלעכער מעמענטאָ ווידאָק 19 און רינקאָווע 1 און פון דער צווייטער זייט אַ טעאָרעטישער גלויבן, וואָס ווערט צערישן אַפילו אין די הערצער פון זיינע אייגענע גלייביקע.

אפשר איז עס דאָס קליינטשיקע ליכטעלע, דער ייִדישער נר־תמיד? ברענט אַ ליכטעלע אין אַ ווינקל אין אַ גרויסן בית־המדרש ביינאַכט און פאַרטרייבט די פינצטערניש. אפשר איז דאָס דער איינציקער סימן וואָס רופט, מיסטיש, רעאַליסטיש.

די חברים האָבן באַשלאָסן, אַז מיר דריי, ייִנגסטער, ליפּמאַן און איך דאַרפן אונטערשרייבן דעם בריוו און אַוועקטראָגן צו דער געשטאַפּאָ.

דעם כלל פון „השמר לך פן״, היט אָפּ די פעדער, האָב איך תמיד אָפּגעהיט. אָמת טאָקע, „אַ פּאַטש פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט״, אָבער

שטאַרקער פון אַלעם איז אַ געשריבן וואָרט, איבערהויפּט אַן אונטער־שריפט. „טשטאָ נאַפּיסאַנאָ פּעראָם ניע ווירוביש טאָפּאָראָם" — זאָגט אַ רוסיש ווערטל, וואָס אַ פּעדער שרייבט אָן, קאָנסטו מיט קיין האַק נישט אויסהאַקן. דער אַלטער לאַטיינישער אָנזאָג „סקריפּטאַ מאַנענט", שריפטן בלייבן, איז מיר געבליבן אין זכרון. נאָך איצט, אין מילחמה־צייטן, און נאָך פּאַר דער געשטאַפּאָ.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיר אונטערגעשריבן. דאָס איז דער כוח פון עגאָיזם, רעוויזיאָניזם און מענלכער אַמביציע. מיר זענען דאָך עפּעס ציוניסטן־רעוואָלוציאָנערן, די וועלט האַלט דאָך אונדז פּאַר גיבורים, מור־טיקע און אומדערשראָקענע. אונדזער פּערזענלעכע אַמביציע האָט דאָך פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון אונדזערע חברים. מיר האָבן זיך אונטערגע־שריבן „שניים מקרא ואחד תרגום" איינמאָל פּאַרציקט, מע זאָל קוים דער־קענען און איינמאָל אין גאַנצן אַפּילו מיטן אַדרעס.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז גיין דאַרף ליפּמאַן און איך. יינגסטערן האָט געראַטעוועט דאָס בערדל וואָס ער פּאַרמאָגט. סטריקאָווסקין זיין יידיש פּנים, לאַבענדזקין זיין מישפּחה, וואָס איז שטאַרק געשעדיקט געוואָרן בשעתן באָמבאַרדירן. יעדער האָט געהאַט אַ זכות, חוץ מיר צוויי.

ווייטער האָט מען באַשלאָסן, אַז ערשט נאָכן צוריקקומען פון דער געשטאַפּאָ וועט מען איבערגעבן דער קהילה, דעם דזשאָינט און האַרט־גלאַסן דעם אינהאַלט פון מעמאָראַנדום.

אַלע חברים האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט ווי מיר וואָלטן אַוועקגע־פאָרן אויף נישט צוריקצוקומען. אונגער האָט אויף זיך גענומען מודיע צו זיין אונדזערע פרויען, אַז מיר זענען אויף אַ זיצונג, כדי זיי זאָלן נישט חושד זיין וווהין מיר גייען און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

לאַבענדזקי ווי אַן אַדוואָקאַט, האָט איבערגענומען די יורידישע זאָרג פּאַר אונדזער לעבן. טאָמער קומען מיר נישט ביז אויף דער נאַכט צוריק, איז אַ סימן, אַז מ׳האָט אונדז מכבד געווען מיט אומזיסטע קעסט און קוואַרטיר, אויב נישט מיט נאָך עפּעס בעסערס.

מיר האָבן זיךביידע געלאָזט גיין, ליפּמאַן און איך. אויף די גאַסן איז לעבעדיק, פול מיט באַוועגונג. די הייזער זענען צעשטערט, די גאַסן, דער ברוק, צעפּליקט, צעריסן. די עיפּוש־ריחות זענען גרויס, אָבער די שטאָט לעבט. אויף דער גאַנצער לענג פון רימאַרסקע, זאַקסישער גאָרטן,

מאַרשאַלקאָווסקע שטייען טויזנטער יונגע מענטשן, אַלטע, פרויען, קינדער און מע פאַרקויפט אַלץ, דער עיקר שפּייז, אַ קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט, אַ בייגעלע, אַ שטיקל וווּרשט, האַרטע אייער, און אויך פּאַפּיראָסן, ציג־דער, פּאַפּיראָסן־האַלטערס, פּייקעס און וואָס איינער פאַרמאָגט נאָר. די דייטשן שטערן נישט. דאָ אין די פּוילישע גאַסן כאַפּט מען זעלטן צו דער אַרבעט, מע שלאָגט ווייניקער, מע גייט אַנדערש.

מיר גייען אין דער געשטאַפּאָ. וואָס מער מיר פילן זיך נענטער צו דער טרויעריק־באַרימטער אַלעיאַ־שוכאַ, ווערט אונדז דער גאַנג שווערער און די פיס בלייערן. מיר קוקן זיך ביידע נישט אָן, מיר רעדן נישט קיין וואָרט, נאָר יעדער וואַרט, דער צווייטער זאָל זאָגן אַ וואָרט: „צוריק, מע גייט נישט" און באַלד לויפט מען צוריק.

אָבער ביידע שווייגן מיר. און מיר גייען.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין הירשפעלדס קאַפעהויז אויף מאַרשאַל־קאָווסקע, וואָס האָט זיך אָקערשט געעפנט, מיר טרעפן אַ פּאָר באַקאַנטע. מיר טיילן זיך מיט זיי מיט אונדזער שליחות. יענע קוקן אויף אונדז ווי אויף מענטשן, וואָס לאָזן זיך פרייוויליק אויף קידוש־השם. ביי אונדז וואַקסט די שרעק און די באַוווּנדערונג צו זיך אַליין. מיר פאַריכטן זיך די קליידער, פריזור און לאָזן זיך צום לעצטן שטאַפּל, צו דער אַלעיאַ־שוכאַ.

מיר האָבן נאָך געמוזט איינמאָל מאַנעווורירן, מע זאָל אונדז נישט כאַפּן, פּונקט איז אויך דאָ, אין די גאַסן, געוואָרן אַ בהלה און ענדלעך זענען מיר צוגעקומען ביז צו דער נעסט פון די גיפּטיקע שלאַנגען, צו די קעלערן פון דער געשטאַפּאָ.

מיר זענען דורכגעגאַנגען דורכן טויער, פריי און פעסט פאַרביי די אַלע קערבער־הינט מיט שפּיזיקע בליקן און קעפּ, און אַריין אינעווייניק.

דאָ האָבן מיר, ווי ס'פּאַסט פאַר ייִדן וואָס האָבן שוין טויזנטער יאָרן נישט געפילט דעם טעם פון אַ ממשלה, געפרעגט, ווו איז די ביוראָ פון געשטאַפּאָ־קאָמענדאַנט.

מיר האָבן זיך דאָ באַקענט מיטן אַפּאַראַט פון דער אינסטיטוציע, וואָס וואַרפט אָן נישט אומזיסט איר שרעק אויף מיליאָנען און האַלט מיליאָנען ביים נאָזרינג, אַזוי ווי מע האַלט אַן אָקס.

דער וועכטער, וועמען מיר האָבן געפרעגט וועגן קאָמענדאַנט, האָט אונדז נישט געענטפערט. ער האָט אונדז נישט אָנגעקוקט מיט פאַרוווּג־

דערונג, אונדז גאָרנישט געפרעגט, נאָר אַרויפגעפירט אויף אַ העכערן שטאָק און אָנגעוויזן אויף אַ טיר, ווו ס׳שטייט מיט קליינע אותיות געשריבן „אָבערשטורעמבאַנפירער״ און איז אַוועקגעגאַנגען. גייענדיק האָט ער געגעבן אַ בליק אויף דריי מונדירטע פאַרשוינען, וואָס זענען געזעסן ביי אַ טישל אַנטקעגן דער דאָזיקער טיר.

אַלע שוואַרצע טיפּן, וואָס כ׳האָב געזען אין פילם, וואָס מע זעט אין לאָמבראָזאָ־בילדער, אין קאָשמאַרע חלומות, וואָס דערשיינען אין וויזיעס פון נישט־נאָרמאַלע — זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די דריי פּרצופים. דיקע, פעסטע האַלדז־און־נאַקן, גלאַטראַזירטע פּנימער, ברייטע פּלייצעס, קרעמפּע הענט ווי קליינע, גראָבע העמערלעך, און אויגן, אַ גאָט, צו די האָב איך שוין קיין פאַרגלייך נישט. קאַלטע שפּיזן, עקבויערס. זיי ברענען נישט נאָר בויערן, טיף, טיף, דאַכט זיך זיי זעען דיך אדורך פון דער זייט קאָפּ און קריכן אַרויס פון יענער זייט.

ווייזט אויס, אַז די געשטאַפּאָ פאַרשטייט צו פאַרבינדן צוויי זאַכן: נאַטור מיט דערציִונג, שלאַנג מיט שוואַרצן לעמפּערט. זי מאַכט אַן אָפּקלייב פון שוואַרצע טיפּן, סאַדיסטן, מענטשנפרעסער, דעגענעראַטן, אומצופרידענע נקמה־זוכער און דערצו נאָך גיט זי זיי לעקציעס פון רציחה, קוויקן זיך מיט מוטשען און מאַכן פאַרגליווערן די דם־התמצית, דאָס בלוט פון האַרץ.

אין די אויגן האָט מען דערקענט, אַז די נאַטירלעכע חיה, וואָס וווינט אין זיי, ווערט געשפּייזט מיט איזדעקעווען זיך, מיט אויסציִען מענטשן אויף שטיינער נאַקעטערהייט און שלאָגן אַזוי לאַנג ביז ער הויכט אויס די נשמה.

די דאָזיקע אויגן האָבן אונדז איצט געמאָסטן, נישט שנעל, נאָר מיט עקשנות. נישט דערשטאָכן מיט אַמאָל נאָר ווי די שלאַנג, וואָס איז שוין לעבן איר קרבן און איידער זי שטעכט אים אַריין דעם גיפט פון טויט און חייטיק, קוקט זי אים אָן פייערלעך און פאַסמאַקעוועט זיך. זיי קוקן אַזוי קאַלט און פערמאַנענט, ווי זיי וואָלטן אַריינגעזעצט אַ בויערער אין די טיפענישן פון אונדזער נשמה און בויערן מילימעטער נאָך מילימעטער.

מיר האָבן אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך געוואָלט אַרויסדרייען פונעם האַריזאָנט פון די אויגן. אוממעגלעך. ווי היפּנאָטיזירט האָבן מיר זיך אַלע מאָל צוריק אויסגעדרייט צו זיי.

מיר קוקן ווידער צו דער טיר מיט דער אויפשריפט אויבערשטורעמ־באַנפירער, אָבער ס'איז נישט מעגלעך. זייערע בליקן ברענען אַזוי, ווי עמעץ וואָלט געהאַלטן אַ ברענענדיקע נאָדל לעבן דיין מוח־האַלדז־און־נאַקן און שפּריצט אַריין פונקען.

מיר האָבן זיך ווידער אויסגעדרייט צו זיי. לאַנגזאַם, מיט שפּאַנונג גייט צו אונדז צו איינער, אַ ריז, אַ קצב, אַ תלין, אַ סאַדיסט, אַ שלאַנג, אַ שוואַרצע פּומע. טריט עלאַסטיש־געשפּאַנטע, מ'הערט זיי נישט אויף דעם גרויסן, שיינעם טעפּיך וואָס ליגט דאָ פאַר דער טיר פון קאָמענדאַנט.

ער קומט צו גאָר נאָענט צו אונדז און מיט אַ שטיל, אָבער זיכער קול פרעגט ער אונדז, צו וואָס מיר דאַרפן דעם קאָמענדאַנט.

ליפּמאַן און איך, ביידע האָבן מיר אָנגעהויבן שנעל צו רעדן, ווי מיר וואָלטן מורא געהאַט, אַז מיר וועלן באַלד פאַרגעסן די סיבה פון אונדזער קומען, ענלעך צום מת, וואָס איילט זיך מודיע צו זיין זיין נאָמען דעם מלאך־דומה, כדי ער זאָל אים נישט פאַרגעסן און דער מלאך זאָל אים נישט נעמען וואַרפן פון איין עק וועלט צו דער צווייטער.

דער ריז האָט קוים אַ שמייכל געטון, ער האָט ביי אונדז צוגענומען אונדזער בריוו און איז צוריקגעגאַנגען צום טיש. אַלע דריי האָבן גענומען לייענען אונדזער מעמאָראַנדום־בריוו און אַן אַ שמייכל אַלע מאָל געוואָרפן אויף אונדז אַ בליק.

אין צווישן זענען אַ פּאָר מאָל אַריינגעגאַנגען אָפיצירן און אויך ציווילע אינעווייניק דורך דער טיר לעבן אונדז. אַלע זענען אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעקומען עפּעס מיט אַ דרך־ארץ, אַ רעספּעקט. מ'האָט געקאָנט דערקענען, אַז דאָרטן, הינטער דער טיר געפינט זיך עפּעס אַ געהיימער כוח, אָבער גאָר אַ באַטייטיקער, אַ באַשליסנדיקער.

יעדער אָפיציר — איידער ער איז אַריינגעגאַנגען — האָט אָפּגעצויגן דאָס רעקל, איינגעצויגן דעם גאַרטל, פאַריכט די שווערד אָדער דעם רעוואָלווער, אויסגעגלייכט אַלע מעדאַלן און אָפּצייכענונגען, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער ברוסט, האָט זיך אויסגעגלייכט און אויסגעצויגן מיט מיליטערישער שטראָמקייט אין סטראַי, און איז אַריין. אַרויס זענען זיי אַלע שנעל, עפּעס ווי צעטרייסלט, ווי מע וואָלט אויף זיי דאָרט געשריגן אָדער זיי אויסגעמוסרט. אויך ציווילע זענען אַרויס דענערווירטע און מיט איילנדיקע שריט אַוועק.

פלוצלינג האָבן מיר דערזען פון דער ווייטנס אַ בילד, וואָס האָט געמאַכט בלייך אונדזער פנים, דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך, ווי אויף אַ באַפעל, אָפּגעשטעלט און נישט געשטראָמט אינעווייניק ווייטער. אויף טרעפּ־אַרויף זענען געגאַנגען דריי מענטשן, אַן עלטערער און צוויי יונגערע, קוים געגאַנגען, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, הינטערן מוח. און דריי מונדירטע געשטאַפּאָווצעס זענען זיי נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן אויפגעכאַפּט פון דער ווייטנס אַ בליק פון איינעם פון די דריי געפירטע און דאָס האָט אונדז שוין אין גאַנצן צעקאָכט.

מיר האָבן זיך געגעבן אַ ריר פון אָרט און געוואָלט גיין — אַרויס, אַנטלויפן, גענוג.

אָבער אַ ריר מיט דער האַנט פונעם ריז, וואָס איז געזעסן ביים טיש און געהאַלטן אונדזער בריוו, און פיר ברענענדיקע אויגן־נאָדלען — האָבן אונדז צוגעקאָוועט צום אָרט, מיר האָבן זיך נישט געקאָנט רירן.

דער ריז איז אַריין מיט אונדזער בריוו אינעווייניק. צוויי פּאָר אויגן רוען רויִק און אַן אויפהער אויף אונדזערע פּנימער.

אַזעלכע אויגן האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען און נישט געפילט.

ער איז אַרויסגעקומען, דער ריז:

— „אין אָרדענונג. די אַנטוואָרט וועט קומען".

ביידע, ליפּמאַן און איך, שרייען מיר כמעט אויס: — „גוטן־טאָג". „גוטן־טאָג" און מיר לאָזן זיך גיין אַזוי ווי מיר זענען געקומען.

— האַלאָ, האַלאָ! — רופט אונדז דער ריז און דריי פּאָר אויגן מעסטן אונדז אָפּ, ווי זיי וואָלטן אונדז פּלוצלינג דערזען דאָס ערשטע מאָל.

מיר וואַרטן אַ פּאָר מינוט. ס'קומט־אָן דער וועכטער, וועלכן מיר האָבן געפרעגט, ווו דער קאָמענדאַנט אַמטירט. ער מאַכט קוים אַ באַוועגונג און גייט און מיר נאָך אים.

מיר זענען אויפן גאַס. מיר פילן פון אַלע זייטן קוקן אויף אונדז גרינע, קאַלטע, גיפטיקע שלאַנגען־אויגן. הונדערט אויגן אין איין באַזיליִשעק־קאָפּ, טויזנט און איין געשטאַפּאָ־פּנים. אין יעדעס אויג אַן אַנגעגליטע נאָדל, וואָס שטעכט דיר דורך דאָס עפּעלע פון דיין אויג, מאַכט אַ לעכל אין אויג און לייגט אַריין דינאַמיט, דיך אויפצורייסן.

איצט האָבן מיר אַזוי גוט פאַרשטאַנען דעם ייִדישן אַנעקדאָט:

אַ געשטאַפּאָוויעץ האָט געהאַט איין גלעזערן אויג און איין נאַרמאַלס. דאָס גלעזערנע אויג איז געווען אַזוי גוט געמאַכט, אַז קיינער האָט נישט דערקענט, וואָסער אויג ס׳איז — אַן אמתדיקס, אַ נאַטירלעכס און וואָסער דאָס קינסטלעכע. כאַפּט דער געשטאַפּאָוויעץ אַ ייִד, שטרעקט אויס דעם רעוואָלווער און זאָגט צו אים: — „הער, יודע, איך האָב איין אויג אַ קינסטלעכס און איין אויג אַ נאַטירלעכס. קוק זיך גוט־איין, טאָמער טרעפסטו לאָז איך דיך פריי. אויב נישט — שיס איך דיך ווי אַ הונט״. דער ייִד ציטערט ווי אין קדחת, קוקט זיך איין, ווייזט־אָן אויף איין אויג און זאָגט: —„דאָס איז דאָס קינסטלעכע״. ווערט דער געשטאַפּאָוויעץ דערשטוינט: — „קיינער ביז היינט האָט נישט געטראָפן, און דו, יודע, האָסט יאָ געטראָפן. זאָג מיר, ווי אַזוי האָסטו עס דערקענט?״ — „גאַנץ פּשוט — ענטפערט אים דער ייִד ווייזנדיק אויפן קינסטלעכן אויג — איך האָב עס באַלד דערקענט, ווייל דאָס אויג האָט אַזאַ מענטשלעכן קוק!...״

יאָ, מיר האָבן עס אויך דערקענט. זייערע אמתע אויגן זענען דער העכסטער אויסדרוק פון אוממענטשלעכקייט, פון דער חיה, דער בעסטיע.

נאָך האָבן אונדזערע אָברים געטאַנצט ווי שיכור און צעפּאָרן פון די בליקן פון די דריי טישזיצערס דאָרט ביי דער טיר, ווו מע גייט אַריין צום אָבערשטורעמבאַנפירער.

מיר האָבן באַשלאָסן און זיך כמעט ווי אַ נדר געטון, מער גייען מיר נישט צו זיי.

מיר זענען אַרויס אין דרויסן. מיר זענען פריי, ווידער אויף דער גאַס. אמת אויף דער פּינצטערער וואַרשעווער גאַס, אָנגעפּיקעוועט מיט דייטשע פּאָליציי־שפּיקעס און פיקעטן, — אַבי נישט דאָרטן אינעווייניק.

די שרעק ביי אונדז איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר זענען געלאָפן גייענדיק, געגאַנגען לויפנדיק, נישט קוקנדיק וואָס אַרום ציטערט די לופט און ס׳ברענען די בליקן. מיר זענען אַרויס לעבעדיקע פון גיהנום, פון שרעקלעכן געשפּענסטיקן, ברוינעם, דייטשן געשטאַפּאָ־גיהנום. זאָל מען כאַפּן צו דער אַרבעט, פאַרשיקן, פאַריאָגן אין דער פרעמד, אַלץ איז גאָר־נישט אין פאַרגלייך מיט אַ וויזיט אין דער געשטאַפּאָ.

מיר גייען און יעדער שריט איז ביי אונדז אַ טאַנץ, אַ הימען, אַ לויבגעזאַנג צו פרייהייט. מיר הערן ממש די אָפּקלאַנגען פון אונדזערע שריט ווי מוזיק אין די אויערן, מוזיק פון פרייהייט.

די חברה, וואָס האָט געוואַרט אויף אונדזער קומען, האָט שוין גענר־מען ציטערן וועגן אונדזער גורל. ס׳איז שוין געווען נאָך דריי אַ זייגער בייטאָג.

מיר האָבן זיי דערציילט וועגן אונדזער וויזיט און באַשלאָסן אָפּצו־וואַרטן די תשובה. אָבער דאָ איז אונדז באַפאַלן אַ שרעק אויף ס׳ביי. מיר האָבן אָנגעגעבן אויף אונדזער מעמאָראַנדום צו דער געשטאַפּאָ דריי אַדרעסן. ווער ווייסט אויף וועלכן אַדרעס די געשטאַפּאָ וועט ענטפערן, ווען זי וועט אויסקלייבן און דאָס האָבן מיר איצט געפילט, אַז אַ באַזוך פון דער געשטאַפּאָ אין שטוב פון איינער פון אונדז איז ערגער ווי דער גלאָק פון מלאך־המוות. דאָס בלויזע קומען זייערס קאָן הרגענען, נאָך איי־דער זיי וועלן איבערגעבן זייער תשובה.

איך האָב דעם עולם דערציילט ווי אַזוי די באָלשעוויקעס האָבן אין 1920 באַזעצט אַ גרויסן טייל פון פוילן, און מיין פעטער ד״ר יעקב סאַפּרין, דער מאַמעס ברודער, איז פאַרנומען געוואָרן אין טיף רוסלאַנד. די פאַמיליע האָט געטרויערט און געקלאָגט, זיי וועלן נישט וויסן ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. אין אַ ווינטערדיקן באַגינען קלאַפּן אָן ביי אונדז אין טויער דריי באַוואָפּנטע באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן. ווען מ׳האָט זיי געעפנט, פול מיט פּחד און אַנגסט, לייענט איינער פון זיי איבער דעם נאָמען פון מיין מאַמען, הייסט זיך איר אָנטון און מיטגיין מיט זיי. דער טאַטע איז נישט געווען אין דער היים. די יללה אונדזערע איז געווען גרויס, די געבעטן און טענות האָבן אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. מיר קינדער האָבן געוואָלט מיטגיין, אָבער אַ פּאָר קאָלבעס האָבן אונדז צוריק־געשטויסן. מ׳האָט די מאַמע אַוועקגעפירט און מיר לויפן נאָך פון דער וויטנס אין טויטשרעק מיט אַ געוויין. די מאַמע האָט מען אַריינגעפירט אין סטאַראָסטווע, דאָרט ווו די באָלשעוויסטישע קאָמענדאַנטור איז גע־ווען און מיר שטייען אין דרויסן און וואַיען פאַר פּחד און ווייטיק. אין אַ האַלבער שעה אַרום פירט מען די מאַמע אַרויס, דער קאָמענדאַנט אַליין מיט נאָך אַן אָפיציר פירן זי אונטערן אָרעם. די מאַמע איז בלאַס, כּמעט רויק, מיט אַ מאַמעשן שמייכל גלעט זי אונדזערע קעפּ. און אין דער היים האָט זי אונדז דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט זי ספּעציעל גערופן כדי איר אָפּצוגעבן אַ גרוס פון איר ברודער, אונדזער פעטער, דעם ד״ר סאַפּרין, וואָס איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער מאַן. פון דעמאָלט אָן האָט

שוין מיין מאַמעס האַרץ געזונט נישט געקלאַפּט. דער האַרצפּעלער, וועלכן דער גרוס האָט איר דעמאָלט פאַרשאַפט, באַגלייט זי די גאַנצע יאָרן אָן אויפהער.

ליפּמאַן און איך האָבן באַשלאָסן נישט צו וואַרטן אויף דער תשובה פון דער געשטאַפּאָ. מיר וועלן זי אַליין גיין אָפּנעמען.

דאָס האַרצקלאַפּן ביי מיר און ביי ליפּמאַנען, דאָס פּחד־קלאַפּן האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

מיר האָבן באַשלאָסן צו רופן אַ זיצונג פון אַלע פּאַראינטערעסירטע, אויך פון אַנדערע פּאַרטייען און פאַרלאַנגען מע זאָל וויילן אַנדערע שלי־חים צו דעם וויזיט, אָדער מע זאָל אונדז צוגעבן נאָך אַ פּאָר דעלעגאַטן, ווייל אַליין וועלן מיר דעם נייעם באַזוך נישט איבערהאַלטן.

אין דער היים האָב איך געטראָפן אַ נייע בהלה. דעם לאַסקאַזשעווער בחור', וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון לעבעדיקן קבר, האָט מען, ווייזט אויס געמסרט. מע זוכט אים אַרום און ער מוז זיך באַהאַלטן. איז ער געקומען צו אונדז, כמעט לאַסקאַזשעווער, כדי זיך אויסבאַהאַלטן אין אונ־דזער דירה.

אויב כ'האָב נישט גוט פאַרשטאַנען ביז היינט, וואָס דאָס הייסט „מאי חזית דדמי דידך סומך טפי מדמי דהאי, גברא״ (אַז מיין בלוט איז נישט רויטער ווי דאָס בלוט פון אַ צווייטן), האָב איך עס איצט גוט אויפגעפאַסט. מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפן, ווי אַן אומרו ביי אַ זייגער, קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען. נאָך ציטער איך פאַר שרעק פונעם באַזוך ביי דער געשטאַפּאָ און דאָ דאַרף איך ראַטעווען איינעם, וואָס איז אַנטלאָפן פאַר דער דאָזיקער געשטאַפּאָ. זאָגן אים, אַז איך האָב מורא פאַר אַ באַזוך פון דער געשטאַפּאָ און ער זאָל גיין, הייסט אָפּשטויסן און איינ־שטעלן זיין לעבן. נישט אויסזאָגן, הייסט איינשטעלן אונדזער און זיין לעבן. אויסזאָגן? הייסט דערציילן פּנינהן דעם אמת פון אונדזער באַזוך, וואָס מיר האָבן אויסבאַהאַלטן. נישט אויסזאָגן? אפשר וועלן די, וואָס האָבן געמסרט אָנווייזן אויף אונדזער דירה, ווי דאָס אָרט ווו דער בחור באַהאַלט זיך און דאַן איז ווי צו אונדז אַלעמען.

ווייזט אָבער אויס, אַז עס עקזיסטירט נישט אַזאַ מין אומגליק, פון וועלכן מע זאָל נישט קאָנען געפינען קיין אויסוועג.

דער קורטש פון האַרץ און מוח, וואָס איז מיר באַפאַלן, ווען איך

האָב נאָכן באַזוך אין דער געשטאַפּאָ דערזען דעם לאַסקאַזשעווער בחור ביי אונדז, האָט מיך אַרויסגעיאָגט אין גאַס אַריין און דאָ האָב איך באַלד דערזען דעם וועג, דעם אויסוועג. אויב נישט פאַר מיר איז כאָטש פאַרן יונגן בחור.

ווי ס'איז נאָר פינצטער געוואָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע פאָלקס־וואַנדערונג. יידישע יונגלעך און מיידלעך, מיט פּלעצאַקעס, מיליטערישע זעקלעך אויף די פּלייצעס, גייען און גייען, אַלע אָנגעטון אין אַרבעטער־קליידער, אַ סך מיט שטיוול. מע גייט פון אַלע יידישע גאַסן און געגנטן, פון דער סמאָטשע־סטאַווקע־געגנט, פון די אַלע דריי מילע־געסלעך, פון נאַלעווקער ראַיאָן, פון גענשע־דזשיקע, פון דער קאַרמעליצקע, פון לעש, פון דער דלוגע און דעם אַלטן מאַרק. אַלץ גייט אין איין ריכטונג — צו פּראַגע צו, מע גייט אַריבער די ווייסל, דאָרט טרעפט מען זיך צוזאַמען מיטן עולם, וואָס גייט פון פּראַגע, פון דער טאַרגאָווע, זאַמבקאָווסקע און ראַדזימינסקע און מע שפּאַנט אין דער ריכטונג צו מזרח צו, אויפן וועג וואָס פירט צום בוג, דעם טייך וואָס איז איצט די גרענעץ צווישן דעם רוס און דעם דייטש, וועלכע האָבן זיך איינגעטיילט מיט פּוילן און באַשטימט דעם שיינעם בוג ווי דעם שפּאַלטער פון פּוילן.

דאָס ביטערע און אכזריותדיקע כאַפּן צו דער אַרבעט, דער הונגער און פּחד פון איין זייט און דער כוח און צוציִונג־קראַפט, וואָס דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט אויף דער יידישער יוגנט, האָבן גורם געווען צו אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג. כאָטש ס'איז געווען שווער צו באַקומען טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן, איז די יידישע יוגנט געגאַנגען צופוס, געוואַנדערט טעג און נעכט צו קומען אַהין אינעם לאַנד פון באַהאַלטענעם חלום, אין לאַנד וואָס האָט אויפגעשריבן אויף זיין פאַן, אַז אַלע פעלקער, אויך דאָס יידישע, זענען פון גלייכן יחוס. ס'זענען אַפילו אָנגעקומען ידיעות, אַז דאָרט אויף יענער אויסגעחלומטער זייט, אויף יענער זייט בוג, נעמט מען די אַנטלויפנדיקע יידישע יונגעלייט נישט גערן אויף און עס טרעפט אַז מע שיקט זיי אַפילו צוריק.

די רוסן דאָרט טענהן, אַז ווער ס'האָט געוואָלט זיין מיט זיי, האָט באַדאַרפט קומען פריִער און נישט איצט ווען מען אַנטלויפט. אָבער די יידישע יוגנט שרעקט עס נישט אָפּ. יעדן פאַרנאַכט שפּאַנען פּאָרלעך, גרופּקעס פון אַלע געגנטן צום טעאַטער־פּלאַץ און פון דאָרט ווייטער צו

דער ווייסל און פון דאָרט נאָך ווייטער, גאָר־גאָר ווייט — צום בוג און אַריבער. אויך עלטערע גייען, אַמאָל אַפילו מיט פאַרשידענע לאָקאָמאָציע־מיטלען.

מיר האָבן שוין אויך מערערע מאָל געקלערט וועגן לאָזן זיך אַוועק אַהין. אָבער די קאַלטע מורא פאַרן טרוקענעם אמת פון יענעם פאַלשן גן־עדן האָט אונדז צוריקגעהאַלטן. מיר זענען ציוניסטן, מיר זענען בורזשויען און פאַר אַזעלכע חטאים קומט אונדז, לויט דער באָלשעוויסטישער גע־רעכטיקייט, טויט אָדער תפיסה. זיצן מיר דעריבער דאָ.

אָבער דעם לאָסקאָזשעווער בחור האָב איך אָריינגעפּאַקט אין אַ גרופּ־קעלע גייערס. איך האָב דערביי איבערגעלעבט אַ שיינע סאַטיספאַקציע, אַ פאַרגעניגן צו זען, אַז ס׳זענען נאָך פאַראַן מענטשן לויטן הויכן און שענערן פאָרמאַט, אַז מיר ייִדן פאַרמאָגן נאָך אַ סך עקזעמפּלאַרן פון הויכער מענטשלעכקייט. מיין גלויבן אין מענטשן האָט באַקומען פאַר־שטאַרקונג, זיין גלאַנץ האָט זיך פאַרפיינערט.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער גרופּע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך שוין פריִער געהאַט אָפּגעשמועסט, און זיי האָבן דערזען מיין לאָסקאָזשע־ווער בחור, האָבן זיי זיך אין דער ערשטער מינוט גאַנץ פיין איבערגע־שראָקן. זיינע ווונדן זענען נאָך נישט געווען אויסגעהיילט און אויפן פוס, וועלכן די דייטשן האָבן אים דורכגעשאָסן, האָט ער נאָך אַ ביסל אונטער־געהונקען. איין ייִנגל פון דער גרופּע האָט געפרעגט, ווי אַזוי וועט ער קאָנען גיין, לויפן, שווימען, שמוגלען די גרענעץ, אַנטלויפן צו דער גרענעץ, לויפן אויף יענער זייט גרענעץ. דאַן האָבן אים אַ ייִנגל און אַ מיידל געגעבן אַ נעם אונטערן אָרעם און געזאָגט קורץ:

— ער גייט מיט אונדז, ווו מיר וועלן דערגרייכן, וועט ער דער־גרייכן.

איינער אַ בחור פון דער גרופּע האָט אָנגעוויזן אויף זיין פּלייצע, אַ ברייטע, געזונטע יונגע פּלייצע, ווי ער וואָלט געזאָגט: דאָ וועט ער ליגן, אויף דער פּלייצע. מע וועט אים נישט לאָזן פאַרפאַלנגיין.

מיט טרערן אין די אויגן האָבן מיר זיך געזעגנט און דוד פון לאָס־קאָזשעוו, וואָס איז געווען מיט מיר, בשעת זיין קראַנקער חבר איז אַוועק צו דער גרענעץ, האָט אַ טיפן זיפץ געטון:

— צי וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען? עפּעס זאָגט דאָס האַרץ און

וואַרפט אַ צווייפל. צי וועלן מיר דערלעבן זיך צו זען — געווען מיין גוטער חבר.

ביינאַכט האָבן מיר ווידער אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די אַלטערס. אַלע לויפן קיין רוסלאַנד, יוגנט לויפט צופוס, עלטערע מיט וועגעלעך, אויף ראָווערן, ס׳איז שוין פאַראַן אַ גאַנצע גרופּע מאַכערס, וואָס נעמען געלט פון אַ „קעפּל״ און פירן אַריבער דעם גאַנצן וועג און גיבן איבער אין זיכערע הענט.

מיר האָבן באַשלאָסן אַז אויב דער פּלאַן, וואָס מיר האָבן פאַרגעלייגט דער געשטאַפּאָ, וועט נישט דורכגיין, וועלן מיר קלערן וועגן אַנטלויפן קיין רוסלאַנד.

ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, איינע פון די געוויינלעכע שוואַרצע שרעק־נעכט פון היטלעריסטישן גיהנום.

פון זינט מיר האָבן דערפילט דעם שאָטן, דעם שד־שאָטן פון דער ברוינער חיה, האָט זיך אַריינגעצויגן צו אונדז עפּעס אַ נישט־קלאָרער, אַ מיאוסער פּחד, וואָס וואַקסט לעגענדאַריש, בעיקר ביי דער נאַכט. דו ווייסט נישט די סיבה, אָבער דיר דאַכט זיך, אַז דו געפינסט זיך אין אַ פינצ־טערער הייל פון גזלנים מיט אָנגעשאַרפטע מעסערס. זיי זוכן דיך אַרום און וועלן דיך סוף־כל־סוף געפינען און דורכטרייבערן דיינע אָדערן. עפּעס אַ מין אינסטינקטיוו רעפלעקסיוו ציטערן כאַפּט דיך אַרום. אַ ציטערן, שטאַרקער פון דיין ווילן און שכל, אַ ציטערן וואָס באַהערשט דיך און פילט דיך אויס, ווי נאָר דו טוסט זיך אויס צום גיין שלאָפן. אַרום הערשט די פינצטערע נאַכט. עלעקטריש ליכט האָבן מיר נאָך ביז היינט נישט פון זינט דער צעשטערונג פון וואַרשע. גיט אין מיר אַ זעץ אַריין ווי מיט אַ שפּיץ־מעסער דער פּחד־ציטער. דו ציטערסט אינעווייניק, מיט אָנגע־שפּיצטע אויערן, אָנגעגליטע נערוון, וואַקלדיקע קני און אַן אומרו אין מוח און אין האַרצן. די שוואַרצע מלחמה־נאַכט, מיט די פאַרהאַקטע פינצ־טערע שויבן, דאָס אומרויִקע טרובען פון די דייטשע אויטאָ־סירענעס, וואָס מ׳הערט פון גאַס, די רעפלעקטאָרן־פינגער וואָס באַטאַפּן דעם הימל און שפּאַלטן דורך די לאָדן פון די פענצטער, פּלוצלינגדיקע אויפשיינען אין דער לופט, וואָרענונג־סיגנאַלן פון מיליטער, דאָס שעפּטשען פון מענטשן, פון דער לופט, דאָס אומקלאָרע שטילע זשומען אינעם אַרום און בעיקר דאָס זידן פונעם בלוט, פון דיין בלוט — דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט אַזאַ

אַנגעלאָדענע אַטמאָספער פון אומזיכערקייט, אַז דו ציטערסט אַלע מאָל אויף און קוקסט אַרום זיך, צי שטייט שוין נישט לעבן דיר אַ דייטשער סאָלדאַט מיט אַ בייטש, צי שטייט נישט לעבן דיר איינער פון די, וואָס זענען שרעקלעכער פון שרעק, איינער פון די, מיט וועלכע דו ווינטשסט זיך נישט צו דערלעבן צו טרעפן, אַ געשטאַפּאָוויעץ מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. די שרעק פאַר די שדים, גיהנום־שליחים, איז אַזוי גרויס, אַז ס׳נעמט אַוועק דעם שלאָף און וואַרפט אָן אַ געפיל פון פאַרלוירנקייט און אומבאַהאָלפנקייט. ווערט מען שוין מיט צרות אַנטשלאָפן, כאַפּט מען זיך באַלד אויף באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס און אין אַנגסטן, מיט אַ ווילדן געשריי: — „ווו איז ער? ווו?״ און די גאַנצע שטוב ציטערט־אויף אין אומרויקייט.

יעדער ייד פילט, אַז ער איז נישט אין זיין אייגענעם רשות, אַז דאָס שלעכטס האָט איבערגענומען די ממשלה איבער דער וועלט און איבער אים, ווער ווייסט ווי אַזוי און מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

איך טו זיך אויס. איך ציטער, צי וועל איך זיך נישט דאַרפן באַלד אָנטון און אַנטלויפן, צי וועט מען באַלד נישט קומען נאָך מיר. איך וועל שוין נישט באַוויזן זיך אָנצוטון און אַנטלויפן, און אפשר. אין קאָפּ הייבט זיך אָן דרייען. דאָס האַרץ וואַרפט זיך מיט אימפּעט.

אַ נאַכט, אַ נאַכט. אַ געוויינלעכע נאַכט פון אַ ייד אין פּוילישן היט־לער־גיהנום.

דער 2טער נאָוועמבער 1939, דער אָנדענקטאָג, דער טאָג פון אונ־דזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און אָנזאָג פון נייעם לעבן, איז שיער נישט געוואָרן דער טאָג פון מיין פּערזענלעכן אונטערגאַנג.

נאָך נעכטן האָב איך זיך אָפּגעשמועסט מיט אַ פּאָר חברים צו פּראַ־וועז דעם באַלפור־טאָג, ווי ס׳קומט אים, בעסער געזאָגט, ווי ס׳קומט אונדז, פון גאָט־פאַרלאָזענע, פון גורל־געיאָגטע יידן אין פּוילן. ספּעציעל איצט ווען מיר האָבן שוין אָנגעבונדן אַ שטיקל קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל און ס׳שיינט אַ זונשטראַל פון אַ האָפענונג פון ארויסראַטעווען זיך פון דאַנען און אַנטלויפן אַהין, אין לאַנד פון האָפענונג און לעבן, וואָס ס׳האָט אונדז צוגעזאָגט דער נאָבעלער לאָרד באַלפור. און אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען פון אונדזער מעמאָראַנדום?

איידער איך האָב זיך נאָך באַוויזן אָנצוטון הערן מיר אַ געוואַלט:

— „אַנטלויפט! אַנטלויפט!“ אונדזער שכנטע האָט פּשוט אויפגע־ריסן די טיר.

וואַנדע איז אַרויס אין גאַס און באַלד צוריק אַריין מיט אַ שרעק:

— מע כאַפּט ייִדן צו דער אַרבעט. מע כאַפּט אין די הייזער... זיי זענען שוין אויף אונדזער גאַס. שוין לעבן אונדזער הויז...

וווּהין אַנטלויפט מען? כאָטש די קעלט איז גרויס יאָג איך אַרויס אָן אַ מאַנטל דורך דער הינטערטיר, לויף אַריין אין צווייטן הויף, לויף אַריבער צום קליינעם שטיבעלע, וואָס פאַרמאַכט דעם דריטן הויף פון אונדזער הויז. מיט אַקראָבאַטישע קונצשטיק, אונטערגעשטופּט פון אַלע ווייבער און קינדער פון הויף, יאָג איך פון דעכל צו דעכל און שפּרינג אַראָפּ אויף דער צווייטער גאַס פון אונדז, אויף נאַוואַליפּיע.

די גאַס איז טויט. קיין מענטשן זעט מען נישט פאַר די אויגן. איך פאַרשטיי אַז אויך דאָ כאַפּט מען...

איך זע שוין פון דער ווייטנס יאָגן ייִדן, איבערגעשראָקן, איינגע־בויגן, טויטבלאַס, האַלב־אַנגעטון פליִען זיי ווי אונטערגעשאָסענע פייגל, אַ שפּרונג, אַ פאַל, אַ יאָג, אַ טראַג, אַ לויף, אַ פאַל צו דער ערד, איינ־געבויגן, אָנגעשטרענגט, אַרויף, אַראָפּ, קיין דייטשן זע איך נישט.

איך לויף צו צו זיי.

מיר יאָגן איבער הייף און דעכער, איבער טרעפּ און ווענט. אומעטום לויפן אונדז אַנטקעגן פרויען, ייִדישע האַרציקע פרויען — מאַמעס, שוועס־טערס און ייִדישע קינדערלעך, אַלע שרייען זיי: — „אַנטלויפט! אַנט־לויפט! מע כאַפּט!“ פונקט ווי מיר וואָלטן איצט געשטאַנען און געוואַרט.

מיר זענען אַריין אין דער סמאָטשע־גאַס. דאָ לויפט אונדז אַנטקעגן אַ גרופּע סאָלדאַטן, ווי משוגענע צעיושעטע הינט. מיט ווילדע קולות און צעפּאַכטעטע בייטשן אין דער לופטן געבן זיי אונדז אַ באַפעל: — „האַלט! האַלט! שטיין בלייבן!“ מיט אַ ווילדן אימפּעט האָבן מיר זיך אַלע געגעבן אַ דריי־אויס און אַריין אין ערשטן טויער, וואָס איז געווען פאַר אונדז, פון דאָרט אין לעצטן הויף, און אַרויף אויפן העכסטן שטאָק, פליִענדיק אויפן בוידעם אַרויף.

דאָ דערהערן מיר פּלוצלינג אַ שאָס, אַ צווייטן. ווי האַלב־משוגע, ווי צעווילדעוועטע חיות האָבן מיר גענומען זעצן אין די טירן פון די איי־

בערשטע דירות. ווער מען אונדז שיסן, דערשיסן, איז כאָטש אין אַ שטוב, נישט אין דרויסן, אויף דער גאַס, ווי פאַרשיווע הינט.

נאָך די שאָסן האָט זיך עפּעס די לופט ווי באַרויקט. מיר זענען אַריין אין דער דירה, וווּ מ׳האָט אונדז סוף־כל־סוף געעפנט, אַ מאַן פינף. ווו דער רעשט איז געבליבן, ווייס איך נישט.

דורכן פענצטער האָבן מיר געזען, ווי די סאָלדאַטן האָבן געפירט אַן אַנדערטהאַלבן מניינים ייִדן, האָבן זיי אַריינגעזעצט אין צוויי קליינע לאַסט־אויטאָמאָבילן און זענען אַוועקגעפאָרן.

מיר זענען אַראָפּ. די פיס ביי מיר זענען ווי אונטערגעהאַקט. דאָס האַרץ אַרבעט ווי אַ קאַליעדיקער זייגער. אוי, ווי קאָן מען דאָס אויס־האַלטן? ווי לאַנג?

דאָ אויף דער גאַס, עק סמאָטשע און פּאַווע, ליגט אַ ייִד טויט. בערך אַ פופציקער. אַן אַרבעטער. שכנים האָבן אים דערקענט, לייבל האָבן זיי אים געגעמען רופן. ס׳איז געוואָרן אַ יללה. אַ דייטש האָט צו אים גע־שריגן „האַלט!״ און ער איז געלאָפן אַהיים מיט אַ לאַבן ברויט אונטערן אָרעם, צו זיין ווייב און קינדער. און דער רוצח האָט אים לעבן דער שטוב דערמאָרדעט.

אין מיטן העלן טאָג, אָרום ניין אַ זייגער אין דער פרי, אין מיטן גאַס, אין דער שטאָט וואַרשע, אין טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן, דערפאַר וואָס ער האָט נישט אויסגע־פירט דעם באַפעל פון עפּעס אַ דייטשן אונטערוועלטניק, אַ רוצח, אַ פּראָס־טיטוט, אַ זון פון אַ זונה, אַן אַלפאָנס.

אים, דעם אָרעמען לייבל פון דער סמאָטשע־גאַס, וועט שוין די באַל־פור־דעקלאַראַציע קיין גליק נישט ברענגען!... און אונדז?!

— ס׳איז נאָך אַ מזל — האָבן ייִדענעס געשריגן. דער דייטשער רוצח האָט אויסגעשאָסן דאָס צווייטע מאָל אין דער גאַס אַריין, וווּ צענט־ליקער מענטשן זענען געלאָפן, פרויען און קינדער האָבן זיך געיאָגט און געפּלאָנטערט, וואָרענענדיק און שרייענדיק — האָט געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך קרבנות.

עפּעס האָט זיך ביי אונדז דערוועקט אַ חשד, אַז די דייטשן האָבן אויפן הייַנטיקן טאָג צוגעגרייט אַ ספּעציעלע כאַפּעריי. ס׳הערט נישט אויף דאָס כאַפּן.

בין איך צוריקגעלאָפן צו אונדזער הויז, האָט מען ווידער געכאַפּט. כ׳בין אַראָפּ אין קעלער אַריין, כ׳האָב נאָך געזען דורך אַ שפּאַרע, ווי מ׳האָט אַוועקגעפירט דעם יונגן איגיעלסקי, דעם שוואָגער פון די יעלעניעווסקיס. איך בין ווידער אַנטלאָפן.

מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז די קהילה האָט שוין עפּעס אָפּגעמאַכט מיט די דייטשן וועגן אָפּשטעלן דאָס כאַפּן. ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס שטימט נישט. די דייטשן האָבן טאַקע אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער קהילה, אַז זי זאָל צושטעלן יעדן טאָג אַ פּאָר הונדערט ייִדישע אַרבעטער, אָבער זיי טוען זייערס און כאַפּן ווייטער.

מיט טויטשרעק און פאַרשידענע קונצשטיק בין איך אָנגעקומען פאַרנאַכט צום דזשאָינט צו דער זיצונג וועגן אימיגראַציע, כמעט שוין צום סוף. ליפּמאַן און איך האָבן נאָך באַוויזן אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן אונדזער אַרבעט. אונדזער לויפּעניש און אונדזערע וויזיטן ביי דער געשטאַפּאָ. אינטערעסאַנט איז, אַז די דזשאָינט־דירעקטאָרן ניישטאַדט, גוזיק, באַרענשטיין און דער געוועזענער פּרעזעס פון די ייִדישע סיים־דעלעגאַטן אַדוואָקאַט האַרטגלאַס האָבן נישט געהאַט קיין גענוג לויבווערטער אויסצודריקן זייער באַוואונדערונג פאַר אונדזער אַרבעט. אָבער דער קראַנקער גלות־פּאַרטייען־קאָמפּלעקס האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז די קרוין פון געפינען אַן עמיגראַציע־מעגלעכקייט, זאָל פאַלן אויפן קאָפּ פון אַ קליינער ציוניסטישער פּאַרטיי. די מערהייט פון די ציוניסטישע פאַרטרעטער, מנחם קירשענבוים, אַדוו. מאָרגענשטערן, ד״ר רינגעלבלום און אַנדערע, האָבן באַגאַטעליזירט אונדזער לויפּעניש און אַפילו אויסגעדריקט צווייפל צי ס׳לוינט זיך די אַרבעט בכלל.

לוי ייִנגסטער, אונדזער מיט־שותּף צו די מעמאָראַנדומס, איז אַריין אין דעם ארץ־ישראל־קאָמיטעט, וואָס האָט באַדאַרפט צוזאַמען מיט אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס, אָנהאַלטן קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל און באַקומען סערטיפיקאַטן אין אַ גרויסער צאָל, אין דער ערשטער ריי פאַר די ציוניסטישע פירערס.

ליפּמאַן איז אַריין אין שרעקלעכן כעס. ער האָט געזאָגט, אַז אויב די פעלקער האָבן אונדז פיינט ווי אַ פּאָלק איז עס אים גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווייל מיר זענען נאַציאָנאַל־מינדערווערטיק. ער האָט פּאַראַפראַזירט דעם אַלטן רוימישן זאָג וועגן סענאַט און געזאָגט, אַז יעדער ייִד פאַר זיך האָט

אַ געוויסן ווערט, אָבער צוזאַמען ווי אַ פֿאָלק זענען מיר אַ גוף אָן אַ האַרץ. אונדזער פֿאָלק פֿעלט דאָס פֿאָלקסהאַרץ. יעדער ייִד איז עגאָיִסטיש־אינדיווידואַליסטיש. שאַצט קיינמאָל נישט אָפּ יענעמס אַרבעט. צוויי מאָל איז ישׂראל חרוב געוואָרן, ווייל ס'האָט אים געפֿעלט דאָס פֿאָלקסהאַרץ.

ער איז אַוועק פֿון דער זיצונג און האָט דערקלערט, אַז ער וועט מער צו דער געשטאַפּאָ נישט גיין, כאָטש ער איז איבערצייגט, אַז אונדזער ענין וועט האָבן אַ פּאָזיטיוון דערפֿאָלג.

דערהויבן איבער אַלע האָט זיך איינער און דאָס וויל איך פֿאַרשרייבן מיט סאַטיספֿאַקציע, דער דירעקטאָר פֿון קרן־קימת פֿאַר פּוילן ל. בלאָך.

צוליבן כאַפּעניש האָב איך געוואַרט, ביז ס'איז געוואָרן נאַכט און בין אַריין אין שטוב אַריין. פֿון ערשטן שטאָק האָט זיך געטראָגן אַ יללה־וואָיעניש. דאָס האָט אַזוי געיעכצט און געקרעכצט דער יונגער איגיעלסקי. מ'האָט אים איצט צוריקגעבראַכט פֿון דער אַרבעט.

כאָטש די שרעק ביי אונדז אין שטוב איז געווען גרויס און אַלע פֿרויען מיט פּנינהן און יאָסימעלען בראש האָבן מיך געפּרוּווט מיט כּוח צוריקהאַלטן, ווייל דער פּחד פֿון היינטיקן טאָג איז געווען גרעסער, ווי זייער כּוח דאָס אויסצוהאַלטן, בין איך אַריין צו די יעלעניעווסקיס זען דעם צוריקגעבראַכטן איגיעלסקי.

ער איז געלעגן האַלב־טויט, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, אין גאַנצן אין היץ, אין שטאַרקן פֿיבער, דער קאָפּ זיינער כּמעט אָפֿן, ווי איינגעטונקען אין בלוט. די האָר צוגעקלעפּט צום מוח, פֿון די פֿאַרמאַכטע אויגן רינען נישט קיין טרערן, נאָר עפּעס אַ משונהדיקע פֿעטע נאַסקייט, די צונג באַוועגט זיך מאָדנע־שלעכט און דער גאַנצער קערפּער איז צעביילט און צעקיילט.

די צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן אים געבראַכט, האָבן דערציילט, ווי מ'האָט זיי, צוזאַמען מיט איגיעלסקין, היינט בייטאָג געכאַפּט און אַוועקגעפֿירט אויפֿן אוניווערזיטעט־הויף, דאָרט ווו ס'איז די קוואַרטיר פֿון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. מ'האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ ריי, איבערגעציילט, דערנאָך האָט מען געהייסן יעדן איינעם אַוועקגעבן אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט. אַלע האָבן אַרויסגענומען זייערע זייגערלעך, רינגלעך, גאָלד־זאַכן. דערנאָך האָבן די זשאַנדאַרמען אָנגעהויבן אַליין צו זוכן און ביי וועמען מ'האָט עפּעס געפֿינען האָט מען געגעבן פּעטש אין פּנים אַריין

מיט אַזאַ כוח, אַזש בלוט האָט גענומען שפּריצן. ביי איגיעלסקין האָט מען געפינען פאַרבאַהאַלטן געלט, האָבן אָנגעהויבן אַלע זשאַנדאַרן, איינער נאָכן אַנדערן, צו דערלאַנגען פּעטש אין פּנים אַריין. יעדער האָט זיך באַמיט, אַז זיין פּאַטש זאָל זיין הילכיקער ווי דער פריערדיקער. אַזוי ווי איגיעלסקי איז שוין געווען פול מיט בלוט, האָט ער געמוזט אָפּווישן און אָפּלעקן יעדע זשאַנדאַרמסקע האַנט, וואָס האָט אים געשלאָגן. דאָס בלוט פון איגיעלסקין און פון די אַנדערע האָט פּשוט גענומען רינען אונטער זייערע פיס, אַזוי ווי פון אַ שחיטה.

דערנאָך האָבן די זשאַנדאַרן באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך אויסטון אין מיטן הויף. דווקא איז דער טאָג געווען אַ קאַלטער, האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן אויסטון פאַמעלעך ציטערנדיק פאַר קעלט און שרעק. מיט הילכיקע פּעטש האָבן די זשאַנדאַרן גענומען צוהעלפן, מע זאָל זיך שנעלער אויסטון. ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען נאַקעט, האָבן זיי באַפוילן זיך אויסצולייגן אויף דער פראָסטיקער ערד און ווייזן ווי אַזוי זיי לעבן זיך אויס סעקסועל. אַרום זענען געשטאַנען צענדליקער זשאַנדאַרן און האָבן זיך געקייקלט פאַר געלעכטער.

נידערטרעכטיקע ברואים מיט אונטערוועלט־מאָראַל.

שפּעטער האָבן די זשאַנדאַרן געפרעגט יעדן איינעם, וואָס זיין באַרוף איז. איגיעלסקי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ שילער. — „אַ בורזשוי, אַן עקספּלאָאַטאַטאָר!" — האָט איין זשאַנדאַר פּלוצלינג גענומען פאַרטיידיקן דעם סאָציאַליסטישן כבוד. צוויי זשאַנדאַרן האָבן איגיעלסקין אָוועקגעפירט ביז צום סוף פון אוניווערזיטעט־הויף און אים געהייסן קוקן גלייך אויף דער זון. כאָטש די זון איז געווען אַ קאַלטע און אַ בלאַסע, האָט שוין דער אָפּגעשוואַכטער איגיעלסקי נישט געקאָנט האַלטן דעם קאָפּ גלייך און קוקן אין דער זון אַריין. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט ער געכאַפּט מיט אַ יאַמשענעם שטעקן איבערן קאָפּ. דער קאָפּ און ער זענען שוין געווען איין שטיק באַוועגלעך בלוט און די חיות האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט. ווי פאַרשיכורטע האָבן זיי גענומען שלאָגן און שרייען: — „גלייך קוקן!" און ווען איגיעלסקי איז שוין אַנידערגעפאַלן פון די קלעפּ האָבן זיי נאָך געשריגן און געשלאָגן. ער איז געבליבן ליגן. זייערע אַלע געשרייען און קלעפּ, ער זאָל אויפשטיין צו דער אַרבעט, האָבן מער נישט געהאָלפן.

די צוויי יונגעלייט האָבן זיך פשוט איינגעשטעלט דאָס לעבן און אויף דער נאַכט, ווען זיי האָבן געענדיקט זייער אַרבעט, זענען זיי צו אים צוגעלאָפן און אים מיטגעשלעפט אויף אַ ריקשע.

דער דאָקטאָר, וואָס מ׳האָט גערופן, האָט פעסטגעשטעלט דריי זאַכן: צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, אויפגעריסן אַ ריי אָדערן און אָנגערירט דאָס אָר־גאַנישע גלייכגעוויכט.

נאָך בייטאָג ... נאָך ביינאַכט האָב איך געוואָלט לויפן זאָגן, אַז איך וויל נישט וואַרטן מער, אַז איך וויל אַנטלויפן ווו די וועלט האָט אַן עק און אויב איר פּרצוף איז אַזוי ווי איך האָב אים היינט געזען, זאָל זי אונטערגיין, די וועלט, צוזאַמען מיט מיר. און שוין די נאַכט. די וועלט איז נישט ווערט, נישט ראוי צו דערלעבן נאָך איין נאַכט.

ערב־שבת, דעם 10טן נאָוועמבער. איך פיל, אַז מיר פאַרלירן שוין אויך דעם פּרצוף פון אַ מענטשן. די חיהשע וועלט הייבט אָן באַהערשן אַלץ און אַלעמען.

ווו זענען מיינע שבתים, מיינע טעג און נעכט. ווו זענען די ייִדישע שבתים פון פּוילן: די טעג זענען אונטערגעגאַנגען. זיי זענען וואָכעדיק, אָבער די שבתים — זיי זענען דאָך באַווייזן פון העכערקייט, פון איבער־חיהשן לעבן, פונעם געלייטערטן. ווו זענען זיי? זענען מיר שוין אויס? אויס מענטשלעך?

נישט קיין ליכט, נישט קיין טיש, נישט קיין תפילה.

נישט זייענדיק רעליגיעז אין אָרטאָדאָקסישן זין, בין איך אַ שטרענ־גער אָפּהיטער פון טראַדיציע בכלל און פון ייִדישער בפרט. טראַדיציע איז פאַר מיר דער המשך פונעם זונשטראַל, וואָס האָט אין דער גן־עדן־עפּאָכע באַלויכטן דעם מענטשנס אויפקום. איך האָב שטאַרק ליב דעם גלאַנץ און די וואַרעמקייט פון דאָזיקן זונשטראַל. אפשר איז דאָס איינס פון די אייגנשאַפטן, און אפשר די וויכטיקסטע, וואָס שיידט אונטער דעם מענטש פון דער חיה!

איצט איז אַלץ פאַרשוווּנדן. מיר גייען איבער, מען וואַרפט אונדז איבער אין אַ צושטאַנד פון אויס־מענטש, ווייניקער ווי מענטש.

די ווילדע ברוינע בעסטיע לויפט אַרום און וואַרפט אָן אַ דזשונגל־טויטשרעק און די אַנדערע מוזן זיך באַהאַלטן, פאַרטיידיקן, אָפּצוראַטע־

ווען דאָס נאַקעטע לעבן, דעם רעשט, דעם קליינעם רעשט פון מענטש־לעכן איך.

נאָך איגיעלסקיס זונקוקעריי בין איך, צוזאַמען מיט ליפּמאַנען און אַפילו מיט ד״ר אַלטערן, וואָס האָט באַשלאָסן איינצושטעלן זיין לעבן און צולייגן אַ האַנט, צוגלייך מיט אונדז — געלאָפן, אַרומגעיאָגט איבער ביוראָען, צו אַלע מאַכערס און פירערס וועגן סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל. מיר זענען געווויר געוואָרן, אַז מע שטעלט צונויף אַ רשימה פון פּאַרטיי־פירערס, פּערזענלעכקייטן, פאַר וועלכע מע וויל באַקומען סער־טיפיקאַטן. די יידישע אַגענץ מאַכט גרויסע אָנטשרענגונגען אַז די ליבע ענגלענדער, באַלפורס פּאַרטייטשערס, זאָלן געבן סערטיפיקאַטן אונדז צו ראַטעווען. דאָ איז דער „טריעסטער לאָיד״ געוואָרן דער הויפּט־מחותן.

ווידער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז קליינע גרופּעס יידן מאַכן שבת פאַר זיך. מע פאַרשאַפט זיך אַלטע פוילישע פּאַספּאָרטן, קיין מאַכערס דערצו פעלן נישט, מע פאַרשטענדיקט זיך מיט פרעמדע קאָנסולאַטן, וואָס האָבן שוין נישט קיין רעכט צו טיילן וויזעס, אָבער פאַר אַ געהעריקער סומע באַקומט מען אַן אַנטידאַטירטע וויזע, פון דער צייט, ווען די קאָנ־סולאַטן זענען נאָך געווען אַקרעדיטירט און צום סוף זוכט מען אַ וועג צו דער געשטאַפּאָ, זי זאָל שטעלן אַ זיגל, אַז זי האָט גאָרנישט דאַקעגן מע זאָל אַרויספאָרן. איינער, אַ העברעישער לערער, דער היכער בערמאַן, האָט אונדז אָנגעוויזן דעם וועג פון דעם אופן עמיגראַציע. ליידער איז ער פאַר אונדז אי צו־שווער, אי צו־טייער.

זענען מיר מיט ד״ר אַלטערס ברכה און לוי ייגסטערס עצה נאָך אַמאָל אָוועק צו דער געשטאַפּאָ. ליפּמאַן האָט זיין דראָונג נישט אויסגע־פירט. זעענדיק, אַז אַלע דריי וועגן, — אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, וואַרטן אויף סערטיפיקאַטן, פאָרן מיט אַ גרופּע, — זענען אָדער אילוזיעס אָדער נישט פאַר אונדז, האָבן מיר באַשלאָסן צו באַוועלטיקן אין זיך די גע־שטאַפּאָ־שרעק און גיין אָפּנעמען די תשובה, וואָס זיי האָבן אונדז צוגע־זאָגט. מיט איין זאַך האָבן מיר זיך יאָ באַוואָרנט. מיר האָבן באַצאָלט אַ פאָלקסדייטש, מיטן נאָמען זשולקיעווסקי, ער זאָל מיט אונדז מיטגיין און זיין אונדזער וועכטער.

דינסטיק, דעם 7טן דעצעמבער, האָבן מיר ווייטער געוואַרט ביי דער טיר פון קאָמענדאַנט. אָנטקעגן אונדז — די זעלבע דריי פּקדעשן מיט די

גיפטיקע שלאַנגען־אויגן. זשולקיעווסקי איז געבליבן אין האָל וואַרטן אויף אונדזער צוריקקומען.

דער אַדיוטאַנט פון אָבערשטורעמבאַנפירער מייזינגער האָט אונדז געלאָזט זאָגן, אַז מע זאָל אונדז אַראָפּפירן צום פּאָליציי־פּרעזידענט קלאַמין. פון דאָרט האָט אונדז אויפגענומען דער רעגירונג־ראַט צידריך, אַן עלטערער מענטש. מסתמא אַ חיה, כאָטש קיין כלב האָט ער נישט אויסגעזען צו זיין. אויף זיין טיש איז געלעגן אונדזער מעמאָראַנדום מיט אַלע אונדזערע אונטערשריפטן.

נאָך אַ לאַנגן, אויספירלעכן רעפעראַט, וועלכן ליפּמאַן און איך, ביידע לאַנגיאָריקע געניטע רעדנערס, האָבן אָפּגעהאַלטן וועגן עמיגראַציאָניזם, וועגן דער ייִדנפראַגע, וועגן אַ לייזונג וואָס זאָל זיין גוט פאַר ביידע צדדים, האָט אונדז דער אַלטער דייטש אויסגעשיט דעם גאַנצן היטלעריסטישן פיזמון, אַז ייִדן זענען אַליין שולדיק, ייִדן האָבן געוואָלט די מילחמה און זיי מוזן דערפאַר געהעריק באַשטראָפט ווערן.

מיר האָבן געפילט, אַז ער זאָגט דאָס מער אויס פליכט ווי פון איבערצייגונג, און אפשר הערט מען זיך אונטער צו די שמועסן. מיר האָבן דעריבער נישט געזשאַלעוועט קיין פאָרזיכטיקע קאָנטער־אַרגומענטן.

מיר האָבן אים געפרעגט, צי האַלט ער, אַז מיר, די ייִדן פון נאַלעווקעס און גענשע, צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון די ייִדן פון כעלעם, ראַיעוויץ און איישישאָק פירן די פּאָליטיק פון דער ענגלישער אימפעריע און דיקטירן דעם ענגלישן מלך מיט וועמען ער האָט צו פירן מילחמה? ער האָט באַטאָנט, אַז די ראַסן־אידעאָלאָגיע שיידט נישט אונטער קיין ייִדנגרופּעס, אַלע זענען גלייך און אַלע זענען פאַראַנטוואָרטלעך.

נאָך אַ דיסקוסיע וועגן ייִדישער אינטעליגענץ און וועגן עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָס הערשן ביי ייִדן, וואָס צוליב דעם זענען זיי אָנערקענט און געשעצט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, האָט ער אויף אַלע אונדזערע אַרגומענטן געענטפערט, אַז ייִדן פעלט דאָס געפיל פון כבוד, אַ סימן, אַז ס'קומען נישט פאָר קיין זעלבסטמאָרדן ביי ייִדן, אַפילו איצט.

דער אַרגומענט האָט אונדז געעפנט די אויגן. איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די צרות, וואָס די סאָלדאַטן, זשאַנדאַרן און געשטאַפּאָ טוען אָן די ייִדן איז נישט קיין צופאַל. דאָס איז אַ שיטה, אַ סיסטעם, זיי ווילן

לייזן די ייִדנפראַגע אויף אַ טייוולאַנישן אופן. זיי ווילן מיט אונדז אַזוי פירן, אַזוי אַרבעטן און אַזוי אונדז מוטשען, אַז מיר וועלן זיך אַליין אויס־ענדיקן. מיר וועלן ווערן אויס.

דער פריינטלעכער עצה־געבער, דער פיינער אַלטער דייטש האָט צום סוף אונדז צוגעזאָגט נאָך אַמאָל צו באַטראַכטן אונדזער מעמאָראַנדום.

עפּעס ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אונדז ביידע דורכגעלאָפן און מיטן עלעקטרישן ליכט באַלויכטן אַ פעלד, וואָס איז געווען פינצטער פאַר אונדז ביז איצט, האָט אונדז ווידער מיט עלעקטרישן גליפייער אָנ־געהויבן וואַרעמען און ברענען.

הייסט עס, די אייביקע מילחמה צווישן גאָט און עמלק, צווישן דעם גוטן און שלעכטן, צווישן דער ליכטיקער מאַכט און דער פינצטערער, גאָט און שטן!

מיר זאָלן אונטערגיין. אַליין פון זיך. עמלק קאָן אונדז נישט ליידן אויף דער וועלט. מיר שטערן אים. מיר שטערן דער וועלט. זי האָט גע־וואָלט זיין אַ וועלט פון חיות, איז געקומען משה און געגעבן געזעצן פון מאָראַל. האָבן זיי געוואָלט האָדעווען שקלאַפן און קנעכט, האָט זיי ישו, דער ייִדישער קריסטוס געכאַפּט ביי דער האַנט און געלערנט ליבע. ווילן זיי זיך אויפרעסן איינער דעם אַנדערן — קומט מאַרקס און לערנט אַר־בעטן איינער פאַרן אַנדערן. וויל דער אַלטער באַרבאַר, דער רוצחישער הונענזון איינשלינגען די וועלט, לאָזן אים נישט די ייִדן. האָט ער געפינען אַן עצה, דער גערמאַניש־באַרבאַריש־הוניש־בעסטיאַלישער זון פון אַ שוואַר־צער שטן־מאַמע — ער וועט ענדיקן מיט די ייִדן. בעסער־מאַכן זיינע קאָן ער נישט און וויל נישט, לייכטער אומצוברענגען די וואָרענער. די וועלט וויל לויפן אין מאָראַלישן אָפגרונט — שטייט דער ייִד, שרייט, וואָרנט און לאָזט נישט. וועט ער אַוועקהרגענען דעם ייִד.

מיר האָבן נישט באַוויזן צו ענדיקן אונדזערע אַלע געדאַנקען, שטייענ־דיק אין צווייטן ביוראָ פונעם גוטן דייטש — ווי מע שרייבט שוין מיט אונדז אפשר אַ שעה אַלע פרטים פון אונדזער פערזענלעכן לעבן און באַ־שעפטיקונג. שפעטער האָט מען אונדז איבערגעגעבן אַ וועכטער, ער זאָל אונדז אַרויספירן.

ביים אַרויסגאַנג זוכן מיר זשולקיעווסקין און מיר זעען אים נישט. רוקט זיך אונטער אַ געשטאַפּאָוויעץ און הייסט אונדז מיטגיין. מיר דער־

קלערן, אַז מיר קומען פון רעגירונגס־ראַט צידריך. ער מאַכט זיך נישט הערן און פירט אונדז מיט עפּעס זייטיקע קאָרידאָרן און פון דאָרט פלוצלינג אַ פּאָר טרעפּ אַראָפּ. מיר דערפילן דעם ריח פון אַ קעלער, פון אַ תפיסה, דער ספּעציפישער ריח פון שרעק, שטילקייט, פוילקייט, טויט און אימה. אַ קאַלטער שווייס האָט אונדז באַגאָסן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען אַריין אין שרעקלעכסטן געפענקעניש פון דער וועלט, ווו מו־טשען, ברעכן ביינער און ציינער, אויסרייסן נעגל, האַקן קעפּ, שפּאַלטן אברים, טרייבערן אָדערן, ברענען, ברעכן, פיזישע און מאָראַלישע יסורים פאַרבונדן מיט אַ ראַפינירטן סיסטעם פון ליידן וואַרטן אויף אונדז ביז מיר וועלן אויסגיין אין די יסורים. פאַר שרעק זענען מיר פאַרשטומט גע־וואָרן. אַ פּאָר מאָל האָבן מיר געעפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן, און נאָר אַ נאַריש שטאַמלען איז ווי אַ סלינע אַרויסגערונען פון מויל, וואָס האָט דערוועקט איראָניע ביי אונדזער פירער.

פלוצלינג האָט ליפּמאַן אַרויסגעשאָסן ווי נישט מיט זיין קול: „דער אויבערשטורעמבאַנפירער מייזינגער און זיין אַדיוטאַנט וואַרטן אויף אונדז!"

דערהערט דעם דאָזיקן נאָמען איז דער געשטאַפּאָוויעץ, וואָס האָט שוין געוואָלט אַרויסנעמען אַ שליסל און עפענען עפּעס אַ שווערע דעמ־בענע קעלערטיר, געבליבן שטיין ווי אַ פאַרציטערטער. אַלע מאָל האָט ער אונדז איבערגעפרעגט דעם נאָמען מייזינגער און ביי יעדער תשובה אונ־דזערער איז ער ממש ווי פריטשמעלעט געבליבן און אונדז גענומען יאָגן אויף צוריק.

ער האָט אונדז צוגעפירט צו די דריי עקדעשן מיט די שפּיזן־אויגן, עפּעס ווי זיך אַנטשולדיקט און איז אַוועק.

— וואָס וועלן מיר זאָגן? זיי אינעווייניק וועלן מיר דאָך נישט אָפּ־נאַרן? — שעפּטשע איך צו ליפּמאַנען.

— אַראָפּ גיי איך נישט... זאָלן זיי מיך הרגענען דאָ אויפן אָרט... אַראָפּ נישט — ענטפערט ליפּמאַן אויפן קול, אַז אַלע דריי האָבן פּאַמע־לעך אויפגעהויבן די שלאַנגענקעפּ.

מיר זענען אַריין אינעווייניק, צום אבי־אבות־הטומאה. ליפּמאַן האָט נאָך געהאַט אַזוי פיל קוראַזש צו פרעגן דער סטענאָטיפּיסטקע אין ערשטן

צימער, צי מיר זאָלן אַראָפּנעמען די מאַנטלען, איידער מיר גייען אַריין צום קאָמענדאַנט...

אָן די מאַנטלען, האָט ער דערקלערט, וועט מען זיך שעמען אַראָפּצו־פירן אונדז אונטן אין קעלער אַריין.

אַ יונגער, אַטלעטישער דייטש איז אַרויס פון אַ זייטיקן צימער, אָנ־געהויבן אויספרעגן אונדזערע נעמען, באַשעפטיקונג און פאַרפירט אַ וויכוח וועגן ייִדן און אַראַבער. מיר האָבן כמעט ווי געשוויגן. ער האָט פאַר־לאַנגט, מיר זאָלן אַרויסזאָגן אונדזער מיינונג און ווען מיר האָבן עפּעס געפּרוּווט זאָגן, האָט ער זיך צעשריגן: — „הייסט עס, אַז איר זאָרגט פאַר דייטשלאַנד, איר ווילט אונדז געבן עצות!” — און האָט אויפגעהויבן דעם פייטש אַזוי הויך, אַז מיר ביידע האָבן רעפלעקסיוו זיך איינגעבויגן.

— „קומט מאָרגן, מאָרגן! היינט איז דער קאָמענדאַנט באַשעפטיקט”.

די יונגע שיינע סטענאָטיפּיסטקע, מיט וועלכער ליפּמאַן האָט גע־פּרוּווט אָנצובינדן פלירט־באַציִונגען, האָט אונדז געהייסן וואַרטן. זי וועט פּועלן, מע זאָל אונדז היינט אויפנעמען. אָבער מיר ביידע האָבן געכאַפּט די מאַנטלען און אַרויס מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די וועכטער פון אַלע טירן און איינגאַנג האָבן נישט באַוויזן אונדז צו פרעגן ווער מיר זענען.

איצט האָבן מיר אויך געפּאַקט אונדזער זשולקיעווסקין, וואָס האָט זיך גענומען באַרימען, אַז ער האָט אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון קלעם.

כאָטש אין טראַמוויי צו פאָרן איז געווען אַ שרעק, האָבן מיר לאַנג נישט געטראַכט און אין ערשטן בעסטן אָנפאָרנדיקן טראַמוויי זענען מיר איינגעשטיגן, אַבי אַוועק ווייט, ווייט פון דער שרעקלעכער אַלעיאַ־שוכאַ.

ווען כ'בין ענדלעך געקומען אַהיים האָב איך געקריגן אַ דרייפאַכיקן קבלת־פּנים. צוערשט האָבן מיך אויפגענומען די פאַרדומפּענע, מיאוסע קיך־ריחות. אונדזער דירה איז דאָך אַ פאָלקסקיך, און ציבעלע־יויך, פאַר־דומפּענע קאַרטאָפל, האַלב־צעקוועטשטע מייערן זענען די הויפּטפּראָדוקטן, וואָס שיקן זייערע עיפּוש־ריחות איבער אַלע צימערן. גלייכצייטיק האָט מיך אויפגענומען דאָס פאַרטעפּיאַן־שפּילן פון מיין מיידעלע. יאַסימעלע האָט מיר מיט שטאָלץ געזאָגט, אַז זי וועט שוין האָבן אַ לערערקע, די באַרימטע האַנקע דיקשטיין, וואָס וווינט לעבן אונדז. האַנקע האָט היינט געהערט ווי זי שפּילט און געזאָגט, אַז יאַסימע וואַקסט אַ צווייטער מאָ־צאַרט, אָדער גיכער די ערשטע מאָצאַרטעכע. די דריטע אויפנאַמע האָב

איך געהאַט פון מיין פרוי. פנינה איז היינט געוואָרן פון מיינע באַזוכן אין דער געשטאַפּאָ. ליפמאַנס פרוי האָט עס איר איבערגעגעבן. אַלע האָבן מיר באַלד דערציילט, אַז פנינהס האַרצקלעמעניש האָט זיך אַזוי היינט געשטאַרקט, אַז מ׳האָט זי געמוזט צוויי מאָל אָפּראַטעווען פון חלשות.

אַרויסלויפן פון שטוב האָב איך אויך נישט געקאָנט, ווייל עפּעס האָט מען זיך געשושקעט, אַז די נאַכט וועט געשען „אַ נייע מילחמה״, „אַ ניי כאַפּעניש״, „אַ נייע אַרבעט״, „אַן אויפשטאַנד״. אַלע מאָל איז אַריינגעקומען עמעץ און האָט אַריינגעלאָזט אַ גרילץ. כאָטש קיינער האָט נישט געקענט דעם נאָמען פון דער שרעק איז אָבער דער כוח פון דער שרעק געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

דער ברוינער פחד, דער פחד פאַר דער ברוינער חיה.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אַרומגעגאַנגען אויפן הויף, געהאָרכט, געלוישט, געגנישטערט. יעדעס מאָל ווען מיר האָבן געהערט אַן אויטאָ צופאָרן צו אַ שטוב און זיך אָפּשטעלן ביי אַ טויער — האָט אונדז אַ טויטשווייס באַגאָסן. מיר האָבן באַלד באַקומען די ידיעה אַז ווען דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ, שטייגן אַרויס צוויי. קלאַפּן אָן אין טויער און צוזאַמען מיטן טויער־וועכטער גייען זיי אין די פאַרשידענע דירות, לויט רשימות, וואָס זיי האַלטן אין האַנט, נעמען אַרויס מענטשן און פאָרן מיט זיי אַוועק.

אין אַ סך ערטער האָבן זיי געצוווּנגען דעם הויזוועכטער, ער זאָל אָנקלאַפּן אין די טירן פון די פאַרשידענע דירות. ווען מ׳האָט געפרעגט, ווער ס׳איז דאָרט, האָט ער געמוזט זאָגן „גאָרנישט, גאָרנישט, איך, דער הויזוועכטער״. נאָכן עפענען די טיר, זענען די געשטאַפּאָווצעס אַריין מיט רעוואָלווערן און אַרויסגענומען די מענטשן וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער רשימה. אין אַ סך שטובן זענען די פרויען און קינדער געפאַלן צו די פיס פון די רוצחים, אַ קאָפּע מיט אַ באַנדיטישן שטיוול איז געווען די תשובה.

אַ גאַנצע נאַכט פון נערוון־ציטער און האַרצקלעמעניש.

אַ נאַכט, ווען די נערוון האָבן געברענט.

אין דער פרי זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אַרויסגענומען פון די בעטן. מ׳איז אַריין אין אַ סך ערטער און די שטובן און אַרויסגעפירט אַ ריי אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, רעדאַקטאָרן, לערער און אַנדערע פאָרשטייערס פון דער אינטעליגענץ, סיי

פּאַלאַקן, סײַ ייִדן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן בײַ די אַרבעטער אין די פאָרשטעט. אונטער וואַנדעס אָנפירונג זענען מיר אַוועק קיין טשערניאַקאָוו זיך באַהאַלטן אין שטוב פון אַ פּוילישן פאַבריק־אַרבעטער, אָבער אויפן וועג זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז ס'האָט די אַרבעטער־קרייזן אויך נישט געמיטן. בײַנאַכט האָט מען געכאַפּט עטלעכע פּוילישע סטאָלער־מייסטערס און אין אונדזער גרויסער פאַרלוירנקייט האָבן מיר אָנגעהויבן יאָגן אויף צוריק.

אין צווישן האָט פּנינה מיר אָנגעגרייט אַ באַהעלטעניש דווקא בײַ אונדז אין הויז, אין דריטן הויף, בײַ אַ ייִדישער מישפּחה, בײַ די מלאָווס־קיס, וועלכע מ'האָט געקאָנט אפשר חושד זײַן אין אַלץ, חוץ אין אינטע־ליגענץ און רײַכקייט. דער צוגאַנג צו זייער שטיבעלע, פון וועמענס עק־זיסטענץ איך האָב ביז היינט אַפילו נישט געוווּסט, כאָטש מיר האָבן גע־וווינט אַזוי פיל יאָרן אין איין הויז, איז געווען פון יענער זייט גרויסן מיסטקאַסטן וואָס איז געשטאַנען אין לעצטן הויף. דער מיסטקאַסטן, וואָס האָט געדינט פאַרן שמוץ פונעם גאַנצן הויז, איז געווען אַזוי עקלהאַפטיק און עיפּושדיק, אַז ער אַליין איז געווען בכוח צו פאַריאָגן אַ גאַנצע קאָמ־פּאַניע דײַטשע סאָלדאַטן.

איך בין דאָרט אַרײַן אין דעם „פאַרפומירטן" פּאַלאַץ, אין דער גע־זעלשאַפט פון עלטערן און זעקס קינדער און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפע־נישן, איבערגעלעגן די נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך קען אַלע שטאַפּלען פון עלנט, איצט האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז דאָס טיפסטע האָב איך ערשט איצט דערקענט. עלנט, נויט, הונגער, פאַרוואָרלאָזט, פאַרעיפּושט און דערצו אַ דאָרשט צו לעבן, צו אָטעמען, צו עקזיסטירן.

די נאַכט פון דאָנערשטיק האָב איך געוואַכט בײַם בעט פון אינזשי־ניער וואַרכיוווקער. זײַן איבערלעבונג און זײַן צושטאַנד זענען אַזוי שרעק־לעך, און די מורא, אַז אויף אונדז וואָרט דאָס זעלבע, איז אַזוי באַשייב־פּערלעך, — אַז ס'האָט אונדז אַלע באַהערשט אַן אַנגסט, וואָס האָט אָפּגענומען הענט און פיס.

איך זיץ, קוק און הער: היינט, דאָנערשטיק אין דער פרי האָט מען אים, וואַרכיוווקערן, געפּאַקט, ווי נאָר ער האָט באַוויזן אַ קוק צו טון פון טויער אַרויס. אַ דײַטשער סאָלדאַט איז געווען פאַרשטעקט אין ווינקל,

האָט אים דערזען און געכאַפּט. מ׳האָט זיי — אַ גאַנצע גרופּע געכאַפּטע ייִדן — אָפּגעפירט אין קעניגלעכן שלאָס, אין „זאַמעק“ אַריין. וואָרכיוו־קערן האָט מען געפרעגט, וואָסער פּראָפעסיע ער באַזיצט, האָט ער אָנגע־געבן דעם אמת — אינזשיניער. די סאָלדאַטן האָבן אים אַוועקגענומען פון דער גרופּע, וואָס האָט באַדאַרפט רייניקן דעם שלאָסהויף, און אים אַריינגעפירט אין דער מאַשינען־האַלע פון צענטראַל־באַהייצונג. דאָרט האָבן זיי אים געהייסן שיטן קוילן אין אַ ריזן־אויוון, וואָס האָט געדינט פאַר דער צענטראַל־באַהייצונג פון גאַנצן שלאָס: „אַן אינזשיניער דאַרף דאָס קענען“ — האָבן זיי אים געזאָגט. דער אויוון פלאַקערט, ס׳איז הייס — פאַרברענט צו ווערן, און ער שטייט און שיט. זיי האָבן אים באַפוילן אויסצוטון כמעט אַלץ און האַלבנאַקעט שטייט ער און שיט און שיט די שופלעס קוילן — איינע נאָך דער אַנדערער. טאָמער וויל ער אויף אַ מינוט אויפהערן, אָפּרוען, ווערט אַ געוואַלט: — „אינזשיניער, פאַרויס, נישט פוילן זיך!“

ער האָט געשוויצט, ווי אַ קראַנקער אויף טראָפּיקאַלישער מאַלאַריע פאַרן טויט. צוויי מאָל האָט ער געחלשט. קלעפּ, קאַלט וואַסער און ווילדע געשרייען האָבן אים ווידער געבראַכט צום באַוווסטזיין און צום שיטן ווייטער די קוילן, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן און די קלעפּ האָבן אים שוין אויך נישט געהאָלפן זיך אויפצושטעלן. ס׳איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר און אין זיין קעגנוואַרט האָט מען אים אָפּגעמינטערט און באַלד געהייסן זיך אויפשטעלן. מיט אַ פייערלעכן טאָן האָט מען פאַר אים פאַרגעלייענט אַ טויט־אורטייל. אַזוי ווי ער האָט אָפּגענאַרט די דייטשע אַרמיי — ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אינזשיניער און קאָן אַפילו נישט אויספירן די אַרבעט פון אַ טעכנישן געהילף — ווערט ער פאַרמישפּט דערשאָסן צו ווערן אויפן אָרט. וואָרכיווקער איז געווען אַזוי דערשלאָגן, ער האָט זיך געפינען אין אַזאַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע און פאַרלוירנקייט — אַז ער האָט נישט פּראָטעסטירט, נישט געוויינט, נישט געשריגן.

צווישן צוויי זידנדיקע ריזן־קעסלען איז געווען אַ שמאָל שטיקעלע פּלאַץ. דאָרט האָט מען אים צוגעשטעלט אַ לייטער און געהייסן אַרויפ־קריכן. דערנאָך האָט מען אים געהייסן אַוועקלייגן אַ שמאָל ברעט איבער די דעקלעך פון ביידע זידנדיקע קעסלען און אַרויפגיין אויפן ברעטל. די טיף אונטן איז געווען אַ וואָסערע זיבן־אַכט מעטער און דאָס ברעטל, וואָס

איז געלעגן אויף די דעקלעך פון די קעסלען, האָט זיך שרעקלעך געשאָקלט, ווייל די קעסלען האָבן געזאָטן און געהויבן די שטאַרצן. וואַרכיוועקער כאַפּט אַ קוק אונטן. די פּאָדלאָגע איז אַ שטיינערנע. דעם לייטער האָט מען אַוועקגענומען. דאָס ברעטל שאָקלט זיך מוראדיק. ער פילט אַז ער פאַרלירט באַלד דאָס גלייכגעוויכט. וועט געבן אַ פאַל אַראָפּ אונטן אין דער טיפעניש מיט די ברענענדיקע צעגליטע קוילן און זיך אָפּבראָטן לעבעדיקערהייט.

דער אָפיציר איז אַרויסגעגאַנגען און די דריי סאָלדאָטן זענען אַריינגעקומען, אָנגעלאָדן די ביקסן, אָנגעשטעלט זיי אַנטקעגן אים און געהייסן אים זאָגן אַ תפילה פאַרן טויט, און דווקא אַ יידישע. נישט־ווילנדיק האָבן איצט אַרויסגעזעצט טרערן פון זיינע אויגן. די רוצחים האָבן אים גענומען אויספרעגן וועגן טאַטן, מאַמען, ברידער, שוועסטער, ווייב, קינדער, פּראָפעסיע, זיינע פּלענער אויף דער צוקונפט, אַלץ פאַרשריבן און נאָטירט און זענען אַרויס.

ער שטייט אויפן צעשאָקלטן שמאָלן ברעט און אים עקבערן די געדאַנקען. זאָל ער אַראָפּשפּרינגען איז עס דאָך אַ זיכערער טויט, אַ ריר און ער ווערט לעבעדיק אָפּגעבראָטן. ס'האָט אים פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ געוואַלטיקער ווילן צו לעבן. ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג, אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר קוים אַלט. פונקט האָט מען אים מודיע געווען, אַז ער געפינט זיך אויף דער רשימה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט נאָך אַזוי פיל אויפצוטון אין זיין לעבן... ער האָט גענומען ווילד, משוגהדיק שרייען, ליאַרעמען, בעטן, מע זאָל רופן דעם אָפיציר, מע זאָל אים שטעלן פאַר אַ געריכט און דאָרט וועט ער זיך שוין פאַרענטפערן.

דער סאָלדאָט, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט געענטפערט, אַז דער אָפיציר איז אַוועקגעגאַנגען און דעם פּסק־דין מוז מען אויספירן. אין זעלבן מאָמענט האָט ער געהייסן די צוויי פּוילישע הייצער, וואָס האָבן איצט געשיט קוילן אין אויוון אַריין, פאַרשטאַרקן זייער טעמפּ, די קעסלען זאָלן מער זידן און נאָך מער שאָקלען מיטן ברעט. דערנאָך האָט דער סאָלדאָט אים געהייסן שרייבן אַ געזעגענונג־בריוו צו די עלטערן, פאַר זיין טויט.

וואַרכיוועקער איז אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. די הייצערס שיטן קוילן, די קעסלען ציטערן פון היץ און וואַרכיוועקער טאַנצט ווי אַ שטריקטענצער ער זאָל זיך נישט איבערקערן. אין דעם מאָמענט איז אַריינגע־

קומען דער סערזשאַנט מיט אַ שווערד און געהייסן די דריי סאָלדאַטן אָנשטעלן די ביקסן געגנוי אויף וואַרכיוואָקערס קאָפּ און באַפעלט זיי צו שיסן ווען ער וועט פאַרהייבן די שווערד און זאָגן „פייער". דער סערזשאַנט גיט נאָך אַ פרעג וואַרכיוואָקערן, צי ער האָט עפּעס אַ לעצטן ווונטש און צי וויל ער, מע זאָל אים פאַרבינדן די אויגן.וואַרכיוואָקער ענטפערט שוין נישט. דער סערזשאַנט גיט אַ הייב די שווערד, אָבער „פייער" האָט ער שוין נישט געזאָגט. וואַרכיוואָקער האָט נישט אויסגעהאַלטן און מיט זיין גאַנצער וואָג איז ער אַראָפּגעשפּרונגען אין דער טיפעניש. די צוויי פּוילישע הייצערס און סאָלדאַטן האָבן אים אויפגעכאַפּט. ער איז אָפּגעקומען מיט לייכטע ווונדן, אָבער אינערלעך האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין אים.

ער ליגט אין דער היים אין בעט אָבער צו זיך איז ער נאָך נישט געקומען. ווער ווייסט, ווען און ווי אַזוי? ער ליגט איצט בלויז איין פערטל לעבעדיק.

איך בין ביינאַכט נישט צוריקגעגאַנגען שלאָפן צו די מלאָווסקיס. די גאַנצע נאַכט בין איך דורכגעשטאַנען אין דריטן הויף מיט וויזיעס פון איגיעלסקין, וואַרכיוואָקערן, אינטעליגענץ־כאַפּענישן און אין דערוואַרטונג פון אַ קליין־אויטאָ־באַזוך.

מיינע כוחות־רעזערוון זענען שוין באַלד אויסגעשעפּט. אַזעלכע נעכט, אָן רו, אָן שלאָף, אין אייביקער שרעק, אין געדאַנקען־וואָגלעניש, אין געפיל־צעהודעניש, אין אומנאָרמאַלקייט פון עקזיסטענץ, ציטערנדיק אייביק פאַר יעדן מענערשריט, פאַר יעדן פרויען־געשריי, פאַר יעדן קלאַפּ און פאַר איטלעכן ריר.

ווי שטאַרק איז דעם מענטשנס האַרץ! מיר זענען עס נישט אימשטאַנד אָפּצושאַצן. ס'קלאַפּט אָפּט אַזוי שטאַרק און הייבט זיך אַזוי הויך, ממש אין דער לופטן, און רייסט זיך נישט אָפּ פון וואָרצל. ס'דראָט טייל מאָל אַרויסצושפּרינגען פון זיין באַהעלטעניש און עס בלייבט אויף אַן אָרט. איך ווייס נישט, צי דאַרף איך לויבן די השגחה דערפאַר צי אפשר, פאַרקערט, זיין אין כעס דערויף. ווען מע גיט נישט דעם האַרץ אַזאַ כוח, וואָלט עס געפּלאַצט און אַ סוף צו אַלע צרות. און אַזוי לעבסטו נאָך, און אפשר וועסטו דאַרפן דאַנקען דעם מנהיג פון דער וועלט־קאָנסטרוקציע, וואָס געפינט זיך אפשר אין צענטער פון אַלע הערצער און פון אַלע האַרצקלאַפּענישן פון דער גאָרער וועלט.

איצט, פרייטיק־צו־נאַכטס, אָן לייכטער, אָן ליכט. און אין שטוב איז פינצטער, מ׳האָט מורא, טאָמער קומען זיי ביינאַכט, כאַפּן. די טיר פון אונדזער וווינונג איז אָפן, די טיר פון די מלאַווסקיס איז אָפן. דאָס טויער איז פאַרמאַכט. טאָמער וועט מען אָנקלאַפּן, טאָמער בלייבט שטיין אַ טאַקסי, וועל איך אַראָפּלויפן אונטן און אַנטלויפן צו מיינע אָרעמע, ייִדי־שע שכנים. פנינה גלייבט אין זיי זייער שטאַרק, ספּעציעל אין זייער באַטירלעכער „פּעסטונג״ און דעם צוגאַנג צו איר. איך גלייב אויך אין זיי, נאָר אין די „כאַפּערס״ האָב איך אַ קנאַפּע אמונה, צי דאָס וועט פאַר זיי זיין גענוג.

אוי, די שרעק! אַ גאַנצע וואָך, און שבת אַ צולאָג ביז איבערן 13טן נאָוועמבער. איצט ווייסן מיר שוין די סיבה פון די כאַפּעניש. עס הייסט, אַז מ׳האָט געכאַפּט און אַרעסטירט ייִדישע און פּוילישע אינטע־ליגענץ, דער עיקר נאַציאָנאַליסטן, צוליבן 11טן נאָוועמבער. אין 1918, דעם 11טן נאָוועמבער, האָבן די פּאָלאַקן אין וואַרשע אַנטוואָפנט די דייַ־טשע אַרמיי. האָט די געשטאַפּאָ געוואָלט פאַרהיטן, ס׳זאָל זיך די פּאָלאַקן נישט פאַרגלוסטן צו מאַכן קיין נייע רעפּעטיציע.

אמת, נישט אמת? מיר דאַרפן דעם תירוץ, ווייל די נעכט, די לעצטע נעכט, האָבן פאַרקירצט אונדזערע יאָרן. מיר האָבן זיך פשוט געפינען נאָענט פון דער סכנה אַריינצופאַלן אין נישט־נאָרמאַלקייט.

אָבער די כאַפּעניש בייטאָג הערן נישט אויף; כאָטש די קהילה שטעלט צו יעדן טאָג אַ צאָל ייִדישע אַרבעטער.

איצט איז צוגעקומען אַ נייע צרה: הויזבאַזוכן. דייטשן מכל־המינים, געשטאַפּאָ, זשאַנדאַרן, סאָלדאַטן און סתם דייטשן, ציווילע, דייטשן פון דריטן רייך און פאָלקסדייטשן — פּאָלאַקן וואָס האָבן פּלוצלינג אַנטדעקט, אַז זיי זענען גאָר דייטשן — באַזוכן ייִדישע הייזער. מע קומט צו גיין, קלאַפּט אָן, מע פאַרשרייבט אַלץ וואָס ס׳איז דאָ אין שטוב, מעבל, גע־שיר, דיוואַנעס, ווערטזאַכן און מ׳הייסט דאָס אַלץ דעם ייִד צוברענגען צום דייטש אַהיים אין אַ באַשטימטער שעה.

נעכטן זענען זיי אַריין צו אונדז אין הויז, צו די יעלעניעווסקיס. איין סאָלדאַט דורך איין טיר, אַ צווייטער סאָלדאַט דורך דער צווייטער טיר, מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן. זיי האָבן פאַריאָגט אַלע, צווישן זיי אויך דעם קראַנקן איגיעלסקי, אין איין צימער אַריין. די קינדער האָבן זיי

אַוועקגעשטעלט באַזונדער אין אַ ווינקל. ווען די מוטער האָט געוואָלט צו־גיין צו זיי, באַרויקן — האָט זי געכאַפּט איבערן קאָפּ אַזאַ קלאַפּ מיטן הענטל פון רעוואָלווער, אַז דער קאָפּ איז איר באַלד געוואָרן אַנגעשוואָלן. שפּעטער האָבן די צוויי דייטשן אַריבערגעפירט די מענער אין איין צימער, די פרויען אין אַ צווייטן. איינע האָבן נישט געוווּסט וואָס ס׳געשעט מיט די אַנדערע. איגיעלסקי האָט זיך עפּעס אַנגערופן. האָט מען אים באַלד צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צום קאָפּ. דערנאָך האָבן זיי געהייסן די מענער זיך אויסטון ביז נאַקעט, זיי באַזוכט און אַלע ווערטזאַכן צוגענו־מען. דאָס זעלבע האָבן זיי געטון מיט די פרויען און נאָך דעם זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.

איצט ציטערן די קינדער פאַר יעדן שאָרך. אַ פּאַנישע שרעק שפּיגלט זיך אָפּ אין די יונגע אייגעלעך. דער וויזיט וועט איבערלאָזן זיינע שפּורן אויף זייער גאַנץ לעבן. די באַנדיטן האָבן געהייסן די קליינע קינדערלעך זיך אויסטון און זיי באַזוכט.

טייל מאָל טרעפן אויך טויטפאַלן ביי די זוכענישן. ווען עמעצער הייבט־אויף אַ געשריי, ווענדט מען אָן לגבי אים דאָס הענטל פון רע־וואָלווער און אַמאָל דעם רעוואָלווער אַליין.

לעצטנס טרעפן אַ סך טויטפאַלן ביי דער אַרבעט.

אין פּראַגע, לעבן די געוועזענע וואָפן־לאַגערס, האָבן געאַרבעט צוועלף ייִדן. אויף דער נאַכט, ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט זיי אַ סערזשאַנט פאַרשריבן און געהייסן קומען מאָרגן ווייטער צו דער אַרבעט, אויפן זעלביקן אָרט. צו מאָרגנס זענען געקומען עלף. איינער פון די ייִדן־אַרבע־טער איז צוגעגאַנגען צום סערזשאַנט און געזאָגט, אַז זיין שוואָגער, דער שוחט, ליגט קראַנק אין בעט פון דער נעכטיקער אַרבעט און דעריבער איז ער נישט געקומען. דער סערזשאַנט האָט באַפוילן דעם ייִדן צו ברענגען זיין שוואָגער, דעם שוחט אַהער דאָ צו דער אַרבעט. דער שוחט, אַ שוואַ־כער, אויסגעמוטשעטער ייִד איז געלעגן אין הויכן פּיבער. דער שוואָגער איז צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז דער שוחט איז קראַנק. אויב דער סער־זשאַנט גלייבט נישט, קאָן ער צו אים גיין אַהיים און זיך איבערצייגן. „איך גלייב״ — האָט געענטפערט דער סערזשאַנט.

פאַרנאַכט, ווען די אַרבעט האָט זיך געענדיקט, האָט דער סערזשאַנט געהייסן די עלף ייִדן אויסגראָבן אַ גרוב פון צוויי מעטער טיף, צוויי מע־

טער די לענג און איין מעטער די ברייט. ווען מ׳האָט אויסגעגראָבן דעם גרוב איז דער סערזשאַנט צוגעגאַנגען צום שוואָגער פון שוחט און אַריינגעשאָסן אין אים דריי קוילן און געהייסן די איבעריקע צען ייִדן, ביי וועלכע די אויגן זענען שיער נישט אַרויסגעקראָכן פון שרעק, גלייך באַגראָבן דעם שוחטס שוואָגער. דערנאָך האָט ער מודיע געווען, אַז אַלע דאַרפן מאָרגן קומען פינקטלעך צו דער אַרבעט און ווער ס׳וועט נישט קומען — וועט ליגן דאָ לעבן דעם קבר.

דער פּחד, וואָס ווערט אָנגעוואָרפן דורך די רוצחים איז אַזוי ראַפינירט, אַז ער צעשרויפט דעם מענטשס נשמה און מאַכט פון אים אַ פּסיכאָלאָגישן שאַרבן.

אונטער דער אויפזיכט פון אַ דייטשן אָפיציר האָבן געאַרבעט אַ צוואַנציק ייִדישע אַרבעטער וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אויף דער גאַס. צווישן די געכאַפּטע אַרבעטער איז אויך געווען אַ טאַטע מיט אַ זון. איין מאָל האָט געטראָפן, אַז דער פאָטער איז נישט געקומען צו דער אַרבעט. דער אָפיציר האָט געשיקט נאָך אים אַ סאָלדאַט און מ׳האָט אים געבראַכט אויפן פלאַץ. דער אָפיציר האָט באַפוילן דעם טאַטן זיך אויסטון. אין דרויסן איז געווען אַ פראָסט און אַ קעלט: האָט דער פאָטער געבעטן ביים אָפיציר רחמנות. אָבער אַ פּאָר הילכיקע קלעפּ האָבן אים באַלד איבערגעצייגט, אַז די דייטשע בעסטיע קען נישט קיין מענטשלעכקייט. ווען דער אַלטער האָט זיך אויסגעטון נאַקעט האָט דער אָפיציר באַפוילן דעם זון צו גראָבן אַ קבר פאַרן טאַטן. דער פריטשמעלעטער זון האָט אָנגעהויבן גראָבן און פּלוצלינג געגעבן אַ שפּרונג־אויף, אַוועקגעוואָרפן דעם רידל, זיך געשטעלט גרייט דורס צו זיין די רוצחים. איז צוגעשפּרונגען דער אָפיציר און צוגעשטעלט דעם בחור דעם רעוואָלווער צום קאָפּ. איז געפאַלן דער טאַטע אויף די קני, אָנגעהויבן קושן און בעטן זיין זון רחמים, ער זאָל ווייטער גראָבן, אַז נישט וועט מען, חלילה, אים, דעם זון, דערשיסן. דער זון האָט ווייטער געגראָבן און ביי יעדן רידל, ווען ער האָט געוואָלט אויפהערן, האָבן שרעקלעכע קלעפּ און בייטשן געהאַקט אין זיין קאָפּ. ווען ער האָט געענדיקט גראָבן, איז צו דער אָפיציר צום טאַטן און מיט אַ קויל אין קאָפּ אים אַוועקגעלייגט אַ טויטן.

איצט האָט ער געהייסן דעם זון באַגראָבן דעם טאַטן. דאָס האָט שוין דער זון נישט אויסגעהאַלטן און זיך אַריינגעוואָרפן אין קבר אַריין צוזאַ־

מען מיטן טאַטן. האָט דער אָפיציר געהייסן פאַרשיטן דעם קבר פון ביידע אין איינעם, פון טויטן טאַטן און לעבעדיקן צעקאַלעטשעטן זון. אָבער די געוואַלטן און געשרייען פון אַלע איבעריקע האָבן אים עפּעס אָפּגעהאַלטן. האָט מען דעם זון אַרויסגעשלעפּט און דעם פאָטער באַגראָבן.

דער נאָמען פון טאַטן איז גאָלדשטיין, אַ הורט־סוחר פון נאָוואָלי־פּיע־גאַס.

אַן אומגליקלעכער טאַטע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ ייִד, און גע־בוירן אַ נישט־וויניקער אומגליקלעכן ייִדישן זון.

דאָס קאַלענדאַר־בלעטל ווייזט דעם 16טן נאָוועמבער. די גרויסע אינ־טריגע האָט זיך אָנגעהויבן. ווייזט אויס, אַז מיר ייִדן האָבן מעלות טאָפּלט ווי אַנדערע, אָבער פעלערן אויך טאָפּלט, ווי מענטשן און ווי ייִדן.

איצט ווייסן מיר, אַז דעם גרויסן שטיין, וואָס דער גיהנום־זון — דער שונא פון ייִדישן פאָלק — האָט אויפגעהויבן צו וואַרפן אונדז אין קאָפּ אַריין און אונדז צו צעשמעטערן — איז אונדזער אייגענער.

יאָ, מ׳האָט אַרויסגעשיקט קיין ארץ־ישראל רשימות פון פּערזענלעכ־קייטן, וועמען מע דאַרף ראַטעווען און אַרויסשיקן פאַר זיי סערטיפיקאַטן. די רשימות זענען לויט אַ פּאַרטיי־שליסל. אַזוי ווי אונדזער פּאַרטיי האָט אַ קליינעם צד אין שיסל, האָט מען אונדזער רשימה געשטעלט צולעצט. און וואָס ס׳טוט נאָך מער ווײ, איז דאָס, וואָס די ייִדישע אַגענץ איז אויך צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם זעלבן שליסל און וועט מסתמא אויסקעמפן ביי ענגלאַנד סערטיפיקאַטן לויטן שליסל, לויטן פּאַרטיי־שליסל, לויט דעם וואָס ס׳איז לעבנסוויכטיק פאַר דער פּאַרטיי...

יאָ, אויך די דיני־נפשות, ביי פראַגעס פון לעבן און טויט שפּילט מען זיך אין פּאַרטיי. יאָ, צוויי מאָל איז שוין ארץ־ישראל חרוב געוואָרן צוליב די מחלוקת־שליסלען, וועט עס איצט חרוב מאַכן דאָס פאָלק אויך.

שינאת־חנם. מיר האָבן זיך פיינט איינער דעם אַנדערן. מיר אַכטן זיך נישט, מיר ווילן זיך נישט שאַנעווען. ווײ צו אונדזער צוקונפט!

מיינע פּאַרטיי־חברים טרייסטן מיך, אַז ארץ־ישראל וועט זיך דער־מיט נישט רעכענען, דאָרט ווייסט מען, אַז אַלע פירער זענען אין אַ סכנה און מע וועט באַהאַנדלען אַלע גלייך. ראַטעווען אַלע גלייך. דערמאָנען דאָך אָבער אונדזערע חכמים, אַז ארץ־ישראל איז חרוב געוואָרן, ווייל ס׳האָט

זיך געהאַלטן שטרענג ביים געזעץ, ביים דין! אָן האָרץ! דער פּאַרטיי־דין איז שטאַרקער ווי מענטשלעך געפיל.

הלוואַי זאָל איך דאָס מאָל בלייבן אַ ליגנער.

לווי יינגסטער מיינט, אַז ארץ־ישראל וועט איבערשיקן סערטיפיקאַטן און דאָ, אויפן אָרט, וועט מען זיי פאַרטיילן.

אוי לי מיוצרי, אוי לי מיצרי. גאָט מוטשעט מיך און דער יצר־הרע מוטשעט מיך. וויי איז מיר פון ביידע זייטן.

איך בין אַוועקגעלאָפן צו זשולקיעווסקין, דעם פאַלקסדייטש, ער זאָל עפּעס נעמען טון. מיר וועלן צונויפשטעלן אַ גרופּע און ער זאָל שאַפן מעג־לעכקייטן. וואַרטן אויף נסים, אויף יושר פון אונדזערע חברים, אויף זייער גערעכטער פאַרטיילונג, קאָן מען זיך אַמאָל נישט דערוואַרטן.

צוריקגייענדיק פון זשולקיעווסקין, צוזאַמען מיט אים, האָבן מיר אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע עק זלאָטע־גאַס דערזען אַ בילד, וואָס האָט אונדז שיער נישט קאַלט געמאַכט.

ביי דער וואַנט פון לעצטן הויז אויף דער זלאָטע, עק מאַרשאַלקאָוו־סקע, זענען געווען אויסגעשטעלט ביי די דרייסיק ייִדן, מיט די פּנימער צו דער וואַנט. אַלטע, יונגע, עלעגאַנטע, פּשוט אָנגעטוענע. שטייען אַזוי די דרייסיק ייִדן, מיט די הענט אין דער הייך, פאַרהויבן איבער די קעפּ און הינטער זיי שטייען זעקס דייטשע סאָלדאַטן מיט געלאָדענע ביקסן, אָנגעשטעלט אויף זיי. ביי דער זייט שטייט אַן אָפיציר. מ'האָט זיי גע־ציילט, איינמאָל, צוויימאָל, דערנאָך איז געפאַלן אַ באַפעל:

— „אויסגלייכן די רייען!"...

אויסגלייכן האָט געהייסן קלעפּ איבער די קעפּ און איבער די פּליי־צעס, אַז די גאַנצע גאַס האָט געהילכט. איצט איז געקומען אַ באַפעל: — „אָנטון די היטלעך!" דערנאָך מיט אַ הויכן, משוגעהדיקן קול: — „דאַווע־נען. בעטן צו יעהאָוואַ און צו משה!"... די ייִדן האָבן געשוויגן, קיין טאָן, קיין ריר איז נישט געקומען פון די רייען. זענען די סאָלדאַטן דורכגעגאַנ־גען און מיט קאָלבעס געלערנט, ווי מע פירט אויס אַ באַפעל פון אַן אָפי־ציר און באַלד האָט מען געהערט עפּעס אַ משוגעהדיק, קברדיק, אָפּגרינטיק, טיף־באַגראָבן מרוטשען און כליפּען. אַ טראַגיש געברום געמישט מיט קלאַפּן פון קעפּ אָן דער וואַנט. און דאָ איז געקומען מיט אַ הויכן קול דער באַפעל: — „פייער!" אַלע זעקס סאָלדאַטן האָבן אויסגעשאָסן... די ייִדן

זענען געוואָרן פאַרטומלט פון די שאַסן הינטערן רוקן. עטלעכע זענען אַני־דערגעפאַלן, עטלעכע זענען ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צו דער וואַנט, אַנ־דערע האָבן זיך ווילד צעשריגן. די סאָלדאַטן האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער:

— ייִדן, פּחדנים!...

אַרום זענען געשטאַנען אַ פּאָר צענדליק פּאָלאַקן, מייסטנס פרויען און קינדער. צענדליקער פּאָלאַקן זענען אדורכגעגאַנגען און אַ משונהדיק געפיל פון שימחה און פחד האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף זייערע פּנימער. שימחה, וואָס דאָס אַלץ געשעט מיט ייִדן, און פחד — ס׳זאָל זיי אויך נישט טרעפן דאָס זעלבע.

דער אָפיציר האָט אין צווישן אויסגעשטעלט די ייִדן אין רייען — צו דריי, זיי אַריינגעפירט אין דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס און געגעבן אַ באַ־פעל: — אַלע זאָלן זינגען!

מיר זענען נאָכגעגאַנגען. דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט. אַ ווינטל האָט זיך געטראָגן פון די ווייטע פּוילישע פעלדער און דאָ, אויף פּוילישע גאַסן, שפּאַנען אין טויטשרעק צעטומלטע ייִדן. דרייסיק ייִדן — ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן, אָרטאָדאָקסן, חסידים, אַסימילאַטאָרן, סתם־ייִדן — שפּאַנען און ווייסן נישט ווי אָנצוהייבן קיין איין ליד צוזאַמען.

אַ פּאָר קאָלבעס פאַלן אויף די קעפּ. אַ שרעק כאַפּט־אָן דעם עולם. פּלוצלינג הייבט איינער אָן מיט אַ ווילדן קול און מיט אַ שטאַרקער אינ־טאָנאַציע: — „כל עוד בלבב פּנימה" — דעם הימען פון דער „התקוה". און אַלע, אַלע כאַפּן אונטער און זינגען נאָך. גליקלעך וואָס ס׳האָט זיך גע־פונען איין ליד, וואָס אַלע קענען מיטזינגען.

און אין מיטן וואַרשע, אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, גייען דרייסיק ייִדן באַוואַכט פון דייטשע סאָלדאַטן, און זינגען דאָס ליד פון האָפענונג, אַז ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט ווען מע וועט פּטור ווערן פון אַלע חיות און בעסטיעס און ייִדן וועלן ווערן פריי, פרייע מענטשן. די דייטשע שעפּן נחת און טיילן קלעפּ די, וואָס זינגען נישט מיט. הערט אַ ייִד אויף, כאַפּט ער אַ קאָלבע אין קאָפּ, ער זאָל נישט פאַרגעסן צו נעמען אַ חלק אין דער „האָפענונג".

צוגעקומען צום זאַקסישן גאָרטן האָט מען פּלוצלינג אויסגעשאָסן, אַ

פאַר מאָל. בייטשן האָבן אָנגעהויבן פּליִען איבער אונדזערע קעפּ. אין דער פינצטערניש איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה.

אונדזער גיבור זשולקיעווסקי איז אַוועק און מיר זענען אַנטלאָפן אַהיים. באַהאַלטן דאָס בידנע יידישע לעבן הינטער הילצערנע טויערן און טירן, געיאָגט פון דער ווילדער דייטשער בעסטיע.

סוף נאָוועמבער 1939. אַ וואָך, אַז איך ליג קראַנק. דווקא איך. מיין מישפּחה האָט אויסגעהאַלטן. איך נישט.

כ'האָב געבעטן פּנינהן, זי זאָל פאַרשרייבן אַלץ אין מיין פּינקס. זאָל ער כאָטש בלייבן אַ זיכרון פאַר דורות. זי האָט געטון דאָס איריקע. געוויינט און געשריבן. מער געוויינט, ווייניקער געשריבן.

איך האָב געהאָט גרויסע היץ. ס'זענען געקומען דאָקטוירים, געווען אַפילו אַ קאָנסיליום. אַ פּאָר טעג האָב איך אין גאַנצן נישט גערעדט, אַ פּנים נישט געוועןביים באַוווסטזיין. ס'איז געווען אַ חשד, אַז ס'איז אַ געהירן־אָנצינדונג.

אַנדערע האָבן חושד געווען דאָס האַרץ, מיין האַרץ, גאָר אַנדערע האַלטן עס פאַר אַ בלוט־פאַרגיפטונג.

פּנינה וויל מיר נישט זאָגן צו וואָסער קאָנקלוזיע די דאָקטוירים זע־נען געקומען.

אוי, די ריחות פון דער קיך, דער שמוץ אין שטוב. דער צער, די ירידה פון דער מדרגה. מיין געפיל, אַז דער ברוינער שד וויל דווקא אונדז — דאָס אין גאַנצן נישט־באַוואָפנטע יידישע פאָלק — אַוועקלייגן, פּשוט פאַרניכטן. און מיינע ברידערלעך, זייערע מידות און פירונג...

דאָס שוידערלעכע בילד פון עם פירשט, וועלכן דער מלך האָט אַריינ־געוואָרפן אין אַ טיפן ברונעם צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין, שטייט מיר פאַר די אויגן. די קינדער שרייען, בעטן ביים טאַטן, עסן, טרינקען, לופט, פרייהייט. און דער טאַטע איז אומבאַהאָלפן. דער טאַטע גייט אויס פון הונגער און דאָרשט און קוקט צו, ווי זיינע קינדער מוטשען זיך, רייסן פון זיך דאָס לייב. און ער דערזעט אין די אויגן פון זיינע קינדער, ווי זיי קוקן אויף אים מיט אַ פאַרוואָרף און כעס. דער פאָטער פילט, ווי ער פאַר־לירט זיין ווערט, זיין כבוד ביי זיינע אייגענע קינדער. ער גייט אויס אין שרעקלעכן באַוווסטזיין, אַז ביי זיינע אייגענע קינדער, ביי זיין המשך, ביי

זיינע צוקונפטיקע דורות, איז ער געבליבן אַ גאַרנישט, אַן אומוועדטיקער, אַ מענטש אָן ווערט, אָן מאַכט, אָן אַכטונג.

די אויסזיכטן אויף אַוועק פון דאַנען פאַרשווינדן פון טאָג צו טאָג. דער גורל קאָוועט מיך צו מיט פאַרזשאַווערטע קייטן צום שרעקלעכן טאָג, צו דער שרעקלעכער נאַכט.

דאָס דאָזיקע געפיל, אַט די טונקעלע אַנונג זשאַווערט אין מיר און פרעסט אויף מיין האַרץ.

ד״ר אַלטער טרייסט מיך: די פאַרב פון אונדזער טויזנטיאָריקער געשיכטע איז רויט, בלוט, דאָס הייסט דם. דם און אדם, בלוט און מענטש זענען פון איין שורש, פון איין שטאַם. אָבער חיים, לעבן, און חיה, בעסטיע, זענען אויך פון איין שטאַם. קיין שום חיה, קיין שום בעסטיע, וועט נישט דערשיטערן אונדזער חיים, אונדזער לעבן.

מיין היץ האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט, אָבער מיין מוח, מיין קאָפּ — נאָך נישט.

וואָס וועט זיין? ווו איז דער סוף?

אַרום און אַרום ברענט. פוילן ברענט און צוזאַמען מיט פוילן ברענט — מיין יידישער איך.

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות

34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...

36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן

37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן

39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלונע

43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) **ד״ר ד. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) **יאָנאָס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) **שלום אַש** — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13

61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער

68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד

70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע, 1937
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך
82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון הארנטשיק — אין געוויש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע צייטונג״, בוענאס־איירעס, 1955).
102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105־106־107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).
108—109) מרדכי שטריגלער — געאטעמט מיטן ווינט (ראמאן)
110—111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).
112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).
113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײַדע זײַטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײַדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאָס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...

עס גרייט זיך צום דרוק

שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פנימער און מאַסקעס
שלמה ברײַנסקי — זשעליכאָווער מענטשן
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

פּנחס ביזבערג שרייבט וועגן ד״ר עמנואל רינגעלבלומס בוך „קאַפּיטלען געשיכטע" („דאָס נייע וואָרט", בוענאָס־איירעס, יולי 1953):

די היטלער־בעסטיע האָט זיך באַזונדערס איזדיעקעוועט איבער די גייסטיקע פאָרשטייערס פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק. געטריי זייערע לאָזונגען פון שנאה צו קולטור און קולטור־פּראָדוצירער, האָבן די האַקענקרייצלער מיט אַ באַזונדערער אכזריות און סאַדיסטישן פאַרגעניגן געפּייניקט די איידלסטע מענטשן פון פּוילישן ייִדנטום. גרויס איז דאָס צעטל פון געלערנטע, שרייבער, קינסטלער, פּעדאַגאָגן, וואָס די נאַציס האָבן פאַרטיליקט, אָן איינזעעניש און אָן רחמנות.

און עס איז געטון געוואָרן די הייליקע פליכט דורכן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון היסטאָריקער־קדוש עמנואל רינגעלבלום און אַדאַנק אונדזער טיפן געלערנטן ד״ר יעקב שאַצקי, וואָס „האָט אָן שום מאַטעריעלן נוצן גענומען אויף זיך די שווערע און מיזאַמע אַרבעט אויפצוזוכן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, אים צונויפזאַמלען, רעדאַקטירן און צוגרייטן צום דרוק" — האָט דאָס ייִדישע בוענאָס־איירעס די זכיה אַרויסצוגעבן אַזאַ וואָגיק בוך, געהייליקט דעם אין בלי פון זיין שעפערישער אַרבעט פאַרשניטענעם יונגן היסטאָריקער, „וואָס האָט זיך דערגרונטעוועט צו שטחים און פּרטים פון ייִדישער געשיכטע וואָס אַנדערע היסטאָריקער האָבן זיך צו דעם נישט גענומען", דאָס זאָגט ד״ר יעקב שאַצקי אין זיין הקדמה. און ער גיט צו: „שוין די טעמאַטיק גופא געהערט צו יענע וואָס אַנדערע ייִדישע היסטאָריקער האָבן כמעט ווי נישט באַאַרבעט; געשיכטע פון ייִדישע דאָקטוירים, פון ייִדישע דרוקערייען, קולטור־געשיכטע פון ספר, סאָציאַלע קאָנפליקטן, קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ייִדישער פאָלקס־מאַסע אין פּוילן". און „...דער דאָזיקער באַנד פון געקליבענע אַרבעטן איז דער ערשטער וואָגיקער דענקמאָל, געשטעלט אויף דעם אומבאַקאַנטן קבר פון דעם גרויסן היסטאָריקער קדוש".

דאָס רינגעלבלום־בוך פּרעזענטירט אין אַ פולער מאָס דעם צוזאָגנדיקן יונגן געשיכטע־שרייבער, אונטער דער געניטער האַנט פון ד״ר יעקב שאַצקי, וואָס האָט מיט גרויס ליבשאַפט און אחריות געמאַכט דעם אָפּקלייב, געזאַמלט די ביבליאָגראַפיע און אויך אָנגעשריבן די אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון קדוש מנחם בן פייוויש רינגעלבלום. ד״ר י. שאַצקי שילדערט אונדז דעם לעבנסוועג פון אַ מזרח־גאַליציאַנער ייִדישן בחור, וואָס מיט אים האָט געקלונגען די ייִדישע וועלט, פון אַ פיל־צוזאָגנדיקן זייער פעיִקן אויפשטרעבנדיקן יונגן ייִדישן געלערנטן, וואָס טראָגט זיין יונגשאַפט, טראָגט געוואַלדיקע שווע־

ויקייטן דערגרייכט ער אָנערקענונג אין גאָר יונגן עלטער ווי אַ וויסנשאַפטלער, ווי אַ זוכער פון נייע וועגן נייעם באַשייד אין דער ייִדישער געשיכטע פון ייִדישן קיבוץ אין פוילן.

רינגעלבלום האָט געהאַט מזל עולה לגדולה זיין צו גרויסע מדרגות אַדאַנק זיין התמדה, זיין באַהאַוונטקייט; אין עלטער פון זעקס און צוואַנציק יאָר איז רינגעלבלום שוין וויצע־פּאָרזיצער פון היסטאָריקער־קאָמיסיע ביים ייִוואָ אין ווילנע; נאָך פריִער פאַרעפנטלעכט ער כלערליי אַרבעטן, עסייען, אַרטיקלען, וואָס רופן די אויפמערקזאַמקייט. צו 23 יאָר דיקטירט ער שוין קורסן אין סעמינאַר פאַר ייִדישער געשיכטע אין וואַרשע, אַרבעט־מיט ביים זאַמלען מאַטעריאַלן, אָרגאַניזירט זאַמלונגען, ווערט הויפּט־טוער פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און איז טעטיק אויף פילע שטחים פון גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן ייִדישן לעבן אין וואַרשע, ווילנע און שטייט אין פאַרבינדונג מיט די גרויסע ייִדישע קולטור־צענטערס.

וועגן רינגעלבלומס פּרוכפּערדיקער שעפערישקייט זאָגן עדות די 134 נומערן פון דער ביבליאָגראַפיע, וועלכע ד״ר י. שאַצקי האָט צונויפגעשטעלט. ד״ר שאַצקי גיט אונדז אויך אַ באַגריף וועגן רינגעלבלומס דרך פון שרייבן געשיכטע און שטרייכט אונטער, אַז דער יונגער געלערנטער האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף שטודירן דעם וואָכעדיקן ייִדן, „די געשיכטע פון די וואָכעדיקע טעג און וואָכעדיקע געדאַנקען און צו וואַרפן אַ ליכטיקע שיין אויף ייִדישער אַרבעט. רינגעלבלום האָט דעמאָקראַטיזירט די טעמאַטיק פון דער ייִדישער געשיכטע אין פוילן. ער האָט נישט געלייגט אַזוי פיל ווערט אויף דעם ייִדשן אַמאָל ווי אויף דעם סאָציאַלן פּאַטאָס. ער איז מער דעסקריפּטיוו ווי אינטערפּרעטאַטיוו“.

און אַזוי זעען מיר דעם יונגן היסטאָריקער אַ געפאַנגענעם אין דער פּאָלאַפּקע פון ברוינעם מחבל, אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט באַלד באַגריפן וואָס דער צורר איז אויסן: פאַרלענדן און אויסהרגענען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק; און דעריבער — זיין פיבערהאַפטע טעטיקייט פון פאַרנאָטירן, פאַרשרייבן, פאַרצייכענען אַלץ וואָס פאַסירט; דערפאַר זיין שטרעבן, עס זאָל בלייבן לדורות די פאַפּירענע עדות פון די גרויזאַמקייטן, פון די פייניקונגען, פון די מאָרדן.

„הגם מיר זענען פאַרמשפּט צום טויט, פאַרצייכנט רינגעלבלום, האָבן מיר דאָך ניט פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פּרצוף און אונדזער מוח אַרבעט ווי פאַר דער מלחמה“. די אַלע פּרטים פון היסטאָריקערס אומקום זענען דאָך באַקאַנט. דאָס זענען די רירנדיקסטע בלעטלעך פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע. רינגעלבלומס נאָמען איז פאַרצייכנט לדורות צווישן די העלדן פון גייסטיקן ווידערשטאַנד און שפּעטערדיקן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ; ער איז געווען פון די מוטיקער, פון די וואָס האָבן געפּאַדערט אַז עס זאָל נישט אָנקומען אַזוי לייכט דעם שונא, אַז קינד און קייט מוזן שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אַז דעם שונא וועט נישט געלינגען אויסצו־

ראָטן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, ווי ער האָט זיך פאַרגענומען.

אָנהייב אַפּריל זענען עמנואל רינגעלבלום, זיין פרוי יהודית און זיין 13־יאָריקער זון אורילע דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון דעם הויז אויף זאַמענהאָף־גאַס 19. דער ייִדישער היסטאָריקער איז אינגאַנצן אַלט געווען 44 יאָר.

זיין ליכטיק אויסגעאיידלט פנים לייכט אונדז אַנטקעגן פון שערבלאַט פון וואָגיקן בוך און לאַדט אונדז זיך צו פאַרטיפן אין די בלעטער פון דער ייִדישער געשיכטע און לעבן מיט ווירדע און גלויבן אין נאַציאָנאַלער און אַלגעמיין מענטשלעכער אויסלייזונג.

***

דאָס גרויסע רינגעלבלום־בוך פון טאָפּל־באַנד אין פאַרלאַג פון „דאָס פוילישע ייִדנטום" האָט זעקס גרונד־אָפּטיילונגען: 1) אַלט־וואַרשע, מיט פאָרשונגען וועגן די נעמען פון וואַרשעווער ייִדישע גאַסן, וועגן די היגיענישע און וווינונגס־פאַרהעלטענישן פון די אַמאָליקע וואַרשעווער ייִדן, ייִדן פון דער נעגאַטיווער זייט לויט געריכטלעכע דאָקומענטן און פראָצעסן און פאַמיליע־לעבן און שמחות.

2) סאָציאַל־עקאָנאָמישער עבר פון ייִדן אין פוילן. על־פי זיין שיטה צו פאַרטיפן זיך אין טאָג־טעגלעכן וואָכעדיקן לעבן פון פוילישן ייִדנטום, ברענגט רינגעלבלום אין דעם אָפּטייל אונטערזוכונגען וועגן סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, פראָפעסיעס, באַשעפטיקונגען, הויז־אינדוסטריע, ייִדישע געזעלן און לערן־ייִנגלעך, וועגן ייִדישער הלבשה ביזן סוף פון 18טן יאָרהונדערט, זיטן און מנהגים, חתונות, וועגן בעטלער־שטאַנד א״א וואָכעדיקע פרטים פון ייִדישן לעבן.

3) מעדיצין און היגיענע ביי ייִדן אין פוילן. די אָפּטיילונג נעמט אַרום אַ וויכטיקן נאָך נישט אויסגעפאָרשטן געביט פון דער ייִדישער געשיכטע אין פוילן, באַהאַנדלט די רעכטלעכע לאַגע פון די ייִדישע דאָקטוירים, אַפּיקורסות און פרומקייט, דאָקטוירים משומדים, ייִדישע דאָקטוירים אין ליכט פון דער פוילישער פובליציסטיק, ייִדישע פעלדשערס און אַפּטייקערס, די געזעלשאַפטלעך־מעדיצינישע טעטיקייט פון די ייִדישע קהילות. די אָפּטיילונג האָט איבער צען דרוק־בויגן און ברענגט אַ מאַסע ידיעות פון זייער אינטערעסאַנטן אינהאַלט.

4) צו דער געשיכטע פון ייִדישן בוך און דרוק אין פוילן. די־אָ אָפּטיילונג שילדערט אַ שפּאַנענדיקן אָפּשניט פון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע אין פוילן, די מערכה פון די ייִדישע דרוקערייען אין פוילן, די באַגרענעצונגען, נגישות, שיקאַנעס פון צענזורן אויפן ייִדישן ספר און בכלל וויכטיקע דאַטעס וועגן דער רעכטלעכער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע פון ייִדישן דרוק־וועזן, וואָס פרעמדע אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן אויף אים געווירקט.

5) קריטיק און אַרטיקלען. רינגעלבלום איז אויך געווען אַ קרעפטיקער פובליציסט, קריטיקער און האָט פאַרעפנטלעכט אַ

גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען וועגן בי־כער, געזעלשאַפטלעכע אַקטועלע פּאַסירונגען און וועגן פּראָבלעמען פון זיין ספּעציאַליטעט.

אַזוי אַנטהאַלט די־אָ אָפּטיילונג אָפּהאַנדלונגען אויף די טעמעס: פאַרוואָס האָט זיך דאָס יידישע פאָלק נישט אַסימילירט? דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון היסטאָרישער וויסנשאַפט אין וואַרשע און די יידישע וויסנשאַפט; וועגן יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פּוילן; וועגן דער יודאַיקאַ אין דעם בוך פון גלח ווטשיצקי און אַ רעפּאָרטאַזש וועגן טראַגישן עפּיזאָד פון יידישן נע־ונד: זבאָנשין.

6) די זעקסטע אָפּטיילונג ב ר י ו ו, איז אַן אָפּקלייב פון רינגעלבלומס בריוו, וואָס טראָגן אַ געזעלשאַפטלעך ־ וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. „דערפאַר, זאָגט יעקב שאַצקי, מיינט דאָס באַקענען זיך מיט די דאָזיקע בריוו צו באַקומען אַ בילד וועגן אַן אָפּשניט פון אונדזער יונגער קולטור־תקופה, וואָס איז שוין היינט צו טאָג טראַגישע געשיכטע. אין די דאָזיקע בריוו ווערט דערציילט אַזוי פיל פּרטים וועגן די תנאים, אין וועלכע עס איז געפירט געוואָרן די געזעלשאַפטלעך ־ קולטורעלע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין פּוילן פון פאַר דער צווייטער מלחמה, אַז נישט נאָר אַ היסטאָריקער, נאָר בכלל אַ יידישער לייענער קען זיך פון זיי אַ סך אָפּלערנען".

און דער עיקר גייט עס צו געבן אַ באַלד פון דער אומגעהייערער אַרבעטזאַמקייט פון יונגן היסטאָריקער. די אָפּטיילונג ווערט אָפּגעשלאָסן מיט אַ קאַרטל רינגעלבלומס פון 14טן יוני 1941, אין נעץ פון דער גיפּטיקער שפּין אין וואַרשעווער געטאָ און דעם טראַגישן אַפּעל, ממעקים, געשריבן צום ייוואָ, צום פּען־קלוב, צו שלום אַש, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשון, ר. מאַהלער, וואָס הייבט זיך אָן מיט די פאַרצווייפלטע שורות: „מיר שרייבן צו אייך אין אַ מאָמענט, ווען 95 פּראָצענט פּוילישע יידן זענען שוין אומגעקומען אין מוראדיקע פּייניקונגען אין די גאַזקאַמערן פון די עינויים־ערטער אין טרעבלינקע, סאָביבור, כעלמנאָ, אָשוויענטשים אָדער זענען אויסגעהרגעט געוואָרן בשעת די „ליקווידיר־אַקציעס" אָן אַ צאָל אויף דעם שטח פון די געטאָס און לאַגערן".

עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, מ'האָט שוין געקענט מאַכן דעם שוידערלעכן סך־הכל. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן דעם 1טן מאַרץ 1944. דער אונטערשרייבער פון בריוו ד"ר א. בערמאַן און רינגעלבלום האָבן בייגעלייגט אַ רשימה פון געלערנטע, געזעלשאַפטלעכע טוער און קינסטלער, וואָס זענען געווען קרבנות פון דער נאַציסטישער וואַקכאַנאַליע.

אין דער ליסטע פון די קדושים וטהורים שנהרגו על קידוש השם ועל קידוש העם איז צוגעשטעלט געוואָרן דער נאָמען פון ליכטיקן דערהויבענעם ד"ר עמנואל רינגעלבלום. אין אַ חודש אַרום, אַרום אָנהייב אַפּריל 1944, האָבן די צעיושעטע בעסטיעס אים אומגעבראַכט צוזאַמען מיט זיין משפּחה און אַנדערע איבערגעבליבענע פון דער שארית־ההריגה, ערב דעם אָנהייב פון ווייסטן סוף פון די ברוינע מחבלים.

י. צודיקער שרייבט וועגן בער י. ראָזענס בוך „פּאָרטרעטן" אין אַן אַרטיקל א״נ „אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן פון אַן אינטערעסאַנטן שרייבער" („אונדזער געדאַנק", בוענאָס־איירעס, 15טער סעפּטעמבער 1956):

אונדזער חורבן־ און זכרונות־ליטעראַטור איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ וויכטיק ווערק: מיט די „פּאָרטרעטן" פון דעם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם יונגן און פעיִקן שרייבער ב ע ר י. ר אָ ז ע ן — אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, ווי דאָס 122סטע בוך פון דער באַקאַנטער סעריע אונטערן נאָמען „דאָס פוילישע ייִדנטום".

ווען מיר דעריבער פריִער פאַר אַלץ קלאָר מאַכן, וואָס אַזוינס קאָן און דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אונטערן וואָרט פּ אָ ר ט ר ע ט.

— אַ פּאָרטרעט איז נישט קיין ביאָגראַפיע, נישט קיין עסיי, נישט קיין אָפּהאַנדלונג פון אַ געגעבענעם שרייבער, אָדער פערזאָן; עס איז נישט דאָס אַלץ, נאָר האָט אין זיך צו ביסלעך פון אַלצדינג.

אַ ביאָגראַפיע? — נישט אַלע ביאָגראַפיעס זענען אינטערעסאַנט און נישט אַלעמענס ביאָגראַפיעס זענען אינטערעסאַנטע; מען האָט אַמאָל געבעטן דעם גרויסן און קלוגן סאַטיריקער בערנאַרד שאָו, ער זאָל אָנשרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, האָט ער אויף זיין שטייגער געענטפערט: „איך האָב קיינמאָל קיינעם נישט דערמאָרדעט, האָב איך נישט וועגן זיך גאָרנישט צו דערציילן"... אַנדערש איז מיט אַ פּאָרטרעט. דאָ איז אָפּטמאָל נישט אַזוי וויכטיק דאָס דערציילטע, ווי דער אופן פון דערציילן; דאָ איז נישט אַזוי וויכטיק דער אָביעקט און דאָס אָביעקטיווע, ווי דאָס סוביעקטיווע דערציילן פון דעם שרייבער. מיט צוויי־דריי שטריכן פון פענדזל, קאָן דער מאָלער שאַפן אַ גאַנץ בילד. מען דאַרף נאָר קאָנען האַלטן און אָנפירן דעם פענדזל אויף אַ געהעריקן אופן.

און בער י. ראָזען האָט געקאָנט די דאָזיקע אַרבעט!

שוין אין זיין פריִערדיק בוך „טלאָמאַצקע 13", אויך אַרויסגעגעבן פון פויליש־ייִדישן פאַרבאַנד, גיט ער אייך אָפּטמאָל אין צוויי־דריי שורות אַ פולשטענדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אַ געגעבענער פערזאָן, גאָר אינטערעסאַנט איז דאָרטן דער „פּאָרטרעט", וואָס ער מאָלט אייך פון פרצעס בילד אין וואַרשעווער ייִדישן ליטעראַטן־פאַריין, ווי דאָס פרץ־בילד „נעמט אָנטייל" אין אַלע שמחות פון די ייִדישע שרייבער, אין אַלע זייערע זאָרגן, „דיסקוטירט" מיט זיי פאַרשיידענע פּראָבלעמען, „גיט זיי" פאַרשיידענע עצות א. אַז. וו. שוין דאָרטן ווייזט זיך בער י. ראָזען אַרויס ווי אַן אויפמערקזאַמער באַאָבאַכטער, ווי אַזעלכער וואָס ווייס וואָס אויפצוכאַפּן און ווי אַ לייכטער און אינטערעסאַנטער דערציילער.

די זעלביקע באַאָבאַכטונג־פעיִקייט און אינטערעסאַנטע דערציילערישקייט, ווייזט ער אויך אַרויס אין דעם נאָר־וואָס דערשינענעם בוך,

אין די נאָר־וואָס דערשינענע „פאַרטרעטן״.

פון די עלף פּערזענלעכקייטן, וועגן וועמען עס דערציילט בער י. ראָזען, זענען שוין דער גרעסטער טייל ניטאָ; גאַנצע ניין זענען שוין געשטאָרבן, אומגעקומען, אָדער אומגעבראַכט געוואָרן. בלויז צוויי — י צ ח ק ג ר י נ ב ו י ם און ע מ י ל ז אָ מ ע ר ש ט י י ן זאָלן זיי מאריך ימים ושנים זיין, לעבן אוןווירקן נאָך איצט, אַזוי אַרום אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט פּאָרטרעטן פון אַן אונטערגעגאַנגענער, פאַרשווונדענער — ריכטיקער, אומגעבראַכטער וועלט.

פון די צען געשטאָרבענע, זענען דער גרעסטער טייל געשטאָרבן אויף אַ „נאַטירלעכן״ אופן. פאַראַן אָבער אויך צווישן זיי אומגעקומענע, קדושים — דער קדוש ה ל ל צ י י ט ל י ן און דער קדוש ה ע נ ר י ק ע ר ל י ך. לאָמיר צו דעם צעטל קדושים אויך צורעכענען דעם פאַרוואָגלטן ש ל מ ה מ ע נ ד ע ל ט אָ ן, וועמענס גרויס יידיש האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפּלאַצט אין די סאַמע בליענדיקע יאָרן. לאָמיר צו דעם צעטל אויך צורעכענען דעם נע־ונדניק ל אַ ז אַ ר ק אַ ה אַ ן, וועמענס ביינער עס ליגן אין ווייטן פאַרוואָרפענעם שאַנכיי און לאָמיר צו זיי אויך צורעכענען דעם לעבנגעבליבענעם פּאַטריאַרכאַלן ד״ר עמיל זאָמערשטיין — וואָס האָט נישט געקאָנט זיין דער פאַרטרעטער פון דעם דריי מיליאָניקן פּוילישן יידנטום און איז געוואָרן אַ ווירדיקער שליח־ציבור פון דער יידישער שארית־הפּליטה אין פּוילן.

— מען דאַרף זייערע אַלעמענס נעמען געדענקען, מען דאַרף זייער אָנדענק טייער האַלטן און מען דאַרף וועגן זיי דערציילן!

בער י. ראָזען טוט דאָס אויף אַ זייער אינטערעסאַנטן אופן:

ווען ער דערציילט וועגן זיין לערער ש. אַנסקי, גיט ער אייך איבער זייער כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן, וואָס גיבן אייך דעם שליסל צו אַנטקערן דעם מענטש: ער דערציילט אייך ווי אַנסקין פאַלט אַמאָל איין ערב תשעה־באב צו גיין זאָגן קינות צום גערער רבינס בית־מדרש. אַנסקי טוט זיך אָן דעם שוואַרצן סורדוט, אַ שוואַרצן קראַוואַט, אַ שוואַרצן הוט, נעמט די קינה אין דער האַנט, קומט אַהין און — גייט אַוועק אַן אַנטוישטער און רעדט שפּעטער צו זיך אַליין „אַ שאָד וואָס איך בין געגאַנגען״...

— צי דערקלערט נישט דער דאָזיקער פאַל די רעטעניש אַנסקי, וואָס האָט אַמאָל געשריבן, אַז „דער אַלטער משיח איז אָפּגעשטאָרבן״ און פאַרן טויט געבעטן מען זאָל אים באַגראָבן אין אַ טלית און זאָגן קדיש?

אָדער ווען ער דערציילט ווי אַזוי ש. אַנסקי דערוויסט זיך פון דעם טויט פון דעם 17־יעריקן צייטונגספאַרקויפער און אַנסקי רעדט טעלעפאָניש פון אָטוואָצק אין דער רעדאַקציע פון „מאָמענט״, אַז מען זאָל אַריינשטעלן אַ נעקראָלאָג אין זיין נאָמען „אויף דער ערשטער זייט, גרויס מיט אַ פעטער ראַם און גרויסע אותיות״ און איר זעט פאַר זיך אַנטקעגן דעם האַרציקן מענטש — דעם מענטש וואָס האָט אין זיין יוגנט גע־

לעבט מיט רוסישע קוילן־גרעבער און אַלע האָבן ליב געהאַט דעם האַרציקן חבר „סעמיאָן".

און אָט גיט ער אייך איבער ווי אַזוי אַ זשעלעכאָווער פרומער ייִד קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס מען מאַכט אַזאַ צימעס מיט איטשע מאירלען — מיט ווייסענבערגן.

„ווער איטשע־מאירל איז, דאַרף מען פרעגן ביי מיר. יעד קען אים פון דער היים, יעד וויים וואָס פאַר אַ תכשיט דאָס איז און איך קען מיר שוין פאָרשטעלן וואָסער גאון עס האָט געקאָנט אויסוואַקסן פון אָט דער פרי. מילא, מענדעלע מוכר ספרים מאַכט זיך נאַריש מיט זיינע מעשיות וואָס ער שרייבט, איז ער כאָטש אַ ייִד אַ למדן, מען זעט עס פון די ביכלעך אַרויס; מילא פרץ, אַ פושע, וואָס יעדער וואָרט זיינס איז טריף ווי חזיר — איז ער אַ געלערנטער מענטש, אַן אַדוואָקאַט; צי כאָטש דער לץ, שלום־עליכם — זעט מען אויך אַז ער איז אַ קענער אין די קליינע אותיותלעך, אַ קאָפּ־מענטש. אָבער וואָס איז די גדולה מיט ווייסנבערגן? שטאַמען שטאַמט ער פון אַ פראָסטער היים, וואָס עס קאָן שוין גאָרנישט זיין פראָסטער — קצבים"...

און אַז ער גייט איבער צו ביינוש מיכאַלעוויטשן, געדענקט ער:

„...באַגריסט און מיט די הענט — ווי אַ כהן ביים דוכענען — געגעבן זיין ברכה די עטלעכע צענדליק פאַרזאַמלטע ענטוזיאַסטן. די ברכה פון די בערג־שטייגער. „מיט גליק אַרויף"

און אין אַ צווייטן פלאַץ:

„ער איז תמיד געווען צענומען, צעשפּאַנט און גליאיק — אַ באַוועגלעכער פלאַם. אַן אומרויִקער, מיט צעפירטע הענט, האָט ער געשפּאַנט פון איין עק טריבונע צו דער צווייטער, ווי דער שטח אַרום אים וואָלט געווען צו קליין, ענג. דער קליינער קערפּער, די הענט — און סאַראַ וווּנדערבאַרע אויסגעאיידלטע הענט ער האָט געהאַט — האָבן זיך געריסן אַרויף, אַרויס — אַוועק ערגעץ ווייט און ערגעץ הויך. און פון מויל האָבן זיך געריסן געדאַנקען ווי פייגל פון אַ שטייג. ווערטער אָנגעגליטע, ווערטער צעהיצטע, ווערטער ווי צעפלאַמטע שטיקער פייער און איין וואָרט האָט געיאָגט דאָס אַנדערע, איין געדאַנק דעם צווייטן, איין בילד דאָס אַנדערע, איין געדאַנק דעם צווייטן, איין בילד דאָס אַנדערע, ווי אַ פייערדיקער קוואַל וואָלט אויפגעריסן, פאַרפלייצט די אוידיטאָריע, פאַרכליניעט אַלע און אויך אים אַליין".

און מיט דער זעלביקער ליבשאַפט און דרך ארץ שרייבט ער, נישט בלויז וועגן זיין צווייטן לערער און וועגווייזער — הענריק ערליך, נאָר אויך וועגן זיין אידעען־קעגנער הלל צייטלין און — להבדיל בין החיים והמות — וועגן יצחק גרינבוים, וועגן יעדן איינעם געפינט ער די ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק און די געהעריק צוגעפּאַסטע ווערטער.

אָט זאָגט ער אייך אַ פּאָר ווערטער וועגן שלמה מענדעלסאָן:

„אַז עס ווערט געבוירן אַ מענטש — ווערט געבוירן אַ ליד; שטאַרבט אַ מענטש — רייסט זיך איבער דאָס ליד, ווערט דער ניגון פאַרשטומט און עס ווערט שטילער אויף דער

וועלט, עס ווערט אומעטיקער אין איר״.

און ווען ער שרייבט וועגן דעם טעאַטער־רעזשיסער דוד הערמאַן, גיט ער זיך אַזאַ שפּיל מיט ווערטער:

„הערמאַן איז צו פּרצן געקומען נישט קיין ליידיקער. ער האָט מיטגעבראַכט דאָס געמיט פון אַ פאַרקלערטן לערנער לשמה — פאַרטון אין אַ רעיון, וואָס הייבט אונטער דאָס דעקל פון מוח. ער האָט מיטגעבראַכט דעם קרעכץ פון אַ מקובל אין התבודדות, די טרער פון אַ זקן ביים פּראַווען חצות, דעם רויש פון אַ ציבורדיקער תּפילה בלחש, דעם זיפץ פון אַ כשרער ייִדישער מאַמע ביים ליכט־בענטשן, דאָס זילבער פון שבתדיקן טישטוך און דעם טרויער פון אַ נאַקעטן ארון־קודש, אָן דעם פּרוכת, תשעה־באב ביינאַכט״.

מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אויסצוגן, נאָר מיר מיינען אַז דאָס איז אַ בוך וועגן וועלכן מען דאַרף נישט קיין סך שרייבן, נאָר וואָס דאַרף געלייענט און געדענקט ווערן.

און צוזאַמען מיט נחום סאָקאָלאָווס „פּערזענלעכקייטן״, מאַרק טורקאָווס „די לעצטע פון אַ גרויסן דור״ און אַ טייל פון ד״ר א. מוקדוניס ווערק, פאַרנעמט דאָס דאָזיקע בוך אַן אָנגעזעענעם און חשובן פּלאַץ אין דער באמת זייער אינטערעסאַנטער ביכער־סעריע פון פּוילישן ייִדנטום.

אויסער די עלף „פּאָרטרעטן״ פון בער י. ראָזען, געפינט זיך אויך אַ ביאָגראַפישער פּאָרטרעט וועגן שרייבער גופא, געשריבן אויף אַ חבריש־וואַרעמען אופן פון פּנחס שוואַרץ.

און אין רעזולטאַט, האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ וויכטיק און אינטערעסאַנט בוך, וואָס דאַרף און מוז געלייענט ווערן פון דעם בעסערן ייִדישן לייענער־עולם.

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 149

Copyright by

Dr. REUBEN BEN-SHEM, Israel

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir en el mes de diciembre de 1959, en Tall. Gráf. Julio Kaufman, S.R.L., Corrientes 1976, B. Aires - Argentina

REUBEN BEN-SHEM

POLONIA ARDE...

*

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1960